This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש היימלאנד

2

1976

31.52

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כּודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

פעברואַר

1976

אינהאַלט

אלעקסאנדער מעזשיראָוו. קאָמוניסטן, פאָרויס! (ליד). פון רוסיש כ. ביידער 3

די פּארטיי און די ליטעראַטור 6

אונדזערע מיטצײַטלער. **„און אזוי ליב געוואָרן איז מיר מײַן דאָנבאַס!”** 9

פון אונדז דער נײַער צײַטגאַנג הייבט זיך אָן. **לידער** פון ארן ווערגעליס, אווראָם גאָנטאַר, איציק בראָנפמאַן, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי, כאַיִם ביידער, ריווע באַליאַסנע, הירש בלאָשטיין 32

עליע גאָרדאָן. אונטער דער הייסער זון (ראָמאַן. צייכענונגען פון ה. אינגער) 36

דער מאַגיסטראַל־מאָטיוו פון דער פאָרגעשריטענער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד — קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, טרײַהייט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. (לידער־ציקל) 87

נאָטע לוריע. די געשיכטע פון א ליבע (ראָמאַן. סאָף). צייכענונגען פון יע. גאָר 94

רוּוען פּוסטילניקאָוו. דערציילונגען 133

טאַמאַר גאָזשאַנסקע. סאקאָנע פון פאַשיזם אין ייִסראָעל: די אולטראַ־רעכטע שטרעמונגען אין דער מעדינע (פאָרזעצונג) 141

פונעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל. **יאַשע טשערניס. דער וועג קיין קוקאַן** 148

זיכרוינעס. **יודעס אראָנטשיק. וועגן איינער א ליד** 162

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראגן פון קונסט

אוראַן גוראַלניק. די סאָוועטישע ליטעראַטור צום XXV פאַרטיי־צוזאַמענפאָר 166

כאַיִם מעלאַמוד. די האָריזאָנטן פון אונדזער פאַרצייכענונג 170

אונדזער פאָטאָ־ארכיוו 174

פרעסע־איבערזיכט. **סאָניע פרײַ. דער יאָמטעוו פון דער קאָמוניסטישער פרעסע פון ייִסראָעל.** 176

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 180

עס ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד” האָט אָנגעהויבן. **נאָכאַמאָל וועגן מאָרדכע שקאָלניקן.** 182

ביראָבידזשאַן און ביראָבידזשאַנצעס 184

פאַרשיידנס 188

כראָניק 86, 140, 173, 183, 186

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור 190

לאָמיר זינגען נײַע לידער. **די ייִדישע מעלאָדיע. ווערטער פון** ארן ווערגעליס, **מוזיק פון** יעווגעני זשאַרקאָווסקי 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער, א. גאָנטאַר,

ש. גאָרדאָן, ט. גען,

י. טשיטשעלניצקי,

נאָטע לוריע, מ. לעוו,

ב. מילער, כ. מעלאַמוד,

ה. פּאָליאַנקער, ס. פרײַ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. שוסטער

אלעקסאַנדער מעזשיראָוו

קאָמוניסטן, פאָרויס!

ס׳זײַנען װערטער אַזעלכע פֿאַראַן
אין אוסטאַװ פֿון איטלעכער אַרמײ,
װאָס אין שלאַכט, בלױז אין שלאַכט איז געגעבן דאָס רעכט
(און ניט שטענדיק דערבײַ)
זיך באַנוצן מיט זײ,
װען די זעלנער מע פֿירט קעגן פֿײַנט אין געפֿעכט.
דעם אוסטאַװ פֿון אַרמײ
כ׳װײס פֿון אַלעף ביז טאָף,
די סאָלדאַטישע דאָליע די פֿולע
איך טראָג,
אָבער װיפֿל איך זוך אין אוסטאַװ אָן אַ סאָף,
אָט די װערטער
כ׳געפֿין ניט
ביז הײַנטיקן
טאָג.

ס׳גײט דאָס צװאַנציקסטע יאָר.
װילדע פֿערד אין גאַלאָפּ.
פֿערעקאָפּ.
עשעלאָנען. און טיפֿוס. און שנײ.
אינטערװענטישע קױלן זיך צילן אין קאָפּ, —
ביז דער שטעכיקער ליניע — כאָטש שטאַרב — נאָר דערגײ!
די שינעלן דער פּאָלק
װאַרפֿט
אױף שטעכדראָט אַרױף,
נאָר דאָ נאָ׳נט — פּולעמיאָטן פֿון סױנעס דורכױס,
האָט געטאָן דער אַרמײ־קאָמיסאַר
דאַן אַ רוף:
— קאָמוניסטן, פֿאָרױס! קאָמוניסטן, פֿאָרױס!

ס׳זײַנען װערטער אַזעלכע פֿאַראַן
אין אוסטאַװ פֿון איעדער אַרמײ!
נאָר אַף זײ דער געזעץ
פֿונעם קריג האָט קײן מאַכט.
װערטער —
העכער פֿון אַלץ,
און זיך נוצן מיט זײ
איז ניט יעדן געגעבן,
װען ס׳גײט שױן די שלאַכט.

װיפֿל פּאַגען פֿון פֿײַנטלעכע לענדער באַקעמפֿט,
טױזנט טױזנטער הרעבליעס
דורך טײַכן געבױט.
און די רױערד צעאַקערט,
שטורװאַלן פֿאַרקלעמט
אין די הענט
האַרעפּאַשנע
מיט שװײסיקער הױט.

איז אַ הרעבליע אַמאָל מיטן װאַסער אַװעק —
ערגעץ אַף דניעפּערבױ, אַפֿן װאָלכאָװ, צי סװיר,
און די פֿעדערשטע רײ
איז אַראָפּ אַפֿן דעק,
אין קאַיאָר אַפֿן פּראָסט
אונטער כװאַליעס־געפֿריר.

און װען קײן שום באַפֿעל
ניט געהאָלפֿן האָט מער,
מע איז קױם מיטן לעבן פֿון װאַסער אַרױס,
שטיל געזאָגט האָט אַזױ
דעמלט
דער אינזשעניער:
— קאָמוניסטן, פֿאָרױס! קאָמוניסטן, פֿאָרױס!

הינטער לװאָװ דעם קאַיאָר
טרײסלען אופֿרײַסן אױף,
די זאַסטאַװע — אַרױס
קעגן פֿײַנט
אין טראַנשײ.
„מעסערשמיטן״ צעשטעפּן מיט פֿײַער די לופֿט,
ביז דער שטעכיקער ליניע — כאָטש שטאַרב — נאָר דערגײ!

ברענען בריקן, װאָס פֿירן
קײן מאָסקװע פֿון ברעסט.
די סאָלדאַטן — פֿון װײטעק
די צײנער פֿאַרקריצט.
אינעם פֿעלד איז דער טאַנק
טיף פֿאַרגראָבן
און פֿעסט,
אַפֿן פֿאַנצער דער רעגן זידט אױף פֿון דער היץ.

א צעהיצטער „מאקסים"
שיסט פון יעדער קוואַרטיר,
און ראַדימצעוו
דאָס איַיז פון דער וואָלגע פּרוווט אויס.
סטאַלינגראַד... פון דער ברוסט האָט אַרויסגעהויכט דער קאָמאַנדיר:
— קאָמוניסטן, פאָרויס! קאָמוניסטן, פאָרויס!

די שטאַנדאַרטן פאַשיסטישע
ליגן פאַרשעמט,
און מע קושט פון גוואַרדייִישע פאָנען דאָס זיַיד.
ס'האַלטן פינגער שערשאַווע
די שטאַנגען פאַרקלעמט,
פאַרביַי לענינען
גייט מען,
מיט מיַי־זון באַניַיט...

ווייען וויוגעס מיט שנייען
אין פּראַסטיקע נעכט.
דער יאָרהונדערט נאָך דויערט,
און טעג — נאָך א סאַך.
נאָר מיט שטאָל ניט פאַראָסטעטן שמעקט דאָ די ערד,
מיט פאַרשנייטע שפּיזן
באַם קרעמל — די וואַך.

אומעטום,
ווו מיט בליַי קרייצט זיך איבער דער וועג,
ווו דער מענטש מיט זיַין מי און מיט דראַנג גייט אַרויס,
דורך דער ציַיט,
אין דער וויַיט,
אָן א סאַף,
אָן אן עק:
— קאָמוניסטן, פאָרויס! קאָמוניסטן, פאָרויס!

פון רוסיש — כ. ביידער

די פּאַרטיי און די ליטעראַטור

מיט זיבעציק יאָר צוריק האָט וו. אי. לענין פאַרעפנטלעכט זײַן באוווסטע ארבעט „די פּאַרטיייִשע אָרגאַניזאַציע און די פּאַרטיייִשע ליטעראַטור". „הינטער דער גנאָסעאָלאָגישער סכאָלאַסטיק פונעם עמפּיריאָקריטיציזם, — האָט ער געשריבן, — קאָן מען נישט ניט זען דעם קאַמף פון פּאַרטייען אין דער פילאָסאָפיע, א קאַמף, וואָס אין לעצטן סאַכאַקל דריקט ער אויס די טענדענצן און די אידעאָלאָגיע פון פײַנטלעכע קלאַסן אין דער הײַנטצײַטיקער געזעלשאַפט. די נײַסטע פילאָסאָפיע איז אויך אַזוי פּאַרטייִיש, ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק"[1]. לענין האָט געהאַלטן, אַז פּאַרטייִשקײַט אין קולטור איז פּראָגרעסיווער, איידער אומפּאַרטייִשקײַט. „אומפּאַרטייִשקײַט איז א בורזשואַזע אידיי. פּאַרטייִשקײַט איז א סאָציאַליסטישע אידיי". ס'איז דעריבער קיין ווונדער ניט, וואָס אין סאַמע ברען פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָליוציע, דעם 13 נאָיאַבער 1905, האָט ער קאַטעגאָריש דערקלערט:

„די ליטעראַטור דאַרף ווערן א פּאַרטייִשע. אין קעגנזאַץ צו די בורזשואַזע זיטן, אין קעגנזאַץ צו דער בורזשואַזער אונטערנעמערישקײַט, דער הענדלערישער פּרעסע, אין קעגנזאַץ צו דעם בורזשואַזן ליטעראַרישן קאַריעריזם און אינדיווידואַליזם, „דעם פּריצישן אַנאַרכיזם" און דער יאָגעניש נאָך אָנזאַמלונג — דאַרף דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט אַרויסרוקן דעם פּרינציפּ פון פּאַרטייִשער ליטעראַטור, אַנטוויקלען דעם דאָזיקן פּרינציפּ און אים דורכפירן אין לעבן"[2].

דער פּרינציפּ פון פּאַרטייִשקײַט איז געוואָרן דער יעסאָד פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין דער סאָוועטישער קונסט און ליטעראַטור. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, די סאָוועטישע ליטעראַטור האָבן אָפּגעוואָרפן די באַהויפּטונג פון די דאָגמאַטיקער און וווּלגאַרע טעאָרעטיקער, אַז לענינס פּרינציפּ וועגן פּאַרטייִשקײַט פון ליטעראַטור האָט א שײַכעס בלויז צו פּובליציסטיק, ניט צו קונסט, צו קינסטלערישער שאַפונג. לענין האָט ווי פּאָרויסגעזען אַזעלכע וווּלגאַריזאַטאָרישע פאַרקריפּלונגען, און ער האָט געוואָרנט: „דער ליטעראַטור־איניען גיט זיך ווייניקער פון אַלץ אונטער אויסגלײַכונג, ניוועלירונג, הערשאַפט פון דער מערהײַט איבער דער מינדערהײַט... אין אָט דעם איניען איז אַוואַדע נייטיק צו פאַרזיכערן וואָס מער מעגלעכקײַטן פאַר פּערזענלעכער איניציאַטיוו, אינדיווידועלע נייגונגען, וואָס מער ראַכוועס דעם געדאַנק און דער פאַנטאַזיע, דער פאָרם און דעם אינהאַלט"[3].

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע דערצויגן די שעפער פון דער סאָוועטישער קונסט און ליטעראַטור אין גײַסט פון דער לענינישער פּאַרטייִשקײַט, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט די פּרינציפּן פון וואָרהאַפטיקער רעאַליסטישער שילדערונג פון דער ווירקלעכקײַט און פון עכטער פאָלקסטימלעכקײַט. דער פּאַרטייִשער פּרינציפּ האָט באַטײַט די ענגסטע פאַרבינדונג פון דער ליטעראַטור מיט די פאָלקסמאַסן, מיטן קאַמף פון די פעלקער אין ראַטנפאַרבאַנד פאַר א נײַ לעבן, מיט די פּאַטריאָטישע אופטוען פון די אַרבעטנדיקע אין די שלאַכטן קעגן דער ווײַסגוואַרדייִשער קאָנטררעוואָליוציע, מיט די העלדנטאַטן אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע קעגן דעם דײַטשישן פאַשיזם און מיט די הײַנטצײַטיקע אופשטײַגן פון אַלע פעלקער אין פּראָצעס פון אויסבויען דעם קאָמוניזם בא אונדז אין לאַנד.

דער באַגריף פּאַרטייִשע אָנפירונג נעמט אַרום א ברייטן קרײַז פראַגן, וועלכע האָבן א וויכטיקע באַדײַטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור: די פּאַרטייִשע באַשלוסן וועגן ליטעראַטור; די פּראַקטישע אַרבעט פון די פּאַרטיי־אָרגאַנען, מעלוכע־אַנשטאַלטן, שעפערישע אָרגאַניזאַציעס אין פאַרבינדונג מיטן ליטעראַרישן פּראָצעס; די ראָל פון דער ליטעראַטור־קריטיק, ליטעראַטור־וויסנשאַפט, עסטעטיק. באַשליסנדיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור זײַנען לענינס אַרבעטן, די פּאַרטיי־דאָקומענטן וועגן ליטעראַטור און קונסט — באַזונדערס דער בריוו פונעם צק רקפּ(ב) „וועגן די פּראָלעטקולטן" (1919), די רעזאָליוציע פונעם צק רקפּ(ב) „וועגן דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין געביט פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור" (1925), דער באַשלוס פונעם צק אַלקפּ(ב) „וועגן

---

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 18, стр. 380.
[2] В. И. Ленин. ПСС, т. 12, стр. 100.
[3] Там же.

איבערבויען די ליטעראַריש־קינסטלערישע אָרגאַניזאַציעס" (1932), די מאַטעריאַלן פונעם XXIV צוזאַמענפאָר פון קפסס (1971), דער באַשלוס פונעם צק קפסס „וועגן ליטעראַטור־קריטיק" (1972). אין באַריכט פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי דעם XXIV צוזאַמענפאָר פון קפסס ווערט געזאָגט:

„מיר זײַנען פאַר אופמערקזאַמער באַציִונג צו שעפערישע זוכונגען, פאַר א פולער אַנטפּלעקונג פון דער אינדיווידואַליטעט פון באַגאַבונגען און טאַלאַנטן, פאַר פילאַרטיקײַט און רײַכקײַט פון פאָרם און סטילן, וועלכע ווערן אויסגעאַרבעט אפן גרונט פונעם מעטאָד פון סאָציִאַליסטישן רעאַליזם"[1].

אין דעם דאָזיקן דאָקומענט זײַנען אופגעדעקט געוואָרן צוויי פעלערהאַפטע טענדענצן אין דער ליטעראַטור, וועלכע קאָנען אָפּוועגדן די אופמערקזאַמקײַט פון די פּראָבלעמען פונעם הײַנטצײַטיקן לעבן, פון דער קאָנסטרוקטיווער שעפערישקײַט פון די סאָוועטישע מענטשן. פון איין זײַט, איז פאַראַן א טענדענץ צו „דערפירן די פילאַרטיקײַט פון דער הײַנטיקער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט צו פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען שוין ענדגילטיק אָפּגערוקט אין דער פאַרגאַנגענהײַט אין רעזולטאַט פון דער אַרבעט, וואָס די פּאַרטיי האָט אָפּגעטאָן אַף צו באַזײַטיקן די פאָלגן פונעם פּערזאָנען־קולט"; פון דער צווייטער זײַט, זײַנען פאַראַן פּרוּוון „צו רייַנוואַשן די דערשײַנונגען פון דער פאַרגאַנגענהײַט, וועלכע די פּאַרטיי האָט אַנטשיידן און פּרינציפּיִעל קריטיקירט"[2].

פּאַרטייִשקײַט — דאָס איז דער יעסאָד פון קינסטלערישער שאַפונג. פּושקין האָט פײַערלעך געמאָלדן אין זײַן גענ־אַלער פּראָגראַם־ליד „דער נאָווי" („פּראָראָק"), אַז נאָך דעם ווי ער איז באַשאָנקען געוואָרן מיט א שאַרף אויג, מיט א שאַרפן געהער, מיט א פײַערדיק האַרץ, מיט א באַגײַסטערטן לאָשן, איז ער ראָוע געוואָרן גיין צום פאָלק און מיט זײַן וואָרט אָנצינדן די הערצער פון מענטשן (Глаголом жги сердца людей).

ביז דער סאָוועטישער ליטעראַטור איז דער פּאַרטייִשער פּרינציפּ געווען מערסטנטייל אַן אונטערבאַוווסטזיניקער. אין דער נאָכאָקטיאַבערישער צײַט איז פּאַרטייִשקײַט געוואָרן דער פירנדיקער אידייִשער באַוווסטזײַן פון דער קינסטלערישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּרינציפּ פון פּאַרטייִשקײַט איז די נאַציִאָנאַלע און אינטערנאַציִאָנאַלע דיִאַלעקטישע איינהײַט פון די ליטעראַטורן פון אַלע פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד. דער ליטעראַרישער פּראָצעס פון דער פילנאַציִאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור טראָגט א כאַראַקטער פון קעגנזײַטיקע ווירקונגען און פאַרבינדונגען און צייכנט זיך אויס, בא אַלע נאַציִאָנאַלע אייגנאַרטיקײַטן און באַזונדערקײַטן פון יעדער נאַציִאָנאַלער ליטעראַטור, מיט דער איינהײַטלעכער אידעאָלאָגישער באַוווסטזיניקײַט, מיט אַן איינהײַטלעכער קינסטלערישער טעמאַטיק און פּראָבלעמאַטיק פון דער שאַפונג. און דאָס איז נאַטירלעך, ווײַל די נאַציִאָנאַלע ליטעראַטורן אינעם גרויסן סאָציִאַליסטישן לאַנד שפּיגלען אָפּ די דערשײַנונגען פונעם לעבן, וועלכע זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן און פעלקער. יעדע נאַציִאָנאַלע ליטעראַטור האָט אירע טראַדיציעס, וועלכע ווערן פאָרגעזעצט אין די נײַע באַדינגונגען פונעם סאָציִאַליסטישן לעבן. די נאַציִאָנאַלע טראַדיציעס פון דער פאַרגאַנגענהײַט, די נאַציִאָנאַלע קולטור־ירושע ווערט איבערגעאַרבעט קריטיש, אויך לויטן פּרינציפּ פון פּאַרטייִשקײַט. אין דער נײַער סאָוועטישער קולטור ווערט אײַנגעשלאָסן דאָס פּראָגרעסיווע פון דער נאַציִאָנאַלער קולטור־ירושע. אַזויאַרום ווערט געשאַפן די פילנאַציִאָנאַלע סאָוועטישע ליטעראַטור, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן און דעם קאַמף פון דער נײַער סאָוועטישער געמיינשאַפט, וועלכע האָט אויסגעבויט די געזעלשאַפט פון אַנטוויקלטן סאָציִאַליזם.

אַלס בוילעטער באַווײַז פון דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס אין דער פילנאַציִאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור קאָן דינען דער פאַקט, וואָס עס קומען אוף אַלץ נײַע און נײַע נאַציִאָנאַלע ליטעראַטורן. אפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די שרײַבער פון פססר איז די צאָל שפּראַכן, אַף וועלכע די סאָוועטישע שרײַבער האָבן געשאַפן זייערע ווערק, געווען 52; אפן פינפטן צוזאַמענפאָר — 75. די איינהײַטלעכע פאָרם פון די ליטעראַטורן, וואָס באַשטימט אין א געוויסן זין זייער נאַציִאָנאַלע ספּעציפיק, גיט א מעגלעכקײַט צו באַזיִיקן די אייגנאַרטיקײַט פון זייערע טראַדיציעס און דעם איצטיקן צושטאַנד זייערן, איז די רעגיִאָנעלע געמיינשאַפט (די געאָגראַפישע, לינגוויסטישע, קולטור־היסטאָרישע).

דער פּרינציפּ פון שטודירן די ליטעראַטורן פון די פעלקער אין ראַטנפאַרבאַנד לויט געאָגראַפישע רעגיִאָנען ווערט ברייט אָנגעווענדט אין דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג און

[1] Материалы XXIV съезда КПСС. М., 1971, стр. 89.
[2] Т а м ж е, стр. 88.

אין דער ליטעראַטור־קריטיק. דער דאָזיקער פּרינציפּ איז געלייגט געוואָרן אַלס יעסאָד פון דער „געשיכטע פון דער סאָוועטישער פילנאַציִאָנאַלער ליטעראַטור", אין וועלכער ס'איז, אַגעוו, אָפּגעטיילט אופמערקזאַמקײַט און פּלאַץ אויך דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

די יִדישע ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך אַנטוויקלט ווי אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור, אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער רוסישער ליטעראַטור, ווי אויך מיט דער אוקראַיִנישער, ווײַסרוסישער, ליטווישער, מאָלדאַווישער.

אַדאַנק דער זאָרג פון דער פּאַרטיי וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער נאַציִאָנאַלער קולטור פון אַלע ברידערלעכע פעלקער האָט די סאָוועטישע יִדישע ליטעראַטור דערגרייכט אַזאַ אופשטײַג, וועלכן זי האָט ניט אין קיין איין אַנדער לאַנד אין דער וועלט. ניט געקוקט אַף די שווערקײַטן אין די יאָרן פונעם בירגערקריג, פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, איז פאַראַן בא אונדז אַ רײַכע יִדישע ליטעראַטור — אַ פילזשאַנערדיקע און פאַרשיידנסטיליקע, אַ ליטעראַטור פון נײַע אידייען, טעמעס, פּראָבלעמען, פון נײַע טיפּן און געשטאַלטן, פון גרויסע צילן און אידעאַלן, אַ לעבנסבאַשטעטיקנדיקע און לעבנספּייִקע פאָלקס־ליטעראַטור — ניט בלויז אַדאַנק איר קינסטלערישער מײַסטערשאַפט און נאָוואַטאָרישקײַט, נאָר מיט דער אידייִשקײַט און פּאַרטייִשקײַט פון אירע שעפערישע פּרינציפּן.

די גרינטלעכע איבערגעשטאַלטונגען פון דער עקאָנאָמישער און סאָציִאַלער סטרוקטור פון דער יִדישער באַפעלקערונג, פונעם שטייגער, פון דער קולטור האָבן מעגלעך געמאַכט די אָרגאַנישע פאַרבינדונג פון דער סאָוועטישער יִדישער ליטעראַטור מיטן לעבן, אירע קאַמעסדיקע און אייכעסדיקע פאַרענדערונגען, איר אידייִש־טעמאַטישע פאַרטיפונג, די אַנטשטייוּנג פון נײַע טיפּן און געשטאַלטן. איר צענטראַלער העלד איז געוואָרן דער נײַער סאָוועטישער מענטש, דער אַקטיווער בויער פונעם נײַעם לעבן, דער איבערגעגעבענער פּאַטריאָט פון זײַן סאָציִאַליסטישן היימלאַנד. די יִדישע ליטעראַטור ביז דער רעוואָליוציע האָט געוווסט און געמאָלט בלויז איין סאָציִאַלע סוויווע — דעם טכום־האַמוישעוו, די מענטשן פונעם שטעטל. נאָך דער רעוואָליוציע האָט די יִדישע ליטעראַטור זיך אַרויסגעריסן פון אירע ענגע נאַציִאָנאַלע ראַמען און איז געוואָרן אַ ליטעראַטור פון דעם פאָלקס־לעבן אין שטאָט, אין דאָרף, אין אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן. דאָ גייט אַ רייד ניט בלויז וועגן טערייטאָריִעלע גרענעצן. אין אַלטן יִדישן שטעטל האָבן די פאָלקסמאַסן זיך געראַנגלט מיט דער נויט און זײַנען ניט בעקויעך געווען זיך אַרויסצורײַסן אַף די ברייטע ראַכוועסן פונעם לעבן. די גרעסטע שעפער פון דער יִדישער ליטעראַטור ביז דער רעוואָליוציע — מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם, פּערעץ — האָבן געשילדערט האָרעפּאַשניקעס־באַלמעלאָכעס, דעקלאַסירטע „לופט־מענטשן", געשטאַלטן פון דער דערשלאָגענער יִדישער פרוי, פונעם אומגליקלעכן קינד, וואָס האָט פון קיין קינדהײַט ניט געוווסט. די סאָוועטישע יִדישע ליטעראַטור שאַפט אַ רײַכע גאַלעריי געשטאַלטן פון אַ נײַער סאָציִאַל־היסטאָרישער און סאָציִאַל־פּסיכאָלאָגישער קוואַליטעט: אַרבעטער, פּויערים, אינזשעניערן, פּאַרטיי־טוער, אַדמיניסטראַטאָרן, ווירטשאַפטלער, מיליטער־לײַט, געלערנטע, געשטאַלטן פון דער סאָוועטישער פרוי, פון אונדזער קאָמיוגישער יוגנט.

זײַענדיק אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון דער פילנאַציִאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָט די יִדישע ליטעראַטור זיך פאַרפעסטיקט אַף אירע אייגנאַרטיקע און נאַציִאָנאַלן זין טראַדיציעס. פאַרבונדן מיט דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור, טראָגט זי אַרײַן איר וויכטיקן צושטײַער אין דער אינטערנאַציִאָנאַלער סאָציִאַליסטישער קולטור. אַדאַנק דעם מעטאָד פון סאָציִאַליסטישן רעאַליזם דערציט זי דעם לייענער אין גײַסט פון די הויכע אידייען פון סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, אינטערנאַציִאָנאַליזם און פעלקער־פרײַנטשאַפט.

צו דעם XXV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר קומט אונדזער ליטעראַטור מיט באַדײַטנדיקע דערגרייכונגען. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער יִדישער שאַפונג איז די ענגע פאַרבינדונג מיטן לעבן, מיט די אויפטוען פון די סאָוועטישע מענטשן אין פּעריאָד פון רײַפן אַנטוויקלטן סאָציִאַליזם. אין דער שאַפונג פון די הײַנטצײַטיקע וואָרט־מײַסטערס ווערן ווירדיק פאָרגעזעצט, אין די נײַע באַדינגונגען, די נאָבעלע טראַדיציעס פון די עלטערע שעפערישע דוירעס.

צום XXV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר קומט אונדזער ליטעראַטור אַן אידייִש־פאַרהאַרטעוועטע, אַן איבערגעגעבענע דעם פאָלק און דעם לאַנד, אַן אָרגאַניש פאַרבונדענע מיט דער גאַנצער פילנאַציִאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור.

אונדזערע מיטצײַטלער

„און אזוי ליב געוואָרן איז מיר מײַן דאָנבאַס!‟

לויט די שפּורן פון ליטעראַרישע העלדן

דעם וועג פון א מענטשן מעסט מען מיט די יאָרן, וועלכע ער האָט אָפּגעלעבט, און מיט די אופטוען, וואָס ער האָט באַוויזן צו מאַכן פאַר זײַן לעבן. אָבער מיט וואָס אויסמעסטן דעם וועג פון א גאַנצן דאָר אָדער פון צוויי, דרײַ דורות?

אין אונדזער לאַנד גייט שוין זײַן רומפולן וועג דער צענטער פינפיאָר, און מיר געדענקען נאָך, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער — אַפן שיידוועג פון די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן. מענטשן, וועמענס רײַפע יוגנט עס איז צונויפגעפאַלן מיט יענער צײַט, געדענקען, אַז אין צענטער פון די היסטאָרישע אַרבעטן אַף איבערצואַנדערשן דאָס לאַנד איז דעמלט געווען דאָנבאַס: דאָס לאַנד האָט אָן קוילן ניט געקאָנט לייזן די פּראָבלעם פון אינדוסטריאַליזאַציע.

> זײַנען שאַכטיאָרן, ווי פלאַסטן געפעסטיקט,
> אַף פלאַסטן געגאַנגען אין אָנגריף,
> מיט וורובאָווקעס, ווי מיט „מאַקסימקעס‟,
> מיט שפּיציקע לאַנגע זשעלאָנגעס,
> ווי שווערדן. זיי האָבן דעם פלאַסט,
> ווי דעם סוינע, געבראָקט און געשניטן...

אַזוי האָט געשריבן איציק פעפער אין זײַן פּאָעמע „פלאַסטן‟.

קימאַט א האַלבער יאָרהונדערט איז דורכגעגאַנגען, זינט עס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אָט די שורעס. דאָ ניט לאַנג האָבן די לייענער באַקומען א קליין ביכעלע, וועגן וועלכן ס'איז קעדײַ צו דערציילן. פופצן אַווטאָרן האָבן געשאַפן דאָס ביכעלע, און ס'איז מערקווירדיק, וואָס אַלע פופצן שטאַמען פון דאָנבאַס און דער גורל פון יעדערן פון זיי איז אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבונדן מיט שאַכטיאָרישער מי. פופצן ייִדן — שאַכטיאָרן, צי קינדער און אייניקלעך פון שאַכטיאָרן — וואָס איז דער כידעש? געווייינלעך פאַלן מיר ניט ארײַן אין היספּײַלעס פון אַזעלכע פאַקטן, נעמענדיק אין אַכט, אַז

אין די יאָרן פון דער סאָוועטנמאכט איז פאר די ייִדן, די געוועזענע „לופט־מענטשן״, געוואָרן נאטירלעך א באליביקע פראָפעסיע. און דאָך — ווען עס קומען זיך צונויף אונטער איין „דאך״ פופצן שאכטיאָרן, אָדער קינדער און אייניקלעך פון שאכטיאָרן, און דערציילן, ווי אזוי דער גורל האָט זיי פארבונדן מיט דאָנבאס, איז עס באלערעוודיק און ס׳פארדינט אונדזער אופמערקזאמקייט.

מיר האָבן אָנגעהויבן בלעטערן דאָס ביכעלע. וואָס מער מיר האָבן זיך אין דעם פארטיפט, אלץ שטארקער איז געוואָרן דער איינדרוק, אז מיט אלע פופצן אווטאָרן זיינען מיר שוין פון לאנג באקאנט. ערגעץ האָבן מיר מיט יעדערן פון זיי זיך באגעגנט. נאָר ווען, בא וועלכע אומשטענדן? אין דאָנעצק? אין שאכטיאָרסק? אין מאקייעווקע?

— נו יאָ, דאָס בין איך פון מאקייעווקע, — האָט געענטפערט אף אונדזערער א פראגע איינער פון די פופצן, אווראָם פרוסין, — וואָס זשע, איר האָט קיינמאָל ניט געהערט וועגן ייִדן שאכטיאָרן אין מאקייעווקע?..

און מיר האָבן זיך דערמאָנט:

> פון „רעלסאָ־פראָקאטקעס״ — די רויטע געשרייען,
> ווי ס׳וואָלטן די לאָמען געטראסקעט די זון,
> וואָס גיסט זיך א בלוטיקע איבער מאקייעווקע
> מיט ליכטיקע וואָלגעס טשוהון.
> די קאָקס־אויוונס צינדן די נאכט מיט די פלאמען,
> און ס׳זעצן די פונקען פון אונטער די לאָמען.
> עס שטורעמט די פלאסטן די שווארצע
> „סמאָליאנקע״,
> און יוזאָווקע צינדט אָן די נאכט מיט די
> דאָמנעס...

אזוי האָט געשריבן בוזי אָליעווסקי אין זיין פאָעמע „שאכטע״. מיט „שיין פון די אויוונס״ און מיט „ראש פון זאוואָדן״ האָט מאקייעווקע באגעגנט אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן אָליעווסקיס העלד — כעמען, וועלכער איז געקומען פון א קליינינק שטעטל, קעדיי זיך אריינגיסן אינעם מעכטיקן שטראָם, וואָס האָט געהייסן — דאָנבאס.

קימאט בא אלע אווראָמס, כעמעס, געדאליעס, מענאשעס איז דעמלט דער וועג קיין דאָנבאס געווען איינער און דער זעלבער. אין מייער אלבערטאָנס „שאכטעס״ איז דאָס פאָרגעקומען אף אזא אויפן:

> „...די לעצטע צייט האָט זיך אווראָם איינגעשפארט, אז ער מוז ערגעץ אוועקפאָרן, און אויב שוין פאָרן, איז נאָר אין קוילנדיקן דאָנבאס... ווער וועט זיך אצינד מיט אווראָמען שטעלן? קיינער וועט זיך מיט אים ניט שטעלן. אווראָם איז א גוואר און אן אקשן.
>
> ...דעם גאנצן וועג צו דאָנבאס איז מענאשע ניט אָפגעטראָטן פון אווראָמען. אף די סטאנציעס, וווּ מע שטייט מער מיט עטלעכע מינוט, האָט אווראָם געשלעפט זיין כאווער אינדרויסן. דאָרטן, לעבן לאָקאָמאָטיוו, האָט אווראָם געפאַקט א שטיקל קויל און עס געלישטשעט, געוויזן און דערקלערט מענאשען, ווו און וויאזוי ס׳מאכן זיך קוילן:
>
> — אזעלכע קוילן זיינען „סקליוטשיטעלנע״ נאָר פון די שאכטעס. פון דעם דאָנבאס, וווהין מיר פאָרן״.

אָדער אזוי, לעמאָשל:

> „— באָנטשקעלע, — האָט זיך געריסן די אלטע און זיך איינגעשטשעמעט אין אים, ווי מיט קליעשטשעס. — זונעלע, דו וועסט ניט פאָרן!..
>
> — מאמאשא, — האָט דער יונג א ברום געטאָן, — דאָס לאנד דארף ניט קיין טרערן. אייזן און קוילן דארף האָבן דאָס לאנד!״

דאָס איז פון מאָטע דעכטיארס דערציילונג „אפן דאָנבאס״.

און בא איציק פעפערן, אין זיינע „פלאסטן״:

> העלדזער ווערן הייזעריק,
> אויגן ווערן קליין.
> — טאטעניו, ניט בייזער זיך!
> — מאמעניו, ניט וויין!
> מאנדעלעך און ראָזשינקעס
> פון דניעפער ביזן בוג,
> שטעטעלעך פארלאָזענע
> יאָגן נאָכן צוג.
> — לאָמיר זיך געזעגענען,
> מיין שטיבל און מיין גאס,
> מיר לאָזן זיך אין וועג ארײַן,
> מיר פאָרן קיין דאָנבאס!

אָט אזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן אין די יאָרן פונעם ערשטן פינפיאָר. דאָנבאס האָט זיך, ווי א שטורעם, אריינגעריסן אין די ייִדישע שטעטלעך, זיי צעבויטעט און צערודערט, זיי אופגעהויבן אין מיטן העלן טאָג און אוועקגעטראָגן אין א נייער וועלט. א מאָדנע לאָשן האָט זי געהאט, אָט די וועלט, — ווערטער, וואָס די ייִדישע שפראך האָט פון זיי קיינמאָל ניט געהערט:

> זיינען כעוורע געזעסן אף שטויביקע בענק,
> מיט שטויב און מיט זון־שיין באלאָדענע,
> און ס׳האָבן זיך יונגינקע מויכעס געשווענקט
> אין ווערטער אין שווערע און מאָדנע...
> וואָס הייסט עס א לאווע? וואָס איז עס א שטרעק?
> ווי גרויס זיינען שאכטישע מיילער?
> פארוואָס די שווערלייביקע ווראָבאָווקע דעקט
> די האנטישע ארבעט מיט קיילעס?

דאָס איז אין פעפערס „פלאסטן״.

נאָר פעפער האָט שוין דעמלט עטוואָס פארשפעטיקט: נאָך מיט א יאָר פריער האָט מייער אלבערטאָן געבראכט צום סאָף פון זיינע „שאכטעס״ א רעשימע פון דריי און נייַנציק „ווערטער, וואָס ווערן ס׳ערשטע מאָל אריינגעבראכט אָדער דערמאָנט אין דער ייִדישער ליטעראטור״. און כאָטש דער דיכטער האָט געפרווווט, טאקע אין די „פלאסטן״ זיינע, אפילע זיך אן אמפער טאָן מיטן פראָזאיקער, מעלדנדיק: „צו געניויע טעכניציזמען בלייַב איך קאלט, ווי אייַז. ניט קיין ווערטערביכל בוי איך, ניט איך וויל און קאָן — אָט די שווערע ארבעט טרוי איך מייער אלבערטאָן״, — איז דאָ פארצייכנט געוואָרן

א גאַנצע רעוואָליוציע ניט נאָר אין דער שפּראַך, נאָר אינעם גורל פון צענדליקער טויזנטער יוגנטלעכע, וועלכע זײַנען געקומען קיין דאָנבאַס. אויך דער דיכטער איז געווען פולקאָם גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט:

וויכטיק איז אָט דאָ באַטאָנען
אין דאָנבאַסער וועלט,
ווי אין טיף פון באַטאַליאָנען
וואַקסט דער נײַער העלד!

א סאַך זײַנען זיי געווען, אָט די העלדן, און האַגאַם א מעהאַלעך פון א האַלבן יאָרהונדערט טיילט אָפּ די געקומענע קיין דאָנבאַס אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן, און די אויטאָרן פונעם קליינינקן ביכעלע אונטערן נאָמען „אונדזער איין־און־אייניציק היימלאַנד" (אַרויסגעגעבן אין דאָנעצק דורכן אָרטיקן פאַרלאַג „דאָנבאַס" אין 1975), דאָך זעט מען בוילעט דעם גאָלדענעם פאָדעם, וועלכער ציט זיך פון דאָר צו דאָר.

געווען א שטעטלדיקער קליינער פּיאָנערל,
און איצטער...
אויסגעוואַקסן...
אַנדערש — א שאַכטיאָר... —

אַזוי האָט געזאָגט וועגן זײַן כעמלען בוזי אַליעווסקי. איצט איז די פּאָעמע שוין א ליטעראַרישער דאָקומענט, און די שפּורן פונעם דיכטערס פּראָטאָטיפּ האָבן זיך פאַרלוירן אין שטראָם פון דער צײַט. נאָר זעט איר דאָך — זיי האָבן זיך אָפּגעזוכט, אָט די שפּורן, און כעמל לעבט, און אווראָם ליימאַרניק, וועלכן אַלבערטאָן האָט אַראָפּגעבראַכט פון כאַשטשעוואַטע קיין דאָנבאַס, לעבט אויך! א סימען האָט איר: זיי קאָנען וועגן זיך דערציילן, זיי גיבן צו וויסן, וואָס עס איז פון זיי, פון זייערע קינדער און אייניקלעך געוואָרן פאַר אָט דער צײַט.

א וואָרט באַקומט דער אַפּאַראַטשיק פונעם מאַקייעווקער קאָקס־כימישן זאַוואָד אווראָם פּרוסין

— יעדע גאַס אין אונדזער שטאָט טראָגט שוין פון לאַנג איר נאָמען, אָבער מיר, אַלטע מאַקייעווקער טוישווים, רופן זיי נאָך אַלץ, ווי אַמאָל, „די ליניעס". די ערשטע ליניע פירט אַפּן מעטאַלורגישן זאַוואָד, די אַנדערע — אַף מײַנעם, דעם קאָקס־כימישן. מיט אָט אַזא ליניע פאָר איך אַף דער אַרבעט. און ווי איך זאָל זיך ניט אײַלן, שטעל איך זיך שטענדיק אָפּ לעבן דעם אַלטן הויז, ווו עס וווינען די לאַמאַנאָסאָווס. מיט אָט דעם הויז איז פאַרבונדן זייער א סאַך גוטס אין מײַן לעבן. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט די פרײַז פון פרײַנטשאַפט, פון מענטשלעכער גוטהאַרציקייט, וואָס אָן איר קאָנסטו זיך ניט באַגיין. און אַלעמאָל, ווען איך שטעל זיך דאָ אָפּ, ווערט דאָס האַרץ פאַרקלעמט: ס'וועט שוין קיינמאָל צו מיר אַנטקעגן ניט אַרויסגיין דער אַלטער דאַניִיל איוואַנאָוויטש לאָמאָנאָסאָוו. ער איז שוין געשטאָרבן, און די זין זײַנע זײַנען זיך צעפלויגן ווער וווּהין... נאָר איך שטעל זיך אָפּ, פאַרנייג דעם קאָפּ, און דערינערונגען, אַף וועלכע די צײַט האָט ניט קיין מאַכט, טוען אַף מיר א פלייץ.

איך זע, ווי מײַן טאַטע לייזער (געווען איז עס אין איין־און־דרײַסיקסטן יאָר) שפּאַנט אײַן זײַן וואָגן, גייט אַרײַן אין שטוב און זאָגט צו דער מאַמען: „נעם צונויף די קינדער — ראָזען, עמען, אווראָמען, — מירן אַריבערפאָרן קיין דאָנבאַס. דאָס פערדל גייט נאָך, הענט האָבן מיר, יאַקאָס וועלן מיר ניט פאַרפאַלן ווערן. שאַכטעס וואַרטן אַף אונדז, און אויב ניט אין שאַכטע, זײַנען דאָרט בויונגען אויך פאַראַן אָן א שיר"...

איך בין דעמלט נאָך א קינד געווען, נאָר איך געדענק: אינעם דאָרף הינטער ניקאָפּאָל, ווו מיר זײַנען געווען די אייניציקע ייִדישע מישפּאָכע, האָבן די פּויערים זייער געשעצט דעם טאַטן און די מאַמע — פאַר דער אַרבעטזאַמקייט און ערלעכקייט. שטענדיק איז די שטוב אונדזערע פול געווען מיט מענטשן — מע פלעגט צו מײַן טאַטן קומען זיך אויסזייצענען מיקויעך קאָלערליי לעבנס־איניאָנים. און ווען מיר האָבן זיך אויסגעקליבן צו פאָרן קיין דאָנבאַס, האָט דאָס גאַנצע דאָרף אונדז באַגלייט, ווי מיר וואָלטן אַלעמען זײַן נאָענטע קרוווים. „ס'איז טאַקע א שאָד, וואָס איר, לאַזאַר אַניסימאָוויטש, פאָרט אַוועק פון אונדז, — האָבן די דאָרפסלײַט געזאָגט, — נאָר אויב איר האָט שוין באַשלאָסן, ווינטשן מיר אײַך א גליקלעכן וועג, איר זאָלט האָבן מאַזל־בראָכע אַפן נײַעם אָרט!"

אָט אַזוי זײַנען מיר געקומען אַף דער פופצנטער ליניע אין מאַקייעווקע...

איבער דער שטאָט איז געהאַנגען א בלײַענער כמורנער הימל, ס'האָט געגאָסן א רעגן, נאָר אויך דורך אָט דער כאַשכעס האָבן זיך דורכגעשלאָגן פײַערדיקע בליצן, און דער האָריזאָנט האָט זיך גערייכערט מיט צענדליקער הויכע קוימענס. אָט האָבן אין די הײַזער שוין אופגעבליצט פּאַסיקלעך שײַן — מענטשן האָבן זיך אומגעקערט פון די זאַוואָדישע וואַכטעס, און אַף יעדערן האָט געוואַרט א מישפּאָכע.

פאַרלוירענע, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט בא א שטוב, און עפּעס גאָר היימלעך האָבן צו אונדז א ווונק געטאָן די פײַערלעך פון די פענצטער. דעם טויער האָט אונדז געעפנט דער

באַלעבאָס, בלויז איין־און־איינציקן בליק אַ וואָרף געטאָן אַף אונדז, אַלץ, אָפּאַנעם, פֿאַרשטאַנען און געזאָגט:

— נו, פֿאָרט אַרײַן, מירן אײַך ניט באַליידיקן. דאָס פֿערד שטעלט אַוועק אינעם שײַער, און אַליין קומט אַרײַן אין שטוב. אָרט וועט קלעקן פֿאַר אַלעמען.

קיין איבעריק אָרט איז דאַפֿקע ניט געווען. קיין פּאַלאַצן האָבן דאָך די זאַוואָד־אַרבעטער ניט געבויט — אַלץ איז געווען אויסגערעכנט אַף איין מישפּאָכע. נאָר גלײַך האָט מען פֿאַר אונדז אַן אָרט געפֿונען. איך האָב באַמערקט, ווי דער באַלעבאָס — דאַנײִל איוואַנאָוויטש לאַמאַנאָסאָוו, אַן אינוואַליד, האָט אַכטונג געגעבן, אַז אונדז זאָל זײַן באַקוועם. און ווען מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט, האָט ער צוגערופֿן צו זיך די קינדער זײַנע, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פֿאַרבויגענעם פֿינגער איבערן טיש, וואָס האָט באַדאַרפֿט באַטײַטן: „אויב איך וועל זען מיצאַד אײַך עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן באַליידיקן די געסט, וועט איר באַקומען דעם עמעסן פּסאַקן!“

אָט אַזוי האָבן מיר זיך באַפֿרײַנדעט מיט דער גאָלדענער רוסישער מישפּאָכע לאַמאַנאָסאָוו.

שײַעך צו זאָגן, לעכאַטכילע האָבן מיר קיין האָניק ניט געלעקט. זאַמלען זיך צונויף די לאַמאַנאָסאָווס אַף מיטיק — פּרוּווט אונדזער מאַמע אָפּווענדן די הונגעריקע בליקן פֿון די קינדער מיט עפּעס אַן אַרבעט. אָבער די באַלעבאַטים כאַפּן איבער דער מאַמעס כיטרעקײַט און צווינגען אויך אונדז זיך זעצן צום טיש. מיטן לעצטן זיך געטיילט. און דאַנײִל איוואַנאָוויטש — ער האָט אַלץ געטאָן, עס זאָל פֿון אונדז קיין האָר ניט אַראָפּפֿאַלן, די כעווירע זאָלן, אַפֿילע ניט בעקיוון, מיט עפּעס אונדז ניט באַוואָלען: אַ פּראָסטער מענטש, האָט ער פֿאַרמאָגט אַן עכטן פּעדאַגאָגישן טאַלאַנט.

מײַן טאַטע איז געוואָרן אַן ערד־גרעבער אַף דער בויונג פֿונעם זאַוואָד. אַזאַ פּאַרנאָסע איז דעמאָלט געווען: ווער עס האָט געהאַט זײַן אייגנס פֿערד־און־וואָגן, פֿלעגט זיך פֿאַרדינגען אַף אַרבעט — אָפּפֿירן די ערד, וואָס מע האָט פֿון די קאָטלאָוואַנעס אויסגעגראָבן, אין די סטעפּישע באַלקעס. איצט טראַכט איך: צו דער בויונג פֿון אונדזער זאַוואָד האָט מײַן טאַטע געהאַט די סאַמע נאָענטע שײַכעס. ער האָט אָנטייל גענומען אין דער בויונג, און איך אַרבעט שוין אַף אָט דעם זאַוואָד העכער דרײַסיק יאָר.

אַזוי זײַנען מיר געוואַקסן. ראָזע האָט זיך געלערנט אין מעדיצינישן טעכניקום און נאָכן פֿאַרענדיקן אים אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס עלטערע מעדיצין־שוועסטער אינעם שאַכטע־שפּיטאָל. די מאַמע איז געווען אַ בעריע אַ נייטערן, און אירע פֿאַרדינסטן זײַנען גוט צוניץ געקומען. איך און דאָס שוועסטערל עמע האָבן זיך געלערנט אין שול. צוביסלעכווײַז האָבן מיר זיך באַפֿרײַנדעט מיט די זאַוואָדישע קינדער און זיך געפֿילט צווישן זיי, ווי גלײַכע צווישן גלײַכע.

דער טאַטע האָט געקויפֿט אַ שטוב אַף דער פֿינף־און־צוואַנציקסטער ליניע. אוי, ווי די לאַמאַנאָסאָווס האָבן ניט געוואָלט זיך צעשיידן מיט אונדז! „עפּשער, לאַזאַר אַניסימאָוויטש, — האָבן זיי געטײַנעט, — האָבן מיר אײַך מיט עפּעס־וואָס באַליידיקט, וואָס איר וואַרפֿט אונדז אַוועק? און וואָס עס איז אַ ביסל ענגלעך, איז מיילע, אַבי געזונט...“

די פֿופֿצנטע ליניע... איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן, ווי דער טאַטע האָט געזאָגט:

— זע, מײַן קינד, ווי גלײַך, פּונקט ווי אַ ווירע, עס ציט זיך אָט די גאַס צום זאַוואָד. זאָל אויך דאָס לעבן דײַנס זײַן אַזוי גלײַך, קיינער זאָל קיינמאָל דיר ניט אויסוואַרפֿן, אַז אין אַ שווערער מינוט האָסטו זיך אָפּגעוואָרפֿן אין אַ זײַט, אָדער געזוכט אַ זײַטיקן וועג. כיטרעווע ניט און געדענק: דײַן טאַטע האָט מיט די מאַזאַלן זיך געגרויסט. שטענדיק פֿיל זיך אַזוי, פּונקט ווי טויזנטער אויגן קוקן אַף דיר, — בלויז מיט ערלעכער מי קאָנסטו אין זיי כעסעד געפֿינען. און אונדזער זאַוואָד איז דאָך דער שטאָלץ פֿון דאָנבאַס — זײַ אים די ווערט. דאָס גאַנצע לעבן, דער גוירל אונדזערער, דאָס היימלאַנד זײַנען מיט אים פֿאַרבונדן.

ווי דער טאַטע האָט אָנגעזאָגט — אַזוי טוען מיר. שוין ניטאָ דער טאַטע, שוין ניטאָ די מאַמע, נאָר איך און מײַנע שוועסטער געדענקען זייער געבאָט, מיר זאָלן ניט פֿאַרשוועכן דעם ערלעכן נאָמען פֿון די פּרוסינס.

ראָזע און איך זײַנען קאָמוניסטן. ראָזע אַרבעט ביז איצט אינעם זאַוואָד־שפּיטאָל, עמע איז אַ בעקערן. צוזאַמען מיט מיר, אין דער צענטראַלער לאַבאָראַטאָריע פֿונעם זאַוואָד, אַרבעט מײַן פֿרוי לאַריסאַ ניקאָלײַעוונאַ. צו דרײַסיק יאָר אַרבעטס־סטאַזש האָבן מיר שוין. אַ גליקלעכער גוירל איז אויסגעפֿאַלן אויך אונדזערע קינדער. ראָזעס טאָכטער גאַלינע און אונדזער טאָכטער ליליע האָבן פֿאַרענדיקט דעם סלאַוויאַנסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און זײַנען געוואָרן לערער. ליליעס מאַן, אַלעקסאַנדער דעכטיאַריאָוו, איז אַ מיטאַרבעטער פֿונעם מאַקייעווקער וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישן אינסטיטוט פֿון דער באַרג־אינדוסטריע. באַ זיי וואַקסט אַ זונעלע — סעריאָזשע, אונדזער אייניקל. פֿאַראַיאָרן האָט כאַסענע געהאַט אויך אונדזער ייִנגערע טאָכטער זשעניע. איר מאַן, וואָלערי קאַרפּאָוו, איז אַ שאַכטיאָר, און זשעניע פֿאַרענדיקט די מעדיצינישע שול.

ד אָ נ ע צ ק

איך האָב ליב מײַן שטאָט און מײַן זאַוואָד. ווען עס וואָלט אופגעשטאַנען פונעם קייווער דער טאַטע און א קוק געטאָן ארום — וואָלט ער ניט דערקענט, דער אַלטער ערד־גרעבער, אָט די ערטער, אזוי האָבן זיי זיך געענדערט צום גוטן. ס׳זײַנען אויסגעוואַקסן גאַנצע קוואַר־טאַלן פילשטאָקיקע נײַע הײַזער, און אין איינעם פון זיי האָט מען מיר מיט דער פרוי אויסגע־טיילט א צווייצימערדיקע דירע. אויך דער זאַוואָד וואַקסט פון יאָר צו יאָר. בלויז אין דער רעקאָנסטרוקציע פון דער פערטער קאָקס־באַ־טאַרייע האָט מען ארײַנגעלייגט 20 מיליאָן רובל. דאָ ניט לאַנג האָבן מיר באַקומען פון איר דעם ערשטן קאָקס. איצט ווערט רעקאָנסטרויִרט די דריטע באַטארייע. אָט אזוי באַנײַען מיר דעם גאַנצן זאַוואָד, אַלץ ווערט מעכאַניזירט און אווטאָמאַטיזירט לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק.

איך רעד וועגן דעם — און ס׳פאַרכאַפּט אַזש דעם אָטעם. איך האָב דאָך געזען אונדזער זאַ־וואָד גלײַך נאָך דער מילכאָמע, ווען ער איז געלעגן אין רויִנען. די מישפּאָכע אונדזערע האָט זיך דעמלט אומגעקערט פון דער עוואַקואַ־ציע. דער וועג פון אוזבעקיסטאַן ביז אונדזער דאָנבאַס איז געווען זייער א לאַנגער. איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט אַף דער מינוט, ווען

באַם מאַרטען־אויוון

איך וועל באטרעטן ווידער די ערד, אף וועלכער מיר זײַנען געוואָרן מיט אלע מענטשן גלײַך. איך בין דעמלט אלט געווען אינגאנצן פופצן יאָר. ארומגענומען מיך בא מײַנע דארע אקסל, האָט מיר געזאָגט דער זאוואָד־וועטעראן איוואן לעאָנטיעוויטש טשורילין, אַנווײַזנדיק אף די רוי:נען:

— דו זעסט, דאָ איז געווען דער רעקטיפיקאציע־צעך, איצטער איז פון אים ניט געבליבן קיין זייכער... מיר וועלן אים אָבער אופשטעלן, און ער וועט ווידעראמאָל זײַן דער בעסטער צעך אפן זאוואָד...

דער טאטע איז שוין דעמלט ניט געווען. נאָר אין טשורילינס ווערטער האָב איך דערפילט פאָטערלעכע צארטקײַט. איך בין געוואָרן זײַן שילער, און די גאנצע צײַט, ביז איך בין געוואָרן א פאכמאן, האָב איך געפילט איוואן לעאָנטיעוויטשעס זאָרג און הילף. דעם צעך האָבן מיר אופגעשטעלט, און דער געהילף פונעם שעף פון צעך גריגאָרי אגייעוויטש מאלצעוו, וועלכער האָט מיך געלערנט דעם פאך, איז סאָפקאָלסאָף אײַנגעגאנגען אף אָנטרויען מיר זעלבשטענדיקע ארבעט:

— נו, די מעלאָכע האָסטו שוין באהערשט, וועסטו זײַן אן אפאראטשיק...

דרײַסיק יאָר איז פאָריבער, זינט איך ארבעט אין מײַן צעך. איצט בין איך שוין אליין א דערצי:ער פון יונגע ארבעטער. באזונדערס שטאָלצירן מיר מיט אונדזערע ארבעטער־דינאסטיעס. מײַנער א שאָכן אין צעך איז דער שלאָסער אלעקסיי טשורילין, איוואן לעאָנטיעוויטשעס זון. וולאדימיר, דעם פראָדוצירמײַסטער פיאָטער קלימינס זון, איז א מאָטאָריסט. אונדז, די פאָרשטייער פון די ארבעטער־דינאסטיעס, פארטרויט מען דעם בעקאָוועדיקן פליכט צו זײַן דערצי:ערס פון דער יוגנט. מיר איז אָנגענעם, וואָס צוזאמען מיט נאָך צוויי זאוואָד־וועטעראנען האָב איך אָנטיילגענומען אינעם געגנטלעכן צונויפלי פון דערצי:ערס און בין באלוינט געוואָרן מיט א דיפלאָם. מײַנע דערצויגלינגען וויקטאָר סטאָליאראָוו און וולאדימיר קוראשאָוו האָבן שוין באהערשט די פראָפעסיע, און אלעקסאנדער סילקא איז אויך, ווי איך, געוואָרן אן אפאראטשיק.

געהערט האָב איך, אז די צי:וניסטן טומלען וועגן דעם, אז בא אונדז אין לאנד באאוולט מען די יי:דן. מע האָט, אפאָנעם, לאנג געדארפט זוכן אזעלכע קונציקע ליגנערס, וואָס זאָלן אזוינס צוטראכטן. אָט בא אונדז אין צעך, לעמאָשל, ארבעטן מענטשן פון פארשיידענע נאצי:אָנאליטעטן, און קיינעם קומט אפילע ניט אפן זינען, אז מע באציט זיך צו אים ניט יושערדיק. אונדזער מײַסטער אלעקסאנדער איסאקאָוויטש לייזעראָוו, אשטייגער, ווען ער איז געקומען אהער גלײַך נאָכן אינסטיטוט, האָט ער קיין שום דערפארונג ניט געהאט. דעריבער האָבן מיר אלע צוזאמען — די קאדראָווע אפאראטשיקעס ניקאָלײַ איוואנאָוויטש טשאשקא, אלעקסיי מיכײַלאָוויטש נעטשיטײַלאָ און איך — גענומען איבער אים שעפטום, און איצט איז א מעכײַע צו קוקן, ווי:אזוי ער ארבעט, און צו זען, וואָס פאר א גאָלדענער אָרגאניזאטאָר ער איז.

מיר האָבן זיך אלע פארברידערט, און מיר לעבן ווי איין פרײַנטלעכע מישפּאָכע. דאָס קאָן מען זען לויט צענדליקער און הונדערטער פראָטים. אין מעשעך פון העכער פערציק יאָר בין איך א דאָנאָר, און ווער קאָן איבערעכענען די מענטשן פון פארשיידענע נאצי:אָנאליטעטן, וועמען מע האָט איבערגעגאָסן מײַן בלוט און געראטעוועט זיי דאָס לעבן! אלס אן אָנדענק וועגן דעם פארהיט איך די מעדאלן „דאָנאָר פון פססר” פון אלע דרײַ מאדרייגעס. בא מיר איז א גוטע ביבלי:אָטעק, אָפט קומען צו מיר ארײַן מײַנע פרײַנט א בלעטער טאָן די ביכער. און ווען דמיטרי פאוולאָוויטש פראָסקורין האָט אָפּגעמערקט זײַן „קײַלעכיקן” געבורטסטאָג, האָב איך אים געשענקט די זעקסבענדיקע רוסישע אויסגאבע פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק — מײַן פרײַנט איז אײַנגעליבט אין דעם גרויסן יי:דישן שרײַבער.

קיין בארימער בין איך ניט, נאָר איין פאקט קאָן איך ניט פארשווײַגן. בא אונדז ליגט ווי א רעליקוויע דער נומער פון דער מאקייעווקער שטאָט־צײַטונג „מאקייעווסקי ראבאָטשי” פארן 8 אפרעל 1973. אף דער ערשטער זײַט — מײַן פאָרטרעט און א לייטארטיקל, וואָס הייסט: „דער אפאראטשיק פונעם צעך אווראָם פרוסין”. אָ, ווי עס וואָלט זיך געפרייט מײַן טאטע, ווען ער וואָלט דערלעבט צו זען, ווי:אזוי מע שעצט די מי פון זײַן זון!

א וואָרט באקומט דער שעף פונעם קאָמבינאט „שאכטיאָרסק־אנטראציט”, קאנדידאט פון טעכנישע וויסנשאפטן אלעקסאנדער אסטראכאן

— די מילכאָמע האָט איבערגעריסן די קינדהײַט פון מײַן דאָר. און מיר האָבן דאָך אזוי געטרוימט גלײַך פון דער שול זיך אָנשליסן אינעם מעכטיקן שטראָם פון דער גרויסער בויונג, וואָס האָט ארומגעכאפּט דאָס לאנד... מיר זײַנען דעמלט נאָך קינדער געווען, נאָר מיר האָבן שוין שטאָלצירט מיט דעם, וואָס אונדזער דאָנבאס איז געשטאנען אף דער פאָדערשטער ליניע פון די ערשטע פינפיאָרן. אף

אויסווייניק האָבן מיר געוווּסט די ביאָגראַפיעס פון אונדזערע בארימטע לאַנדסלײַט — אַלעקסיי סטאַכאַנאָוו, ניקיטאַ איזאָטאָוו, מאַקאַר מאַזײַ, פּיאָטער קריוואָנאָס...

א קליינינקע אָפּווײַכונג:

> שטייען קינדער בא דער שאַכטע,
> יעדעס הערצל פלאַטערט,
> און מע זוכט אַף די פּלאַקאַטן
> נעמען פון די טאַטעס...
> (איציק פעפער, „פלאַסטן")

— דעם טאַטן מײַנעם, זאַלמענען, האָב איך פאַרגעדענקט — א פאַרטאָגנענעם אין דער ארבעט, שטענדיק א גליקלעך־דערהויבענעם. ער פליט ארײַן אַף א האַלבער שאָ אין שטוב אָפּצועסן מיטיק, פרעגט אויס, וואָס בא יעדערן הערט זיך, און בא מיר — ווי גייען מײַנע געשעפטן אין שול, — און ליפט ווידער אוועק אַף דער ארבעט. איך פּרוּוו אים אַמאָל פאַרהאַלטן — שמייכלט ער שולדיקלעך, טוט מיך א גלעט איבערן קעפּל און זאָגט: „וואַרט צו א ביסל, זוניו, אָט וועלן מיר פאַרענדיקן מיט „אָט דעם" (אַלעמאָל רופט ער אָן אַנדער „אָט דעם"), וועל איך זיך באַפרײַען — דעמלט וועלן מיר מיט דיר זיך דורכגיין שפּאַצירן און גוט זיך אָנשמועסן". ס'האָט זיך „פאַרענדיקט" איינס — און עס האָט זיך אָנגעהויבן א צווייטס, און דערנאָך האָב איך דערזען דעם טאַטן אין א מיליטערישער אוניפאָרם: ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע...

זייער וואַרעם האָבן אונדז, די עוואַקויִרטע פון דאָנבאַס, באַגעגנט די סיבירער שאַכטיאָרן פון נאָוואָקוזנעצק. מיט אַלץ האָבן זיי זיך געטיילט מיט אונדז: מיט ברויט, מיט הייצוואַרג, מיט א דאַך איבערן קאָפּ. די עלטערע פון אונדז, אויך נאָך קינדער, האָבן אין די שאַכטעס פאַרביטן יענע שאַכטיאָרן, וועלכע זײַנען געווען אַפן פראָנט. אויך איך בין אוועק אין דער שאַכטע. ווען דער טאַטע האָט זיך דערווּסט וועגן דעם, האָט ער אין א בריוו פון דער פאָדער־ליניע מיך באַגריסט מיטן אָנהייב פון מײַן שאַכטיאָרישער ביאָגראַפיע.

אַך, ווי איך האָב זיך געגריסט מיט מײַן טאַטן — דעם מיליטערישן קאָמיסאַר! ער האָט אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן פאַר קאַווקאַז, באַפרײַט פון די פאַשיסטן נאָוואָראָסייסק, קרים...

אין האַרבסט 1943 איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון די אָקופּאַנטן אונדזער דאָנבאַס. דאָס לאַנד האָט זיך גענייטיקט אין קוילן, און טויזנטער מישפּאָכעס האָבן זיך אופגעהויבן פון די אײַנגעזעסענע ערטער, געקומען אופשטעלן די כאָרעוו געוואָרענע שאַכטעס. פון מיזרעך אַף מײַרעוו האָבן זיך א צי געטאָן עשעלאָנען מיט מענטשן און מיט אויסשטאַטונג. איך האָב אויך זיך אוועקגעלאָזט אַהיים. אינעם עשעלאָן בין איך געווען דער שעף פון א וואַגאָן, א פולן מיט שאַכטיאָרישע לעמפּלעך. דאָס האָבן די קוזנעצקער בארג־ארבעטער אונטערגעטראָגן א מאַטאָנע די דאָנבאַסער שאַכטיאָרן.

א קליינינקע אָפּווײַכונג:

> „...דער עלטערער דעסיאַטניק, וואָס האָט זיי גערופן, האָט געפרעגט, צי זיי האָבן בא זיך די ארבעטער־נומערן, און געהייסן געשווינד לויפן אין „לאַמפּאָווע" און נעמען דאָרטן לעמפּלעך...
> שאַכטיאָרישע לעמפּלעך! טאַקע עמעסע שאַכטיאָרן־לעמפּלעך — שווערע, מיט הענטלעך, מיט זיפּעלעך!.. און מענאַשע מיט אוראָמען האַלטן שוין אין די הענט אָנגעצונדענע שאַכטיאָרישע לעמפּלעך..."
> (מייער אַלבערטאָן, „שאַכטעס").

— יאָ, א שאַכטיאָריש לעמפּל... א פּאָשעט שאַכטיאָריש לעמפּל, און וויפל געפילן רופט עס ביז איצט נאָך ארויס אינעם האַרצן! גרויס איז מײַן היימלאַנד, נאָר פאַראַן אין דעם א קאַנט, וואָס טײַערער פון אים איז ניטאָ אַף דער וועלט. דאָס איז אונדזער דאָנבאַס. בא מיר האָט די פרייד פון אומקערן זיך אַהיים זיך פאַרדאָפּלט דערמיט, וואָס אינגיכן איז געקומען אויך מײַן טאַטע, א פּאָדפּאָלקאָווניק: די מילכאָמע האָט ער פאַרענדיקט אין קעניגסבערג אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם קאָמאַנדיר פון א פּאָלק.

מיט וואָס איך וועל זיך פאַרנעמען ווײַטער, האָב איך שוין געוווּסט. נאָכן פאַרענדיקן די מיטלשול האָב איך אָנגעגעבן די דאָקומענטן אַף אָנקומען אינעם בארג־פאַקולטעט פון דעם דאָנעצקער אינדוסטריעלן אינסטיטוט. און ווען איך האָב דעם אינסטיטוט פאַרענדיקט און מע האָט מיר פאָרגעלייגט א שטעלע אינעם אַפּאַראַט פונעם קאָמבינאַט, האָט מײַן טאַטע — ער איז דעמלט געווען דער פאַרוואַלטער פון אָן אָפּטייל אין געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, — מיר געייצעט:

— הייב אָן פונעם סאַמע אָנהייב. אויב דו וועסט דאָרט, אין שאַכטע, באַרעכטיקן דעם באַרוף, וועט דער קאָמבינאַט פון דיר ניט אַנטלויפן.

דער טאַטע איז, ווי שטענדיק, געווען גערעכט. אָנגעהויבן פון א געהילף פונעם שעף פון א באַצירק אַף דער שאַכטע „פּעטראָווסקאַיאַ", בין איך אַלס בארג־אינזשעניר דורכגעגאַנגען א גרויסן וועג, ביז כ'בין מיט פיר יאָר צוריק באַשטימט געוואָרן פאַרן שעף פונעם קאָמבינאַט „שאַכטיאָרסק־אַנטראַציט".

„א שאַכטע, — האָב איך פאַרגעדענקט, ווי דער טאַטע פלעגט זאָגן, — דאָס איז דערווײַל נאָך אַף א העלפט א ניט אײַנגעצוימטע סטיכיִע. דיר פאַרטרויט מען, ווי אַפן פראָנט, דאָס לעבן פון טויזנטער מענטשן. דו דאַרפסט זײַן א גראַמאָטנע קאָמאַנדיר, אַזוי, אַז דו זאָלסט

קאָנען אָננעמען אַ באַשלוס אויך אין אַן אויסערגעוויינלעכער סיטואַציע, לעמאָשל, ווען עס דראָעט אַ געפאַר. אָבער דו ביסט דאָך, אויסער אַלע זאַכן, אַן אָרגאַניזאַטאָר פון דער פּראָדוקציע. דו דאַרפסט אַזוי אָרגאַניזירן די אַרבעט, אַז אַלץ זאָל גיין, ווי אַ מיזמער, — קוילן זאָלן גיין, און די שאַכטיאָרן זאָלן פאַרדינען אַזוי, ווי עס קומט פאַר אַזאַ ניט לײַכטער מי...

מײַן טאַטע האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט דאָס לעבן אָן אַרבעט. ווען אַפילע די ווונדן און די קאָנטוזיעס האָבן אים אָנגעהויבן ווידער צו מאַטערן, האָט ער די אַרבעט ניט פאַרלאָזט. און זײַן האַרץ האָט ניט אויסגעהאַלטן...

און נאָך געדענק איך, ווען שוין נאָך דער מילכאָמע איז צו אַלע זײַנע שלאַכט־באַלוינונגען צוגעקומען אַן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטספאָן, און אײַנגיכן איז אויך מיר אויסגעפאַלן דאָס גליק צו באַקומען אַזאַ אָרדען, — האָט ער אַ שפּאַס געטאָן:

— וואָדען, דאָס עפּעלע דאַרף ניט פאַלן ווײַט פונעם ביימעלע...

מיט יאָרן שפּעטער האָט די רעגירונג מיך באַלוינט פאַר מײַן אַרבעט אין דער קוילן־אינדוסטריע מיט אַ לענין־אָרדען און מיט אַן אָרדען פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. דער טאַטע האָט ווידער געזאָגט אַזוינס, וואָס האָט זיך פאַרגעדענקט אַפן גאַנצן לעבן:

— נו, יאָ, דאָס איז גאַנץ לאָגיש: די קינדער יאָגן איבער די עלטערן!

צו פינף און צוואַנציק יאָר בין איך געוואָרן דער שעף פון אַ שאַכטע. איך האָב ניט געוואָרט, אַז אָט די שטעלע, וואָס מע האָט מיר פאַרטרויט, וועט אַרויסרופן אַזויפיל געפילן בײַ מײַן טאַטן. ווען איך בין געקומען אַהיים, איז דער טיש געווען יאָמטעוודיק געדעקט. איך האָב פאַרשטאַנען: ס'וועט זײַן אַ שמועס. און דער טאַטע האָט אָנגעהויבן פון אַ וויץ:

— איינער אַ ייִד האָט אָנטיילגענומען אין אַ קאָנקורס אַף פאַרנעמען דאָס אָרט פון אַ דיקטאָר אין דער טעלעוויזיע, נאָר ער איז דורכגעפאַלן — פון קינדווײַז אָן פאַרהיקעט ער זיך, נעבעך. ווען ער האָט זיך אומגעקערט פונעם קאָנקורס, האָט דאָס ווײַב אים געפרעגט: „נו?" — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „וואָס דען, אַ ייִדן וועט מען נעמען פאַר אַ דיקטאָר?!"

— אָט לאַכט איר, — האָט דער טאַטע פאַרגעזעצט, — נאָר איך וויל דאַפקע אײַך אויפמערקזאַם מאַכן אַף אָט דער זאַך, פון וועלכער דאָרטן, אין די אויסלאַנדס, צעבלאָזט מען דעם „יעווריייסקי וואָפּראָס". וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וועלכע זײַנען קראַנק אַף אייגנליבע און זיי זוכן, ווו ס'איז לוינבאַרער און וואָרעמער, און ווען עס גליקט זיי ניט, טײַנען זיי, אַז דאָס איז דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען ייִדן. פאַרשטייט זיך, אַזעלכע מענטשן זײַנען פאַראַן בײַ אַלע פעלקער, אָבער איצט רעדן מיר וועגן ייִדן. איז אָט, די דאָזיקע שלימאַזאַלים זעען ניט די ייִדן — אַרבעטער, מײַסטערס, טראַקטאָריסטן, געלערנטע, גענעראַלן, מעלוכע־מענער, זיי זעען זיך אַליין, זייערע דורכפאַלן, און עס קומט זיי ניט אַפן געדאַנק, אַז אינעם שלימאַזל זײַנען זיי טאַקע אַליין שולדיק. איך, אַשטייגער, האָב דערגרייכט צו מײַן מאַדרייגע אין לעבן אין העסקעם מיט מײַן אַרבעטער־נאַטור און מיט מײַנע פײַיקייטן. דאָס זעלבע דו, מײַן זון. דאָס זאָל זײַן אונדזער ענטפער אַף דעם טומל אַרום דער ייִדן־פראַגע...

און דערנאָך צוגעגעבן:

— בײַ קיין איין מאַכט, אויסער דער סאָוועטישער, וואָלסטו, מײַן זון, וואָס דו ביסט אַ פּאַשעטער ייִדישער באָכער, ניט געוואָרן קיין שעף פון אַ שאַכטע — ניט בלויז צו פינף און צוואַנציק, נאָר אַפילע צו פופציק יאָר!

א קליינינקע אָפּווײַכונג:

> „וואָס שײַעך דער פאַנאַנדערטיילונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג לויטן פאַך, אַלס עקזיסטענץ־מיטל (עס גייט אַ רייד וועגן דער יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, אין באַשטאַנד פון וועלכער ס'איז געווען דער דאָנעצקער באַסיין. — רעד.), כאַראַקטעריזירט זי זיך מיט פאָלגנדע פּראָצענטן: פון האַנדל לעבן 41,11, פון באַדינען די אינדוסטריע 34,14, פון דער לאַנדווירטשאַפט 7,11... פון די 79 שאַכטעס געהערט איינע צו אייגנטימער — ייִדן".
> („ייִדישע ענציקלאָפּעדיע", ב. 7, ז. 500 — 501, — לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1897).

— מײַן זון סערגיי איז אַ סטודענט פונעם דריטן קורס פון דעם באַרג־פאַקולטעט אינעם דאָנעצקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. ס'וועט קומען די צײַט, און איך וועל אים דערמאָנען דעם געבאָט פון זײַן זיידן.

צענדליקער קוילן־שאַכטעס פאַרייניקט דער קאָמבינאַט „שאַכטיאָרסק־אַנטראַציט", צענדליקער טויזנטער שאַכטיאָרן אַרבעטן אין זיי, און זיי האָבן צו טאָן מיט דער נײַסטער טעכניק. פיל ענערגיע און קויכעס דאַרף מען האָבן, קעדיי אָנפירן מיט אַזאַ ריזיקן קאָלעקטיוו.

מײַן ייִנגערער זון לערנט זיך נאָך אין אַכטן קלאַס. אין צוויי יאָר אַרום וועט ער אויך שטיין פאַרן אויסוואַל: וווהין גיין? אַוואַדע וואָלט איך געוואָלט, ער זאָל גיין מיט דעם זעלבן וועג, וועלכן ס'האָט אויסגעקליבן ניט נאָר זײַן טאַטע, נאָר אויך זײַן עלטערער ברודער. אַגעוו, מײַן פרוי איז אויך אַ באַרג־אינזשעניער. נאָר זאָל ער באַשטימען אַליין. דאָס היימלאַנד האַלט פאַר אים אָפן אַלע טירן.

א וואָרט באקומט וולאדימיר גורוויטש — דער שעף פון אן אומבײַט אינעם מארטען־צעך פונעם דאָנעצקער מעטאלורגישן זאוואָד אף לענינס נאָמען

— ווען דער דיקטאָר פון דער צענטראלער טעלעוויזיע פארענדיקט די טראנסלירונג און בעט די צוהערער צושיקן זייערע אָפרופן לויטן אדרעס: מאָסקווע, שאבאָלאָווקע, — איז דאָס פאר מיר ווי אן אײַנלאדונג אין מײַן קינדהײַט: אף אָט דער מאָסקוועער גאס בין איך געבוירן געוואָרן מיט זיבן און דרײַסיק יאָר צוריק. עמעס, דעם טאטן האָט מען שפעטער אריבערגעפירט אף ארבעט קיין קיִעוו, און די שול האָב איך שוין פארענדיקט דאָרט, אין דער הויפטשטאָט פון אוקראיִנע...

זינט איך בין געקומען צום פארשטאנד, האָט מיך אָנגעהויבן צו קימערן מײַן וווקס: אלע קינדער פון מײַן עלטער האָבן געקוקט אף מיר פון אויבן אראָפ:

— זע נאָר דאָס שנעקל!..

דערפאר אָבער האָט די נאטור מיר געשענקט א שטארקע שטים און א גוטן געהער, און דאָס העלפט מיר זייער אין מײַן פאך פון א שטאָלגיסער.

דעם מאנגל אין וווקס האָב איך זיך געסטארעט צו קאָמפענסירן מיט פיזישער קראפט, און כ'האָב אײַנגעשפארט זיך פארנומען מיט ספאָרט. באזונדערס האָב איך ליב ספרינט. ווען מײַן מאמע האָט זיך דערוווּסט, אז ספרינט — דאָס איז לויפן אף קורצע דיסטאנציעס, האָט זי זיך זייער דערפרייט.

— אויב אזוי, בין איך רויִק, דו וועסט ווײַט פון אונדז ניט אנטלויפן, — האָט זי געשפאסט.

ספרינט — דאָס איז קורצע רעגעס פון האסטיקײַט, אין וועלכע דו לייגסט ארײַן אלץ: קויעך, כאראקטער, ווילן. מײַן טרענירער איז געווען צופרידן — איך האָב פארנומען דאָס דריטע אָרט אף די רעפובליקאנישע שילערפארמעסטונגען, געווען דער טשעמפיִאָן צווישן די יוניִאָרן פון דער ספאָרט־געזעלשאפט „אוואנגארד”, אָנטיילגענומען אין דער יוגנטלעכער זאמל־קאָמאנדע פון אוקראיִנע.

דער גײַסט פון פארמעסטונג האָט מיר געבראכט אויך דערגרייכונגען אין דער לער: די שול האָב איך פארענדיקט מיט א גאָלדענער מעדאל.

דאָ ניט לאנג, בייס איך און מײַן פרײַנט, דער שטאָלגיסער, דעפוטאט פונעם אויבער־סאָוועט פון אוקראיִנע לעאָניד סאמאָקיש זײַנען געווען געסט אף א פיִאָנערישן סבאָר, האָט מען מיך געפרעגט, וויִאזוי איך בין געוואָרן א שטאָלגיסער און צי איך האָב וועגן דעם געטרוימט אין דער קינדהײַט. מעגלעך, אז לויט די פעדאגאָגישע קלאָלים וואָלט איך געדארפט ענטפערן, אז יאָ, איך האָב געטרוימט, אָבער זאָגן א ליגן האָב איך ניט געקאָנט, ביפראט נאָך, אז אפן סבאָר איז געווען אויך דער זעקסטער קלאס „ב” פון דער צווייטער מיטלשול, אין וועלכן עס לערנט זיך מײַן טעכטערל. נאָר, צוריק גערעדט, בין איך ניט באגאנגען קיין אוולע בענעגייע דער פעדאגאָגיק, ענטפערנדיק, אז א שטאָלגיסער בין איך געוואָרן גאנץ צופעליק.

שטעלט זיך פאָר: איך האָב שוין דעם אטעסטאט, דערבײַ מיט גאָלדענע אויסיעס אפן טאָוועלע, און באנאנד מיט אים — א צײַגעניש וועגן פארענדיקן א מוזיקאלע שול לויטן קלאס פידל. און אָפן זײַנען אלע טירן — קלײַב אויס, וואָס נאָר דאָס הארץ גלוסט... נעם איך און דערלאנג די דאָקומענטן דאפקע אין א מיליטער־טעכנישער אקאדעמיע!

אלס מעדאליסט, האָב איך געדארפט אויסהאלטן בלויז דרײַ אויספרווו־געשפרעכן מיט דער אופנאם־קאָמיסיע לויט די הויפט־קעגנשטאנדן און דורכגיין א מעדיצינישע קאָמיסיע. פאר מײַנע קענטענישן בין איך געווען אבסאָלוט רויִק, און די פאָרשונג פונעם געזונט — ס'איז דאָך גאָרנישט מיט נישט. און דאפקע אָט דער „גאָרנישט מיט נישט” האָט מיך אונטערגעפירט: לאָזט זיך אויס, אז די ריִע הינקט בא מיר אונטער. צוערשט האָב איך אפילע געטראכט פראָטעסטירן, נאָר ספעציִאליסטן האָבן מיך ערנסט געוואָרנט, אז פריִער אָדער שפעטער, נאָר איבער דער ריִע וועט מען מיך לאנג ניט האלטן אין דער ארמיי. האָב איך ניט געהאט קיין אנדער ברײרע, ווי צונעמען די דאָקומענטן.

ביז וואָס־ווען, האָט זיך אין אלע קיִעווער הויכשולן דער אופנאם פון אביטוריענטן פארענדיקט. וואָס טוט מען? איך געדענק שוין ניט, ווער עס האָט מיר אונטערגעזאָגט, אז אינעם דאָנעצקער פאָליטעכנישן אינסטיטוט נעמט מען נאָך אָן דאָקומענטן — בין איך באלד געקומען קיין דאָנעצק און בין אָנגענומען געוואָרן אפן מעטאלורגישן פאקולטעט.

ווען איך וואָלט אויסגעקליבן אוויִאציע — איז נאָר דעם פאך פון א פליִער. וואָלט איך געגאנגען אפן פלאָט — איז נאָר אלס שטורמאן. וואָלט איך אוועק אף א שאכטע — איז נאָר אין שטרעק. פארוואָס? לויט דעם זעלבן פרינציפ, וואָס דער ספרינט האָט אין מיר דערצויגן: ניט בלויז גיין פאָרויס, נאָר אומבאדינגט אפן סאמע שווערן, פירנדיקן באצירק. און איך זע

וולאדימיר גורוויטש:
„...מיר זײַנען די שעפער פון מעטאל און שטייען אפן רעכטן פלאנג פון דער סאוועטישער אינדוסטריע...‟

אין דעם ניט קיין בארימערײַ, קיין פארלאנג מיט עפעס זיך אויסצוטיילן.

אט אזוי האט דער עלעמענט פון צופעליקײַט געלייזט מײַן גורל, און איך בין גליקלעך, ווײַל זיך פארשטעלן, אז איך ארבעט אף עפעס אן אנדער געביט, ניט אין דער מעטאלורגיע, קאן איך פאשעט ניט. די ראמאנטיק פון אונדזער פראפעסיע איז ניט קיין פארבײַגייענדיקע. מיר זײַנען די שעפער פון מעטאל און שטייען אפן רעכטן פלאנג פון דער סאוועטישער אינדוסטריע. איך וויל דערמיט, כאלילע, ניט אנרירן דעם קאוועד פון אנדערע פראפעסיעס, נאר ווען איך וואלט געטראכט אנדערש, וואלטן מיר דאס ניט מויכל געווען מײַנע פרײַנט, די שטאלגיסער.

געוויינלעך, ווען איך זאל ניט געווען פארענדיקן דעם אינסטיטוט, וואלט איך ניט געווארן דער, וואס איך בין, נאר די אויספארמירונג אלס מעטאלורג איז פארגעקומען באם מארטען. דעם ערשטן פרווו האב איך געמאכט, זײַענדיק נאך א סטודענט, בא דעם מײַסטער פון א שמעלץ־אויוון וויקטאר פאליאקאוו. ער האט מיך דעמלט באשטימט אלס דריטן געהילף. דער דריטער געהילף בא א שטאלגיסער — דאס קלינגט ניט זייער געשמאק. נו, געוויינלעך, אויב נעמען אין אכט, אז דער דריטער געהילף — דאס איז א מין אונטערקערער באם אויוון, און זײַנע פליכטן באשטייען אין דעם, וואס ער טוט מיט דער לאפעטע א נעם וואס מערער אנטראציט־קוילן אוןווארפט אין אויוון ארײַן וואס ווײַטער.

— קימער זיך ניט, וואווקע, — האט מיך געטרייסט פאליאקאוו, — אלע האבן מיר אזוי אנגעהויבן. ווארפן — ווארף, נאר וויאזוי מיר ארבעטן, קוק זיך צו!

מיך האט ווידעראמאל אויסגעלייזט דאס, וואס כ'האב זיך פארנומען מיט ספארט. איך בין ניט געפאלן פון די פיס, כ'האב מיט אזא אזארט געשארט דעם שלאק פון אונטער דעם אויוון, אז די גאנצע בריגאדע האט גלײַך אנגעהויבן צו קוקן אף מיר, ווי אף א געבוירענעם געהילף.

— דו הער זיך גוט צו, — האט מיט מיר ווײַטער געקנעלט מײַן דערציִער, — אויב דו ביסט שוין יא א מוזיקאנט, איז הער זיך צו. דער אויוון איז געגליכן צו א מענטשן, ער אטעמט. און לויט דעם, ווי ער אטעמט, קאן מען גאנץ ריכטיק באשטימען, וויאזוי עס האלט מיט זײַן געזונט. דו הערסט? דאס הודעט דער פאקעל. פארגעדענק: אט אזוי הודעט א געזונטער אויוון, ווען אינעם געמיש איז פאראן סײַ לופט, סײַ גאז אין דער נייטיקער פראפארץ. האלטסטו ניט אויס די פראפארץ — איז דער קלאנג שוין גאר אן אנדערער. דאס קלאגט זיך דער אויוון אפן געזונט. דעמלט איז א גוטער שטאלגיסער דער בעסטער דאקטער פאר אים — ער וועט אים אונטערוווארפן לופט און געבן גאז וויפל מע דארף. האסט פארשטאנען?

ווען איך האב פארענדיקט דעם אינסטיטוט און אנגעקומען אין מארטען־צעך פונעם דאנעצקער מעטאלורגישן זאוואד, האט דער ערשטער מיט מיר געשמועסט דער שעף פונעם צעך אלעקסאנדער וולאדימיראוויטש מאלאכא.

— נו, אין א גוטער שא, — האט ער געזאגט, — איך דארף טאקע האבן א מײַסטער.

— און עפשער קאן מען ניט אלס מײַסטער, נאר בא דעם אויוון זיך שטעלן? — האב איך אים געבעטן.

ער האט א שמייכל געטאן:

— א, דיר האט זיך פארגלוסט ראמאנטיק? זיך אנגעלייענט מיט ביכלעך? — נאר זעענדיק, אז איך האב זיך באליידיקט, האט ער געביטן דעם טאן: — גוט, וועסט גיין צו אנאטאלי פיאדאראוויטשן, נעם זיך אן מיט דערפארונג, וועלן מיר דיר געבן א בריגאדע.

אנאטאלי פיאדאראוויטש סעווערין איז דעמלט געווען דער בריגאדיר באם צעגיסן שטאל. איצט, נאכן פארענדיקן דעם טעכניקום, איז ער

א מײַסטער אין מײַן בריגאַדע, נאָר דעמלט, נאָך א „גרינעם", האָט מען מיך געשטעלט צו אים אלס שילער.

— זאָלסט נאָר ניט טראַכטן, — האָט מיר געזאָגט סעוועריִן, — אז אונדזער זאַך איז עפּעס א צווייטראַנגיקע. מיר, די צעגיסער, נעמען ניט נאָר א דירעקטן אָנטייל אין דער שמעלצונג, נאָר פאַריכטן אָפט אפילו די בלויזן פון די שטאָלגיסער. דער מעטאַל קאָן גײן א ניט דערוואַרעמטער אָדער אָן איבערגעוואַרעמ־טער, אין אַזעלכע פאַלן קערן מיר אים אום, מע זאָל אים איבערקאָכן, ווײַל אין דער טעמ־פּעראַטור באַשטייט די קוואַליטעט...

און כ'האָב זיך געלערנט. מײַן זאַך איז געווען צו באַשטימען די צאָל פון מעטאַל און פון שלאַק אינעם קאָוש, צעגיסן די מאַסע אין די פאָרמען, קעדיי אָפּן בלומינג זאָל שטענדיק אָנקומען א סטאַנדאַרט געשמעלץ, די קאָכעדי־קע מאַסע זאָל ניט צושטיין צו די ווענטלעך פון דער פאָרמע, זי זאָל זיך, ווי מע זאָגט אַף אונדזער מעטאַלורגישן לאָשן, ניט „פאַר־וויקלען", ווײַל פון אָט דעם אַלעמען הענגט אָפּ די קוואַליטעט פונעם פּראָקאַט.

און ווען אין צוויי וואָכן ארום האָט מיך ארויסגערופן דער שעף פונעם צעך און געזאָגט, איך זאָל נעמען אַף זיך די בריגאַדע און אַר־בעטן שוין זעלבשטענדיק, האָב איך דערפילט, אז אין א היפּשער מאָס בין איך צו דעם צוגע־גרייט.

און דאָך, שוין אינעם ערשטן אומבײַט האָב איך טאַקע זעלבשטענדיק... געפּאַטערט צוועלף טאָן מעטאַל. וויאַזוי איך האָב עס איבערגע־לעבט, קאָן מען זיך פאָרשטעלן. קוקנדיק אַף די פאַרקריפּלטע שטיקער געשמעלץ, האָב איך, קאָן מען זאָגן, געהערט, ווי ארום מיר טראָגן זיך די קלאַנגען פון שאָפּענס טרויער־מאַרש: איך בין דאָך פאַרט געווען א שטיקל מוזיקאַנט!.. ס'איז צוגעגאַנגען מאַלאַכאַ.

— נו, מיילע, — האָט ער געזאָגט, — ס'איז עפּשער אפילו פּינקטלעך צום אָרט: עס פעלט אונדז עטוואַס צום פּלאַן פון מעטאַל־ברוך, וועט עס זײַן א מין קאָמפּענסאַציע.

— אוואַדע! — האָבן זיך צעלאַכט די אַרבע־טער, אונטערמונטערנדיק מיך.

דער צעך האָט געגעבן בראַק — איז עס פאַרן פּלאַן א העזעק. פון אים זײַנען קלענער געוואָרן אויך די פאַרדינסטן פון מײַנע כאַווײ־רים. די אָנפירער פונעם צעך, דער זעלבער מאַלאַכאַ, וועלן מוזן זיך געזעגענען מיט דער פּרעמיע. אָבער זיי אלע האָבן געמאַכט אן אָנשטעל, ווי ס'וואָלט גאָרנישט ניט געשען. מיך האָט עס שטאַרק געאַרט, נאָר צוזאַמען דערמיט האָט זיך מיר געוואָלט מאַמעש זינגען: סאַראַ פרײַנט עס רינגלען מיך ארום!

צוויי יאָר בין איך געווען בריגאַדיר לויט שטאָל־צעגיסונג, דערנאָך א יאָר — מײַסטער אין דער גאַז־ווירטשאַפט, דרײַ יאָר — מײַסטער באַם אויוון, און אָט שוין אין מעשעך פון זעקס יאָר בין איך דער שעף פון אַן אומבײַט.

אַלעקסאַנדער וולאַדימיראָוויטש מאַלאַכאַ, וועלכער האָט מיר געהאַט פאַרגעלייגט צו ווערן א מײַסטער, האָט אין 1963, געבנדיק מיר א רעקאָמענדאַציע אין פּאַרטיי, געזאָגט:

— און איך האָב דעמלט טאַקע בעעמעס גע־מיינט, אז דײַן ראָמאַנטיק איז גענומען פון די ביכער, כאָטש איך האָב געוווּסט, אז דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַספּיראַנטור און זיך געבעטן אין צעך אַרײַן. איצטער וועלן מיר מיט דיר זײַן אויך כאַווײרים לויט דער פּאַרטיי. מענטשן לעבן ניט אייביק, און מיר איז אָנגע־נעם צו טראַכטן, אז דו, מײַן שילער, וועסט פאַרזעצן די זאַך פון מײַן גאַנץ לעבן — קאָכן שטאָל...

איצט איז ער שוין ניטאָ, אַלעקסאַנדער וולאַדימיראָוויטש, נאָר אָט דעם געשפּרעך האָב איך פאַרגעדענקט אַף שטענדיק.

ס'איז פּאַשעט אומעגלעך איבערצוגעבן מיט ווערטער, וויפל געפילן עס ווערן געבוירן און וואָס פאַר א באַגײַסטערונג כאַפּט ארום, ווען דו זעעסט דעם צעבושעוועטן פלאַם פונעם מאַר־טען, וויאַזוי עס טוט א שטראָם דאָס קאָכנדיקע נאַרוואַס געבוירענע שטאָל!

שטאָל און מוזיק — אין דעם איז מײַן לעבן. יאָמטעוו־צײַט אָדער בייס מע מערקט אָפּ א וויכטיקע געשעעניש, און מיר זאַמלען זיך צונויף מישפּאָכעווײַז בא איין טיש — קאָן מען אָן מוזיק זיך ניט באַגיין. ס'איז שוין געוואָרן א טראַדיציע: אַלעמאָל דערהערט זיך עמעצנס א קאָל:

— נו, מאַעסטראָ, גיב לאָשן!

„מאַעסטראָ" — דאָס מיינט מען מיך. איך פּרוּוו, געוויינלעך, אויך לויט דער טראַדיציע, מאַכן אַן אָנשטעל, אז, קלוימערשט, איך קווענקל זיך, נאָר איך נעם ארויס מײַן פידל און הייב אָן צו שפּילן. אויב דאָס איז בא מיר אין דער היים, זעצט זיך צום אינסטרומענט מײַן טאָכטער — זי איז מײַן „פּערזענלעכער אַקאָמפּאַניאַטאָר". צוערשט שפּילן מיר באַקאַנ־טע מעלאָדיעס פון זינג־לידער, דערנאָך גייען מיר אַריבער צו דער קלאַסיק. איך זע, ווי מײַנע צוהערער ווערן אַלץ ערנסטער, הערנדיק קאַבאַלעווסקיס פידל־קאָנצערט, לעמאָשל. אַף עמעצנס אויגן באַווײַזט זיך א טרער, און אויך מײַנע אויגן ווערן פײַכט. דאָס נעמט זיך פון דער האַרמאָניע, וואָס הערשט אָט דאָ, אין דער וועלט פון מוזיק, און דאָרטן, אין צעך, אינעם קיניגרײַך, ווו עס ווערט געבוירן מעטאַל!

קוקט זיך אײַן אין די פּנעמער פון מײַנע

פּרײַנט, פאַרברענטע פון „צוויי זונען״ — דער עמעסער און דער זון פונעם מאַרטען. וויפל מוט, וויפל איידלקײַט! דערוויסט זיך, וויפל סייכל זיי לייגן אַרײַן אין זייער אַרבעט און וויפל כאָכמע שפּרודלט פון יעדן זייער וואָרט. דערפילט זייער פלייצע פון פרײַנטשאַפט און פאַרברידערטקײַט, באַגרײַפט זייער נאַטירלעכן אינטערנאַציאָנאַליזם, זייער אופריכטיקע סאָלידאַריטעט און זייער אַרבעטער־שטאָלץ. דאָס זײַנען עכטע באַלעבאַטים פונעם פרײַער־ברויזנדיקן שטאָל, וואָס זיי קאָכן, — שטאָלגיסער! לעקאָוועד זיי זינגט מען לידער, מע באַווײַזט זיי אָף די בינעס פון טעאַטערס, מע שרײַבט וועגן זיי ביכער. און ווען איר וועט זיך דורכדרינגען מיטן געפיל פון קאָוועד צו זיי, ווען איר וועט פאַרשטיין, וואָס פאַרא מענטשן דאָס זײַנען, וועט איר אויך באַגרײַפן די פרייד און דעם שטאָלץ, מיט וועלכע ס׳איז איבערגעפולט מײַן האַרץ. איך שטאָלציר, ווײַל כ׳בין אויך צווישן זיי!

א וואָרט באַקומט באָריס פּאָגרעבעזשינסקי — דער בריגאַדיר פון דער שאַכטע־פאַרוואַלטונג אָף גאָרקיס נאָמען פונעם קאָמבינאַט „דאָנעצק־אוגאָל״

— איך האָב געהאַט איינעם א באַקאַנטן, האָט ער דאָס גאַנצע לעבן געזוכט, ווו עס איז לײַכטער און ווו מע קאָן אָפּלעקן א פעט ביינדל — אַלץ געשלעפּט צו זיך, און פאַר אַנדערע אָן א מיין גאָרנישט ניט געטאָן. אַנומלטן האָב איך אים אַרויסגעזאָגט דעם גאַנצן עמעס, וואָס איך טראַכט וועגן אים, — האָט ער זיך אָף מיר אַרופגעוואָרפן:

— אַז דאָס פירט זיך שוין אַזוי אין גאָר דער וועלט! מע דאַרף זיך ראַק האַלטן אין איין צופּאַסן זיך, אַנדערש ביסטו א פאַרפאַלענער מענטש. אָט נעמען דיך, אַשטייגער. האָסט שוין, קיין אײַנהאָרע ניט, קימאַט דרײַ צענדליק יאָר סטאַזש פון אַרבעטן אונטער דער ערד — וואָס זשע האָסטו דערגרייכט אין לעבן? א האָרעפּאַשניק געוועזן — א האָרעפּאַשניק פאַרבליבן...

שפּעטער איז מיר געוואָרן לעכערלעך, וואָס איך האָב אָף זײַנע ווערטער זיך באַליידיקט. ניט אין קאַס ווערן אָף אים האָט מען געדאַרפט, נאָר ראַכמאָנעס האָבן אָף אים.

נו, זאָל זײַן אַזוי: מײַן זיידע האָט ביז דער רעוואָליוציע די גאַנצע צײַט געזוכט זײַן גליק, אַפילע קיין אַמעריקע נאָך אָט דעם אויסגעטרוימטן גליק זיך אַוועקגעלאָזט. אַכט כאַדאָשים זיך אָפּגעוואַלגערט אין דער דאָזיקער אַמעריקע — און זיך אומגעקערט אַהיים. דאָס איז געוועזן פאַר דער רעוואָליוציע. איצט דאַרף א מענטש א האָרעפּאַשניק קיין גליקן ניט זוכן — עס גייט צו אים אין די הענט אַרײַן. געוויינלעך, ווען דאָס איז אַן עמעסער האָרעפּאַשניק און ניט קיין ליידיקגייער. בא אונדז ווערט א מענטש אָפּגעשאַצט לויט זײַן אַרבעט און לויט דער נוץ, וואָס ער ברענגט דער געזעלשאַפט.

באָריס פּאָגרעבעזשינסקי:
„...אָט אַזוי לעב איך, א פּראָסטער שאַכטיאָר, א געבוירענער אין א האָרעפּאַשנער ייִדישער מישפּאָכע... מיר, דער אַרבעטער־קלאַס, זײַנען גאָר אָף א הויכן שטאַפּל פון דער געזעלשאַפט...״

פון די 28 יאָר, וואָס איך בין א שאַכטיאָר, האָב איך 18 יאָר געאַרבעט אָף דער שאַכטע 2/7 „לידיִעווקאַ״ (זי גייט איצט אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער שאַכטע־פאַרוואַלטונג אָף גאָרקיס נאָמען). די גאַנצע צײַט אין איין בריגאַדע מיט מיכאַיִל לישאָפּן, יאָסיף סאַמאָילאָוון און שאַריף גאַדזשיִעוון. קוילן האָבן מיר פאַר אָט דער צײַט אַרויסגעגעבן אַזויפיל, אַז מיר האָבן שוין דעם כעזשבן פאַרלאָרן...

פאַראַן א פּאָפּולערע רוסישע זינג־ליד „פון וואָס הייבט זיך אָן דאָס היימלאַנד?״. בא מיר האָט זיך דאָס היימלאַנד אָנגעהויבן פון דאָנעצק, ווו איך בין געבוירן געוואָרן, פונעם דאָרף אולאַקלי, מאַריִנער ראַיאָן, וווּהין מיר זײַנען אַריבערגעפאָרן גלײַך נאָך דער מאַמעס טויט. באַזונדערס טיף האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס עס איז אַזוינס היימלאַנד, אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו אונדזער דאָרף, בין איך אַלט געוועזן דרײַצן יאָר. דער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט איז געווען א גריך לויט דער נאַציאָנאַליטעט, א מענטש מיט א גאָלדן האַרץ. איינמאָל אָפּדערנאַכט קומט

ער אַרײַן צו אונדז אין שטוב, זעצט זיך צו צום טיש און זאָגט צום טאַטן:

— נו, מוסיי, קלײַב זיך מיט די זין אין וועג אַרײַן. מיר האָבן באַשטימט אָפּטרײַבן דאָס קאָל־ווירטישע פּי אויף מיזרעך, עס זאָל ניט אַרײַנ־פאַלן אין דעם סוינעס הענט...

ראַטעווען דאָס פּי איז, נאַטירלעך, געווען אַ נייטיקע זאַך, נאָר דער פּאַרזיצער פון קאָל־ווירט האָט אויך געהאַט אין זינען צו געבן אונדז אַ מעגלעכקײַט זיך עוואַקויִרן די ערש־טע — מיר זײַנען דאָך געווען די איינציקע ייִדישע מישפּאָכע אין דאָרף, און וואָס עס וואָלט מיט אונדז געשען, איז ניט שווער געווען זיך פאָרצושטעלן.

דאָס גאַנצע דאָרף האָט אונדז אַרויסבאַ־גלייט, מע האָט אונדז געגעבן עסנוואַרג אויפן וועג און געווונטשן אַלדאָס בעסטע.

דאָס פּי האָבן מיר געטריבן דורכן סטעפּ, מיט אַ זײַטיקן וועג. מיר האָבן עס געבראַכט קיין גאַראַדישטשע — אַ ראַיאָן־צענטער אין סטאַלינגראַדער געגנט. דער טאַטע איז גלײַך אוועק אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט, און אונדז, די קינדער, האָט גענומען צו זיך אַ רוסישע מישפּאָכע. אינעם אָרטיקן קאָלווירט האָט מען אונדז ביידן אײַנגעאָרדנט אויף אַרבעט. אָבער אײַנגיכן האָט די מילכאָמע זיך דערקײַקלט אויך אַהער. און נאָכאַמאָל האָבן מיר, איך און מײַן ברודער, געטריבן דאָס פּי — איצטער שוין ביזן סאַמע אוראַל.

אין אַ צײַט אַרום איז אויך מײַן ברודער אוועק אויפן פראָנט. ווי נאָר זײַן טייל האָט באַפרײַט דאָנבאַס, האָט ער מיר וועגן דעם אָנגעשריבן. דעם לעצטן בריוו האָט פּיניע אָפּגעשיקט פון מיזרעך־פּרײַסן. דאָרט האָט אים געטראָפן אַ פאַשיסטישע קויל.

אין 1945 האָט דער טאַטע זיך אומגעקערט פונעם פראָנט און אַרויסגערופן מיך אַהיים, קיין אולאַקלי. לעצאַכילע האָב איך געאַרבעט אין קאָלווירט, דערנאָך, ווען דאָנבאַס האָט גערופן צו זיך יונגע הענט, בין איך געוואָרן אַ שאַכטיאָר. בײַס איינעם אַ באַזוך אין אולאַקלי האָב איך זיך באַקאַנט מיט מײַן וואַלענטינען, וועלכע איז געקומען צוגאַסט צו איר מוטער, און געוואָרן איז זי מײַן „שאַכטיאָרעטשקע“.

יאָרן לויפן, יאָרן יאָגן. דער עלטערער זון אונדזערער, אַלעקסאַנדער, אַ סערזשאַנט, דינט איצט אין אַרמיי — ער איז אַ דעסאַנטלער, אַן אויסגעצייכנטער ספּאָרטסמען, פאַרמאָגט ראַז־ריאַדן לויט עטלעכע מינים ספּאָרט. אַ קרעפּטי־קער וואַקסט אויך דער ייִנגערער, איגאָר — דערווײַל איז ער נאָך אַ שילער. ביידע זין זײַנען, פאַרשטייט זיך, קאָמסאָמאָלצעס.

די קינדער האָבן מיר ניט געבאַלעוועט, נאָר ווען זיי זײַנען אונטערגעוואַקסן, האָט וואַלענ־טינע פאַרלאָזט די אַרבעט אין שאַכטע: זאָלן די פאַרדינסטן זײַן קלענער, דערפאַר אָבער וועט די מאַמע האָבן מער צײַט אויף צו דערציִען די קינדער.

אָט אַזוי לעב איך, אַ פּראָסטער שאַכטיאָר, אַ געבוירענער אין אַ האָרעפּאַשנער ייִדישער מישפּאָכע. ניט אַלע מענטשן קאָנען און דאַרפן ווערן געלערנטע אָדער קאָסמאָנאַווטן. און יענע, וועלכע דערגרייכן עס, פאַרשטייען, מיסטאָם, אַז מיר, דער אַרבעטער־קלאַס, זײַנען גאָר אויף אַ הויכן שטאַפּל פון דער געזעלשאַפט...

יאָ, איך האָב פאַרגעסן צו דערציילן וועגן נאָך איין זאַך. יענער באַקאַנטער מײַנער, וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט אין אָנהייב, האָט מיר מיט אַ פּאָר יאָר צוריק גענומען אַרײַנשעפּטשען אין אויער, אַז דאָס עמעסע גליק פון יעדן ייִדן איז אין ייִסראָעל. דאָס לעבן האָט מיך אויסגע־לערנט דערגיין מיטן אייגענעם סייכל, וואָס עס איז גוט און וואָס שלעכט. אַזוי איז געווען אויך אין דעם דאָזיקן פאַל. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אָט דער ייִד ווינטשט מיר ניט קיין גוטס. ווײַל וואָס באַקומט זיך דאָ? איך האָב אַ ווײַב, קינדער, אַ שטוב מיט קאָלטווו, אַ זעלטענעם פאַך און באַוואָרנטע אַרבעט; איך האָב מיר מײַן היים און מײַן היימלאַנד... ווי קאָן מען פאַרלאָזן די ערד, אויף וועלכער דו ביסט אויס־געוואַקסן און וועלכע האָט דיר געגעבן דאָס לעבן? ווי קאָן מען אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף דעם היימלאַנד, וואָס האָט דיך דערצויגן און וועלכן, וויפל דו וועסט לעבן, וועסטו שטענדיק בלײַבן אַ באַלכויוו? ווי קאָן מען זיך צעשיידן מיט אַזעלכע גוטע פרײַנט, מיט ווע־מען דו גייסט פון געבוירן אָן האַנט־בײַ־האַנט?

נאָך האָט מיר געזאָגט דעמלט יענער באַקאַנ־טער:

— אויב דו האָסט, זאָגסטו, באַ „זיי“ גרויס קאָוועד, פאַרוואָס זשע נעמען „זיי“ דיך ניט אַרײַן אין דער פּאַרטיי?

פריִער האָב איך געטראַכט, אַז איך האָב נאָך דערווײַל ניט פאַרדינט צו זײַן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. נאָר איצט בין איך אוועק צו מײַנע פרײַנט — זיך אויסיי־צענען. דער שעף פונעם באַצירק און דער פּאַרטאָרג האָבן מיר געזאָגט:

— גיב אָן אַ מעלדונג, באָריס מאָיסייעוויטש. אויף וויפל מיר קענען דיך שוין אַזויפיל יאָרן, איז טאַקע אָן אוולע, וואָס דו ביסט ביז איצט ניט קיין קאָמוניסט. ביידע וועלן מיר דיר מיט פאַרגעניגן געבן רעקאָמענדאַציעס.

אָט אַזוי האָבן זיי געזאָגט: „מיט פאַרגעניגן“!

איצט איז צו אַלע מײַנע פריידן צוגעקומען נאָך איינע — די גרעסטע: איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אַ וואָרט באַקומט אַלעקסאַנדער לאַפּידוס — קוילנהעקער אין דער שאַכטע־פֿאַרוואַלטונג „מושקעטאָווסקאַיע"

— מיר איז ניט אויסגעקומען זיך צו באַגע־גענען מיט יענע, וועלכע האָבן זיך געפּאַקט אַף דער ציִוניסטישער ווענטקע און האָבן פֿאַרלאָזט אונדזער היימלאַנד. איך קען זיי ניט און וויל זיי ניט קענען. איך האַלט, אַז קיין מיטלײַד פֿאַרדינען זיי ניט. מיר איז בלויז אַ ראַכמאָנעס אַף זייערע קינדער, בײַ וועלכע מע נעמט אָפּ דאָס סאָציאַליסטישע היימלאַנד.

איך קוק אַף מײַנע זין און פֿריי זיך, וואָס זייער קינדהייט איז מיט גאָרנישט ניט פֿאַר־וואָלקנט. ביידע לערנען זיי זיך: דער עלטערער אין זעקסטן קלאַס, דער ייִנגערער — אין צווייטן. דער עלטערער באַזוכט אויך די מוזי־קאַלע שול, דער ייִנגערער — אַ באַלעט־קרײַזל אינעם פּיאָנערן־פּאַלאַץ. מאַטעריעל לעבן מיר פֿאַרמעגלעך.

אַלץ, וואָס מיר פֿאַרמאָגן, איז דעראָבערט מיט ערלעכער מי. אונדזער מישפּאָכע האָט געוווינט אין מאָסקווע. דער טאַטע איז געווען אַ קאַסיר, די מאַמע אַ שטוב־באַלעבאָסטע. דער טאַטע איז געשטאָרבן אין 1942, עטוואָס שפּע־טער — די מוטער. די עלטערע ברידער מײַנע זײַנען אינעם ערשטן טאָג פֿון דער מילכאָמע אַוועק אַפֿן פֿראָנט. איך בין געבליבן אַליין, און מע האָט מיך אײַנגעאָרדנט אין אַ קינדערהיים. אַ סאַך אַזעלכע קינדער, ווי איך, זײַנען גע־בליבן אָן עלטערן, נאָר יעסוימים זײַנען מיר ניט געווען — וועגן אונדז האָט געזאָרגט דאָס היימלאַנד.

אין 1944 בין איך מיט שכיינים אַריבערגע־פֿאָרן קיין כאַרקאָוו און אָנגעקומען אין אַ האַנט־ווערקער־שול. נאָר ווען אין צוויי יאָר אַרום האָט זיך אומגעקערט פֿון דער אַרמיי מײַן עלטערער ברודער, האָט ער מיך געבראַכט צוריק קיין מאָסקווע. סעמיאָן האָט פֿונעם 1938 געאַרבעט אַלס שלאָסער אַפֿן ערשטן זיי־גער־זאַוואָד און האָט אויך פֿאַרענדיקט אַ פֿאַב־ריק־זאַוואָדישע שול. אינצווייען איז דאָס לעבן אַוועק פֿריילעכער. איך בין געוואָרן אַ שלאָסער־מאָנטאַזשלער אין „מעטראָסטראָי". אינגיכן איז געקומען די צײַט אָוועקצוגיין אין דער אַרמיי. פֿאַרענדיקט די דינסט, בין איך לויט אַ קאָמיו־גישער פּוטיאָווקע געקומען צו פֿאָרן קיין דאָנ־באַס. עטלעכע יאָר אָפּגעאַרבעט אין אַ בוי־פֿאַרוואַלטונג, דערנאָך געוואָרן אַ קוילנהעקער אין שאַכטע, וווּ איך אַרבעט ביזן הײַנטיקן טאָג.

די שאַכטיאָרישע מי איז ניט קיין לײַכטע, נאָר אַ בעקאָוועדיקע. אין דער שאַכטע פֿילט מען בעסער, ווי ערגעץ־ווּוּ, די פֿרײַז פֿון עכטער פֿרײַנטשאַפֿט, כאַווערשאַפֿט, קעגנזײַטיקער הילף. אַ שאַכטיאָרישער קאָלעקטיוו צעמענטירט זיך אויס אין מעשעך פֿון יאָרן. פֿאַר אָט דער צײַט דערוויסט מען זיך אַלץ, וואָס עס האָט אַ שײַכעס צו יעדערן באַזונדער. מע לעבט צוזאַמען ניט בלויז בײַס דער אַרבעט, נאָר אויך אין שטייגער, און טיילן טיילט מען זיך ניט נאָר מיט פֿריידן, נאָר אויך מיט ליידן.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז איך קאָן ניט פֿאַרשטיין יענע, וועלכע זײַנען פֿײַיִק צו פֿאַר־לאָזן אונדזער היימלאַנד. און דאָס איז ניט גלאַט אַזוי געזאָגט. צווישן מײַנע באַקאַנטע און פֿרײַנט זײַנען פֿאַראַן מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, און אַלע זײַנען מיר גלײַכע צווישן זיך, בײַ אַלעמען איין גוירל, ווי איין מאַמע וואָלט אונדז געהאַט. איך ווייס, אַז דער רוס ניקאָלײַ שטשערבאַקאָוו און דער אוקראַי־נער אַלעקסאַנדער זאַקאָרדאָנעץ — מיר אַר־בעטן צוזאַמען אין איין בריגאַדע — ביידע זײַנען זיי פֿונקט אַזעלכע קוילנהעקער, ווי איך, און זיי וואָלטן אין אַן אייס־צאָרע, ווען מיר וואָלט, כאַלילע, עפּעס געדראָעט, אָפּגע־געבן פֿאַר מיר דאָס לעבן. און אויך איך וואָלט דאָס זעלבע געטאָן פֿאַר זיי. דאָס איז אַ געזעץ פֿון אונדזער סאָוועטישער שאַכטיאָרישער פֿרײַנטשאַפֿט.

נאָר עפּשער האָט בלויז מיר אַזוי אָפּגעגליקט? ניין, עס קומט מיר אויס צו זײַן אין מאָסקווע, בײַ מײַן ברודער שימען — ער איז אויך אַן אַרבעטער־מענטש און האָט אַ גוטן שעם אַפֿן זאַוואָד. דער זאַוואָד האָט אים אויסגעטיילט אַ דרײַצימערדיקע דירע. צווישן די איבער־געגעבנסטע פֿרײַנט זײַנע קאָנט איר געפֿינען רוסן, אוקראַיִנער, ווײַסרוסן. סיאָמעס זון איז נאָכן פֿאַרענדיקן די מיטלשול אויך אָנגעקומען אַף דעם זעלבן זאַוואָד. אָט אַזוי ווערן געבוירן נײַע אַרבעטער־דינאַסטיעס.

נאָך איין ברודער מײַנער, מיכאַיִל, אַ פּאָד־פּאָלקאָווניק אין דעמיסיע, וווינט אין לענינגראַד אַפֿן סאַמע ניעווסקי פּראָספּעקט, אין אַ פּרעכ־טיקער דירע, ער האָט אַן אייגענעם אויטאָמאָ־ביל. ניט לאַנג צוריק בין איך געווען בײַ אים אַף אַ כאַסענע — ער האָט אויסגעגעבן די טאָכטער, וועלכע האָט פֿאַרענדיקט אַ מעדיצי־נישן אינסטיטוט. דער זון זײַנער לערנט זיך אויך אין אַ הויכשול. דאָס איז אַ גליקלעכע מישפּאָכע, אַזאַ ווי בײַ מיר.

א וואָרט באַקומט עליע אגראַנאָוויטש — שלאָסער פונעם כאַרציזסקער שטאָלדראָט־קאַנאַטן־זאַוואָד

— מײַנע זיידעס און אורזיידעס שטאַמען פון אוקראַיִנע — זיי האָבן געלעבט אף טשערניגאָוושטשינע. דער טאַטע מײַנער, אַווראָם, אַן ארבעטער־מענטש, געדענקט נאָך די אַלטע צײַטן, דעם טכום־האַמוישעוו, די פּאָגראָמען. בייסן בירגערקריג איז ער אוועק אין א קאָמוניסטישן אָטריאַד, זיך געשלאָגן קעגן קאָלטשאַקן, אין דאָנבאַס קעגן די ווײַסגווארדייִשע באַנדעס. אויך אין דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע האָט מײַן טאַטע אָנטייל גענומען — דורכגעמאַכט דעם וועג פון מאָסקווע ביז בערלין.

אָט אַזאַ ייִכעס־צעטל האָב איך.

אין מײַן ייִכעס רעכן איך ארײַן אויך דעם צעך פון מעטאַל־קאַנאַטן, וועלכער איז אויסגעבויט געוואָרן מיט אַכט יאָר צוריק — א ליכטיקער, ריינער, געראַמער. אַלע אינדערפרי קום איך אַהער, און דאָס ערשטע, וואָס איך טו, באַטראַכט איך מײַנע מאַשינעס. איך פּרוּוו אויס יעדע פון זיי, הער זיך אײַן אין זייער קלאַנג — צי דאַרף מען עפּעס ניט אונטערציִען, פאַריכטן. קלוגע מאַשינעס זײַנען דאָס: פון די דינסטע מעטאַלישע פעדעם פלעכטן זיי אויס גאָלדענעם שפּינוועבס, וואָס פון אים מאַכן די מיידלעך, וועלכע מיר רופן שטאָל־קאַנאַטלערנס, מעטאַלישן קאָרד פאַר אַוטאָמאָבילשינעס.

באַנאַנד מיט מײַן ארבעטס־אָרט איז ניקאָלײַ סוקמאַנאָווס. ניקאָלײַ איז אויך א שלאָסער פון דער זיבעטער בריגאַדע. צו אונדז אין צעך איז ער געקומען ניט לאַנג צוריק, קיין דערפאַרונג האָט ער נאָך ניט, דעריבער לאָז איך פון אים קיין אויג ניט אראָפּ.

נו, דאָס איז א געוויינלעכע זאַך — איינער דעם אַנדערן קומען צו הילף. אונדזער זיבעטע בריגאַדע איז דאָך א קאָמיוגיש־יוגנטלעכע, און בא אַלעמען איז איין זאָרג: די מאַשינעס זאָלן זײַן אין אָרדענונג, דער צעך זאָל אויסארבעטן וואָס מער מעטאַלענע קאַנאַטן.

אויך מיר האָט מען געהאָלפן, ווען איך בין געקומען אפן זאַוואָד נאָך דער דינסט אין דער אַרמיי. דער מײַסטער ניקאָלײַ אַלעקסאַנדראָוויטש לאַפּיגין, א וועטעראַן פון דער אונטערנעמונג, האָט דעמלט מיר געגעבן א גוטן לערער — דעם שלאָסער יורי קאַראַבאַנאָוון. די שפּינערײַ־מאַשינעס קען ער גוט, און א מענטש איז ער א האַרציקער — האָט ער טאַקע מיר איבערגעגעבן אַלע סוידעס פון די מעכאַניזמען. ער טוט מיך איינמאָל א פרעג:

— זאָג מיר, איליאַ, פאַרוואָס האָסטו ניט פאַרענדיקט די מיטלשול, גלײַך אוועק אפן זאַוואָד? (ער האָט געוווּסט, אַז נאָך פאַר דער אַרמיי־דינסט האָט זיך אָנגעהויבן מײַן ארבעטער־ביִאָגראַפיע).

דערציילט איך אים: דער טאַטע מײַנער איז שוין אַן אַלטער מענטש, ער האָט זיך גוט אָנגעהאָרעוועט פאַר זײַן לעבן, און די שווערע מילכאָמע־יאָרן האָבן געגעבן וועגן זיך צו הערן — ער האָט אָנגעהויבן זיך זשאַלעווען אפן געזונט. דעריבער האָט זיך מיר געוואָלט, דער טאַטע זאָל וואָס גיכער זען, אַז איך בין שוין א זעלבשטענדיקער מענטש...

— דאָס פאַרשטיי איך. נאָר די לער דאַרף מען אויך ניט וואַרפן, — זאָגט אף דעם יורי. — זעסט, וואָס פאַר א טעכניק ס'איז פאַראַן בא אונדז? א פאָרגעשריטענער ארבעטער — דאָס איז הײַנט א הויכגעבילדעטער מענטש, א טעכניש־געראַמאָטנער...

ער איז בעפּיירעש געווען גערעכט, יורי באָריסאָוויטש. איך בין אָנגעקומען אין דער אָוונטשול, מיט דערפאָלג פאַרענדיקט 11 קלאַסן, און וואָס שײַעך דעם פאַך מײַנעם, האָבן די גאַנצע צײַט מיר געהאָלפן דער בריגאַדיר גענאַדי מיראָנענקאָ, דער שלאָסער וולאַדימיר וואָיטענקאָ און אַלע אַנדערע כאַווײרים. די נאָרמע איז — באַדינען 24 מאַשינעס, און איך באַדין שוין דרײַ יאָר 30. איך האָב איצט אויך שילער. באַזונדערס צופרידן בין איך מיט מײַן דערצויגלינג יורי דושקינען: ער האָט פאַרענדיקט א טעכניקום, געוואָרן א גוטער שלאָסער, ארויסגערופן מיך אף א פאַרמעסטונג.

ניט לאַנג צוריק האָבן מיר ארויסבאַגלייט אין אַרמיי א גוטן באָכער, אַן אוזבעק לויט דער נאַציִאָנאַליטעט, דעם שלאָסער גענאַדי איבראַגימאָוון, אויך א דערצויגלינג פון אונדזער בריגאַדע. ער שרײַבט אונדז גוטע בריוו און זאָגט צו נאָך דער דינסט זיך אומקערן אין דער בריגאַדע.

צוועלף זײַנען מיר, און מיר לעבן ווי איין מישפּאָכע. מיר גייען איינער צום אַנדערן צוגאַסט, פאַרברענגען די פרײַע צײַט צוזאַמען, און די אינטערעסן אונדזערע פאַלן אַלעמאָל צונויף. איך דערמאָן זיך, ווי ערעוו דעם 30־טן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן פאַשיזם האָט דער גאַנצער זאַוואָד זיך געשטעלט אף א וואַכטע לעקאָוועד דער דאַטע. בייס דער מילכאָמע איז אפן פראָנט אומגעקומען מײַן ברודער, דער ייִנגערער סערזשאַנט הילעל. עס איז מיר געווען

ד אָ װ י ד פ א ל ק ע װ י ט ש:

„...לויטן עלטער בין איך שוין א פענסיאָנער, אָפּט גיבן צו וויסן וועגן זיך די ווונדן, וואָס איך האָב באַקומען אפן פראָנט. איך ארבעט נאָך אָבער, ווײַל איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן דאָס לעבן אָן מײַן קאָלעקטיוו, אָן מײַנע כאַווײרים...״

ב אָ ר י ס ס ל א װ י ן:

„...22 יאָר בין איך א לערער פון געשיכטע און 16 פון זיי — דער סעקרעטאר פון דער פארטיי־אָרגאניזאציע אין מײַן שול... דאָ איז אונדזער ערד — יעדער שטיין איז אונדז דאָ באַקאַנט...״

װלאַדימיר שאַר:

„...מיר איז אויסגעפאַלן דאָס גליק צו באַפרײַען די אייגענע קאַנטן: גאָרלאָווקע, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן און וווּ מײַן טאַטע האָט געאַרבעט אויף א שאַכטע, אַרטיאָמאָווסק, דאָנעצק...“

לעאָנטי שוואַרצבײַן:

„...אויב דער גאַסט פאַרלאַנגט, באַווײַז איך אים די נײַע מיקראָראַיאָנען: „מירני“, „אָביעדיניאָני“, „טשעריאָמושקי“. איך פיר אים איבער דעם קיִעווער פּראָספּעקט, צו אונדזערע בעסטע שאַכטעס. דער גאַסט איז צופרידן, און איך קלײַב נאָכעס: אָט האָט באַך איין מענטש זיך באַקאַנט מיט מײַן שאַכטיאָרײַ־שער שטאָט...“

באַזונדערס טײַער, ווען די בריגאַדע אונדזערע
האָט געמאָלדן, אַז די דאָזיקע וואַכטע וועט זי אָפּאַרבעטן פאַר אים, פאַר מײַן לײַבלעכן ברודער.

אַ וואָרט באַקומט עמיל שפּאַליאַנסקי — קאַפּיטאַן פונעם דאַמפער „וויקטאָר קורנאַטאָווסקי"

— געבוירן געוואָרן בין איך אין קיִעוו, אויסגעוואַקסן און געלערנט זיך — אין באַטומי. 12 יאָר בין איך אַלט געווען, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. ווי פיל ייִנגלעך פון מײַן עלטער, האָב איך געטרוימט ווערן אַ קאַפּיטאַן פון אַ יאַם־שיף. מיר האָבן, געוויינלעך, זיך געלערנט שיסן, וואַרפן גראַנאַטעס (הילצערנע באַלוואַנקעס), פּלעשער מיט צינד־שטאָף. אין 1943 בין איך אַרײַנגעטראָטן אין קאָמיוג. דאָס איז געווען דעם 18־טן מײַ, און ווײַפל איך וועל לעבן, וועל איך געדענקען דעם טאָג, ווען מע האָט מיר אַרויסגעגעבן דעם קאָמיוגישן בילעט.

צו 16 יאָר — ס'האָט זיך נאָרוואָס פאַרענדיקט די מילכאָמע — האָט זיך מײַן טרוים פאַרווירקלעכט: מע האָט מיך אָנגענומען אין דער באַטומער יאַם־שול. אין אַ יאָר אַרום איז מיר אויסגעפאַלן דאָס גליק צו גיין אין מײַן ערשטן רייס. דער אַלטיטשקער דאַמפער „מיכאַיִל פרונזע" האָט אונדז, די פּראַקטיקאַנטן פון דער יאַם־שול, באַגעגנט אין נאָוואָראָסייסקער האַפן, פונוואַנען ער איז אָפּגעשווומען צום פראַנצויזישן פּאָרט מאַרסעל...

אין יוני 1950 בין איך געוואָרן דער פערטער געהילף פונעם קאַפּיטאַן פון דעם דאַמפער „קלאַראַ צעטקין" אין וולאַדיוואָסטאָק. אין ערשטן רייס (ער האָט געדויערט אַ האַלב יאָר) האָב איך זיך באַקאַנט מיט קאַמטשאַטקע און טשוקאָטקע, מיט די קורילער אינדזלען — ס'איז געווען אַ שווערער רייס, נאָר פאַר מיר אַ גליקלעכער. שפּעטער בין איך געשווומען אַפן ווײַטן צאָפן, קיין סינגאַפּור, סוראַבאַיאַ. אין 1957, אומקערנדיק זיך פון דער אַרקטיק, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין קאַנאַדע. ס'איז געווען גלײַך נאָך דעם, ווי אין קאָסמאָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן דער ערשטער קינסטלעכער ספּוטניק מיטן מעלוכע־הערב פון אונדזער היימלאַנד, און מיר האָבן זיך געקאָנט איבערצײַגן, ווי די גאַנצע וועלט באַערט מיט רום דאָס ערשטע לאַנד פון סאָציאַליזם.

און אָט בין איך ווידער אין באַטומי, איצט שוין — קאַפּיטאַן פון דער רעטונגס־שיף „העלדישער". דער שוואַרצער יאַם איז, נאַטירלעך, ניט די אַרקטיק און ניט די הייסע טראָפּיקעס, נאָר אויך דאָ איז פאַראַן גענוג אַרבעט, ביפראַט נאָך אַז אונדזער אופגאַבע איז געווען: ראַטעווען שיפן, אויב עס דראָעט זיי אַ געפאַר פאַרזונקען צו ווערן אין די וואַסער־טיפענישן.

אין 1964 האָב איך גענומען אָף זיך די קאָמאַנדשאַפט פונעם דאַמפער „אוסאַליע", און דער ערשטער רייס איז געווען קיין יאַפּאַניע — מיט קוילן און שטאָל פון דאָנבאַס. שפּעטער האָבן מיר אין דער שטאָט זשדאַנאָוו גענומען אַפן בוקסיר אַ שווימענדיקן דאָק און אים געבראַכט קיין אַרכאַנגעלסק. געווען איז דאָס אָנהייב ווינטער. אין ביסקײַער אײַנגוס האָט זיך אָף אונדז אַרופגעוואָרפן אַ הוראַגאַן פון 11—12 באַלן. און כאָטש לויט די טעכנישע נאָרמעס איז דערלויבט אַרויסגיין אין יאַם ביז 5—6 באַלן, האָבן מיר דעם דאָזיקן רייס דורכגעפירט אויסגעצייכנט. אין 1967 האָט מען אונדזער עקיפּאַזש צוגעייגנט דעם טיטל „קאָלעקטיוו פון קאָמוניסטישער מי", ער איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אינעם בוך פון אַרבעטס־רום פון דער דאָנעצקער געגנט. אַ באַלוינונג האָבן מיר באַקומען אויך פונעם מיניסטעריום פון יאַם־פלאָט.

נײַן יאָר האָב איך אָפּגעאַרבעט אַפן דאַמפער „אוסאַליע". ס'האָט זיך פאַרגעדענקט אַ געשעעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען, ווען מיר זײַנען געשטאַנען אַפן רייד אינעם איטאַליענישן האַפן סאַוואָיאַ. שפּעט באַנאַכט האָט די וואַכטע־דינסט מיר מיטגעטיילט, אַז פאַרבײַ אונדז טראָגן די כוואַליעס עפּעס אַ שליופּקע, אָן מענטשן. מיר האָבן די שליופּקע אופגעהויבן אַפן באָרט און אינדערפרי געגעבן צו וויסן די מאַכט־אָרגאַנען פונעם האַפן. אין עטלעכע טעג אַרום איז צו אונדז געקומען אַ באַיאָרטער איטאַליענישער פישער, דער באַלעבאָס פון דער שליופּקע. טרערן זײַנען געשטאַנען אין זײַנע אויגן, ער האָט אונדז געדאַנקט און פאַרגעלייגט געלט, וואָס ער האָט, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, צונויפגעזאַמלט באַ זײַנע שכיינים. שיקערע מאַטראָסן פון איינער אַ מײַרעוו־אײראָפּעיִשער שיף האָבן אוועקגעפירט זײַן שליופּקע, די איינציקע, וואָס האָט געגעבן כאַיונע דער מישפּאָכע זײַנער, און דערנאָך האָבן זיי זי געלאָזט אָף העפקער... דאָס געלט האָבן מיר, געוויינלעך, ניט גענומען: קומען צו הילף אין אַן אומגליק איז פּאָשעט אַ מענטשלעכער כויוו. דער איטאַליענער איז געווען זייער גערירט און האָט געזאָגט, אַז אַזוי דענקען בלויז סאָוועטישע יאַמלײַט.

איצט בין איך דער קאַפּיטאַן פונעם דאַמפער „וויקטאָר קורנאַטאָווסקי". דאָס איז אַ נײַע הײַנטצײַטיקע שיף. צוזאַמען מיט מײַן געהילף מ. מ. גאָלאָפּאַסט האָבן מיר דערצויגן אַ גוטן עקיפּאַזש, וועלכער טוט אַלץ, קעדיי די שיף זאָל אַרבעטן ריטמיש און ברענגען דער מעלוכע

האכנאָסע. אין צוזאמענהאנג דערמיט דערמאָן איך זיך נאָך אזא פאקט. אין א פראנצויזישן האפן זײַנען מיר בייסן צוגאנג צום פריטשאל און בייסן אָפּגיין פון אים זיך באגאנגען אָן דער הילף פון בוקסירן. א באיאָרטער פראנצויז, וועלכער איז געווען בייס אָט דער אָפּעראציע אף אונדזער באָרט, האָט מיט כידעש געפרעגט, פארוואָס מיר טוען אזוי. מיר האָבן אים דערקלערט, אז דאָס איז צוליב עקאָנאָמיע. און ס׳איז אונדז געווען זייער אָנגענעם, ווען דער אלטער באָצמאן, א געוועזענער קאפּיטאַן פון א שיף, האָט געזאָגט, אז בלויז סאָוועטישע יאמלײַט, באלעבאטים פון זייער לאנד, קאָנען אזוי באוווסטזיניק זיך זאָרגן וועגן דער „קעשענע" פון דער מעלוכע.

פאר אונדז איז דאָס א פארשטענדלעכע זאך. ווי דען אנדערש קאָן עס זײַן?

א וואָרט באקומט לעאָנטי שווארצביין — שאָפער פון ערשטן קלאס פון דער אווטאָ־אונטערנעמונג נומ. 04101

— מײַן טאטע — כאַים האָט ער געהייסן — איז געווען דאָס נײַנטע קינד אין אָן אָרעמער מישפּאָכע. באקומען פון דער סאָוועטנמאכט ערד, האָבן מײַנע ברידער געהאָלפן איינער דעם אנדערן זי צו באארבעטן, און ווען ס׳איז אָרגאניזירט געוואָרן דער ערשטער קאָלעקטיוו פון ערד־ארבעטער, זײַנען זיי אלע ארײַנגעטראָטן אין אים.

פאר דער מילכאָמע בין איך געווען א טראקטאָריסט אין א סאָווירט פון כערסאָנער געגנט. די ערשטע צוויי מילכאָמע־יאָרן האָב איך געדינט אף צאָפן אין דער יאם־פּעכאָטע, דערנאָך האָט מען מיך גענומען אין א טאנקען־טייל, און איך האָב געפירט א סאמאָכאָדנע ארטילערישע אײַנריכטונג. און, שטעלט זיך פאָר, קיין קויל האָט מיך ניט גענומען. מײַן קאָמאנדיר, יעווגעני יעפּאנאָוו, פלעג שפּאסן:

— ביסט, לעאָנטי, א מאזלדיקער, קאָלזמאן דו ביסט מיט אונדז, זײַנען מיר אויך פונעם טויט באוואָרנט...

און טאקע: אין איינער א שלאכט האָט א סנאריאד געטראָפן גלײַך אין אונדזער סאמאָכאָדקע, און אלע זײַנען לעבן געבליבן, בלויז דער אָנצילער מיטיע טאָפּטשיִעוו איז פארוווּנדעט געוואָרן. פאר אָט דער שלאכט איז דער עקיפּאזש, און איך בעסוכעם, באלוינט געוואָרן מיט רום־אָרדענס פון דער דריטער מאדרייגע. דאָס איז שוין בא מיר געווען די צווייטע באלוינונג — פריִער האָב איך באקומען א מעדאל „פאר געוואגטקײַט". צום סאָף פונעם קריג, קיין בערלין, בין איך געקומען מיט דרײַ אָרדענס פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

ס׳איז אזוי געשען, אז נאָך דער דעמאָביליזאציע בין איך געוואָרן א שאָפער פון א טאקסאָמאָטאָר. ארומפירנדיק פּאסאזשירן, האָב איך זיך צו מײַן דאָנעצק צוגעבונדן מיטן גאנצן הארצן. דאָ האָב איך כאסענע געהאט. עס זײַנען בא אונדז געבוירן געוואָרן א זון מיט א טאָכטער. דער זון האָט שוין איבערגעיאָגט דעם טאטן — ער האָט פארענדיקט אן אווטאָטראנספּאָרט־טעכניקום, איצט דינט ער אין דער ארמיי.

דער בעסטער פּאסאזשיר בא מיר איז א גאסט פון אנדערע ערטער. איך דערקען אים גלײַך, ווען ער זעצט זיך ארײַן אין דער מאשין אף איינעם פון די וואָקזאלן, אָדער לעם א האָטעל, אָדער אין אעראָפּאָרט. אָפט בעט ער, איך זאָל פאָרן פּאמעלעך, ער זאָל באווײַזן אלץ זען. דעמאָלט קום איך אים צו הילף און פארוואנדל זיך אין א מין עקסקורסיע־פירער.

צום אלעם ערשטן פיר איך דעם גאסט אף אונדזער צענטראלן פּלאץ — צו לענינס דענקמאָל. פונדאנען צעעפנט זיך א גרויסארטיקע פּאנאָראם — דער פּראָספּעקט אף איליטשס נאָמען. דערנאָך, אויב דער גאסט פארלאנגט, באווײַז איך אים די נײַע מיקראָראיאָנען: „מירני", „אָביעדיניאָני", „טשעריאָמושקי", איך פיר אים איבער דעם קיִעווער פּראָספּעקט, צו אונדזערע בעסטע שאכטעס. דער גאסט איז צופרידן, און איך קלײַב נאכעס: אָט האָט נאָך איין מענטש זיך באקאנט מיט מײַן שאכטיאָרישער שטאָט...

עטלעכע עפּיזאָדן, דערציילט פון אנדערע דאָנבאסער טוישווים

מיכאַיל גראנבערג — פּערסאָנעלער פּענסיאָנער, מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון 1919:

— פיר ברידער זײַנען מיר געווען, און אלע האָבן מיר פון קינדווײַז אָן געלעבט אין דאָנעצק. פונדאנען זײַנען מיר אלע אוועק אפן פראָנט. דער עלטערער האָט אָנטיילגענומען אינעם בירגערקריג און אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. דער צווייטער ברודער, א קאָמאנדיר פון א ראָטע, איז אומגעקומען בייסן בירגערקריג. אויך איך בין אין בירגערקריג געווען א רויטארמייער. נאָכן ארײַנטרעטן אין דער פּארטיי בין איך באשטימט געוואָרן אלס קאָמיסאר פון א פּאָלק. דער ייִנגסטער ברודער איז אומגעקומען אין א שלאכט מיט די היטלעראָווצעס הינטער כארקאָוו — ער איז געווען קאָמאנדיר פון א מינענווארפלער־באטאליאָן.

אזא איז די ביאָגראַפיע פון אונדז, גראַנ־בערגס.

זעקס קינדער האָב איך, צען אייניקלעך. דרײַצן דיפּלאָמען פאַרמאָגט אונדזער מישפּאָ־כע: פינף כעוורעלײַט האָבן באַקומען ספּעציעלע מיטלבילדונג, אכט — הויכבילדונג.

איך באַרים זיך ניט דערמיט. איך ווייס: אין פיל סאָוועטישע מישפּאָכעס קאָנט איר זיך טרעפן מיט דעם זעלבן.

באָריס סלאָווין — **לערער פון דער דאָנעצקער מיטלשול נומ. 9:**

— קאָמוניסטן זײַנען געווען מײַן טאַטע, מײַן מאַמע, צוויי ייִנגערע ברידער מײַנע. אָנהייבנ־דיק פון אָקטיאַבער 1930, טראָג איך אויך א פּאַרטיי־בילעט באַם הארצן. קאָמוניסטן זײַנען מײַן פרוי און צוויי זין. בעראָש פון אונדזער „פּאַרטייִשער דינאַסטיע״ איז געשטאַנען מײַן פאָטער — אראָן איסאַקאָוויטש סלאָווין, א קאָ־מוניסט פון 1903. אים האָבן באַנדיטן דערמאָר־דעט אין 1922. מע האָט אים געבראַכט צו קווו־רע אין דאָנעצק, אינעם סקווער אָפּן נאָמען פון די געפאַלענע קאָמונאַרן.

איך געדענק: נאָך דעם טאַטנס לעווײַע האָט אונדזער שטוב אויסגעזען פוסט און טרויעריק.

— לאָמיר פונדאַנען אוועקפאָרן, מאַמע, — האָב איך זיך געבעטן.

די מאַמע האָט מיך צוגעדריקט צום הארצן און געענטפערט:

— ניין, זונעניו, פונדאַנען וועלן מיר ניט אוועקפאָרן.

און זי האָט דערציילט, וויאַזוי אין 1905, נאָך א שווארצמייעדיקן פּאָגראָם, האָט זי מיט טרערן אין די אויגן געבעטן דעם טאַטן: „לאָמיר, טײַערער, אוועקפאָרן פונדאַנען!״, אָבער ער האָט זי באַרויִקט: „ניין, כאַנעלע, מיר וועלן אין ער־געץ ניט אוועקפאָרן. דאָ איז אונדזער ערד — יעדער שטיין איז דאָ מיט אונדזער שווייס דורכגעזאַפּט. מעג מען דען פאַרלאָזן אזא ערד? מע דאַרף איר העלפן צו ווערן א גליקלעכע, און דעמלט וועלן אויך מיר גליקלעך זײַן״.

איך בין אוועק אַף דער פאַבריק, וווּ עס האָט געאַרבעט די מאַמע.

דערנאָך זײַנען געווען יאָרן פון אײַנגעשפּאַר־טער לער. איך בין געוואָרן א זשורנאַליסט, גע־אַרבעט אין דאָנעצק, אין קאַזאַכסטאַן און ווי־דעראַמאָל אין דאָנעצק, און פונעם ערשטן מיל־כאָמע־טאָג געווען אַפּן פראָנט, געוואָרן א קאָ־מיסאַר פון אן אוויאַ־עסקאַדריליע. 22 יאָר בין איך א לערער פון געשיכטע און 16 פון זיי — דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין מײַן שול.

אין אונדזער מישפּאָכע־ארכיוו ווערט אָפּגע־היט, צווישן פיל אנדערע דאָקומענטן, א פּלאַט־צײַטונג, וואָס מע האָט מיר צוגעשיקט צום געבורטסטאָג פונעם דעמלטיקן עלטערן מאַט־ראָס וולאַדימיר סלאָווין. וולאַדימיר — דאָס איז מײַן ייִנגערער זון, ער אַרבעט שוין לאַנגע יאָרן אַלס שעף פון אן ענערגאָ־צעך אַפּן צאַפּן — אײַ־נעם ייִשעוו טשערסקי, וואָס געפינט זיך אין קאָלימאַ. זעקס יאָר נאָכאַנאַנד וויילן אים אויס די קאָמוניסטן פונעם ייִשעוו פאַרן סעקרע־טאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. אָט אַזוי איז דאָס אייניקל פון א קאָמיסאַר, דער זון פון א קאָמיסאַר אליין געוואָרן א קאָמיסאַר.

אין עטלעכע יאָר אַרום וועלן מיר מיט מײַן ריווען פּראווען אונדזער גאָלדענע כאַסענע. און, ווי שטענדיק בייס א יאָמטעוו, וועלן מיר מיט די קינדער און מיט די אייניקלעך קומען צוזאַ־מען אינעם סקווער אָפּן נאָמען פון די געפאַלענע קאָמונאַרן, צום קייווער פון מײַן טאַטן...

דאָוויד פאַלקעוויטש — **עלטערער אינזשעניער־קאָנסטרוקטאָר פון „דאָנגיפּראָשאַכטע״:**

— די ווײַטע יאָרן פון דער ערשטער רוסי־שער רעוואָליוציע. מײַן טאַטן און מײַן מאַמען איז געגאַנגען דאָס צוואַנציקסטע יאָר. יונגע, ענערגישע, האָבן זיי אָנטיילגענומען אין די רע־וואָליוציאָנערע שלאַכטן — זיך געשלאָגן אַף די באַריקאַדעס, געקעמפט אין אונטערערד. מע האָט דעם טאַטן געכאַפּט מיט אומלעגאַלער לי־טעראַטור, פאַרשפּאַרט אים אין טפיסע. ער איז אַנטלאָפן, האָט עמיגרירט קיין פראַנקרײַך.

איך האָב זיך באַוויזן אַף דער וועלט אין 1913. די עלטערן האָבן דעמלט געלעבט אין פּאַריזש, די מאַמע איז געווען א נייטערן, דער טאַטע — א שוואַרצאַרבעטער. זיי האָבן זיך באַ־פרײַנדעט מיט א. וו. לונאַטשאַרסקין, מיט ד. א. מאַנויִלסקין, וועלכע זײַנען אויך געווען פּאָליט־עמיגראַנטן.

האקלאַל, אין מײַן לעבן זײַנען פון קינדווײַז אָן געווען גענוג סאָציאַלע שלאַכטן. דערנאָך — יאָרן פון קאַמיוג, דער אַרבפאַק און דער אינ־סטיטוט. איך בין געוואָרן אן אינזשעניער, אוועק אַפּן פראָנט, זיך אומגעקערט קיין דאָ־נעצק אין 1946, און פון דעמלט אָן טאַקע האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אינעם פּראָיעקט־אינ־סטיטוט.

איצט פיר איך אָן מיט א גרופּע קאָנסטרוק־טאָרן. מײַנע ביידע זין זײַנען שאַכטיאָרן, די עלטערע טאָכטער איז אן עקאָנאָמיסט, די ייִנגע־רע — א פידלערן, אלע האָבן זיי הויכבילדונג. לויטן עלטער בין איך שוין א פּענסיאָנער, אָפּט גיבן צו וויסן וועגן זיך די ווונדן, וואָס איך האָב באַקומען אַפּן פראָנט. איך אַרבעט נאָך אָבער, ווײַל איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן דאָס לעבן אָן מײַן קאָלעקטיוו, אָן מײַנע כאַוויירים, מיט

װעלכע איך מי זיך באַנאַנד שױן אַ פֿערטל יאָרהונדערט.

װלאַדימיר שאָר — פֿאָלקאָװניק פֿון אַװיִאַציע אין דעמיסיע, קאַװאַלער פֿון 15 מעלוכע־באַלױנונגען.

— דעם 9 מײַ, אין טאָג פֿון זיג, באַקום איך געװײנלעך, פּונקט װי אַלע אַנדערע געװעזענע פֿראָנטאָװיקעס, באַגריסונגען פֿון מײַנע פֿרײַנט, און יעדע באַגריסונג הײבט זיך אָן מיט די װערטער „כאַװער פֿאָלקאָװניק“. אין אָט דעם טאָג באַגעגן איך מיט אַ באַזונדערער פֿרײד אינעם דאָנעצקער קינאָ־טעאַטער „קריסטאַל“, װוּ איך אַרבעט אַלס דירעקטאָר, מײַנע „אָדנאָפּאָלטשאַנעס“, די שלאַכטלײַט פֿון מײַן אַװיִאַציע־טײל. די ציװילע קלײדער זײערע זײַנען באַצירט מיט אָרדענס און מעדאַלן. אַלײן די געװעזענע סאָלדאַטן פֿירן זיך דעמלט אױף גאַנץ באַשײדן, אָבער װי עס לױכטן די פּנעמער באַ די נאָענטע און אײגענע, װעלכע באַגלײטן זײ!

די סאַמע אָנגעלײגטע געסט זײַנען באַ מיר מײַנע שלאַכט־כאַװײרים, װעלכע װױנען הײַנט אױך אין דאָנעצק — די פּליִער פֿונעם ערשטן קלאַס, געװעזענע קאָמאַנדירן פֿון עסקאַדריליעס ניקאָלײַ זשיגײַלאָ און איװאַן קוטומאַנאָװ, דער שטורמאַן פֿונעם פּאָלק מיכאַיִל סאַװענקאָ, דער געהילף פֿונעם קאָמאַנדיר דמיטרי קוזמענקאָ.

אין אָט דעם טאָג, װען דער ראַדיִאָ־דיקטאָר מעלדעט איבערן גאַנצן לאַנד אַ מינוט פֿון שװײַגן אין אָנדענק פֿון די, װעלכע האָבן אָפּגעגעבן דאָס לעבן פֿאַרן הײמלאַנד, דערמאָן איך אײנעם נאָכן אַנדערן די אײגענע און נאָענטע, װעלכע האָבן זיך ניט אומגעקערט פֿונעם שלאַכט־פֿעלד. איך הײב אָן פֿון די ברידער מײַנע. פֿיר ברידער זײַנען מיר אַװעק אױפֿן פֿראָנט — איצט בין איך אײנער. מיט 19 טעג פֿאַרן זיג האָט זיך אָף אַ מינע אױפֿגעריסן מײַן ייִנגסטער ברודער אַנאַטאָלי, אַ קאָמאַנדיר פֿון אַן אױסשפּיר־ראָטע. געשטאָרבן פֿון די װוּנדן איז ער אין בערלין. דער נאָמען פֿונעם קאָמוניסט אַנאַטאָלי שאָר איז אױסגעקריצט אױפֿן מירמלשטײן אינעם בערלינער טרעפּטאָװ־פּאַרק.

מיר איז אױסגעפֿאַלן דאָס גליק צו באַפֿרײַען די אײגענע קאַנטן: גאָרלאָװקע, װוּ איך בין געבױרן געװאָרן און װוּ מײַן טאַטע האָט געאַרבעט אָף אַ שאַכטע, אַרטיאָמאָװסק, דאָנעצק. אַ סאַך יאָרן זײַנען שױן פֿאַרגאַנגען, נאָר ביז איצט טוט מיך פּלוצעם אַ צי אױסצוגלײַכן די גימנאַסטיאָרקע באַ דעם פּאַסעק. ס׳איז מיר נאָך אַלץ מאָדנע זיך אױפֿצוכאַפּן פֿון שלאָף ניט לױטן שלאַכט־סיגנאַל, נאָר לױטן קלונג פֿונעם װעקזײגער. איך קאָן ניט באַהאַלטן די קינע, װעלכע כאַפּט מיך אַרום, װען עס פֿליט דורך אַן עראָפּלאַן...

גריגאָרי װײַסמאַן — אַדװאָקאַט פֿון דער יורידישער קאָנסולטאַציע פֿון דער שטאָט יענאַקיִעװאָ:

— אַזאַ געװײנלעכע פּאַסירונג, נאָר ס׳װילט זיך מיר װעגן איר דערצײלן... איבערן אַספֿאַלטירטן װעג האָט זיך געטראָגן אונדזער פּעשענעבעלער אױטאָבוס, מיט װעלכן מיר האָבן דורכגעמאַכט באַ פֿינף טױזנט קילאָמעטער. מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהײם פֿון טשעכאָסלאָװאַקיע. הינטער אונדז זײַנען פֿאַרבליבן די גאַסטפֿרײַנטלעכע שטעט און דערפֿער פֿון עטלעכע ברידערלעכע לענדער. נאָר װאָס מער איך בין געװען „אינדערפֿרעמד“, האָט מיך אַלץ מער געצױגן ציִען אַהײם. די זעלבע געפֿילן זײַנען געװען אױך באַ אַלע אַנדערע מײַנע מיטרײַזער. און אָט די געפֿילן האָבן זיך אױסגעגאָסן אין אײן מעכטיקן „הוראַ!“, װען דורכן פֿענצטער פֿונעם אױטאָבוס האָבן מיר דערזען די זאַסטאַװע און דעם רױט־װײַסן געפּאַסיקטן גרענעץ־סלופּ מיטן מעלוכע־הערב פֿון פּססר.

דער אױטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט, צו דער טיר איז צוגעגאַנגען אַ גרענעצלער. איך האָב אים געפֿרעגט:

— עס זעט אױס, אַפֿאָנעם, זײער לעכערלעך, װאָס מיר פֿרײען זיך, װי קינדער?

— נײן, — האָט ער געענטפֿערט, — מיט אַלעמען קומט פֿאָר דאָס זעלבע. און כאָטש איך זע דאָס זײער אָפֿט, קאָן איך זיך אױך ניט צוגעװױנען — איך פֿרײ זיך באַגלײַך מיט אַלעמען.

שױן דערנאָך, אין דער הײם, דערמאָנענדיק זיך אין אָט דעם עפּיזאָד, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס, װאָס מיט אונדז איז דעמלט פֿאָרגעקומען, איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. ס׳איז ניטאָ קײן מער טײַערע זאַך באַ אַ מענטשן, װי די לײַבלעכע ערד, אָף װעלכער ס׳האָבן געלעבט און זיך געמיט אָט דעם מענטשנס זײדעס און װעלכע האָט אױך אים אױסגעכאָװעט, געגעבן לעבן זײַנע קינדער. און נאָך דאָפּלט טײַער איז זי פֿאַרן סאָװעטישן מענטשן, װײַל זי איז באַ אים ניט פּאָשעט דאָס אָרט, װוּ ער איז געבױרן געװאָרן, נאָר — דאָס סאָװעטישע הײמלאַנד!

אַלעקסאַנדער שולקין — מאַיאָר פֿון מיליציע, עלטערער אױספֿאָרשער פֿון דער פֿאַרװאַלטונג פֿון אינערן־איניִאָנים באַם דאָנעצקער שטאָט־אױספּירקאָם:

— שױן דרײַ טעג איז געגאַנגען די מילכאָמע, נאָר איך האָב אַלץ ניט געקאָנט פֿױעלן, מע זאָל מיך שיקן אױפֿן פֿראָנט. „גײ אַהײם, ייִנגעלע, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן פֿונעם מיליטער־קאָמיסאַריאַט. — ביסט נאָך צו יונג, מירן אָן דיר זיך ספּראַװען“. אין אַ כױדעש אַרום זײַנען די פֿאַשיסטן צוגעגאַנגען צו האָמעל —

צו מײַן הײמשטאָט, און אין אָט דער שטאָט איז אומגעקומען מײַן ייִנגערער ברודער נאָכעם, א פעכאָטינעץ, וועלכער איז פונעם ערשטן מילכאָמע־טאָג געווען אפן פראָנט. אין אָרענבורגער געגנט, וווּהין מיר האָבן זיך מיטן טאטן און מיט דער מאמען עוואקויִרט, האָב איך זיך פאָרט דערשלאָגן מײַנס. עמעס, מע האָט מיך געשיקט ניט גלײַך אפן פראָנט, נאָר אין א מיליטער־שול. בלויז אין דעקאבער 1943 בין איך, ענדלעך, געוואָרן אן אָפיצער אין דער אָפּערירנדיקער ארמיי. מע האָט מיר געגעבן א מינענווארפלער־ווזוואָד — דרײַסיק סאָלדאטן, און אלע — א סאך עלטערע פון מיר. איך געדענק: ווי נאָר איך האָב זיך באקאנט מיט מײַנע שלאכטלײַט, האָט מיך צוגערופן דער פאָליטרוק.

— אָט וואָס, סאשע. לערנען דיך וויל איך ניט, נאָר געדענקען דארפסטו: אפן פראָנט קאָן געשען אלץ. עס פאסירט אפילע, אז מע פאלט ארײַן אין געפאנגענשאפט...

— נו, פארוואָס זאָגסטו מיר אזוינס? — האָב איך זיך באליידיקט. — געפאנגענשאפט — דאָס איז דאָך א ביזע־ביזאָיען.

— אײַל זיך ניט מאכן אויספירן, — האָט ער מיר איבערגעשלאָגן די רייד. — עס קאָנען זײַן אזעלכע אומשטענדן, ווען אפילע א דרייסטער מענטש קאָן ארײַנפאלן אינעם סוינעס הענט. אויך אינעם פלען איז דאָ א מעגלעכקײַט צו קעמפן... זאָגן דיר וויל איך עפעס אנדערס: פאר דיר איז געפאנגענשאפט אויסגעשלאָסן, — און ער האָט א קוק געטאָן מיט א פרעגנדיקן בליק, צי איך פארשטיי, צי ניין.

איך האָב פארשטאנען. פאר קאָמוניסטן און פאר ייִדן האָט קיין פלען ניט עקזיסטירט.

אנטקעגן וואָס דערצייל איך דאָס? אלע מײַנע יאָרן לעב איך צוזאמען מיט פרײַנט פון פארשיידענע נאציִאָנאליטעטן, און אויב מע דערמאָנט מיר שוין יאָ אין אויסשליסלעכע אומשטענדן, אז מײַן לעבן, אלס ייִד, איז פארבונדן מיט עפעס ניט געוויינלעכס, דערמאָנט מען מיר עס בלויז קעדיי צו העלפן מיר...

אין די אָרגאנען פון אינערן־איניאָנים דין איך שוין קאָרעוו דרײַסיק יאָר, און פאר אָט דער צײַט האָב איך באקומען יורידישע הויכבילדונג, געוואָרן א דערפארענער אויספאָרשער. און פונקט ווי אפן פראָנט, רינגלען מיך ארום פרײַנט, וועלכע זײַנען גרייט מיר שטענדיק קומען צו הילף. פונקט, אגעוו, ווי איך — זיי...

סעמיאָן גאָלדענבערג — **מעדיצין־דאָקטער, מײַסטער פון ספאָרט פון פססר:**

— געבוירן געוואָרן בין איך אין דער אוזבעקישער שטאָט בוכארא, וווּהין מײַנע עלטערן האָבן זיך עוואקויִרט פון דאָנעצק, ווען די פאשיסטן האָבן זיך דערנענטערט. דעם טאטן, שוין א באיאָרטן מענטשן, האָט מען מאָביליזירט אפן ארבעטס־פראָנט, און מיך מיט דער מאמען האָט גענומען צו זיך די מישפאָכע קארימאָוו. זיי האָבן קיינמאָל זיך ניט געזעצט צום טיש אָן אונדז, און קיין איין טאָג בין איך ניט געבליבן אָן מילך, כאָטש בא אבדוראכמאן קארימאָוון זײַנען אליין געווען פיצלעך קינדער. אזוי האָב איך פון קינדווײַז אָן געהאט דאָס גליק זיך צו דערוויסן, וואָס אזוינס איז פעלקער־פרײַנטשאפט, און באוויזן האָט עס מיר א פאָשעטע אוזבעקישע מישפאָכע. אגעוו, האָבן די קארימאָווס, אכוץ אונדז, געגעבן אן אָרט בא זיך אין שטוב נאָך צוויי אנדערע מישפאָכעס — א רוסישער און אן אוקראַיִנישער.

אלעקסאנדער שולקין

ס׳האָט זיך פארענדיקט די מילכאָמע, עס איז געקומען די צײַט זיך צו געזעגענען מיט אונדזערע אוזבעקישע פרײַנט. אהיים זײַנען מיר געפאָרן אין קאלטע וואגאָנען, נאָר יעדערער פון אונדז האָט געהאט א ווארעמע קאָלדרע — א מאטאָנע פון די קארימאָווס...

אָט אזא ווארעמקײַט האָט מיך דערנאָך באגלייט אף יעדן וועג און שטעג — בײַס מײַן לערנען אין שול, אין אינסטיטוט, אף ספאָרטיווע פארמעסטונגען. אינעם קיִעווער אינסטיטוט פון פיזישער קולטור זײַנען מײַנע דערציִער געווען אזעלכע וועלט־בארימטע גימנאסטן, ווי באָריס שאכלין, יורי טיטאָוו, לאריסע לאטינינא,

די פאַרדינסטפולע טרענירער פון פסטר מ. דמיטריִעוו, וו. סמירנאָוו, א. איבאַדולײַעוו. דעם דיפּלאָם פון א ספּאָרט־מײַסטער פון פסטר האָט מיר איבערגעגעבן אין דאָנעצק איינער פון די בעסטע ספּאָרטסמענער פון אונדזער לאַנד באָריס סקאַטשאָוו. און איצט, נאָכן פאַר־ענדיקן די צווייטע הויכשול — דעם דאָנעצקער מעדיצינישן אינסטיטוט, ווען איך ארבעט שוין דאָס פינפטע יאָר אין מאַקייעווקער שאַכטיאָ־רישן שפּיטאָל, איינעם פון די גרעסטע מעדי־צין־אַנשטאַלטן אין דאָנבאַס, — פיל איך אויך אָט די פרײַנטשאַפט, וואָס אָן איר איז דאָס לעבן קיין לעבן ניט.

יעדערער פון די פופצן שאַכטיאָרן, קינדער און אייניקלעך פון שאַכטיאָרן, וועגן וועלכע ס'איז געגאַנגען א רייד אין אונדזער רעפּאָר־טאַזש — האָט דערציילט דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו מיטיילן אונדזערע לייענער. איידער מיר פאַרענדיקן אָט דעם קאָלעקטיוון שמועס, ווילן מיר ברענגען די פּאָעטישע שורעס, וועלכע זײַנען אָנגעשריבן מיט צענדליקער יאָרן צוריק:

> אָט ליגט זי, די ערד די דאָנעצער,
> צעקעסטלט,
> צעשאַכטעט,
> צעצעכט
> מיט שטרענגע צעווירעטע פלעצער,
> מיט הייסע צעצונדענע נעכט...

דאָס זײַנען שורעס פון פּעפּערס „פלאַסטן”. די זעלבע ערד די דאָנבאַסער. די זעלבע און ניט די זעלבע. א האַלבער יאָרהונדערט איז דאָך דורכגעגאַנגען — און נאָך וואָס פאַר א האַלבער יאָרהונדערט! וועגן דעם האָבן שוין דערציילט אונדזערע העלדן. ניט די ליטעראַ־רישע, נאָר די עמעסע העלדן — די לעבעדיקע מענטשן פונעם הײַנטיקן דאָנבאַס.



פון אונדזער נײַער צײַטגאַנג הייבט זיך אָן

ארן ווערגעליס

דאָס פערטע פערטל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

דאָס ערשטע פערטל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט
איז אין אָקטיאַבער אופגעגאַנגען קלאָר.
פון דעמלט אָן אף צײַט־הימל, באַזונדער,
דער שטערן שײַנט פון זיבעצנטן יאָר.

פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ס׳צווייטע פערטל
געשפּרייט זיך אף דער ערד מיט בוי און קריג,
און ווען עס הילכן אָפּ שוין די געפּעכטן,
מײַ פינף און פערציק
פאַר די אויגן ליגט.

דאָס דריטע פערטל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
וואָס ערשט האָט זיך פאַרענדיקט אף דער וועלט,
ארומגעשטעלט דעם הימל האָט מיט ווונדער,
די ערד מיט ווונדער האָט ארומגעשטעלט.

— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

אָ, צײַט! אָ, מענטשן־צײַט! אָ, וועלט־צײַט —
ניט גערוט!
איך האָב דיך ליב. איך ווייס: עס וואַרט די זון דאָרט...
עס שטראָמט שוין איצטער מאַמעש אין מײַן בלוט
דאָס פערטע פערטל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אווראָם גאָנטאַר

אונטער דײַן פאָן פון פרידן

איך לעב שוין לאנג,
איך האָב א סאך געזען,
געטרוימט, געצווייפלט
און געגאנגען ווײַטער,
און אלעמאָל,
ווען ס׳איז מיר שווער געווען,
געווענדעט זיך צו דיר,
ווי צו א קוואל, א שײַטער,
ווי צו אן אָנזאָג פון געגאַרטן גליק,
וואָס האָט דעם מוט דערהויבן, —
און ס׳האָט אין צאנקענדיקן בליק
אפסנײַ געצונדן זיך דער גלויבן.

פון בלינדן שטיבל אינעם שמאָלן ליק
(כ׳האָב ביז אצינד עס ניט פארגעסן)
האָסט דורכגעלייגט פאר מיר א בריק
צו גאָר דער וועלט פון ענגן געסל.

א גלײַכער צווישן ברידער,
צווישן פרײַנט,
כ׳האָב זיך געשטעלט אין דײַנע רייען.
פיר צענדליק יאָר, און ביז צו הײַנט
אונטער דײַן פאָן
איך האָב דאָס גליק צו גייען,
אונטער דער פאָן,
וואָס רופט די גאנצע וועלט
דעם שאָלעם היטן.
ס׳האָט די גערעכטיקײַט אליין
זיך אויך געשטעלט
אונטער דײַן פאָן פון פרידן.

איך לעב שוין לאנג —
נאָר אין זיקאָרן
איז דאָס פארגאנגענע פארבליבן.
ס׳איז יעדעס שטיינדעלע
אזוי באקאנט,
פונקט ווי די זילבן,
וואָס פאר מײַן ליד איך האָב געקליבן.
איז יעדער ווינקעלע
פון דער געגאַרטער היים
מיר אייגן, ווי א קינד, צי ווי אן אייניק.
מיט יעדן טאָג
כ׳הייב אָן אלץ מער פארשטיין,
אז וויפל כ׳זאָל ניט ליבן זי —
איז ווייניק.

איציק בראָנפמאַן

אָקטיאַבער=דאָר

מיר זײַנען קינדער נאָך געווען אין יענע יאָרן,
אין יענע גרויזאמע און פלאַמענדיקע טעג,
ווען ס׳האָט פונעם ניעווא־טײַך די „אוראָרא״
מיט שטערנגן זאלפ די נײַע וועלט געוועקט.

געוועזן א וויגליד איז פאר אונדז די קאַנאָנאַדע.
צעשיידט די טאטעס האָבן זיך מיט אונדז באם שוועל,
מיט ביקס אין האנט אוועק אף באריקאַדעס
און אויסגעקעמפט פאר אונדז א נײַע וועלט.

זינט דאַן יאָרצענדליקער עס זײַנען שוין פאַריבער,
און מיר, זין פון דעם אָקטיאַבערישן דאָר,
מיר טראָגן הויך די ווירדע און די ליבע,
ס׳איז קרעפטיק אונדזער טראָט, און אונדזער ציל איז קלאָר.

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי

ווען כ'הער דאָס קאָל...

איינער רימט זיך מיט זײַן זויבערער נעגינע,
א צווייטער זאָגט: עס רוט אף אים די שכינע,
און מיר איז גוט, ווען כ'הער דאָס קאָל
פון אימפעטפולן, פריילעכן האמוין
אין דער טאָגטעגלעכקייט,
אין שווערן אָל,
אין קוקן אף דער לאַסט, ווי אף א לוין.
יאָ, מיר איז גוט, ווען אַלעמען איז גוט,
ווען גוט איז יעדן, ווער עס גייט מיט אונדז צוזאַמען.
כ'פּאַרשפּאַר באַרימען זיך דערמיט,
וואָס מיר, דעם דיכטער, איז באַשערט צו זאָגן
דעם ליכטיקן גוטמאַרגן אונדזער מאַמען —
דעם לאַנד, וואָס האָט אונדז אף די פיס געשטעלט,
דעם היימלאַנד
און דער צוקונפט
פון דער וועלט!

כאַיִם ביידער

אָבעליסקן

מיט אונדזער בלוט עס איז דאָ אַלץ באַפאַרבט,
ס'האָט יעדער אופּטו אונדזערער א נאָמען,
עס זאָלן ווערטער — אין דער אייביקײַט פאַרקאַרבט —
באַלײַכטן אײַך דעם וועג, ווי א נייער־טאָמיד.

די קעפּ מיר שטעלן אונטער און די הענט
מיט מוסקולן און קויעך פון אַטלאַנטן —
אַז ס'זאָלן קרעפטיק האַלטן זיך די ווענט,
דער ביניען זאָל א קרעפטיקער זיך האַלטן.

פון הויכע ווענט, פון ציגל און בעטאָן,
פון ערד־טיפן ביז קאָסמיש־ווײַטע הייכן —
פון אונדז דער נײַער צײַטגאַנג הייבט זיך אָן,
וואָס וועט צו דער אומענדלעכקײַט דערגרייכן.

אף קאַראָול פון לעבן זיך צעשטעלט,
מיר זײַנען אומגעוואָקלט — אָבעליסקן —
אף אַלע רויטע פּרעסניעס פון דער וועלט:
מאַרטירער,
העלדן,
קעמפער —
קאָמוניסטן!

ריווע באַליאַסנע

מײַן מוטער=האַרץ

קינדער קומען אַף דער וועלט אין ווייען,
אַלציינס, צי די הויט איז ווײַס, צי שוואַרץ.
ווען די נאַכט צעריסן ווערט אַפּצווייען,
ווערט צעריסן אויך מײַן מוטער־האַרץ.

כ׳וויל ניט, ס׳זאָל די קויל אין קינדער טרעפן,
ניט אין דעם אַראַבער, ניט אין ייִדיש קינד.
מענטשן! נאָר פאַר גוטסקײַט הערצער עפנט,
שטעלט אים אָפּ, אָט דעם מילכאָמע־ווינט!

הירש בלאָשטיין

די ערד

געגריסט זײַט איר אַלע און יעדער באַזונדער, —
די פעלקער די קלענסטע, די פעלקער די גרעסטע!
די ערד איז אַ מילדער, אַ שטראַליקער וווּנדער
און האָט ניט אין ערגעץ קיין שענערע שוועסטער.

כ׳האָב קיינמאָל די ערד ניט געזען פונדערווײַטן,
נאָר ס׳האָבן דערציילט אירע זין — די קאָסמאָנאַווטן:
מיר האָבן געזען זי פון אַלינקע זײַטן... —
ניין, ס׳האָט קיין אײן שטערן אַזעלכע לאַנדשאַפטן.

און ניט אַזאַ ליכט, וואָס פאַרקישעפט די אויגן
און שפּילט אינעם האַרץ, ווי אַ פידל אַ גוטע... —
מיר האָבן געזען, ווען מיר זײַנען געפלויגן,
ווי פרעכטיק עס איז אונדזער אייביקע מוטער!

און יעטווידער נערוו האָט געבעטן אַף שאָלעם,
אַף פעלקער, מיט אייביקן שאָלעם באַגליקטע, —
אַז שיין זאָל זי ווערן, די וואָר, ווי דער כאָלעם
פון קינד, ווען די מאַמע מיט לידער פאַרוויגט עס.

עליע גאָרדין

אונטער דער הויסער זון

ראָמאַן

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

1

איליוסיק איז געווען דער עלפטער בא טאטע־מאמע.

פּרײַטיק פאַרנאַכט, ערעוו ליכט־בענטשן, ווען אווראָם האָט זיך אומגעקערט פון דעם פּאָרעצס פּאָסעסיע, ווו ער האָט געאַרבעט, אַף שאַבעס אַהיים, האָט שוין די באָבע ברײַנע, אַן ארומגעוויקלטע מיט א ווײַסן לײַלעך, מיט א שוואַרצן טשיפּעק אַפן קאָפּ, געוואַרט אַף אים לעבן שוועל און מיט א שמייכעלע אַפן פרום־געמאַכטן צנועסדיקן פּאָנעם אָנגעזאָגט די בסורע:

— מאַזלטאָוו, רעב אווראָם, אײַער זעלדע האָט געבוירן א ייִנגל.

צופירנדיק אים צום בעט, ווו עס איז געלעגן די אויסגעבלייכטע נאָך די שווערע געבורטס־ווייען קימפּעטאָרן, האָט זי צוגעגעבן:

— גיב נאָר א קוק, סאַרא יונגאַטש האָט זי דיר געבוירן... א גיבער וועט ער זײַן בא דיר, רעב אווראָם, א העלד, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

אווראָם האָט לאַנג געשאַרט אין קעשענע, געזוכט א פּאָר גראָשנס אָפּצודאַנקען דער באָבען פאַר איר טירחע — צונעמען דאָס קינד בא דער געווינערן, און פאַר די גוטע ווערטער, וועלכע זי האָט אים געזאָגט. נאָר אין קעשענע איז אפילע קיין סימען פון א

פרוטע ניט געווען. מוידע זײַן זיך, אז ער פארמאָגט ניט קיין צעבראָכענעם גראָשן בא דער נעשאָמע, איז אים ניט אָנגעשטאנען, האָט ער ניט אופגעהערט צו זוכן קלוימערשט אין די קעשענעס, און די באָבע ברײַנע האָט דערווײַל ניט אופגעהערט צו שיטן שוואָכים דעם נײַ־געבאָרענעם:

— אזויפיל מאזלדיקע יאָרן אונדז ביידן, וויפל קינדער איך האָב צוגענומען בא די קימפעטאָרנס, נאָר אזא קינד האָב איך נאָך ניט געזען. איר וועט זען, רעב אווראָם, וויפל נאכעס ער וועט אײַך און אײַער זעלדען פארשאפן... זאָל גאָט געבן, ער זאָל וואקסן בא אײַך געזונטערהייט.

— א דאנק, גאָט וועט אײַך געבן געזונט פאר אײַער גוטער נעשאָמע, ער וועט אײַך פאר אײַער טאָן מענטשן טויווס, מירצעשעם, אָפּצאָלן.

— דערווײַל צאָלט ער מיר עפּעס ניט... דערהאלטן די נעשאָמע דארף מען, און ווארטן, ביז ער וועט זיך דערבארעמען, איז קיין קויכעס ניטאָ.

אווראָם האָט פארשטאנען, — זי גיט אים אָנצוהערן, אז מיט קיין שיינע רייד וועט ער ניט אָפּקומען, האָט ער זיך אָנגעהויבן פארענטפערן:

— איך וועל, ברײַנע־לעבן, קיין באלכויוו ניט בלײַבן... זעלדע וועט אין א גוטער שאָ אופהייבן זיך פון קימפעט, שטעלן זיך אָף די פיס, וועלן מיר זיך צעצאָלן. הײַנט וועלן דאָך, מיסטאמע, קומען קינדערלעך זאָגן קרישמע, דארף מען זיי אונטערוואַרפן כאָטש א פאָר צוקער־לעקעכלעך, און זעלדען דארף מען אויך אונטערהאלטן, זי זאָל גיכער קומען צו־זיך, און איך אליין מיט די קינדער קאָנען אויך די נעשאָמעס ניט אויסשפּײַען...

— איך האָב געמיינט, — האָט די אלטע געטײַנעט, — אז אין זכוס פון מײַן טאָכטער, דער וויסטער אלמאָנע, האָט גאָט אײַך צוגעשיקט א זון, קעדיי איך מיט איר זאָלן האָבן אָף שאבעס.

אווראָם האָט פאנאנדערגענומען די הענט, פארביטערט א קלאָפּ געגעבן זיך אין די זײַטן און מיט א פארצווייפלטער שטים געזאָגט:

— אין זכוס פון מײַן זון האָט מיר גאָט גאָרנישט ניט צוגעשיקט, איך זאָל קענען אײַך באדאנקען. וואָס קאָן איך טאָן? גאָט וועט מויכל זײַן אי מיר, אי אײַך, אויב מיר וועלן ניט פראווען שאבעס, ווי ער האָט געבאָטן. איך וואָלט לויפן ערגעץ לײַען וויפל־ניט־איז געלט, זעצט זיך דאָך שוין די זון און מע דארף באלד ליכט־בענטשן.

זעלדע איז געלעגן מיט פארמאכטע אויגן און שטיל געקרעכצט, הערנדיק, מיט וואָס פאר א ווייטעק אין הארצן אווראָם טײַנעט זיך אויס מיט דער באָבען. זי האָט אָנגעשטרענגט אלע קויכעס און ארויסגעבראכט עטלעכע ווערטער:

— שאבעס האָב איך באוויזן צוגרייטן... דעם טשאָלנט האָבן די קינדער פארוקט אין אויוון... זאָל די באָבע בא אונדז בלײַבן אָף שאבעס.

אוורואָמען איז ווי א שטיין אראָפּגעפאלן פון הארצן. לאָזט זיך אויס, אז ער וועט קענען שאבעס פראווען מיט לײַטן גלײַך און די באָבע נאָך אײַנלאדן.

— איר הערט, איר הערט? — האָט ער, שײַנענדיק פון גליק, זיך געווענדט צו דער באָבען.

זעלדע האָט מיט א פינגער צוגערופן צו זיך אוורואָמען און אים געזאָגט:

— איך האָב כאלעס אויך אויסגעבאקן... זאָל די באָבע פאר מיר ליכט־בענטשן, און דו גיי אין שול דאווענען... וועסט קומען, ווערסטו מאכן קידעש.

ערשט איצט, ווען אווראָם איז געקומען א ביסל צו־זיך, האָט ער דערזען, אז אין שטוב לײַכט אין יעדן ווינקעלע, ווי אלעמאָל, ווען ער קומט אָף שאבעס אהיים. די קינדערלעך זײַנען ארומגעוואשענע, אויסגעצוואָגענע, בא די מיידלעך זײַנען פארפלאָכטן די צעפלעך, אלע זײַנען אָנגעטאָן אין ציכטיק־ריינע בגאָדימלעך.

אווראָם האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט דערגיין דעם סאָד, וויאזוי קען עס זעלדע פון די גראָשנס, וואָס ער ברענגט, מישטיינסגעזאָגט, פונעם פּאָרעץ, אָנהאָדעווען קיין אײַנהאָרע צען פיקערס און אָפּשפּאָרן נאָך אָף מאכן שאבעס מיט לײַטן גלײַך. ער האָט געוווּסט, אז מע קאָן א וועלט אויספּאָרן, וועט מען אין ערגעץ ניט געפינען אזא בעריע, ווי זײַן זעלדע. זי דרייט איבער א קינדערש בעגעדל פון דער רעכטער זײַט אָף דער לינקער און פון דער לינקער צוריק אָף דער רעכטער, זי מאכט איבער פון קליין אָף גרויס און פון גרויס אָף קליין, זי שטוקעוועט און לאטעט, און וואָס טוט זי ניט, אבי די קינדער זאָלן זײַן באקליידט און באשוכט. זי מאכט איבער פון א העמד א ציך, פון א ציך א קלייד, פון א רעקעלע א סעקעלע, דער קאָפּ דרייט איר, געווײַנלעך, געגנוג, וויאזוי אויסמארקירן, די קינדער זאָלן זײַן

אי זאַט, אי אָנגעטאָן. גרייטן גרייט זי אַלץ באַצײַטנס: זומער אַף ווינטער און ווינטער אַף זומער.

ווי נאָר זעלדע איז אַ ביסל צו־זיך געקומען, האָט זי, ווי יעדן מאָל, ווען עס ווערט בא איר געבוירן אַ קינד, געפרעגט אווראָמען:

— נו, ווי וועלן מיר אָנרופן דאָס אויפעלע?

ווי נאָר די באָבע האָט אים אָנגעזאָגט די בסורע, אַז זעלדע האָט געבוירן אַ ייִנגל, האָט אווראָם שוין געהאַט אַ פּאַסיקן נאָמען פאַר אים. פונדעסטוועגן האָט ער אויך אַ פרעג געגעבן באַם ווײַב:

— נו, און דו?... נאָך וועמען ווילסטו אים אָנרופן?

— פון מײַן צאַד האָבן שוין, דאַכט זיך, אַלע נעמען. רוף אָן עמעצן פון דײַניקע.

אווראָם האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן.

— איך וואָלט אים אָנגערופן, ווייסט נאָך וועמען? נאָך מײַן זיידן. ווען מיר האָבן כאַסענע געהאַט, איז ער שוין געווען אַף דער עמעסער וועלט... נאָר געווען איז דאָס אַ מענטש אַ גוואַר, אַן אַרבעטער איינער אין דער וועלט, און דערצו נאָך אַן עמעסער כאָכעם. ניט נאָר אין שטעטל, נאָר פון דער גאַנצער אומגעגנט פלעגט מען פאָרן צו אים אַן אייצע האַלטן זיך, ווי צו אַ גוטן־ייִדן... גערופן האָט מען אים עליִיאָהו, עליע.

— נו, זאָל זשע טאַקע אונדזער קינד טראָגן דעם נאָמען פון אַזאַ גוטן מענטשן, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, און זאָל אים גאָט צושיקן די כאָכמע פון דײַן קלוגן זיידן, — האָט זיך אָפּגערופן זעלדע.

עליע, אָדער ווי מע האָט אים גענומען רופן, איליוסיק, איז גאָר ניט געווען אַזאַ גוואַר, ווי די באָבע ברײַנע האָט אים אויסגעפּײַנט פאַרן טאַטן. דאָס איז געווען אַ דאַר, אויסגעבלייכט קינד, נאָר עס האָט געשפּרודלט פון אים מיט לעבן. קיין רעגע האָט עס רויִק ניט געקענט אײַנליגן. עס האָט זיך געוואָרפן, געדריגעט מיט די פיסלעך, אָן אופהער געקוואָלן פאַר פאַר־געניגן, וואָס עס לעבט אַף דער וועלט, און אויסגעפּראַוועט אַזעלכע מעשונעדיקע האַווײַעס, אַז די מוטער איז צעשמאָלצן געוואָרן פון נאַכעס.

„ווען אווראָם זעט עס מיט זײַנע אויגן, וויפל האַנאָע וואָלט עס אים פאַרשאַפט!" — האָט זי געטראַכט.

לאַנג האָט זיך געצויגן פאַר זעלדען די וואָך און קורץ איז געווען דער פרײַטיק מיטן שאַבעס, קעדיי אויסדערציילן אווראָמען אַלץ וועגן די קינדער ביכלאַל און וועגן מיזיניק ביפראַט. אין זאָרג און אין קאָפּדרייעניש איז געגאַנגען די צײַט, און אַף אויסדערציילן אַלץ האָט דער שאַבעס קיינמאָל ניט געקלעקט.

עפּעס גאָר אומגעריכט האָט איליוסיק אַ שטעל געגעבן זיך אַף די פיסלעך און אָנגעהויבן גיין. געפאַלן, צעמאַזיקט זיך, ווײַטער געגאַנגען, ווײַטער געפאַלן, אַלץ מער און מער פאַרשײַט האָט ער אָנגעהויבן אַרומיאָגן, אַרומטראָגן זיך. ניט וויסנדיק פון קיין צוים און אָפּשטעל, געקלעטערט, וווּ עס האָט זיך געמאַכט, צעדראַפּעט זיך ביז בלוט, צעריסן די בגאָדים. די מעשונעדיקע שטיקלעך און שפּיצלעך, וועלכע איליוסיק פלעגט אָפּטאָן, האָבן זעלדען ניט ווייניק אַגמעסנעפּעש פאַרשאַפט.

— ניט אַנדערש ווי אַ שעד זיצט אין דיר, — האָט זעלדע זיך געבייזערט און געטײַנעט צו איר מיזיניק, — אַזוי אַרומלויפן און אַרומיאָגן! מע קאָן דאָך אַף דיר ניט אָנסטאַרטשען ניט קיין שוך, ניט קיין בעגעד. ערשט האָב איך דיר די הייזלעך פאַרריכט, האָסטו זיי שוין ווידער צעריסן. ווי לאַנג האָב איך דיר דאָס העמדעלע אויסגעוואַשן, און עס איז שוין צוריק קויטיק געוואָרן... וואָס ווערט פון דיר אויסוואַקסן, בוסאָווילע?

ניט איין מאָל האָט זי זיך שוין געקליבן דערציילן אווראָמען, וואָס פאַר אַ שטיפער איליוסיק איז. נאָר זי האָט מוירע געהאַט, ער זאָל אים די ביינער ניט אָנברעכן. פאַרזיכטיק אין אַ גוטמוטיקן טאָן האָט זי געזאָגט אווראָמען:

— ווען דו ווייסט, וויפל איך האָב אויסצושטיין פון דײַן טאַכשיט...

— וואָס האָט ער שוין ווידער אָנגעטאָן? — האָט אווראָם אומרויִק אַ פרעג געגעבן.

— ניט געפערלעך, נאָר אייביקע מאָל איז ניט אויסצוהאַלטן פון זײַנע שטיפערײַען.

— וואָס ווילסטו, — האָט אווראָם געפרוווּט באַרויִקן זעלדען, — אַ קינד דאַרף שטיפן... ער איז דאָך אַ מיזיניק, האָט מען אים צעלאָזט... אינגיכן, אַז גאָט וועט געבן, דו וועסט געבוירן נאָך אַ קינד, וועלן מיר אופהערן אים אַזוי נאָכצוגעבן, דאַן וועט ער ווערן שטילער.

...נאָר סײַווי, ווען זעלדע האָט געבוירן דאָס צוועלפטע קינד — העניעלען און איר איז אויס־געקומען דעם הערינג, וועלכן זי האָט געקויפט אין מאַרק פאַר אַ פּאָר גראָשנס, טיילן ניט אַף

דרייצן, נאָר אַף פּערצן כּאַלאָקים, פּלעגט זי אילויסיק אַרײַנרוקן אַ ביסל אַ גרעסערן, פּעטערן כיילעק און זיך דערבײַ פאַרענטפערן:

— ער איז דאָך באַ אונדז אַ דאַרינקער, די ביינדעלעך לײַכטן דאָך אַף זײַן לײַב, ער דאַרף וואַקסן. און פון וואָס, מישטיינסגעזאָגט, קאָן ער וואַקסן, אַז ער קומט אָפּ אַ גאַנצן טאָג מיט אַ פּיסנעם סוף...

2

אַ מידער פון אַרומיאָגן און אַרומלויפן, האָט אילויסיק ליב געהאַט פאַרקלײַבן זיך אין אַ ווינקעלע און אַרויסקוקן אין דרויסן דורכן קליינעם פענצטערל, דורך וועלכן, שאַבעס פאַרנאַכט, עס זוכט די מאַמע אַ שטערן אין הימל, קעדיי איידער דער פאָטער קערט זיך אום אין מאַיאַנטעק צום פאַרעץ, זאָגן אַ טפילע צום גאָט פון אַווראָמען, פון יִיצכאָקן און יאַנקעווון, ער זאָל צושיקן אַ גוטע וואָך, אַ מאַזלדיקע וואָך, אַ וואָך פון האַצלאָכע און פּאַרנאָסע.

פאַרבײַ דעם פענצטערל זײַנען געגאַנגען און געגאַנגען פּויערשע יונגען, אָנגעטאָנענע אין סוויטקעס, אין צעריסענע רעקלעך, אין פאַרשמאָלצענע, פאַרלאַטעטע לײַנענע העמדלעך, אין פּאָסטעלעס און אין צעלעכערטע אויסגעטראָטענע שטיוול, מיט רענצלעך און זעקלעך אַף די פּלייצעס.

באַ דער זײַט פון די רייען איז געגאַנגען אַ מיליטערמאַן און אָפּגעציילט זייערע טריט:

— ראַז, דוואַ! ראַז, דוואַ! איינס, צוויי! איינס, צוויי!

אַ הילכיקע שטים האָט פאַרצויגן:

Соловей, соловей пташечка,
Канареечка жалобно поет [1].

אילויסיק האָט שוין געהאַט געהערט אַמאָל די דאָזיקע ליד. ער האָט אויסגעשטעלט זײַנע ברידערלעך אין אַ ריי און פּונקט ווי דער קאָמאַנדיר געציילט „איינס, צוויי“ און געזונגען זי מיט די ברידערלעך.

ער האָט נאָר ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס פאַרהילכן די געזאַנגען אַף דער גאַס יאָמערלעכע געוויינען פון ווײַבער און קינדער, וועלכע לויפן נאָך נאָך די סאָלדאַטן.

— פאַרוואָס וויינט מען אַזוי, מאַמע, אַף דער גאַס? — האָט ער אַ פרעג געגעבן באַ דער מוטער.

— ווײַל מע טרײַבט זיי, מײַן קינד, אַף מילכאָמע.

— וואָס זשע דאַרפן זיי וויינען?

— ווײַל מע קען זיי הארגענען און זייערע קינדערלעך וועלן בלײַבן אָן טאַטעס.

— ווער זשע מאַכט די מילכאָמע?

— דער קייסער, מײַן קינד.

— פאַרוואָס זשע איז ער אַזאַ שלעכטער, וואָס ער הארגעט מענטשן?

— אַז דו וועסט אויסוואַקסן, מײַן קינד, וועסטו אַליין פאַרשטיין.

דערנאָך האָט אילויסיק געהאַלטן אין איין פרעגן:

— ווען וועל איך שוין אויסוואַקסן? ווען וועל איך ווערן אַ גרויסער? איך וויל העלפן דעם טאַטן פאַרדינען געלט.

פרײַטיק פאַרנאַכט, ווען אַווראָם איז, ווי געוויינלעך, געקומען אַהיים, האָט ער אַ זאָג געטאָן זעלדען:

— באַם פאַרעץ אין שוין אויך ניט געבליבן, ווער ס'זאָל אַרבעטן.

— נו, איז וואָס דאַרט דיר פאַר אים דער מויעך?

— מע נעמט שוין קינדער אַף אַרבעט.

— עפּשער ווילסטו דײַנע קינדער מאַכן פאַר כאַלאָפּעס? ניט דערלעבן וועט עס דײַן פאַרעץ.

— מיר ווילן גיין אַרבעטן, מיר ווילן גיין אַרבעטן... — האָבן די קינדער אין איין קאָל אָנגעהויבן שרײַען.

— אַהין וועל איך אײַך ניט לאָזן. גענוג, וואָס דער טאַטע ווערט דאָרטן אַזוי אויסגעריסן, — האָט זעלדע זיך אָפּגערופן.

— מיר ווילן אַרבעטן, מיר ווילן העלפן דעם טאַטן פאַרדינען געלט, — האָבן די קינדער ניט אויפגעהערט צו טומלען.

---

[1] סאָלאָווי, סאָלאָווי, פּייגעלע, דאָס קאַנאַרייקעלע טרויעריק זינגט.

— זעסטו שוין, סאַראַ באַהעלפער דו האָסט, אוואָם? אפילו איליוסיק וויל שוין גיכער אונטערוואַקסן, קעדיי דיר העלפן פאַרדינען געלט.

— קיין ברויט עסן פון זייערע פאַרדינסטן קען מען נאָך דערווייל ניט, — האָט מיט א קרעכץ א זאָג געטאָן אוואָם.

— אוואַדע איז אונדז שווער, אוואָם, נאָר וואָס קענען מיר טאָן? מע וואָלט געוויס געדאַרפט, אַז די קינדער זאָלן זיך לערנען א מלאָכע. נאָר האָק זיי און בראָק זיי, ווילן די באַלמעלאָכעס ניט נעמען קיין קינדער לערנען. איך בין שוין אויסגעווען, בא וועמען דו ווילסט, די טירן אָפּגעשלאָגן בא אַלע באַלמעלאָכעס... ווער ס׳האָט שוין לערן־ייִנגלעך, ווער ס׳וואַרט, מע זאָל אים צונעמען אַף דער מילכאָמע, און ווער ס׳איז שוין געקומען פון דער מילכאָמע א קאַליקע. דער יאָקרעס איז גרויס. קיין אַרבעט האָבן ניט די באַלמעלאָכעס און האָבן אַליין ניט וואָס צו טאָן. עפּשער וועט זיך אײַנגעבן די מיידלעך אונדזערע אָפּגעבן לערנען פאַר נייטערנס?

—איך וויל נאָר אין מאַיאַנטעק, — האָט איליוסיק ניט אופגעהערט צו שרײַען. — וואָס טוט מען דאָרט אין מאַיאַנטעק?

— מע אַקערט דאָרט, מײַן זון, מע זעצט קאַרטאָפל, מע זייט ברויט, — האָט געענטפערט דער טאַטע.

— ברויט? ברויט איז דאָרט פאַראַן? איז מען דאַרף דאָרט ניט הונגעריק! פאַרוואָס זשע ווילסטו ניט, מאַמע, מיר זאָלן דאָרטן אַרבעטן?

— אַז דו וועסט זיך אויסלערנען א מלאָכע און וועסט פאַרדינען געלט, וועסטו שטענדיק זאַט זײַן, — האָט אים די מאַמע דערקלערט.

— אָבער איך וויל זײַן א פּויער, מאַמע. די פּויערים ברענגען שטענדיק אין מאַרק ברויט און קאַרטאָפל, מילך און פלייש און אַלץ, אַלץ. אַלע קויפן בא זיי. אַז איך וועל זײַן א פּויער, וועל איך אויך אַלץ האָבן.

בא איליוסיקן האָבן די אייגלעך זיך אָנגעצונדן. פון הייסן פאַרלאַנג, אַז זײַן באַגער זאָל מעקוייעם ווערן, האָט אים אַזש דער אָטעם פאַרשלאָגן.

זעלדע איז אָן איבעראַשטע פון איליוסיקס כאַכמע צוגעלאָפן צו אים, אַרומגעכאַפּט, א קוש געגעבן און פול מיט היספּײַלעס אויסגעשריִען:

— א געזונט דיר אין דײַן ליכטיק קעפּעלע, לעבן מײַנס! יאָרן זאָלסטו האָבן, כאַכעם מײַנער!

ווען איליוסיק האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע אָרעמס, איז זי צוגעגאַנגען צו אוואָמען און מיטן זעלבן צעראַשטן קאָל א זאָג געטאָן:

— אוואָם, איצט זעסטו שוין, וואָס פאַר א באַרדאַס דאָס קינד איז?

אַף אוואָמס שטענדיק פאַרדײַגעטן, אויסגעדייוועטן פּאָנעם האָט א שפּיל געגעבן א נאַכעס־שמייכעלע. שײַנענדיק פון פרייד, האָט ער געזאָגט:

— וואָס מיינסטו? דאָס קינד איז טאַקע גערעכט. צען מאָל, זאָג איך דיר, איז ער גערעכט... ס׳וואָלט דען געווען אַזוי שלעכט, ווען אונדזערע קינדער אַרבעטן אין מאַיאַנטעק? זיי וואָלטן זיך אויסגעלערנט באַאַרבעטן די ערד... עפּשער וועט זיך איבערדרייען, ס׳וועט אַף אונדז אויך אָנקומען א יעשועס און מיר וועלן קריגן אַן אייגן שטיקל ערד, וואָס וואָלט אונדז דאַן געפעלט? ווי זינגט זיך דאָרט אין דער ליד — „אין דער סאָכע ליגט די מאַזלבראָכע...״ איך קוק זיך צו צום לעבן פון די פּויערים, זע איך, אַז ס׳איז זיי אויך ביטער און פינצטער, אָבער ווער סע האָט אַן אייגן שטיקל ערד, לעבט ווי־ניט־איז, ער האָט א ביסל ברויט, א קאַרטאָפליטשקע, אַז גאָט העלפט, קויפט מען א סקאָטינקע, איז דאָ א קאָפּ מילך פאַר די קינדער... איליוסיק איז א קינד, פאַרשטייט ער עס אויך, און דו ווילסט די קינדער נאָר פאַר באַלמעלאָכעס מאַכן... טראַכט זיך נאָר אײַן, וואָס פאַראַ גליקן עס האָבן די שוסטער, די שנײַדער. אויב ס׳מאַכט זיך א שטיקל אַרבעט, לעבן זיי נאָך ווי־ניט־איז, און אַז קיין אַרבעט איז ניטאָ, לויפן זיי אויך אַרום מיט אַרויסגעשטעקטע ציינגער און שטאַרבן דרײַ מאָל א טאָג פון הונגער.

זעלדע האָט רויִק אויסגעהערט אוואָמען. געשוויגן א ווײַלע, ווי זי וואָלט זיך אַרײַנטראַכטן אין זײַנע רייד, און צום סאָף, א מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, געזאָגט:

— אוי, אוואָם, אוואָם, לעב ניט אין קיין טאָעס... קיין אייגן שטיקל ערד וועסטו ניט זען, ווי דײַן לינקן אויער... מײַן טאַטע, אַלעווהאַשאָלעם, האָט אויך געטרוימט וועגן דעם, ער האָט שוין אפילו געהאַט צונויפגעקליבן א פּאָר רובל און געגעבן איינעם א פּאָרעץ אַן אַדערויף... אָט־אָט, האָט ער געמיינט, פאַרפירט ער א שטיקל באַלעבאַטישקײַט און ווערט א באַלעבאָס, איז געקומען אָבער דער פּריסטאַוו און האָט אים געזאָגט, ווי אין ביכל בא

שאָלעם־אַלייכעמען באַשרײַבט זיך וועגן טעוויע דעם מילכיקן — „לעך־לעכאָ” — ציט זיך אַרויס פונעם דאָרף, דאָ איז ניט קיין אָרט פאַר אײַך. ייִדן טאָרן זיך ניט פאַרנעמען מיט קיין ערד־אַרבעט.

— עפשער וועט זיך איבערדרייען און מיר וועלן פאָרט געהאָלפן ווערן, — האָט אַווראָם מיט אַ האַפטאָכע־געפּיל אַ זאָג געטאָן. — אָט האָב איך געהערט, אַז ס׳זײַנען פאַראַן ייִדישע קאָלאָניעס און ייִדן אַרבעטן אָף ערד, ווי אַלע ערד־אַרבעטער.

— עפשער, האַלעווײַ, אַווראָם, פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן... נאָר ווי דערוואַרט מען שוין די נעכאָמע?..

3

רונד־אַרום האָט מען שוין געוווּסט, אַז אין פּעטערבורג האָט מען אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער. נאָר אין גוט, וווּ אַווראָם האָט געאַרבעט, איז אַלץ געגאַנגען ווי פריִער. די ערשטע טעג, ווי נאָר צום פּאָרעץ איז דערגאַנגען די איבעראַשנדיקע יעדיִע, איז ער ערגעץ אין בעהאַלע אַנטלאָפן, נאָר טײקעף צוריק זיך אומגעקערט און ווי פריִער געוועלטיקט אין זײַן מאַיאָנטעק.

אין אײניקע כאָדאָשים אַרום האָט אַווראָם, אומקערנדיק זיך שפּעט באַנאַכט אין גוט, נאָך פון ווײַטן דערזען פלאַקערנדיקע פײַער־זײַלן, וועלכע האָבן אַרײַנגעריסן זיך אין דער געדיכטער טונקלקײַט און פאַנאַנדערגעגאָסן אָפן הימל־ראַנד אַ בלוטיקע רויטקײַט. וואָס מער ער האָט זיך דערנעענטערט צום גוט, אַלץ דײַטלעכער האָט ער געזען די צעבושעוועטע גרויסע סרייפע.

„וואָס האָט עס געקאָנט געשען? — האָט ער געטראַכט. — צי דען לעשט קײנער ניט דאָס פײַער?”

באַם אַרײַנגאַנג אינעם ייִשעוו פונעם גוט האָט אַווראָם דערזען עטלעכע יונגען מיט ברענענדיקע שטעקנס אין די הענט.

— קום, אַווראָמקע, קום, ברודערל, שלאָגן דעם טרייפענעם פּאַן! — האָבן זיי, אָנכאַפּנדיק אים פאַרן אַרבל, געשריִען.

אַווראָם האָט אַ צעטומלטער געקוקט אָף זיי מיט מעוווּלוולדיקע אויגן און ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס זיי ווילן פון אים.

— נו, וואָס שטייסטו, ווי אַ ליימענער גוילעם? — האָט אײנער פון זיי, מיט אַ פלאַקסן טונקל בערדל און מיט פאַרקיסנעטע טראַכאָמע־אויגן, אים געגומען שלעפּן.

— אָבער וואָס איז געשען? — האָט אַווראָם געוואָלט וויסן.

— וואָס הייסט וואָס? ס׳איז אַ רעוואָליוציע! — האָט דאָס פויערל מיט די טראַכאָם־אויגן אויסגעשריִען.

פון דער איבעראַשנדיקער יעדיִע האָט באַ אַווראָמען פאַרכאַפּט דער אָטעם, ער האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען.

— אַ רעוואָליוציע, ברודערל, אַ רעוואָליוציע! — האָט אַ דריטער יונג, אַ דאַרינקער, מיט אַ שמאָל באַוואַקסן פּענעמל, געשריִען, — גלייבסט ניט? וווּ ביסטו געווען? פון הימל אַראָפּגעפאַלן? די רעוואָליוציע פאַרשלאָפן!

— איך בין נעכטן אַ גאַנצן טאָג אין שטוב געזעסן... איך האָב געהערט, אַז אין גאַס האָט זיך געטומלט, האָב איך געמיינט, אַז מע טרײַבט סאָלדאַטן אָף דער מילכאָמע, — האָט אַווראָם זיך ווי פאַרענטפערט.

— אויס מיט דער מילכאָמע! די ערד די פויערים! — האָט דער יונג געשריִען. — קום זיך אָפּרעכענען מיטן פּאָרעץ, קום! וואָס שטייסטו?!

צו אַווראָמס באַוווּסטזײַן איז נאָך אַלץ ניט דערגאַנגען, וואָס אַזוינס עס קומט דאָ פאָר. ער האָט נאָך אין פינפטן יאָר, ווען ער איז געווען אינגאַנצן אַ יונגער, שוין דערהערט דאָס וואָרט רעוואָליוציע. אויך דאַן האָבן די כאָלאָפּעס געצונדן די פּריצישע גיטערס. מיט פײַער און רויך פון די אופשטענדלער זײַנען געוועזן אַרומגעכאַפּט גאַנצע געגנטן. אָבער די זון, וועלכע האָט אַ ווײַלע אַ שײַן געטאָן, איז גיך פאַרגאַנגען, און אין אַ פינצטערן טהאָם פון בלוט און טרערן איז די רעוואָליוציע דערטרונקען געוואָרן.

ווען אַווראָם און די מענטשן מיט די ברענענדיקע שטעקנס אין די הענט זײַנען צוגעגאַנגען צו דעם פּאָרעצס מויער, איז שוין דאָרטן געווען אַ גרויסער אוילעם. באַ דער שײַן פון אַן אונטערגעצונדן הויז, וואָס האָט אין דער קעגנײבערדיקער זײַט געפלאַקערט, האָט

אוראָם געזען, ווי דער אופגעבראַוזטער אוילעם האָט זיך אַרומגעטראָגן איבערן הויף, געריסן זיך דורך די אופגעפּראַלטע טירן אין מוישער אַריַין און געזוכט דעם פּאַרעץ.

— ער האָט שוין געמאַכט פּלייטע, נעלעם געוואָרן... ער האָט זיך דערשראָקן, דער טײַוול דער טרייפענער, מע זאָל אים ניט אַרײַנטיילן אַ הייסע זודיקע קויל אין זײַן וועלפּיש האַרץ אַרײַן! — האָבן זיך געטראָגן קולעס.

עטלעכע מענטשן מיט רויטע בענדלעך אָף די אַרבל פון די סוויטקעס האָבן געפּרוווט אײַנהאַלטן דעם צעבושעוועטן האַמוין און אַלע ווײַלע אויסגערופן:

— אָרדענונג! האַלט די אָרדענונג! צינדט ניט דעם גוט!.. מיר זײַנען איצט באַלעבאַטים אין אים! מיט אונדזער בלוט און האָרעוואַניע איז עס אַלץ אָנגעלעבט געוואָרן, געהערט עס אונדז!

אַ הויכער ברייטפּלייצעקער מאַנצבל מיט אַ טונקל־בלאָנדן טשוב האָט זיך אַרופגעדראַפּעט אָפן שטיינערנעם פּאַרקן און, פאַכנדיק מיט די הענט, הויך און היציק אָנגעהויבן אַ מיטינג:

— כאַווײרים און ברידער! מיר, געוועזענע כאַלאָפּעס, פּריצישע קנעכט, צוזאַמען מיט אונדזערע ברידער אַרבעטער און פּויערים ווערן, הייסט עס... נו... מיר ווערן, ווי זאָגט מען עס... באַלעבאַטים, ווײַל אונדזערע מאָזאָלישע הענט האָבן, הייסט עס, דאָס אַלץ געשאַפן. איז זאָל לעבן, הייסט עס, די רעוואָליוציע!

הונדערטער הילכיקע שטימען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין דונערדיקן קאָל:

— הוראַ! הוראַ!

עטלעכע יונגען, וועלכע זײַנען געשטאַנען לעבן פּאַרקן, האָבן אונטערגעכאַפּט דעם אָראַטאָר, געוואָרפן אים אין דער הייך און געשריגן:

— הוראַ! הוראַ!

ווען דער אוילעם האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, האָט אָפן פּאַרקן זיך אַרופגעדראַפּעט אַ צווייטער רעדנער — אַ בערדיקער, אין אַ צעריסענעם קויטיקן שינעל, ער האָט אַראָפּגעכאַפּט מיט דער איין־און־איינציקער גאַנץ געבליבענער אָף דער מילכאָמע האַנט דאָס היטל פונעם קאָפּ, געפּאַכט מיט דעם און געשריגן:

— מיר, סאָלדאַטן, וועלכע האָבן העכער דרײַ יאָר געוואַלגערט זיך אין די אָקאָפּעס, מעלדן, אַז מיר ווילן מער ניט פאַרגיסן קיין בלוט פאַר די פּריצים און בורזשויען!.. נידער מיט דער מילכאָמע! זאָל לעבן די רעוואָליוציע! הוראַ!

— הוראַ! הוראַ! — האָט זיך געקײַקלט איבערן האַמוין אַ דרײַפאַכיקער דונער־אויסגעשריי.

דער אָראַטאָר האָט ניט באַוויזן אַראָפּגיין, ווי אָפן פּאַרקן איז אַרופגעקראָכן אַ דריטער, אַ פערטער...

אוראָם איז געשטאַנען צווישן דעם אופגעבראַוזטן אוילעם און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זיך אײַנגעהערט אין יעדן וואָרט, וואָס מע האָט געזאָגט. זײַן אייגן קאָל האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די קולעס פון האַמוין.

— הוראַ! זאָל לעבן!

— זאָל לעבן די רעוואָליוציע!

דער מיטינג האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט. אָף מאָרגן האָט זיך דער יאָמטעוו ווידער אָנגעהויבן. ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. אוראָם האָט זייער געוואָלט זײַן מיט אַלעמען, שרײַען, טומלען, מיטינגעווען, אָבער ער האָט דאָ מער ניט געקאָנט זיך פאַרהאַלטן. ער האָט געמוזט לויפן גיכער אַנזאָגן זעלדען און די קינדער, אַז ס'איז אַ רעוואָליוציע. זיי זיצן דאָך, נעבעך, באָרוועסע און נאַקעטע אין שטוב און קאָנען ניט אַרויסגיין אין דרויסן.

ניט פילנדיק די ערד אונטער די פיס, האָט ער זיך געלאָזט לויפן אַהיים. צום גליק, האָט זיך אים אין וועג געמאַכט אַ פור, און ער האָט זיך גיך דערקליבן. אין שטוב האָט ער זיך אַרײַנגעריסן, ווי אַ ווירכער. לויט זײַן צערודערטן פּאָנעם האָט זעלדע גלײַך באַמערקט, אַז ס'איז געשען אויסערגעוויינלעכס. איידער זי האָט באַוויזן אַ פרעג געבן, וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט ער אויסגעפּאַליעט:

— זעלדע, קינדער, ס'איז אַ רעוואָליוציע!

— וואָס רעדסטו, אוראָם? איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו רעדסט, זאָג מיר, וואָס איז געשען?

— איך זאָג דאָך דיר, אַז ס'איז אַ רעוואָליוציע!

— איז וואָס ביסטו אינמיטן דער וואָך געקומען אַהיים?

— איז זאָג איך דאָך דיר, ווײַל ס׳איז א רעוואָליוציע.
— ארבעט מען ניט?
— ווואָדע ארבעט מען ניט... דער פּאַרעץ איז אנטלאָפן.
— און דער מאַיאָנטעק? וואָס וועט דאָרטן איצטער זײַן?
— מע זאָגט, אז מיר, די ארבעטער, וועלן דאָרטן ווערן באַלעבאַטים.
— ווער זשע וועט ארבעטן?
— מיר, די ארבעטער, וועלן ארבעטן און באַלעבאַטעווען.
איליוסיק, דערהערנדיק דעם פאָטערס רייד, האָט פאַרשטאַנען, אז מע דאַרף לויפן, שרײַען, פרייען זיך און אלעמען, אלעמען אָנזאָגן די בסורע.
— א רעוואָליוציע! א רעוואָליוציע! — האָט ער, וויפל נאָר ער האָט געהאַט קויכעס, געליאַרעמט, — א רעוואָליוציע!
צוזאמען מיט די ברידערלעך און מיט די קינדער פון שכייניש הויף איז ער ארומגע־לאָפן און געהאַלטן אין איין שרײַען:
— זאָל לעבן די רעוואָליוציע!
אווראָם האָט, ווי פריער, געארבעט אינעם געוועזענעם פּריציש מאַיאָנטעק. לויט דער באַשטימונג פונעם רעווקאָם האָבן די ארבעטער אויסגעטיילט א קאָמיטעט, וועלכער האָט גענומען אפן דיסקאָנט די ווירטשאַפט פונעם געוועזענעם גוט, וואָס איז איבערגעגעבן גע־וואָרן אין זייער רעשוס. דער קאָמיטעט האָט אכטונג געגעבן, מע זאָל ניט צעשלעפּן דעם אינווענטאַר, און אָנגעהויבן אײַנפירן אומעטום א שטרענגע אָרדענונג.
אף אווראָמען זײַנען ארופגעלייגט געוואָרן די פליכטן אופצופּאַסן איבער דעם פּי. באַטאָג האָט ער, צוזאמען מיט נאָך א פּאָר מענטשן, וועלכע דער קאָמיטעט האָט אויסגעטיילט, געהאָדעוועט, געפּאָיעט, געמאָלקן די קי און אכטונג געגעבן, אז אין שטאַל זאָל זײַן ריין. צו דעם אלעמען איז נאָך אווראָם באַנאַכט געשטאַנען מיט דער ביקס אפן פּאָסט און געהיט די ווירטשאַפט פון די באַנדעס, וועלכע האָבן ארום געבושעוועט.
ארויסרײַסן זיך אהיים, אָפּפירן זעלדען מיט די קינדערלעך דעם פּאַיאָק, וועלכן דער קאָמיטעט האָט ארויסגעגעבן די ארבעטער, האָט ער בעשום־אויפן ניט געקאָנט.
— וואָס טוט מען? — האָט ער ניט אופגעהערט צו טראַכטן.
ער האָט אָנגענומען זיך מיט מוט און אוועק צום פאָרזיצער פון קאָמיטעט, דערציילט אים אלץ, וואָס ס׳איז געווען בא אים אפן האַרצן.
— צוועלף קינדערלעך פאַרמאָג איך... זיי קאָנען דאָך, באַהיט גאָט, פון הונגער אומקו־מען... אפילע מײַן פּאַיאָק, וואָס איך באַקום, קאָן איך זיי אויך ניט ברענגען... האָט ראַכמאָנעס און לאָזט מיך כאָטש אָפּ אף א פּאָר שאָ. אָפּפירן די פּראָדוקטן, אָטכײַען זיי די נעשאָמעס.
דער פאָרזיצער האָט אויסגעהערט אווראָמען און אים מיטגעפילט, אָבער העלפן האָט ער ניט געקאָנט.
— נו. זאָג אליין, וואָס קאָן איך טאָן?.. זעסט דאָך, וואָס ס׳טוט זיך, ווי קאָן איך דיך אָפּלאָזן, אז יעדער רעגע קאָן אָנפאַלן א באַנדע און מאַכן טיל־טעל פון אונדז און פון דער גאַנצער ווירטשאַפט... פאַרבײַסן דיך האָב איך ניט מיט וועמען.
— יאָ, אָבער טראַכט זיך ארײַן אין מײַן לאַגע, — האָט אווראָם געבעטן. — האָט ראַכמאָנעס אף מײַן מישפּאָכע. שוין וויפל צײַט ווי זיי הונגערן, נעבעך.
דער פאָרזיצער האָט הילפלאָז פאַנאַנדערגענומען די הענט:
— כ׳ווייס פּאַשעט ניט, וואָס צו טאָן מיט דיר. אָפּזאָגן דיר איז א זינד, און אָפּלאָזן קאָן איך ניט. — ער האָט א ווײַלע געטראַכט און צוגעגעבן: — ווייסטו וואָס, גיי ארײַן מאָרגן, עפּשער וועל איך עפּעס קאָנען טאָן.
כאָטש דער פאָרזיצער האָט גאָרנישט ניט צוגעזאָגט, פונדעסטוועגן האָט אווראָם דאָך געהאָפט, אז ער וועט אויספילן זײַן ביטע.
באַנאַכט, שטייענדיק אף דער וואַך, האָט ער געציילט די מינוטן און שאָען, וועלכע זײַנען געבליבן ביז פאַרטאָג. די צײַט האָט זיך געצויגן זייער לאַנג. באַגינען האָט זיך פּלוצעם דערהערט א שיסערײַ, און באַלד האָט דורכגעקלונגען א קאָמאַנדע:
— В ружье![1]
די שיסערײַ איז געוואָרן אלץ העפטיקער. די שלאַכט איז געווען א לאַנגע און א שווערע. עס איז שוין געווען גוט ליכטיק, ווען די באַנדע איז אָפּגעטראָטן.

[1] צום געווער!

„פאַרפאַלן, — האָט אוורהאָם מיט ווייטעק אין הארצן א טראַכט געטאָן. — איצט וועל איך שוין אהיים זיך ניט ארויסרײַסן".

א מידער און א דערשלאָגענער, האָט אוורהאָם זיך צוגעלייגט אָפּרוען, נאָר אײַנשלאָפן האָט ער ניט געקאָנט, געדרייט זיך פון איין זײַט אַף דער צווייטער. ווען ער האָט, ענדלעך, אָנגעהויבן אײַנדרעמלען, האָט ער דערהערט א שטים:

— מעהודין, דו האָסט געוואָלט אָפּפירן דײַן מישפּאָכע פּראָדוקטן, שטיי זשע אוף, באלד גייט א פור אין שטאָט.

— אהיים?.. פּראָדוקטן פאר דער מישפּאָכע? — האָט ער א שלעפעריקער איבערגע־פרעגט.

געדוכט האָט זיך אים, אז ס'איז א כאָלעם. נאָר ווען ער האָט אופגעעפנט די אויגן, האָט ער דערזען, אז לעבן אים שטייט דער פּאַרזיצער פון קאָמיטעט און טאַרעט אים:

— גיכער, מעהודין! דער קאָמיטעט האָט באשטימט אויסטיילן א ביסל פּראָדוקטן פאר דײַן מישפּאָכע.

— טאקע? אפאנעמעסן? א דאנק! א גרויסן דאנק אײַך! — האָט אוורהאָם, ניט גלייבנדיק, וואָס זײַנע אויערן הערן, געמורמלט.

— די פור שטייט שוין לעבן שײַער, קלײַב זיך ניט לאַנג, שנעלער... זע נאָר, זאָלסט אין דער היים זיך ניט פארהאלטן. קום גלײַך צוריק, הערסט? טייקעף צוריק! — האָט איבער־געכאַזערט דער פּאַרזיצער.

ביזוואנען אוורהאָם איז דערלאָפן צום שײַער, איז שוין די פור געווען אָנגעלאָדן מיט קאַרטאָפל, קרויט, הירזש, מעל און אפילע מיט האָלץ.

— הײַדא, גיכער שפרינג ארוף אַף דער פור, — האָט דער פּאַרזיצער אונטערגעיאָגט אוורהאָמען.

— גוט, גוט. א דאנק, כ'וועל גלײַך זיך צוריקקערן, — האָט אוורהאָם אים פּאַרזיכערט.

אוורהאָם איז שוין לאנג ניט געווען אזוי אופגעלייגט. ס'איז געווען ניט פּרײַטיק און געפאָרן איז ער אהיים ניט אַף שאבעס; נאָר אויסגעדוכט האָט זיך אים, אז ער פּאָרט אַף א גרויסן יאָמטעוו. ער וועט זיך זען מיט זעלדען, מיט די קינדער, ער וועט ברענגען זיי אזויפיל פּראָדוקטן. זעלדע איז דאָך א גרויסע באלעבאָסטע. זי וועט עס צעצײַען און ס'וועט באַ איר זײַן אַף לאַנג מיט וואָס אונטערצוהאלטן די נעשאָמעס. דאָס מעל, וואָס ער פירט, וועט זי האלטן אַף „פּריוואָרעק", אמאָל וועט זי עפשער די קינדערלעך א באלעווע טאָן און מאכן א קוגעלע. קיינער וואָרט הײַנט געוויס ניט אַף אים. גוט, וואָס ער וועט קומען אומגעריכט און וועט אָנבריינגען אזא אייגנס. אויב אין שטוב איז באַ איר אינגאנצן פּוסט, וועט זי אפגיך עפּעס אָפּקאָכן, זי איז דאָך אזא בעריע...

די פור איז צוגעפאָרן צו אוורהאָמס שטיבל. דערהערט א טראָסקערײַ פון א פור, זײַנען איליוסיק מיט מיכלקען צוגעלאָפן צום פענצטער און מיט א פרייד אויסגעשריִען:

— דער טאַטע! דער טאַטע איז געקומען!

האלב־נאַקעטע זײַנען זיי ארויסגעלאָפן באַגעגענען אים.

— גייט ארײַן אין שטוב, די מינוט גייט ארײַן! אין דרויסן איז א פּראָסט, איר וועט זיך צוקילן, — האָט אוורהאָם זיך אָנגעהויבן בייזערן.

איליוסיק מיט מיכלקען האָבן זיך אומגעקערט אין שטוב מיט א געשריי:

— דער טאַטע האָט עפּעס געבראַכט! ער נעמט אראָפּ פון פור פעקלעך!

די קינדער האָבן ארופגעצויגן אַף זיך וואָס ס'האָט זיך געמאכט און געוואָלט ווידער זיך לאָזן לויפן אין דרויסן אנטקעגן דעם פאָטער, נאָר אוורהאָם האָט שוין ארײַנגעטראָגן אין שטוב א פּאָר פעקלעך.

— נאַ, נעם עס צו, — האָט ער, באגריסנדיק זיי, דערלאַנגט זעלדען און זיך געלאָזט לויפן צוריק צו דער פור.

— אוי! קאַרטאָפל, קרויט, אוי, מעל... — האָבן די קינדער געפרייט זיך. אריבעריאָגנדיק איינער דעם אנדערן, האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן אנטקעגן דעם טאַטן, וועלכער האָט קוים ארײַנגעשלעפּט אין שטוב א פול־אָנגעפּאַקטן זאַק.

— וואָס האָסטו נאָך געבראַכט, טאַטע? ס'איז אלץ פאר אונדז? — האָבן זיי געפילדערט.

זעלדע האָט צוגענומען די פעקלעך, באטראַכט, וואָס דאָרט איז, און א צעראַשטע געפרעגט:

— ווו האָסטו, אוורהאָם, עס אָנגענומען אזא אוצער? צי דען איז עס טאקע אלץ אונדז?

— וואָס דען... וועמען זשע?.. אונדז! אלץ אונדז!

אוראַם האָט געשמייכלט, ס׳האָט אים האַנאַע געטאָן, וואָס ס׳גלייבט זיך איר ניט, אַז ער האָט אָנגעבראַכט אַזויפיל עסנוואַרג.

— דער קאָמיטעט האָט עס מיר ארויסגעגעבן.

— וועלכער קאָמיטעט? לאַנג לעבן זאָל ער, דער קאָמיטעט, א גוטער מענטש, קענטיק, ער האָט ראַכמאָנעס געהאַט אַף אונדזערע קינדערלעך.

— דער קאָמיטעט איז ניט איין מענטש, דאָס זײַנען עטלעכע אַרבעטער, וועלכע מיר אליין האָבן אויסגעקליבן, — האָט אוראַם איר דערקלערט.

— ווײַל ס׳איז פון אײַערע מענטשן, פאַרשטייען זיי אונדזער לאַגע און קענען אונדז מיטפילן, — האָט זעלדע זיך אָפּגערופן. — און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין דאָרטן, ווי הייסט עס, א שטיקל באַלעבאָס אָנשטאָט דעם פּאָרעץ, האָסטו שוין אַין אונדז פאַרגעסן.

— וואָס רעדסטו, זעלדע, וואָס איז דאָס פאַר א רייד? — האָט אוראַם צאַרט א גלעט געגעבן דאָס ווײַב. — כ׳האָב זיך אָפּגעבעטן אַף א האַלבער שאָ ברענגען א ביסל פּראָדוקטן און א קוק טאָן אַף אײַך... האָסט דען א באַגריף, וואָס באַ אונדז טוט זיך דאָרטן?

— וואָס טוסטו דאָרט אַזוינס, וואָס מ׳קאָן זיך אָן דיר ניט באַגיין? — האָט זעלדע אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן. — דער פּאָרעץ פלעגט דאָך דיך אויך אָפּלאָזן יעדער פרײַטיק אַהיים.

— מיר דאַרפן אָן אָרדענונג מאַכן אין דער ווירטשאַפט, מיר זײַנען דאָך עפּעס באַלעבאָטים, — האָט געענטפערט אוראַם. — ווי זאָגט אונדזער עלטסטער: מיר דאַרפן זײַן אַי אַרבעטער, אַי סאָלדאַטן, מיר דאַרפן אַרבעטן און היטן אונדזער גוטס... איך בין א שטיקל עלטסטער איבער דעם פּי, דאַרף איך אַכטונג געבן, מ׳זאָל אָנהאָדעווען דאָס פּי צו דער צײַט, אין שטאַל זאָל זײַן אָן אָרדענונג, דעם געמעלק זאָל מען ניט צעשלעפּן... קאָפּדרייעניש האָב איך ניט ווייניק.

אַפּגיך געזעגענענדיק זיך מיט זעלדען און מיט די קינדער, האָט אוראַם געזאָגט:

— טאָמער וועל איך ניט קומען אַזוי גיך, ערגערט זיך ניט, ניט שטענדיק קאָן איך זיך ארויסרײַסן. דער פּאָרזיצער פון קאָמיטעט האָט מיר צוגעזאָגט, אַז וויפל מע וועט קענען, וועט מען אונדז מיטהעלפן, מיט וואָס נאָר ס׳איז מעגלעך.

געקומען איז ער אַפן מאַיאָנטעק פּינקטלעך צו דער צײַט, ווי ער האָט צוגעזאָגט דעם פּאָרזיצער. אַף מאָרגן, ווען יענער איז געקומען אין שטאַל באַטראַכטן דאָס פּי, האָט ער אוראַמען גוטמוטיק א פרעג געגעבן:

— נו, ביסט געווען אין דער היים? וואָס מאַכט די פרוי, וואָס מאַכן די קינדער? זיי זײַנען צופרידן?

— אוודאי! אַלץ הייסט צופרידן. א דאַנק אײַך! א גרויסן דאַנק!

דער פּאָרזיצער האָט זיך שוין געלאָזט גיין, נאָר פּלוצעם האָט ער זיך אומגעקערט און געפרעגט:

— דו האָסט אַמאָל באַם פּאָרעץ געאַרבעט אין פעלד?

— איך האָב אומעטום געאַרבעט. אין פעלד, אין וואַלד, ווו ס׳האָט זיך געפּאָדערט, דאָרטן האָב איך געאַרבעט.

— פאַרשטייסט, מע דאַרף באַצײַטנס אָנהייבן טראַכטן, ווי אַזוי פאַרזייען די פעלדער. דער ווינטער וועט דורכלויפן, ס׳וועט קומען צום זייען, און מיר וועלן ניט זײַן גרייט... פרײַער פאַר אַלץ, מיין איך, דאַרף מען זיך אויסזיצן מיט די מענטשן, וועלכע האָבן דירעקט געאַרבעט אַף די פעלדער. זיי האָבן א דערפאַרונג, זיי ווייסן, ווו מע דאַרף זייען, וואָס מע דאַרף זייען און ווי מע דאַרף זייען.

אוראַמען איז געווען אָנגענעם, וואָס דער פּאָרזיצער רעדט מיט אים, ווי מיט א גלײַכן, ווייל זיך מיט אים אָן אייצע האַלטן וועגן ווירטשאַפטלעכע זאַכן.

דער פּאָרזיצער האָט ניט געצײַלט, באַלעבאַטיש באַדאַכט, גערעדט מיט אים, ווי אַזוי מאַכן, מע זאָל ניט צעשלעפּן דיביימער פון וואַלד אַף הייצונג. נאָכדעם האָט ער ווידער גענומען ריידן וועגן דער צוגרייטונג צום פּאַרזיי. געזעגענענדיק זיך מיט אוראַמען, האָט ער דערעכאַגעוו א זאָג געטאָן:

— כ׳האָף, אַז פרילינג וועלן מיר אויסטיילן שטיקלעך ערד פאַר אונדזערע אַרבעטער, יעדערער זאָל קאָנען פאַרזעצן א ביסל קאַרטאָפל, קרויט און גרינס.

— אוי, וואָלט עס געווען גוט, אוי, איז דאָס א זאַך! דאָס וואָלט דאָך אונדז געראַטעוועט! — האָט אוראַם אויסגעשריִען.

— מיר וועלן העלפן אופאַקערן יעדערן זײַן שטיקל ערד, און מיט זריע וועלן מיר אויך באַזאָרגן, — האָט דער פּאָרזיצער פאַרגעזעצט.

פון דער פריידיקער יעדיִע האָט באַ אוראַמען אזש דאָס האַרץ א ציטער געטאָן.
— אוי, וואָלט עס געווען גוט! אוי, איז דאָס א זאַך! מײַן גאַנץ לעבן טראַכט איך דאָך וועגן א שטיקל ערד, ווו איך זאָל קאָנען עפּעס פאַרזייען... ווי דערלעבט מען עס שוין טאַקע?..

4

איינעם מיט דער פור האָלץ און מיט די פּראָדוקטן פון זײַן פּאַיאָק האָט אוראַם געבראַכט אהיים די פריידיקע בסורע, אז דער קאָמיטעט וועט אויסטיילן ערד־כאַלאַקים פאַר די אַרבעטער און וועט נאָך העלפן אופאַקערן און פאַרזייען.
— נו, האָסט ניט געגלייבט, אז מיר וועלן ווען־ניט־איז האָבן א שטיקל ערד און וועלן אליין אַרבעטן אויף איר, — האָט אוראַם מיט אן עטוואָס גאַדלעסדיקן טאָן א זאָג געטאָן.
— דאַנקען גאָט, וואָס מיר האָבן עס דערלעבט, — האָט זעלדע גוטמוטיק אונטערגעשמייכלט. — אז מיר וועלן לעבן און געזונט זײַן, וועלן מיר האָבן אן אייגענע קאַרטאָפליעטשקע, א מער, א ציבעלקע, א בוריקל...
די קינדער זײַנען געווען פון דער יעדיִע אפן זיבעטן הימל. זיי האָבן פון פרייד געטאַנצט:
— מיר וועלן האָבן ערד! מיר וועלן אליין אַקערן און זייען! אָבער ווען, טאַטע, וועט מען געבן אונדז די ערד?
— פרילינג, קינדער, פרילינג...
— ווען דער שניי וועט אַראָפּ? ס'איז נאָך לאַנג צו וואַרטן? דו וועסט מיך נעמען מיט זיך? — איז ניט אָפּגעשטאַנען פון אים איליוסיק. — איך וועל אָנטרײַבן די פערד.
— און איך וועל האַלטן דעם אַקער, — האָט זיך אָפּגערופן מיכלקע.
— און איך וועל זייען! — האָט אויסגעשריִען שיינדעלע.
— וואָס וועלן מיר זייען, טאַטע? — האָט געוואָלט וויסן איליוסיק.
— אַלץ, מײַן זון, וועלן מיר זייען, — האָט זיך אַרײַנגעמישט זעלדע. — וואָס מיר וועלן קאָנען, וועלן מיר זייען. דער טאַטע זאָגט, אז מע וועט אונדז געבן זריִע.
וועגנדיק זיך צו אוראַמען, האָט זי צוגעגעבן:
— עס האָט זיך, דוכט זיך, באַ מיר ערגעץ פאַרוואַלגערט א ביסל פּאַסאָליעס, אויב זיי טויגן נאָר, וואָלטן מיר זיי אויך פאַרזייט. כ'וואָלט נאָך וועלן פאַרזעצן קירבעסן, דו ווייסט, אוראַם, וועלכע מײַכאָלים מע קען מאַכן פון זיי!
— מיר וועלן, מירצעשעם, באַטראַכטן, וואָס צו זייען, לאָמיר נאָר דערלעבן...
געזעגנט זיך מיט זעלדען און מיט די קינדער, האָט אוראַם מיט דער זעלבער פור, וועלכע האָט אים געבראַכט אהער, זיך אומגעקערט אינעם געוועזענעם גוט.
דער ווינטער איז געווען א בייזער. די וויגעס האָבן ניט אופגעהערט צו בושעווען. אין שטאָל, פאַרענדיק זיך אַרום די פי, שפּעט באַנאַכט, אן אײַנגענורעטער אין היי אפן געלעגער, האָט אוראַם ניט אופגעהערט צו טראַכטן וועגן זײַן מישפּאָכע. ס'האָבן זיך פונקט אָנגעהויבן קעלבן די בעהיימעס. צופאָרן אהיים איז געווען שווער, און די פראָסט זײַנען ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די קינדער קוקן געוויס אַרויס דורכן פענצטער, — האָט ער געטראַכט, — און ער פאָרט ניט און פאָרט ניט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי די קינדער זיצן אַרום דער הרובע, וואַרעמען זיך און טרוימען וועגן דעם שטיקעלע ערד, וועלכן מ'האָט פרילינג צוגעזאָגט געבן. ווען זיי שלאָפן, כאַלעמט זיי זיך געוויס, ווי עס וואַקסן קאַרטאָפליעס, מערן, פּאַסאָליעס, קירבעס.
ווי זעלדע האָט ניט געהייצט בעצימצעם, ווי זי האָט ניט געקאַרגט יעדן שײַטל האָלץ, האָט זיך שוין, מיסטאָמע, באַ איר די הייצונג געענדיקט. און דער פראָסט ברענט און ברענט, און עסן האָבן זיי שוין אויך ניט וואָס. ס'איז פונקט צוגעגאַנגען די צײַט, ווען מ'האָט געטיילט די אַרבעטער פּאַיאָקעס. האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און איז ווידער אוועק צום פאָרזיצער פון קאָמיטעט. אויסגעבעטן א פור, קעדיי אָפּצופירן שפּײַז און הייצונג פאַר דער מישפּאָכע, האָט ער זיך געלאָזט פאָרן אהיים.
די קינדער זײַנען געזעסן אַרומגעוויקלטע אין קאָלדרעס און האָבן געציטערט פון קעלט. דערזען דעם טאַטן, זײַנען זיי אַרויסגעשפּרונגען באַגעגענען אים. זעלדע האָט אָפּגיך אײַנגעהייצט די הרובע, געמאַכט אין שטוב וואַרעם, אָפּגעקאָכט קאַרטאָפליעס, אָנגעהאָדעוועט

די קינדער. ניט פאַרהאַלטנדיק זיך לאַנג, האָט אווראָם זיך געוואָלט לאָזן פאָרן צוריק, נאָר די קינדער האָבן אים אָנגעכאַפּט פאַר די פּאָלעס און אים ניט אופגעהערט צו פרעגן:

— ווען וועט מען שוין געבן די ערד? ווען וועט מען שוין זייען?

אין עטלעכע טעג ארום האָט דער פראָסט געפּלאַצט. פון דאָרעם האָט א בלאָז געגעבן א וואַרעמער ווינט, אַן אָנגעהויכטער מיט זאַפטן פון דער אופוואַכנדיקער יווירנדיקער ערד און פון די אָנגעשוואָלענע קנאָספּן אָף די צווײַגן פון די ביימער. דער זיסער גערוך זייערער איז קוים־קוים דערגאַנגען אהער פון די ווײַטע וואַרעמע קאַנטן, נאָר אווראָם האָט אים מיט אלע זײַנע כושים דערפילט. די בלענדיקע העלע זון, וואָס האָט מיטאמאָל זיך צעשײַנט אפן לויטערן הימל, די זילבערנע שנירעלעך וואַסער האָבן גערונען פון די דעכער, די טונקעלע פלעקן אָף די אײַנגעשרומפּטע הורבעס צעגייענדיקן שניי — אלץ האָט אָנגעזאָגט, אז ס׳גייט דער פרילינג, אז ער איז שוין נאָענט.

פון די ווײַטע וואַרעמע קאַנטן וועלן אָט־אָט קומען צו פליִען די פויגלען, זיי וועלן אָנקומען מיט א פריילעכן גערויש און געפילדער. זיי וועלן שרײַען, זינגען, פרייען זיך, וואָס זיי קערן זיך אום צו די אייגענע וועלדער, צו זייערע אייגענע נעסטן, און אײנײַנעם מיט זיי וועלן זיך פרייען די קינדערלעך: עס קומט אָן דער פרילינג, עס וועט מעקוײַעם ווערן זייער טרוים — אקערן און זייען אף דער ערד.

אין דעם געוועזענעם גוט איז אין די ערעוו־פרילינגדיקע טעג געגאַנגען א העפטיקע צוגרייטונג צום פאַרזיי. מ׳האָט רעמאָנטירט דעם אינווענטאַר, אונטערגעקאָרמעט די פערד, געגרייט זריִע צום פאַרזיי.

פּלוצעם האָבן אָנגעהויבן ארומפּויזען שרעקלעכע יעדיִעס. פון מויל צו מויל האָט מען איבערגעגעבן, אז דאָס דײַטשישע מיליטער פונעם קײַזער ווילהעלם רוקט זיך אהער און פאַרנעמט א שטאָט נאָך א שטאָט.

— עפּשער וועט מען זיי פאַרהאַלטן און זיי וועלן אהער ניט גיין, — האָט אווראָם זיך געטרייסט.

נאָר ווילהעלמס מיליטער האָט ווי א שוואַרצער וואָלקן זיך געשפּרייט און געשפּרייט, אָניאָגנדיק גרויל און שרעק אָף די אײַנוווינער פון די שטעט און דערפער, צו וועלכע זיי האָבן זיך דערנעענטערט.

אין די אומרויִקע טעג אין אינעם געוועזענעם מאַיאָנטעק דאָס לעבן נאָך אלץ געגאַנגען שטרענג לויט דעם אײַנגעשטעלטן סיידער. כאָטש דערציילט האָט מען, אז צוזאַמען מיט די אָקופּאַנטן קערן זיך ווידער צוריק אום די באַלעבאַטים פון די פאַבריקן און זאַוואָדן און די פּריצים פון די גיטער, דאָך איז אין מאַיאָנטעק געגאַנגען די ארבעט ווי פריִער.

אין א לויטערן זוניקן טאָג, ווען די ריטשקעס פונעם צעגאַנגענעם שניי האָבן פריילעך גערוישט, פאַרטרינקענדיק די באַלקעס און טאָלן פון די פעלדער, איז אָנגעקומען די גרוילעכע שאָ.

ווי א שוואַרצע כמאַרע ערעוו א געוויטער, האָט אָנגעטראָגן די אָקופּאַנטן.

די מיטגלידער פון קאָמיטעט און א טייל ארבעטער זײַנען אוועק אין וואַלד. די איבע־ריקע האָבן קוים באַוויזן נעלעם ווערן ווער וווהין. אווראָם איז א דערשלאָגענער אוועק אהיים.

שטיל, ווי א שאָטן, האָט ער אַרײַנגעשלײַכט אין שטוב. דערזעענדיק אים, האָבן די קינדער, ווי געווייִנלעך, אָנגעהויבן שרײַען און פילדערן:

— דער טאַטע, דער טאַטע איז געקומען! ס׳איז שוין פרילינג, טאַטע, ווען וועט מען אונדז שוין געבן די ערד?.. ווען וועלן מיר שוין אקערן און זייען?!

אווראָם האָט מיט צאַר און ראַכמאָנעס א קוק געגעבן אף די קינדער און איז געבליבן שטיין ווי א פאַרגליווערטער.

— וואָס איז מיט דיר, אווראָם? וואָס איז געשען? וואָס ביסטו אזוי צעטראָגן? — האָט זעלדע, א באַאומרויִקטע, געפרעגט.

אווראָם האָט א קרעכץ געטאָן, א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און שטיל געזאָגט:

— אויס, זעלדע, אויס...

— וואָס „אויס“?

אווראָם איז צוגעגאַנגען צו איר און קוים צו הערן, קימאַט אפן אויער א שעפּטשע געטאָן:

— מיר זײַנען שוין מער ניט קיין באַלעבאַטים אפן מאַיאָנטעק, דער פּאָרעץ קומט צוריק...

5

דעד געגאַרטעטער פרילינג איז געקומען, נאָר ניט אילױסיק, ניט די אַנדערע קינדער האָבן שױן מער מיט קײן האַלב װאָרט ניט דערמאָנט דעם טאַטן װעגן דער ערד, װאָס מע האָט זײ צוגעזאָגט געבן. זײ זײַנען געזעסן אַרום פֿענצטער און, טוליענדיק זיך אײנער צום צװײטן, געקוקט, װי איבער דער גאַס מאַרשירן פֿרעמדע סאָלדאַטן און זינגען פֿרעמדע, אומפֿאַרשטענדלעכע לידער.

— פֿאַרװאָס זײַנען זײ געקומען אַהער? איאָ, טאַטע, זײ זײַנען פֿאַרן פֿאָרעץ? איאָ, זײ װילן צונעמען אונדזער ערד? — האָט אילױסיק פֿאַרשאָטן דעם פֿאָטער מיט פֿראַגן.

אװראָם האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אװאַדע װילן זײ צונעמען...

— װען װעט מען זײ דורכטרײַבן פֿונדאַנען? שױן גיך?

— גיך, גיך...

— מע דאַרף װאָס גיכער, מע זאָל נאָך באַװײַזן פֿאַרזײען.

אװראָם האָט ניט געקאָנט צוזען, װי די קינדער זיצן הונגעריקע. אַ פֿאַרצאָרנטער איז ער אַרומגעגאַנגען פֿון אײן װינקל צום צװײטן און געהאַלטן אין אײן טײַנען:

— װאָס טוט מען? װאָס הײבט מען אָן צו טאָן?

— דער הימל איז נאָך צו דער ערד ניט געפֿאַלן... דו ביסט דאָך ניט אײנער. װאָס מענטשן װעלן טאָן, װעסטו אױך טאָן, — האָט זעלדע אים געפּרוּװט טרײסטן.

— אַז מענטשן איז שװער, איז מיר דען גרינגער? — האָט אװראָם ניט געקאָנט זיך באַרוּיקן.

— פּרוּװ זיך דורכגײן אין גאַס, רעד זיך דורך מיט מענטשן, — האָט אים זעלדע געעצעט. — װעסט הערן, װאָס זײ טוען.

אַלײן ניט װיסנדיק װוּהין, האָט אװראָם זיך געלאָזט גײן. די גאַסן זײַנען געװען פּוסטע און טױטע. װוּ־ניט־װוּ האָט דורכגעשלײַכט אַ מענטש און איז טײקעף פֿאַרשװוּנדן. לעבן מאַרק האָט ער דערזען אַ רעדל מענטשן. צוגײענדיק נעענטער, האָט ער דערהערט, װי אײנער, אַ הױכער, ברײטפּלײציקער, אין אַ סװיטקע, דערצײלט:

— דער פּאָרעץ האָט זיך אומגעקערט... ער נעמט נעקאָמע אין די אַרבעטער, װעלכע האָבן דאָ באַלעבאַטעװעט, װען די רױטע זײַנען געװען... װעמען ער און זײַנע באַדינער כאַפּן, גיבן זײ איבער די אָקופּאַנטן, און יענע שטראָפֿן זײ אַכזאָריעסדיק... מע שמײַסט ביז טױט, מע הענגט, מע שיסט... זעלטן װער ס׳גײט אַרױס אַ לעבעדיקער פֿון זײערע הענט.

די דאָזיקע ידיעה האָט אװראָמען אינגאַנצן פֿריטשמעליעט. באַמיִענדיק זיך קײנעם ניט װאַרפֿן זיך אין די אױגן, האָט ער אָפּגעצױגן. ניט װײַט פֿון שטוב האָט ער דערזען זײַן שאָכן מױשע קימבלאַקן. ער האָט קימאַט ניט דערקענט דעם אַמאָליקן באַל־קוירע, װעלכן ער איז געװען געװױנט צו זען אין דער שול אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברײטן זײַדענעם גאַרטל, אין אַ יאַרמלקע, רײַסנדיק דעם גאָרגל, אױסצובעטן באַם אײבערשטן, ער זאָל ראַכמאָנעס האָבן און צושיקן יעשועס־טױװעס אױף ייִדן. איצט איז ער געװאָרן אײַנגעשרומפּן, אײַנגעבױגן אונטערן לאַסט פֿון נױט און צאָרעס.

— אָט װאָס ס׳װערט פֿון אַ מענטשן, — האָט אװראָם מיט מיטגעפֿיל אַ טראַכט געטאָן. — פֿון אַ כאַזן איז ער געװאָרן אַ פֿערד, װעלכער האָט זיך אַלײן אײַנגעשפּאַנט אין די האָלאָבליעס פֿון אַ טאַטשקע. עפּשער זאָל איך זיך אױך נעמען פֿאַר אַזאַ זאַך?

אָנשטרענגענדיק די לעצטע קױכעס, האָט מױשע קימבלאַק זיך געדראַפּעט מיט זײַן טאַטשקע, אַ פֿול אָנגעלאָדענע מיט קלעצער, אַרױף־באַרג. אװראָם האָט געפֿילט, אַז באַלד װעט ער זיך אַרױסשלאָגן פֿון די קױכעס און װעט פֿאַלן אינײנעם מיט דער טאַטשקע, אַראָפּ־קײַקלען זיך צוריק און, באַהיט גאָט, צעמאַזיקט אָדער געהאַרגעט װערן. אװראָם האָט אונטערגעשטופּט די טאַטשקע, און זי איז אַרױף אױפֿן באַרג. אַ קער געבנדיק דעם קאָפּ, האָט מױשע דערזען אװראָמען.

— איך זע, אַז ס׳איז מיר עפּעס גרינג געװאָרן, — האָט מױשע געזאָגט, — לאָזט זיך אױס, אַז דאָס האָט איר צוגעלײגט אַ האַנט. אַ גרױסן דאַנק. גאָט אַלײן האָט אײַך צוגעשיקט. װען ניט איר, װאָלט איך שױן עפּשער געלעגן אונטערן באַרג.

— אַ שװערע האָרעװאַניע איז באַ אײַך, רעב מױשע, — האָט אװראָם געזאָגט.

— ס׳װאָלט אַװדאי געװען בעסער, װען אַ פֿערד שלעפּט די קלעצער. נאָר װאָס קאָן

מען טאָן? אַז ס'איז ניטאָ קיין פערד, ווערט מען אַליין אַ פערד, די נעשאָמע קאָן מען ניט אויסשפּײַען... קיין זאַך איז פאַר מיר ניט שווער, אַבי פאַרדינען אַ שטיקל ברויט.

מוישע האָט זיך אוועקגעזעצט אַף די האַלאַבליעס פון זײַן טאַטשקע, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און, שווער אָפּעטעמענדיק, געפרעגט:

— פונוואַנען גייט איר עס, רעב אווראָם, און וואָס טוט איר?

— איך זוך אַ שטיקל ברויט פאַר מײַנע קינדער, און כ'ווייס ניט, וואָס מע הייבט אָן צו טאָן.

— עפּשער האָט איר אויך אַ כיישעק אײַנשפּאַנען זיך אין די האַלאַבליעס?

— פאַרוואָס ניט? זאָגט דעם עמעס, אַ שטיקל ברויט קאָן מען דערפון האָבן?

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, אַז גאָט שיקט צו פּאַרנאָסע, איז דאָ.

אווראָם האָט ערשט געקליבן זיך אָנהייבן פאַנאַנדערפרעגן וואָס און ווען, ווי ס'איז אָנגעקומען דער באַלעבאָס פון די קלעצער.

— זײַט אַזוי גוט און פירט מיר צו די קלעצער. איך אײַל זיך זייער. פונדאַנען איז שוין זייער נאָענט, — האָט געבעטן דער באַלעבאָס.

מוישע האָט אוועקגעשלעפּט די טאַטשקע ווײַטער. אווראָם איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע און זיך אויך געלאָזט גיין. אַרײַנגיין אַהיים און צוזען, ווי די קינדער זיצן הונגעריקע, האָט ער ניט געקענט. ער האָט לאַנג זיך אַרומגעדרייט איבער די הינטערגעסלעך. זעלדע האָט שוין ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן.

— ווו ביסטו עס אויסגעווען אַ גאַנצן טאָג? — האָט זי ענדלעך, דערזעענדיק אווראָמען, מיט אַן אומרויִק קאָל אַ פרעג געגעבן.

— די צאָרעס טרײַבן מיך אַרום.

— וואַש זיך אײַן, כאַפּ כאָטש איבער וואָס־ניט־איז.

— דו האָסט עפּעס געקאָכט?

— וואָס דען? דו מיינסט טאַקע, אַז איך האָב שוין פון אַלע ווינקעלעך אַלץ צונויפגע־שאַרט און איך קאָן שוין ניט געפינען וואָס אָפּצוקאָכן?

זעלדע האָט דערלאַנגט אווראָמען אַ טעלער קוליש. אווראָם האָט אים אין איין אָטעם אויסגעליידיקט. זעלדע האָט נאָך אַ ביסל צוגעגאָסן. ווען ער האָט געענדיקט עסן, האָט זי געזאָגט:

— מוישע קימבלאַק האָט געוואַרט אַף דיר און זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן.

— מוישע קימבלאַק?

— ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט דיך הײַנט געזען.

— וואָס האָט ער געוואָלט?

— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וויל דיר פאַרקויפן זײַן טאַטשקע.

— די טאַטשקע? ס'איז, ווי עס ווײַזט אויס, שווער צו שלעפּן זי... כ'האָב געזען הײַנט, ווי ער האָט מיט די לעצטע קויכעס זיך געדראַפּעט אַרויף־באַרג. ווען איך העלף אים ניט אונטער, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געווען מיט אים.

— נו, איז וואָס וויל ער? אויב אים איז שווער, ווּעסטו זיך אײַנשפּאַנען אין איר?

— ס'וועט ווערן וואַרעמער, די קינדער וועלן מיר אונטערהעלפן, און מיר וועלן מיט דער טאַטשקע קאָנען אַ ביסל אונטערפאַרדינען... אָבער ווו נעמט מען געלט קויפן זי?.. סײַדן ער וועט זי אונדז געבן אַף אויסצאָלן.

— אומזיסט דאַרפן מיר זי אויך ניט... דאָס, וואָס עס טויג פאַר יענעם ניט, טויג פאַר אונדז אויך ניט... כ'פאַרשטיי, אַז מוישע וויל קויפן אַ פערד און ווערן אַ באַלעגאָלע.

— אַ באַלעגאָלע? און ווען איך דערלעב קויפן אַ פערדל, ווער וואָלט צו מיר גלײַך געווען... איך מיין, אַז ער האָט פאַרדינט אַף דער טאַטשקע און וויל קויפן אַ פערד, — האָט אווראָם אַרויסגעזאָגט אַ סוואָרע.

— סײַווי וויל איך ניט, דו זאָלסט קויפן די טאַטשקע. ניט דו, ניט דײַנע קינדער וועלן זיך ניט אײַנשפּאַנען ווי די פערד אין האַלאַבליעס!

די לעצטע ווערטער האָט זעלדע אויסגעשריִען, ווי זי וואָלט זיך געבייזערט.

— איז וואָס זשע זאָל איך טאָן? זאָג אַליין... פון וואָס וועלן מיר לעבן?

— מע וועט עפּעס צוטראַכטן.

— וואָס ווּעסטו צוטראַכטן?

אווראָם האָט געוווּסט, אַז זעלדע קאָן צוטראַכטן אַזוינס, וואָס אים וועט קיינמאָל ניט אײַנפאַלן. נאָך אירע אויגן האָט ער אַפילו באַמערקט, אַז זי האָט זיך שוין צו עפּעס דער־טראַכט.

— נו, זאָג, זאָג, וואָס? — איז ער צוגעשטאַנען.

— וועסט שוין זען... ס'וועט, מירצעשעם, אַלץ זײַן גוט, — האָט זי, אויסמײַדנדיק פֿאַר דער צײַט אים צו זאָגן, וואָס זי קלערט טאָן, געפּרוווט אים דערמוטיקן.

6

שוין וויפֿל מאָל ווי די נויט האָט געהאַט צוגעקוועטשט אוראָמען, נאָר ער האָט זיך קיינמאָל ניט געהאַט דערמאָנט אין זעלדעס פּאַוועלע, וועלכע איז געלעגן אין קאַסטן, פֿון זינט ער האָט כאַסענע געהאַט מיט איר. זעלדע האָט גראָד אַף קיין איין רעגע עס פֿון זינען ניט אַרויסגעלאָזט. ס'איז עפּעס אַ קלייניקײַט, איר מוטער האָט דאָך אָנגעהויבן קלײַבן פֿאַר איר געלט, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידל.

— מירצעשעם, אַז דו וועסט אויסוואַקסן, וועסט ווערן אַ קאַלע, וועט עס דיר זײַן צושטײַער אַף דראָשעגעשאַנק, — פֿלעגט זי איר יעדן מאָל זאָגן, ווען זי איז געגאַנגען צום קניפּל צולייגן נאָך אַ פּאָר קאָפּקעס.

נאָכן קנאַסמאָל מיט אוראָמען איז זי אוועקגעפֿאָרן אין שטאָט און געקויפֿט איר פֿאַרן אָנגעזאַמלטן געלט אַ כאַסענע־קלייד, אַ שליאַנסקן שאַרף, אַ וואָלענע טוך, אַ פּאָר אוירינגלעך, אַ פֿינגערל און אַנדערע זאַכן. צו דעם האָט זי נאָך צוגעלייגט אַלץ, וואָס ס'איז באַ איר געבליבן בעירושע פֿון איר מוטער — פֿון זעלדעס באָבען: אַ בראַשקע, אַ טערקישן שאַל, אַ קאָלדרע, אַ טישטעך, אַ פּאָר זײַדענע קליידער — און אַלץ עס געשאָנקען איר אין טאָג פֿון דער כאַסענע.

פֿאַר איר גאַנץ לעבן האָט זעלדע קימאַט ניט אָנגעטאָן ניט דאָס כאַסענע־קלייד, ניט אַנדערע בגאָדים פֿון איר דראָשעגעשאַנק, ניט אויסגעפּוצט זיך אין די אוירינגלעך און אַנדערע צירונגען. די שאַבאָסים און יאָמטויווים זײַנען דורכגעגאַנגען באַ איר מיט אוראָמען אין דאַקעס און נויט. קיין סימכעס זײַנען באַ זיי ניט געווען. די איינציקע טרייסט זייערע איז געווען די קינדער. ווי נאָר די עלטערע טאָכטער איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט זעלדע באַשלאָסן, אַז איר דראָשעגעשאַנק וועט זי שענקען דער טאָכטער. דערפֿאַר טאַקע האָט זי קיינמאָל, וואָס ס'זאָל ניט פּאַסירן, אַפֿילע ניט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז מע זאָל פֿון דעם וואָס־ניט־איז פֿאַרקויפֿן. אָבער איצט, ווען די צײַט איז אַזאַ ביטערע און אוראָם קאָן זיך ניט צו גאָרניט דערשלאָגן, פֿאַרדינט ניט קיין פּרוטע־קאָפּקע, האָט זי באַשלאָסן פֿאַרקויפֿן דאָס דראָשעגעשאַנק, קעדיי אוראָם זאָל קויפֿן אַ פֿערד און ווערן אַ באַלעגאָלע.

אָבער יעדן מאָל, ווען זי איז צוגעגאַנגען צום קאַסטן, ווו ס'זײַנען געלעגן די זאַכן, האָט זיך באַ איר דאָס האַרץ אָפּגעריסן. סאָפּקאָלסאָף האָט זי זיך באַהערשט, פֿאַרוויקלט אַלץ און אוועקגעטראָגן צו אַ סויכער. יענער האָט געדרייט די זאַכן אין אַלע זײַטן, געטאַפּט, געקוקט איין מאָל, אַ צווייט מאָל, אַלץ געזוכט כעסרוינעם.

— וויפֿל ווילט איר פֿאַר דעם? — האָט ער מיט ביטל ענדלעך אַ פֿרעג געגעבן.

— וויפֿל גיט איר?

דער סויכער האָט אָנגערופֿן אַ שפּאָט־קליינע פּרײַז.

זעלדען האָט אַ שניט געגעבן אין האַרצן, זי האָט אַ שפּײַ געטאָן, געכאַפּט דאָס פּעקל און האַסטיק זיך געלאָזט גיין. דער סויכער איז איר נאָכגעלאָפֿן:

— קערט זיך אום. לאָמיר זיך אַ דינג טאָן, מיר וועלן דורכקומען.

זעלדע האָט זיך אויסגעדרייט צו אים אַן אופּגעבראַכטע:

— ברענט אַפֿן פײַער! איר זוכט נאָר ווי אָפּצונאַרן מענטשן און אָנלעבן רײַכקײַט פֿון יענעמס צאָרעס און אומגליקן!

אָבער קומען אַהיים מיט ליידיקע הענט האָט זי ניט געקאָנט. אַ צעטראָגענע איז זי געשטאַנען און געטראַכט וואָס צו טאָן. מיטאַמאָל איז איר אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק ווענדן זיך צו מענטשן און בעטן אויסלײַען געלט. זי האָט פֿאַרקערעוועט צום באַלעגאָלע פּיניע יעגעס, מיט וועלכן זי און אוראָם האָבן זיך אַ סאַך יאָרן געפֿרײַנטלט. איידער זי האָט נאָך באַוויזן אויסדערציילן, ווי זיי בידעווען, האָט פּיניע אַליין זיך אָפּגערופֿן:

— קיין גווירים, ווי איר ווייסט, זײַנען מיר ניט, נאָר מיר זײַנען שטענדיק גרייט טיילן זיך מיט אײַך מיטן לעצטן... איך אייצע אײַך — קלײַבט צונויף אַ פּאָר רובל און קויפֿט אַ פֿערד. וויפֿל איך קען, וועל איך אײַך געבן צושטײַער. ווען איר וועט האָבן, וועט איר מיר אָפּגעבן. איך קאָן אײַך נאָך געבן מײַן אַלטע דראָשקע מיטן געשפּאַן און נוצט זיך מיט דעם, ביז איר וועט קויפֿן אַ נײַע.

ווען זעלדע האָט אים דערציילט, ווי מענטשן זײַנען גרייט צו טיילן זיך מיטן לעצטן גראָשן, אַבי זיי זאָלן זיך שטעלן אויף די פיס, איז אווראָם געווען דערפון זייער גערירט.

— דאַנקען גאָט, וואָס ס'זײַנען נאָך פאַראַן אַזעלכע מענטשן. הייסט עס, אַז די וועלט איז נאָך ניט אויס וועלט!

— איז גיי זיך אויך דורך צו אַ פּאָר מענטשן, לײַ בײַ וועמען מע קען אַ ביסל געלט און קויף אַ פערדל. אַ דראָשקע און געשפּאַן האָט צוגעזאָגט געבן פיניע. וועסט אָנהייבן אין אַ גוטער שאָ פאַרדינען, — האָט געזאָגט זעלדע.

אויף מאָרגן האָט אווראָם אויך געקראָגן אַ ביסל געלט, און כאָטש, לויט זײַן כעזשבן, איז עס נאָך געווען וויייניק צו קויפן אַ רעכט פערד, איז ער אוועקגעגאַנגען אויפן יאַריד דערוויסן זיך, ווי האַלטן די פּרײַזן. ער האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט, ביז ער איז צוגעגאַנגען צו אַ פּאָר פּויערים, געפּרוּווט זיך אַ דינג טאָן מיט זיי און קלוימערשט, ניט צופרידנגייענדיק זיך מיט דער פּרײַז, זיך געלאָזט ווײַטער גיין.

— און מײַן פערדל ווילסטו ניט קויפן? — האָט אים צוגערופן אַ ציגײַנער מיט אַ טונקל־גרויער באָרד און אין ברייטע הויזן, אַרומגעבונדענע מיט אַ רויטן גאַרטל.

אווראָם האָט באַטראַכט די אויסגעמאַטערטע, מאָגערע שקאַפּע און, גאַרנישט פרעגנדיק, געוואָלט ווײַטער לאָזן זיך גיין. נאָר דער ציגײַנער האָט שוין דעם קוינע ניט אָפּגעלאָזט.

— האָסט נאָך אַזאַ פערד ניט געזען. קוק ניט, וואָס ער איז אַ מאָגערער, דערפאַר טראָגט ער, ווי אַ רוועך, ער איז פּאָשעט פאַריאָגט און איבערגעהאָרעוועט. ער דאַרף זיך נאָר אַ ביסל אָפּרוען, וועט ער ווערן ניט קיין פערד, נאָר אַ לייב.

— וויפל בעטסטו פאַר אים?

— וויפל גיסטו? זאָג...

אווראָם האָט נאָך ניט גוט באַוויזן דערוויסן זיך די פּרײַזן אויף פערד, נאָר פונעם מעקעך, וואָס עס האָט אָנגערופן דער ציגײַנער, האָט ער פאַרגעלייגט אַ העלפט.

— דינג זיך ניט. אַזאַ מעציע וועט זיך דיר מער קיינמאָל ניט מאַכן, — האָט אים אײַנגערעדט דער ציגײַנער. — איך גיב דיר אַוועק אומזיסט דאָס פערד, און דו קווענקלסט זיך נאָך... ס'האָט זיך פּאָשעט אַזוי געמאַכט, אַז איך קאָן דאָס פערד מער ניט האַלטן, דערפאַר פאַרקויף איך עס. איך וואָלט עס אונטערגעקאָרמעוועט אַ ביסל, וואָלסטו פאַר אים אײַנדרײַען מער באַצאָלט.

די פּרײַז איז טאַקע געווען זייער אַ ביליקע. אווראָמען איז דאָס כּעס אויסגעגאַנגען קויפן, אָבער דער אויסזען פונעם פערד איז געווען אַזאַ שרעקלעכער, אַז יעדן מאָל, ווען דער ציגײַנער האָט אים באַנײַס אָנגעהויבן קלאַפּן אין דער דלאָניע, קעדיי פּאַרטיק מאַכן מיטן מיסכער, האָבן בײַ אווראָמען אונטערגעהאַקט זיך הענט און פיס. דערווײַל איז צום ציגײַנער אונטערגעשפּרונגען אַן אַנדער קוינע, וועלכער האָט, קלוימערשט, פריִער אַפילע אָנגעבאָטן אַ גרעסערע פּרײַז. אווראָם האָט געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהײַט און אָפּטשעפּען זיך פונעם ציגײַנער, נאָר יענער האָט, אָפּשטויסנדיק דעם צווייטן קוינע, ניט אויפגעהערט פאַרזיכערן אווראָמען, אַז ער וועט אים אָפּגעבן נאָך ביליקער, ווײַל ער האַלט פונעם מינהעג, אַז דעם ערשטן קוינע טאָר מען ניט אוועקלאָזן. אווראָם האָט געפּרוּווט זאָגן, אַז עס פעלט אים געלט. דער ציגײַנער האָט אַראָפּגעזעצט נאָך אַ פּאָר רובל. מיט ציטערנדיקע הענט האָט אווראָם אַרויסגעשלעפּט פון דער כאַליעווע דאָס געלט, איבערגעציילט די פּאַפּירלעך און צוגענומען דאָס פערד. דער סויכער האָט אָנגעשאָטן אין אַ טאָרבעלע אַ ביסל האָבער און געזאָגט:

— נאַ, וועסט האָבן דעם ערשטן טאָג מיט וואָס אונטערצוקאָרמעווען די שקאַפּע.

קעדיי צוגעבן אווראָמען זיכערקײַט, אַז ער האָט טאַקע אײַנגעהאַנדלט אַ גרויסע מעציע, איז דער צווייטער קוינע אים נאָכגעגאַנגען, געפּרוּווט אים אַפילע פאַרלייגן רעוועך, נאָר אווראָם האָט הערן ניט געוואָלט און זיך געלאָזט אַהיים. דאָס פערד איז פון אָנפאַנג געגאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זײַן, נאָכדעם האָט עס אָנגעהויבן צושטיין. קוים זיך מיט מאַטערניש דערשלעפּט אַהיים, האָט אווראָם אַרײַנגעפירט דאָס פערד אין שטאַל און איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב.

— נו, האָסט עפּעס אײַנגעהאַנדלט? — האָט זעלדע געפרעגט.

— כ'האָב געקויפט אַ פערדל.

לויט אווראָמס ענטפער האָט זעלדע פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַליין ניט ניספּאָעל פון דעם, וואָס ער האָט אײַנגעהאַנדלט. דערזעענדיק די בריִע, וועלכע אווראָם האָט געבראַכט, איז זעלדע שיִער ניט געפאַלן כאַלאָשעס.

— אוי, אַ ווייטעק איז מיר, וואָס האָסטו עס אָפּגעטאָן? — האָט זי, פאַרברעכנדיק די

הענט מיט א ווײַנענדיק קאָל אָנגעהויבן טײַנען. — ווו זײַנען געווען דײַנע אויגן? ווו איז געווען דײַן קאָפּ? אומזיסט וואָלט איך אזא פּגירע ניט גענומען, די הינט וועלן דאָך אזא פּאַדלע ניט וועלן עסן.

דעם טומל, וועלכן דאָס ווײַב האָט אופגעהויבן, האָט אווראָמען לעבאַטכילע אײַנגאַנצן דערהאַרגעט. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעהויבן זי טרייסטן:

— באַרויִק זיך, זעלדע, שרײַ ניט, דאָס פערד איז גאָרניט אזא שרעקלעכס, ווי עס ווײַזט זיך דיר אויס... עס איז נאָר אויסגעמאַטערט, ווערסט זען, ס'וועט, מירצעשעם, קומען צו־זיך, וועט עס ווערן א פערד מיט פערד גלײַך, מ'דאַרף אים נאָר א ביסל בעסער אונטער־קאָרמעווען.

וויפל אווראָם האָט ניט געטײַנעט מיט זעלדען, האָט ער זי באַרויִקן ניט געקאָנט. זי האָט ניט אופגעהערט צו שרײַען און טומלען:

— רעד מיר ניט אײַן. ס'איז אלציינס, ווי דו וואָלסט ארויסגעוואָרפן דאָס געלט אין דרויסן, אָדער ווי א גאַנעוו וואָלט עס בא דיר ארויסגעשלעפּט.

דערוווּסט זיך, אז דער פאָטער האָט זיך אומגעקערט, זײַנען די קינדער איינער נאָכן צווייטן ארײַנגעלאָפן אין שטאַל. דערזעענדיק דאָס פערד, האָבן זיי אָנגעהויבן פרייען זיך און טאַנצן:

— מיר האָבן שוין א פערד! אן אייגן פערד האָבן מיר! מיר וועלן פאָרן אף אים און רײַטן אף אים!

דעם טאַטן האָבן זיי פארשאָטן מיט פראַגעס:

— ס'איז טאַקע אונדזערס? אין וואָס וועלן מיר אים אײַנשפּאַנען? ווו וועלן מיר נעמען א וואָגן? און שלייעס און ווישקעס ווו וועלן מיר נעמען? און א בײַטש איז פאַראַן בא אונדז? וויאַזוי רופט מען דאָס פערד?

מאָטעלע איז ארופגעשפּרונגען אף דער שקאַפע. נאָר איליוסיק האָט אים אָנגעכאַפּט פאר א פוס און אָנגעהויבן אראָפּשלעפּן:

— מ'טאָר דאָס פערד ניט מאַטערן... מ'דאַרף אים לאָזן זיך אָפּרוען.

אווראָם האָט ארײַנגעשאָטן אין קאָרעטע א ביסל האָבער, דאָס פערד האָט מיט גרויס כיישעק גענומען קײַען.

— זאָל עס עסן, — האָט אווראָם, א צופרידענער, א גלעט געגעבן איליוסיקן איבערן קעפּל, — אז ס'וועט עסן, וועט עס זיך גיך פאַריכטן און וועט קומען צו־זיך.

— מיט וואָס וועלן מיר אים האָדעווען? — האָט איליוסיק געפרעגט.

— מ'דאַרף קריגן, מײַן זון, א ביסל פּאַלאָווע, דערט און היי.

אָפּגעזוכט אן אלטן זאק, האָט אווראָם זיך געלאָזט גיין אין מארק אײַנהאַנדלען פיטער פארן פערד. איליוסיק איז שטילערהייט ארײַנגעגאַנגען אין שטוב, קיינער זאָל ניט זען, אָפּגעבראָכן א שטיק מאַקוכע, וועלכע די מוטער האָט געקויפט אָנשטאָט ברויט, און עס ארויסגעטראָגן דעם פערד. דאָס פערד האָט עס א כאַפּ געגעבן און אָנגעהויבן כראָמטשען. איליוסיק האָט געקוקט, ווי דאָס פערד עסט. ווען ער וואָלט ניט מוירע געהאַט פאר דער מאַמען, וואָלט ער ארײַנגעלאָפן אין שטוב און וואָלט אויסגעשרײַען:

— קומט, גיט א קוק, ווי דאָס פערד עסט די מאַקוכע!

אינגיכן האָט זיך אומגעקערט דער טאַטע מיט א זאק פּאַלאָווע און מיט דערט. איליוסיק האָט זיך נאָך ארומגעדרייט אין שטאַל ארום פערד. אוועקגעשטעלט דעם זאק אין א ווינקעלע, איז אווראָם ארײַנגעגאַנגען אין שטאַל און דערזען לעבן פערד איליוסיקן.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט ער א פרעג געגעבן.

— איך האָדעווע אונטער דאָס פערד, כ'וויל, עס זאָל זיך גיכער פאַריכטן און אָנעמען זיך מיט קויעך!

7

אויסגערוט און א ביסל אונטערגעפיטערט זיך, איז דאָס פערדל געוואָרן פרייִלעכער, האָפערדיקער און אפילו ווען־ניט־ווען מיט פארשײַטקײַט א הירזשע געטאָן.

— נו, ברויטגעבער, לאָמיר אָקאָרשט מיט דיר אויספּרוּוון דאָס באַלעגאָלישע מאַזל, — האָט אווראָם, א גלעט געבנדיק דאָס פערד, געזאָגט.

אף מאָרגן האָט ער געבראַכט פון פיניע יעגעס די דראָשקע, וועלכע יענער האָט אים געליִען. ארומגעוואַשן זי, אויסגעשמירט די אקסן, דעם געשפּאַן, ארומגערייניקט און פאַריכט

די אייגענע בגאַדים, ער זאָל ניט אויסזען אַזוי קאַפּצאָנעסדיק, און אָנגעהויבן זיך גרייטן צום ערשטן אַרויספֿאָר — אויספּרוּוון זײַן נײַע פּאַרנאָסע.

אינמיטן נאַכט איז אוורהם אויפֿגעשטאַנען, און איבעריק מאָל אָנגעהאָדעוועט דאָס פֿערד. באַגינען איז איליוסיק אויך שוין ניט געשלאָפֿן. דערזען, אַז דער פֿאָטער שפּאַנט אײַן דאָס פֿערד אין דראָשקע, האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן בײַ דער מאַמען:

— כ׳וויל אויך פֿאָרן.

— וווּהין וועסטו פֿאָרן? וואָס האָסטו דאָרט ניט געזען?

— כ׳וויל פֿאָרן, כ׳וויל העלפֿן דעם טאַטן.

— שלאָף, ס׳איז דאָך נאָך פֿרי, שלאָף!

— כ׳וויל פֿאָרן! — האָט איליוסיק ניט אויפֿגעהערט בעטן.

ער האָט זיך גיך אָנגעטאָן, אַרויפֿגעשפּרונגען אויף דער דראָשקע, אַרויסגעכאַפּט בײַם פֿאָטער די לייצעס און ווי אַ געניטער אָנטרײַבער זיך געלאָזט פֿאָרן.

די פֿורמאַנעס האָבן באַגעגנט דעם נײַעם באַלעגאָלע מיט כוויזעק:

— גיט נאָר אַ קוק אויף דעם לייב, וועלכן אונדזער נײַער באַלעגאָלע האָט אײַנגעשפּאַנט אין דער דראָשקע, — האָט מיט ביטל זיך אָנגערופֿן איינער אַ געפּאַקטער פֿורמאַן, מיט אַ רויט פּנים, ווי אַ בוריק, — פֿון הײַנט אָן וועלן מיר אַלע בלײַבן אָן פּאַרנאָסע. די פּאַסאַזשירן וועלן דערזען אַזאַ לייב אין אַזאַ קאַרעטע, וועלן זיי אויף אונדז אַפֿילו ניט וועלן קוקן.

— דו האָסט אַ גרויסן טעות, — האָט זיך אָפּגערופֿן אַ צווייטער באַלעגאָלע — אַ דאַרינקער, מיט אַ שוואַרץ שיטער בערדל, — פֿאַרקערט, זיי וועלן אַנטלויפֿן פֿון אים, ווײַל זיי וועלן מורא האָבן, אַז דאָס פֿערד זאָל ניט צעטראָגן די דראָשקע.

איליוסיקן האָט פֿאַרדראָסן, לעמײַ די באַלעגאָלעס מאַכן אַזוי כוויזעק. אוורהמען האָבן די ווערטער אויך געשטאָכן ווי מיט מעסערס, נאָר ער האָט געשוויגן. סאָפּקאָלסאָף האָט ער ניט אויסגעהאַלטן:

— וואָס הירזשעט איר? איר לאַכט פֿון אָרעמקײַט? פֿון אַ פֿאַדלע קאָן ווערן אַ גוט פֿערד און פֿאַרקערט, פֿון אַ גוטן — אַ פֿאַדלע.

— טאַקע, טאַקע! — האָבן זיך דערהערט קולות. — דער מענטש איז דאָך גערעכט... אַ פֿרעמדע הון, אַ שוואַכע דערצו, פּיקעט מען שטענדיק. אַז ס׳וועט זײַן פּאַרנאָסע, וועט פֿאַר אַלעמען זײַן גוט... אײַער שטיקל ברויט וועט דער מענטש ניט צונעמען.

אוורהם איז דעם גאַנצן טאָג אָפּגעשטאַנען אויפֿן וואָקזאַל, און קיין צוג איז ניט אָנגעקומען. פֿון צײַט צו צײַט האָבן זיך אַראָפּגעיאָוועט פּאַרשוינען, אָבער קיינער איז צו אים ניט צוגעגאַנגען. די באַלעגאָלעס זײַנען זיך שוין צעפֿאָרן ווער וווּהין אָן פּאַסאַזשירן, נאָר אוורהם איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ הונגעריקער, אַ מידער, און געדולדיק געוואַרט, עפּשער וועט פּאַרט עמעצער זיך אַראָפּיאָווען. ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל געוואָלט פֿאָרן אַהיים, נאָר איליוסיק האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— די מאַמע וואַרט דאָך, מיר זאָלן עפּעס פֿאַרדינען און ברענגען געלט.

אוורהם האָט ניט געקאָנט צוזען דעם צער פֿון דעם ייִנגל, ווי ער מאַטערט זיך און גיט זיך ניט אונטער.

פֿאַרנאַכט האָט אוורהם, אַ דערשלאָגענער און אַ פֿאַרביטערטער, זיך געלאָזט פֿאָרן אַהיים. איליוסיק האָט זיך צונויפֿגעדרייט ווי אַ קנײַלעכל און געדרעמלט. אַראָפּ־באַרג האָט די דראָשקע זיך אָנגעהויבן טראַגן האַסטיקער און די רעדער האָבן הילכיקער געטראַסקעט. פֿון דעם טרייסלעניש האָט זיך איליוסיק אויפֿגעכאַפּט. זײַנע אייגלעך האָבן געפֿינקלט.

— גיב נאָר אַ קוק, טאַטע, ווי דאָס פֿערד טראָגט, — האָט ער דערמוטיקט דעם פֿאָטער.

— ס׳איז אַראָפּ־באַרג, קינד מײַנס. דאָס פֿערד איז, נעבעך, אויסגעמאַטערט, נאָר עס האָט כאָטש איבערגעכאַפּט אַ ביסל היי, און דו האָסט דאָך גאָרנישט אין מויל ניט געהאַט.

— ס׳מאַכט ניט אויס, טאַטע, כ׳וועל גאַנץ זײַן, אַבי דאָס פֿערד שלעפּט. עפּשער וועלן מאָרגן זײַן פּאַסאַזשירן, וועלן מיר עסן.

ניט ווײַט פֿון שטוב האָט זיי אָנגעיאָגט מוישע קימבלאַק. ער איז געזעסן פֿון פֿאָרנט אין זײַן פֿאַעטאָן, אָנגעשפּאַרט אין אַ טשומערקע מיט אַ גאַרטל. זײַן שוואַרצע שיינע באָרד איז געווען צעלאָזן, דאָס ווײַס־רויטלעכע פּולבלוטיקע פּנים האָט געשײַנט, די אויגן האָבן געפֿינקלט פֿון פֿאַרגעניגן, וואָס זײַן גוט אָפּגעקאָרמעוועט פֿערד טראָגט זיך אַזוי פֿלינק. מוישע האָט לעכאַטכילע גײַוועדיק זיך דורכגעטראָגן פֿאַרבײַ אוורהמען, נאָר טייקעף האָט ער אָפּגעהאַלטן דאָס פֿערד, אָפּגעשטעלט זיך און אָנגעהויבן זיך ווי פֿאַרענטפֿערן:

— רעב אוורהם, כ׳האָב אײַך גאָרניט דערקענט... דאָס האָט איר אין אַ מאַזלדיקער שאָ געקויפֿט אַ פֿערדל?

— קעגן אײַער לײב איז מײַן פערדל א געפּײגערטע קאץ...

— נישקאָשע, רעב אווראָם, בעסער פון גאָרנישט איז עס. מיט דער צײַט וועט איר זיך אַרופשלאָגן אַף א בעסערן. איך האָב זיך אויך גוט אָנגעמאַטערט, ביז איך בין געוואָרן א באַלעגאַלע מיט מענטשן גלײַך.

מוישע האָט א שמיץ געגעבן דאָס פערד און זיך געוואָלט לאָזן פאָרן, נאָר באַלד האָט ער עס ווידער פאַרהאַלטן און געפרעגט:

— איר פאָרט, זע איך, מיט ליידיקן. איר האָט קאָטש הײַנט געהאַט א פּאַסאַזשיר?

— איך האָב נאָך דערווײַל קײן פּאַטשין ניט געמאַכט.

— עפּשער וועט מאָרגן גאָט צושיקן א צוג... איר ווייסט דאָך, ווי איצטער גייען די צוגן. זײ שטעלן זיך אָפּ אין וועג, קײן קוילן איז ניטאָ, קומט אויס דעם מאַשיניסט ערגעץ אין א וואַלד האָלץ אָנהאַקן, אײַנהייצן און ווײַטער פאָרן... דאַרף מען פאָרן איבער די גאַסן... ס'טרעפט, אַז די פּאַסאַזשירן זוכן אונדז און מיר זוכן זײ. מאָרגן, אַז ס'וועט זיך מאַכן א גוטער פּאַסאַזשיר, וועל איך אײַך אונטערשיקן.

— א דאַנק, מאָרגן איז דאָך פרײַטיק, עפּשער וועט גאָט עפּעס צושיקן אַף שאַבעס, — האָט אווראָם זיך אָפּגערופן.

אווראָם מיט איליוסיקן זײַנען געקומען אהיים שפּעט אין אָוונט. זעלדע מיט די קינדער האָבן שוין אַרויסגעקוקט אַף זײ.

דערזען אווראָמס אויסגעמאַטערט פאַרשוואַרצט פּאָנעם, האָט זעלדע א קרעכץ געטאָן. זי איז צוגעלאָפן צו איליוסיקן, וועלכער איז א שלעפעריקער קוים אַראָפּ פון דער דראָשקע.

— דאָס קינד האָט דאָך א גאַנצן טאָג גאָרנישט ניט געגעסן, און דו ביסט דאָך אויך, מיסטאָמע, הונגעריק, — האָט זי געזאָגט.

זי האָט אַפּגיך אוועקגעשטעלט אַפן טיש א ביסל קאַרטאָפליעס, א פּאָר שטיקלעך מאַקוכע און געהייסן אווראָמען מיט איליוסיקן גיין עסן, דערנאָך האָט זי דערלאַנגט צווײ גלעזער טײ מיט סאַכאַרין און טײקעף אויסגעבעט, זײ זאָלן גיין שלאָפן.

— ס'איז הײַנט ניט אָנגעקומען קײן צוג, זײַנען קימאַט ניט געווען קײן פּאַסאַזשירן, — האָט אווראָם געפּרוּווט זיך פאַרענטפערן. — מאָרגן, זאָגט מען, וועלן פּאַסאַזשירן זײַן.

א טויט־מידער האָט אווראָם קוים זיך דערקליבן צום געלעגער און איז טײקעף אײַנגע־שלאָפן. אופגעכאַפּט האָט ער זיך פאַרטאָג, אין דרויסן איז נאָך געווען טונקל. ער האָט פאַר־כאַפּט מיט זיך א ביסל פּיטער פאַרן פערד און ווידער צוזאַמען מיט ליוסיקן טײקעף אַרויס־געפאָרן, קעדיי, כאַסוועשאָלעם, ניט פאַרשפּעטיקן צום צוג. די שטאָט האָט ערשט אָנגעהויבן אופוואַכן. אײנצלנע מענטשן האָבן שוין ערגעץ געײַלט; פאַרוואָרלאָזטע, אַרומגעריסענע און אַרומגעשליסענע קינדערלעך, מיט שוואַרצע, אין מאַזוט אויסגעשמירטע פּענעמלעך, האָבן אַרויסגעקוקט פון די אַספאַלט־קעסלען, ווו זײ האָבן זיך געוואַרעמט, געטראַכט, ווײַזט אויס, וווהין זיך לאָזן עמעצן באַגאַנווענען אָדער אויסבעטן עפּעס צו שטילן דעם הונגער. א בעט־לער, וועלכן אווראָם האָט נאָך נעכטן געהאַט באַמערקט אַפן ראָג, איז שוין באַצײַטנס געשטאַנען אַף זײַן אָרט, מוירע האָבנדיק, אַז עמעצער זאָל דאָס אָרט ניט פאַרכאַפּן. אַנטבלויזט די ווונדן פון די צעקאַליעטשעטע אַף דער מילכאָמעביידע הענט, האָט ער געזונגען א האַרצ־רײַסנדיקע ליד און געבעטן אין קריסטוסעס נאָמען א נעדאָווע.

ווען אווראָם איז צוגעפאָרן צום וואָקזאַל־פּלאַץ, זײַנען שוין דאָרט געשטאַנען עטלעכע באַלעגאָלעס. ער האָט אוועקגעשטעלט זיך אין א ווינקעלע און גענומען וואַרטן.

א הילכיקער פײַף פון א לאָקאָמאָטיוו האָט אינגיכן צעבויטעט די פאַרטאָגיקע לופט.

איליוסיק איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער דראָשקע און געלאָזט זיך לויפן אַנטקעגן די אָנקומענדיקע פּאַסאַזשירן מיט א געשרײ:

— ווער דאַרף א באַלעגאָלע? ביטע, גיכער אהער, אַניט פאָרן מיר אוועק!

איידער עמעצער פון די באַלעגאָלעס האָט זיך באַוויזן א קער טאָן, האָט שוין איליוסיק געבראַכט צווײ פּאַסאַזשירן מיט טשעמאָדאַנען.

— וווהין דאַרפט איר? — האָט אווראָם א פרעג געגעבן בא אײנעם פון זײ.

— אַף ראַסקאָפּנאַיע, — האָט יענער געענטפערט.

— און איר? — האָט אווראָם געפרעגט באַם צווייטן פּאַסאַזשיר.

— אַף סאַדאָווע.

— ס'איז אין פאַרשיידענע זײַטן. אויב איר ווילט, וואַרט צו א ביסל, וועל איך קומען נאָך אײַך, — האָט פאָרגעלייגט אווראָם.

— גוט, — איז דער פּאַסאַזשיר מאַסקים געווען.

אווראָם האָט א שמיץ געגעבן דאָס פערד. ער איז שוין לאַנג ניט געווען אַזוי גליקלעך,

ווי אין דער מינוט, ווען ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז דאָס פערד זײַנס טראָגט טאַקע, אַז די רעדער פון דער דראָשקע דרייען זיך און אַז ער וועט הײַנט ברענגען דעם ערשטן פּאַרדינסט פון זײַן באַלעגאָלערײַ.

ווען אווראָם האָט זיך אומגעקערט צוריק צום וואָקזאַל, איז שוין יענער פּאַסאַזשיר ניט געווען. צום גליק, איז אינגיכן אָנגעקומען נאָך אַ צוג. איליוסיק איז אַוועקגעלאָפן און געבראַכט אַ פּאַסאַזשיר. פירן האָט מען אים געדאַרפט ווײַט און דער וועג איז געווען ניט קיין לײַכטער, נאָר אווראָם האָט אים אָפּלאָזן ניט געוואָלט. ער האָט געבעטן גאָט אין זכות פון שאַבעס־קידעש, אַז דאָס פערד, כאַסוועכאָלילע, זאָל ניט צושטיין און מע זאָל קומען בעשאָלעם צו ליכט־בענטשן אַהיים.

אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען. מיט גרויס מאַטערניש האָט אווראָם אָפּגעפירט דעם פּאַסאַזשיר. אין שטוב האָט זעלדע שוין געהאַט אָנגעצונדן דאָס קאָנעצל און, פאַר־שטעלנדיק די אויגן מיט די דלאָניעס, אָנגעהויבן בענטשן ליכט.

ביזוואַנען אווראָם האָט אויסגעשפּאַנט דאָס פערד, געגעבן דעם עסן, האָט שוין איליוסיק אָנגעזאָגט דער מוטער, אַלע ברידערלעך און שוועסטערלעך די בסורע:

— געווען הײַנט פּאַסאַזשירן, מיר האָבן ניט שלעכט פּאַרדינט!

אווראָם האָט זיך אײַנגעוואַשן, אָפּגעגעבן גוט־שאַבעס און, צוגייענדיק צו זעלדען, געזאָגט:

— הײַנט האָב איך גראָד נייטיקער, ווי ווען־עס־איז, געדאַרפט גיין אין שול אָפּדאַנקען גאָט, וואָס ער האָט אונדז צוגעשיקט אַף שאַבעס אַ ביסל פּאַרנאָסע.

— גאָט וועט דיר מוכל זײַן, — האָט זעלדע זיך אָפּגערופן. — נאָך אַזאַ שווערן טאָג קאָנסטו דען גיין אין שול?

זעלדע האָט צוגעגרייט דעם שאַבעסדיקן טיש. אָנשטאָט אַ פּאָר כאַלעס האָט זי אַוועק־געלייגט צוויי שטיקער מאַקוכע, צוגעדעקט זיי מיט אַ ווײַס טישטעכל.

אווראָם האָט אָפּגעדאַוונט. זעלדע מיט די קינדער האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום טיש. אווראָם האָט געמאַכט קידעש, אָפּגעדעקט דאָס טישטעכל און געוואָלט מאַכן אַ מויצע, נאָר אָנשטאָט צוויי שטיקער מאַקוכע איז געלעגן בלויז אַ קליין שטיקעלע.

— וווּ איז די מאַקוכע? — האָט זעלדע פאַרוווּנדערט אַ פרעג געגעבן. — כ'האָב דאָך צום טיש צוגעגרייט צוויי גרויסע שטיקער, מ'זאָל קענען אָפּעסן וועטשערע, וווּ זשע איז עס אַהינגעקומען?

איליוסיק איז געוואָרן צונטער־רויט און זיך מודיע געווען:

— כ'האָב אָפּגעגעבן די מאַקוכע דעם פערד. ער האָט הײַנט פּאַרדינט אַף ברויט און וועט נאָך פּאַרדינען, דאַרף מען, ער זאָל האָבן קויכעס.

8

באַטאָג, נאָך וואַרמעס, האָט זיך אָן עפּן געטאָן די טיר, און אין שטוב איז אַרײַנגעאַנגען אַ שאַבעסדיק־אויסגעפּוצטער מוישע קימבלאַק.

— אָ, אַ גאַסט! — האָט אווראָם אים באַגעגנט מיט אַ ברייטן באָרעכהאַבע. זעלדע האָט דערלאַנגט אַ בענקל, געבעטן זיצן.

— איך האָב אײַך באַגעגנט, רעב אווראָם, דאַכט זיך, דאָנערשטיק, — האָט מוישע אָנגעהויבן אָן פּניעס, — נאָר איך האָב געזען, אַז איר זײַנט שטאַרק פאַרצאָרנט... פרײַטיק האָב איך אײַך אַרומגעזוכט אַרום וואָקזאַל און ניט געקענט געפינען. ס'איז פּונקט אָנגעקומען אַ צוג און ס'זײַנען געווען אַ סאַך פּאַסאַזשירן...

— אַ שיינעם דאַנק, רעב מוישע, — האָט אווראָם אים איבערגעשלאָגן. — נעכטן האָב איך געהאַט אַ ביסל פּאַרנאָסע... אַף שאַבעס האָט מיר מײַן זעלדע, זאָל לעבן, געקראָגן אַ גמילעסכעסעד און האָט געקויפט אַ ביסל מאַקוכע... דעם טעם פון ברויט האָבן מיר שוין לאַנג פאַרגעסן, קומען מיר אָפּ מיט מאַקוכע, מיט אַ פיסנע קאַרטאָפליע. מיר זינדיקן ניט, ס'זאָל נאָר ערגער ניט זײַן.

— און איך האָב געמיינט, אַז איר זײַט, כאַסוועשאָלעם, קראַנק געוואָרן, בין איך געקומען אַ קוק טאָן, וואָס איז מיט אײַך... פאַר באַלעגאָלעס, זאָגט מען, וועט זײַן אינגיכן אַ סאַך אַרבעט. אונדזער וולאַסט, זאָגט מען, וועט זיך אינגיכן אומקערן, וועט מען די אָרעמעלײַט אַריבערפירן פון די קעלערס אין דירעס, ווו די רײַכע מענטשן האָבן געוווינט.

— אזעלכע מענטשן, וועלכע קריכן ארויס פון אונטער דער ערד אף דער ווײַסער וועלט, בין איך גרייט אומזיסט אריבערפירן, — האָט זיך אָפּגערופן אוורהאָם. — איך דארף נאָר, מײַן פערדל זאָל האָבן קויעך צו שלעפן...

— איינער פון אונדזערע באַלעגאָלעס האָט אָנגערופן אײַער פערדל „די מאַלקע". ער האָט געזאָגט: „איר זעט, צו וואָס אונדזער מאַלקע האָט זיך דערלעבט, אַז זי גייט אין שפּאַן, און דער באַלעבאָס, רעב אוורהאָם, העלפט איר שלעפּן".

אוורהאָם מיט זעלדען האָבן זיך הילכיק צעלאַכט.

— ווי האָט איר אַ נאָמען געגעבן אײַער פערד? — האָט מוישע קימבלאַק געפרעגט.

— ווי זי האָט געהייסן באַם ציגײַנער, בא וועלכן כ'האָב זי געקויפט, ווייס איך ניט, נאָר איך האָב אַ נאָמען געגעבן — לאַוונהאַראַמע... ערגעץ אין אַ ביכל האָב איך איבערגע־לייענט אַ מײַסע וועגן אַזאַ קליאַטשע, ווי מײַנע, פון וועלכער ס'איז געוואָרן אַ פערד אַ גיבער...

— לאָמיר זי טאַקע בעסער רופן מאַלקע! — האָט אויסגעשריִען איליוסיק, וועלכער האָט אונטערגעהערט דעם שמועס.

— באַ יִדן פירט זיך, אַז ווען עמעצער ווערט שטאַרק קראַנק, גיט מען אים אַ צווייטן נאָמען. איז רופט זי אָן — מאַלקע־לאַוונהאַראַמע, — האָט געשמייכלט מוישע קימבלאַק. ער האָט אָנגעשפּאַרט זײַן שטערן אף דער ברייטער דלאָניע און אָנגעהויבן אונטערברומען אַ ניגנדל, דערנאָך איז ער זיך צעגאַנגען און געגומען זינגען הויך אף אַ קאָל:

טײַערע מאַלקע, געזונט זאָלסטו זײַן,
גיס אָן דעם בעכער, דעם בעכער מיט ווײַן.

אוורהאָם און זעלדע האָבן מיטגעזונגען.

זומער, ווען טיר־און־פענצטער זײַנען אָפן, פלעגט מען הערן איבער דער גאַנצער גאַס מוישע קימבלאַקס קאָל. זײַן האַרציקער געזאַנג פלעגט אָנכאַפּן פאַר דער נשאָמע. פון שטוב צו שטוב האָט זיך געטראָגן דאָס באַרימטע באַלעגאָלע־ליד:

פאָר איך מיר ארויס אין אַ פינצטערער נאַכט....

הײַנט האָט מוישע געזונגען מיט אַ באַזונדער געפיל:

וויאָ, וויאָ, פערדעלעך,
וויאָ, וויאָ, טײַערע,
וויאָ, אַ קרעטשמע איז ניט ווײַט!..

צוזאַמען מיט מוישען האָבן געזונגען אוורהאָם, זעלדע, אַלע קינדער. די ווערטער האָבן זיך געריסן פון זייערע הערצער. זיי האָבן ניט באַווײַנט די אומגליקלעכע באַלעגאָלישע דאָ־ליע, ניט געקרעכצט פון די צאָרעס, וועלכע ס'קומט אויס איבערצוטראָגן, ניט געבעטן קיין בעסערע דאָליע, ווײַל דאָס פערד און די דראָשקע האָט זיי אַ ביסל אופגעריכט, און דערפאַר זײַנען זיי געווען מונטער.

אין ווינקעלע, ווו עס זײַנען געזעסן די קינדער, האָט עמעצער פון זיי פאַרצויגן אַ נײַע ליד, וואָס איז ארײַנגעדרונגען אהער, אין דעם אָרעמען שטיבל, פון דער ברויזנדיקער גאַס:

Отречемся от старого мира [1].

מוישע קימבלאַק האָט אף זײַן אויפן איבערגעמאַכט דאָס ליד. הילכיק האָט ער גע־זונגען:

אי, אי, אי, נאַכאַמאַל, אָטרעטשאָמסיאַ אָט סטאַראָוואָ מיראַ,
אָטרעטשאָמסיאַ!

אַלע אין שטוב האָבן אונטערגעכאַפּט:

אי, אי, אי, אָטרעטשאָמסיאַ אָט סטאַראָוואָ מיראַ!

9

אין שטאָט האָבן אָנגעהויבן ארומגיין קלאַנגען, אַז דאָס דײַטשישע מיליטער קלײַבט זיך אָפּציִען פונדאַנען.

— פאַרן אוועקגיין קאָנען זיי אונדזערע פערד פאַרכאַפּן מיט זיך, — האָט ארויסגעזאָגט אַ האַשאָרע מוישע קימבלאַק.

[1] מיר וועלן אָפּזאָגן זיך פון דער אַלטער וועלט...

— וואָס דען? וואָס מיינט איר? זיי וועלן זיך שעמען... — האָט זיך אָפּגערופן פּיניע יעגעס, — איר זעט ניט, ווי אַלע טאָג ציִען זיך צום וואָקזאַל פורן און האַרבעס מיט ברויט, פּוראַזש, מע לאָדט אָן אין די וואַגאָנעס פערד, בעהיימעס, כאַזירים, אויפּעס, דאָס איז דאָך אַלץ אָנגערויבט גוטס. איז וואָס זשע, וועלן זיי אַף אונדז קוקן?!

מוישע מיט פּיניען, וועלכע האָבן פאַרמאָגט גוטע פערד מיט פּאַעטאָנען, האָבן טאַקע מוירע געהאַט זיך באַווייַזן אין שטאָט.

— פאַר מייַן פערד האָב איך ניט וואָס מוירע צו האָבן, — האָט אוורהאָם געטייַנעט און איז פראַנק־און־פרייַ אַרומגעפאָרן מיט זייַן דראָשקע, ווו ער האָט געוואָלט. אַזוי ווי באַלעגאָלעס זייַנען געוואָרן וויייניקער, האָט זיך אים אַפילע אָפּטער ווי פריִער געמאַכט וואָס איבערצופירן און פאַרדינען אַף דער הויצאָע.

די רויטע זייַנען אַרייַן אין שטאָט פריִער, ווי די דייַטשן האָבן באַוויזן אָפּטרעטן. די בריקן, וועלכע די פּאַרטיזאַנישע טיילן האָבן באַוויזן אופרייַסן, האָבן געגעבן די מעגלעכקייַט די רויטע צו פאַרכאַפּן בא די אָקופּאַנטן א טייל פון זייער אָנגערויבטן גוטס.

גלייַך ווי די רויטע זייַנען אַרייַנגעגאַנגען, האָבן די באַלעגאָלעס אָנגעהויבן אַרויספאָרן צום וואָקזאַל. נאָר קיין צוגן זייַנען ניט אָנגעקומען און קיינער האָט ניט געוווּסט, ווען זיי וועלן זייַן.

מוישע קימבלאַק האָט פון איגן ניט אַרויסגעלאָזט אוורהאָמען און אים אָנגעזאָגט:

— ווי נאָר איך וועל אוועקפאָרן מיט לייַדיקן, זאָלט איר וויסן, אַז ס׳איז ניטאָ אַף וואָס צו וואַרטן. פאָרט איבער די גאַסן אָדער גלייַך צום מאַרק.

קעדייַ פאַרקירצן דעם וועג, האָט אוורהאָם פון דער גרויסער בייַוואָקזאַל־גאַס פאַרקערעוועט צו די אָרעמע הינטערגעסלעך. די קליינינקע, אייַנגעפאַלענע און אייַנגעהויקערטע הייַזקעס האָבן אייַנזאַם זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער. די מענטשן פון יענע געסלעך זייַנען געוועזן אויסגעדאַרט, פאַרכוישעכט, אַרומגעריסן, ווי די בעטלער, וועלכע זייַנען געשטאַנען אַף יעדן ראָג.

נאָענט צום מאַרק האָבן זיך געצויגן רייען פון קראָמען, קרעמלעך מיט אָפּגעבליאַקעוועטע שילדן, אַף וועלכע ס׳זייַנען געווען אָנגעמאָלט שטיוול, היטלען, שלעסער, עפּל, באַרן, ריפּטלעך קרויט, בורעקעס... אַף די טירן פון די קראָמען און ווערקשטאַטן זייַנען געהאַנגען פאַרזשאַ־

ווערטע שלעסער. וואָס נעענטער צום מאַרק, האָט זיך אַלץ דײַטלעכער דערטראָגן דער טומל און גערויש.

בלינדע בעטלער האָבן געשפּילט אַף האַרמאָשקעס, געזונגען אומעטיקע לידער און געבעטן נעדאָוועס. שאַרמאַנשטשיקעס מיט פּאַפּוגײַען, טרעפּערקעס האָבן פֿאַרנאַרט דעם עולם, צוזאָגנדיק זיי אַלע גליקן. פֿאַרקויפֿער האָבן אַף פֿאַרשיידענע אויפֿאַנים געריימט זייערע סכוירעס. אין טומל האָט זיך דײַטלעך געהערט, ווי עמעצער זינגט:

— קויפֿט, קויפֿט, קוינים,
קוינים קומט אַהער,
נאָך אַ מאַרק אַזוינעם
איז צו קריגן שווער.

אוורהם האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ ווינקעלע און אָנגעהויבן נאָכשפּירן נאָכן אוילעם. עפּשער וועט עמעצער צוגיין און פֿאַרלייגן עפּעס אָפּפֿירן.

פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ געשריי, אַ קוויטשערײַ, און טייקעף האָט אָפּגעהילכט איין שאָס נאָכן אַנדערן. אין מאַרק האָט זיך אָנגעהויבן אַ בעהאָלע.

— וואָס איז געשען? וווּהין לויפֿט מען עס? — האָט אוורהם געפּרוווט פֿרעגן בא די מענטשן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרבײַ אים דורכגעטראָגן.

— איר זעט ניט? — האָט איינער פֿון זיי אַ ווײַז געטאָן אין דער זײַט פֿון מאַרק.

דער געלאָף איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. אוורהם איז געשטאַנען אַ צעטומלטער און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— אַנטלויפֿט! וואָס שטייט איר?! אַף וואָס וואַרט איר? — איז צוגעלאָפֿן צו אים אַ הויכער מענטש אין אַ פּעטראָווער הוט. — אַנטלויפֿט! ס׳איז אָנגעלאָפֿן אַ באַנדע, זיי האַרגענען יעדערן, ווער ס׳טרעפֿט זיך זיי אַף די אויגן.

אוורהם האָט אַ שמיץ געגעבן דאָס פֿערד און אײַליק זיך געלאָזט פֿאָרן. ביז ער האָט זיך דערקליבן אַהיים, האָט שוין אויך דאָ, אַף דער גאַס, געהילכט די שיסערײַ. דאָ און דאָרט האָט מען געהערט, ווי מיט אַ בראַזגערײַ ברעכן זיך די שויבן, און פֿעדערן פֿון צעריסענע קישנס דרייען זיך אײַנדערלופֿטן, ווי אַ פּוכיקער שניי.

זעלדע האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן הויף און געזוכט אַן אָרט, וווּ צו באַהאַלטן די קינדער.

— אָפּגיך שפּאַן אויס דאָס פֿערד און שטעל עס אַוועק אין שטעלכל! דו הערסט, וואָס עס טוט זיך? — האָט געזאָגט זעלדע. — גאָט מײַנער, וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אָנשיקעניש אַף אונדזער קאָפּ! די קוילער קענען דאָך יעדער רעגע אַרײַנרײַסן זיך צו אונדז אין שטוב.

— זיי קאָנען, כאַסוועשאָלעם, דאָס פֿערד צונעמען... עפּשער באַהאַלטן עס ערגעץ? — האָט אוורהם געטײַנעט.

— צו וואָס דאַרפֿן זיי דײַן פּאַדלע? וועגן וואָס טראַכסטו איצט, אַז מיר האַלטן די נעשאָמע אין די הענט...

פֿון דער זײַט, וווּ עס האָט געוווינט מוישע קימבלאַק, האָט זיך דערהערט אַ שיסערײַ, און טייקעף האָט זיך דערטראָגן פֿון דאָרטן אַ האַרצרײַסנדיקער געשריי.

— וויי איז מיר, די מערדער זײַנען דאָך שוין גאָר נאָענט פֿון אונדז. וואָס דרייסטו זיך אַרום, אוורהם? אָפּגיך באַהאַלט זיך, — האָט געשריִען זעלדע און געשלעפּט אים אין קעלער.

מיט אַ יאָמערלעכן געוויין איז אָנגעלאָפֿן מוישע קימבלאַקס ייִנגעלע, יאָסעלע.

— אוי, דעם טאַטן האָט מען דערהאַרגעט... זיי האָבן דאָס פֿערד געוואָלט צונעמען, האָט ער ניט געוואָלט געבן, האָבן זיי אים...

— זיי וועלן דערהערן אַ געוויין, קאָנען זיי נאָך אַהער קומען, — האָט זעלדע אָנגעכאַפּט דאָס ייִנגל פֿאַר דער האַנט און אַרײַנגעשלעפּט אין קעלער.

דער געשריי און געוויין פֿון דער זײַט, וווּ עס האָט געוווינט מוישע קימבלאַק, איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. זעלדע האָט געוואָלט צולויפֿן אַהין, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט די קינדער אַרײַנגערוקט אין אַ גרוב און אַזוי פֿאַרדעקט, אַז זיי קאָנען דערשטיקט ווערן.

— וויי איז מיר! כ׳האָב מיט די אייגענע הענט געקאָנט אָן אומגליק אָנטאָן.

אַ טויט־בלייכע האָט זי אַראָפּגעוואָרפֿן די שטרוי פֿון דער גרוב. די קינדער זײַנען געלעגן קוים לעבעדיקע.

יאָסעלע האָט ניט אויפֿגעהערט צו שרײַען:

— כ׳וויל אַהיים! כ׳וויל אַ קוק טאָן, וואָס איז מיט דער מאַמען...

— זאָל שטילער ווערן, וועלן מיר צוגיין צו אײַך, — האָט זעלדע אים געפּרוווט באַרויִקן.

יאָסעלע האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע אָרעמס און זיך געלאָזט לויפן אַהיים. זעלדע איז אים נאָכגעלאָפן און אים געוואָלט אומקערן. איר אַנטקעגן איז אָנגעקומען עטל — מוישע קימבלאַקס ווײַב; זי האָט געריסן די האָר פונעם קאָפּ און ביטער געוויינט:

— ווײ און ווינד איז מיר! וואָס האָבן די גאַזלאָנים אָפּגעטאָן מיט מיר! א פינצטערע אַלמאָנע בין איך געבליבן מיט אַן אומגליקלעכן יאָסעם... מוישע האָט געוואָלט ראַטעווען דאָס פערד און פאַרשפּילט דאָס לעבן.

דערזען יאָסעלען, האָט אים עטל צוגעדריקט צום האַרצן:

— וואָס וועלן מיר טאָן אָנעם טאַטן? וווהין וועלן מיר זיך אַהינטאָן?

עטל איז מיטאַמאָל געבליבן שטיין, ווי עס האָט איר אָפּגענומען דאָס לאָשן. זי האָט זיך א וואַלגער געטאָן אַף דער ערד.

— וואַסער! גיכער וואַסער! — האָט געשריִען זעלדע. — איר איז ניט גוט געוואָרן!

מוישע איז געלעגן א פאַרבלוטיקטער אינמיטן הויף...

10

אַף מאָרגן נאָכן פאָגראָם האָבן מענטשן מורירע געהאַט צו באַווייַזן זיך אַף די גאַסן. זעלדע האָט מיט אַלע קויכעס אײַנגעהאַלטן אווראָמען, ער האָט זיך געריסן אַרויספאָרן מיטן פערדל און דראָשקע עפּעס פאַרדינען.

— אין אַזאַ אומגליק זוכן געוויס מענטשן א באַלעגאַלע, — האָט ער געטײַנעט. — ס'איז דאָך שוין שטיל, מע הערט ניט קיין איין שאָס. וואָס זשע וועל איך זיצן?

די גאַסן זײַנען געווען פוסט און טויט. די פענצטער אין א סאַך הײַזער זײַנען געווען אויסגעבראָכן. פון די הויפן האָבן זיך געטראָגן געשרייען און געוויינען.

— עפּשער וועט איר אָפּפירן א באַרמינען? — האָט זיך דערהערט א ווײַבערש קאָל.

— א באַרמינען? — האָט אוורואָם איבערגעפרעגט.

דאָס שרעקלעכע וואָרט האָט אָפּגעקלונגען אין אוורואָמס אויערן מיט שמערצלעכן ווײַטעק אין האַרצן.

— ווײ, ווײ, סאַראַ צאָרעס! — האָט די פרוי געבראָכן די הענט.

— ווער האָט זיך אַף אַזוינס געקאָנט ריכטן, אינמיטן העלן טאָג זאָלן די ראָצכים, ווי סאַראַנטשע, אָנלויפן, — האָט אוורואָם מיט טיפן מיטלייד זיך אָנגערופן. — ווען וועט זײַן די לעווייע?

— נאָך האַלבן טאָג.

— גוט, כ'וועל צופאָרן.

— פאַרגעסט נאָר ניט, איך בעט אײַך זייער, איר זאָלט צופאָרן.

— ווי קאָן מען אין אַזאַ אייס־צאָרע פאַרגעסן... א גרויסע מישפּאָכע איז געבליבן בא דעם קאָדעש?

— זיבן קינדערלעך.

— זיבן קינדערלעך! — האָט ער זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ. — זיבן יעסוימימלעך זײַנען געבליבן.

א פורמאַן אין א טשומערקע מיט א רויטן גאַרטל האָט אַף זײַן פאַעטאָן, אײַליק דורכטראַגנדיק זיך, א געשריי געטאָן צו אוורואָמען:

— וואָס פאַרהאַלטסטו זיך? באַלד דאַרף דאָך אָנקומען א צוג. ס'וועלן, מיסטאָמע, זײַן פּאַסאַזשירן.

אוורואָם האָט א צי געגעבן די לייצעס און זיך געלאָזט פאָרן. נאָר גלײַך איז פון א הויף אַרויסגעלאָפן א צווייטע פרוי און מיט א פאַרקלעמט קאָל אָנגעהויבן בעטן:

— האָט ראַכמאָנעס און פירט אָפּ א קאָרבן אין זײַן אייביקער רו.

— וווּ נעמט מען קויכעס אַריבערצוטראָגן אַזויפיל צאָרעס? דרײַ אומגליקן האָבן מיך מיטאַמאָל געטראָפן, — האָט זיך דערהערט א דריט קאָל.

„וואָס טוט מען? כ'האָב דאָך שוין צוגעזאָגט אָפּפירן צווײ מייסים", — האָט אוורואָם געטראַכט. א שוידער איז דורך איבער זײַן לײַב פונעם געדאַנק, אַז עס זײַנען פאַראַן אַזויפיל קאָרבאָנעס.

דער געוויין, וועלכער האָט זיך געטראָגן פון יעדער שטוב, ווו ער איז פאַרבײַגעפאָרן, האָט ניט אויפגעהערט נאָכצופאָלגן אוורואָמען. פון איין גאַס איז די יעלאָלע אים אַנטקעגן גע־

קומען אף דער צווייטער גאס, אף דער דריטער, און דאָס פערד האָט ווי אַפּצולאָכעס קוים געשלעפּט די פּיס.

אין א געסל, ניט ווײַט פון דער גרויסער בײַוואָקזאַל־גאַס, האָט אווראָם דערזען, ניסן פרירען — א נידעריקן, שטארק אײַנגעהויקערטן אלטיטשקן, מיט א גרויסן קאַסטן גלאָז אף די פּלייצעס.

— וווהין פאָרט איר עס, רעב אווראָם? — האָט ניסן אָפּגעשטעלט דעם פורמאַן.

— וווהין קאָן איך פאָרן? איך פאָר זוכן א שטיקל ברויט.

— און מיר האָבן די באַנדיטן אונטערגעוואָרפן פּאַרנאָסע... זיי האָבן אויסגעבראָכן בא מענטשן די שויבן, האָב איך ארבעט, כ׳וואָלט נאָר אזויפיל גלאָז האָבן, וויפל כ׳וואָלט גע־קענט פאַרדינען.

— פאָר וועמען א טויט און פאַר וועמען ברויט, — האָט אווראָם טרויעריקלעך א וויצל זיך געטאָן.

— איך בין דאָך ניט שולדיק, וואָס די באַנדיטן האָבן אויסגעזעצט בא מענטשן די שויבן, — האָט ניסן זיך פאַרענטפערט. — עלעהיי ס׳וואָלט א הוראַגאַן אויסגעבראָכן, וואָלט עמעצער געהאַט צו גאָט טײַנעס? איך בין א גלעזער און פאַרדין מײַן שטיקל ברויט קאָשער.

— און בא וועמען וועל איך מאָנען געלט פאַר מײַן טירכע? — האָט אווראָם מיט א פאַרביטערטן קאָל זיך אָפּגערופן. — באַם מאַלעכהאַמאָוועס? צי בא די הארוגים? צי עפּשער גאָר בא די פינצטערע אַלמאָנעס און אומגליקלעכע יעסוימים?.. ס׳איז דאָך אַן אומגליק, רעב ניסן. ווי קאָן מען פון א צאָרע מאַכן פּאַרנאָסע?

— אָבער א לעבעדיקער מענטש דאַרף יעדן טאָג עסן, — האָט ניסן געענטפערט, — און אַז מע וויל עסן, זוכט מען פּאַרנאָסע...

...ביזוואַנען אווראָם האָט זיך דערקליבן צום וואָקזאַל, זײַנען שוין דאָרט קיין פּאַסאַזשירן ניט געווען און די באַלעגאָלעס זײַנען שוין אויך צעפאָרן ווער וווהין. אָפּגעשטאַנען בא א האַלבער שאָ, האָט אווראָם פאַרלאָרן יעטווידע האָפענונג עפּעס פאַרדינען און זיך געלאָזט אוועקפאָרן נאָכן באַרמינען.

ווען ער האָט נאָך דער לעווײַע אומגעקערט זיך אהיים, האָט אילױסיק געפרעגט:

— הײַנט זײַנען געווען פּאַסאַזשירן?

— א סאָך פּאַסאַזשירן זײַנען געווען הײַנט, מײַן זון, נאָר הארוגים אָפּן בעסוילעם האָב איך געדאַרפט פירן.

זעלדע האָט א טיפן קרעכץ געטאָן:

— ווי צו אונדזערע יאָרן... אזויפיל אומשולדיקע מענטשן זײַנען אוועק אף יענער־וועלט.

זעלדע האָט גוט געוווּסט, אַז אין שטוב איז קיין ברעקל ברויט ניטאָ און זי האָט ניט וואָס צו געבן עסן אווראָמען. פונדעסטוועגן איז זי צוגעגאַנגען צום שאַפקעלע, לאַנג געשאַרט דאָרט מיט די פינגער און, גאַרנישט געפינענדיק, געפרעגט:

— עפּשער וועסטו אויסטרינקען א גלאָז אָקרעפּ?

— כ׳וויל גאַרנישט, זעלדע.

— האָסט דאָך מיסטאָמע הײַנט נאָך אין מויל ניט געהאַט?

— איז וואָס? מענטשן האָבן דאָך געפּאַסט, געבעטן בא גאָט, ער זאָל זיך דערבאַרעמען און מער קיין צאָרעס ניט אָנשיקן אף אונדזערע קעפּ, האָב איך אויך געפּאַסט.

— אָבער אָפּפּאַסטן איז דאָך ניטאָ מיט וואָס.

— מאָרגן איז מוישע קימבלאַקס לעווײַע, וועלן מיר ווײַטער פּאַסטן... אָבער די קינ־דער... אף זיי איז א ביטערער ראַכמאָנעס.

— מ׳דאַרף ערגעץ עפּעס קריגן און זיי אָנהאָדעווען, — האָט זיך אָפּגערופן זעלדע.

קאַפּיטל צוויי

1

לאַנג זײַנען געשטאַנען די באַלעגאָלעס מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אַרום מוישע קימבלאַקס טויטן קערפּער. זייערע פּנעמער זײַנען געווען טרויעריקע און האָבן אויסגעדריקט צאַר און ווייטעק. א גאַנץ לעבן געווינטע צו וויאָקען און נאָקען, זײַנען זיי געווען שווער אף די צינגער און א פּאָר ווערטער איז זיי אויך געווען ניט לײַכט אַרויסצובריינגען.

א הויכער, ברייטפּלייציקער באַלעגאַלע האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— אײַ, אײַ, אײַ, סאַראַ גוטער מענטש דאָס איז געווען!

— און ערלעכע נעשאָמע, — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן.

— ער האָט קיינעם קיינמאָל ניט באַאוולט, באַ קיינעם קיין פּאַסאַזשיר ניט אויסגע־כאַפּט, — האָט אַ דריטער זיך אָנגערופן.

— פּאַרקערט, ער האָט זיך באמת יענעם אונטערשיקן אַ פּאַסאַזשיר, — האָט געזאָגט אווראָם, — און זיך געסטאַרעט, אַז נאָך עמעצער זאָל פאַרדינען אַ שטיקל ברויט. איז זאָל ער האָבן אַ ליכטיקן גאַניידן.

— און זײַן פּאָר אונדז דאָרט, אָף יענער־וועלט, אַ גוטער בעטער, — האָט מיט אַ זיפץ צו־געגעבן זעלדע.

שלוימע פּאַפּעליוכע איז צוגעגאַנגען צום באַרמינען, אַ שאָקל געטאָן זיך, ווי אַ פרומער ייִד, ווען ער הייבט אָן דאַווענען, און געזאָגט:

— מע דאַרף זײַן אַ גרויסער גאַזלען אופצוהייבן אַ האַנט קעגן אַזאַ שטילן אומשולדיקן מענטשן און אומברענגען אים... אָף זײַן „לאַסטאַטשקע״ וועט זיך אַרומטראָגן אַ מערדער און הארגענען מענטשן, איז זאָל אים, דעם רעצייעך, אַ קויל טרעפן און אָף יענער־וועלט זאָל מען זיך מיט אים אָפּרעכענען, ווי מיטן גרעסטן ראָשע! אָמיין!

שלוימע פּאַפּעליוכע האָט עטוואָס אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פּונקט ווי מוישע קימבלאַק, ווען ער פּלעגט זינגען זײַן באַליבטע ליד „פּאָר איך מיר אַרויס אין אַ פינצטערער נאַכט״, און מיט אַ טרויעריק קאָל אָנגעהויבן: אייל מאָליי ראַכמים שויכיין באַמרוימים...

זײַן שטים האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער. ער האָט אַפּילע פון זיך אַליין אַרײַנגעשטעלט ווערטער צו דער טפילע, געבעטן באַם קאָדעש, ער זאָל אים מויכל זײַן, אויב ער האָט ווען־עס־איז געטאָן עפּעס שלעכטס קעגן אים.

פיר באַלעגאָלעס — הויכע און געזונטע, ווי די דעמבן, האָבן אַוועקגעטראָגן מוישע קימ־בלאַקן אין זײַן אייביקער רו.

פאַרטרויערטע און צעבראָכענע, האָבן אווראָם מיט זעלדען זיך אומגעקערט פון דער לעוויִע. דער הונגער און די איבערלעבונגען האָבן זיי אינגאַנצן אומגעוואַלגערט פון די פיס. די קינדער זײַנען געזעסן פאַרשמאַכטע און אַרויסגעקוקט אָף טאַטע־מאַמע. דערזען זיי דורכן פענצטער, איז איליוסיק דער ערשטער אַרויסגעלאָפן זיי באַגעגענען.

— ביסט הונגעריק, מײַן קינד? — האָט זעלדע אים אַ גלעט געגעבן איבערן קעפּל.

— כ'בין ניט הונגעריק, מאַמע, כ'האָב דאָס פערד געהאָדעוועט, ער זאָל מאָרגן, אַז דער טאַטע וועט אַרויספאָרן צום וואָקזאַל, בעסער שלעפּן.

— דו זאָרגסט זיך אַלץ וועגן פערד, — האָט זעלדע געדריקט דאָס קינד צו זיך, — כ'וועל באַלד עפּעס צוגרייטן עסן...

זעלדע האָט צעלייגט אַ פײַער אָפּן פּריפּעטשיק און געשטעלט קאָכן קאַרטאָפל. אווראָם איז אַרויס אין שטאַל אַ קוק טאָן צום פערד. גייענדיק צוריק, האָט ער אָפּן שוועל זיך צונויפ־געשטויסן מיט אַ הויכן דאַרן מאַנצבל, אין אָפּגעריבענעם שינעל, אין ברילן, מיט אַ פּאַפּקע אונטער דער האַנט.

— מעהודין וווינט דאָ? — האָט יענער געפרעגט.

— דאָ...

— איך רעגיסטריר די קינדער, וואָס דאַרפן לערנען אין שול.

— אַזוי גאָר? — האָט אווראָם זיך פאַרוווּנדערט. — מע האָט נאָך, דאַכט זיך, ניט באַוויזן מעקאַבער זײַן די קאָרבאָנעס פון פּאָגראָם און ווער ווייסט, וואָס עס וועט מאָרגן זײַן, און איר ווילט שוין פאַרשרײַבן די קינדער אין שול.

— איצטער, מיין איך, וועט שוין זײַן אַן אָרדענונג און די קינדער וועלן זיך קענען לערנען נאָרמאַל, — האָט געענטפערט דער געקומענער. — זיי האָבן שוין אַזוי אויך אַזויפיל צײַט דורכגעלאָזט.

אווראָם איז אַרײַן מיטן מענטשן אין שטוב, דערלאַנגט אים אַ בענקל און געזאָגט צו זעלדען:

— דער כאַווער איז געקומען פאַרשרײַבן אונדזערע קינדער אין שול.

— אין שול? — האָט זי איבערגעפרעגט. — זייער גוט, זייער גוט, וואָס מע זאָרגט זיך וועגן אונדזערע קינדער.

— לערנען זיך, לערנען זיך! — האָבן די קינדער אָנגעהויבן ליאַרעמען. — פאַרשרײַבט מיך! מיך פאַרשרײַבט! כ'וויל זיך לערנען! און איך אויך! און איך אויך!

דער געקומענער האָט ארויסגענומען פון זײַן פּאַפּקע א גרויסן בויגן פּאַפּיר און אָנגע־הויבן אויספרעגן:

— פאַמיליע און נאָמען? וויפל יאָר? מוטערשפּראַך? ווו זיך געלערנט? אין וועלכן קלאַס? די קינדער האָבן אלע מיטאמאָל אָנגעהויבן ענטפערן, פּאַרטומלענדיק איינער דעם אַנ־דערן.

— איינציקווײַז. קום אהער,— האָט דער פאָרשטייער צוגערופן איליוסיקן.— ווי רופט מען דיך? לייענען און שרײַבן קענסטו? דו האָסט זיך שוין געלערנט אין א שול?

דורכגעשמועסט זיך מיט איליוסיקן און מיט די איבעריקע קינדער, האָט ער אלץ פאַר־שריבן און געזאָגט:

— מאָרגן קומט צו גיין אין שול, וועט מען אײַך זאָגן, ווען ס׳וועלן זיך אָנהייבן די לימודים.

— שוין מאָרגן? — האָט זעלדע פאַרכידעשט זיך.— עס איז טאַקע זייער גוט, אָבער אין וואָס וועלן זיי גיין אין שול, אז זיי זײַנען הויל און נאַקעט? אַף אלע קינדער איין פּאָר שטיוול.

דער פאָרשטייער האָט ניט געוווסט וואָס צו זאָגן דערויף.

— מע דאַרף עפּעס צוטראַכטן,— האָט ער ארויסגעמורמלט.— איך וועל פאַרשרײַבן, אז די קינדער האָבן ניט אין וואָס צו גיין. עפּשער וועלן מיר אויסזוכן מיטלען אַף צו העלפן די וויטבאַדערפטיקע. הייסע פּרישטיקן וועט מען אין שול געבן אלע טאָג.

— פּרישטיקן, מע וועט אפילע האָדעווען די קינדער, הערסט, אוורהם? — האָט זעלדע זיך דערפרייט.

— כ׳וועל א באַרוועסער גיין אין שול, אבי לערנען זיך! — האָט אויסגעשריִען איליוסיק.

— איך אויך! און איך אויך! — האָבן געליאַרעמט די איבעריקע קינדער.

— אוואַדע, קינדערלעך, וועט איר זיך לערנען,— האָט זיי באַרויִקט דער פאָרשטייער.

— מיט בגאָדים וועלן מיר זיך ווי־ניט־איז אן אייצע געבן, כ׳וועל איבערנייען, איבער־דרייען,— האָט זעלדע געזאָגט.— אָבער מיט שוכוואַרג ווייס איך טאַקע ניט וואָס צו טאָן. סײַדן אַף דער דראָשקע אָפּפירן זיי אין שול. אָבער דאָרטן גופע קאָן מען דאָך אויך באָרוועס ניט גיין...

— גוט, זעלדע, כ׳וועל זיי טאַקע אָפּפירן אין שול, אָבער ווען איך פאָר ארויס נאָך פּאַסאַזשירן, שלאָפן זיי נאָך,— האָט זיך אָפּגערופן אוורהם.

— נו גוט, כ׳האָב דאָך געזאָגט, אז מיר וועלן א טראַכט טאָן,— דער פאָרשטייער האָט שוין געהאַלטן די האַנט אַף דער קליאַמקע פון דער טיר.— פון הײַנט אָן זײַט איר שילער פון דער ארבעט־שול נומער דרײַצן,— האָט ער צום שלוס געווענדט זיך צו די קינדער.— די שול געפינט זיך ניט ווײַט פון אײַך — פּאַדוואַלנע, 12. מאָרגן, אז איר וועט קומען, וועט מען אײַך זאָגן, ווער פון אײַך איז פאַרעכנט אין א וועלכער גרופּע.

— גוט, גוט, מיר וועלן קומען, אומבאַדינגט קומען,— האָבן די קינדער, ארויסבאַגלייטנ־דיק אים, געשריִען.

די גוטע יעדיִעס, וועלכע דער פאָרשטייער פון דער שול האָט געבראַכט, האָבן א ביסל אָפּגעווענדט אווראָמען מיט זעלדען פון זייערע צאָרעס, די קינדער האָבן א ביסל פאַרגעסן אינעם הונגער, וואָס האָט זיי געפּײַניקט. און דאָס קעסל מיט די קאַרטאָפליעס, וועלכע זעלדע האָט אוועקגעשטעלט אַפן פּריפּעטשיק, האָט געקאָכט.

פּלוצעם איז זעלדען ארײַנגעפאַלן אין קאָפּ א געדאַנק: איבערזיפּן די דערט, וועלכע אווראָם האָט געקויפט פאַרן פערד, און ארײַנשיטן אין קעסל, דאַן וועט די גאַנצע מישפּאָכע גוט זיך אָנעסן, און ס׳קאָן נאָך בלײַבן פאַר די קינדער אַף מאָרגן.

די זאַטירקע איז געווען ביטערלעך און האָט געריסן אין האַלדז פון די גערשטן־שטעכל־קעס, וועלכע זײַנען געבליבן אין דערט, דאָך האָט אווראָם מיט די קינדער געלעקט די פינ־גער פונעם געריכט און געכליאַפּטשעט מיט גרויס אַפּעטיט.

— ווו האָסטו גענומען מעל אַף אַזא מײַכל? — האָט אווראָם געפרעגט בא זעלדען.

— כ׳האָב געגאַנוועט באַם פערד,— האָט זעלדע זיך מוידע געווען.

ווען אוורעם האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט ער בעשום־אויפן ניט געקאָנט פאַרשטיין, צי ס'איז שוין טאָג, צי ס'איז נאָך נאַכט.

— דו האָסט זיך נאָך אַלץ ניט געלייגט שלאָפן? — האָט ער אַ פרעג געגעבן בא זעלדען, וועלכע איז געזעסן באַם קאַנעצל און געניידט.

— ס'טאָגט שוין, — האָט זעלדע געענטפערט. — כ'האָב געפונען דײַנע אַלטע וואַליקעס, האָב איך פון זיי באַשטימט איבערניייען שיכלעך.

— נייסטו עס אַ גאַנצע נאַכט? וואָס זשע האָסטו אופגענייט?

— אָט גיב אַ קוק, זיי זײַנען שוין קימאַט בא מיר פאַרטיק.

אוורעם איז אַראָפּגעגאַנגען פון געלעגער, אַ קוק געגעבן אַף די שיכלעך און אַ שמייכל געטאָן:

— אײַ ביסטו אַ בעריע, זעלדע, פון גאָרניט ווערט בא דיר אַ זאַך... ס'איז דאָך אַ מעכײַע צו קוקן אַף די שיכלעך.. פּונקט ווי אַ מײַסטער האָט זיי געמאַכט. זייער גוט, וואָס דו האָסט זיך דערטראַכט צו דעם. אַניט האָב איך שוין ניט געוווסט, וואָס צו טאָן. איך דאַרף אי פאָרן צום צוג, אי די קינדער אָפּפירן אין אַ פּאָר שאָ אַרום. ווער ווייסט, צי איך וועל גאָר באַוויַיזן צו יענער צײַט?

אוורעם האָט זיך אײַנגעוואַשן, אָפּגעגעסן אַ טעלער נעכטיקע זאַטירקע און איז אַוועקגעפאָרן צום וואָקזאַל.

אין אַ האַלבער שאָ אַרום האָט זיך אופגעכאַפּט אליוסיק. ער האָט געריבן די פאַרשלאָפענע אייגלעך.

— ווו איז דער טאַטע?.. מיר וועלן ניט פאַרשפּעטיקן אין שול?

— שלאָף, שלאָף, ס'איז נאָך פרי. דער טאַטע איז אוועקגעפאָרן אַפן וואָקזאַל.

— ער קאָן זיך דאָרט פאַרהאַלטן, ווי־אַזוי וועלן מיר אין שול קומען?

— איר וועט גיין אַליין אין שול, כ'האָב אײַך אופגענייט שיכלעך.

— שיכלעך? אוועלכע שיכלעך?

אליוסיק איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, אַ כאַפּ געטאָן אַ פּאָר שיכלעך און גלײַך זיי אָנגעטאָן אַף די פיס.

— אוי גוט, מאַמע, גוט! און מאָטלען האָסטו אויך אופגענייט?

— אַלעמען אופגענייט. די מיידלעך האָב איך שוין לאַנג אופגענייט אַזעלכע שיכלעך. איך וועל דיר נאָך אַ רעקעלע אופנייען. כ'האָב עס שוין אָנגעהויבן און וועל גיך ענדיקן.

— ניי מיר עס טאַקע גיכער אויף, מאַמע...

זעלדע האָט אָנגעמאָסטן אליוסיקן דאָס רעקעלע, וואָס זי האָט איבערגענייט פון איר אַן אַלטן קלייד. זי האָט איבערגעשטעלט ווו מע דאַרף די סטריגעס, געמאַכט ברייטער, ווו עס האָט זיך געפּאָדערט, אונטערגעקירצט אַ ביסל.

דערהערט די רייד וועגן אליוסיקס רעקעלע, איז פון געלעגער אַראָפּ מאָטל:

— נאָר אליוסיקן נייסטו אַ בעגעדל? און מיר?.. איך האָב דאָך אויך ניט אין וואָס צו גיין אין שול.

— דו האָסט נאָך וואָס אָנצוטאָן, און אליוסיק איז אינגאַנצן הויל־נאַקעט, — האָט זעלדע געענטפערט. — נאָר איך וועל נייען רעקעלע אַזוי, אַז נאָך עמעצער פון אײַך זאָל קענען עס אָנטאָן... נו, פּרווו עס, מײַן זון, אָנמעסטן.

מאָטל האָט אָנגעמאָסטן דאָס רעקעלע. זעלדע האָט פאַריכט, ווו מע דאַרף.

— פּונקט ווי איך וואָלט אַף דיר גענייט. ס'פעלן מיר נאָר שטיקלעך אַף קעשענעס... מירצעשעם, אַז דער טאַטע וועט אָנהייבן פאַרדינען ווי עס באַדאַרף צו זײַן, וועלן מיר אײַך קויפן נײַע בגאָדים.

זעלדע האָט נאָך ניט אינגאַנצן באַוויזן פאַרענדיקן דאָס רעקעלע, האָט עס אליוסיק שוין אָנגעטאָן און איז צוזאַמען מיט די ברידערלעך און שוועסטערלעך אוועק אין שול.

יעדערער פון זיי האָט דערנאָך אַף זײַן אופן דערציילט די ניסים, וואָס ער האָט דאָרט געהערט און געזען.

— אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען אונדז שוין אָנהייבן לערנען לייענען און שרײַבן, — האָט אליוסיק דערציילט. — דער לערער זאָגט, אַז מיר האָבן אַ סאַך צײַט דורכגעלאָזט און אַז מיר וועלן דאַרפן ענדיקן עטלעכע קלאַסן מיטאַמאָל. מע האָט מיך אַרויסגערופן צום טאָוול און געהייסן שרײַבן און כעזשבענען. איך האָב אַלץ אויסגעפּילט, און דער לערער האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ מאָלאָדיעץ און אַז איך האָב אַן אָפענעם קאָפּ.

3

די טעג, וואָס איליוסיק איז געגאַנגען אין שול, זײַנען געווען באַ אים די סאַמע גליקלעכסטע. ער האָט געקענט אי לערנען זיך, אי אַ שטיף טאָן מיט די כעוורע און האָט נאָך דערצו אָפּגעגעסן אַ געשמאַקן פרישטיק.

קומענדיק אַהיים, פלעגט ער זיך גלײַך נעמען פאַר די לימודים. אין אָוונט, ווען אווראָם פלעגט זיך אומקערן אַן אָנגעהאָרעוועטער און אַן איבערגעפרווירענער אַהיים, פלעגט ער הערן, ווי איליוסיק לייענט:

— מאַ־מע... טאַ־טע... היימ־לאַנד... לע־נין...

— הערסט, — פלעגט, אַנקוועלנדיק פון נאַכעס, צווינקען צו זעלדען אווראָם.

— איך הער, איך הער, — פלעגט זעלדע, גליקלעך שמייכלענדיק, ענטפערן. — ער לייענט, קענענאָרע, ווי אַ וואַסער.

— אַמאָליקע יאָרן וואָלט אַ כעוורעמאַן מיט אַזאַ קאָפּ געקענט ווערן אַ בוכהאַלטער באַ אַ פּאָרעץ און אַפילע אַן אופּראַווליאַיעשטשע, — האָט אווראָם געקליבן נאַכעס. — און באַ דער נײַער וולאַסט קאָן גאָר פון אים ווערן אַ גרויסער מענטש.

אין דרויסן איז געוואָרן אַלץ קעלטער און קעלטער. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פרעסט, שנייען און גרויסע זאַווערוכעס. די שיכלעך, וועלכע זעלדע האָט אופּגענייט, זײַנען צעריסן געוואָרן, קיין וואַרעמע מאַנטלען זײַנען אויך ניט געווען, איז אויסגעקומען די ייִנגלעך לויט דער ריי אָנצוטאָן די איינציקע פּאָר שטיוול און דעם צעריסענעם וואַטניק און איינציקווײַז גיין אין שול. די מיידלעך האָט זעלדע אָפּגעגעבן אַף ווינטער־צײַט אירע געלאַטעטע וואַליקעס, דאָס פּליושענע סעקעלע און דעם אַלטן טערקישן שאַל, און זיי זײַנען אויך לויט דער ריי געגאַנגען אין שול.

אין די טעג, ווען איליוסיק איז אין שול ניט געגאַנגען, פלעגט ער קוקן דורכן קלייניננקן, מיט אײַז פאַרקאָוועטן פענצטער, אין גאַס. ס'האָט אים, ווי מיט צוואַנגען, געצויגן אין דרויסן, נאָר די מאַמע האָט אים ניט אַרויסגעלאָזט פון שטוב.

איינמאָל, ווען דער טאַטע איז, ווי געוויינלעך, אוועקגעפאָרן צום וואָקזאַל זוכן פּאַסאַזשירן און די מאַמע איז אוועק עפּעס אײַנהאַנדלען אין מאַרק, איז איליוסיק אַ באָרוועסער אַרויסגעשפּרונגען אין דרויסן, אַרופגעקראָכן אַף אַ הורבע שניי און אָנגעהויבן פּאָכן מיט די הענט און שרײַען:

— דאָלאָי בורזשואַזיע! זאָל לעבן די רעוואָליוציע!

דער אָראַטאָר איז אײַנגעזונקען געוואָרן אין שניי און קוים אַרויסגעקראָכן פון דער הורבע. פונדעסטוועגן האָט ער געפּרוּווט אַרופקריכן נאָך אַף אַ באַרג שניי און איז טײַקעף ווידער אײַנגעזונקען געוואָרן ביז איבערן קאָפּ. קוים אָפּגעאָטעמט אַ ביסל, האָט ער אַ פאַרויטלטער פון פראָסט אָנגעהויבן קלעפּן שניי־סאָלדאַטיקלעך, אַרײַנגעשטעקט זיי שטעקלעך אין די הענט, קלוימערשט ביקסלעך, און קאָמאַנדעוועט:

— איבער דער בורזשואַזיע פּלי... פּלי!

אין סאַמע ברען פון דער שיסערײַ איז אָנגעקומען יאָסעלע. איליוסיק האָט אים פאַרוואָרפן מיט שניי.

יאָסעלע האָט אויך אָנגעהויבן וואַרפן שניי און שרײַען:

— פאַרוואָס בין איך די בורזשואַזיע, דו ביסט די בורזשואַזיע!

— ניין, דו! איך בין אַ באָלשעוויק! — האָט איליוסיק געשרי:ען.

— איך בין אַ באָלשעוויק, ווײַל איך בין שטאַרקער פון דיר, — האָט יאָסעלע געטײַנעט. פאַרקוועטשט די פויסטן, האָט איליוסיק אַרופגעוואָרפן זיך אַף יאָסעלען און אָנגעהויבן אים נעריקן:

— איך וועל דיר ווײַזן, ווער ס'איז שטאַרקער!

איליוסיק האָט געגעבן קלעפּ, ווו עס האָט זיך געמאַכט, יאָסעלע האָט געגעבן צוריק. איליוסיק האָט אַ שלײַדער געטאָן יאָסעלען אַפן שניי. איליוסיק האָט געטראָפן מיטן פויסט אים אין נאָז, און ס'האָט אַ יושע געטאָן בלוט.

— נו, ווער איז שטאַרקער? — האָט איליוסיק זיך אָנגעהויבן מיט אים רייצן. — וועסט קריכן נאָכאַמאָל?

— מיינסט טאַקע, אַז דו ביסט שטאַרקער פון מיר? דו דראַפּעסט זיך נאָר, ווי אַ קאַץ... דו מיינסט, איך וועל דיר שווײַגן?

יאָסעלע האָט אַרײַנגעלאָזט די נעגל אין איליוסיקס באַקן. דער שניי איז רויט געוואָרן פון בלוט, וואָס האָט גערונען פון ביידע כעוורעלײַט. ווער ווייסט וויפל דער געפעכט וואָלט

נאָך געדויערט, ווען זעלדע קומט ניט אָן און דערזעט ניט, ווי איר טאָכטל אילִיוסיק צו־זאַמען מיט יאַסעלען ליגן פאַרבלוטיקטע און נעריקן אייגער דעם צווייטן.

— א ווייטעק איז מיר! — האָט זי זיך צעגוואַלדעוועט. — וואָס שלאָגט איר זיך, ווי די הענער? דער גאַנצער שנײ איז דאָך רויט פון אײַער בלוט...

— ער זאָגט, אַז ער איז שטאַרקער פון מיר און ער וויל ניט זײַן קיין בורזשוי, — האָט געשריגן אילִיוסיק. — האָב איך אים באַוויזן, ווער איז שטאַרקער!

— איך האָב אויך באַוויזן, אַז איך בין שטאַרקער, — האָט, אַרויסרײַסנדיק זיך פון אילִי־סיקס אָרעמס, געשריגן יאַסעלע.

— די מינוט זאָלט איר זיך אופהערן שלאָגן! — האָט זעלדע באַפוילן. — קומט אַרײַן אין שטוב, וועל איך אײַך אָרומוואַשן.

פאַר איין האַנט האָט זי אָנגעכאַפּט אילִיוסיקן, פאַר דער צווייטער יאַסעלען און אָנגעהויבן שלעפּן. די כעוורע האָבן זיך געראַנגלט, אַרויסגעריסן זיך און ווידער געפּרוווט אַרופוואַרפן זיך אייגער אַפן צווייטן. זעלדע האָט זיי סאַפּקאָלסאָף פאַנאַנדערגענומען.

— איר האָט דאָך געקאָנט אייגער דעם צווייטן די אויגן אַרויסנעמען און אָף אייביק בלײַבן קאַליקעס, — האָט זיך געבײזערט זעלדע.

— ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן, — האָט יאַסעלע זיך פאַרענטפערט. — ער האָט נאָר געוואָלט, אַז איך זאָל זײַן א בורזשוי. פאַרוואָס וויל ער ניט זײַן קיין בורזשוי?!

— וואָס פאַר א בורזשוי איז ער? — איז זעלדע אָנגעפאַלן אָף אילִיוסיקן.

— מיר האָבן זיך דאָך געשפּילט, — האָט אילִיוסיק געענטפערט. — ער וואָלט געוועזן ניט קיין עמעסער בורזשוי.

— א שיינע שפּיל! מע שלאָגט זיך ביז בלוט און ס'איז א שפּיל. זאָלסט א צווייט מאָל ניט וואָגן מער אַזוי טאָן, — האָט זעלדע געטאַדלט אילִיוסיקן. — יאַסעלע איז דאָך א יאַסעם, א יאַסעם טאָר מען דען שלאָגן?

זעלדע האָט א גלעט געגעבן יאַסעלען און געזאָגט:

— קום אין שטוב אַרײַן, כ'וועל דיר געבן עפּעס אָפּעסן, דײַן מאַמע איז נאָך מיסטאָמע ניטאָ אין דער היים.

יאַסעלע האָט מיט א בארויִקטע קאָל געזאָגט:

— כ'וועל ניט גיין צו אײַך אין שטוב, כ'וועל נאָך ווײַזן אילִיוסיקן, אַז איך בין שטאַרקער פון אים.

— אָך, אַזוי גאָר! — איז אילִיוסיק פונסנײַ געוואָרן אופגעבראַכט. — דו האָסט ווייניק באַקומען פון מיר? וועל איך דיר דערווײַזן, ווער ס'איז שטאַרקער!

— דו קריכסט ווײַטער, דראַטשון? — האָט זעלדע אָפּגעשטויסן אילִיוסיקן. — גענוג!

זי האָט צוגעפירט יאַסעלען צו אילִיוסיקן און געהייסן די כעוורע געבן זיך די הענט און מויכל זײַן אייגער דעם אַנדערן. זיי האָבן אָבער ניט געוואָלט זיך איבערבעטן און זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען באַרויגעזע.

יאַסעלע איז א פּאָר וואָכן ניט געווען בא יעהודינען אין שטוב. ווען עס איז געקומען אילִיוסיקס ריי צו גיין אין שול, האָט ער יאַסעלען דאָרט אויך ניט געטראָפן.

„וואָס האָט געקאָנט מיט אים פּאַסירן? — האָט אילִיוסיק ניט אופגעהערט טראַכטן. — עפּשער איז ער קראַנק געוואָרן פון די קלעפּ?"

בעטן די מוטער אַרײַנגיין צו יאַסעלען אין שטוב און דערוויסן זיך, וואָס איז מיט אים געשען, האָט אים ניט געפּאַסט, און אליין אַרײַנכאַפּן זיך צו יאַסעלען איז אים ניט אָנגע־שטאַנען, סײַדן צוטראַכטן עפּעס א טערעץ.

לאַנג געשלאָגן זיך מיט דער דייע, האָט אילִיוסיק באַשטימט אָפּוואַרטן, ביז ס'וועט נאָכא־מאָל דערגיין זײַן ריי גיין אין שול, עפּשער וועט יאַסעלע אויך קומען אין שול. נאָר אינדער־פרי, ווען אילִיוסיק איז געקומען אין שול, האָט ער יאַסעלען דאָרט ווידער ניט געטראָפן.

אינדערפרי, נאָכן גלעקל, ווען אילִיוסיק האָט זיך אוועקגעזעצט אָף זײַן פּאַרטע, האָט אים דער לערער אַרויסגערופן צום טאָוול. אילִיוסיק האָט אָף אַלע פראַגן געענטפערט קלאָר און דײַטלעך.

— מיט וועמען האָסטו געגרייט די לימודים? — האָט דער לערער געפרעגט. — מיט יאַסע־לע קימבלאַקן?

— כ'האָב מיט אים ניט געגרייט.

— פונוואַנען זשע ווייסטו?

— איך האָב אויסגעלערנט פון ביכל. איך שרײַב און רעכן אַלץ אַליין.

— יאַסקע קימבלאַקן זעסטו ניט? ער פֿלעגט דיר דאָך איבערגעבן, וואָס מע דאַרף גרייטן.
— איך זע אים ניט.
— ער גייט צו דיר ניט אַרײַן? ווּעסטו עפּשער אַרײַנגיין דערוויסן זיך, וואָס איז מיט אים. ס׳קאָן זײַן, אַז ער איז ניט געזונט און מע דאַרף אים מיט עפּעס העלפֿן...
אליוסיק האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. ׳צוזאָגן, אַז ער וועט אַרײַנגיין צו יאַסקען, האָט ער ניט געקענט, און דערציילן, וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען צווישן זיי, האָט ער זיך געשעמט. אָבער ניט אויספֿילן דעם לערערס ביטע האָט ניט געפּאַסט.
— כ׳וועל פּרוּוון דערוויסן זיך...
— אומבאַדינגט דערוויס זיך, ס׳קאָן דאָך ניט זײַן, אַז ער זאָל אָן אַ סיבה אופֿהערן באַזוכן די שול, — האָט געזאָגט דער לערער.
קיין בעסערן טערעץ אַרײַנצוגיין צו יאַסעלען אַהיים האָט אליוסיק ניט געהאַט. ער האָט אויסגעקליבן אַ פּאַסיקן מאָמענט, ווען די שטיוול זײַנען געווען פּרײַ, און איז אַוועק צו יאַסעלען אַהיים.
אליוסיק האָט ניט באַוויזן צוגיין צום שוועל פֿון זײַן שטוב, ווי אַנטקעגן איז אים אָנגעקומען יאַסעלעס מוטער — עטל.
— אָ, אַ גאַסט, שוין לאַנג דיך ניט געזען, — האָט זי אים געמאַכט אַ באַרעכהאַבע. — פֿאַרוואָס האָסטו די גאַנצע צײַט זיך ניט געוויזן? האָסט זיך מיסטאָמע געשעמט...
— פֿאַרוואָס דאַרף איך זיך שעמען? — האָט אליוסיק געפּרוּווט מאַכן זיך טאַמעוואַטע.
— דו מיינסט, אַז איך ווייס ניט?..
עטל האָט אויסגעוואַרט אַ ווײַלע, עפּשער וועט אליוסיק אַליין עפּעס זאָגן. סאַפּקאַלסאַף האָט זי ניט אויסגעהאַלטן:
— זאָג מיר נאָר, וואָס האָסטו געהאַט צו יאַסקען, וואָס דו האָסט אים אַזוי צעמאַזיקט?
— ער האָט מיך אויך צעמאַזיקט.
— זײַט איר קוויט, הייסט עס.
אליוסיק האָט באַשטימט צוגיין צום איקער און אַ פֿרעג געגעבן:
— ווּ איז יאַסקע?
— ער וועט באַלד אַרײַנגיין. זיץ אַ ביסל.
עטלס פּאָנעם איז געוואָרן מילדער. זי האָט אָנגעהויבן פּאַנאַנדערפֿרעגן, וואָס אין דער היים טוט זיך, וואָס די מאַמע מאַכט, דער טאַטע. אין דער צײַט איז אָנגעקומען יאַסקע. אליוסיק איז באַלד צוגעלאָפֿן צו אים און, ווי צווישן זיי וואָלט גאָרנישט ניט פֿאָרגעקומען, געזאָגט:
— דער לערער האָט מיך געשיקט דערוויסן זיך, פֿאַרוואָס דו גייסט ניט אין שול.
— די מאַמע לאָזט מיך ניט. און דו לערנסט זיך?
— אַוודע.
— דו גייסט אַלע טאָג אין שול?
— ווי פֿריִער, איין מאָל אין דרײַ טעג.
— און ווער ברענגט דיר די אויפֿגאַבעס?
— קיינער ניט. איך בין דרײַ טעג ניט געווען אין שול, און ווען דער לערער האָט מיך אַרויסגערופֿן, האָב איך אַלץ געענטפֿערט. ווען זשע וועסטו גיין אין שול?
— איך וועל שוין מיסטאָמע אין שול ניט גיין.
— פֿאַרוואָס?
— ווײַל מיר פֿאָרן אינגיכן אַוועק. די מאַמע לאָזט מיך ניט אין שול, איך דאַרף איר העלפֿן גרייטן זיך אין וועג.
— וווּהין פֿאָרט איר אַוועק?
— קיין אַמעריקע.
— קיין אַמעריקע?! — האָט אליוסיק איבערגעפֿרעגט. ווּ עס איז אַמעריקע, האָט ער ניט געוווּסט, און פֿרעגן בא יאַסקען האָט ער זיך געשעמט.
יאַסקע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז אליוסיק ווייסט מיסטאָמע ניט, ווּ דאָס איז, און האָט געזאָגט:
— ס׳איז ווײַט, זייער ווײַט פֿונדאַנעט. דרײַ וואָכן וועלן מיר פֿאָרן אַהין. פֿריִער וועלן מיר פֿאָרן מיטן באַן און נאָכדעם אַף אַ שיף... ס׳איז אַזוי ווײַט, אַז אונדזער זון דערגרייכט אַפֿילו ניט אַהין. ווען בא אונדז איז טאָג, איז דאָרטן נאַכט.
— פֿאַרוואָס זשע פֿאָרט איר אַזוי ווײַט?
— איך האָב דאָרטן אַ פֿעטער, האָט ער אונדז אַרויסגעשיקט שיפֿסקאַרטעס. די מאַמע

האָט זיי באַהאַלטן. דאָרט איז אָנגעמאָלט דער יאַם און די שיף.

— וואָס וועט איר דאָרט טאָן, אין אַמעריקע?

— דער פעטער שרײַבט, אַז מיר זאָלן קומען צו אים, ס׳וועט אונדז זײַן באַ אים גוט. דעם טאַטן האָט מען אויך אַרויסגעשיקט אַ שיפסקאַרטע, זיי ווייסן ניט, אַז מ׳האָט אים דערהרגעט.

— און אַ רעוואָלוציע איז דאָרט געווען?

יאָסקע האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל און געזאָגט:

— אויב ס׳איז ניט געווען קיין רעוואָלוציע, וועלן מיר זי מאַכן.

4

איליוסיק איז אַ צעראַשטער אַרײַנגעלאָפן אין שטוב און מיט איין אָטעם אויסגעפּאַליעט:

— יאָסקע פאָרט מיט דער מאַמען קיין אַמעריקע! יאָסקע אַליין האָט מיר געזאָגט. זײַן מאַמע לאָזט אים שוין ניט גיין אין שול, ער דאַרף איר העלפן צוגרייטן זיך אין וועג. לאַנג, זייער לאַנג דאַרף מען אַהין פאָרן, זאָגט יאָסקע. זיי וועלן פאָרן מיטן באַן און מיט דער שיף, קימאַט אַ גאַנצן כּוידעש...

— ווײ, ווײ, ווי ווײַט דאָס איז, אין אַלדע אויסרײַסעניש... זי האָט טאַקע דאָרט אַ ברודער, רופט ער זי אַרויס צו זיך, — האָט זעלדע זיך אָפּגערופן. — מ׳האָט שוין לאַנג געדאַרפט אַרײַנגיין צו איר געווווירע ווערן, נאָר דער קאָפּ איז אַזוי פאַרשלאָגן, אַז איך ווייס ניט, אַף אַ וואָסער וועלט איך בין.

— גיי טאַקע אַרײַן, זעלדע, דערוויס זיך, וואָס זי מאַכט, זי איז דאָך אַ שכנה... זי מאַטערט זיך מיסטאַמע, די פינצטערע אַלמנה, — האָט געזאָגט אַווראָם.

— אַז די מאַמע וועט גיין, וועל איך אויך מיט איר אַרײַנגיין צו זיי, — האָט זיך אַרײַנגעמישט איליוסיק. — כ׳האָב זיך שוין מיט יאָסקען איבערגעבעטן. ער האָט מיר צוגעזאָגט ווײַזן די שיפסקאַרטע... דאָרט איז אָנגעמאָלט אַ שיף... טאַטע, דו האָסט געזען ווען־עס־איז אַ שיף?

— באַ אונדז זײַנען קיין שיפן ניט פאַראַן, אַ שיף גייט דאָרט, וווּ עס איז פאַראַן אַ סאַך וואַסער.

— און וווּ איז אַ סאַך וואַסער? — האָט געפרעגט איליוסיק.

מאָטל האָט אופגעעפנט דעם לערנבוך פון געאָגראַפיע און אָנגעוויזן מיטן פינגער אַף אַ טונקל־בלויער קאַרטע:

— אָט איז זי, אַמעריקע. איר זעט, זי איז אינגאַנצן אַרומגערינגלט מיט וואַסער.

— אָהאָ, — האָט זיך צעלאַכט איליוסיק. — אַף וואָס דאַרף מען אַזויפיל וואַסער?

— אַזוי איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן, — האָט אַווראָם געענטפערט. — נאָר בעסער וואָלט געווען מער ערד, אַף דער ערד ווױנען מענטשן, אַף דער ערד וואַקסט אַלץ. אוי, ווען מיר האָבן כאָטש איין שטיקעלע ערד...

איליוסיק האָט זיך דערמאָנט, מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד ער האָט געוואַרט אָפן פריילינג. דער טאַטע האָט דאָך געזאָגט, אַז אין דער געוועזענער פּריצישער נאַחלע וועט מען געבן די אַרבעטער צו שטיקלעך ערד. יעדן טאָג האָט איליוסיק אַרויסגעקוקט, אַז ס׳זאָל ווערן פריילינג און דער פאָטער זאָל קומען און זאָגן: „נו, קינדער, ס׳איז שוין צײַט אַרויסגיין אין פעלד, שפּאַנט אײַן דאָס פערד און קומט אַקערן".

אין לערנביכל און אַף דער וואַנט אין שול האָט ער געזען אַ בילד, ווי אַ פּויער אַקערט און פון הינטן גייט נאָך אַ פּויער מיט אַ טאָרבע אַף די פּלייצעס און שיט קערנער אין דער אופגעאַקערטער ערד. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער וועט אַקערן און דער טאַטע וועט נאָכגיין פון הינטן, פּונקט ווי אַף דעם בילד, און וועט זייען.

אָבער דער פריילינג איז אָנגעקומען, די זון האָט זיך צעשײַנט, און פּונקט אין דעם טאָג, ווען איליוסיק האָט אַזוי געוואַרט, אַז דער פאָטער זאָל שוין זאָגן, אַז מע קאָן פאָרן אַקערן, איז ער געקומען אַהיים אַן אומעטיקער און אַ דערשלאָגענער און געזאָגט דער מאַמען:

— אוי, פאַרפאַלן!

אָבער איצט, ווען די באַלעגאָלעס קלײַבן זיך אָפּט צונויף צו זיי אין שטוב און הערן ניט אוף צו ריידן וועגן ערד, האָט ער ווידער אָנגעהויבן צושטיין צום טאַטן:

— גייט זיך דורך אין דעם געוועזענעם גוט, עפּשער וועט מען איצטער געבן צו שטיקלעך ערד.

— יאָ, מ׳דאַרף זיך טאַקע דורכגיין, מײַן זון, — ענטפערט יעדער מאָל אַווראָם.

נאָר אויסקלײַבן זיך אהין האָט ער דערװײַל נאָך בעשום־אויפן ניט געקאָנט און געהאַלטן אין איין אָפּלייגן אף שפּעטער.

איינמאָל, װען איליוסיק האָט באַזונדערס אָנגעהויבן צו אים צושטיין, האָט זעלדע געזאָגט:

— נו גיי זיך שוין דורך. װאָס קלײַבסטו זיך אַזוי לאַנג? עפּשער קאָן מען טאַקע אויס־כלאַפּאָטשען א שטיקל ערד... די באַלעגאַלעס בעטן דיך דאָך אויך... ס׳קאָן ניט זײַן, אַז די ערד זאָל דאָרט אַזוי לאַנג פּוסטעװען... װיפל קאָן מען אַזוי לעבן?

— כ׳װעל צוגיין, — האָט אװראָם דאָס מאָל פעסט צוגעזאָגט.

אף מאָרגן האָט ער אויסגעריכט מאָטלען מיט מיכלקען צום װאָקזאַל און אַליין זיך גע־לאָזט גיין אינעם געװעזענעם גוט.

איליוסיק איז געװען זיכער, אַז דער פּאָטער װעט ברענגען א גוטע בסורע, ער װעט צוריק אָנהייבן אַרבעטן אינעם געװעזענעם גוט און פּרילינג װעלן זיי באַקומען דאָס שטי־קעלע ערד, װעלכע מ׳האָט זיי אַמאָל געהאַט צוגעזאָגט. מיט די געדאַנקען איז ער אײַנגע־שלאָפן, און דערזען האָט ער זיך אין כאַלעם שוין א דערװאַקסענער באַכער. ער גייט נאָך, װי אַפּן בילד, נאָכן אַקער, דאָס העמד אַרויסגעלאָזט איבער די הויזן, די בײַטש אַריבערגע־װאָרפן איבערן אַקסל. דאָס פערד, טאַקע זייער פערד, גייט לאַנגזאַם, שלעפּט דעם אַקער, און ער גייט פון הינטן און פײַפט אונטער א ניגנדל. װען־ניט־װען הייבט ער אוף און לאָזט אַראָפּ דעם לעמעש און קערעװעט דעם אַקער, װוהין מע דאַרף. פּלאַסט נאָך פּלאַסט װייך־שװאַרצע ערד כװאַליעט זיך אונטערן לעמעש און בלײַבט ליגן אַפּן פּריש אופגעאַקערטן פעלד. דער טאַטע, מיט א פולער טאָרבע קערנער אף די פּלייצעס, גייט נאָך נאָכן אַקער און שיט און שיט די זריִע איבער דער נאַרװאָס אופגעהויבענער ערד. א צעהיצטער פון דער הייסער פּרילינג־דיקער זון, רינט באַם טאַטן שװייס פון פּאָנעם, און ער שרײַט:

— אַקער גיכער. װאָס מער זריִע מיר װעלן פאַרזייען, אַלץ מער ברויט װעט באַ אונדז אויסװאַקסן!

װען ער האָט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף, האָט דער כאַלעם נאָך אַלץ געהאַלטן איליו־סיקן אין געפּענקעניש און דאָס ייִנגל האָט לאַנג ניט געקאָנט פאַרשטיין, װוּ געפינט ער זיך איצט. װען ער האָט סאָפּקאַלסאָף פאַרשטאַנען, אַז ער איז אין דער היים, האָט ער א פרעג געגעבן באַ דער מאַמען:

— װוּ איז דער טאַטע?

— װוּ קאָן ער זײַן, דער טאַטע? ער איז אװעקגעפאָרן צום װאָקזאַל.

— ער איז געװען דאָרט?

— ער איז געװען, מײַן זון.

— נו?

— איך װייס נאָך גאָרניט. דער טאַטע איז געקומען שפּעט און איז פרי אװעקגעפאָרן צום װאָקזאַל...

5

אין מעשעך פון דער צײַט, װאָס אװראָם מעהודין איז ניט געװען אינעם געװעזענעם פּריצישן גוט, האָט זיך דאָרט אַלץ אַזוי געענדערט, אַז עס איז געװאָרן ניט צו דערקענען. פון די שטאַלן, װוּ ס׳זײַנען געשטאַנען דאָס פּי, װעלכע ער האָט געהאַט באַדינט, גלײַך װי דער קאָמיטעט האָט איבערגענומען די װירטשאַפט אין זײַנע הענט, איז קיין זייכער ניט געבליבן. די בעהיימעס, די פערד, דער אינװענטאַר און דאָס איבעריקע גוטס זײַנען געװען צערויבט. די געבײַדעס און דער גאַנצער פּריצישער הויף — כאָרעװ.

פון א צופעליק באַגעגנטן מענטשן האָט ער זיך דערװוּסט, אַז דאָ װערט אָרגאַניזירט א סאָװירט.

דורכגייענדיק זיך איבער די פעלדער, האָט אװראָם געפונען שפּורן פון אויבס־גערטענער און מיט האַרצװייטעק א טראַכט געטאָן: „מיר האָבן דאָך דאָ אויך געקאָנט, װי מענטשן, װאָס־ס׳ניט־איז פאַרזייען און האָבן װאָס צו עסן, איבערהויפּט, אַז ערד האָבן מיר, אַן אַקער און א באַראָנע האָט מען געקאָנט אָפּזוכן, און אַרבעטן קאָנען מיר דאָך אויך, איז װאָס זשע האָבן מיר זיך ניט געקאָנט מאַטריִען זײַן צוגיין אהער און אויסנוצן די ערד?” איליוסיק, זעלדע, די באַלעגאַלעס האָבן דאָך אים ניט איין מאָל דערמאָנט װעגן דעם. אָבער איצט איז דאָך

שוין אלץ פאַרפאַלן, בעסער שוין ניט דערמאָנען וועגן דעם, קעדיי ניט פאַרשאַפן זיי און זיך קיין האַרצווייטעק.

„אָבער דערוועקן אַ הישטאַדלעס, — האָט ער ווײַטער געטראַכט, — אַז מע זאָל דאָ אויסטיילן ערד פאַר אונדז און שאַפן אַ קאָלעקטיוו פון די באַלעגאָלעס, וואָלט עפּשער יאָ געווינט. מע שאַפט דאָך, זאָגט מען, אין די אַרומיקע שטעטלעך אַזעלכע קאָלעקטיוון אויף דער ערד, וואָס האָט געהערט אַמאָל פּריצים. נאָר אויב ס׳איז שוין פאַראַן אַ באַשלוס וועגן שאַפן דאָ אַ סאָווירט, וועט מיסטאָמע גאָרנישט ניט העלפן".

אומגעקערט זיך אַהיים האָט אוורהאָם שפּעט באַנאַכט און זעלדען ניט באַוויזן צו דערציילן, וואָס ער האָט געזען און געהערט אין דעם געוועזענעם גוט. גאַנצפרי איז ער ווידער אַוועקגעפאָרן צום וואָקזאַל.

— נו, דערציילט, רעב אוורהאָם, וואָס פאַר אַ נײַס האָט איר אונדז געבראַכט? — האָבן אים אַרומגערינגלט די באַלעגאָלעס.

— נײַעש, נײַעש, — האָט העכער פון אַלעמען געבעטן סענדער קלאַפּטער, וועלכער פאָרט בײַט דעם „סאַמעך" אויף אַ „שין". — סאַט, לאָזט אַ מענטשן ריידן!

אוורהאָם האָט דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט אין דעם געוועזענעם גוט, נאָר פאַרשוויגן וועגן די אויבס־גערטענער.

— בעקיצער, ס׳איז כאַלוימעס, — האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט שלוימע פּאַפּעליוכע און דערהערט, אַז ס׳פײַפט דער צוג, אַ לאָז זיך געטאָן נאָך פּאַסאַזשירן.

אַ טייל באַלעגאָלעס זײַנען זיך צעפאָרן, און די, וועמען עס האָט ניט אָפּגעגליקט און האָבן געדאַרפט וואַרטן אויף אַ צווייטן צוג, עפּשער וועט פאָרט צופאַלן אַ פּאַסאַזשיר, האָבן אַרויסגעזאָגט פאַרשיידענע האַשאָרעס, וואָס מע דאַרף טאָן, קעדיי דאָך קריגן ערד און שאַפן אַ קאָלעקטיוו.

אין אָוונט איז באַ אוורהאָמען געווען אַ פולע שטוב מיט באַלעגאָלעס. מע איז געזעסן באַם טיש, געשמועסט, געאַמפּערט זיך, אַרויסגעזאָגט פאַרשיידענע מיינונגען, וויאַזוי צוצוטרעטן גרינדן דעם קאָלעקטיוו.

איליוסיק איז געזעסן צווישן זיי, אײַנגעהערט זיך אין זייערע רייד און אַפילע אַרײַנגעוואָרפן אַ ווערטל.

שלוימע פּאַפּעליוכע האָט געזאָגט:

— מע דאַרף זיך ווענדן...

— צו וועמען? — האָבן עטלעכע באַלעגאָלעס געפרעגט מיטאַמאָל.

— ס׳איז קלאָר צו וועמען, צו דער וולאַסט, — האָט געענטפערט אוורהאָם. — דאָרט זיצן מענטשן מיט קעפּ און ווייסן וואָס מע דאַרף טאָן.

— מע דאַרף אָנשרײַבן, מיין איך, אַליין קאַלינינען און טאַקע דערקלערן אים, אַז העיויס ס׳האָבן זיך פּאַיאַוועט מאַשינעס, דאָס הייסט אווטאָבוסן, דאַרף מען אונדז, באַלעגאָלעס, אויף טויזנט קאַפּאָרעס. איז בעטן מיר, אַז מע זאָל העלפן אונדז אין אונדזער לאַגע און אויסטיילן ערד, מיר זאָלן זי מיט אונדזערע פערד באַאַרבעטן און מעפאַרנעס זײַן אונדזערע מישפּאָכעס.

— קאַלינין האָט ניט קיין אַנדער אַרבעט, ווי טראַכטן וועגן די באַלעגאָלעס, — האָט זיך דערהערט אַ שטים.

— און איך מיין, אַז ש׳איז בעסער זיך ווענדן צו דער אָרטיקער וולאַשט, דאָ אויף אָן אָרט קאָן מען אַרײַנגיין און גלײַך באַקומען אַ טסוווע, — האָט זיך אָפּגערופן אַלטער.

— וואָס איז דאָ פאַראַן וועגן וואָס צו אַמפּערן זיך? מ׳דאַרף אָנשרײַבן אי קאַלינינען, אי צו דער אָרטיקער מאַכט, — האָט פאַרגעלייגט אוורהאָם. — אינצווייען איז שטאַרקער.

— ריכטיק, אינגאַנצן ריכטיק! — זײַנען געווען מאַסקים אַלע באַלעגאָלעס.

6

פון זינט איליוסיק האָט זיך דערוווסט, אַז זײַן פאָטער און די באַלעגאָלעס האָבן אָנגעשריבן אַ בריוו קאַלינינען, האָט ער ניט אײַנגערוט.

— נאָך ניט אָנגעקומען קיין ענטפער פון קאַלינינען? — האָט ער געהאַלטן אין איין פרעגן.

— ניין, מײַן זון, נאָך ניט. באַלעגאָלעס זײַנען פאַראַן אין רוסלאַנד אַ סאַך, און דײַגעס האָט קאַלינין ניט ווייניק. אומעטום זײַנען איצט אווטאָבוסן, און אַלע באַלעגאָלעס פרעגן אים און שרײַבן אים מיסטאָמע, וואָס זאָלן זיי טאָן. און אַכוץ די באַלעגאָלעס, ווענדן זיך

— ווּעמען דאַרפֿט איר?
— עפּעט אויף. אַ בריוו...

איליוסיק האָט אויפֿגעעפֿנט די טיר, און דער בריווטרעגער האָט אים דערלאַנגט אַ בריוו. איליוסיק האָט אויפֿגעעפֿנט דעם קאָנווערט און אָנגעהויבן לייענען.

— ס'איז פֿון קאַלינינען!...— האָט ער אַ געשריי געטאָן און עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד איבערגעלייענט: „אײַער בריוו האָט כאָווער קאַלינין איבערגעשיקט אין האַמליער אויספּירקאָם מיט אַ ביטע מיטהעלפֿן אײַך..."

איליוסיק האָט אַ באַרוועסער געוואָלט לויפֿן אָנזאָגן דעם טאַטן די בשׂורה. נאָר אין דרויסן איז געווען שטאַרק קאַלט. אָבער אײַנציצן האָט ער אויך ניט געקאָנט. ס'האָט אים געריסן, געטראָגן. איז ער אַרויסגעלאָפֿן אין דרויסן, אומגעקערט זיך, ווידעראַמאָל אַרויסגעלאָפֿן...

עס איז געקומען די מאַמע. דערזען איליוסיקן אַ באַרוועסן אין דרויסן, האָט זי אויפֿגעהויבן אַ גוואַלד:

— וווּהין טראָגט דיך אין אַזאַ קעלט? ווילסט זיך צוקילן? די מינוט גיי אַרײַן אין שטוב!
— איך דאַרף לויפֿן... אַפֿגיך, גיב מיר דײַנע שיך, מאַמע...
— וווּהין דאַרפֿסטו לויפֿן?
— צום טאַטן...
— וואָסי, וואָס ברענט עס אַזוי?
— אַ בריוו פֿון קאַלינינען... קאַלינין שרײַבט, אַז מע דאַרף גיין אין אויספּירקאָם...
— לייען זשע מיר אויך איבער.

איליוסיק האָט געלייענט דעם בריוו, און זעלדע האָט דערווײַל אויסגעטאָן די שיך.
— דו ווייסט דען, וווּ דער טאַטע איז? וווּ וועסטו אים געפֿינען?
— איך וועל אים געפֿינען.
— אומזיסט וועסטו לויפֿן. סײַווי וועסטו אים ניט געפֿינען.

איליוסיק האָט אין איין רעגע אָנגעטאָן דער מאַמעס שיך, דעם אַלטן וואַטניק און הענדעמס־פֿענדעמס זיך געלאָזט לויפֿן. ער איז געווען אַזוי צעראַשט, אַז ס'האָט זיך אים געוואָלט אָפּשטעלן יעדן פֿאַרבײַגייער און אָנזאָגן אים די פֿריידיקע נײַס: מיר האָבן באַקומען אַ בריוו פֿון קאַלינינען! מיר וועלן קריגן ערד!

דערקליבן זיך צום וואָקזאַל, האָט ער אָנגעהויבן זוכן מיט די אויגן דעם פֿאָטער.
— וווּ איז דער טאַטע? — האָט ער געפֿרעגט פּיניע יעגעסן, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל.
— וואָס דאַרפֿסטו דעם טאַטן, וואָס איז געשען? — האָט פּיניע אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערפֿרעגן. — דער טאַטע איז אוועקגעפֿאָרן, ס'האָט זיך אים געמאַכט אַ פּאַסאַזשיר... ער וועט באַלד זיך אומקערן אַהער.
— אַ בריוו פֿון קאַלינינען, אַ בריוו! — האָט איליוסיק, ניט קאָנענדיק זיך אײַנהאַלטן, אויסגעשאָסן.
— עס איז אַן ענטפֿער אַף אונדזער בריוו צו קאַלינינען? — עטלעכע באַלעגאָלעס זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זייערע וועגענער און זיך געלאָזט לויפֿן צו איליוסיקן. — לייען! גיכער! וואָס שרײַבט ער?

פּיניע יעגעס האָט געוואָלט אַרויסרײַסן בײַ איליוסיקן דעם בריוו, נאָר דאָס ייִנגל האָט ניט אַרויסגעלאָזט פֿון דער האַנט.
— לייען זשע! — האָבן די באַלעגאָלעס געבעטן.
איליוסיק האָט אָנגעהויבן לייענען:

— „דעם כאָווער מעגודין... אײַער בריוו האָט דער כאָווער קאַלינין..."
עס האָט זיך באַוויזן אַף זײַן דראָשקעלע אווראָם.
— רעב אווראָם, — האָט מען געשריִען צו אים. — אַ בריוו!.. אַ בריוו!
אווראָם איז האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער דראָשקע, צוגעלאָפֿן צו איליוסיקן.
— נאַ, טאַטע! — איליוסיק האָט אים איבערגעגעבן דעם בריוו. — לייען! מע דאַרף גיכער גיין אין אויספּירקאָם.
— איז לאָמיר פֿאָרן! וואָס איז דאָ צו ריידן, לאָמיר פֿאָרן! — האָבן זיך דערהערט שטימען.

און כאָטש ס'האָט געדאַרפֿט אָנקומען אַ צוג, האָבן די באַלעגאָלעס, ניט וואַרטנדיק אַף פּאַסאַזשירן, געלאָזט זיך פֿאָרן אין אויספּירקאָם.

דאַך צו אים אַנדערע אויך — שנײַדער, שוסטער, שמידן, פּויערים... מ׳דאַרף אַקערן די ערד, און ס׳זײַנען ניט פֿאַראַן ניט קיין פֿערד, ניט קיין אַקערס... אַט שאַפֿט מען, מײַן זון, אַ סאַך ווירט, דאַרף מען געבן אַהין אי פֿערד, אי מאַשינעס. קאַפּדרייעניש האָט ער אַ סאַך, נאָר וועגן אונדז, באַלעגאָלעס, מיין איך, וועט ער אויך אַ טראַכט טאָן און וועט אונדז מיסטאָמע העלפֿן.

דערווײַל איז די לאַגע געוואָרן ערגער. אַפּילו די באַלעגאָלעס, וועלכע האָבן געסמאַליעט אַ וועלט, אַרומגעטראָגן זיך אין די גוטע פּאַלטאָנען, מיט די שיינע געשפּאַנען און אַזש אַף דער צענטער גאַס פֿלעגט מען הערן די קלינגערײַ פֿון די גלעקעלעך, וועלכע זײַנען צוגעטשעפּעט אַף זייערע געשפּאַנען, זײַנען אויך נעלעם געוואָרן. אַף שריט און טריט האָט מען נאָר געהערט, אַז מע פֿאַרקויפֿט פֿערד־און־וואָגן, די טשומערקעס מיט די גאַרטלען, מע צעקריכט זיך ווער אין אַן אַרטעל פֿון די פֿורמאַנעס, ווער ערגעץ אַנדערשוווּ.

צווישן די דערשלאָגענע באַלעגאָלעס, וועלכע האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי אַפּשטיין שאָענווײַז אַרום וואָקזאַל און אַרויסקוקן, טאָמער וועט זיך יאַווען אַ פּאַסאַזשיר, וועלכער האָט פֿאַרשפּעטיקט צום אווטאָבוס אָדער וועמען מע דאַרף צופֿירן באַגאַזש, איז אויך געווען אווראָם מעהודין.

ס׳איז שוין דורכגעגאַנגען ניט ווייניק צײַט, און טשוווּעס אַף די אוועקגעשיקטע בריוו זײַנען נאָך אַלץ ניט אָנגעקומען. אווראָם איז פֿונדעסטוועגן ניט אַראָפּגעפֿאַלן בא זיך און אונטערגעמונטערט די באַלעגאָלעס:

— האָט געדולד, וואַרט צו, קיין זאַך טוט זיך ניט אַזוי גיך, ווי ס׳ווילט זיך. קאַלינין און אַפּילע אונדזערע טוער פֿון אויספּירקאָם, צו וועלכע מיר האָבן זיך געווענדט, זײַנען דאָך מענטשן פֿאַרנומענע... ס׳וועט דורכגיין נאָך אַ ביסל צײַט, און מיר וועלן באַקומען אַן ענטפֿער... איר וועט זען, אַז מיר וועלן באַקומען!

עמעס, עס פֿלעגט פּאַסירן, אַז אווראָם אַליין האָט אָנגעהויבן פֿאַרלירן די זיכערקײַט, צי וועט טאַקע אָנקומען אַ טשוווּע אַף די בריוו. איליוסיק האָט איינמאָל געהערט, ווי דער טאַטע האָט פֿאַרביטערט געזאָגט:

— וואָס וועט זײַן, זעלדע, וואָס טוט מען טאַקע? וויפֿל איז דער שיר אַזוי צו מאַטערן זיך, כ׳קאָן דאָך שוין מער ניט אויסהאַלטן...

פֿונעם טאַטנס רייד איז איליוסיקן געוואָרן אַזוי שווער אַפֿן האַרצן, אַז ער האָט זיך שיר ניט פֿאַנאַנדערגעוויינט. פֿון גאַנצפֿרי ביז שפּעט באַנאַכט טראָגט זיך אַרום דער טאַטע, אַקערט מיט דער נאָז די ערד עפּעס צו פֿאַרדינען, און קיינער דאַרף ניט אים, ניט זײַן פֿערד, ניט זײַן דראָשקע.

אינדערפֿרי, ווען איליוסיק האָט זיך אופֿגעכאַפּט און געוואָלט זאָגן דעם טאַטן אַ פּאָר גוטע ווערטער, קעדיי אים דערמוטיקן אַ ביסל, איז דער פֿאָטער שוין געווען אוועקגעפֿאָרן און די מאַמע איז שוין אויך ניט געווען אין שטוב. נעכטן באַנאַכט, ווען דער טאַטע האָט גערעדט מיט איר, האָט איליוסיק דײַטלעך געהערט, ווי זי האָט געזאָגט:

— נעם זיך ניט צום האַרצן, אווראָם, איך וועל קריגן וויפֿל־ניט־איז געלט, כ׳וועל עפּעס קויפֿן...

די מאַמע האָט זיך געזאַמט לאַנג. אין שול איז איליוסיק דעם טאָג ניט געגאַנגען, די רייַ אָנצוטאָן די שטיוול איז הײַנט געווען מאָטלס. איז ער געלעגן און געכאַזערט דעם גערדיכט, וואָס דער לערער האָט געהייסן אויסלערנען אַף מאָרגן:

אוי, איר הענטעלעך קונדייסים,
כ׳ווער דאָך פּאָשעט קראַנק פֿון אײַך,
דאָ אַ בילד צעריסן...

ער האָט געמורמלט דאָס לידל און בייסמײַסע געטראַכט, אַז ווען זיי האָבן אַ שטיקעלע ערד, וואָלט קיינער ניט געדאַרפֿט דערמאָנען זײַן טאַטן, אַז ס׳איז שוין פֿרילינג. ער וואָלט טאָג און נאַכט געאַרבעט. ווי דערלעבט מען נאָר צו קריגן דאָס שטיקל ערד?

אויסגעכאַזערט דעם גערדיכט, איז ער אופֿגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און אָנגעהויבן אַרויסקוקן אין דרויסן. איבער דער גאַס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מענטשן, פֿאַרבײַגעפֿאָרן פֿורן, דורכגעלאָפֿן קינדער. פֿאַרבײַ דעם פֿענצטער האָט דורכגעשלײַכט אַ באַכערל אין אַ גרויסן וואַטניק און פֿאַרקערעוועט גלײַך צו זיי אין הויף אַרײַן. אין אַ מינוט אַרום האָט איליוסיק דערהערט, אַז עמעצער קלאַפּט. ער איז צוגעלאָפֿן צו דער טיר.

— ווער איז דאָס?

— מעהודין וווינט דאָ? — האָט זיך דערהערט אַ שטים פֿון יענער זײַט טיר.

קאפיטל דרײַ

1

דער טוער פון אויספירקאָם, צו וועמען עס זײַנען געקומען די באַלעגאַלעס, איז געווען א הויכער, א דארער, מיט א לאַנגן האַלדז, מיט אן אײַנגעשרומפּן טונקל פּאַנעם און גרויסע שווארצע אויגן.

ער האָט אײַנגעלאַדן די באַלעגאַלעס צו זיך אין קאַבינעט, א ווײַז געגעבן אף די בענקלעך, וועלכע זײַנען געווען צעשטעלט ארום זײַן שרײַבטיש:

— ביטע, כאַווײרים, זעצט זיך.

ווען אלע האָבן זיך אוועקגעזעצט, האָט ער געפרעגט:

— איר ווילט, הייסט עס, שאַפן א קאָלעקטיוו און זיך באַזעצן אף ערד?

— מיר האָבן אָנגעשריבן וועגן דעם א בריוו דעם כאַווער קאַלינין, — האָט זיך אָפּגערופן אווראָם, — און האָבן באַקומען אן ענטפער, אַז...

— אײַער בריוו האָט מען איבערגעשיקט צו אונדז, — האָט געזאָגט דער טוער פון אויספירקאָם.

ער האָט ארויסגענומען פון סייף א פּאַפּקע, איבערגעבלעטערט אין איר פאַרשיידענע פּאַפּירן און פאַרגעזעצט:

— איר האָט זיך דאָך געווענדט וועגן אויסטיילן ערד פאר אײַער קאָלעקטיוו צו אונדז אין אויספירקאָם אויך... דער איניִען ווערט איצט באַטראַכט, מיר האָבן אַזעלכע מעלדונגען ניט נאָר פון באַלעגאַלעס, נאָר אויך פון געוועזענע קליינע קרעמער און פון אנדערע, וועלכע ווילן אריבערגיין צו פּראָדוקטיווער ארבעט. מע דאַרף די מענטשן העלפן אײַנאָרדענען זייער לעבן... אָבער ערד ארום שטאָט, ווייסט איר דאָך, איז פאַראַן ווייניק, מ׳דאַרף אויסזוכן ערד אָדער בא אונדז אין געגנט, אָדער אין אנדערע ערטער.

— ווער ווייסט וויפל דאָס קאָן געדויערן, — האָט זיך אָפּגערופן שלוימע פּאַפּעליוכע. — מיר האָבן ניט מיט וואָס א טאָג דורכצולעבן. איר ווייסט דאָך, באַלעגאָלערײַ איז געוואָרן אויס, מע קאָן אָפּשטיין ארום וואָקזאַל א טאָג און צוויי און קיין איין פּאַסאַזשיר זאָל זיך ניט יאַווען, מע פאַרדינט ניט נאָר ניט פאַר זיך אפן לעבן, נאָר אפילע דאָס פערד אָנצוהאָדעווען. נאָך א ביסל, און די ברויטגעבער אונדזערע וועלן אויסציִען די פיס.

דער טוער פון אויספירקאָם האָט אופמערקזאַם אויסגעהערט פּאַפּעליוכען און געזאָגט:

— איך פאַרשטיי זייער גוט אײַער לאַגע, אָבער מיטפילן אליין איז ווייניק. מע דאַרף אײַך, פאַרשטייט זיך, העלפן. אָבער וויאַזוי? דערווײַל איז פאַראַן איין אויסוועג: ביז די פראַגע וועגן ערד וועט געלייזט ווערן, העלפן אײַנאָרדענען אײַך אף ארבעט.

— אָט, אָט, אין דעם גייט עס טאַקע, — האָט זיך אָפּגערופן פּיניע יעגעס.

— מיטן טראַנספּאָרט איז נאָך בא אונדז ווײַט ניט פויגלדיק, — האָט דער פאַרשטייער דערקלערט, — אף די בויונגען, וועלכע הייבן זיך אָן בא אונדז אומעטום, און אויך אף די אַלטע אונטערנעמונגען דאַרף מען האָבן מענטשן מיט פערד־און־וועגענער. ביז וואַנען מיר וועלן קריגן די נייטיקע צאָל מאַשינעס, וועלן נאָך אפילע אײַערע דראָשקעס צוניץ קומען. איך וועל באַלד אָנקלינגען דעם כאַווער פון דער טראַנספּאָרט־אָפּטיילונג, און ער וועט אײַך אײַנאָרדענען... און וועגן דעם קאָלעקטיוו דאַרפט איר דערווײַל צונויפשטעלן צעטלען פון די מענטשן, וועלכע ווילן זיך אין אים פאַרשרײַבן, פאַרעגיסטרירן אים, אָנווײַזן, וואָס פאַר אן אינווענטאַר איר פאַרמאָגט, אין וואָס איר נייטיקט זיך. ווען בא אײַך וועט זײַן אלץ גרייט, וועט איר קומען צו מיר. קלאָר?

דער טוער האָט אויסגעוואַרט א ווײַלע און געפרעגט:

— עפּשער האָט איר וועלכע־ניט־איז פראַגן?

— איך וויל פאַרגעבן א פראַגע, — האָט אופגעהויבן זיך שלוימע פּאַפּעליוכע. — איר האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן דערלאַנגען צעטלען און זאָלן אָנווײַזן, וואָס מיר פאַרמאָגן. קאָן איך אײַך זאָגן דאָ אף אָן אָרט. קורץ — מיר פאַרמאָגן דאַלעס.

— ווײַבער און קינדער האָבן מיר נאָך צום דאַלעס, — האָט צוגעגעבן פּיניע יעגעס.

— אַז איר זײַט ניט קיין נעגידים, ווייסן מיר, — האָט א שמייכל געטאָן דער טוער פון אויספירקאָם. — און אַז איר האָט ווײַבער און קינדער, איז אויך קלאָר. אָבער אַז ס׳רעדט זיך וועגן א קאָלעקטיוו ערד־ארבעטער, איז וויכטיק צו וויסן די צאָל ארבעטספעיִקע מענטשן, דער אינווענטאַר, די שלעפּ־קראַפט...

— אײניקע פֿון אונדז פֿאַרמאָגן אַזעלכע פֿערד, אַז זײ הײסן נאָר פֿערד, װײַל זײ פֿאַרמאָגן פֿיר פֿיס און װײדלען, — האָט װידער אָפּגערופֿן זיך פּיניע יעגעס.

— דאַרף מען אָנװײַזן, װיפֿל אַרבעטספֿײִקע פֿערד און װיפֿל װײניק־אַרבעטספֿײִקע, — האָט געדולדיק ניט אױפֿגעהערט דערקלערן דער טוער. — אױף די שװאַכע פֿערד פֿאָרט איר דאָך פֿונדעסטװעגן, װעלן זײ אין קאָלעקטיװ אױך צוניץ קומען.

— אַ גוטער באַלעבאָס קאָן פֿון אַ שלעכט פֿערד מאַכן אַ גוטס, — האָט געזאָגט אורראָם. — און אַ שלעכטער באַלעבאָס מאַכט פֿון אַ גוטס אַ שלעכטס.

— גאַנץ ריכטיק, — האָט צוגעשטימט דער טוער. — נאָר בלױז מיט אײַערע פֿערד קאָן מען קײן ערנסטע װירטשאַפֿט ניט אױפֿבױען. די מלוכה װעט אײַך געבן קרעדיטן, און איר װעט קױפֿן, װאָס איר דאַרפֿט.

— אָט דאָס װאָלט געװען אַ זאַך! — איז אַזש אױפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט שלומע פּאַפּעליוכע. — מיר װאָלטן אױפֿגעריכט געװאָרן, װען מע זאָל אונדז העלפֿן שטעלן זיך אױף די פֿיס. אָבער װי דערלעבט מען עס שױן!

— נישקאָשע, איר װעט דערלעבן, — האָט די באַלעגאָלעס אונטערגעמונטערט דער טוער פֿון אױספּירקאָם.

...די צײַט איז געגאַנגען. אורראָם מעהודינס באַכערימלעך זײַנען אונטערגעװאַקסן. װי פֿריִער, איז יעדערער פֿון זײ געגאַנגען אין שול נאָר אין דעם טאָג, װען ס'איז דערגאַנגען זײַן רײ אָנצוטאָן די שטיװל.

מיט דער הילף פֿון אױספּירקאָם האָט אורראָם זיך אײַנגעאָרדנט אױף אַ סקלאַד פֿון אַ בױ־קאָנטאָר. אָנלאָדן און אױסלאָדן שװערע קלעצער און אַנדערע בױ־מאַטעריאַלן, װעלכע אים איז אױסגעקומען איבערפֿירן אױף זײַן פֿערד, איז געװען אױסערגעװײנלעך שװער. דאָס פֿערד איז אױך געפֿאַלן פֿון די פֿיס.

אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט, האָט זעלדע אײַנגעהאַנדלט אין מאַרק אַן אַלטע פּאָר שיך, און מיכקע מיט מאָטלען האָבן אָנגעהױבן אונטערהעלפֿן דעם פֿאָטער.

יעדן מאָל, װען אורראָם פֿלעגט קומען אַהײם, קױם אַ לעבעדיקער, פֿלעגט זעלדע אים טרײסטן:

— נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל, מאַטער זיך איבער, אורראָם, עפּשער װעט אײַנגיכן אָנקומען אַ טשװװע װעגן דער ערד, דאַן װעט גרינגער װערן.

נאָר דער איניען האָט זיך היפּש פֿאַרצױגן, קײן פּאַסיקע ערד־שעטאָכים אַרום שטאָט און אַפֿילע אין געגנט פֿאַר אַ קאָלעקטיװ איז שװער געװען אונטערצוזוכן.

אין אײנעם אַ האַרבסטיקן טאָג האָט זיך צו אורראָם מעהודינען אין שטוב אַרײַנגעריסן אַ דאַרינקער באַלעגאָלע, אין אַ גרױסער בורקע, און מיט אַ צעראַשט קאָל אַ פֿרעג געגעבן:

— װוּ איז רעב אורראָם?

לױט זײַן פֿאַרשמײַעטן אױסזען האָט זעלדע פֿאַרשטאַנען, אַז געקומען איז ער װעגן זײער אַ װיכטיקן איניען.

— װאָס דאַרפֿט איר אורראָמען? װאָס איז געשען, װאָס איר זוכט אים אינמיטן העלן טאָג אַזױ אַרום?

— װעגן דער ערד...

— װאָס װעגן דער ערד?

— ס'איז הײַנט פֿאַראַן אין צײַטונג. אָט! גיט אַ קוק! — ער האָט אַרױסגעשלעפּט פֿון קעשענע די צײַטונג.

ער איז אָבער, קענטיק, געװען שטומפּיק אױף דער איװרע. אַליוסיק, װאָס איז געזעסן באַם פֿענצטער און געמאַכט די לימודים, איז צוגעלאָפֿן צו אים.

— נאַ, לײען! — האָט יענער דערלאַנגט אים די צײַטונג.

אַליוסיק האָט געלײענט:

— „װעגן אױסטײלן ערד־שעטאָכים פֿאַר די אַרבעטנדיקע ייִדן אין קרים. באַשלוס פֿון צענטראַלן אױספּיר־קאָמיטעט פֿון פֿססר".

— איר הערט?! — האָט דער דאַרינקער באַלעגאָלע אױסגעשריִען.

אין שטוב זײַנען אַרײַנגעקומען עטלעכע באַלעגאָלעס אין שװערע שטיװאַלעס און אין טשומערקעס מיט גאַרטלען, װער מיט בײַטשן און װער מיט שטעקנס. צװישן זײ — שלומע פּאַפּעליוכע, פּיניע יעגעס, אױך אַזעלכע פֿורמאַנעס, װעלכע זײַנען געװען זעלטענע געסט בײַ אורראָמען אין דער הײם.

— װוּ איז די צײַטונג? גיט מיר אַ קוק טאָן מיט מײַנע אױגן, װאָס איז דאָרט אָנגעשריבן, — האָט יױנע שטעפּער — אַ באַלעגאָלע מיט אַ גרױסן שראַם אױפֿן פּאָנעם, געװאָלט

ארויסרײַסן בײַ איליוסיקן די צײַטונג פון האַנט, נאָר איליוסיק האָט זי ניט ארויסגעלאָזט און פאַרגעזעצט לײענען.

מידע זײַנען אָנגעקומען אוורהאָם מיט מיכקען פון דער ארבעט.

— איר האָט שוין געהערט, רעב אוורהאָם? — האָט יוינע שטעפּער געפרעגט און, ווענדנדיק זיך צו איליוסיקן, געזאָגט: — לײענט, זאָל דײַן טאַטע אויך הערן.

איליוסיק האָט געלײענט לאַנגזאַם, אַלע ווײַלע האָבן אים די באַלעגאָלעס איבערגע־שלאָגן, פאַרגעבן פראַגן אײנער דעם צווייטן. פּיניע יעגעס האָט געזאָגט:

— איר געדענקט, אַז איך האָב געײַצעט אָנשרײַבן קאַלינינען... ווען ער האָט באַקומען אונדזער בריוו, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז מ׳דאַרף טאַקע העלפן...

— פּיניע איז גערעכט, — האָט זיך אָפּגערופן שלוימע פּאַפּעליוכע. — קאַלינין האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן די באַלעגאָלעס, אויסגעײַצעט זיך מיט די טוער פון דער פּאַרטיי און רעגירונג, און זיי האָבן ארויסגעגעבן דעם דעקרעט שוין אויך פאַר אַנדערע קאַפּצאָנים — שוסטער, שנײַדער, קרעמער, וועלכע האָבן ניט מיט וואָס אַ טאָג דורכצולעבן און ווילן זיך באַזעצן אַף ערד.

— זאָגט מיר, וואָס איז דאָס פאַר אַ קרים? ש׳איז דאָרט, ווו מע היילט זיך? — האָט געפרעגט סענדער קלאַפּטער.

— קרים? פרעגט מיך, וואָס איז אַזוינס קרים, — האָט זיך אָפּגערופן יוינע שטעפּער, — איך האָב פון דאָרטן ווראַנגעלן פאַרטריבן... די ווײַסע גאַזלאָנים האָבן ניט געוואָלט אָפּגעבן אונדז צוריק אָט דעם גאָלדענעם קאַנט... ביזן האַלדז אין וואַסער זײַנען מיר דורכגעגאַנגען סיוואַש... איר ווייסט כאַטש, וואָס דאָס איז פאַר אַ סיוואַש און וואָס איז אַזוינס פערעקאָפּ?.. אײַ, זײַנען דאָרטן שלאַכטן געגאַנגען, אײַ, האָט זיך בלוט געגאָסן!

— כ׳האָב געהערט, אַז ס׳איז דאָרט שטענדיק וואַרעם, — האָט אַ זאָג געטאָן פּיניע יעגעס. — אַז מיר וועלן אריבערפאָרן אַהין, מעגן מיר די פּעלצן מיט די וואַליקעס פאַרקויפן.

— אַ מײַסע מיט אַ ווײַס עקסל, וואָס איז געפלויגן איבער אַ דאַך, — האָט יוינע שטעפּער אים איבערגעשלאָגן. — ארום פערעקאָפּ, ווו מיר האָבן זיך געשלאָגן מיט די ווײַסע, זײַנען געווען אַי ווינטן, אַי פרעסט, מע האָט געקאָנט גוט פאַרפרוירן ווערן... איר מעגט נאָך צוווארטן פאַרקויפן די פּעלצן מיט די וואַליקעס, זיי קענען צוניץ קומען.

— איז ווו וועט מען געבן ערד — נעענטער צום פערעקאָפּ, צי דאָרטן, ווו ס׳איז וואַ־רעם? — האָט געפרעגט אַ באַלעגאָלע מיט אַ נאַקעטן, פליכעוואַטן קאָפּ.

— אין צײַטונג איז גאָרניט געזאָגט וועגן דעם, — האָט דערקלערט אוורהאָם. — ס׳איז נאָר אָנגעוויזן דזשאַנקאָיער, קורמאַנער און קאַלאַיער ראַיאָנען.

— אין דזשאַנקאָיער ראַיאָן איז געשטאַנען אונדזער שטאַב, — האָט ווידער גערעדט יוינע שטעפּער. — דאָרטן איז אליין בודיאָני געווען... דאָרטן איז אומגעקומען מײַן שקאַפּע. אוי איז דאָס געווען אַ פערד! ווי אַ ווינט האָט עס זיך געטראָגן... איך וואָלט געווען גליקלעך, ווען איך האָב איצט אַזאַ. איר האָט דען אַן אַנונג, וואָס פאַר אַ סטעפּ דאָרט איז! מע זעט ניט קײן אָנהייב, מע זעט ניט קײן סאָף.

— דאָרטן איז דאָך גאָר דער יאַם, מע פאָרט אַהין זיך היילן. איז פונוואַנען האָט זיך גענומען ערד? עפּשער איז דאָס גאָר אַן אַנדער קרים? — האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין שלוימע פּאַפּעליוכע. — און אויב ס׳איז דאָרטן אַזויפיל גוטע ערד, פאַרוואָס זשע האָט זי ביז איצט געפּוסטעוועט? עס זײַנען ניט געווען קײן באַלאָנים אַף איר, אָדער קײן פּויערים זײַנען דאָרטן ניטאָ?

— טאַקע, איך האָב עס אויך געוואָלט פרעגן, — האָט זיך ארײַנגעמישט סענדער קלאַפּ־טער. — ש׳איז עפּעס אַ צו גרויסע מעציע, ש׳באַקומט זיך, אַז מע האָט נאָר אַף אונדז ארײַשגעקוקט.

— די ערד האָט אַמאָל געהערט אַ פּאָריץ. נו, גייט די מעלוכע אונדז אַנטקעגן און גיט זי אונדז אָפּ, — האָט דערקלערט אוורהאָם מעהודין. — וואָס וווּנדערט איר זיך?.. מײַן טאַטן און מײַן זיידן האָט זיך אַזוינס אפילו ניט געכאָלעמט, און איך האָב אויך ניט געגלייבט, אַז כ׳וועל אַזעלכס דערלעבן... ס׳איז עפּעס אַ קלייניקײַט — ערד! אומזיסט, נעם און באַלע־באַטעווע... עמעס, מיר האָבן ניט מיט וואָס צו אַקערן און זייען, וועלן מיר פּאַוואָלינקע די ערשטע צײַט אופקראַצן אַ פּאָר דעסאַטינקעס... דער פאַרשטייער פון אויספּירקאָם, בײַ וועלכן מיר זײַנען געווען, האָט דאָך געזאָגט, אַז מ׳וועט אונדז אונטערהעלפן... אין איין טאָג לעבט מען ניט אָן אַ באַלעבאַטישקײַט.

שלוימע פּאַפּעליוכע האָט אײַנגעהערט זיך אין יעדן וואָרט אוורהאָמס און צוגעשטימט:

— גערעכט איז רעב אוורהאָם: וויפל יאָר האָבן מיר געטרוימט וועגן ערד! איך געדענק

נאָך, ווען איך בין געווען אַ קינד, פֿלעגן זיך צו אונדז אין שטוב צונויפֿקלײַבן מענטשן און זינגען: „אין דער סאָכע ליגט די מאַזל־בראָכע"...

— יאָ, יאָ, באַ אונדז אויך, — האָט מען אים אונטערגעהאַלטן. — מיט וויפֿל האַרץ פֿלעגט מען זינגען דאָס ליד... ערד איז געווען אַ טרוים... אַ מין כאַלעם.

— זעט איר דאָך, ס'איז פּלוצעם געוואָרן אַף דער וואָר! — האָט פֿאַרענדיקט שלוימע פּאַפּעליוכע.

אַ ווײַלע איז געוואָרן שטיל. עמעצער האָט מיט אַ פּעסטער שטים פֿאַרצויגן:

אין דער סאָכע ליגט די מאַזל־בראָכע.

אַ פּאָר שטימען האָבן אונטערגעכאַפּט:

עס קומט דער פֿרימאָרגן,
איך דאַרף גאָרנישט באָרגן,
דער מויעך דאַרף ניט זאָרגן,
אַף טאָג הויצאָעס — געלט,
ס'איז אָנגעגרייט אַף ווינטער
אַ זאַפּיק אַ געזינטער.
איך זיי און שנייד גאַנץ מינטער —
פֿרייד אין גאָטעס וועלט.

די באַלעגאָלעס האָבן געזונגען מיט האַרץ, מיט געפֿיל. איינער אַ באַלעגאָלע האָט אַף זײַן אויפֿן איבערגעמאַכט דאָס ליד.

מיט דער סאָכע וועט ווערן אַן אַנדער דאָליע
באַ דעם אָרעמען באַלעגאָלע, —

האָט ער געזונגען.

אַליוסיק האָט מיט פֿאַרטײַטן אָטעם זיך אײַנגעהערט אין דער ליד, נאָכדעם האָט ער אויך אָנגעהויבן מיטזינגען מיט די באַלעגאָלעס.

פֿאַר זײַנע אויגן איז אופֿגעשווומען דאָס בילד, וואָס ער האָט געזען אין כאַלעם: ער גייט מיט דער בײַטש אַריבערגעוואָרפֿן איבערן אַקסל נאָכן אַקער און דער פֿאָטער צעשיט די זריע איבערן אופֿגעאַקערטן פֿעלד.

עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ גרויסער פֿאַרדראָס, לעמײַ יאָסעלע איז אַוועקגעפֿאָרן אַזוי ווײַט — אַזש קיין אַמעריקע. ס'קאָן זײַן, אַז ווען ער ווייסט, אַז מע גיט ערד, וואָלט ער צוריק געקומען. עפּשער וועלן אָנקומען אַהין אונדזערע צײַטונגען און ער וועט דערוויסן זיך וועגן דעם. נאָר סײַווי דאַרף מען אים אָנשרײַבן אַ בריוו.

„יאָסקע, — וועט ער אים שרײַבן, — קום אַפּגיך צו פֿאָרן, מיר פֿאָרן אַריבער קיין קרים, מע גיט אונדז דאָרטן ערד... מיר וועלן מיט דיר אַקערן און זייען, מיר וועלן האָבן ברויט, און ס'וועט אונדז זײַן גוט".

אָבער וווהין וועט ער שרײַבן? „קיין אַמעריקע, יאָסקען"? פּונקט אַזוי, ווי אין דער דערציילונג, וואָס ער האָט ניט לאַנג געלייענט אין רוסישן לערנביכל, — „אין דאָרף, דעם זיידן..."

2

דער באַפּולמעכטיקטער איבער די איבערוואַנדערונג־אײניאָנים איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער לאַגע פֿון די באַלעגאָלעס. דעריבער האָט ער יווינע שטעפֿערן, ווען יענער איז אַרײַן צו אים, גלײַך, אָן זײַטיקע רייד, אַ זאָג געטאָן:

— איצט קאָנט איר מיט אײַער קאָלעקטיוו אָן מענײַעס זיך באַזעצן אין די קרימער סטעפּעס. קלײַבט זיך ניט לאַנג, ווײַלט אויס אַ פּאָר שעליכים, פֿאָרט זיך דורכן, טוט אַ קוק. ווען איר וועט זיך אומקערן און איר וועט האָבן גענוי באַשטימט דאָס אָרט, ווו איר ווילט זיך באַזעצן, וועט געלייזט ווערן די פֿראַגע וועגן קרעדיטן און וועגן אַוואַנסן אַף אַריבער־צופֿאָרן.

ווארעם צעזעגנט זיך מיטן באַפּולמעכטיקטן, איז יווינע, אַ האָפֿערדיקער, אַוועק אַהיים. ער האָט נאָך ניט באַוויזן אַרײַנגיין אין שטוב, ווי ס'האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צונויפֿקלײַבן די באַלעגאָלעס, וועלכע האָבן זיך פֿאַרשריבן אין קאָלעקטיוו.

— וואָס הערט זיך?.. וואָס האָט געזאָגט דער באַפּולמעכטיקטער?..— האָבן אַלע געוואָלט וויסן.

— ער האָט געזאָגט, אַז מ'דאַרף שיקן שעליכים...

— מע דאַרף טאַקע לאַנג זיך ניט קלײַבן, און גוט אַ קוק טאָן, וואָס איז דאָס פֿאַר אַן ערד,— האָט זיך אָפּגערופֿן שלוימע פּאַפּעליוכע.— ס'איז דאָך אַ מין שידעך...— מיט דער זעמעלקע וועט מען דאַרפֿן אָפּלעבן אַ לעבן, ווי מיט אַ ווײַב.

— ביז מיר וועלן זיך אַ קער טאָן, קאָן מען די בעסטע ערד־כאַלאַקים אויסכאַפּן.

— איז לאָמיר טאַקע דאָ אַף אָן אָרט אויסקלײַבן די שעליכים,— האָט פֿאָרגעלייגט סענדער קלאַפּטער.

— קומט אַרײַן אַף אַ ווײַלע צו מיר אין שטוב, און מיר וועלן דורכפֿירן אַ קורצע פֿאַרזאַמלונג,— האָט פֿאָרגעלייגט יוינע שטעפּער.

— קימאַט אַלע, וואָס האָבן זיך פֿאַרשריבן אין קאָלעקטיוו, זײַנען דאָ. טאָמער פֿעלן אַ פּאָר מענטשן, מאַכט אויך ניט אויס. מיר זײַנען דאָך אַ מערהײַט,— האָט געזאָגט שלוימע פּאַפּעליוכע.

ביזוואַנען מע האָט זיך אויסגעזעצט, זײַנען געקומען נאָך אַ פּאָר באַלעגאָלעס.

— איצט זײַנען שוין אַלע דאָ,— האָט געמאָלדן יוינע שטעפּער.— רופֿט אָן צוויי מענטשן פֿאַר שעליכים.

— איך מיין, אַז דער בעסטער שאַליעך איז טאַקע שטעפּער אַליין,— האָט געזאָגט פּיניע יעגעס.— ווער ווייסט נאָך בעסער פֿון אים די ערד, אַף וועלכער מיר קלײַבן זיך אַריבערפֿאָרן?

— אוורעמל מעהודינען לייג איך פֿאָר!— האָט אויסגעשרײַען שלוימע פּאַפּעליוכע.— ער איז דער סאַמע פּאַסיקער מענטש פֿאַר אַ שאַליעך... רעב אוורעמען ווייסן אַלע, ער פֿאַרשטייט אַ טאָלק אין אַ שטיקל ערד, און זײַן וואָרט אין אַזאַ וויכטיקן איניען איז פֿאַר אונדז זייער טײַער.

— ריכטיק! דער כאַוער פּאַפּעליוכע איז אינגאַנצן גערעכט!— האָבן זיך דערהערט שטימען.— זאָלן די צוויי שעליכים אין אַ גוטער שאָ פֿאָרן און ברענגען אונדז גוטע נײַעס.
ווען אוורעם האָט זיך אומגעקערט אהיים און מע האָט זיך דאָרטן דערוווּסט, אַז ער פֿאָרט אַלס אַ שאַליעך אין קרים, איז די גאַנצע מישפּאָכע געוואָרן אַנציקט. אַליוסיק האָט געטאַנצט פֿאַר פֿרייד:

— פֿאָר, פֿאָר גיכער, טאַטע! מיר ווילן וואָס גיכער אַריבערפֿאָרן אין סטעפּ!

זעלדע האָט גלײַך אָנגעהויבן גרייטן אוורעמען אין וועג. זי האָט אַרײַנגעלייגט אין רענצל אַ פּאָרל וועש, אַ האַנטעך און וואָס זי האָט געקאָנט פֿון עסנוואַרג.

— זעט, קינדער, ביז איך וועל זײַן אין וועג, פֿאָרט צו אַלע אײַנדערפֿרי צום סקלאַד, עפּשער וועט זיך מאַכן עפּעס צופֿירן, פֿאָרט זיך דורך איבער די גאַסן, כאַפּט זיך צו אין מאַרק, צום וואָקזאַל עפּעס צו פֿאַרדינען,— האָט אוורעם אָנגעזאָגט די כעוורע.— זעט, גיט אַכטונג אַפֿן פֿערד.

— גוט, גוט, טאַטע, זײַ רויק... מיר וועלן אומעטום זײַן, ווו דו פֿאָרסט,— האָט מיכקע פֿאַרזיכערט.

— אַפֿן פֿערד וועל איך אַכטונג געבן,— האָט צוגעגעבן אַליוסיק.— איך וועל עס האָדעווען, פּאָיען, פּונקט ווי דו.

באַלעגאָלעס האָבן אָפּגעשלאָגן אוורעמס טירן. יעדערער האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק דערמאָנען אים, אַז מ'דאַרף גוט באַטראַכטן די ערד, אַ קוק טאָן, וואָס עס וואַקסט אַף איר, דערוויסן זיך, צי עס גייען אָפּט רעגנס, צי ס'איז פֿאַראַן נאָענט אַ טײַכל, ווי ווײַט ס'איז צו אַ סטאַנציע, צי עס איז פֿאַראַן אַ מאַרק, ווי עס האַלטן דאָרטן די פּרײַזן...

...ווען דער צוג האָט זיך שוין גערירט, זײַנען די באַלעגאָלעס נאָכגעלאָפֿן און געשרײַען:

— פֿאַרכאַפּ מיט זיך אַ ביסל ערד פֿון דאָרטן, וועלן מיר זי כאַטש אַ שמעק טאָן... פֿאַרגעס ניט ברענגען די גראָזן, וועלכע וואַקסן דאָרטן!

צווישן די פֿיל קוילעס, וועלכע האָבן זיך געטראָגן, האָט זיך אויסגעטיילט סענדער קלאַפּטערס שטים:

— ניט פֿאַרגעשט זיך צו דערוויסן, ווי שע האַלט דאָרט מיט וואַשער.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט געפֿײַפֿט, די רעדער האָבן געקלאַפּט... די שעליכים זײַנען אוועקגעפֿאָרן.

ס'זײַנען דורכגעגאַנגען אינגאַנצן דרײַ־פיר טעג, און דער אוילעם האָט שוין מיט אומגעדולד אָנגעהויבן ארויסקוקן אַף די שעליכים.

— ווען וועלן זיי קומען?.. — האָט מען געהאַלטן אין איין פרעגן.

אלע טאָג איז איליוסיק געלאָפן באַגעגענען די צוגן, ארומגענישטערט מיט די אויגן אין די פענצטער פון די וואַגאָנען, עפשער וועט זיך באַווײַזן דער פאָטער.

געקומען זײַנען די שעליכים שפּעט באַנאַכט, און באַגינען האָבן שוין אַלע געוווּסט, אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט. די באַלעגאָלעס זײַנען זיי באַפאַלן ווי די היישעריקן:

— נו, דערציילט שוין, וואָס האָט איר דאָרט געזען... וואָס פאַרא גליקן דערוואַרטן אונדז... מיר קוקן שוין אַף אײַך ארויס, ווי אַף מאָשיעכן...

יוינע שטעפּער האָט געהאַט אָפּגערעדט מיט אוראָמען, אַז זיי וועלן גאָרנישט ניט דערציילן, ביז דער גאַנצער אוילעם וועט זיך ניט צונויפקלײַבן, דאָך האָבן זיי ניט אויס־געהאַלטן און יעדערן דערציילט וועגן אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט אין סטעפּ.

בעאַריכעסדיק האָט אוראָם אָנגעהויבן דערציילן שלוימע פאַפּעליוכען. ער האָט פאַנאַנ־דערגענומען די הענט, אַ קנייטש געגעבן מיט די פּלייצעס און געזאָגט:

— ס'איז סטעפּ. ווו איר זאָלט ניט גיין, ווו איר זאָלט ניט שטיין, איז סטעפּ... הוילער סטעפּ... אָן אָנהייב און אָן אַ סאָף איז סטעפּ... הימל און ערד... איר זאָלט כאָטש טרעפן ערגעץ־ווו אַ ביימעלע, אַ קוסטיקל...

— פונקט אזא איז ער געווען, דער סטעפּ, ווען מיר האָבן זיך געשלאָגן מיט ווראַנ־געלן, — האָט צוגעגעבן יוינע שטעפּער, וועלכער איז געשטאַנען דערבײַ. — דערפאַר איז טאַקע שווער געווען די ווײַסע פון דאָרטן ארויסשלײַדערן. אכוץ אַ באַלקעלע אָדער אַ מאָהילקע, איז ניט געווען ווו דעם קאָפּ צו באַהאַלטן.

— דער יאַם איז ווײַט? — האָט געפרעגט שלוימע פאַפּעליוכע.

— דער יאַם איז ווײַטלעך. אַז ס'גיט אַ בלאָז פון אים אַ ווינטל, ווערט אַ כּיעס אַף דער נעשאָמע, — האָט געענטפערט אוראָם. — און די ערד איז דאָרט פעט. אַז זי וועט ארײַנפאַלן אין גוטע הענט, וועט עס זײַן אַן עמעסער אויצער.

אוראָם האָט ארויסגענומען פון אַ זעקעלע אַ ביסל ערד. שלוימע פאַפּעליוכע האָט עס געריבן צווישן די פינגער, אַ שמעק געגעבן, ווי מ'נעמט אַ ביסל שמעק־טאַבעק, פאָרזיכטיק אוועקגעלייגט עס אַף דער דלאָניע, געפּרוווט אפילע אַ לעק געבן מיט דער צונג.

— ס'איז, דאַכט זיך, אַ ביסל געזאַלצן און צו טרוקן.

— ס'האָט זיך צוגעטריקנט אין וואַגאָן, — האָט יוינע געזאָגט. — עמעס, קיין סאך רעגנס, זאָגט מען, גייען דאָרט ניט... אָבער גראָד פאַר אונדזערע אוועקפאָרן האָט אַ ביסל צוגענעצט די ערד.

— אַז ס'ווערט אַ בלאָטע, קאָן מען קיין פוס ניט ארויסשלעפּן, — האָט ווײַטער דער־ציילט אוראָם. — און אַז ס'לאָזט דער רעגן, איז זאָל גאָט היטן. ס'איז דאָך שוואַרצערד. איר ווייסט, וואָס עס הייסט שוואַרצערד? אַלץ, וואָס מע פאַרזייט, וואַקסט דאָרטן. קאַרטאָפ־ליעס, זאָגט מען, וואַקסט דאָרטן ערגער ווי דאָ, באַ אונדז, דערפאַר וואַקסט ווייץ, קאָרן, קוקורוזע, פּראָסע, זונרויזן. נו, וואָס דאַרף מען נאָך?.. עמעס, די ערד איז שטאַרק פאַר־לאָזט, פאַרהאַרטעוועט. כּוץ גראָז, איז שוין דאָרט לאַנג גאָרנישט ניט געוואַקסן... ס'וועט זײַן פון אָנהייב שווער אופצואַקערן זי, נאָר אַז מע הייבט אוף רויערד, באַקומט זיך אַ גרויסע גערעטעניש... די דאָזיקע ערד האָט אַמאָל געהערט אַ פּריצטע, זי האָט אין די סטעפּעס גרויסע אָטאַרעס שאָף געפּיטערט.

— שאָף, האָב איך געהערט, האָבן ליב הארטע גראָזן, — האָט זיך אָפּגערופן שלוימע פאַפּעליוכע.

— יאָ, די גראָזן זײַנען דאָרטן הארטע: קורײַ, באַרקון, סוויגאַראַיען... מיר האָבן געבראַכט מיט זיך אַלע גראָזן, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט, — האָט געזאָגט אוראָם.

— שוואַרצער פעפער וואַקסט דאָרט? — האָט געפרוווט אַ וויצל טאָן זיך שלוימע פאַ־פּעליוכע.

— די ווײַסע האָבן מיר פאַרטריבן, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, — האָט אין זעלבן טאָן געזאָגט יוינע שטעפּער. — רויטע פעפערלעך וואַקסן דאָרט, און דיניעס, און קאַוונעס, און אוגערקעס, און עפּל, און בארן...

— אַהאַ! — האָט ארויסגעשרײַען שלוימע פאַפּעליוכע. — איז עס דאָך טאַקע אַן עמעסער אויצער!

3

איליוסיק האָט קיינמאָל ניט געזען דעם סטעפּ, נאָר דער סטעפּ האָט אים מיט א מוירעדיקער קראַפט געצויגן צו זיך, גערופן...

פּונקט ווי די עלטערע באַלעגאָלעס, האָט דאָס באַכערל געריבן מיט די פינגער די ערד, וועלכע דער פאָטער האָט געבראַכט אין א זעקעלע. ער האָט מיט א באַזונדערער נײַגעריקײַט באַקוקט די גראָזן, פאַנאַנדערגעפּרעגט זיך, ווי יעדער גראָז הייסט, און גוט פאַרגעדענקט זייערע נעמען.

איליוסיק האָט זיך פאַרגעשטעלט, וויאַזוי ער וועט אַרײַנגיין אין די הויכע אויסגעוואַקסענע גראָזן, ווי זיי וועלן קיצלען זײַן לײַב און ווי ער וועט זיך פאַרלירן צווישן זיי, ווי א פויגל, ווי א האָז, ווי אַנדערע סטעפּ־טוישווים.

איליוסיק האָט ניט אופגעהערט צו מאַטערן דעם פאָטער מיט פראַגן:

— ווען וועט מען שוין אַרויספאָרן אהין?.. ווען?

דערוויסנדיק זיך, אַז ניט אַלע מיטאַמאָל וועלן אַרויספאָרן אין סטעפּ, איז ער געוואָרן אויסער־זיך.

— איך וויל, טאַטע, מיט דיר פאָרן... נעם מיך מיט זיך, אַניט וועל איך אַליין אַנטלויפן אהין.

— ס׳איז דאָך דאָרט ניטאָ וווּ צו וווינען... נאָר הימל און ערד.

— סײַווי וויל איך פאָרן, כ׳וועל שלאָפן אויף דער ערד, — האָט איליוסיק זיך געאַקשנט.

— ס׳זײַנען דאָרט פאַראַן שלענג, זיי קענען דיך, באַהיט גאָט, אײַנבײַסן, — האָט די מאַמע געפרוווט אים סטראַשען.

— איך האָב פאַר זיי ניט מוירע, — האָט איליוסיק געמאָלדן. — איך וויל גיכער אַקערן די ערד.

— אַלע קינדער הערן, וואָס מע רעדט צו זיי, און נאָר דו ווילסט ניט, — האָט אוורהם אָנגעהויבן זיך בייזערן. — מיכקע און מאָטל וויסן, אַז זיי דאַרפן בלײַבן דאָ מיט דער מאַמען העלפן פאַרדינען אפן לעבן, און דו דאַרפסט זיך נאָך לערנען און אויך אונטערהעלפן. אַז ס׳וועט זײַן אַלץ גרייט, וועלן מיר אַלע אַריבערפאָרן אהין.

— און איך וויל דיר העלפן, — האָט איליוסיק געטײַנעט זײַנס.

ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן האָט מען איליוסיקן ניט געקענט אײַנרעדן, ער זאָל בלײַבן אין דער היים, און טאַטע־מאַמע האָבן געמוזט אײַנגיין מיטצונעמען אים אין סטעפּ.

די עטלעכע טעג, וועלכע זײַנען באַשטימט געווען אויף צוגרייטן זיך צום אַרויספאָרן, זײַנען דורכגעגאַנגען גיך. פּונקט צו דער אָנגעמערקטער צײַט האָט דער אוילעם מיט האַק־און־פּאַק זיך געלאָזט אין וועג. אַרויסבאַגלייטן די, וואָס פאָרן אָפּ, זײַנען געקומען א סאַך מענטשן. דער אוילעם האָט געטומלט, געשריגן, איבערגעוואָרפן זיך מיט ווערטלעך, געכאַכמעט זיך, געלאַכט, אייניקע האָבן שטילערהייט געווישט די אויגן.

דער צוג איז אַוועק אין זײַן ווײַטן וועג, און די פעלדער און וועלדער, וועלכע זײַנען געפלויגן פאַרבײַ די וואַגאָנען, האָבן זיך געשפרייט און געשפרייט... אין דער טעפּלושקע, וווּ ס׳איז געזעסן אוורהם, איליוסיק און די איבעריקע באַלעגאָלעס, האָט א שטיקל צײַט געהערשט אַזאַ שטילקײַט, אַז אויסער דער בראַזגערײַ פון די רעדער האָט מען גאָרנישט ניט געהערט.

אין דער שטילקײַט, פרײַ פון יאָגעניש נאָך פּאַסאַזשירן, נאָך פּעק און פּעקלעך און נאָך אַנדערע פאַרדינסטן, האָט יעדערער פון די באַלעגאָלעס אָנגעהויבן אָפּגעבן א כעזשבן־האַנעפעש — וווּהין מע פאָרט, נאָך וואָס מע פאָרט און וואָס עס קאָן פון דער פאָרעניש אַרויסקומען.

— מע האָט אונדז ווי ביימער אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען, וווּ מיר זײַנען געוואַקסן, און מע וויל אונדז איבערפלאַנצן פון איין אָרט אויף אן אַנדערן, — האָט עמעצער אין דער טיף פון דער טעפּלושקע שטיל א זאָג געטאָן.

— איך וויל, אַז די סעליכים, וועלכע זײַנען שוין געווען אין סטעפּ, זאָלן אונדז ענטפערן. מ׳זאָגט, אַז אין סטעפּ איז ווייניק וואַסער, ווי זשע וועלן וואַקסן די ביימער, וואָס מ׳וועט איבערפלאַנצן? — האָט געפרעגט סענדער קלאַפּטער.

— זיי וועלן זיך אײַנוואָרצלען און וואַקסן, נאָך ווי־אַזוי וואַקסן! — האָט געענטפערט יוינע שטעפער.

4

דער צוג איז געגאַנגען לאַנגזאַם, אָפּגעשטעלט זיך אַף אַלע פּאָלוסטאַנקעס. אַף די גרויסע סטאַנציעס, ווו ער האָט זיך פאַרהאַלטן גאָר לאַנג, האָט מען געצונדן שײַטערס און געקאָכט: ווער — קאַרטאָפליעס מיט שאָלעכץ, ווער א קאַשע פון האָבער־גריפּן און ווער א זאַטירקע. אין טעפּלושקע האָט מען דערציילט מײַסעס, געוויצלט זיך און געכאָכמעט, געזונגען לידער. אין אָוונט, ווען ס'איז געוואָרן פינצטער, האָט שלוימע פּאַפּעליוכע פאַרצויגן די באַלעגאָלע־ליד „פאָר איך מיר אַרויס אין א פינצטערער נאַכט", און אַלע האָבן אים אונטערגעהאַלטן:

וויאָ, וויאָ, פערדעלעך, וויאָ, וויאָ, שיינינקע,
הייבט נאָר די קעפּעלעך הויך...

די באַלעגאָלעס האָבן געזונגען וועגן דער אַמאָליקער פאַרשאָלטענער דאָליע, וואָס איז אויסגעפאַלן אַף זייער גורל, און די רעדער האָבן, דוכט, אויסגעקלאַפּט א נײַע ליד פון א נײַער דאָליע, וועלכע עס דערוואַרט די פּאַסאַזשירן ערגעץ אין די ווײַטע אומבאַקאַנטע סטעפּעס.

ווען מע ענדיקט זינגען, ווענדט מען זיך צו די געוועזענע שעליכים מיט איינער און דער זעלבער פראַגע:

— נאָך ווײַט?

— גאַנץ ווײַטלעך. אז מיר וועלן דערפאָרן צום פּערעקאָפּ, רעכנט, אז מיר זײַנען אין דער נײַער היים... — האָט דערקלערט יוינע שטעפּער. — דער פּערעקאָפּ — דאָס איז דער טויער פון קרים. אז מיר וועלן צופאָרן צו אים, וועל איך אײַך ווײַזן דאָס אָרט, ווו איך בין געשטאַנען לעבן פרונזען. א פּראָסטער איז ער געווען, ווי א סאָלדאַט. געגעסן פון א קעסעלע. איך געדענק נאָך ניט, צי האָט ער געהאַלטן דעם לעפל אין כאָליעווע, ווי מיר, סאָלדאַטן. דאָס פערד, אַף וועלכן ער האָט געריטן, האָט געהייסן... וואַרט אויס, איך וועל זיך באַלד דערמאָנען... ס'ליגט מיר מאַמעש אַפן צונג... אָט, א רועך זאָל עס נעמען, פון קאָפּ אַרויסגעפלויגן... אוי איז דאָס געווען א פערד! אַן אָדלער איז דאָס געווען... מײַן שקאַפּע, אַף וועלכער איך האָב געריטן, לאַסטאָטשקע האָט זי געהייסן, איז, דאַכט זיך, געווען א לײַבלעכע שוועסטער פון פרונזעס פערד... ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט. נאָר בא פרונזעס פערד איז געווען די גריווע א געדיכטערע און דער ווידל אונטערגעהאַקט... פרונזע האָט מיך גערופן פּראָסט — יוינע, ניט קראַסנאָאַרמייעץ שטעפּער, ווי ס'פאָדערט זיך לויטן אוסטאַוו. דאָס איז א סימען, אז ער האָט מיך געהאַלטן פאַר א גוטנברודער. ווען איך וואָלט וויסן, אז מיר וועט אויסקומען אַריבערפאָרן מיט אײַך אַף די סטעפּעס, וואָלט איך נאָך דאַן אויסגעקליבן א גוט שטיקל ערד. נאָר וועמען איז דאָס געלעגן אין זינען און ווער האָט געטראַכט וועגן דעם?

איליוסיק האָט אין א ביכל געזען א בילד „די שלאַכט באַם פּערעקאָפּ", נאָר ער האָט נאָך דאַן ניט געוווּסט, אז יוינע שטעפּער דער באַלעגאָלע האָט אויך אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן. אים האָט זיך געוואָלט פאַרגעבן יוינען א סאַך פראַגן, נאָר ער האָט ניט געקאָנט אָפּרײַסן די אויגן פון די פעלדער, וועלכע האָבן זיך געצויגן פאַרבײַ. די פעלדער זײַנען געווען פאַרוואַקסן מיט ברוין־טונקעלע איבערגעצײַטיקטע גראָזן. ערטערווײַז האָבן געשוואַרצט פּאַסיקלעך פריש־אויפגעאַקערטע ערד, איבער וועלכער ס'האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט סטײַעס ראָבן, זיי האָבן געהויבן זיך אין דער הייך, וויכערדיק זיך געדרייט אין דער מוטנער האַרבסטיקער לופט.

די דערפער, וועלכע האָבן דורכגעשווינדלט פאַרבײַ, זײַנען ניט געווען ענלעך אַף די דערפער דאָרט בא זיי, אין דער היים. די ווענט פון די כאַטעס זײַנען דאָ געווען ווײַסע, אונטן, בא דער ערד, אַרומגעקאַנטעוועט מיט שוואַרצע פּאַסן. די דעכער — שטרויענע אָדער מיט טשערעט געדעקט, די פענצטער — קליינינקע, גראַמע פּאַליסאַדניקעס.

אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען, בייס דער צוג איז אַרויף אַף דער טאַווריער ערד. מיט יעדער רעגע איז געוואָרן אַלץ פינצטערער, און די סטעפּעס, וועגן וועלכע די שעליכים האָבן אַזויפיל געהאַט דערציילט, איז אומעגלעך געווען זען דורכן פענצטער פון וואַגאָן.

— דעם פּערעקאָפּ וועלן מיר דורכפאָרן באַגינען, — האָט געזאָגט יוינע שטעפּער. — מע דאַרף זיך לייגן שלאָפן, קעדיי ניט פאַרשלאָפן.

נאָר איליוסיק האָט סײַווי ניט געקאָנט אײַנליגן. יעדער רעגע האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אײַנגעקוקט זיך אין דער געדיכטער פינצטערניש און זיך אומגעקערט צוריק אַף זײַן אָרט, אָבער גראָד, ווען דער צוג איז צוגעגאַנגען צום געגאַרטן אָרט, אַף וועלכן ער האָט מיט אַזויפיל אומגעדולד אַרויסגעקוקט, איז אַפן ייִנגל אָנגעפאַלן א שלאָף.

— פּערעקאָפּ! פּערעקאָפּ! — האָט ער אין שלאָף דערהערט עמעצנס שטים. ער האָט אופֿ־געריסן די אויגן.

— ווו איז דער פּערעקאָפּ?

— זעסט, אָט דאָרט! — האָט יוינע געוויזן.

דער צוג איז האַסטיק דורכגעפֿלויגן דאָס הייליקע אָרט, וועלכן איליוסיק האָט אַזוי גע־טרוימט צו זען.

5

פֿון דער סטאַנציע קורמאַן ביזן ערד־כײַלעק, וואָס מע האָט אויסגעטײלט פֿאַר די נײַע איבערוואַנדערער, איז געווען נאָך א היפּשער מעהאַלעך. דער אוילעם האָט זיך אונטער־געײַלט דערקלײַבן זיך צום אָרט. באַזונדערס איז שווער געווען אין באַנאַכטיקן כאַשכעס שלעפּן די היימישע פּעק. אָבער זיצן אין ענגן קויטיקן וואַקזאַלכל און וואַרטן ביז אײַנדערפֿרי האָט קיינער ניט געוואָלט.

הינטער דעם קליינעם סטאַנציע־יישעוו האָט זיך אָנגעהויבן דער סטעפּ. קוים באַמערק־באַרע באַגינענדיקע טוי־וואָלקנדלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אים. א פֿאַרטאָגיק ווינטל איז דורכגעפֿלויגן, א שורש געגעבן איבער די נאַסע גראָזן. די פֿײַכטע האַרבסטיקע לופֿט איז געווען אָנגעזעטיקט מיט רייכעס פֿון רויערד, פֿון איבערגעפֿרײַטע גראָזן און טערפּקן פּאָלין. אויף דער בונט־רויטער מיזרעך־זײַט פֿונעם הימל האָט זיך באַוויזן די זון, און אין איר שײַן האָט דער סטעפּ אין זײַן גאַנצער פּראַכט זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט פֿאַר איליוסיקן, פֿאַר זײַן טאַטן און פֿאַר אַלע מיטגייער.

— אוי, אוי וויפֿל ערד! — איז איליוסיק געווען באַגײַסטערט. — גיב א קוק, טאַטע, דאָס וועט אַלץ זײַן אונדזערע? וויפֿל זשע טווע קאָן דאָ וואַקסן, און קאַרטאָפֿליעס, און... און...

פֿונעם ראַכוועס האָט אַזש דער אָטעם פֿאַרשלאָגן. ער האָט ריידן ניט געקענט, נאָר אָן אָן אופֿהער איבערגעכאַזערט:

— זע נאָר, זע!..

— וואָס זשע מיינט איר, אַז דאָס איז שוין דער גאַנצער סטעפּ? — האָט זיך אָפּגערופן יוינע שטעפּער. — איר מיינט, אַז דאָרטן, וווּ ס׳ווײַזט זיך אויס, אַז דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד, דאָרטן ענדיקט ער זיך שוין, דער סטעפּ?

— און איך האָב געטראַכט, ווי נעמט מען אַ שפּאַן ערד אַ קאַבאַקל צו פאַרזעצן אויף אַ צימעס אויף שאַבעס, — האָט געזאָגט שלוימע פּאַפּעליוכע.

די זון, אַ בלענדיק־העלע, האָט זיך אופגעהויבן איבערן בלויען, ערטערווײַז מיט דינינ־קע וואָלקנדלעך אויסגעזייטן הימל. די טויען אויף די גראָזן האָבן זיך איבערגעגאָסן, ווי די־מענט־גרײַפּעלעך, אין אָראַנזשעווע גינגאָלדענע קאָלירן.

באַם ברעג וועג האָט אַ דערשראָקענער האָז אַ רעגע ארומגעקוקט זיך, אָנגעשטעלט די אויערן און מיט גרויס אימפּעט זיך געלאָזט לויפן איבער די פאַרוואַקסענע שטיקער רויערד.

— טיו־טיו־טיו! — האָט פּיניע יעגעס געשריִען.

דער האָז האָט נאָך געשווינדער זיך אָנגעהויבן טראָגן. אילּיוסיק האָט זיך געלאָזט נאָך אים. ער האָט זיך ניט באַוויזן אומקערן, ווי ס׳האָט זיך באַוויזן אַ צווייטער האָז.

— נאָך איינער... טיו־טיו־טיו!

דער האָז האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך רייצן מיט אילּיוסיקן. ווען אילּיוסיק האָט געמאַכט נאָר איין שפּאַן צו אים, איז ער אַרײַנגעשפּרונגען אין געדיכטן בור־קון און פאַרשוווּנדן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ באַסעפּעניס? — האָט געפרעגט סענדער קלאַפּטער, דערזעענדיק אַ קליין גרוי כײַעלע.

— דאָס זײַנען סוסליקעס, — האָט געענטפערט אוורהאָם.

— שושליקעס? — האָט דערפרייט זיך סענדער קלאַפּטער. — קאָן מען דאָך פון זיי סובעס נייען. איז דאָך עס אַ געסעפט.

— צי איר וועט מאַכן פון זיי שובעס, ווייס איך ניט, נאָר די טווּע וועלן זיי געוויס אומ־ברענגען, — האָט דערקלערט אוורהאָם.

— ווי זשע פאַרניכטעט מען זיי? — האָט געפרעגט פּיניע יעגעס.

— מע גיסט אַרײַן וואַסער אין דער נאָרע, לויפן זיי אַרויס, — האָט געענטפערט אוורהאָם.

— מיט וואַסער, האָב איך געהערט, איז דאָ ניט פויגלדיק, — האָט געזאָגט פּיניע יעגעס.

— מיר וועלן זיך אָן אייצע געבן, ווי צו קריגן וואַסער אויך, — האָט זיך אָפּגערופן יוינע שטעפּער. — איך זע דאָך, סאַראַ גראָזן זײַנען דאָ אויסגעוואַקסן, און אַז ס׳וואַקסן גראָזן, קאָן נאָך עפּעס אויסוואַקסן.

אָנגעלאָדענע מיט פּעק, האָט דער אוילעם לאַנגזאַם און שווער זיך באַוועגט. האָט אָפּ־געשטעלט זיך, געווישט דעם שווייס פון די שטערנס און געפרעגט:

— נאָך ווײַט?

— שוין נאָענט, — האָט זיי אונטערגעמונטערט אוורהאָם.

פון מידקײַט האָט קיינער שוין ניט געלייגט קיין אַכט אויף די סוסליקעס אין סטעפּ. אַלע־מען האָט באַהערשט איין פאַרלאַנג — גיכער אַ וואָלגער טאָן זיך אויף די פּעק און אָפּרוען זיך. ענדלעך האָט דער אוילעם זיך דערשלעפּט צו אַ מאָהילקע.

— מע דאַרף שוין, דאַכט זיך, מער ניט גיין, — האָט אוורהאָם אַ זאָג געטאָן צו יוינען. — גיב נאָר אַ קוק גוט: אויב רעכטס איז פאַראַן אַ באַלקעלע, איז דאָס אונדזער אָרט.

— ס׳איז טאַקע, דאַכט זיך, דאָ, — האָט געענטפערט יוינע און מיט גיכע טריט אוועק זוכן דעם סימען, וועלכן די שעליכים האָבן געמאַכט, קעדיי דערקענען זייער ערד־כיילעק.

— זיי ווייסן אַליין ניט, ווּהין זיי האָבן אונדז פאַרפירט, — האָט מיט פאַרביטערונג גע־זאָגט פּיניע יעגעס.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דערטראָגן יוינע שטעפּערס קאָל. יוינע איז געלאָפן, געפּאַכט מיט די הענט און געשריִען:

— דאָס איז עס! דאָס איז עס!.. שטעלט אוועק אַ פּאָר שטעקנס, צעשפּרייט דעם ברע־זענט און מאַכט אַ בײַדל.

— נו, איז לאָמיר מאַכן אַ בראָכע, — האָט פאַרגעלייגט שלוימע פּאַפּעליוכע. — בוירע פּרי אַדאָמע! געבענטשט זאָל זײַן די ערד, וועלכע וועט אונדז קאָרמעווען און וועט ווערן אונדזער היים.

— און די הענט זאָלן זײַן געבענטשט, ווײַל די ערד אָן הענט גיט גאָר ניט, — האָט צו־געגעבן אוורהאָם מעהודין.

פּיניע יעגעס און שלוימע פּאַפּעליוכע האָבן צעוויקלט זייער באַלעגאָלישן ברעזענט און געמאַכט אַ בײַדל. דער אוילעם האָט אוועקגעלייגט די פּעקלעך, נאָר רוען האָט קיינער ניט

געקאַנט. מע איז אוועק איבערן ערד־קײַלעך באַטראַכטן די נײַע היים. אויסער הימל און ערד, איז דאָ גאָרנישט ניט געווען, האָט מען געקוקט און געפּרוווט זיך פאָרשטעלן, ווי וועט עס דאָ, אויף דער הוילער ערד, ווערן א היים.

סענדער קלאַפּטער האָט מיט די פינגער אויסגעגראַבלט א ביסל ערד, צוגעטראָגן אוני־ראָמען:

— ס׳סמעקט עפּעס אַנדערש, ניט ווי יענע ערד, וואָס די סעליכים האָבן געבראַכט.

— ס׳שמעקט אַלצײַנס,— האָט אוראָם געזאָגט.

סענדער האָט אויסגעריסן א פּאָר גראָזן, פאַרקרימט זיך, אויסגעשריִען:

— ס׳איז ביטער!

— ס׳איז דאָך פאַלין! וואָס קײַסטו עס? זוך אָפּ א זיסן גראָז!

כאָטש אוראָם מעהודין איז געווען זיכער, אַז זיי זײַנען טאַקע געקומען צו זייער נײַער היים, דאָך האָט ער געהאַלטן אין איין זוכן נאָך אייניקע סימאָנים, וועלכע זאָלן אים איבער־צײַגן, אַז ער האָט ניט קיין טאָעס. נאָר אָדער די רעגנס האָבן צעשווענקט די סימאָנים, אָדער די סימאָנים זײַנען פאַרוואַקסן געוואָרן מיט גראָז,— געפינען זיי איז געווען אומעגלעך, דע־ריבער האָט אוראָם באַשלאָסן אָפּזוכן אינעם אַרומיקן סטעפּ דאָס איינציקע שטיבל, וואָס דאַרף זײַן א פּאָר ווערסט פון די מאָהילקעס.

— כ׳וועל זיך דורכגיין אַהין א זוך טאָן דאָס שטיבל,— האָט אוראָם געמאָלדן.— אויב איך וועל עס אָפּזוכן, הייסט עס, אַז מיר זײַנען טאַקע געקומען אויף אונדזער ערד.

— איר געדענקט, ווּ דאָס שטיבל געפינט זיך?— האָט א פרעג געטאָן יוינע.— מע דאַרף גיין אויף רעכטס פון די מאָהילקעס און נאָכדעם אויף לינקס; ווען איר וועט דורכגיין דאָס באַל־קעלע, וועט איר גלײַך דערזען דאָס שטיבל.

אַלטע טוישווים האָבן דערציילט אוראָמען מיט יוינען, אַז דאָס שטיבל האָט מען נאָך אויסגעבויט אין די יאָרן, ווען אין די היגע סטעפּעס האָט באַלעבאַטעוועט די פּריצטע ליוס־טיכע, ווען די קיניגן יעקאַטערינע די צווייטע האָט אַמאָל געשאַנקען די דאָזיקע ערד־מאַ־סיוון. דאָ, אויף די סטעפּעס, האָבן זיך געפּאַשעט אירע אָנצאָליקע אָטאַרעס שאָף. דאָס שטיבל מיט די גרויסע זאַגאַנעס, וועלכע זײַנען געווען דערבײַ אויסגעבויט, האָבן געדינט פּאַר אַן אָפּ־שטעל־אָרט, וווהין די פּאַסטעכער פלעגן זיך צונויפקלײַבן מיט זייערע סטאַדעס אויף אָפּרו. דאָס איז אויך געווען זייער שוץ־אָרט אין א געוויטער און רעגנס.

מיט דער צײַט איז דאָס שטיבל שטאַרק כאָרעוו געוואָרן און ווײַנען דאָרט האָט מען ניט געקענט.

— איך מיין, אַז מע דאַרף פונדעסטוועגן א קוק טאָן, צי עפּשער קאָן מען דערווײַל דאָרטן באַזעצן זיך,— האָט געזאָגט אוראָם.

— ריכטיק,— האָט אים אונטערגעהאַלטן יוינע.— קומט צוזאַמען, און מיר וועלן באַשטי־מען, וואָס צו טאָן.

— איך וויל אויך גיין,— האָט פאַרגעלייגט פּיניע יעגעס.— איך וועל העלפן מאַכן דאָרט אָן אָרדענונג.

— קומט!— האָט געזאָגט אוראָם.— מ׳דאַרף פאַרכאַפּן מיט זיך אַן עמער מיט א טשײַניק, מיר וועלן ברענגען פון דער דערבײַיִקער דײַטשישער קאָלאָניע א ביסל וואַסער און אויפזידן אָקרעפּ.

— נאָך וואַסער וועל איך גיין!— האָט אויסגעשריִען איליוסיק.

ער האָט געכאַפּט אַן עמער מיטן טשײַניק און אוועק צוזאַמען מיטן טאַטן, מיט יוינען און פּיניען.

דערזען פונווײַטן דאָס שטיבל, האָט אוראָם מיט א פריידיק קאָל אויסגעשריִען:

— אָט, אָט איז דאָס! איצט זע איך, אַז מיר זײַנען טאַקע געקומען אויפן אָרט, ניט ווײַט פונדאַנען איז די דײַטשישע קאָלאָניע.— ער האָט אויסגעדרייט זיך צו איליוסיקן און צוגע־געבן:— אָט דאָרט, אויף רעכטס, איז די קאָלאָניע, נאָר איך מיין, אַז דיר וועט זײַן שווער דערטראָגן דאָס וואַסער.

— ס׳וועט מיר ניט זײַן שווער. איך וועל אָנעמען ניט קיין פולן עמער. ביז איר וועט צוקלײַבן, וועל איך שוין קומען צוריק.

— וואַרט צו, וועלן מיר צוזאַמען גיין,— האָט אוראָם געפּרוווט פאַרהאַלטן איליוסיקן, נאָר יענער איז שוין אוועקגעלאָפן.

ניט ווײַט פונעם וועג האָבן זיך געשפּרייט קוקורוזע־ און זונרויזן־פעלדער. אָפּגעשטעלט זיך א פּאַרגאַפּטער, האָט איליוסיק אָנגעהויבן אײַנקוקן זיך אין די גלײַכע רייען זונרויזן, מיט די שווער־אַראָפּהענגענדיקע קעפּ, און אין די הויכע שטענגלעך קוקורוזע. ער האָט דאָס אויג

ניט געקענט אַפּרײַסן פון די פעלדער. אָבער צורירן זיך צו א שטענגל קוקורוזע אָדער צו א זונרויז האָט ער ניט געוואָגט.

נאָך די קוקורוזע־ און זונרויזן־פעלדער האָבן זיך אוועקגעצויגן געל־רײַפע פאַסן לײַן און קאַנאָפּליע, וועלכע ער האָט קײנמאָל ניט געזען. און גלײַך דערבײַ האָבן זיך באוויזן אָף לאַנגע, קימאַט פּאַרוויאַנעטע הודענעס ווײַסע, טונקעלע און געשטרײַפטע קאַוועס, העל־געלע דינעס.

די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן זעצן, און איליוסיק איז אַלץ געשטאַנען און געקוקט אָף די וווּנדערלעכע פעלדער, וועלכע האָבן אומדערוואַרט אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אין זײער גאַנצער פּראַכט. נאָר דער געדאַנק, אַז ס׳קאָן ווערן פינצטער און ער וועט דעם וועג צוריק ניט געפינען, האָט געצווונגען גײן ווײַטער.

ארײַנגעגאַנגען אין קאָלאָניע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אָף א ברײטער, גלײַכער גאַס און געגומען באַקוקן די גערעמע באַלעבאַטישע, ארומגעצוימטע מיט ווײַסע שטײנערנע פּאַרקאַנס, הויפן, וועלכע זײַנען געלעגן פון בײדע זײַטן גאַס. ער האָט ניט געקענט באַשטי־מען, אין וועלכן הויף אַרײַנגײן. געווען זײַנען די הויפן, ווי אײן טראָפּן וואַסער, ענלעך אײ־נער אָפן צווייטן. אין די פּאַליסאַדניקעס זײַנען, לויט א שטרענגן סײדער, געווען אויסגעזעצט פּרוכט־ביימער, הינטער וועלכע ס׳האָבן זיך קוים אַרויסגעזען די הײַזער, געדעקטע מיט טשע־רעפּיצע אָדער מיט שינדל. אין הינטערגרונט זײַנען געווען ערטער פאַרן לאַנדווירטשאַפט־לעכן אינווענטאַר און פון בײדע זײַטן ברײטע קלוניעס, וועלכע זײַנען געווען ארומגעשטעלט מיט סקירדעס שטרוי, היי און קוקורוזע־שטענגלעך.

ארומגעדרייט זיך א ווײַלע, האָט איליוסיק דערזען אין אײנעם פון די הויפן א ברונעם. ער האָט לײַכט אָן עפּן געטאָן די קאַליטקע און איז ארײַן אין הויף.

דערשפּירט א פּרעמדן מענטשן, האָט זיך צעבילט א הונט. פון שטוב איז ארויסגעשפּרונ־גען אין אײן קאַמזויל א דיקער מאַנצבל, מיט א גרויליך בערדל. ער האָט באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס איליוסיקן און בייז געפרעגט:

— וואָס דאַרפסטו?

— איך האָב געוואָלט בעטן בא אײַך א ביסל וואַסער.

— ווער ביסטו?

— מיר זײַנען ערשט אָנגעקומען אהער... מיר זײַנען איבערוואַנדערער.

— וועלכער רועך האָט אײַך געבראַכט אהער, דאַנער וועטער, טײַוולאָנים פאַרשאָל־טענע! — האָט דער באַלעבאָס זיך צעליאַרעמט. — טראָגט זיך אָפּ פונדאַנען, אײַער פוס זאָל דאָ מער ניט זײַן!

די אומגעריכטע זידלערײַען האָבן איליוסיקן אָפּגעבריט ווי מיט אָקרעפּ. ער איז ארויס־געשפּרונגען פון הויף. אין דער זעלבער רעגע איז פון שטוב, אָן א היטל, ארויסגעלאָפן פּאָול — דעם באַלעבאָס׳ זונדל — א בלאָנד, דאַר באָכערל מיט א לאַנג, אויסגעצויגן פּאָנעם.

— טרײַב אים דורך, דעם פּרעמדן יונגו! — האָט דער באַלעבאָס א געשריי געטאָן. — טײל אים אזוי ארײַן, אז ער זאָל פאַרגעסן דעם וועג אהער.

— ווער איז ער?.. נאָך וואָס איז ער געקומען?

— א שלעפּער.

פּאָול האָט ארײַנגעלייגט צווײ פינגער אין מויל, הילכיק א פײַף געטאָן. פון הויף איז ארויסגעשפּרונגען א גרויסער גרויער הונט, וועלכן דער באַלעבאָס האָט אָפּגעלאָזט פון קייט. דער הונט האָט זיך געלאָזט לויפן צו איליוסיקן.

— נעם אים! נעם אים! — האָט פּאָול מיט א פאַרשײַט געלעכטערל אָנגערייצט דעם הונט.

דער הונט האָט זיך אײַנגעביסן אין איליוסיקס הויזן, צעריסן זײ און צעביסן א פוס. פון א צווייטן הויף איז ארויסגעלאָפן א מאַנצבל מיט א שטעקן און אָנגעהויבן אָפּטרײַבן דעם הונט.

— פּאַשאָל וואָן! א ניכפּע אָף דיר!

דער הונט איז אָפּגעלאָפן א ביסל, אָבער פּאָול האָט אים געפּרוווט נאָכאַמאָל אָנרייצן. דער מאַנצבל האָט פאַרמאָסטן זיך מיט זײַן שטעקן אָף פּאָולן און אָנגעהויבן אים זידלען:

— עך, דו, דומער קערל! וואָס רייצסטו דעם הונט? וואָס האָסטו צום יונגו! נעם צו דעם הונט, אַניט טײט איך דידן!.. איך גײ באַלד צו דײַן פאָטער... אויב ער וועט דיר ניט ארײַנ־טײלן ווי עס באַדאַרף צו זײַן, וועל איך זען, מע זאָל זיך מיט אײַך בײדן אָפּרעכענען.

— וואָס קריכט ער צו אונדז אין הויף, דער שנאָרער? — האָט פּאָול זיך געפּרוווט פאַרענטפערן.

— ער האָט באַ דיר עפּעס צוגענומען, צי וואָס? — האָט ניט אופגעהערט בייזערן זיך דער מאַנצבל.

— ער האָט ניט וואָס צו טאָן באַ אונדז.

— עפּשער האָט ער געדאַרפט עפּעס... האָסט דאָך געקענט פרעגן, וואָס ער וויל, און ניט אָנרייצן דעם הונט...

דער מאַנצבל האָט זיך אויסגעדרייט צו אילויסיקן און געפרעגט:

— ווער ביסטו?.. וואָס האָסטו געדאַרפט באַ די מענטשן?

— איך בין אַרײַנגעגאַנגען אין הויף בעטן אַ ביסל וואַסער, האָט דער באַלעבאָס מיך דורכגעטריבן און געהייסן אָנרייצן דעם הונט, — האָט אילויסיק געענטפערט.

— אַזוי גאָר! דער פאָטער, הייסט עס, האָט געהייסן אָנרייצן דעם הונט, — איז דער מאַנצבל געוואָרן אופגעבראַכט. — ס'איז אומגעהערט — ניט וועלן געבן אַ ביסל וואַסער!..

6

ס'האָט שוין אָנגעהויבן רעכט טונקל ווערן, און אילויסיק האָט זיך אַלץ ניט אומגעקערט. אוורהאָם איז געווען אויסער־זיך.

— וווּהין האָט ער געקאָנט אַהינקומען? צי דען האָט ער פאַרבלאָנדזשעט? — האָט אוורהאָם באַאומרויִקט זיך. — כ'האָב, דאַכט זיך, גוט דערקלערט דעם וועג... עפּשער האָט עפּעס מיט אים פּאַסירט? איך לויף באַלד אַהין.

מיטאַמאָל האָט אין דער שטילקייט, וועלכע האָט געהערשט אַרום אין סטעפּ, זיך דער־הערט אַ קאָל:

— אָט איז ער דאָך...

— ווו? ווו איז ער?

צוגעלאָפן צו אים, איז אוורהאָם אַ רעגע געבליבן שטיין און פון אופרעגונג קיין האַלב וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען.

— ווו ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן?.. מיר האָבן דאָך שוין ניט געוווּסט וואָס איבערצו־טראַכטן.

— ס'איז גאָרנישט, טאַטע, איך בין...

אין דרויסן איז שוין געווען טונקל, נאָר אוורהאָם האָט גלײַך דערזען, אַז די בגאָדים באַם זון זײַנען שטאַרק צעריסן און אַז ער איז פאַרבלוטיקט.

— וואָס איז מיט דיר געשען? ווער האָט עס דיך אַזוי צעמאַזיקט און צעריסן?

— די... די...

אילויסיקן האָט פאַרשלאָגן דער אָטעם, און ער האָט נאָר געקאָנט איבערכאַזערן איינס און דאָס זעלבע: „די... די...״

אַ צעטראָגענער, איז צוגעלאָפן שלוימע פּאַפּעליוכע און, ווענדנדיק זיך צו אוורהאָמען, אַ פרעג געגעבן:

— נו, ער האָט זיך אָפּגעזוכט, דער באַכערעץ?

דערזען אילויסיקן, האָט ער אויסגעשריִען:

— ער איז דאָך אינגאַנצן צעבלוטיקט, מאַכט אַפּגיך אַן אָרט און לייגט אים אַוועק, זאָל ער קומען צו־זיך.

אוורהאָם איז אַרײַנגעלאָפן אין שטיבל, געמאַכט אַ געלעגער און אַוועקגעלייגט אילויסיקן. ער האָט אַרויסגענומען פון אַ פּעקל אַ ווײַסן האַנטעך, איבערגעבונדן דעם זון די פוס. אילוי־סיק איז אינגיכן אײַנגעשלאָפן.

— ווער האָט עס אים אַזוי צעבלוטיקט? — האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו־זיך אוו־ראָם. — וואָס טוט מען? וווּהין לויפט מען זוכן הילף אין סטעפּ אינמיטן נאַכט?

— נישקאָשע, רעב אוורהאָם, ער וועט זיך אויסשלאָפן, וועט, מירצעשעם, ווערן גרינ־גער, — האָט אים געפרווווט באַרויִקן שלוימע פּאַפּעליוכע.

פאַרטאָג האָט אילויסיק זיך אופגעכאַפּט און דערציילט אַלץ, וואָס ס'האָט מיט אים פּאַ־סירט.

— וועלף זײַנען עס דאָך, ניט קיין מענטשן, — האָט אוורהאָם אופגעבראַכט אויסגעש־ריִען. — וועלף! עמעסע וועלף!

דערהערנדיק אַ געשריי, האָט פיניע יעגעס אַ פרעג געגעבן פון שלאָף:

— וואָס פאַר וועלף?

— ערגער פון וועלף! — האָט אווראָם געענטפערט. — איבער א ביסל וואסער אָנרייצן א הונט...

עס האָבן שוין אויך זיך אופגעכאפּט יוינע שטעפער, שלוימע פאפעליוכע, סענדער קלאפּ־טער.

— ווער האָט עס א הונט אָנגערייצט? — האָבן זיי געפרעגט.

— זעט איר דאָך, ס'האָט זיך געפונען א מענטש מיט אזא כּײַיש הארץ, — האָט געענט־פערט אווראָם. — ווען ניט איינער, וועלכער האָט מיט א שטעקן אָפּגעטריבן דעם הונט, ווייס איך ניט, וואָס עס וואָלט געווען מיט איליוסיקן.

— הייסט עס דאָך, אז ניט אלע זײַנען אזעלכע שלעכטע, — האָט געזאָגט פּיניע יעגעס.

— ווערסט דערקענען, ווו ס'ווינט דער רעצייעך, וועלכער האָט אָנגערייצט דעם הונט? — האָט בא איליוסיקן געפרעגט יוינע שטעפער.

— אוואדע וועל איך דערקענען.

— איז לאָמיר גיין, — האָט פאַרגעלייגט יוינע שטעפער. — עפשער איז אין קאָלאָניע פאראן א פעלדשער אָדער א דאָקטער... פרי:ער פאר אלץ דארף מען ארײַנגיין אין דאָרפסראט. דאָרטן וועלן מיר אלץ דערציילן און וועלן באקומען הילף.

— קומט! גיכער קומט! — האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט אווראָם.

כאָטש איליוסיק איז געווען אָפּגעשוואכט און די ווונדן האָבן אים געשמארצט, האָט ער זיך געלאָזט גיין מיטן פאָטער, יוינען און סענדערן. דעם וועג ביז דער קאָלאָניע זײַנען זיי דורכגעגאנגען גיך.

— אָט דאָ ווינט ער! — האָט איליוסיק אָנגעוויזן אפן הויף פון באלעבאָס מיטן הונט.

אווראָם האָט אָן עפן געטאָן די קאליטקע, א קוק געגעבן אינווייניק. דער הונט האָט זיך א ריס געטאָן פון קייט און אָנגעהויבן בילן. אווראָם האָט זיך אויסגעזידלט און אוועק ווײַטער.

באם ארײַנגאנג אין א שטיינערנעם מאסיוון מויער מיט א גרינעם בלעכענעם דאך איז געהאנגען א שילד, וווּ ס'איז געווען אָנגעשריבן עפּעס אף דײַטש. לויטן סערפּ און האמער, וואָס איז געווען אָנגעמאָלט אף איר, האָט מען פארשטאנען, אז דאָס איז דער דאָרפסראט.

— יאָ, דאָס איז טאקע דאָ, — האָט יוינע באשטעטיקט. — איר זעט דאָך, אז אין הויף זײַנען ניטאָ קיין שום סימאָנים פון באלעבאטישקײַט.

יוינע האָט האסטיק געעפנט די דרויסנדיקע טיר און איז ארײַן אין א האלב־טונקעלן קאָרידאָר, וועלכער האָט געפירט דירעקט צום פאָרזיצערס קאבינעט. אווראָם, סענדער און איליוסיק זײַנען אים נאָכגעגאנגען פוסטריט.

אריבערגעטראָטן די שוועל פון קאבינעט, האָט יוינע זיך באגריסט מיטן פאָרזיצער — א הויכן, דארלעכן מאנצבל, מיט א טונקעלן גרויען טשוב.

דער היפּש אָפּגעטראָגענער מיליטערישער קיטעל, וואָס איז געווען אף אים, און די בור־דיאָנאָווקע, וועלכע איז געלעגן אפן טיש, האָבן איידעס געזאָגט, אז זייער באלעבאָס איז אויך א בודיאָנאָוועץ, אזוי ווי יוינע. נאָר איידער יוינע האָט אָנגעהויבן פארפירן מיט אים א באקאנטשאפט און געזאָגט, ווער ער איז, האָט שוין אווראָם אָנגעהויבן:

— מיר זײַנען געקומען אהער באזעצן זיך אף ערד... נעכטן האָב איך אוועקגעשיקט מײַן זון נאָך א ביסל וואסער...

— יאָ, יאָ... איך ווייס שוין וועגן דעם שענדלעכן פאל... כ'האָב זיך געקליבן צופאָרן צו אײַך און אָפּפירן דעם יונגלינג צום דאָקטער. גייט, ביטע, גלײַך אין אמבולאטאָריע, דאָס איז די דריטע שטוב פונדאנען.

ביז אווראָם מיט איליוסיקן האָבן זיך צוריקגעקערט פונעם דאָקטער, האָט שוין יוינע זיך דורכגערעדט מיטן פאָרזיצער, אויסדערציילט וועגן אלע איניאָנים.

— איר זײַט געווען באם דאָקטער? — האָט דער פאָרזיצער, אָפּווענדנדיק זיך פונעם שמו־עס מיט יוינען, א פרעג געגעבן בא אווראָמען.

אווראָם האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— יאָ, א דאנק. מ'האָט דעם זון איבערגעבונדן די ווונד און געמאכט אן אײַנשפּריץ.

— דער בירגער, וועלכער איז באגאנגען דעם שענדלעכן טאט, וועט געשטעלט ווערן פארן געריכט.

— זייער גוט, זייער גוט! — האָט אווראָם אויסגעדריקט זײַן צופרידנקײַט. — מע דארף אזעלכע אָנלערנען.

— דערציילט, וויאזוי האָט איר זיך אײַנגעאָרדנט? און וואָס נייטיקט איר זיך? — האָט אים געפרעגט דער פאָרזיצער.

— מיר געפינען זיך דערוויַיל צווישן הימל און ערד, — האָט זיך אָפּגערופן אווראָם. — דער כאַווער שטעפּער האָט אײַך שוין, מיסטאמע, דערציילט אלץ וועגן אונדז... איר ווייסט שוין, מיסטאמע, אז מיר גייען אויס נאָך א טראָפּן וואסער.

— מיט וואסער וועלן מיר אײַך באַזאָרגן, — האָט פאַרזיכערט דער פאָרזיצער. — ס'וועט אײַך זײַן וויַיטלעך צו טראָגן, נאָר ביז איר וועט אויסגראָבן א ברונעם אין אײַער קומענדיקן ייִשעוו, וועט מען מוזן א ביסל זיך איבערמאטערן.

— דערוויַיל איז אָנגעקומען אין סטעפּ ניט קיין גרויסע גרופּע, — האָט פאָרגעזעצט אווראָם. — מיר דאַרפן שאַפן באַדינגונגען, אז פריילינג זאָלן קאָנען קומען די איבעריקע מיטגלי־דער פון קאָלעקטיוו. מיר מוזן דרינגענדיק צוטרעטן בויען הײַזער און שטאַלן, קריגן אינ־ווענטאר, זריִע...

— וועגן דעם אלץ וועט מען זיך דאַרפן צונויפריידן מיטן באַפולמעכטיקטן, — האָט גע־מאָלדן דער פאָרזיצער. — כ'וועל זיך באַמיִען מאָרגן קומען צו אײַך, און מיר וועלן צוזאמען צופאָרן צו אים אין אויספּירקאָם.

דער פאָרזיצער האָט זיך אופגעהויבן, צוגעגאַן צום פענצטער און, אָנווײַזנדיק מיטן פינ־גער, צוגעגעבן:

— אָט איז אונדזער געזעלשאַפטלעכער ברונעם. איר זעט? — האָט ער אָנגעוויזן מיט א פינגער. — וואסער קענט איר נעמען, וויפל איר דאַרפט.

סענדער מיט איליוסיקן זײַנען אוועק צום ברונעם, און אווראָם מיט יוינען האָבן נאָך לאנג גערעדט און געייצעט זיך מיטן פאָרזיצער פון דאָרפסראַט, וויַאזוי אָנצוהייבן בויען דאָס לעבן אין סטעפּ.

(פאָרזעצונג קומט)

בראָניק

נײַס פון אויסלאנד

א זאמלונג פון ייִדישן פאָלקלאָר אין איראַן

דער ייִדישער ייִשעוו אין איראַן איז אלט צוויי טויזנט יאָר. לעצטנס איז דערשינען א זאמלונג פון ייִדישן פאָלקלאָר אינעם לאנד — 500 לעגענדעס, דערציי־לונגען, פאָלקסווערטלעך.

געטעס „פאוסט“ אין א נײַער העברעיִשער אופלאַגע

אין פארלאג „דביר“ (ייִסראָעל) איז דערשינען א נײַע אופלאַגע פון געטעס „פאוסט“. דאָס ווערק איז ארויסגעגעבן אין צוויי באַ־זונדערע טיילן מיט באמערקונגען און אנאָטאציעס. ●

דער מאַגיסטראַל = מאָטיוו
פון דער פאַרגעשריטענער ייִדישער ליטעראַטור
אין אויסלאַנד —
קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט,
טרײַהייט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד

דאָס ליכט פון די סאָוועטן באַהויכט די וועלט. די אַקטן פון די סאָוועטן האָבן געעפנט נײַע זון־באַלויכטענע האָריזאָנטן פאַר די אויגן פון דער מענטשהײַט. זאָלן די סאָנים בושעווען — פרײַהײַט מאַרשירט. נאַציאָנאַלע באַפרײַונג פאַרצייכנט נײַע געווינסן.

מיר באַגריסן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. איך בין זיכער, אַז איך רעד ניט נאָר אין מײַן נאָמען, נאָר אין נאָמען פון מיליאָנען פון די, וואָס געהערן צו נאַציאָנאַלע גרופּן אין די פאַרייניקטע שטאַטן, ווען איך זאָג:

זאָל לעבן דער סאָוועטנפאַרבאַנד, דער באַפרײַער פון אונטערדריקטע פעלקער!
זאָל לעבן דער קאָמוניזם!

מוישע אָלגין

אַווראָם רייזען

קאַרל מאַרקס

ניט זאָג: ער איז אַ געלערנטער,
זײַן וואָרט איז קאַלט און ניכטער;
ער איז געווען אַ טרוימער,
ער איז געווען אַ דיכטער!

און זײַנע דיקע ביכער
שווער מעגן זײַן פאַר וועמען,
דאָך האָבן זיי באַגײַסטערט
די מענטשהײַט, ווי פּאָעמען.

ניט מיין, אַז דער איז דיכטער,
וואָס ציילט דעם הימלס שטערן;
אַ דיכטער איז אויך יענער,
וואָס ציילט פון ערד די טרערן.

ער האָט געציילט די שטונדן
די איבעריקע, וואָס מיר קנעכטן,
און האָט געציילט דעם מערווערט,
וואָס קומט אָן צו דעם שלעכטן.

ער האָט די פאַלשע אָרדענונג
מיט קאַלטע הענט צעגלידערט
און האָט די וועלט דערוואָרעמט
און אַלע אונדז פאַרברידערט.

ער האָט אַראָפּגעריסן
די מאַסקע פון פאַרפרומטע
און האָט פון מויל די שלעסער
געעפנט פון פאַרשטומטע.

ער האָט באַפרײַט די אָרעמע
פון דומען בלינדן גלויבן
און האָט זיי דעם גאַניידן
געוויזן דאָ, ניט אויבן...

זײַן לערע האָט פאַרגאָסן
די וועלט מיט ליכט און שטראַלן,
און מאַנכער שטראַל אין קעלער
איז אויך אַרײַנגעפאַלן.

און אַלע די פאַרשעמטע,
זיי האָבן מוט באַקומען
און מיט פאַריאָכטע אָרעמס
אין קאַמף אַרויסגעקומען.

און איז דער כוישעך איצטער
געוואָרן נאָך געדיכטער —
זײַן שטראַל וועקט אַלע הערצער
און רוט אָף די געזיכטער.

מאָריס ווינטשעווסקי

פון דער ליד „פאַרן קלינג״

זינג־זאַנג, קלינג־קלאַנג —
הערט,קינדער, איך זינג
אײַך א ליד מיט א קלאַנג;
זינג א נײַעם געזאַנג
פאַר קלאַנג פון א קלינג
פאַרן קלינג פון א שווערד,
פון א מעכטיקן רעגן,
וועלכער רייניקט די ערד.

— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

איצט הערט, ליבע קינדער,
א ניגן א נײַעם,
א ליד פאַרן גרינדער
פונעם לעבן דעם פרײַען,
א שיר פאַרן פלאַנצער
פון א נײַעם „אייץ־כאַים״[1],
א „לאַמנאַצייאַך״־געזאַנג
פאַרן קלינג מיט זײַן קלאַנג.

[1] לעבנס־בוים.

א מיזמער פאַר זיי, פאַר די רויטע
כאַיאַלים;
א קאַדעש נאָך זיי, נאָך די טויטע
טײַוואָלים.
זינג־זאַנג, קלינג־קלאַנג!
זאָל לעבן דאָס לעבן,
באַגלייט פון געזאַנג;
זאָל לעבן דאָס שטערבן
מיט ליבע, מיט לוסט;
זאָל לעבן און געבן
די פרייד אין דער ברוסט,
אין אויגן דאָס ליכט,
די פאַרב אין געזיכט,
די קראַפט אין דער האַנט,
צו בויען דאָס לעבן
מיט קונסט, מיט פאַרשטאַנד,
צו מאַכן די וועלט
פאַר א פרײַהײַטס־געצעלט,
פאַר איין־אײַנציקן ראַטנפאַרבאַנד.

מוישע־לייב האַלפּערן

האַמער, סערפּ און שטערן

א לויב דער קראַפט אין דער מאָרגן־זון,
דער קראַפט — אונדזער ברידערשאַפט;
א לויב דעם יאַם און די כוואַליעס די בערן,
די רויטע גלײַענדיק־ריזיקע בערן,
וואָס טאַנצן צום לעצטן, צום לעצטן שטערן,
צום מאָרגן־שטערן, צום מאָרגן־שטערן.
א לויב, א לויב דער קראַפט.

א לויב דער פויסט אין דער מאָרגן־זון
באַם האַמער, באַם ערשטן הויב;
א לויב צו די האַמערס, וואָס זינגען צוזאַמען,
אין אַלע געזונטע פויסטן צוזאַמען,
ווי כוואַליעס פון יאַם צו דער זון אין פלאַמען,
צו דער מאָרגן־זון אין וואַלקן־פלאַמען, —
א לויב דעם האַמער, א לויב.

א לויב דעם פעלד אין דער מאָרגן־זון
און דעם סערפּ, דעם שניטערס הערב;
א לויב צו די טויזנט מילך, וואָס זינגען,
ווען פורן און באַנען און שיפן שפּרינגען
מיט ברויט איבער יאַם און לענדער שפּרינגען, —
א לויב, א לויב דעם סערפּ.

א לויב דער פאָן, וואָס ברילט אונדזער ליד.
איבער טײַוול, גאַט און טראָן;
א לויב דיר, ברודער, דו אונדזער געטרײַער,
וואָס שפּאַנט פאָרויס מיט דער פאָן, א געטרײַער,
פאָרויס מיט דער פאָן קעגן פײַנט און פײַער.
אונדזער בלוט אין קאַמף, אונדזער האַרץ
אין פײַער —
די פאָן, די פאָן, די פאָן.

ה. ל ײ װ י ק

אָקטיאַבער־לאַנד

קיינמאָל אין קיינעם אַזוי גוט ניט געווען, ווי איצטער, צו שטיין און קוקן אַף לאַנג־לאַנג אַראָפּגעפאַלענע פאַרפאַראַרענע שנייען.
וואָרעמקײַט שלאָגט אין אַלעמענס גלידער; זומער אָטעמט מיט ווייכקײַט איבער אַלע־מענס ברעמען.

א וווּנדערלעכער אָקטיאַבערדיקער זומער אין א מיטן פון אַן אָקטיאַבערדיקן האַרבסט.
איין אָקטיאַבער־זומערדיק לאַנד אין א מיטן פון אזא כמורנער, פאַרצווייפלטער, פאַר־וואַלקנטער וועלט.

בלי, אָקטיאַבער. שיט מיט ווײַסע בליִוּנגען איבער אַלעמענס אַקסלען. איבער די ברע־מען פון אַלעמענס אויגן.

און אויך איבער מײַנע.

פונעם אַרײַנפיר צו דער לידער־זאַמלונג „שניי אַראַפּגעפאַלענער"

מ ו י ש ע נ א ד י ר

מיר — די גערעכטע

מיט קייטן
זײַנען מיר אַף דער וועלט געקומען,
מיר — שקלאַפן.
מיט טרומייטן
וועלן מיר פון דער וועלט אַוועקגיין,
מיר — פרײַע מענטשן!

מיט שווערדן־פלאַם האָבן מיר די שווערד צעבראָכן,
מיר — געפּײַניקטע,
מיט פרײַע, געדולדיקע אַקסלען, ווי א וואָג פאַר גערעכטיקייט,
וועלן מיר די וועלט טראָגן,
מיר — די גערעכטע!

* * *

הויכער רײַטער אַפן פערד!
אָ, הויכער רײַטער אַפן פערד!
לאָמיך צושטעלן א לייטערל צו דײַן זייער הויכן פערד.
אָ, נעם מיך מיט, הויכער רײַטער, אַף דײַן הויכן פערד.
מירןביידע רײַטן, הויכער רײַטער.
מירן ביידע טרומייטערן, הויכער רײַטער,
אַף אונדזער גרויסן טרומייט,
וואָס לאַכט צו דער זון.

מירן זיך ביידע טיילן מיטן בלישטש פון מעשענעם טרומייט,
מירן ביידע רײַטן דורך צעשפּאָלטענעם טאָג,
מירן ביידע טראָגן דעם טאָג
אַף אונדזער הויכן פערד.

דער רויטער רײַטער רײַט אַף א פערד
מיט שאַרפע שפּאָרן.
הויכער רײַטער! דײַן פערד האָט הויכע פיס —
דו האָסט א הויכן ווילן,
א הויכע פרייד איז אין דײַנע אויגן,
די וועלט ליגט דיר פאַרויס —
פאַרויס, פאַרויס, פאַרויס!

איציק מאנגער

אָקטיאַבער־באַלאַדע

ציטערט אויף אַ קאָפּ באַם פענצטער,
און צען הארטע פינגער קלאַפּן:
„היי, געננג דאָרט אין דער פינצטער
אַף דער פוילער שטרוי צו כראָפּען!

רוסלאַנד פיבערט אויס אַ פרילינג,
קומט ארויס דעם פרילינג הערן!
עמעס, ס׳פאַלן געלע בלעטער,
אָבער ס׳בליִען רויטע שטערן".

אין דער שווארצער טונקלער כורווע
ציטערט אויף אַ באָרד אַ ווײַסע:
„רויטע שטערן, זאָגסטו, בליִען —
גיי, דו שאַקרען, ס׳איז אַ מײַסע.

רויטע שטערן זײַנען כאָלעם,
געלע בלעטער זײַנען וואָר.
האָסט מײַן ווײַסע באָרד דערשראָקן,
גיי צו אַלדי שווארצע יאָר!"

שטייט דער קאָפּ באַם צווייטן פענצטער,
און צוויי הארטע פויסטן קלאַפּן:
„היי, געננג דאָרט פון דער פינצטער
אַף דער פוילער שטרוי צו כראָפּען".

שפּרינגט אַ יונג אין זײַן געלעגער.
„פרילינג, זאָגסטו, אין אָקטיאַבער
איבער אונדזער ווײַסן לאַנד...
רויטע שטערן... עמעס, עמעס...
און ער כאַפּט די ביקס פון וואַנט.

שטייען צוויי באַם דריטן פענצטער,
און פיר הארטע פויסטן קלאַפּן:
„היי, געננג דאָרט אין דער פינצטער
אַף דער פוילער שטרוי צו כראָפּען.

רוסלאַנד פיבערט אויס אַ פרילינג,
קומט ארויס דעם פרילינג הערן!
עמעס, ס׳פאַלן געלע בלעטער,
אָבער ס׳בליִען רויטע שטערן".

צען און הונדערט סילועטן
שפּאַנען אַפּן שווארצן שליאַך
ס׳פרעסט דער הונגער זייער דערפל,
און דער טרויער זייער דאַך.

ווײַסע מאַמעס אַף די שוועלן —
שווארצע וויזיעס פון דער נויט,
נאָר די ביקס הענגט אַפּן אַקסל
און דער שטערן פיבערט רויט.

טונקל פארבן זיך די פעלדער.
טונקל פארבן זיך די וועגן.
פלאַטערט זיי אַ שווארצער פויגל,
ווי אַ וואָרענונג אַקעגן.

ווייסן זיי: ס׳איז דער טרויער
פון דעם רוסיש־ברייטן סטעפּ.
ווערן זייערע אויגן טונקל
און געבויגענע די קעפּ.

היי, דו פויגל, שווארצער פויגל,
דו דערמאָנסט אונדז אונדזער היים
מיטן קלויסטער דעם גרינעם,
און די שטיבעלעך פון ליים.

אָן די שוועסטערלעך די קליינע
מיט די ווײַסע פלאַקסן־צעפּ,
וועלכע וויינען מיטן אָוונט
איבער אונדזער ברייטן סטעפּ.

פלאַקערט רויטער אויף דער שטערן,
ווערט דער שווארצער פויגל רויט.
זינגען זײַנע ברייטע פליגל:
„היי, ניצאָכן, אָדער טויט!"

הונדערט שארפע מאַסקעס שוועבן
דורך דער טיפער נאַכט פארבײַ,
און די דערנער ווערן ביקסן,
און די כמארעס ווערן בלײַ.

„היי, דו פויגל, רויטער, פויגל,
היי, דו פויגל, פלי געשווינד,
פלי אַדורך אונדזער דערפל —
דו און דער אָקטיאַבער־ווינט.

ס׳איז אַ כאָלעם אופגעגאַנגען
איבער אונדזער ווײַסן לאַנד,
און מיר גייען אים דערגרייכן
מיט די ביקסן אין דער האַנט.

יִיצחאָק ראָנטש

לעניןָ-רייען

זיי שטייען הונגעריקע און פארפראָרענע
אין רייען, ווארטנדיק אָף ברעקלעך פון די זאַטע,
נאָר צווישן בליקן שטארע און פארלאָרענע
ביילן פויסטן שוין זיך ניי־געבאָרענע.

עס גרייט זיך אָפּגעצערטער פראָלעטאריער,
וואָס האָט אין לענינען דערפילט א כאַווער.
עס ווארט א וועלט, וואָס בעט זיך: קום און נעם,
באפרײַט פון קלעם, צעפרעסענעם פון זשאָווער.

פאר יעדן בעטנדיקן ווײ־געשריי,
פון האָריקע, פאַרהאָרעוועטע הענט,
איז דאָ א שטאָליק־פעסטע לענין־ריי,
וואָס שטורעמט סוינעס וואַקלענדיקע ווענט.

זישע ווײַנפּער

אײַניינעם

אזוי ווי די פידל
אין האנט פונעם פידלער,
אזוי אויך דער רידל
אין האנט פונעם רידלער.

און ווער בא דעם קוימען,
און ווער בא דעם טראַקטאָר,—
עס נעמט אײַן די רוימען
א מענטש א געוואַגטער.

די האמערס, זיי קלעפּלען
אָף ווענט און אָף דעכער,—
דאָס לאנד נעמט זיך טרעפלען
אלץ העכער און העכער.

א ייִד מאכט דאָרט שיכלעך,
און דער, וואָס שרײַבט ביכלעך,
איז אויך נישט קיין פרעמדער.
קומט אָוונט, באם פײַער
מע זעצט זיך אײַניינעם,—
גערעטן איז האיאר,
עס פעלט גאָרנישט קיינעם.

די אויפּעס, די רינדער
אין ליבשאפט זיך פּאָרן,
עס שפילן זיך קינדער
מיט בלימלעך אין קאָרן.

און לייגט מען זיך שלאָפן,
דער שלאָף איז אָן זאָרגן,—
איז נאכט שוין אנטלאָפן,
ברענגט פרייד דער פרימאָרגן.

אן אנדערער העמדער,

פּייסעך בינעצקי

אין מאָסקווע

גאַס־אײַן, גאַס־אויס, דורך דײַנע ליכטיקע בולוואַרן
איך שפּאַן ארום און ס׳ווערט מײַן טראָט ניט מיד.
זינגט דײַן געדויש ארײַן אין מיר א ליד.
דײַן יעדער נײַער קלאַנג טוט מיך צו זיך פארנאַרן...

דײַן יעדער נײַער ראָג — מיט היימישקײַט פאַרבעטן,
ביז אומגעריכט עס גיט אין בליק א בלענד
דער רויטער פלאַץ, די רויטע קרעמל־ווענט.
אָ, זײַ געגריסט, דו הויפּטשטאָט פון סאָוועטן! —

געקומען איז א ייִדישער פּאָעט
מיט אופגעברויזטער פרייד אין זײַנע בליטן...
מיט ציטער אינעם הארצן ער באטרעט
די ערד דײַנע אין פרידן א בארוטע,
ווו יעדער שפּאַן דערציילט די רום פון מענטש,
וואָס איז מיט גליק פון פרײַער מי געבענטשט.

ארן קורץ

די גאגארינס

גאגארין פליט,
עס פליט טיטאָוו.
עס פליט דער מענטש
מיט לענינס גוטהייסן: קי טאָוו!

האָבן אלע הימלען זיך פאר אים צעעפנט. רינגלט ער ארום
דעם גאנצן פארוואונדערטן קײַלעך
מיט זײַן פריילעך־פלי̇ענדיקן אָטעם, מיט זײַן פלי̇ענדיקן, זינגענדיקן
קאָל. און די גרינע הערנדיקע הויט פון דער ערד ארום־און־ארום
דערשפּירט
צום ערשטן מאָל
דעם מענטשנס אָטעם און ציטערט אוף אין דער מעכײַעדיקער ווארעמקייט פון ערשט־אנטפלעקטן סאָד.

מײַן טעלעוויזאָר האָט זיך צעעפנט, ווי א שטיק הימל,
און אין פלי̇ענדיקן שטאָלענעם שטול
איז מיט לויכטנדיקן הימלדיקן האַסט צו מיר אין שטוב ארײַנגעפלויגן,
ווי א דערפרייטער יאָמטעוודיקער גאַסט, — טיטאָוו.

אזא גאסט! אזא גאסט איז
צו קיינעם נאָך
אין ערגעץ ניט
געקומען, און פאר קיינעם נאָך
האָבן די הימלען, ווי ווארטנדיקע טויערן, זיך צענומען און געבליבן
אָפן שוין אף אלעמאָל. דערפאר
לויכט אזוי זײַן פּאָנעם און פארשײַנט
אזש אין אמעריקע
מײַן שטוב. און מײַן שטוב — ווי דאָס לאנד ארום — איז פארקלונגען מיט
זײַן פלי̇ענדיקן קאָל. עס זעט מײַן לאנד,
ווי דער גאסט זיצט בא מיר אין שטוב און רעדט. און עס הערט מײַן לאנד,
ווי ער רעציטירט אין די הימלען זײַן ערדישן פּאָעט.
פונוואנען קומט דער מענטש?
ווער איז ער, ווער? און וויאזוי

ברענגט עס אים אהער?
פרעגט די שטערן, פרעגט: זיי קענען אים
באַם נאָמען.
די שטערן לויכטן מיט דערפאַרונג פון
ליכטיקע ליבע־נעכט אין שטאָקפינצטערע צײַטן: דעם הימל מיט די שטערן
האָבן די ראָמאַנטישע טיטאָווס פּרי׳ער פון דער ערד פאַרמאָגט, און מיט זיי
האָט א הימל שטערן גאַרנדיק און טרוימענדיק געוואַרט,
דער גאַנג פון דער ערד זאָל אונטער זיי זיך בײַטן.

די שטערן ווייסן.
די שטערן טראַכטן. זיי געדענקען נעכט אין וועלדער —
אַרבעטער און ביימער אין צעזונגענע פאַרזאַמלונגען: אַרבעטער ריידן
מיט פײַער פון פּראָפּעטן, און ביימער שטייען אַרום,
ווי שאָמרים אַף דער וואַך.
און די שטערן האָבן צוגעלויכטן, ווי פאַרכאָלעמטע לאַמטערנס,
אין די וועלדער צוגעלויכטן די לעניניסטישע נעווי׳ים
און אין די טפיסעס צוגעלויכטן אַרעסטאַנטן.

די שטערן זעען און געדענקען
די לעצטע לעבעדיקע נאַכט
פון געשטורעמטן ווינטער־פּאַלאַץ. זיי זעען און געדענקען
דעם פאָלקס אויסגעשטערנטע נעכט, די האָפענונג און מוט.
זיי זעען און געדענקען לענינס ווײַסע נאַכט
באַ דער פינלענדישער גרענעץ.

עס וואַכט איבער טיטאָוון דער הימל שטערן, וואָס האָט געוואַכט איבערן באַלאַגערטן
און דורכגעפּראָרענעם לענינגראַד. עס וויגט זיך איבער אים
דער הימל שטערן, וואָס האָט, ווי ער,
ניט אָפּגעטראָטן און באַלויכטן
די לעבעדיקע, ניט באַזיגטע כוראָוועס פון וואָלגאָגראַד. און אָט
פליט איבער אים
מאָסקווער הימל,
ווי א היימישער פּאַראַסאָל. און דער רויטער שטערן — ווי זײַן האַרץ די גרויס —
אינמיטן, אין דער שפּיץ — דער מענטשהײַטס מענטשלעכסטער סימבאָל.
טיטאָוו זיצט און שמייכלט און קוקט דער וועלט אין די אויגן
אײנײנעם מיטן הימל שטערן, ווײַל ווייסן ווייסט ער ווויל,
אַז די גאַנצע מענטשהײַט שמייכלט און פליט מיט אים
און מיט אלע זײַנע באַגערן.

טיטאָוו פליט
וואָגלאָז און זאָרגלאָז, ווי שטערנליכט,
דורך זײַן אייגענעם הימל.
איבער מאָסקווע, אָקטיאַבערדיק צעשטראַלט, איז ער
אָפּגעפלויגן אין די הימלדיקע הייכן
און פאַר די הימלען אופגעזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל.

פונוואַנען קומט דער מענטש?
ווער איז ער, ווער? און ווי׳אַזוי
ברענגט עס אים אהער?

ער האָט דערגראָבן זיך צום שטיצפּונקט,
וואָס געזוכט און געווּנטשערט האָט מער, ווי איין
אַרכימעד. ער האָט דערגרייכט די הימלען, ווײַל ער האָט פּרי׳ער
אויסגעלייזט די ערד.

■



נאַטע לוריע

די געשיכטע פֿון א ליבע

מײַן ערשטער קאָנצערט אין דער געבײַדע פֿונעם טעאַטער אפֿן נאָמען פֿונעם לענינגראַדער סאָוועט און דער צווייטער אין קולטור־פּאַלאַץ אפֿ גאָרקיס נאָמען, אפֿ וועלכע איך האָב אויסגעפּילט טשײַקאָווסקיס „וואַריִאַציעס אפֿ דער טעמע „ראָקאָקאָ" אין דער באַגלייטונג פֿונעם אָרקעסטער, באַכס רע־מינאָרע סוּיִטע פֿאַר וויִאָלאָנטשעל סאָלאָ, בראַמס' מי־מינאָרנע סאָנאַטע, בעטהאָווענס דאָ־מאַזשאָרנע, באַכס רע־מאַזשאָרנע סאָנאַטע און באַרקאָווס ראַפּסאָדיע אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פֿון ראָיאַל, זײַנען דורכגעגאַנגען פֿיל בעסער, ווי איך האָב געקאָנט זיך ריכטן. און וואָס בעסער דער עולם האָט אופֿגענומען, וואָס מער איך האָב געהאַט דערפֿאָלג, אַלץ מער האָב איך באַדויערט, וואָס זי, יוּיכעוועד, איז ניטאָ דערבײַ. די ביידע קאָנצערטן זײַנען געווען, אַזוי צו זאָגן, א פּרעלודיע צו מײַן הויפּט־קאָנצערט אינעם גרויסן זאַל פֿון דער פֿילהאַרמאָניע, אפֿ וועלכן עס האָט געזאָלט זײַן די לענינגראַדער מוזיקאַלע געזעלשאַפֿטלעכקײַט.

א גאַנצן טאָג האָט געמאַראַקעט א רעגן. איך האָב זייער איבערגעלעבט. דער קלימאַט איז דאָ אַזוי אויך געווען אַן אַנדערער, א פֿײַכטלעכער, און דאָס ווירקט זייער אפֿ דער שטים פֿון דעם וויִאָלאָנטשעל. א וויִאָלאָנטשעל איז פֿילבאַר צו היץ, צו קעלט און באַזונדערס צו פֿײַכטקײַט. מע דאַרף אים היטן, ווי א פּיצל קינד פֿון פֿאַרקילונג. איך האָב אים געהאַלטן אַרומגעוויקלט אין זײַדענע לײַוונטן און אין א גרויסן וואָלענעם שאַל. געטראָגן האָב איך דעם וויִאָלאָנטשעל שטענדיק אַליין, די איינציקע זאַך, וואָס איך האָב קיינעם ניט פֿאַרטרויט.

נאָך היפּש פֿאַרן אָנהייב פֿונעם קאָנצערט איז דער גרויסער זאַל פֿון דער פֿילהאַרמאָניע שוין געווען פֿול. קיין איין פֿרײַ אָרט. דאָס האָט שוין אין א געוויסער מאָס געזיכערט א דערפֿאָלג. א פֿולגעפּאַקטער זאַל גיט צו גלויבן דעם אַרטיסט אין זיך, דערהייבט זײַן שטימונג,

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 1, 1976.

דערוועקט אין אים א צופלוס פון קינסטלערישער ענערגיע, טעמפעראמענט. א ספּעקטאַקל, אַ קאָנצערט האָט ניט ליב קיין פּריַיע ערטער. ווען דער זאַל איז איבערפולט, נעמט דער עולעם אויף גאָר אַנדערש. אַ סך בעסער. עס באַקומט זיך אַ געמיינזאַמע, געקייטלטע רעאַקציע.

פאַרן קאָנצערט האָב איך לאַנג שפּאַצירט, זיך געסטאַרעט מיט דעם איַינהיטן דעם געמיט־צושטאַנד. נאָר ווען עס האָט זיך אופגעהויבן דער פאָרהאַנג און איך בין אַרויס אויף דער בינע, דערזען אין נעפּל פונעם קאָלאָסאַלן זאַל אַ יאָם מיט מענטשן, האָב איך מיט אַ ציטער אין האַנט זיך גענומען פאַרן סמיטשיק.

די ערשטע אַפּטיילונג האָב איך אָנגעהויבן מיט דוואָרזשאַקס באַרימטן קאָנצערט פאַר אַ וויאָלאָנטשעל אין דער באַגלייטונג פון אָרקעסטער. געשפּילט האָב איך לויטן זיכּאָרן און זייער מוירע געהאַט, איך זאָל עפּעס ניט דורכלאָזן, ניט פאַרגעסן, איך זאָל זיך ניט פאָנאַנ־דערגיין מיטן אָרקעסטער. מיַין גאַנצע אויפמערקזאַמקיַיט איז קאָנצענטרירט געווען אויף דעם. און דאָך האָב איך מיט אַלע מיַינע כּושים דערפילט אַ באַדערפעניש, אַן אויסערגעוויינלעכע נייטיקיַיט אַ קוק טאָן אין זאַל, ווי עמעץ וואָלט עס דאָרט זייער געגאַרט, געוואַרט אויף דעם.

געוויינלעך, ווען אַן אַרטיסט טרעט אַרויס, אַריַינטירט ער זיך אויף אַ פּאָר גוטע אויגן אין זאַל, שפּירט נאָך זיי, ווי זיי נעמען אים אויף. דאָס גיט אים צו מוט, שטימונג. אין דעם איבערגעפּולטן זאַל האָב איך איצט אויך געדאַרפט האָבן אַ פּאָר גוטע אויגן, און צו מיַין גרויסער פאַרוווּנדערונג און איבעראַשונג, האָב איך אַנטקעגן — אין דער דריטער ריי גליַיך דערזען פאַר זיך צוויי לויכטנדיקע, זייער באַקאַנטע, וווּנדערלעכע אויגן, אויגן פול מיט פרייד, מיט באַגיַיסטערונג. דאָס האַרץ האָט באַ מיר אופגעצאַפּלט. צי דען איז עס זי? ווי קאָן עס געמאָלט זיַין? זי איז דאָך אוועקגעפאָרן. זי איז דאָך אַפילע אין שטאָט ניטאָ. ווי זשע קומט זי אַהער? אָבער ס׳איז דאָך פאָרט זי, מיַין ערשטע יוגנט־ליבע — יויכעוועד...

ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ גוואַלדיקע פרייד, ס׳האָט מיך באַהערשט אַ געבענטשטע, ביז איצט נאָך אַן אומבאַוווּסטע קראַפט. איך האָב געשפּילט, ווי נאָך קיינמאָל ניט, אַריַינגעהויכט אינעם שפּילן די גאַנצע נעשאָמע, די פיַינסטע, דינסטע, די צאַרטסטע געפילן מיַינע. איך האָב געשפּילט איצט דעריקער פאַר איר. און זי האָט די גאַנצע צײַט געקוקט אויף מיר מיט גליקלעכע אויגן, געשמייכלט צו מיר, זיך געפרייט מיט מיר. און דער שיינער מאַנצבל, וואָס איז געזעסן לעבן איר, איר מאַן, האָט צוזאַמען מיט איר הייס אַפּלאָדירט מיר.

איך בין געווען גליקלעך.

אין דער צווייטער אָפּטיילונג האָב איך מיט מער טעמפּעראַמענט אויסגעפילט באַכס צווייטע סויטע פאַר וויאָלאָנטשעל סאָלאָ, בעטהאָווענס סאָנאַטן פאַר וויאָלאָנטשעל און פאָר־טעפּיאַנע, שאָסטאַקאָוויטשעס אַדאַזשיאָ, פּראָקאָפיעווס וואַלס פונעם באַלעט „קאַמעני צוועטאָק“. יויכעוועד איז געזעסן, ווי אַ פאַרקישעפטע, אויף זעלבן אָרט מיטן מאַן. איר פּנים האָט געשיַינט פון גליק, און נאָך יעדער פּיעסע האָבן זיי ביידע שטאַרק אַפּלאָדירט. זייערע אַפּלאָדיסמענטן זיַינען געווען פאַר מיר די סאַמע טײַערסטע.

ווען דער קאָנצערט האָט זיך פאַרענדיקט און מע האָט גענומען אַראָפּלאָזן דעם שווערן פאָרהאַנג, האָב איך דערפילט, אַז אין אָט דער מינוט צעשייד איך זיך מיט איר, מעגלעך, אויף שטענדיק. מיר האָט זיך זייער געוואָלט אַרויסגיין גליַיך נאָך איר אין פּאָיע, דעריאָגן זי, אויסריידן מיט איר כאָטש אַ פּאָר ווערטער. נאָר עפּשער וועט עס זיַין ניט אָנגענעם איר מאַן, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן און דערשטיקט אין זיך דעם פאַרלאַנג. „באַנוגן זיך מיט דעם, — האָב איך זיך געזאָגט, — וואָס זי האָט דיך געהערט און וואָס דו האָסט זי געזען. דו האָסט זיך דאָך אויף דעם אַפילע ניט גערעכט. צי דען איז עס דיר ווייניק?“. ס׳איז אַוודע געווען ווייניק, נאָר איך האָב שוין גאַרנישט ניט געקאָנט ענדערן. אַ צע־שרויפטער האָב איך זיך גענומען איבערטאָן. ס׳האָט באַ מיר געדויערט לענגער, ווי געוויינ־לעך. ערשט אין אַ האַלב שאָ אַרום בין איך צוזאַמען מיט מיַינע כאַוויירים נאָך פון דער קאָנסערוואַטאָריע, נאָך פון די סטודענטישע יאָרן, און נײַע פרײַנט אַרויס פון פילהאַרמאָניע און דערזען שטיין דערבײַ אויפן טראָטואַר זי. יויכעוועדן מיטן מאַן. אַ שיַינענדיקע האָט זי זיך געלאָזט גליַיך צו מיר.

— סאָליאַ!.. דאָס ביסטו דאָך!.. דו!.. — האָט זי אויסגערופן, דריקנדיק מיר די האַנט. — דער זעלבער סאָליאַ, וואָס דעמלט, און דאָך עטוואָס אַן אַנדערער... האָסט מיך דערקענט?.. פון בינע?.. טאַקע? אַך, סאַראַ פרייד דו האָסט מיר פאַרשאַפט! סאַראַ דערפאָלג! סאַראַ טריומף! איך באַגריס דיך, סאָליאַ!..

איך האָב זי באַדאַנקט פאַר די גוטע ווערטער און מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן געגעבן איר דעם בוקעט מיט די פּרעכטיקע פרישע בלומען, וואָס מע האָט מיר געהאַט צוגעטראָגן.

זי איז געווען גערירט.

— גיי ריכט זיך! — האָט זי אויסגערופן, צוטוליענדיק זיך מיט איר לויכטנדיקן פּנים צום דופּטיקן בוקעט. — גיי ווייס... ווען מיר זײַנען געגאַנגען אָפן קאָנצערט, איז מיר אפן זינען אפילו ניט געקומען, אז דער וויאָלאָנטשעליסט סאָלאָמאָן זאַנענטאַל איז יענער יונגינקער קאָמיוגיסט סאָליאַ, וועלכער האָט רעפּעטירט מיט די פּיאַנערן... באַקען זיך מיט מײַן מאַן. גענאַדי לוואָוויטש איז באַגלײַך מיט מיר אנציקט.....

דער מאַן אירער, גענאַדי לוואָוויטש ראַבונסקי, א שטאַלטנער מאַנצבל מיט גרויסע קלוגע שווארצע אויגן, האָט שטײַף א דריק געטאָן מיר די האַנט און געזאָגט, אז יויכעוועד און ער זײַנען מיר זייער דאַנקבאַר פאַרן פאַרגעניגן, וואָס איך האָב זיי פאַרשאַפט מיט דער קלוגער, פײַנער אינטערפּרעטאַציע באַם אויספּילן זייערע באַליבטע ווערק. זיי לאַדן מיך אײַן צו זיך, זײַן הײַנט זייער אַנגעלייגטער, כּאַשעווער גאַסט.

אַף אַזוינס האָב איך לאַכלוטן זיך ניט גערירכט, זיך פאַרלוירן און געזאָגט, אז איך בין זיי זייער דאַנקבאַר, נאָר מיר איז ניט באַקוועם זיי צו באַומרויִקן.

— סאָליאַ, ווי קענסטו גאָר זאָגן אַזוינס, וועסט אונדז נאָר פאַרשאַפן פרייד, פיל פריידן! — האָט זי אויסגערופן, אַנעמענדיק מיך לײַכט אונטערן אָרעם. — דו גייסט איצט אומבאַדינגט צו אונדז. גענאַדי לוואָוויטש איז הײַנט אויך אַן אימעניניק, ער איז באַלוינט מיט א דריטן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פּאַן. וועלן מיר אָט צוזאַמען אָפּמערקן אי דײַן דערפאָלג, אי גענאַדיס. מיר וווינען דאָ דערבײַ, אַף דער בראַדסקי־גאַס. צוויי טריט פונדאַנען...

איך האָב זיך הונדערט מאָל אנטשולדיקט פאַר מײַנע כאַווײרים און אַן איבערגליק־לעכער אוועק מיט יויכעוועדן און מיט איר מאַן, וועלכער איז געווען מיט א קאָפּ העכער פון מיר.

„אָט ער איז איר גלײַכן, — האָב איך א טראַכט געטאָן, — ווי קום איך צו אים?" גייענדיק, האָט יויכעוועד אויסגעדריקט איר פרייד, וואָס זיי האָבן הײַנט אינדערפרי זיך אומגעקערט פון מאָסקווע.

— פּאַשעט א גליק, גענאַדי, וואָס מיר האָבן זיך ניט פאַרהאַלטן נאָך אַף א טאָג און האָסט באַוויזן קריגן בילעטן אָפן קאָנצערט. ווען ניט, וואָלט איך אפילו ניט געוווּסט, אז מײַן אַמאָליקער באַקאַנטער איז איצט א באַרימטער וויאָלאָנטשעליסט.

זייער גרויסשטאָטישע קוואַרטיר, וועלכע האָט זיך געפונען טאַקע גאָר נאָענט, אפן צווייטן שטאָק פון א גרויסאַרטיקן מויער, איז געווען מיט א זעלטענעם געשמאַק אויס־געשטאַט, אַרומגעשטעלט מיט ביכער־שאַפעס, פולע פון אויבן ביז אַראָפּ מיט וויסנשאַפט־לעכער און קינסטלערישער ליטעראַטור, מיט קאָלערלײַ ענציקלאָפּעדיעס, ספּראַוואָטשניקעס, אַטלאַסן, ווערטערביכער...

יויכעוועד האָט געלויכטן, געווען זייער שיין, נאָך פיל שענער, ווי איך האָב זי פאַרגעדענקט. זי איז געווען שטאַרק אופּגעלעבט און ניט געוווּסט, ווי בעסער מיך אופּ־נעמען, אַף וואָסער אָרט אין גערעמען עסצימער, אין וועלכן פּאַטעל מיך אוועקזעצן. זי האָט ניט אופגעהערט זיך פרייען מיט מײַן דערפאָלג, ווי עס זאָל זײַן אויך איר פּערזענלעכער דערפאָלג, ווי זי וואָלט האָבן א געוויסן כיילעק אין דעם.

— האָסט כאָטש געזען, גענאַדי, סאַרא שיינע פרויען האָבן אונטערגעטראָגן סאָליאַן בלומען, ווי זיי האָבן אַפּלאָדירט, געראַשט! אָך, סאַרא טריומף! דער גאַנצער זאַל האָט זיך דאָך אופגעהויבן. סאָליאַ, עס מעגן דיר מעקאַנע זײַן די בעסטע וויאָלאָנטשעליסטן. דוואָר־זשאַקס קאָנצערט האָסטו אויסגעפּילט פּאַשעט וווּנדערלעך. הײַנט באַכס סויִטע, בעטהאָווענס סאָנאַטן, שאָסטאַקאָוויטשעס אדאַזשיאָ. גאָט מײַנער, סאַרא ציכטיקע שיינקײַט און אויס־דריקלעכקײַט פונעם קלאַנג, סאַרא לײַכטקײַט, פּינקטלעכקײַט, קלאָרקײַט אין די קאָמפּלי־צירטסטע פּאַסאַזשן! גענאַדי איז א גרויסער מעפונעק אין מוזיק, און אויב ער איז אנציקט...

שאַ, — האָט זי זיך אליין איבערגעשלאָגן, — האָסט דאָך נאָך ניט געזען הײַנטיקע צײַטונגען. גענאַדי, טײַערער, ווו ליגט די „איזוועסטיאַ"? איך וויל ווײַזן סאָליאַן דעם אוקאַז פון אויבער־סאָוועט...

— צוליב וואָס? — האָט גענאַדי, לוואָוויטש זיך א קנייטש געטאָן. — סאָלאָמאָן עליזאַ־ראָוויטש גלייבט דיר אָפן וואָרט. ניטאָ וואָס צו באַרימען זיך.

— און מיר ווילט זיך כאָטש א ביסל באַרימען מיט דיר. דײַנע ארבעטן קענסטו דאָך ניט ווײַזן. איז זאָל סאָליאַ כאָטש איבערלייענען דעם אוקאַז. אָט ליגט דאָך די „איזוועסטיאַ". סאָליאַ, זע וויפל באַגריסונגען, טעלעגראַמעס פון געלערנטע, פון נאַרקאָמאַטן, וויסנשאַפט־

6—3061

לעכע אינסטיטוטן, פון גענעראַלן און ניט ווייניק פון גענאַדיס פּיקאַנטע מיטאַרבעטערנס, — האָט זי, שמייכלענדיק גוטמוטיק, צוגעגעבן.

גענאַדי, לוואָוויטשן איז איר באַרימען זיך מיט אים געוועןניט אָנגענעם.

— נו, גענוג, כעוועד, איך בעט דיך, — האָט ער זי אַרומגענומען און אַוועקגעזעצט לעבן זיך, — דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב עס ניט ליב.

— און איך וויל, אַז סאַליא זאָל וויסן, אַז דו ביסט אַן אויסגעצייכנטער ספּאָרטסמען, אַז דו ביסט צוויי מאָל לאָורעאַט פאַר וויכטיקע דערפינדונגען, — האָט זי פריילעך געזאָגט, — גענאַדי לוואָוויטש איז דערצו נאָך אַן אָנפירער פון אַ גרויסן זאַוואָד, וועלכער פּראָדוצירט אַזוינס, וועגן וואָס איך אַפילו האָב קיין באַגריף ניט. בײַ מיר, סאַליא, איז פון אים קיין סודעס ניטאָ, און בײַ אים, זעסטו, יאָ. נאָר איך בין אים מויכל. און וואָס פאַר אַ טיטל מע האָט גענאַדי לוואָוויטשן נאָך פאַראַיאָרן צוגעייגנט, ווייסטו? — האָט זי, איבערנעמענדיק זיך, געפרעגט.

— איך ווייס. אוועדע, — האָב איך מיט צופרידנקייט, וואָס זי האָט מיר פאַרגעבן די פראַגע, געענטפערט. — גענעראַל־מאַיאָר פון אינזשעניערן־מיליטער.

— פונוואַנען? .. פונוואַנען ווייסטו? — האָט זי פאַרוווּנדערט מיך אָנגעקוקט.

— איך ווייס ניט נאָר דאָס, איך ווייס, אַז דו האָסט פאַרטיידיקט אַ דיסערטאַציע, אַז דו ביסט אַ דאָצענט, אַז דו לייענסט אין אוניווערסיטעט, אַז דו פירסט אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אין דער פּולקאָווער אָבסערוואַטאָריע, האָסט צו טאָן מיט די שטערן, אַז אײַער טעכטערל איז שוין פינף יאָר און אַז זי הייסט מיטן ביבלישן נאָמען שולאַמיס...

— גאָט מײַנער! — האָט זי אַן איבעראַשטע אויסגערופן. — מיר האָבן זיך דאָך אַזוי לאַנג ניט געזען, פונוואַנען זשע ווייסטו עס?

— שטעל זיך פאָר, אַז דײַן מאַמע האָט מיר דערציילט. — מיט מײַן ענטפער האָב איך נאָך מער איבעראַשט יוכעוועדן.

— מײַן מאַמע? — זי האָט מיך אָנגעקוקט אַזוי, ווי זי וואָלט ניט אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס איך רייד. — ווו, ווען האָט מײַן מאַמע דיר געקאָנט דערציילן?

גענאַדי לוואָוויטש האָט, עטוואָס שמייכלענדיק, זיך צוגעהערט צו אונדזער געשפּרעך און ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

— ווו? בײַ דײַנע עלטערן אין שטוב. סאַכאַקל מיט פיר טעג צוריק. — און איך האָב זיי גאַנץ גענוי דערציילט וועגן מײַן באַזוך פון יוכעוועדס גרענעץ־שטעטל, ווו איך האָב פופצן יאָר צוריק פאַרבראַכט קימאַט צוויי כאַדאָשים.

— טאַקע? מיט פיר טעג צוריק ביסטו געווען בײַ מײַנע עלטערן אין שטוב? פאַרבראַכט מיט דער מאַמען, געזען דעם טאַטן, געזעסן אַף אונדזער גאַנעקל? דו הערסט, גענאַדי, נאָר אַ מענטש פון קונסט, אַן עכטער קינסטלער איז אַף אַזוינס פייִק! ווען מע וואָלט געגעבן מעדאַלן פאַר עמאָציאָנעלער שײַנקײַט, וואָלט איך פאַרגעלייגט געבן סאַליאַן די ערשטע מעדאַל. סאַליא, ביסט פּאַשעט וווּנדערבאַר! דערצייל גענוי וועגן אַלץ. איך בין דאָך שוין אַזוי לאַנג ניט געווען דאָרט. ווי זעט אויס די מאַמע? דער טאַטע? ווי זעט איצט אויס אונדזער שטוב? מײַנע קליאָנען באַם גאַנעקל? — יוכעוועד האָט זיך צוגעזעצט צו מיר נעענטער און פאַרשאָטן מיך מיט פראַגן.

— גענאַדי, דו הערסט, סאַליא האָט געבראַכט מיט זיך אַפילו אַ צווײַגל, וואָס ער האָט אָפּגעבראָכן פון מײַן באַליבטן קליאָן. דאָס איז פּאַשעט רירנדיק, סאַליא, עס קומט דיר צוויי מעדאַלן. און וואָס איז אַף דער גרענעץ? שטיל? נאָך אין שטעטל בויט מען גאַרנישט? די יוגנט צעפאָרט זיך? און וועלכער שוואַלב, האָסטו געזאָגט, איז איצט פאָרזיצער פון דובראָוונער שטאָט־ראַט?

— פיניע שוואַלב. דער געוועזענער סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן קאָמערל. צי דען געדענקסטו אים ניט? ער איז דאָך געווען גוואַלדיק פאַרליבט אין דיר.

— נאָר ער איינער? — האָט זי שפּילעוודיק אַ פרעג געטאָן.

— פאַרוואָס עפּעס ער איינער? אַלע בעסטע יִנגלעך, — האָב איך, ווי אין שפּאַס, געענטפערט.

— און דו אויך? — האָט זי מיט עפּעס נײַגער אַ קוק געטאָן מיר גלײַך אין די אויגן.

— וועגן די בײַוועזנדע רעדט מען, געוויינלעך, ניט, — האָב איך אַ זאָג געטאָן, אַרויס־דרייענדיק זיך פון אַן ענטפער אין דער אָנוועזנהײַט פון דעם מאַן, וועלכער האָט פון דער ערשטער מינוט געמאַכט זייער אַ גוטן אײַנדרוק אַף מיר.

— כעוועדל, — האָט גענאַדי לוואָוויטש זיך צערטלעך געווענדט צו איר, — עפּשער איז שוין צײַט זיך זעצן נעענטער צום טיש?

יוּיכעווּעד האָט זיך פּלינק אוֹפגעהויבן און פלוצלינג, ווי ס'וואָלט איר אויפגעקומען א גליקלעכער געדאַנק, א פרעג געטאָן, ווו טרעט איך מאָרגן ארויס. איך האָב געזאָגט, אז מאָרגן אין אָוונט איז מײַן קאָנצערט אין קראַנשטאַדט פאר די יאַם־לײַט פונעם מיליטערישן רויטן פלאָט.

— וואָס רעדסטו? — האָט זי אויפגעפלאַקערט. — איך וויל אויך בײַזײַן. סאַליא, איך וועל פאָרן מיט דיר. גוט? גענאַדי, האָסט ניט קעגן? — האָט זי א פרעג געטאָן בא דעם מאַן.

— ביטע, — האָט ער ברייטהאַרציק געענטפערט, — נאָר אהין דאַרף מען דאָך האָבן א ספּעציעלע דערלויבעניש.

— אָך, סאָרא שאָד! — האָט זי באַדויערנדיק א שאָקל געטאָן מיט די גינגאָלדענע האָר, וועלכע האָבן ארומגערינגלט איר שײן פּאָנעם. געשיקט פאַרשפּרייט א טישטעך איבער דעם קײַלעכדיקן טיש, האָט זי א רוף געטאָן די ניאַניע, געזאָגט איר עפּעס, אָפּגעשיקט אָף דער קיך און, לײַכט באַוועגנדיק זיך, פאַנאַנדערגעשטעלט אַפן טישטעך גראַנירטע באָקאַלן, קאָ־לערליי קאַלישעקלעך, פאַרשיידן געפעס און אינמיטן, ווי דאָס טײַערסטע, אוועקגעשטעלט אין א וואַזע דעם בוקעט דופטיקע בלומען, וועלכע איך האָב איר אונטערגעטראָגן. זי האָט אופמערקזאַם באַטראַכט, צי אַלץ איז אַפן אָרט, און נאָכדעם, צוגעגאַנגען צום מאַן, וועלכער האָט געשמועסט מיט מיר, האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס זי שלאָגט אונדז איבער, זיך אָנגעבויגן און א קוש געטאָן אים אין שטערן.

— גענאַדי טײַערער, כאַפּ זיך ארײַן אין דעזשורנעם גאַסטראָנאָם, וואָס איז דערבײַ אַפן ראָג, און, זײַ אזוי גוט, נעם א פלעשל גוטן ווײַן.

— כעוועדל, — ער האָט א קוק געטאָן אָף איר מיט פאַרליבטע אויגן, — צוליב וואָס אין גאַסטראָנאָם? אין בופעט איז פאַראַן גוטער ווײַן.

— ביסט גערעכט, — האָט זי, א קוק געבנדיק אין בופעט, געזאָגט, — פאַראַן טאַקע א פלאַש „טאָקײַ", ס'איז גלענצנדיקער ווײַן, אָבער שטאַרקער. און סאַליא טרינקט מיסטאָמע טרוקענעם.

— גיב גוט נאָכאַמאָל א קוק, טײַערע, וועסטו דאָרט געפינען א פלאַש טרוקענעם ווײַן אויך, — האָט ער גוטמוטיק געזאָגט.

— גענאַדי, ביסט נאָכאַמאָל גערעכט. פאַראַן א פלאַש „צינאַנדאַלי", — האָט זי מיט א געפּאַלענער שטים געזאָגט, — סאַליא, זאָג דעם עמעס, טרינקסט טרוקענעם ווײַן אָדער דו האָלטסט בעסער פון קאָניאַק? נו, געוויס, קינסטלער, אַרטיסטן, פּאָעטן טרינקען דאָך נאָר קאָניאַק.

איך האָב זיך געפילט ניט אָנגענעם פון אָט דער שפּיל, אין וועלכער איך בין געוואָרן פאַרמישט. ס'איז מיר לאַכלוטן געוואָרן אַלצייגס, צי שטאַרקער ווײַן, צי טרוקענער, קאָניאַק, צי עפּעס אַנדערש וואָס. איך האָב ביכלאַל גאָרנישט ניט געוואָלט, אבי גענאַדי לוואָוויטש זאָל זיך ניט פילן מיט עפּעס געקריוודעט. איך האָב פאַרלוירן א הייב געטאָן מיט די אַקסל, גאָרנישט ניט געענטפערט.

— נו, זעסט, סאַליא טרינקט נאָר קאָניאַק, — האָט זי מיט פרייד אויסגערופן.

קאָניאַק האָט זיך אָבער אויך געפונען אינעם בופעט. נאָר יויכעווּעד האָט זיך אָף דעם ניט באַרויקט. ווען מע האָט זיך שוין געקליבן זעצן צום טיש, האָט זי זיך דערמאָנט, אז עס איז נייטיק נאַרזאַן. און נאַרזאַן איז אין בופעט ניט געווען.

— טײַערער מײַנער, ווי קאָן מען אָן נאַרזאַן? — האָט זי מיט א פאַרשולדיקטער שטים זיך געווענדט צו גענאַדי לוואָוויטשן. — מיט וואָס וועלן מיר פאַרטרינקען? נעם כאָטש א פּאָר פלעשלעך. מער דאַרף מען ניט. אין דעזשורנעם איז פאַראַן. נאָר איך בעט דיך זייער, מאַך עס גיך. פאַרזאַם זיך ניט. איך דערלאַנג שוין צום טיש.

מיר האָט זיך זייער ניט געוואָלט, אז גענאַדי לוואָוויטש זאָל איצט אוועקגיין אפילו אָף א רעגע. איך האָב בעשום־אויפן ניט געוואָלט, אז מיט מײַן באַזוך זאָל איך אים פאַרשאַפן אפילו דעם מינדסטן פאַרדראָס, ער זאָל זיך פילן צוליב מיר מיט עפּעס וואָס באַליידיקט. איך וואָלט גערן געגאַנגען צוזאַמען מיט אים. איך האָב זיך אוֹפגעהויבן און אויסגעדריקט אָט דעם פאַרלאַנג. נאָר ער האָט קאַטעגאָריש פּראָטעסטירט.

יויכעווּעד האָט אים ארויסבאַגלייט, עפּעס א זאָג געטאָן דער ניאַניע, וועלכע האָט זיך געייסעקט אָף דער קיך, און א צופרידענע, א לויכטנדיקע זיך אומגעקערט, מיט אײַלנדיקע לײַכטע טריט צוגעגאַנגען צו מיר.

— סאַליא, איך וויל זייער מאָרגן זיך זען מיט דיר, — האָט זי מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם ארויסגערעדט, — מאָרגן איז זונטיק, אַן אָפּרו־טאָג. איך בין פרײַ. איך וועל וואַרטן אָף דיר. לעבן איסאַקײַעווסקער סאָבאָר. צוועלף אזייגער באַטאָג. איך וועל שטיין לעבן

דער צווייטער קאָלאָנע. פון רעכטס. ברענג מיט זיך, סאַליאַ, דאָס צווייגעלע פון מײַן קליאַן. איך בעט דיך זייער. גוט? — האָט זי אַ פרעג געטאָן און, ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, אַוועקגעאײַלט אין עם אַנטקעגנדיקן צימער, וווּ ס'איז געשלאָפן דאָס טעכטערל.

באַלד האָט זיך אומגעקערט גענאַדי לוואָוויטש, מיט געלאַסענע זיכערע טריט איז ער אַרײַן אין עסצימער, פריילעך אַ רוף געטאָן יויכעווודן און, אַוועקשטעלנדיק אויפן טיש טעלעכע פלעשער נאַרזאַן, געזאָגט, אַז זי שטעלט זיך אַפילו ניט פֿאָר, ווי ס'האָט אים אָפּגעגליקט.

— זע, וואָס מיר האָט זיך אײַנגעגעבן קויפן, — ער האָט איר דערלאַנגט אַ פּריש־שמעקנדיקן טאָרט.

יויכעווועד איז געווען מאָלע־סימכע.

גענאַדי לוואָוויטש האָט אָנגעגאָסן מיר און זיך פולע קעלישעקלעך קאָניאַק, יויכעווודן טעלעכע טראָפּנס.

— גיס אָן נאָך אַ ביסל, — האָט זי געבעטן.

— טרינקסט דאָך קיינמאָל ניט, — האָט ער, ווי אַנטשולדיקנדיק זיך, געזאָגט.

— און הײַנט ווילט זיך מיר אויסטרינקען אויף פאַר דיר, אויף פאַר סאַליאַן, פאַר אײַער ביידנס דערפֿאָלג, — און זי האָט אַליין דערגאָסן זיך אין קעלישעקל.

— לאָמיר, אויב אַזוי, אויסטרינקען פאַר סאַלאָמאָן עליזאַראָוויטשעס טאַלאַנט, — האָט אויפגעהויבן זײַן קעלישעקל גענאַדי לוואָוויטש, — אין אײַער, סאַלאָמאָן עליזאַראָוויטש, גלענצנדיקער אינטערפּרעטאַציע פון די ווערק, וועלכע איר האָט געשפּילט, פילט זיך טיפע, דערהויבענע מענטשלעכקײַט, קרישטאָלענע ציכטיקייט, עמאָציאָנעלע שיינקייט, און דאָס איז מיר און כעווודן זייער צום האַרצן.

ער האָט אַרויסגעזאָגט נאָך אַ פּאָר גוטע ווערטער אויף מײַן אַדרעס, און וואָס בעסער ער האָט גערעדט וועגן מיר, האָב איך זיך געפילט שולדיקער בענעגייע אים דערפאַר, ווײַל בײַ יויכעווודן, זײַן פרוי, און בײַ מיר איז געווען שוין איצט אָן אַלגעמיינער סאָד פון אים, אַ סאָד, וועלכער האָט אומזיכטבאַר אונדז ביידן אין אַ געוויסער מאָס דערנעענטערט, פּאַר־בונדן און פון אים אָפּגעזונדערט.

יויכעווועד האָט אויך אויסגעטרונקען. זי איז געווען פול מיט לעבן, באַוועגלעך, ענערגיש. זי האָט זיך געוויצלט, געלאַכט, געהאַלטן אין איין ריידן צו מיר, אויף קיין האָר ניט געצאַמט איר אינערלעכע אויפגערודערטקייט. איך האָב זי אַזאַ געזען צום ערשטן מאָל. איך האָב זיך געסטאַרעט דעריקער ריידן מיט איר מאַן, מיט גענאַדי לוואָוויטשן, ער איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. ער האָט געמאַכט אויף מיר אַן אײַנדרוק פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט זײַן ווערט און פילט פעסט דעם באָדן אונטער זיך, און איז געווען דערבײַ זייער באַשיידן. מיר האָט אימפּאָנירט זײַן ענערגיש עכט־מענעריש שיין געזיכט מיט די געדיכטע פּעכיק־שוואַרצע צע־פליגלטע ברעמען און זייער אויסדרוקספולע, גרויסע, קלוגע און ביז גאָר ערלעכע אויגן. סאיז מיר צום האַרצן געווען זײַן העפלעכקײַט, גאַלאַנטקייט, גאַסטפרײַנטלעכקייט, ערודירטקײַט און דעריקער זײַן אויסערגעווייִנלעך צערטלעכע באַציִונג צו יויכעווודן. ס'איז געווען צו זען, אַז ער האָט זי זייער ליב, שטעלט זי הויך, האַלט שטאַרק פון איר, נעמט זיך איבער מיט איר, פאַרגעטערט זי. ווען זי איז אַרויס אויף אַ ווײַלע אין קיך, האָט ער מיט אָפּשײַ גערעדט וועגן איר, דערציילט, מיט וואָס פאַר אַ דערפאָלג זי האָט פאַרטיידיקט די קאַנדי־דאַטן־דיסערטאַציע, בעסאָד פאַרטרויט מיר, אַז זי גרייט איצט אַ דאָקטאָר־דיסערטאַציע אויף זייער אַ וויכטיקער טעמע, וואָס האָט צו טאָן מיט דער פּראָבלעם פון באַהערשן דעם קאָסמאָס, זי האָרעוועט טאָג און נאַכט, זעט ניט די ליכטיקע וועלט און קען דינען פאַר אַ מוסטער פון מוטערלעכער איבערגעגעבנקייט, פרויִשער געטרײַשאַפט, אָפּפערווויליקייט.

ס'האָט מיר האַנאָע געטאָן, וואָס ער האָט אַזוי גערעדט וועגן איר, און גלײַכצײַטיק האָט מיך געוווּנדערט, וואָס ער לייגט ניט קיין שום אַכט אויף איר צופיל אויפגעלעבטקייט, אויף איר צעשטרײַטקײַט, וואָס האָט, אויף וויפל איך האָב זי געקענט, לאַכלוטן ניט אַנטשפּראָכן איר נאַטור. צי דען באַמערקט ער עס ניט, עס אַרט אים ניט, אָדער ער גיט בעקיוון ניט צו קיין שום באַדײַטונג, שטעלנדיק זיך העכער פון דעם? איך האָב דעריבער אַ טראַכט געטאָן, אַז עס וואָלט געווען פון מײַן זײַט יושרדיק זיך געזעגענען, געבן זיי אַ מעגלעכקײַט רויִק זיך אָפּרוען. נאָר גענאַדי לוואָוויטש האָט פּונקט אין דער מינוט זיך דערמאָנט, אַז בײַ זיי איז פאַראַן אַ פּלאַט מיט טשײַקאָווסקיס „וואַריאַציעס אויף דער טעמע „ראָקאָקאָ“ פאַר אַ וויאָ־לאָנטשעל“ אין דער אויספירונג פון סאַלאָמאָן זאָנענטאַל. יויכעווועד איז אַזש אויפגעשפּרונגען פאַר פרייד, אײַנדערגיך אָפּגעזוכט די פּלאַט, זיך איבערצײַגט, אַז ס'איז טאַקע אין מײַן אויס־

פילונג, אן איבעראַשטע אוועקגעשטעלט די פּלאַט אַף דער ראַדיאָלע, און דאָס העל־באַלויכ־טענע צימער איז פול געוואָרן מיט ווונדערלעכער מוזיק.

— אַך, סאַרא גײַסטיקע רײַכקײַט, סאַרא איידעלער סאַמעטענער קלאַנג, סאַרא רירנדיקער ליריזם, — האָט יוכעוועד ניט געקאָנט זיך אָנלויבן, — סאַרא גאַמען פון די דינסטע, פײַנסטע, מענטשלעכע געפילן. געגנאַדי, דו פילסט, סאַרא טיפע עמאָציאָנעלקײַט, לײַכטקײַט, גראַציעז־קײַט...

— אויסגעצייכנט! פרעכטיק! — האָט גענאַדי לוואָוויטש מיט געפיל געזאָגט, ווען די ראַדיאָלע איז אַנשוויגן געוואָרן.

— נאָר אַן עכטער, א גײַסטרײַכער קינסטלער קען אַזוי דיך, פילבאַר איבערגעבן דעם אינערלעכן אינהאַלט פון טשײַקאָווסקיס ווערק. וויפל מאָל, גענאַדי, האָבן מיר מיט פאַרגעניגן געהערט אָט די פּלאַט, און גיי ווייס, אַז סאָלאָמאָן זאָנענטאַל איז יענץ שעמעוודיק באַכרל, וועלכער פלעגט, איידער איך בין נאָך געווען באַקאַנט מיט דיר, אַרײַנקומען פון צײַט צו צײַט צו מיר אַף דער אַכצעטער ליניע...

יוכעוועד איז געווען פּאַשעט גליקלעך, זיך געפרייט מיטן גאַנצן האַרצן, און אָט די פרייד, איר באַגײַסטערונג, האָט געמאַכט זי נאָך שענער, ווונדערלעך שיין, נאָך ליבער, נאָך צוציִעוודיקער. גענאַדי לוואָוויטש האָט מיט פאַרליבטע אויגן געקוקט אַף איר, זיך געשפּיגלט אין איר, זיך געפרייט מיט איר. און זי האָט זיך ניט געקענט באַרויִקן, ניט באַנעמענדיק, אַז זי איז מיך מעצאַער מיט דעם.

— אַך, וויפל פרייד האָסטו, סאַליא, מיט דײַן שפּילן פאַרשאַפט מענטשן! סאַרא גליק דאָס איז! א קינסטלער איז א גאָט געבענטשטער מענטש. ער פאַרשאַפט נאָר פרייד, נאָר פאַרגעניגן, נאָר געגנוס. איך קוק שטענדיק מיט באַוווּנדערונג, מיט טיפן אָפּשײַ אַף אַן עכטן קינסטלער, שרײַבער, מאָלער, קאָמפּאָזיטאָר, וועלכע באַרײַכערן, מאַכן שענער מיט זייער קונסט דאָס לעבן...

— ס'איז שוין שפּעט, — האָב איך געזאָגט, אופהייבנדיק זיך, — צײַט אײַך לאָזן אָפּרוען.

גענאַדי לוואָוויטש האָט מיך געבעטן פאַרבערענגען בא זיי נאָך א ביסל. מאָרגן איז דאָך אַן אָפּרו־טאָג. נאָר איך בין באַשטאַנען אַף מײַנס. זיי זײַנען אַרײַן מיט מיר אינעם אַנטקעגנדיקן צימער, געוויזן דאָס שלאָפנדיקע טעכטערל און אוועק מיך באַגלייטן.

— סאַליא, האָסט דאָך גאַרניט דערציילט וועגן זיך, — האָט יוכעוועד זיך געווענדט צו מיר, גייענדיק, — וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דײַן מישפּאָכע? בא דיר איז געוויס זייער אַן אינטערעסאַנטע פרוי. וואָס איז זי — אַן אַקטריסע, א באַלערינע, צי א פּאָעטעסע?

איך האָב געזאָגט, אַז מײַן מישפּאָכע באַשטייט בלויז פון מיר און דער פרוי, אַז זי האָט ניט קיין שום שײַכעס צו קונסט, זי אַרבעט אין אַפּטייק אַלס געוויינלעכע פאַרמאַ־צעווטן.

— וואָס זשע, זי איז אַזא שיינהײַט? — האָט יוכעוועד א זאָג געטאָן מיט א געוויסער אומצופרידנקײַט.

איך האָב גאָרנישט ניט געענטפערט. איך האָב דאָך ניט געקאָנט זאָגן, אַז איך בין זיך צונויפגעגאַנגען מיט דער פאַרמאַצעווטן נאָר דערפאַר, ווײַל זי האָט מיר דעמלט מיט עפּעס וואָס אויסגעוויזן ענלעך אַף יוכעוועדן. מיר זײַנען געגאַנגען א ווײַלע שווײַגנדיק. לעבן האָטעל האָבן מיר זיך געזעגנט.

— איך בין זייער דאַנקבאַר כעוודן, — האָט געזאָגט גענאַדי לוואָוויטש, קוקנדיק אַף מיר מיט די וואַרעמע זייער ערלעכע אויגן, — וואָס זי האָט מיך באַקאַנט מיט אײַך. אויב בא אײַך וועט זיך נאָר געפינען פרײַע צײַט, ביטע זייער, קומט אַרײַן צו אונדז. איר וועט שטענדיק זײַן בא אונדז א טײַערער גאַסט.

א צעשרויפּטער בין איך אוועק צו זיך אין נומער, פילנדיק זיך אַזוי, ווי איך וואָלט אומגערן באַגאַנגען עפּעס א פאַרברעכן...

„גיין צום איסאַקיִעווסקער סאָבאָר זיך באַגעגענען מיט איר, צי ניט גיין", — האָב איך געהאַלטן אין איין טראַכטן אַף מאָרגן אינדערפרי, מוזיצירנדיק בא זיך אינעם קאָמפּאַרטאַבעלן נומער. מיטן געדאַנק האָב איך פאַרשטאַנען, אַז גלײַכער איז ניט גיין, זיך מער ניט באַגע־גענען, ניט באַגיין קיין שום אוולע בענעגייע גענאַדי לוואָוויטשן, נאָר מיטן האַרצן האָב איך געפילט, אַז איך וועל סײַווי גיין, איך וועל גיין, ווײַל איך האָב דאָך איר צוגעזאָגט, ווײַל זי וועט דאָך וואַרטן אַף מיר, ווײַל מיר האָט זיך זייער געוואָלט זי כאָטש נאָכאַמאָל זען, און ווײַל מיר האָט זיך געוואָלט סאָפּקאָלסאָף פרעגן, זיך דערוויסן בא איר דאָס, וואָס האָט מיך אַזויפיל צײַט געקימערט, ניט צורו געלאָזט, וואָס איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין: פאַרוואָס איז זי דעמלט, ווען מיר האָבן אַזוי שיין צוזאַמען פאַרבראַכט בא איר אין שטעטל, פאַרוואָס

איז זי פּלוצלינג אוועקגעפאָרן, ניט געזעגנענדיק זיך אַפילו מיט מיר, פאַרוואָס האָט זי נאָכדעם ניט געענטפערט אויף מײַן צווייטן בריוו, וועלכער איז געשריבן געווען מיט בלוט פון מײַן הארצן? מיט וואָס האָב איך זיך דעמאָלט פאַרשולדיקט, פאַרזינדיקט פאַר איר? איך האָב ניט געהאַט צו איר קיין שום טענות, קיין שום פאַריבל. איך האָב נאָר געוואָלט וויסן, באַנעמען, וואָס איז דעמאָלט פּלוצלינג געשען.

האַלב צוועלף בין איך אַרויס פון האָטעל און זיך געלאָזט גיין מיט דער גרעניצן־גאַס צום סאַבאַר. ס׳האָט זיך אויסגעגעבן אַ שיינער, זוניקער טאָג. אויף דער גאַס איז געווען פול מיט שפּאַצירנדיקע. מיט אַ צעצווייט געפיל האָב איך דאָך, אַ געטריבענער פון אַן אומקלאָרער נײַגעריקייט, מיט אומרויִקע טריט פאַרקערעוועט צום איסאַקייעווסקער סאַבאַר.

דער זייגער האָט געוויזן פּונקט צוועלף. ייִכעוועד האָט שוין דאָרט געוואַרט אויף מיר. איך האָב זי דערזען נאָך פונדערווײַטן שטיין לעבן דער צווייטער קאָלאָנע פון דער רעכטער זײַט. זי האָט מיך אויך דערזען און גלײַך זיך געלאָזט אַנטקעגן. אויף איר איז געווען אַ דין בלאָוו קרעפּדעשינאָווע קלייד אין ווײַסינקע שפּרענקעלעך, וואָס האָט בולעט אויסגעטיילט איר שיינע שטײַפע פיגור. דעם שלאַנקן האַלדז האָט אַרומגעצוימט אַ ווײַס קעלנערל. זי האָט אויסגעזען ייִנגער פון אירע איין און דרײַסיק יאָר.

— און איך האָב מוירע געהאַט, אַז דו וועסט ניט קומען. איך בין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. איך קאָן ניט קומען צו־זיך. איך ווייס ניט, וואָס טוט זיך מיט מיר. סאַליאַ, אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק, וואָס דו ביסט דאָ... — האָט זי צופרידן געזאָגט, און אין אירע אויגן האָבן בעשאַסמײַסע געלויכטן הונדערטער פינקלענדיקע שטערנדלעך. ס׳איז מיר פון דעם געוואָרן גוט און וואַרעם אויפן האַרצן.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? — האָט זי אַ פרעג געטאָן. — איך האָב זיך געענדערט? שוין ניט אַזאַ, ווי דעמאָלט — ווען מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט? דעמאָלט איז דאָך מיר געווען זיבעצן...

— זאָגן דיר דעם עמעס? — האָב איך זי, ווי אין שפּאַס, אַ פרעג געטאָן.

— נאָר דעם עמעס. — האָט זי זיך צעשמייכלט.

— דעמאָלט ביסטו געווען טאַקע זייער אַ פײַנע...

— דעמאָלט. — האָט זי מיך לײַכט איבערגעשלאָגן, — און איצט געפעל איך דיר שוין אינגאַנצן ניט? אַפילו קיין קאַפּעלע?

— ביסט דעמאָלט געווען זייער אַ פײַנע, אַ טײַערע, אַ ליבע, און איצט ביסטו נאָך בעסער. ביסט דעמאָלט געווען, ווי אַ יונג ביימעלע ערעוו בלי־ונג, און איצט ביסטו אין פולן בלי, אין סאַמע צוויט. איצט איז אויף גאָר דער וועלט קיין גלײַכן צו דיר ניטאָ... — האָט זיך באַ מיר אַרויסגעריסן.

אַ גליקלעך־פרייידיקע האָט זי פאַרהויבן דעם שיינעם קאָפּ, אָפּגעוואָרפן אויף הינטן די גינגאָלדענע לאָקנס פונעם שײַנענדיקן פּאָנעם.

— איך האָב אַ גאַנצע נאַכט, סאַליאַ, געטראַכט וועגן דיר. ביסט געוואָרן פאַר דער צײַט העכער. מענלעכער. נאָר ווי דו ביסט אַרויס אויף דער בינע, האָב איך דיך גלײַך דערקענט. איך האָב שיר ניט אויסגעשריִען: סאַליאַ! און דו האָסט מיך אויך באַלד דערזען, צווישן דעם טויזנטקעפּיקן עולעם האָסטו מיך דערקענט. איך האָב די גאַנצע צײַט געקוקט אויף דיר. דו האָסט געשפּילט, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז דו רעדסט צו מיר, אַז דו דערמאָנסט מיר אָן יענע זומערדיקע טעג און אָוונטן. איך האָב געפילט, אַז דו שפּילסט דעריקער פאַר מיר, צוליב מיר. מיטן גאַנצן האַרצן האָב איך עס געפילט...

דער עולעם, וואָס איז אָן אופהער געגאַנגען פאַרבײַ אונדז, דעריקער מענער, נאָר אויך פיל פרויען, האָבן מיט אנציקונג זיך אומגעקוקט אויף איר, זיך געפרייט מיט איר שיינקײַט, גראַציעזקײַט.

— דײַן האַרץ האָט דיך ניט אָפּגענאַרט, — האָב איך שטיל געזאָגט, צורירנדיק זיך צו איר האַנט.

זי האָט לײַכט אופגעציטערט.

— סאַליאַ, ווילסט, לאָמיר זיך דורכגיין אין זומער־גאָרטן, אָדער ווייסט וואָס, לאָמיר גאָר צופאָרן קיין פּעטערהאָף. דאָרט איז זייער גוט. וועסט האָבן פאַרגעניגן. דאָרט שפּילן די פאָנטאַנען. דערפּסט זיך דאָך אָפּרוען אַ ביסל, — האָט זי אײַנגערעדט מיך.

מיר האָט זיך זייער געוואָלט פאַרברענגען מיט איר די פרײַע שאָען, וואָס איך האָב געהאַט ביז קאָנצערט. ווען איר געמיט־צושטאַנד וואָלט געווען רויִקער, ווען זי וואָלט ניט געווען אַזוי אופגערודערט, פאַרכאַפּט, וואָלט איך אַוודע געגאַנגען און געפאָרן מיט איר, וווּהין זי וואָלט נאָר וועלן, נאָר אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן זי איז געווען, האָב איך

עס ניט געטאָרט, דעריקער בענעגייע איר מאַן, מיט וועמען איך האָב זיך בעעמעס באַ־פרײַנדעט.

— נו, וואָס טראַכסטו? קום! — האָט זי איבערגעכאַזערט.

— און וואָס וועסטו נאָכדעם זאָגן גענאַדי לוואָוויטשן? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— גענאַדי לוואָוויטש פאַרטרויט מיר. פולשטענדיק. און איך אים — דאָס זעלבע. ווען ער פאַרהאַלט זיך, פאַרשטיי איך, אַז ער האָט געדאַרפט זיך פאַרהאַלטן, און אויב ער אַליין דערציילט מיר ניט, פרעג איך אפילע ניט. ער — דאָס זעלבע.

— די גאַנצע צײַט אַזוי?

— אַלנפאַלס ביז איצט איז געווען אַזוי. און איצט, נאָך איידער איך בין געגאַנגען, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וועל זיך הײַנט באַגעגענען מיט דיר... — האָט זי אַ מורמל געטאָן און פון אירע אויגן האָט געשטראַמט מיט ווארעמקײַט.

— צוליב וואָס האָסטו אים עס געדאַרפט זאָגן? — האָב איך פאַרכידעשט געפרעגט.

— פאַר די נײַן יאָר, וואָס מיר זײַנען צוזאַמען, האָב איך ביז נעכטן אין אָוונט קיין מינדסטן סאָד פון אים ניט געהאַט. דער סאָד האָט מיך געמאַטערט. אינדערפרי האָב איך אים געזאָגט, אַנדערש, סאַליאַ, האָב איך ניט געקענט. פעלשן קען איך ניט.

— און ער וואָס? וואָס האָט ער געזאָגט? — האָב איך געפרעגט, שפּאַצירנדיק מיט איר צווישן די בלײַענדיקע קלומבעס, פון וועלכע עס האָט געטראָגן מיט פרישן דופט, מיט נעקטאַר. ווײַטער האָב איך באַשטימט ניט גיין.

— ער? — האָט זי איבערגעפרעגט. — גענאַדי לוואָוויטש איז אַ זעלטענער מענטש.

— אָבער דאָס קען דאָך אים פאַרדריסן.

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז ער טרויט מיר, — האָט זי מיט פרוּויִשן שטאָלץ געענטפערט.

— און דו ביסט זיכער, אַז דו פאַרדינסט איצט פולשטענדיק זײַן צוטרוי? — האָב איך פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן.

— פרעג מיך ניט. איך ווייס ניט. איצט ווייס איך גאַרנישט ניט. וואָס האָסטו געהאַט צו מיר, סאַליאַ? צוליב וואָס ביסטו געקומען אַהער?...

איך האָב ענדגילטיק פאַרשטאַנען, אַז איך טאָר זיך מיט איר מער ניט באַגעגענען. זי איז מיר געווען צו טײַער, איך זאָל שטעלן אין געפאַר איר ביז איצט גליקלעך פאַמיליע־לעבן.

— מיט דעם, וואָס דו האָסט אים דערציילט,— האָב איך באַמערקט איר, — האָסטו אים קיין טויווע ניט געטאָן. גענאַדי לוואָוויטש איז זייער אַ ווילער, אַ קלוגער. ער וועט דיר עפשער גאַרנישט ניט זאָגן, נאָר אין האַרצן בא אים וועט פאַרבלײַבן זאָל זײַן אַ קליינינק, אַ פיצינק שטעכלקע, וואָס וועט אים שטילערהייט פאַרשאַפן ווייטעק.

— מעגלעך, — האָט זי פאַרטראַכט געזאָגט, — נאָר איך האָב אַנדערש ניט געקאָנט.

אָפּגייענדיק נאָך עטלעכע טריט, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך דאַרף אָנקלינגען מײַן געוועזענעם פראָפעסאָר פון קאָנסערוואַטאָריע, זיך דערוויסן וועגן זײַן געזונט־צושטאַנד. איך האָב עס געזאָגט איר, יויכעוועדן.

אָן איבעריקער פרייד איז זי צוגעגאַנגען מיט מיר צום טעלעפאָן. איך האָב אָנגעקלונגען. דעם פראָפעסאָרס פרוי האָט געזאָגט, אַז מע האָט אים נעכטן צוגענומען אין שפיטאָל, זי קלײַבט זיך איצט צו אים; אויב איך האָב אַ פאַרלאַנג, וועט זי צוּוואַרטן, וועלן מיר פאָרן צוזאַמען, און געפרעגט, ווען קען איך קומען. איך האָב געזאָגט, אַז איך פאָר שוין אַרויס און וועל זײַן אומגעפער אין פופצן מינוט אַרום.

יויכעוועדס געזיכט האָט זיך גלײַך געענדערט. זי איז געוואָרן אומעטיק און עטוואָס פאַרלוירן.

— פאָרסט אוועק און לאָזט מיך איבער?

— זעסט דאָך. איך מוז. ס'איז מײַן פראָפעסאָר. ער איז געפערלעך קראַנק, — האָב איך זיך פאַרענטפערט.

— נו, אויב אַזוי, וועל איך דיך ניט פאַרהאַלטן, — האָט זי, סטאַרענדיק זיך ניט אַרויס־ווײַזן קיין באַליידיקונג, רויק געזאָגט, — און וואָס פאַר אַ פראָגראַם איז בא דיר מאָרגן? איך האָב געזאָגט, אַז מאָרגן באַטאָג איז בא מיר אַ קאָנצערט אפן קיראָוו־זאַוואָד.

— און אין אָוונט?

— דער אָוונט, מײַן איך, וועט בא מיר, מיסטאָמע, זײַן פרײַ, — האָב איך געענטפערט.

— אויב דו וועסט וועלן, סאַליאַ, קלינג מיר מאָרגן אָן אין אָוונט, גוט?

זי איז אוועקגעפאָרן צו זיך אַהיים. איך צום פראָפעסאָרס פרוי. איך האָב געפילט זיך

אזוי, ווי איך וואָלט זיך ריינוואשן פון א זינד, אויסגעמיטן אן אוולע, און אין דער זעלבער צײַט האָט מיך עפּעס געטאָטשעט, באנק געטאָן, וואָס איך האָב אףֿ אזא אויפן זיך צעשיידט מיט איר.

אין אָוונט בין איך ארויסגעטראָטן אין קראָנשטאדט פאר די יאמלײַט פונעם מיליטערישן רויטן פלאָט, אףֿ מאָרגן באטאָג פאר די ארבעטער פונעם קיראָוו־זאוואָד. די קאָנצערטן זײַנען דורכגעגאנגען בא פולגעפאקטע זאלן, מע האָט מיר צוגעטראָגן פיל בלומען. ס׳האָט מיר באנק געטאָן, וואָס יויכעווער איז ניט בײַגעווען. מיר האָט זיך ווידער זייער געוואָלט זען זי, טיילן זיך מיט איר. ווען ניט די באגעגעניש באם איסאקיִיעווסקער סאָבאָר, וואָלט איך עפשער גאָר צוגעפאָרן צו זיי, ביפראט, אז גענאדי לוואָוויטש האָט מיך זייער פריינטלעך אײַנגעלאדן. אָבער איצט, כאָטש איך בין קיין שום אוולע ניט באגאנגען, האָב איך זיך געפילט ווי מיט עפּעס שולדיק פאר אים. יויכעווער האָט דאָך אים געקענט דערציילן, אז נאָך דעמלט, ווען ער איז ארויס אין גאסטראָנאָם, איז צווישן איר און מיר שוין צונויפגערעדט געווען זיך טרעפן אףֿ מאָרגן צוועלףֿ אזייגער באם סאָבאָר. און דאָס האָט שוין אויסגעזען גאָר ניט שיין. דאָך האָב איך באשטימט אָנקלינגען. עטלעכע מאָל האָב איך גענומען דאָס טרײַבל, נאָר צוריק אוועקגעלייגט.

דער אָוונט איז בא מיר געווען א פרײַער, און איך האָב ניט געוווּסט ווו זיך אהינצוטאָן. באשטימט זיך דורכגיין און פארייִנס שוין געבן א טעלעגראמע דער פרוי. איך האָב איר לאנג ניט געשריבן, זי קען זיך באומרויִקן. איך האָב זיך צוגעזעצט צום טישל אָנוואַרפן דעם טעקסט פון דער טעלעגראמע. היפש געזעסן מיט דער פען אין האנט און ניט אָנגעהויבן וויסן וואָס צו שרײַבן. קיינע שום געפילן האָב איך צו איר ניט געהאט. און וויפל איך האָב ניט געטראכט, האָב איך גאָרנישט ניט געקענט צוטראכטן. אָנגעשריבן האָב איך נאָר דעם אדרעס, און ס׳האָט זיך מיר מיטאמאָל אויסגעוויזן, אז מע האָט אָנגעקלאפט אין טיר. איך האָב זיך צוגעהערט. מע האָט ווידער זייער שטיל אָנגעקלאפט.

— ביטע, ארײַן, — האָב איך זיך אָנגערופן, ניט אָנהייבנדיק צו פארשטיין, ווער קאָן עס זײַן. איך האָב קיינעם ניט געהאט אײַנגעלאדן.

ס׳האָט פאמעלעך, זייער לאָנגזאם זיך געעפנט די טיר, און אין נומער איז מיטאמאָל געוואָרן ווי ליכטיקער. איך האָב דערזען יויכעווערן. אין א לײַכט, ווײַס היטעלע, אין א דין ווײַס מאנטעלע, אין גרינגע ווײַסע טופל. עטוואָס א בלייכע, א פארלוירענע, איז זי, א שלאנקע, ווי א יונגע בערעזקע, געבליבן שטיין אףֿ דער שוועל, ניט צומאכנדיק הינטער זיך די טיר.

— יויכעווער! דו?!.. — האָב איך, פון אומגעריכטקײַט און פאר פרייד, ניט מיט מײַן קאָל, אויסגעשריִען, לאָזנדיק זיך איר אנטקעגן, — נו, יויכעווער, וואָס שטייסטו? קום, קום ארײַן.

זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— רוף מיך ניט... לאָז מיך ניט ארײַן, — האָט זי, מיט אן אונטערציטערנדיקער שטים, ארויסגערעדט, — טרײַב מיך ארויס, סאָליא. איך בעט דיך, טרײַב מיך ארויס, — האָט זי מיט א שטיל בעטנדיקער שטים איבערגעכאזערט.

זי האָט עס ארויסגעבראכט אזוי, אז עס האָט מיך פארקוועטשט דאָס הארץ.

— פארוואָס זאָל איך דיך ארויסטרײַבן? — האָב איך א פארלוירענער זיך אָנגערופן. — נו, קום, קום ארײַן. — איך האָב געפרוווט זי אָנעמען פאר דער האנט.

— ניין, ניין, מע דאַרף ניט, — האָט זי לײַכט אופגעציטערט, — איך וועל ניט ארײַן. איך טאָר ניט. רוף מיך ניט...

— וואָס זשע ווילסטו, שטיין אָט אזוי אףֿ דער שוועל? — האָב איך ארײַנגעקוקט אין אירע פינקלענדיקע הימל־בלויע אויגן.

— איך וויל זייער, סאָליא, אז דו זאָלסט איצט גיין מיט מיר אין אָפּערע־טעאטער. הײַנטיקער אָוונט איז דאָך בא דיר פרײַ. איך וויל זייער און זייער הערן צוזאמען מיט דיר „יעווגעני אָנעגין”. הײַנט גייט עס. איך בעט דיך.

— מירן שוין ניט באווײַזן, — האָב איך געזאָגט, א קוק געבנדיק אפן זייגער, — ס׳איז פארבליבן א קנאפע האלבע שאָ ביזן אָנהייב, און קיין בילעטן האָבן מיר דאָך ניט.

— מירן קריגן. באם ארײַנגאנג. בא איבערקויפער. איך וועל קריגן. איך וועל באצאָלן אין דרײַ מאָל אזויפיל און וועל קריגן, — האָט זי מיט זיכערקײַט געזאָגט, ניט אריבער־טרעטנדיק די שוועל.

— און גענאדי לוואָוויטש? — האָב איך א פרעג געטאָן.

— זאָרג זיך ניט. איך וועל דיר נאָכדעם זאָגן. קום גיכער.

— נו, גוט. גיי דערווײַל אַרײַן, ביז איך וועל זיך ברענגען אין אָרדענונג.
— ניין, ניין. איך וועל אָט דאָ צוּוואַרטן, — האָט זי אַנטשלאָסן געזאָגט, שטייענדיק אַף דער שוועל פון דער האַלב־אָפענער טיר.

איך האָב געשווינד זיך איבערגעטאָן, און יויכעווּעד, אַ צופרידענע, ווי איר וואָלט אָפּגעגליקט זיך ראַטעווען פון אַ נאָענטער געפאַר, איז אַרויס מיט מיר פון האָטעל. מיט גיכע טריט האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צום טעאַטער־פּלאַץ. איך האָב אַ פרעג געטאָן, וואָס האָט זי געזאָגט געגנאַדי לוואָוויטשן, ווען זי האָט זיך אומגעקערט נעכטן פון אונדזער באַגעגעניש באַם איסאַקיִיעווסקער סאָבאָר.

— איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב שפּאַצירט מיט דיר אַרום סאָבאָר, אַז דו האָסט זיך געײַלט, האָסט מיך איבערגעלאָזט און אַוועקגעפאָרן. לײַגן קען איך ניט. איך האָב אים קיינמאָל ניט געפעלשט און איצט אויך ניט. ער האָט מיך אַרומגענומען און שטאַרק, שטאַרק געקושט. ווי עפשער נאָך קיינמאָל ניט. ער האָט מיך זייער ליב. פאַרוואָס? איך ווייס אַליין ניט. שטעלסט זיך ניט פאָר. אַנומלטן, שפּאַצירנדיק אין פּאַרק, ס'איז געווען נאָך פאַר דער כאַסענע, האָט ער אַ פרעג געטאָן, וואָס פאַר אַ פאַרלאַנג האָב איך. אין אַ שפּאַס האָב איך געזאָגט, אַז ער זאָל אַרופקריכן אַפן העכסטן בוים. אין דער זעלבער רעגע, שוין זײַענדיק דעמלט אַן אינזשעניר־פּאַל־קאָווניק, אַ הויפּט־קאָנסטרוקטאָר פון אַ גרויסן זאָוואָד, האָט ער אויסגעטאָן דעם קיטל, און אין דער אַנוועזנהײַט פון די שפּאַצירנדיקע זיך אַרופגעדראַפּעט ביז סאַמע שפּיץ פון אַ קאַלאָסאַלן דעמב. ער איז אויך איצט גרייט אויספילן מײַן מינדסטן פאַרלאַנג. ער איז ביכלאַל אַן אויסערגע־ווייִנלעכער, אַ האַרציקער, אַן איבערגעגעבענער, אַ געטרײַער. אַ מענטש מיט אַלע מײַלעס. אַ פּילזײַטיק געבילדעטער. אים אינטערעסירט ניט נאָר זײַן פאַך. שוין פיל יאָר, ווי ער זאַמלט זאַרגזאַם און דערלערנט קאַלערליי מאַטעריאַלן וועגן שפּינאָזען. איין שאַפע איז בא אים שוין פול מיט שפּינאָזעס ווערק, קאַלערליי אויסגאַבעס, ביכער וועגן שפּינאָזען. אַרטיקלען, דאָקומענטן, פאָטאָ־רעפּראָדוקציעס. ער איז טאַקע אַן אויסערגעווייִנלעכער. פאַר די העכער נײַן יאָר, וואָס מיר זײַנען צוזאַמען, האָב איך פון אים קיין איין הויך וואָרט ניט געהערט... — זי האָט גערעדט וועגן געגנאַדי לוואָוויטשן אַזוי, ווי זי אַליין וואָלט וועלן זיך נאָך מער איבערצײַגן אין דעם.

— האָסט געדאַרפט נעמען געגנאַדי לוואָוויטשן מיט זיך, — האָב איך געזאָגט.
— ער איז פון אינדערפרי אַף זייער אַ וויכטיקער באַראַטונג. געקומען צו פליִען זייער נאָרקאָם מיט אַ גרופּע היגע ספּעציאַליסטן. איך האָב אים געלאָזט אַ צעטעלע, אַז איך גיי אין אָפּערע אַף „יעווגעני אָנעגין".
— מיט מיר?
— דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דאָס קען בא אים עפשער אַרויסרופן פאַרדראָס.
— און אַז ער וועט נאָכדעם פרעגן, וואָס וועסטו זאָגן?
— ער וועט קיינמאָל ניט פרעגן אַזוינס, וואָס זאָל האָבן אין זיך אַפילע אַ מינדסטן סימען פון אײַפערזוכט, ס'וואָלט אים דערנידעריקט שוין נאָר דאָס אַליין, וואָס ער קען גאָר דערלאָזן אַזאַ געדאַנק.

צום אַקאַדעמישן טעאַטער פון אָפּערע און באַלעט אַף קיראָווס זײַנען מיר געקומען מיט פינף מינוט פאַרן אָנהייב. די קאַסע איז געווען פאַרמאַכט. קיין בילעטן זײַנען ניט געווען. צוזאַמען מיט פיל אַנדערע האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט באַם אַרײַנגאַנג, געהאַלטן זיך אין איין נאָכפרעגן בא פאַרבײַגייער, צי האָט ניט עמעצער פון זיי קיין איבעריקע צווײ בילעטן. קיין בילעטן האָבן מיר ניט געקראָגן. יויכעווּעד האָט איבערגעלעבט, באַדויערט, זיך ניט געקענט מויכל זײַן, וואָס זי האָט באַצײַטנס ניט אײַנגעשאַפט, געדאַרפט זאָגן געגנאַדי לוואָוויטשן, ער וואָלט זיכער באַזאָרגט. איצט איז שוין געווען שפּעט. דער ספּעקטאַקל האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

— לאָמיר גיין, — האָב איך זי אַ רוף געטאָן, — שטיין דאָ איז ניטאָ וואָס.
— וווּהין גיין? — האָט זי צעשטרײַט געפרעגט.
— וווּהין דו ווילסט.
— געוואָלט האָט זיך מיר זייער און זייער הערן צוזאַמען מיט דיר „יעווגעני אָנעגין". איצט ווייס איך שוין ניט. איצט איז מיר אַלצייגס.

מיט פאַמעלעכע טריט זײַנען מיר אַוועק מיטן פּראָספּעקט פון „רויטן פלאָט", וועלכער האָט זיך געצויגן פון דער רעכטער זײַט נעוואַ, און מיטאַמאָל, אײַנגאַנצן אומגעריכט, ווי עס טרעפט אָפט אין לענינגראַד, האָט אָנגעהויבן קאַפּען אַ רעגנדל. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין גיכער. דאָס רעגנדל האָט אונדז פאַרטריבן גלײַך צו מיר אין האָטעל.

איך האָב געהאַלפֿן יויכעווערן אַראָפּנעמען דאָס מאַנטעלע און דאָס היטעלע, וועלכע האָבן באַוויזן אַ ביסל פֿאַרנעצט ווערן, און זי איז אַ פֿאַרקלערטע, אַ פֿאַרזאָרגטע געבליבן שטיין פֿאַר מיר אין איר פּולער פּראַכט. איך האָב זי אַוועקגעזעצט אויפֿן ווייכן דיוואַן, געוואָלט זיך צוזעצן לעבן איר.

— זעץ זיך בעסער אָט דאָרט, — האָט זי מיר געוויזן אויפֿן אַנטקעגנדיקן מיט פּליוש איבערגעצויגענעם פֿאָטעל.

איך האָב ניט דערווידערט.

מיר זײַנען געזעסן איינס אַנטקעגן אַנדערן, זיך געקוקט אין די אויגן און געשוויגן.

— סאַליאַ, פּופּצן יאָר אַדורך... — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום שטיל געזאָגט, — און אָט ווידער... און אַזוי אומדערוואַרט. אַזוי צופֿעליק. ווען מיר קומען ניט אויפֿן קאָנצערט, וואָלט איך דאָך אַפֿילו ניט געוווּסט, אַז דו ביסט געווען אין לענינגראַד. דו האָסט אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן מיר...

„ווען דו זאָלסט וויסן, ווי מײַן האַרץ האָט די אַלע יאָרן גענאָגט, געבענקט נאָך דיר, — האָב איך בעשאַסמײַסע זיך געטראַכט, קוקנדיק אין אירע גרויסע קלוגע אויגן, — וויפֿל נעכט איך בין צוליב דיר ניט געשלאָפֿן, געטראַכט וועגן דיר, דערמאָנט זיך יעדעס וואָרט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, דײַן בליק, דײַן שמייכל, דײַן שטעל, דײַן גאַנג, דײַן יעדע באַוועגונג, געזען דיך פֿאַר זיך אי אין בלויען סאַראַפֿאַן מיט די ווײַסינקע פּאַסיקלעך, אי אין קורצינקן פּוטערל, אי אין דינעם לופֿטיקן כאַלאַט מיט דער קאָסינקע אויפֿן האַלדז, אין דעם שטײַפֿן לויט דער פֿיגור געקעסטלטן קליידל, אי אַ לאַכנדיקע, אי אַ שווײַגנדיקע, אי אַ נאָענטע, אי אַ פֿרעמדע...“

— וואָס שווײַגסטו? — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ מיט די גינגאָלדענע האָר נידעריק צו זיך אויפֿן אַקסל.

— ביסט ניט גערעכט, — האָב איך געזאָגט, — איך האָב ניט פֿאַרגעסן, — און דערציילט, אַז איך האָב געקלונגען אי אין ספּראַוואָטשנע ביוראָ, אי צו איר שוועסטער, געוואָלט זיך דערוויסן דעם נומער פֿון איר, יויכעווערס, טעלעפֿאָן, אײַנלאַדן זי מיטן מאַן אויפֿן קאָנצערט.

— טאַקע?!.. זאָגסט אָפּנעמעסן? — האָט זי זייער אופֿגעלעבט אויסגערופֿן. — האָסט מיך געדענקט? האָסט טאַקע געוואָלט, איך זאָל זײַן אויף דײַן קאָנצערט? וויבאַלד אַזוי, וויל איך אויסטרינקען פֿאַר דיר. קום, סאַליאַ, איך לאַד דיך אײַן. קום אין רעסטאָראַן.

— אין רעסטאָראַן איז איצט פֿול. בעסער דאָ... — און איידער זי האָט באַוויזן דערווידערן, האָב איך אָנגעקלונגען דעם שעף פֿון רעסטאָראַן און אַלץ באַשטעלט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַרײַנגעקומען אַן אָפֿיציאַנט און געדעקט דעם טיש.

— ביסט ניט באַרויגעז אויף מיר, וואָס איך בין געקומען? — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן, ווען דער אָפֿיציאַנט איז אַרויס. — איך שטער דיר ניט? זאָג דעם עמעס, וואָס האָסטו זיך געקליבן טאָן, איידער איך בין אַרײַן?

איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב זיך געקליבן גיין אויפֿן טעלעגראַף געבן אַ טעלעגראַמע דער פֿרוי.

— דו בענקסט נאָך איר? זייער? האָסט זי שטאַרק ליב? — האָט זי אײַנגעהאַלטן געפֿרעגט.

איך האָב געזאָגט, ווי דער עמעס איז, אַז איך בענק ניט און האָב צו איר קיין שום געפֿיל ניט.

— פֿאַרוואָס זשע האָסטו, אויב אַזוי, כאַסענע געהאַט פֿאַר איר? — האָט זי מיט פֿאַרוווּנדערונג געפֿרעגט.

אויף אָט דער פֿראַגע אירער האָט זיך מיר ניט געוואָלט ענטפֿערן. נאָר יויכעווער איז באַשטאַנען, זי האָט אַרויסגעוויזן אין דער פּולער מאָס פֿרויִשע נײַגעריקײַט. ס'האָט מיר גאָרנישט ניט געהאָלפֿן. איך בין געצוווּנגען געווען איר נאָכגעבן, און געזאָגט, אויך, ווי דער עמעס איז, אַז צונױפֿגעגאַנגען זיך בין איך מיט איר נאָר דערפֿאַר, ווײַל זי האָט דעמלט מיט איר אויסערלעכן אויסזען זיך אויסגעוויזן מיר מיט עפּעס וואָס ענלעך אויף איר, אויף יויכעווערן.

— סאַליאַ, ס'איז אַן עמעס?! — האָט זי אופֿגעפֿלאַטערט. — האָסט עס ניט צוגעטראַכט? — אַן אומגעצווימטע פֿרייד האָט אַרויסגעלויכטן פֿון איר מילד פּאָנעם. — טאַקע אַן עמעס? — אַ גליקלעכע האָט זי מיך לײַכט אַ ציִ געטאָן צו זיך, צאַרט אַרומגענומען באַם האַלדז און זיך צוגערירט מיט אירע פֿלאַמיקע ליפּן צו מײַנע.

— טײַערער מײַנער, ליבער מײַנער, האַרציקער מײַנער! וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?

זינט יענעם אָוונט, זינט דײַן קאָנצערט, זינט אונדזער באַגעגעניש ווייס איך אַליין ניט, וואָס עס קומט פֿאָר מיט מיר. איך געפֿין זיך אין ערגעץ קיין אָרט ניט. איך שלאָף ניט. איך קען גאָרנישט ניט טאָן. איך טראַכט נאָר וועגן דיר. איך רייד צו דיר. איך גיי אַרום, ווי אַ פֿאַרקישעפּטע. ווי אַ פֿאַרשיקערטע. עס ציט מיך צו דיר. איך וויל דיך זען. זײַן מיט דיר. פֿילן, אַז דו ביסט מיט מיר. פֿאַרוואָס זאָגסטו מיר גאָרנישט? פֿאַרוואָס שווײַגסטו?

איך האָב צאַרט אַ גלעט געטאָן אירע האָר. זי האָט צוגעדריקט צו זיך מײַן האַנט און אופֿגעציטערט. איר דינינק ווײַסינק קאָפּטעלע האָט זיך אָנגעצויגן, אויסטײַלנדיק מיט דער גאַנצער פּראַכטפֿולער בוילעטקײַט אירע פּולינקע שטײַפֿע בריסט. זי האָט מיך צוגעצויגן נעענטער — צו זיך, זיך צוגעדריקט, צוגעטוליעט, די אויגן זײַנען בײַ איר געוואָרן גרעסער, בלויער, די ליפּן האָבן געפֿלאַמט. מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט מיט מיר אויפֿן ווייכן דיוואַן. אַ פֿולשטענדיק באַהערשטע פֿונעם הייסן געפֿיל, פֿונעם ברענענדיקן פֿאַרלאַנג, האָט זי דאַרשטיק געקושט מיך אין די אויגן, אין שטערן, אין די ליפּן און מיט האַרציקער צערטלעכקײַט, ווי זי וואָלט אַ טפֿילע געטאָן, געשעפּטשעט:

— סאַליאַ, טײַערער, איך וויל דיך... דיך... — האָט זי געבעטן זיך מיט איר גאַנצן וועזן, מיט איר אופֿגערודערטער נעשאָמע, מיט איר דאַרשטיק־צאַפּלדיקן גוף, מיט איר הייסן לײַדנשאַפֿטלעכן קערפּער.

„צי דען, — האָב איך אין דער רעגע אַ טראַכט געטאָן, — איז דאָס יענע יויכעוועד, וועלכע האָט זיך דעמלט אַזוי אומבערעכמאָנעסדיק אָפּגעקערט פֿון מיר, אַנטרונען געוואָרן, פּלוצלינג אַוועקגעפֿאָרן, ניט געענטפֿערט אויף מײַנע בריוו, זיך ניט אומגעקוקט אויף מיר? יענע יויכעוועד, צוליב וועלכער איך האָב אַזויפֿיל איבערגעלעבט, געליטן, געפּײַניקט זיך?”. יאָ, ס'איז געווען יענע, די זעלבע, און אינגאַנצן אַן אַנדערע, אַן איבערגעפֿולטע מיט פֿרויִשער רײַפֿקײַט, לײַדנשאַפֿט. איר בליק איז געווען פֿול מיט ליבע, מיט אָפּפֿערווילקײַט, געבעטן זיך ראַכמים, איך זאָל זיך דערנעענטערן צו איר.

— מע דאַרף ניט, יויכעוועד, — האָב איך, אײַנהאַלטנדיק זיך מיט אַלע קויכעס, אַ שעפּטשע געטאָן.

— ביסט גערעכט, טײַערער, ביסט גערעכט, נאָר שטופּ מיך ניט אָפּ. באַלד... באַלד... איך וויל איצט גאָרנישט ניט וויסן... איך וויל דיך... — האָט זי, האַלדזנדיק און קושנדיק מיך, גיך גערעדט, — ביסט עפּשער זייער גערעכט, איך טו ניט גוט, נאָר איך קען אַנדערש ניט. איך האָב קיינמאָל ניט געפֿילט אַזוינס, ווי איצט, סאַליאַ, ס'איז צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן. איך פֿאַרשטיי, איך וויל זיך בײַקומען און קען ניט. איך בין ניט בעקויעך, סאַליאַ...

איר פּאָנעם האָט געלויכטן פֿון באַגײַסטערונג, אירע ווייכע גינגאָלדענע האָר זײַנען צעשויבערט געווען אויפֿן ווײַסינקן קישעלע. די טופּל האָבן זיך געוואַלגערט דערבײַ לעבן דיוואַן.

איך האָב געוואָלט איר עפּעס זאָגן. זי האָט ניט געלאָזט. איר איז איצט גאָרנישט ניט אָנגעגאַנגען. גאָרנישט ניט געוואָלט הערן. וויסן.

— סאַליאַ, טײַערער, איך גאַר... עס גייט מיר אויס די נעשאָמע. איך בעט דיך, — האָט זי אויסגערופֿן אַזוי, ווי איך זאָל זי דאַרפֿן ראַטעווען, — איך וויל האָבן פֿון דיר אַ קינד...

אין די אויגן זײַנען בײַ איר געשטאַנען טרערן.

איך האָב געפֿילט, אַז אָט־אָט וועט געשען אַזוינס, וואָס וועט מיר ברענגען דאָס גרעסטע גליק, אָבער איר, מעגלעך, פֿיל, זייער פֿיל ליידן.

„טאָרסט ניט, טאָרסט בעשום־אויפֿן ניט דערלאָזן, אַז צוליב דיר זאָל צעשטערט ווערן איר פֿאַמיליע־לעבן. זי איז דאָך ביז אָט דער באַגעגעניש מיט דיר געווען גליקלעך מיט איר מאַן, מיט איר טעכטערל, מיט אַלץ. גיב איר ניט נאָך, — האָב איך אײַנגעטײַנעט מיט זיך, גלעטנדיק זי, — און זיך, זיך גיב בעשום־אויפֿן ניט נאָך. טאָרסט עס ניט. דאָס וועט איר קאָסטן צו טײַער. זי איז איצט פֿאַרשיקערט פֿון איר אופֿגעבורויזט געפֿיל, ס'האָט זי פֿאַרכלינעט אַ כוואַליע און מיטגעשלעפּט מיט זיך. נאָר אַ כוואַליע האַלט זיך ניט לאַנג, וואָס וועט זײַן נאָכדעם, ווען זי וועט זיך אויסניכטערן? ווי וועט זי זיך אומקערן אַהיים, צו אים, צו איר מאַן? זי געהערט ניט צו יענע פֿרויען, וואָס אַזעלכעס גייט בײַ זיי דורך, ווי אַ לײַכטע שפּיל, וועלכע זײַנען פֿײַיִק פֿעלשן, קענען לײַגן, נאַרן. זי וועט גאָרנישט ניט לייקענען, ניט אויסבאַהאַלטן. ס'איז ניט אין איר נאַטור. זי וועט גלײַך דערציילן דעם מאַן אַלץ, וואָס ס'איז געשען מיט איר. אַלץ, אַלץ... וואָס וועט דעמלט זײַן מיט איר? מיט אים? מיט זייער טעכטערל? ווער וועט זײַן שולדיק אין דעם? זײַ אַ מענטש! — האָב איך געטײַנעט צו זיך — גיב איר ניט נאָך. בעשום־אויפֿן ניט!” — און אין דער זעלבער צײַט בין איך אויסגעגאַנגען מיט די

קויכעס, מיטן לעבן, ס'האָט זיך מיר געוואָלט זי שטײַפּער ארומנעמען, ארומהאַלדזן, צוטוליען, צודריקן צו זיך, אויסגלעטן, אויסקושן זי, אינגאנצן, דורכויס, פון קאָפּ ביז די פיס, אײַנאָטעמען אין זיך דעם מעכטיעדיקן גערוך פון איר שטײַפן גלוסטיקן קערפּער, אײַנזויגן זיך אין אירע זאַפטיק-פֿײַערדיקע ליפּן, זיך אָפּגעבן אונדזער ביידנס פלאַמענדיקן פארלאַנג, אונדזערע צאַרטסטע נעשאָמע-געפילן, אונדזער לעבנס-דאָרשט, אונדזער ביידנס העכסטן גליק. איך בין געווען פארשיקערט פון מײַן ליבע צו איר, נאָר איך האָב זיך אָנגענומען מיט א גוואַלדיקן קויעך, זיך בײַגעקומען, און קושנדיק זי, מיט גוואַלד זיך באַפרײַט פון אירע הייסע הענט. מיט א טיאַקקענדיק האַרץ זיך האָסטיק אופגעהויבן, פארטשעפּענדיק דאָס געדעקטע טישל, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ. ס'האָבן זיך צעקלונגען די קעלישעקלעך, איך בין ארויס אין פּאָדערצימער, אראָפּגענומען אינדערגיך פונעם הענגער דאָס ווײַסינקע מאַנטעלע און צוגעטראָגן איר.

ליגנדיק אפן דיוואַן מיט די צעלאָזענע האָר, א פארפלאַמטע, האָט זי מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן פארוואונדערט געקוקט אף מיר.

— יויכעוועד, איך בעט דיך, — האָב איך זיך צו איר געווענדט, ווי צו א קליין קינד, — טו זיך אָן.

— ווילסט, איך זאָל אוועקגיין? ווילסט ניט, איך זאָל זײַן מיט דיר? — האָט זי דערשראָקן געפרעגט.

— איך וויל זייער, — האָב איך, סטאַרענדיק זיך ניט ארויסווײַזן מײַן אופגערודערטקײַט, געזאָגט, — נאָר דו דארפסט פאָרן אהיים, איך וועל שוין ארויסרופן א טאַקסי.

— און איך וויל זײַן דאָ, באַ דיר, מיט דיר, — האָט זי מיט א בעטנדיקער שטים ארויסגעשעפּטשעט, — סאָליאַ, צי דען האָסטו מיך אינגאַנצן ניט ליב?

— טײַערינקע, — האָב איך איר געזאָגט, — איך האָב צו שטאַרק דיך ליב, איך זאָל דערלאָזן, זאָלסט זיך, כאַלילע, צעשטערן דאָס לעבן, דאָס לעבן פון דײַן מישפּאָכע...

— אָבער ווּעסט דאָך מיך ניט ארויסטרײַבן?

— דארפסט אליין, שוין, באַלד, פאָרן אהיים. ס'איז שוין זייער שפּעט. טאָרסט זיך מער ניט פארהאַלטן. ביסט מיר צופיל טײַער. איך וויל איין זאַך, אז דיר זאָל זײַן גוט. נאָר גוט. שטענדיק. זאָלסט זײַן גליקלעך. ניט אף א ווײַל. נאָר שטענדיק. דאָס גאַנצע לעבן דײַנס...

איך האָב אָנגעקלונגען, ארויסגערופן א טאַקסי. זי איז אופגעשטאַנען. איך האָב איר געהאָלפן זיך אָנטאָן. זי האָט אויסגעזען אזוי, אז ס'האָט מיך פארקלעמט דאָס האַרץ. ס'איז מיר געווען א ראַכמאָנעס אף איר. מיר זײַנען ארויס פונעם נומער, איבערלאָזנדיק אפן געדעקטן טיש-די אויסטערלישע מײַכאָלים און געטראַנקען, צו וועלכע ניט זי, ניט איך האָבן זיך ניט צוגערירט.

דער זייגער האָט געוויזן האַלב צוויי באַנאַכט. די טאַקסי האָט שוין געוואַרט אנטקעגן דעם ארײַנגאַנג אין האָטעל. איך האָב זיך געזעגנט באַנאַנד מיט איר, געזאָגט וווהין צו פאָרן.

אף די גאַסן, איבער וועלכע ס'האָט מיט א שטיל געראוש זיך געטראָגן די „עמקע", האָט זיך קיין לעבעדיקער נעפּעש שוין ניט געזען. אין די פענצטער פון די פילשטאָקיקע מויערן — קיין סימען פון שײַן. די שטאָט איז געשלאָפן. א ציטעריקע שטילקײַט האָט געהערט אף די דרעמלענדיקע ביימער, אף די ריין-צוגעקערטע טראָטוארן. זי האָט געשוויגן. איך אויך. מיר האָבן ניט באַוויזן זיך ארומקוקן, ווי די „עמקע" האָט פארקערעוועט אף דער שוין באַקאַנטער בראָדסקי-גאַס, און אין דער קישעפדיקער שײַן פון די ווײַסע נעכט האָב איך באַלד דערזען זייער גרויסאַרטיק הויז. אפן באַלקאָן פונעם צווייטן שטאָק איז געשטאַנען איינער אליין א הויכער, א שטאַלטנער מאַנצבל. איר מאַן. און דערבײַ אף דער וואַנט איז געפאַלן א טונקעלער שאָטן פון אים. די מאַשין האָט זיך האָסטיק דורכגעטראָגן פארבײַ און, פארטאָרמאָזירנדיק, זיך אָפּגעשטעלט עטוואָס ווײַטער. איך האָב א פרעג געטאָן באַ יויכעוועדן, צי זאָל איך ארויס צוזאַמען מיט איר, צי זאָל איך זי באַגלייטן. „צוליב וואָס? מע דארף ניט", — האָט זי געזאָגט, א קוש געבנדיק מיך. זי איז ארויס פון מאַשין און מיט רויִקע טריט אוועק צו איר הויז.

מיט דער זעלבער טאַקסי האָב איך א צעקאַלעמוטעטער זיך אומגעקערט אין האָטעל. באַ מיר איז געווען אזא געפיל, ווי איך וואָלט מיט מײַן אופירונג זי טיף באַליידיקט. איך האָב איצט זיך געפילט שולדיק אי בענעגייע איר, אי בענעגייע גענאַדי לוואָוויטשן. מיט וואָס פאַר א פּאָנעם איז זי ארײַן איצט אין שטוב? וואָס האָט זי געזאָגט דעם מאַן? און ער? איך האָב ניט געדארפט דערוועקן אין איר אזעלכע עמאָציעס. ניט געדארפט זי אײַנלאַדן צו זיך אין האָטעל, ניט געדארפט זי לאָזן זיך פארהאַלטן אזוי שפּעט. נאָר זי האָט דאָך אליין... באַ איר

איז דאָך רעכט געווען אפילע פאַרבלײַבן. א פרוי, אז זי איז פאַרליבט, רעכנט זי זיך מיט גאָרנישט ניט. צי דען איז זי טאַקע פאַרליבט? ווידער? מיטאמאָל?

ווער וועט דערקלערן, וואָס איז עס אזוינס ליבע? — האָב איך געטראַכט. — וואָס דער־וועקט, צינדט אָן פלוצלינג דאָס האַרץ? ווו ליגט אָט די קראַפט, וואָס באַהערשט, רופט אַרויס אָט דאָס ווונדערלעכסטע געפיל? אין וועלכע ספערן? אין האַרצן? אין די בלוטן? אין דער הויט? אין די גענעס? אין דער נעשאָמע? ווי׳אזוי? פונוואַנען נעמט זיך עס, צעפלאַקערט זיך עס מיטאמאָל? דו פרייסט זיך, פײַניקסט זיך, ביסט גליקלעך און אומגליקלעך, ביסט קראַנק פון ליבע, מוטשעסט זיך און ווילסט זיך ניט אויסהיילן פון אָט דער קרענק. דיך פײַניקן ווייטעקן, און זיי זײַנען דיר זיס, שלאָפסט ניט קיין נעכט, שפּאַצירסט אַרום, ווי א לונאַטי־קער, דו זינגסט אין די פאַרטאָגן, דו געפינסט זיך קיין אָרט ניט, דיכטעסט לידער, ביסט גרייט פליען אין קאָסמאָס, עס יוירט, עס שטראָמט אין דיר א שטורמישער צופלוס פון געבענטשטער ענערגיע, פילסט זיך בעקויעך אופהייבן בערג און פאַרגייסט זיך, ווי א קינד אין געוויין פון בענקשאַפט נאָך איר בליק. וואָס איז אזוינס ליבע? פונוואַנען נעמט זיך עס? פאַרוואָס האָסטו ליב דאַפקע די, נאָר די, און ניט קיין אַנדערע? ווער קאָן דערקלערן עס? און צי דען קאָן מען עמעצן, ווער עס זאָל ניט זײַן, א מאַן, א פרוי, באַשולדיקן דערפאַר וואָס ער, אָדער זי, האָט ליב? דערפאַר וואָס מע איז פאַרליבט אפילע דעמלט, ווען מע פאַרשאַפט מיט דעם פאַרדראָס, אגמעסנעפעש, ווייטעק א נאָענטן מענטשן? צי איז דען מעגלעך זיך באַפרײַען פון אָט דעם קישעף־געפיל? צי דען איז אָפּהענגיק פון מיר, איך זאָל ליב האָבן, צי ניט ליב האָבן? ווען איך זאָל זיך זאָגן הונדערט מאָל: האָב זי ניט ליב, וועט דען מיר העלפן? ניט דו הערשסט איבער אָט דעם געפיל, נאָר דאָס געפיל הערשט איבער דיר.

איך האָב בעשום־אופן ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס איז מיט איר געשען דעמלט אין שטעטל, פאַרוואָס האָט זי זיך געהאַלטן אזוי אָפּגעפרעמדט בענעגיע מיר אין מײַנע סטו־דענטישע יאָרן, און וואָס איז געשען איצט, פלוצלינג? זי איז פאַר מיר געווען א רעטעניש. איר מאַן, געגנאַדי לוואָוויטש, איז א ביז גאָר אינטערעסאַנטער, אָנגעזעענער, כאַשעווער מענטש. א האַרציקער, אַן איבערגעגעבענער, ער פאַרגעטערט זי. און זי האָט דאָך אים אויך ליב. באַ־רימט זיך מיט אים, גרויסט זיך מיט אים. ווי׳אזוי זשע איז עס פאָרגעקומען מיטאמאָל אזא איבערקערעניש אין האַרצן באַ איר, באַ אזא אײַנגעהאַלטענער, באַדאַכטער, ערנסטער און ערלעכער נעשאָמע? וואָס פאַר א פײַער האָט אופגעפלאַמט, אופגעפלאַקערט אזוי אין איר?

זייער שווער צו פאַרשטיין פרויען. זיי נעמען אוף פיל זאַכן ניט אזוי, ווי מיר, מענער. זיי זײַנען פילבארער, אײַנגעהאַלטענער און אנטשלאָסענער, שרעקעוודיקער און מעסירעס־נעפעשדיקער, אויב זיי קומט שוין עפּעס אָן, זײַנען זיי גרייט אָף אַלץ, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין שום זאַך. און וואָס די פרוי איז אינטערעסאַנטער, די נאַטור אירע רײַכער, אַלץ שווערער איז איר בײַצושטיין. באַ לעוו טאָלסטאָי אין „אַנאַ קאַרענינאַ” זאָגט אָבלאָנסקי: „א פרוי איז אזא מין באַשעפעניש, אז וויפל דו ווערסט זי ניט דערלערנען, וועט זי שטענדיק בלײַבן א סאָד פאַר דיר”. אָט די אַלע געדאַנקען האָבן מיך געמאַטערט. נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט האָב איך זיך געפילט צעבראָכן, און ס׳איז מיר נאָך פאַרגעשטאַנען באַטאָג אַן אַרויס־טרעטונג אין קאָנסערוואַטאָריע. איך האָב געדאַרפט זיך צוגרייטן, אָפּרוען, נאָר ניט געקענט. די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגן איר, אויסגעגאַנגען וויסן, וואָס טוט זיך דאָרט באַ זיי, צי איז ניט געשען עפּעס מיט איר, מיט אים? איך האָב אָנגעקלונגען. עטלעכע מאָל. קיינער האָט ניט געענטפערט. די ניאַניע אויך ניט. דאָס האָט מיך נאָך מער באַאומרויִקט. אינגאַנצן געפּאַטערט די שטימונג.

און אין אזא צושטאַנד בין איך געצוווּנגען געווען אַרויסטרעטן פאַר דער פּראָפעסור און סטודענטן פון דער קאָנסערוואַטאָריע. איך האָב געשפּילט און קימאַט ניט געהערט, וואָס איך שפּיל. איך האָב דורכגעלאָזט פראַזן. צום סאָף פון מאָצאַרטס „קאָנצערט רע מאַזשאָר” איז דער סמיטשיק שיר ניט אַרויסגעפאַלן באַ מיר פון האַנט.

מיט א נאָך מער געדריקטער שטימונג האָב איך זיך אומגעקערט אין האָטעל. דער פּאָרטיע האָט מיר אונטערגעטראָגן די „לענינגראַדסקאַיאַ פּראַוודאַ”, ווו ס׳איז אָפּגעדרוקט געווען א גוטער אָפּרוף וועגן מײַנע אַרויסטרעטונגען. ס׳איז מיר איצט ניט אָנגעגאַנגען. איך האָב ווידער אָנגעקלונגען. ס׳איז שוין געווען זיבן אין אָוונט. זיי האָבן שוין זיכער געדאַרפט זײַן באַ זיך אין דער היים. אויב פריִער האָט זיך מיר געוואָלט, אז זי, יויכעוועד, זאָל זײַן אַליין, אז נאָר זי זאָל צוגיין צום טעלעפאָן, אָדער, אויב ניט זי, איז די ניאַניע, בין איך איצט שוין גערן געווען, אז עס זאָל נעמען דאָס טרײַבל ער, געגנאַדי לוואָוויטש. נאָר קיינער האָט ניט גענומען.

אכט אזייגער האָב איך שוין געדאַרפט זײַן אױפֿן אַעראָװאָקזאַל. אַ טאַקסי האָב איך שוין געהאַט באַשטעלט. אין מײַן רעשוס איז פֿאַרבליבן סאַכאַקל אַ האַלבע שאָ. איך האָב געהאַלטן אין איין קלינגען. שיר ניט צעריסן דעם טעלעפֿאָן. נאָר אומזיסט. דעמלט האָב איך זיך דערטראַכט אָנקלינגען איר שװעסטער. איר טעלעפֿאָן איז געװען פֿאַרנומען. לאַנג. די טאַקסי האָט שוין געװאַרט. דעם טאַקסיסט האָב איך געבעטן פֿאָרן דורך דער בראָדסקי־גאַס. אנטקעגן זייער הויז האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב באַשלאָסן אַרײַנגיין, זען, װאָס איז דאָרטן, געזעגענען זיך. אױפֿן צװייטן שטאָק האָב איך אָנגעקלונגען. איין מאָל. צװיי מאָל. דרײַ מאָל. קיין סימן פֿון לעבן. מיט זייער אַ שװערן געמיט בין איך אַװעקגעפֿאָרן אױפֿן אַעראָװאָקזאַל. געקומען מיט פּופֿצן מינוט פֿאַרן אָפּגיין פֿונעם אַעראָפּלאַן. און פּלוצלינג דערזען דאָרט יױכעװעדן. זי איז אַ פֿאַרפּלאָנטעטע געלאָפֿן מיר אַנטקעגן.

— סאָליאַ, איך בין שוין באַלד אַ שאָ דאָ. גלײַך פֿון די לעקציעס. פֿון אוניװערסיטעט. געזוכט דיך, ניט געװוּסט שוין װאָס איבערצוטראַכטן. אינדערפֿרי נאָך אין פֿילהאַרמאָניע געקלונגען, מע האָט מיר געזאָגט, אַז דו פֿליסט מיטן דריטן רייס...

— און איך האָב עפּשער פֿופֿציק מאָל געקלונגען צו דיר, קיינער ענטפֿערט ניט. איך האָב שוין אויך ניט געװוּסט װאָס איבערצוטראַכטן. װוּ איז שולאַמיס? גענאַדי לװאָװיטש?

— גענאַדי לװאָװיטש? נעכטן האָט דער נאַרקאָם געגעבן זייער אַ הויכע אָפּשאַצונג זײַן פּראָיעקט, — האָט זי מיט ניט באַהאַלטענעם שטאָלץ געזאָגט, — ס'איז אַ קאָלאָסאַלער דערפֿאָלג. אַן אויסערגעװײנלעכער. גענאַדי איז מיט שולאַמיסן בא מײַן שװעסטער, אױף אימענינעס.

— און נעכטן באַנאַכט? — האָב איך זי איבערגעשלאָגן. — װאָס איז געװען, װען דו האָסט זיך אומגעקערט?

— גענאַדי איז געװען באַאומרוּיִקט, װאָס איך בין אַזוי שפּעט ניטאָ. אים האָט זיך געװאָלט װאָס גיכער טיילן מיט מיר זײַן דערפֿאָלג.

— און דו?

— איך האָב אים דערציילט, אַז מיר האָבן געװאָלט גיין אין אָפּערע־טעאַטער אױף „יעװגעני אָנעגין“, אַז עס זײַנען שוין ניט געװען קיין בילעטן, אַז עס האָט אונדז אין גאַס פֿאַרכאַפּט דער רעגן און מיר זײַנען אַרײַן צו דיר אין האָטעל, אַז דו האָסט באַשטעלט אַ שיינעם טיש, שאַמפּאַניער, קאָניאַק, נאָר איך האָב עס אַפֿילע צו די ליפּן ניט גענומען. אַלץ, אַזוי װי געװען...

— טאַקע אַלץ? — האָב איך פֿאַרזיכטיק אַ פֿרעג געטאָן.

— נו, קימאַט אַלץ. דו אַליין האָסט דאָך געזאָגט, אַז איך זאָל אים ניט פֿאַרשאַפֿן קיין אומזיסטע אַגמעסנפֿעש. איך האָב דיך, זעסטו, סאָליאַ, געפֿאָלגט.

מיר זײַנען שוין געװען לעבן לײַנער.

— סאָליאַ, — האָט זי זיך אָנגערופֿן, — איך האָב צו דיר אַ גרויסע ביטע, פֿאַר הײַנט ניט. פֿאַרבלײַב כאָטש נאָך אױף אַ פּאָר טעג. איך בעט דיך. צוליב װאָס באַדאַרפֿסטו ביכלאַל טשיטאַ? װאָס האַלט דיך דאָרט? דו דאַרפֿסט זײַן צװישן גרויסע קינסטלער. אין אַן אינטערע־סאַנטער שעפֿערישער סוויווע. פֿאָר אַריבער קיין לענינגראַד. מע קען דיך שוין דאָ. מע װייסט דיך. דו האָסט שוין דאָ אַ נאָמען. מע האָט דאָך דיך װידער אײַנגעלאַדן אױף קאָנצערטן. זאָלסט קומען אומבאַדינגט. גוט? װעסט קומען? יאָ? זאָלסט גלײַך פֿון װאָקזאַל מיר אָנקלינגען. ניין, ניין, גיב מיר בעסער אַ טעלעגראַמע. איך װעל דיך באַגעגענען. אומבאַדינגט. איך װעל װאַרטן אױף דיר. גוט?

— גוט, — האָב איך צעשטרײַט געענטפֿערט. אַלע פּאַסאַזשירן זײַנען שוין געװען אינעם אַעראָפּלאַן. פֿאַרבליבן געציילטע מינוטן ביזן אָפּפֿליִען.

— סאָליאַ, זאָג מיר נאָך עפּעס. זאָג: „איך האָב דיך ליב“. זאָג. איך בעט דיך, — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן אַרויסגעשעפּטשעט.

— טײַערינקע, איך האָב דיך ליב. שטאַרק ליב. און גענאַדי לװאָװיטשן. און אײַער טעכטערל, זײַט אַלע געזונט. און פֿאַרשאַף זיי ניט קיין האַרצװייטיק. איך בעט דיך.

איך האָב זי צאַרט אַרומגענומען. מיר האָבן זיך הייס צעקושט. אין דער לעצטער מינוט האָב איך באַװיזן אױפֿהייבן זיך אױפֿן לײַנער מיט די טרעפּ, װעלכע מע האָט זיך שוין געקליבן אָפּפֿירן. אײַנגיכן האָט דער „לי־2“ לײַכט, קימאַט אומבאַמערקט זיך אָפּגעטײלט פֿון דער ערד, געמאַכט אַ האַלבקרײַז איבערן אַעראָדראָם, און איך האָב דורכן אילומינאַטאָר דערזען שטיין איינע אַליין אױפֿן אָפּענעם פּוסטן פֿלי־פֿעלד יױכעװעדן. זי האָט געפֿאָכעט אינדער־לופֿטן מיט דער האַנט.

אומקערנדיק זיך קיין טשיטאַ, האָב איך געטראָפֿן די פֿרוי אַ שטאַרק געענדערטע. זי

האָט אויסגעזען נעבעכדיק־געמיין, אָן טאַם. ניט פאַרמאָגט אין זיך א טראָפּן כיין. און מעגלעך, אַז זי האָט זיך גאָר מיט גאָרנישט ניט געענדערט, נאָר איך האָב א קוק געטאָן אף איר פּאַשעט מיט אנדערע אויגן. איך האָב זיך געוווּנדערט, ניט געקענט פאַרשטיין, וויאַזוי האָט זיך מיר עס אפילע געקאָנט אויסדוכטן, אַז זי איז מיט עפּעס־וואָס ענלעך אף יויכעווערן, אין דער צײַט, ווען יויכעוועד און זי איז ווי טאָג און נאכט. אויב פריִער, ביז מײַן טורנע קיין לענינגראַד, איז זי מיר געווען ניט צום הארצן, איז זי איצט מיר געוואָרן פּאַשעט דער־ווידער. ניט נאָר איר אויסזען, נאָר אפילע די שטים אירע. איר יעדע באַוועגונג, און באַזונ־דערס איר אומופהערלעכע זאָרג וועגן מיר. דאָס האָב איך אינגאנצן ניט געקענט פאַרטראָגן. פאַר די אויגן איז מיר די גאנצע צײַט געשטאַנען יויכעוועד, אַזאַ, ווי איך האָב זי געזען אין גרויסן זאַל פון פילהאַרמאָניע בעשאַס מײַן קאָנצערט, און אַזאַ, ווי בא איר אין שטוב און ווי בא מיר אין האָטעל... זי איז געשטאַנען פאַר מײַנע אויגן שטענדיק. אומעטום, ווו איך בין ניט געווען. איך האָב גערעדט צו איר. איך האָב געשפּילט פאַר איר. געשריבן איר בריוו, ניט אָפּגעשיקט און מיט פאַרגעניגן ווידער געשריבן. צו דער פרוי איז בא מיר פאַרבליבן נאָר א ראַכמאָנעס־געפיל, איך האָב אַרויסגעוויזן זאָרג, אָבער ניט מער. זיך געסטאַרעט וואָס ווינציקער, וואָס זעלטענער זײַן אין דער היים. א סאַך אַרומגעפאָרן. געגעבן קאָנצערטן אין פאַרשיידענע שטעט.

וועגן יויכעווערן האָב איך גאָרנישט ניט געוווּסט.

אין א פּאָר כאָדאָשים אַרום, אין דער צווייטער העלפט פונעם כוידעש אווגוסט, האָט מיר אָפּגעגליקט ווידער צו זײַן אין לענינגראַד. מע האָט מיך אײַנגעלאַדן אפן יובילײ פון מײַן געוועזענעם פּעדאַגאָג, פּראָפעסאָר פון דער קאָנסערוואַטאָריע. אָפּגעשטעלט האָב איך זיך אין דעם זעלבן האָטעל, וואָס דעמלט, אין „אַסטאָריִא", ניט ווײַט פון דער בראָדסקי־גאַס, ווו ס'האָט געוווינט יויכעוועד.

דער ערשטער אָוונט איז בא מיר געווען פרײַ, און איך האָב ניט געקענט באַשליסן: אָנקלינגען, צי ניט אָנקלינגען. מיר האָט זיך זייער געוואָלט, זי האָט דאָך געבעטן. גענאַדי לוואָוויטשן האָט עס אָבער געקענט זײַן ניט צום הארצן.

„צוליב וואָס, אויב אַזוי, פאַרשאַפן אים אַגמעסנעפעש. דיר ווילט זיך טאַקע זייער זען זיך מיט איר, נאָר זען, נאָר אויסריידן א פּאָר ווערטער. מע דאַרף אָבער ניט. קלינג ניט. לאָז זיי צורו. מיש זיך ניט אַרײַן אין זייער פאַמיליען־לעבן", — האָב איך זיך געזאָגט. און דאָך אָנגעקלונגען. טאַקע גלײַך, אינעם ערשטן אָוונט. דאָס הארץ האָט בא מיר בעשאַסמײַסע געטיאָכקעט, ווי בא א יונג באָכערל, וועלכער קלינגט צום ערשטן מאָל צו א געליבטער. איך האָב פּאַשעט געגאַרט דערהערן יויכעוועדס שטים, נאָר דאָס טרײַבל האָט גענומען די ניאַניע. „ווער רעדט עס?" — האָט זי געפרעגט. איך האָב געזאָגט און געבעטן צורופן יויכער־וועד איסאַקאָוונען. זי האָט העפלעך געענטפערט, אַז יויכעוועד איז אין דער היים ניטאָ, זי רוט איצט אָפּ אין א הויז פאַר וויסנשאַפטלעכע טוער ניט ווײַט פון לענינגראַד, אין גאַטשינאָ. זי האָט געפרעגט: וואָס איבערגעבן? פון דער יעדיִע, אַז יויכעוועד איז ניטאָ אין שטאָט, איז בא מיר גלײַך געפּאַטערט געוואָרן די שטימונג, איך האָב זיך פאַרלוירן, געבעטן איבערגעבן א גרוס. און גאָר. מיר האָט שוין באַנק געטאָן, וואָס איך האָב געקלונגען. די ניאַניע וועט דאָך געוויס זאָגן וועגן דעם גענאַדי לוואָוויטשן. געדאַרפט לעכאַטכילע פרעגן וועגן אים, בעטן אים צום טעלעפאָן. ס'האָט זיך באַקומען ניט פײַן. ניט גוט. נאָר ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן. אפן הארצן האָב איך דערפילט א נאָגנדיקע פּוסטקײַט. זײַן דאָ, אין לענינגראַד, און ניט זען זי, ניט הערן איר שטים אפילע דורכן טעלעפאָן?! וויבאַלד איך האָב שוין גע־קלונגען, האָב איך געדאַרפט זיך כאָטש דערוויסן, מיט ווען איז זי דאָרט, און דעם אַדרעס, און צי זי וועט זײַן עפּשער די טעג אין שטאָט. נאָכאַמאָל קלינגען האָט שוין ניט געפּאַסט. די פרייד פון מײַן זײַן אין לענינגראַד איז פאַרשטערט געוואָרן.

אין א פּאָר טעג אַרום, ווען איך האָב, פול מיט פאַרדראָס, געאײַלט צום צוג, — איך בין געפאָרן דורך מאָסקווע, — האָט באַם אַרויסגיין פון האָטעל דער פּאָרטיע מיר דערלאַנגט א בריוו. ס'איז געווען פון איר, פון יויכעוועדן. שוין אין טאַקסי האָב איך פאַרזיכטיק געעפנט דעם קאָנווערט. זי האָט מיר געשריבן, אַז זי האָט זיך גוואַלדיק דערפרייט, ווען די ניאַניע האָט דורכן טעלעפאָן איר איבערגעגעבן מײַן גרוס. זי איז גליקלעך, וואָס איך האָב אויס־געפילט מײַן צוזאָג און ווידער געקומען. זי איז זייער דאַנקבאַר, וואָס איך פאַרגעס זי ניט. זי האָט בלויז באַדויערט, וואָס איך האָב ניט געזאָגט דער ניאַניע, אין וועלכן האָטעל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. נאָר זי האָט זיך אָן אייצע געגעבן: אויסגעשריבן דעם צעטל טעלע־פאָנען פון אַלע אַרטיקע האָטעלן און געקלונגען אַזוי לאַנג, ביז זי האָט ענדלעך זיך דערוווּסט, אַז איך שטיי אײַן אין האָטעל „אַסטאָריאַ" אינעם אַכצעטן נומער. דעמלט האָט זי אָנגעהויבן

קלינגען צו מיר. קיינער האָט ניט געענטפערט. נאָכדעם איז עפּעס געשען אַף דער ליניע, דער טעלעפאָן האָט אופגעהערט ארבעטן. דעריבער שרײַבט זי מיר און בעט זייער, איך זאָל אומבאַדינגט קומען צו איר אין אַפּרו־הויז. זי איז מיטן טעכטערל, מיט שולאַמיסן. גענאַדי לוואָוויטש איז אין אן אויסלענדישער קאָמאַנדירונג. זי האָפט, אז סאָף כוידעש וועט ער זיך שוין אומקערן. אין אַפּרו־הויז וועט זי זײַן נאָך א וואָך. זי פילט זיך גלענצנדיק. דאָס אַפּרו־הויז געפינט זיך אין א וווּנדערלעך שיין אָרט. ארום־און־ארום וועלדלעך. א דעמבן־וועלדל, א ליפּע־אַליי, אַלייעס מיט סאָסנעס און יעלן. די לופט א מעכײַעדיקע. וועסט דאָ זעלטן גוט פארברענגען. איך בענק נאָך דיר, איך וואַרט אַף דיר. איך מוז דיך זען. קום אומבאַדינגט. וועסט זײַן צופרידן. דארפסט מיט זיך גאָרנישט ניט נעמען. דאָ איז אַלץ פאַראַן. דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. גלײַך ווי דו וועסט דערהאַלטן מײַן בריוו, טעלעגראַפיר אַפּן אדרעס פונעם אַפּרו־הויז די שאָ, ווען דו קומסט. איך וועל ארויסגיין דיך באַגעגענען. געדענק, איך וואַרט אַף דיר. איך האָב דיר זייער פיל צו זאָגן...

איבערגעלייענט דעם בריוו, בין איך געבליבן אין פארלעגנהײַט. ניט אָנגעהויבן וויסן וואָס צו טאָן. ס'האָט מיך ארומגעכאַפּט א גוואַלדיקער פארלאַנג גלײַך צופאָרן צו איר, זען זי, דערוויסן זיך, ווי לעבט זיך איר, וואָס האָט זי מיר איצט צו זאָגן אזוינס. איך האָב געוואָלט שוין אָפּגעבן דעם בילעט, נאָר ס'איז מיר געקומען אַפּן געדאַנק, אז דאַפקע איצט, ווען גענאַדי לוואָוויטש איז אין קאָמאַנדירונג, איז ניט קעדײַ, ס'איז ניט צײַט צו זײַן בא איר. און אין דער לעצטער מינוט, ווען דער צוג האָט זיך שוין גערירט, האָב איך זיך ארופגעכאַפּט אַף די טרעפּלעך פון וואַגאָן.

קומענדיק קיין מאָסקווע, האָב איך גלײַך פון וואָקזאַל אָוועקגעשיקט יויכעוועדן א דרינגענדע טעלעגראַמע. איך האָב איר צו וויסן געגעבן, אז איר בריוו האָב איך באַקומען צו שפּעט, איך בין איצט שוין, צום באַדויערן, ווײַט פונעם אַפּרו־הויז, ווו זי געפינט זיך, נאָר מײַן הארץ איז דאָרטן, ווו זי איז. ווען די טעלעגראַמע איז שוין אוועק, האָב איך א טראַכט געטאָן, אז די לעצטע ווערטער איז ניט קעדײַ געווען צו שרײַבן צוליב פארשיידענע טײַמים, און אויך דערפאַר, ווײַל זי קען עס גרײַלעך ווײַזן דעם מאַן. יויכעוועד קען עס.

קיין טשיטאַ האָב איך זיך אומגעקערט דעם ערשטן סענטיאַבער, אינעם טאָג, ווען היטלער איז אָנגעפאַלן אַף פּוילן. אין עטלעכע טעג ארום, ווי באַוווּסט, האָט ענגלאַנד און פראַנקרײַך דערקלערט א מילכאָמע דײַטשלאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מילכאָמע. און איך האָב דאָך ערשט מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק פארזיכערט יויכעוועדס מאַמען, אז קיין מילכאָמע וועט ניט זײַן. איך בין דעמלט געווען זיכער אין דעם, ניט געזען, וואָס עס טוט זיך אַף דער וועלט. זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַף וואָס דער מאַניאַק היטלער איז פייִק. די היטלערישע האָרדעס האָבן פארכאַפּט איין פּוילישע שטאָט נאָך דער אנדערער און מיט יעדן טאָג זיך דערנעענטערט צו אונדזערע מײַרעוו־גרענעצן, צו יויכעוועדס שטעטל... אַפּן הארצן איז שווער געווען. לײַכטער האָב איך אָפּגעאָטעמט ערשט דעם זיבעצנטן סענטיאַבער, ווען די רויטע ארמיי איז אריבער די גרענעץ פון פּוילן און באַפרײַט מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד און מײַרעוו־אוקראַיִנע. יויכעוועדס שטעטל, אירע עלטערן, די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער געוועזענער גרענעץ־ליניע איז געווען איצט אויסער געפאַר.

אין יענעם טאָג האָט זיך מיר בוילעט דערמאָנט, ווי מיט פופצן יאָר צוריק בין איך צוזאַמען מיט פיניע שוואַלב אין איינער א נאַכט געשטאַנען אַף דער וואַך בא דער גרענעץ, און, שפּאַנענדיק לענגויס דעם פארהילטן אין געהיימניספולער טונקלקײַט טײַך, האָבן מיר ביידע געטרוימט וועגן יענער צײַט, ווען די אַנטקעגנדיקע פּוילישע זײַט, ווו עס האָט געוועלטיקט פּילסודסקי, וועט אויך באַפרײַט ווערן פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג...

איצט האָט זיך מיר זייער און זייער געוואָלט זײַן דאָרט, א קוק טאָן, ווי זעט איצט אויס די געוועזענע גרענעץ אָן פּילסודסקיס זעלנער, דער אומשולדיק שטילער טײַך, וועלכער האָט אָפּגעטיילט מיט זיך די דעמלטיקע צוויי לאַכלוטן באַזונדערע וועלטן, ארײַנקוקן אין דעם אַנטקעגנדיקן יִשעוו, וועלכער האָט געשמאַכט אונטער דעם שליאַכטישן יאָך, זיך דורכשמועסן מיט די באַפרײַטע אײַנוווינער. ס'איז פארבליבן אָבער נאָר א טרוים. איך האָב זיך געפונען דעמלט זייער ווײַט פון יענע מעקוימעס. איך בין ארויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן אין די שטעט פון מיטל־אַזיע, זיך באַגעגנט דאָרט מיט פיל פּליטים, וועלכע האָבן אַלפּינעס זיך באַוויזן צו ראַטעווען פון די היטלערישע ראָצכים, גליקלעך־אומגליקלעכע יידן פון פּוילן, פון טשעכאָסלאָוואַקיע. מע האָט זיי אַף די ערטער געגעבן הילף. איך האָב זיך אויך באַטייליקט אין דעם, אָפּגעזאָגט זיך פונעם האָנאָראַר פאַר די קאָנצערטן לטויוועס די פּליטים.

אין נאָיאַבער האָב איך זיך ווידער געקליבן קיין לענינגראַד, ווו ס'האָט געדאַרפט פאַר־

קומען די שוין לאנג פארפלאנירטע באגעגעניש פון מוזיקאנטן־אויספילער, וועלכע האָבן פאר־ענדיקט די באַרימטע קאָנסערוואַטאָריע. נאָר פלוצלינג האָט מען עס אָפּגעלייגט. ס׳איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע מיט פינלאַנד. דאָס זײַנען געווען ניט קיין גרינגע כאַדאָשים פאַר די לענינגראַדער און אויך פאַר מיר. ווו איך בין ניט געווען, זײַנען מײַנע געדאַנקען, אין מײַן האַרץ געווען דאָרט, אין דער ליבער, זייער ליבער שטאָט מיט די איצט אויסגעלאָשענע פײַערן, באַ וועלכער עס זײַנען גאָר נאָענט געגאַנגען פאַרביטערטע שלאַכטן.

טאָג־אויס, טאָג־אײַן האָב איך מיט אומרו געשפּירט נאָך די סוואָדקעס, און אומגעהייער גרויס איז געווען מײַן פרייד, ווען איך האָב, אַרויסטרעטנדיק פאַר אונדזערער א מיליטער־טייל, וואָס האָט זומער נײַן־און־דרײַסיקסטן אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן קעגן די יאַפּאַנישע מיליטאַריסטן באַ כאַלכין־גאָל, זיך דערוווּסט, אַז אין מאָסקווע איז אונטערגעשריבן געוואָרן א שאָלעם־אָפּמאַך מיט פינלאַנד. ס׳איז געווען אין מאַרט כוידעש. און אין אַפּרעל פון טויזנט נײַן הונדערט פערציק האָבן די היטלעריסטן פאַרכאַפּט דענעמאַרק און נאָרוועגיע, אין מײַ — האָלאַנד און בעלגיע, אין יוני — פראַנקרײַך. די היטלער־אַרמיי איז אַרײַן אין רומעניע, אין בולגאַריע, פינלאַנד, דערנעענטערנדיק זיך אַלץ מער צו אונדזערע גרענעצן.

היטלערס אָנפאַל אויף אונדזער לאַנד האָט מיך געטראָפן אין דער הויפּטשטאָט פון דער מאָלדאַווישער רעפּובליק, אין קעשענעוו. אָפּן אַדרעס פון דער אַרטיקער פילהאַרמאָניע האָב איך באַקומען א טעלעגראַמע פון טשיטאַ, פון דער פרוי, אַז זי איז אַלס פאַרמאַצעווט מאָבי־ליזירט אין א סאַניטאַר־טייל. דעם זעלבן טאָג בין איך אוועק אין פאַליט־אָפּטייל פונעם קריגס־קאָמיסאַריאַט און באַשטאַנען אויף דעם, אַז מע זאָל מיך נעמען אין דער אַרמיי.

אין א קורצער צײַט אַרום בין איך שוין געווען אין אַן אַרטיסטן־בריגאַדע אין די טיילן פון דאָרעם־פראָנט. די בריגאַדע אונדזערע, וועלכע איז באַשטאַנען פון זינגער, טענצער, מוזיקאַנטן און א פאַרלייענער, איז אין פאַרשיידענע צײַטן אַרויסגעטראָטן אויף פאַרשיידענע פראָנטן, אָפט גאָר נאָענט פון דער פאָדערשטער ליניע. איינמאָל, ווינטער פון דרײַ־און־פער־ציקסטן, ווען איך האָב אויף אַן אָפּענעם קוזאָוו פון א מיליטערישער לאַסטמאַשין אויסגעפילט פאַר די גוואַרדייִשע מינאָמיאָטשיקעס, וועלכע האָבן פאַרפולט די פאַליאַנע אין וואַלד, שאָס־טאַקאָוויטשעס אַדאַזשיאָ, בין איך אינמיטן שפּילן פאַרוווּנדעט געוואָרן. א שפּליטער פון א דײַטשישער באָמבע האָט מיר געטראָפן אין האַנט עטוואָס העכער פונעם עלנבויגן, אין דעם זעלבן אָרט, ווו ס׳האָט איבערגעלאָזט א סימען די קויל פונעם דיווערסאַנט, וועלכן מיר, טשאַנאָוועצעס, צוזאַמען מיט די גרענעצלער, האָבן פאַרהאַלטן זומער דעם פיר־און־צוואַנציקסטן באַם אַריבערגיין אונדזער דעמאָלטיקע מעלוכע־גרענעץ. העכער דרײַ כאַדאָשים האָב איך זיך געפונען אין אַן עוואַקאָ־האָספּיטאַל הינטער קויבישעוו. פון דאָרט האָט זיך מיר אײַנגעגעבן זיך פאַרבינדן מיט מײַן פרוי. זי האָט דעמאָלט קורסירט מיט דעם אַזויגערופענעם סאַניטאַר־צוג איבער דער מיט אײַז־פאַרקאָוועטער לאַדאָגער אָזערע, אַרויסגעפירט פאַרוווּנדעטע פון דער באַלאַגערטער שטאָט. באַלד נאָך דעם, ווי אין יאַנוואַר דרײַ־און־פערציקסטן איז דורכ־געריסן געוואָרן דעם סוינעס בלאָקאַדע הינטער לענינגראַד, האָב איך זי געבעטן אין מײַן בריוו, אַז, זײַענדיק אין לענינגראַד, זאָל זי זיך צוכאַפּן אויף בראָדסקי־גאַס, זיך דערוויסן וועגן דעם גוירל פון יויכעוועד פעוזנער און איר מישפּאָכע. וואָס עס האָט זיך דעמאָלט געטאָן אין דער באַלאַגערטער שטאָט, האָבן מיר געוווּסט, און איך האָב זייער איבערגעלעבט צוליב זיי. קיין ענטפער האָב איך פון דער פרוי ניט באַקומען. ביכלאַל איז שוין מער פון איר קיין בריוו ניט געווען. שפּעטער, העכער א יאָר אַרום, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז, געפינענדיק זיך אין א סאַניטאַר־טייל פונעם וואָלכאָווער פראָנט, איז זי, די פרוי מײַנע, דעם זיבן־און־צוואַנציקסטן יאַנוואַר, אינעם לעצטן טאָג פון דער אָפּעראַציע, באַם ענדגילטיקן באַפרײַען לענינגראַד פון דער בלאָקאַדע, געפאַלן אָפּן שלאַכטפעלד...

די ידיִע האָט מיך דערשיטערט. איך האָב מיטאַמאָל זיך דערפילט זייער שולדיק בענע־גייע איר, טיף באַליידיקט, וואָס איך האָב עפּשער ניט גענוג גוט זיך באַציגן צו אָט דער עלנטער, שטילער פרוי.

באַפרײַענדיק שטאָט נאָך שטאָט, האָבן אונדזערע מיליטער־טיילן זיך באַוועגט ווײַטער אויף מײַרעוו. צוזאַמען מיט די טיילן פונעם צווייטן ווײַסרוסישן פראָנט האָט זיך באַוועגט אויך אונדזער אַרטיסטן־בריגאַדע. און באַוועגנדיק זיך דורך מינסק אין דער ריכטונג פון ווילנע, וואָס איז שוין אויך געווען באַפרײַט, זײַנען מיר אויף א גרינגעפאַרבטן לאַסט־אויטאָ דורכגע־פאָרן די געוועזענע גרענעץ־סטאַנציע נעגאָרעלאָיע און דאָס באַקאַנטע אָרט, ווו ערשט האָט זיך געפונען יויכעוועדס שטעטל. איצט האָט דאָס אָרט מיט זיך פאָרגעשטעלט א פּלאַץ נאָך א שטאַרקער סרייפע, א ריזיקער בעסוילעם מיט סטאַרטשענדיקע שוואַרצע קוימענס, ווי מאַ־

צייוועס. די היטלעריסטן האָבן דאָרט אַלץ כאָרעוו געמאַכט און דאָס שטיל־פּאַרוואָרפענע שטעטל אָפּגעווישט פון דער ערד. צווישן די פּילצאַליקע קרומלעכע, האַלב־אײַנגעפאַלענע קוימענס־מאַצייוועס האָבן זיך פּאַרהיט בלויז די נאַקעטע שוואַרץ־פאַרסאַרפּעטע ווענט פונעם צווישטאָקיקן מויערל, ווו ס'האָט זיך אַמאָל געפונען דער קלוב און אין אײן־אײנציק אַרומגע־סמאַליעט גאַנעקל, יענץ גאַנעקל, אַף וועלכן איך פלעג פאַרברענגען אין די אָוונטן מיט יויכע־וועדן. איבערגעלאָזט האָבן די היטלערישע קוילער לעבן דעם זאַרגלאָז־פליסנדיקן טײַך, אַפּן אָרט פון דער גרינער לאָנקע, ווו איך פלעג מיט די פּיאָנערן דורכפירן פריילעכע שפּילן, אַ היוכן אָנשיט פון געלער ערד און רויטן ליים. אונטער דעם באַרג זײַנען געלעגן די פאַר־מוטשעטע אײַנוווינער פון שטעטל — שנײַדערס, שוסטערס, בלעכערס, קירזשנער, שמידן, זאָקנשטריקערנס און שטוב־באַלעבאָסטעס, זקיינים און אײפעלעך, יונגע שיינע מיידלעך און שוואַנגערע פרויען, וועלכע די ראָצכים האָבן באַגראָבן לעבעדיקערהייט...

„צי ליגן דאָרט ניט אויך יויכעוועדס עלטערן?" — אָט דער געדאַנק האָט מיך ניט געלאָזט רוען די גאַנצע צײַט, אַפילו דעמלט, ווען איך בין מיטן מיליטער פונעם צווייטן ווײַסרוסישן פראָנט אַרײַן אין באַזיגטן בערלין.

דעם נײַנטן מײַ, אין טאָג פון ניצחון איבערן פאַשיזם, ווען די מילכאָמע איז שוין געווען פאַרענדיקט און אַף דער וועלט איז ענדלעך געוואָרן שטיל, האָט מיך באַזונדערס באַהערשט דאָס אומרויִקע געפיל וועגן דעם גורל פון יויכעוועדן און איר מישפּאָכע. זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע מיט פינלאַנד, האָב איך גאָרנישט ניט געוווּסט וועגן איר. ווי־אַזוי האָט זי מיט איר געזינד איבערגעלעבט די פינישע מילכאָמע, דערנאָך די גרויזאַמע בלאָ־קאַדע? צי איז, כאָלילע, מיט איר צי מיט עמעצן פון איר מישפּאָכע גאָרנישט ניט געשען?

זיצנדיק מיטן וויִאָלאָנטשעל נאָך אַ קאָנצערט פאַר די שלאַכטלײַט אַף די טרעפּ פונעם רײַכסטאַג, איבער וועלכן עס האָט געפּלאַטערט אונדזער רויטע פאָן, האָב איך מיט אַ רעשטל פון אַ בלײַער אָנגעשריבן אַף אַ זײַטל פונעם צעקנייטשטן בלאָקנאָט אַ קורץ בריוול, געבעטן יויכעוועדן און גענאַדי לוואָוויטשן צו וויסן געבן כאַטש מיט עטלעכע ווערטער וועגן זיך. דעם בריוו האָב איך אָוועקגעשיקט אַף זייער אַלטן אַדרעס, ניט זײַענדיק זיכער, אַז זיי וועלן אים באַקומען.

אין אַ קורצער צײַט אַרום איז, צו מײַן גרויסער איבעראַשונג און פרייד, אָנגעקומען מיטאַמאָל אי אַ בריוו, אי אַ קאַרטל. אונטערן בריוו האָבן זיך אונטערגעשריבן סײַ יויכע־וועד, סײַ גענאַדי לוואָוויטש. זיי האָבן מיר אויסגעדריקט אַ דאַנק, וואָס איך האָב נאָך אָט דער שווערער צײַט זיך געלאָזט הערן, וואָס איך האָב ניט פאַרגעסן אָן זיי, געוווּנטשן מיר אײַנגיכן זיך אומקערן אַהיים און דערגרייכן נײַע דערפאָלגן אין מײַן מוזיקאַלער טעטיקײַט. אינעם קאַרטל, אונטער וועלכן עס האָט זיך אונטערגעשריבן בלויז יויכעוועד, האָט זי מיר געגעבן צו וויסן, אַז פאַר דער צײַט, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, איז פאַרגעקומען אין זייער פאַמיליע־לעבן אַ וויכטיקע נײַס, — וואָס פאַר אַ נײַס האָט זי ניט געשריבן, — און זי בעט מיך, אַז, אומקערנדיק זיך פון בערלין אַהיים, זאָל איך פאָרן דורך לענינגראַד און אומבאַדינגט אַרײַנגיין צו זיי.

כאַטש איך האָב נאָך מיט זעקס יאָר צוריק, נאָך מײַנע אומגעווײנלעכע באַגעגענישן מיט יויכעוועדן, געהאַט באַשטימט בא זיך מער ניט באַאומרויִקן ניט זי, ניט אים, האָב איך, אָנגעלייגט וועג און געפאָרן דורך לענינגראַד. עמעס, איך האָב געוואָלט פאַריינס אויך אויס־פילן מײַן כויוו פאַר מײַן אומגעקומענער פרוי. באַערן איר אָנדענק. עטלעכע טעג האָב איך זיך פאַרנומען אויסשליסלעך מיט אָפּזוכן איר קייווער. איך האָב אָנגעפרעגט אין פאַר־שיידענע אינסטאַנצן, זיך באַגעגנט מיטן קאָמאַנדיר פונעם סאַניטאַר־טייל, אין וועלכן זי האָט געדינט, געווען אין אַלע ערטער, ווו דעם זיבן־און־צוואַנציקסטן יאַנוואַר, אין דעם לעצטן טאָג פון דער שלאַכט־אָפּעראַציע, זײַנען געגאַנגען די שלאַכטן, זיך פאַנאַנדערגעפרעגט בא וועמען ס'איז נאָר מעגלעך געווען, און אַ באַטריבטער פון דעם, וואָס נאָך אַלע באַמיִונגען מײַנע האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן פעסטשטעלן, ווו איר געביין געפינט זיך, האָב איך זיך אומגעקערט אַ צעבראָכענער אין האָטעל. איך האָב אָנגעצונדן צווײ גרויסע ליכט בא זיך אין נומער, אַ מעסלעס ניט געגעסן, ניט געטרונקען, ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל, געזעסן מיטן וויִאָלאָנטשעל אַנטקעגן די טרויעריק־ברענענדיקע ליכט און געשפּילט באַכס «Ave Sancta Maria» און געטראַכט, אַז מעגלעך, ווען זי גייט זיך ניט צונויף מיט מיר, וואָלט זי געוווּסט פון אַ מער גליקלעך לעבן.

אָפּמאָרגן, פאַרנאַכט, האָב איך אָנגעקלונגען צו יויכעוועדן אַהיים. געענטפערט האָט מיר דאָס שוין אונטערגעוואַקסענע טעכטערל אירס, שולאַמיס. מיט אַן אָנגענעם יאָמטעוודיקן קאָלכל האָט זי געזאָגט, אַז די מאַמע דאַרף באַלד, אין עטלעכע מינוט אַרום, זײַן אין דער היים.

און דער טאַטע וועט, מיסטאָמע, אויך אײַנגיכן קומען... מיר האָט זיך געוואָלט פרעגן זיך באַגעגענען מיט יאָיכעוועדן, זיך דערוויסן, וואָס פאַר אַ וויכטיקע נײַס איז געשען בײַ זיי? פאַרוואָס האָט זי געשיקט אויסערן בריוו נאָך אַ באַזונדער קאַרטל? צי ווייסט וועגן דעם גענאַדי לוואָוויטש? אוועלכע זײַנען איצט אירע באַציִונגען מיט אים? צי זײַנען פאַרבליבן בײַ איר וועלכע־ניט־איז סודעס? ווי דאַרף איך זיך האַלטן?.. איך האָב גיך זיך אָפּגעגאָלט און מיט ברייטע טריט אוועקגעשפּאַנט, קעדיי באַווײַזן, ביז גענאַדי לוואָוויטש וועט אין אָרדענונג און מיט ברייטע טריט אוועקגעשפּאַנט, קעדיי באַווײַזן, ביז גענאַדי לוואָוויטש קומען, זיך דורכריידן מיט איר.

די בראָדסקי־גאַס און דאָס הויז, וווּ זיי האָבן געוווינט, האָט אויסגעזען אַזוי, ווי פריִער, אַלץ אויפן אָרט, אַפילע די קנאָפּקע פון טיר־גלעקל. איך האָב אָנגעקלונגען, עפּשער צו שטאַרק. באַלד האָב איך דערהערט לײַכטע טריט. „ס'איז זי, יאָיכעוועד", — האָב איך מיט צופרידנקײַט אַ טראַכט געטאָן. ס'האָט זיך געעפנט די טיר, און דערזען האָב איך פאַר זיך גענאַדי לוואָוויטשן. ער איז געווען אין דער פולער גענעראַל־אוניפאָרם. ער האָט מיך מאָדנע קאַלט אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט מיך ניט דערקענט, צי זיך געמאַכט, אַז ער דערקענט מיך ניט. אַ רעגע זײַנען מירגעשטאַנען אײנער אַנטקעגן אַנדערן שווײַגנדיק, ער אַ גענעראַל־לייטענאַנט פון אינזשעניערן־מיליטער, איך — אַ דעמאָביליזירטער, ריאַדאָוואָי.

— אַנטשולדיקט, — האָב איך פאַרלוירן געזאָגט, — עפּשער בין איך ניט צו דער צײַט...

— סאָלאָמאָן עליזאַראָוויטש, דאַכט זיך, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט? — האָט ער אָן איבעריקער פרייד זיך אָנגערופן. — איר זײַט צו אונדז?.. שוין לאַנג אין לענינגראַד? ספּעציִעל, אָדער... נו, קומט אַרײַן, — האָט ער, ווי בײַקומענדיק עפּעס אין זיך, טרוקן מיך אײַנגעלאַדן — איך בין, צום באַדויערן, אַליין ערשט אַריבערגעטראָטן די שוועל. זעצט זיך צו, אויב איר אײַלט זיך ניט. באַלד דאַרף קומען אויך די באַלעבאָסטע. זיך פאַרהאַלטן מיסטאָמע אין אוניווערסיטעט. זי איז דאָך שוין דאָקטאָר פון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, פאַרוואַלטער פון אַ קאַטעדרע, האָט צו טאָן מיט די שטערן, מיט אַנדערע פּלאַנעטעס, מיט אַנדערע וועלטן.

ער האָט גערעדט, האָב איך געפילט, קעדיי איך זאָל ניט באַמערקן אין אים אַ געוויסע אומצופרידנקײַט מיט מיר, מיט דעם, וואָס איך האָב ניט געבעטענערהייט אומדערוואַרט זיך אַרײַנגעשטעלט מיט אַ וויזיט, און אויך עפּשער קעדיי עפּעס פאַרהוילשען אין זיך. ס'איז געווען ניט יענער גענאַדי לוואָוויטש, וואָס פריִער. ניט יענע נאָענטקײַט, גאַסטפרײַנטלעכקײַט, אָפנהאַרציקײַט, עפּעס אַן אומקלאָרע אײַנגעשלאָסנקײַט אין זיך האָט זיך געפילט אין אים, אין זײַן האַלטן זיך, אין זײַן ריידן, אין זײַן בליק. גערעדט האָט ער, ווי בעקיוון דעריקער נאָר וועגן יאָיכעוועדן, געלויבט זי שטאַרק, דערציילט, אַז בעשאַס די פאַשיסטישע „יונקערסן" האָבן באָמבירט די פּולקאָווער אָבסערוואַטאָריע, האָט זי, יאָיכעוועד, שוין זײַענדיק פאַרוווּנדעט אין האַנט, ריזיקירט מאַמעש מיטן לעבן און געראַטעוועט פון דאָרט זייער ווערטפולע אויסשטאַטונג, דאָקומענטאַציעס, פאַרלאָזט האָט זי די אָבסערוואַטאָריע אין דער לעצטער מינוט, ווען דער דײַטשישער טייל איז שוין געווען גאָר נאָענט. ביכלאַל האָט זי זיך אויסשליסלעך גוט געהאַלטן אין די שווערסטע טעג פון דער בלאָקאַדע.

אַגעוו־אורכע האָט ער נאָכאַמאָל אַ פרעג געטאָן, וויפל צײַט בין איך שוין דאָ אין לענינגראַד און ווי לאַנג קלײַב איך זיך פאַרהאַלטן דאָ. איך האָב געזאָגט, אַז איך בין דאָ שוין עטלעכע טעג, געזוכט דעם קייווער פון מײַן פרוי, וועלכע איז אומגעקומען אין דער לעצטער שלאַכט באַם באַפרײַען לענינגראַד פון דער בלאָקאַדע, נאָר טראָץ מײַן מי, האָט זיך מיר, צום גרויס באַדויערן, ניט אײַנגעגעבן פעסטשטעלן דאָס אָרט, וווּ זי האָט געפונען איר אייביקע רו. מער האָב איך דאָ ניט וואָס צו טאָן און רעכן מאָרגן אוועקפאָרן. דאָס שיינע געזיכט פונעם גענעראַל, וואָס איז געווען ביז איצט פאַרוואָלקנט, האָט זיך קענטיק עטוואָס אויסגעלײַטערט, ער איז געוואָרן אופגעלייגטער, זיך צוגעזעצט, זיך פאַנאַנדערגעפרעגט מיט אַ באַזונדער אינטערעס וועגן מײַן אומגעקומענער פרוי, אין וואָס פאַר אַ טייל האָט זי געדינט, ווען האָב איך זיך דערוווּסט וועגן איר טויט, און אַ באַטריבטער דערציילט, אַז זײַנע צוויי ברידער זײַנען אומגעקומען אויפן פראָנט. דער עלטערער אין די שלאַכטן פאַר סטאַלינגראַד, דער יִינגערער בײַם דעם שטורעם פון בערלין. אַ שוועסטער מיט פינף קינדערלעך, איינס קלענער פונעם אַנדערן, האָבן די פאַשיסטן אומגעבראַכט אין ריגער געטאָ, אַ צווייטע שוועסטער מיט אַן אויפעלע, צוזאַמען מיט עטלעכע טויזנט פרויען און קינדער זײַנען, עוואַקויִרנדיק זיך פון אָדעס, דערטרונקען געוואָרן מיט דער צעבאָמבירטער שיף אין שוואַרצן יאַם ניט ווײַט פון סעוואַסטאָפּאָל. דער טאַטע, דער אַקאַדעמיקער ראַבונסקי, און די מאַמע זײַנען אינעם ערשטן מילכאָמע־יאָר אין טאַשקענט געשטאָרבן פון טיפוס. פון זייער

גאנצער מישפּאָכע איז ער דער איינציקער געבליבן אלפּי־נעס לעבן. ער איז געווען שווער קאָנטוזיעט, געלעגן אין שפּיטאָל, יויכעוועד איז אַף א רעגע ניט אַפּגעטראָטן פון זײַן בעט. בלוט געגעבן. זי האָט אים געשטעלט אַף די פיס. מיר האָט זיך זייער געוואָלט וויסן. וואָס איז מיט יויכעוועדס טאטע־מאמע. נאָר איך האָב ניט געפרעגט, קעדיי קיין איבעריק מאָל ניט דערמאָנען איר, יויכעוועדס, נאָמען. דערציילנדיק וועגן זײַן מישפּאָכע, וואָס איז טראגיש אומגעקומען, האָט ער מיט דעם, מעגלעך, אַפּגעווענדט די ניט אַנגענעמע געדאנקען, וועלכע זײַנען בא אים אופגעקומען אין צוזאמענהאנג מיט מײַן פלוצלינגדיקן ארײַנקומען. די שטימונג, האָב איך געפילט, האָט זיך בא אים אלע ווײַלע געביטן. נאָר בא מיר האָט זיך פארהיט צו אים דאָס זעלבע גוטע געפיל, וואָס פריִער, ער איז מיר געווען נאָענט און ליב, אויסער אלדאָס איבעריקע, שוין דערמיט, ווײַל ער איז יויכעוועדס מאַן. א טייל פון מײַן ליבע צו יויכעוועדן האָב איך אריבערגעטראָגן אַף אים.

פון זייער געראמען קאָרידאָר האָט זיך דערטראָגן א פריילעך טופּען פון קינדערשע טריט, און באלד זײַנען אין עסצימער, ווו מיר זײַנען געזעסן, ארײַנגעלאָפן א שיין מיידעלע, א קאָפּיע פון יויכעוועדן, זייער אונטערגעוואקסן טעכטערל, שולאמיס, נאָך איר א בלייכינק פײַן ייִנגעלע אין קורצינקע בלויע הייזלעך אַף ווײַסע שלייקעלעך. שולאמיס האָט זיך באגריסט, א קוש געטאָן דעם טאטן, געזאָגט, אז זיי האָבן א ווײַל זיך געשפּילט אין הויף, און גלײַך אוועק אין קינדער־צימער. דאָס קורץ־אונטערגעשוירענע ייִנגעלע מיט די זייער לעבעדיקע אייגעלעך האָט, הויך סמאָטשקענדיק מיט די ליפּן, אויך א קוש געטאָן אים. גענאדי לוואָוויטש האָט אים ארומגענומען און א קוש געטאָן אי אין שטערנדל, אי אין נעזל.

— שולאמיס איז בא אײַך שוין באלד א קאלע־מויד, — האָב איך א זאָג געטאָן, — זי איז אינגאנצן די מאמע. און ווער איז דאָס ייִנגעלע?

— דאָס ייִנגעלע? — האָט ער איבערגעפרעגט, און איך האָב געפילט, אז עפּעס קוועטשט אים, קאָראָבעט אים, — ס'איז אונדזער זונעלע, יאָ, — האָט ער, ווי אַפּצולאָכעס עמעצן צוגעגעבן און נאָכאמאָל אים א קוש געטאָן, ווי ער וואָלט מיט דעם אויסקויפן עפּעס זײַנע א שולד פארן קינד. — שאָלעם, גיי צו און באגריס זיך מיט סאָלאָמאָן עליזאראָוויטשן, — האָט ער זייער רויִק געזאָגט.

— הערט א מײַסע! — האָב איך אויסגערופן. — איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אז עס קומט אײַך מאזלטאָוו.

איך האָב אים באגריסט פון פולן הארצן און געווונטשן האָבן פיל נאכעס פונעם זונעלע.

— קום, קום צו מיר, — האָב איך אים א רוף געטאָן.

איך האָב זייער ליב קינדער, זיי פילן עס און ווערן גיך באפרײַנדעט מיט מיר. שאָלעמקע האָט זיך גלײַך צוגעבונדן צו מיר. איך האָב אים גענומען אַף די הענט, א גלעט געטאָן איבערן קעפּל.

— סארא ליב ייִנגעלע, סארא קלוגער בליק. זייער ענלעך אַף אײַך, — האָב איך, וועלנדיק אים פארשאפן פארגעניגן, זיך אָנגערופן צו גענאדי לוואָוויטשן.

— אַף מיר? — האָט ער אָנגעכמורעט מיך אָנגעקוקט מיט זײַנע זייער ערלעכע אויגן. — איר האָט א טאָעס, — און, וועלנדיק, קאָנטיק, אריבערפירן אָט דעם ניט אָנגענעמען געשפּרעך אַף עפּעס אנדערש, א פרעג געטאָן, צי איז פארבליבן בא מיר אין טשיטא א יוירעש.

ניט פארשטייענדיק, אייגנטלעך, צוליב וואָס ער פרעגט עס, האָב איך אים געענטפערט, אז מײַן אומגעקומענע פרוי איז, נאָך איידער איך בין זיך מיט איר צונויפגעגאנגען, געווען קראנק, און זי האָט, צום גרויס באדויערן, קיין קינדער ניט געקאָנט האָבן. מיר גייט שוין דאָס אכט־און־דרײַסיקסטע יאָר, און איך האָב קיינעם ניט אַף גאָר דער וועלט. פארבליבן איין־אליין, אָן א פרוי, אָן א קינד. און, אונטערהוידענדיק שאָלעמקען אַף די קני, האָב איך א פרעג געטאָן, ווי אלט איז ער.

— ווי אלט? — גענאדי לוואָוויטשעס געזיכט איז ווידער עטוואָס פארוואָלקנט געוואָרן. — איך וועל אײַך באלד זאָגן. וויפל איז, אז ס'איז געווען דאָ אײַער קאָנצערט, אז איר זײַט געווען צוגאסט בא אונדז? — האָט ער טרוקן א פרעג געטאָן. — ס'איז געווען אין יון נײַן־און־דרײַסיקסטן, מיט זעקס יאָר צוריק. אין אַפּרעל האיאָר איז שאָלעמקען געוואָרן פינף יאָר.

ער האָט מיט א ניט־באהאלטענעם פארדראָס א רוף געטאָן דאָס קינד צו זיך, ווידער א קוש געטאָן אים און געהייסן גיין אין קינדער־צימער צו שולאמיסן.

איך האָב זיך גוואלדיק פארלוירן, זיך דערפילט אזוי, ווי איך וואָלט ווירקלעך, געווען מיט עפּעס שולדיק בענעגייע אים, גענאדי לוואָוויטשן. אין אָט דער רעגע איז פאר

מיר קלאָר געוואָרן, אַז כאָטש איך בין קעגן אים קיין שום אוולע ניט באַגאַנגען, האָב איך אים דאָך אומזיסט און אומגישט צעבויטעט, פֿאַרביטערט, פֿאַרסאַמט דאָס לעבן. איך האָב ניט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס זאָגן אים, ווי האַלטן זיך, וואָס טאָן. אַ קאַלטער שווייס האָט אַרויס־געשלאָגן מיר אָפֿן שטערן. איך האָב ניט געפּרוווט אַפֿילו אויסוויישן, ער זאָל עס ניט באַמערקן, און ניט מיינען, אַז איך בין טאַקע שולדיק אין זײַן געהיימען פֿאַרדאַכט. איך האָב זיך געפֿילט אַזוי, ווי איך זאָל זיצן אויף אַ באַשולדיקונגס־באַנק און האָב קיין איין פּאַסיק וואָרט ניט אויף צו פֿאַרטיידיקן זיך.

אין אָט דעם מאָמענט האָב איך דערהערט אין קאָרידאָר באַקאַנטע טריט, און ס'איז באַלד אַרײַן, מיטברענגענדיק מיט זיך דעם איידעלן גערוך פֿון בליִענדיקער אַקאַציע, עטוואָס אַ מידע, יויכעוועד. דערזען מיך, איז זי, אַן איבעראַשטע, געבליבן שטיין בײַ דער שוועל.

— סאַליאַ!.. ווען? וויאַזוי? — האָט זי פֿריידיק אויסגערופֿן און זיך געלאָזט צו מיר. — אָך, סאַראַ סורפּריז! סאַראַ גאַסט! — האָט זי שטאַרק געדריקט מיר די האַנט. — האָסט דער־האַלטן אונדזער בריוו? דעם בריוו, וואָס איך און גענאַדי האָבן דיר געשיקט קיין בערלין? ווען זשע ביסטו געקומען? פֿאַרסט צו זיך אַהיים? וויפֿל, סאַליאַ, אַז מיר האָבן זיך ניט געזען? פֿינף יאָר. ניין. שאַלעמען איז דאָך שוין העכער פֿינף. זעקס יאָר, יאָ, זעקס יאָר אַדורך. אָך, סאַראַ שווערע יאָרן זײַנען עס געווען! אַבי מע זעט זיך. סאַליאַ, האָסט געזען אונדזער שאַלעמען? וואָס זאָגסטו אויף אים? ער שפּילט דאָך שוין פֿידל. און שולאַמיסן האָסטו געזען? און וואָסי בײַ דיר, דײַן פֿרוי ווו איז? קינדער האָט איר? — האָט זי מיך פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿראַגן.

מיט איר אַרײַנקומען האָט זי מיך פּאַשעט געראַטעוועט. איך האָב לײַכטער אָפּגעעטעמט.

— ביסט שוין אַ צײַט דאָ, בײַ אונדז? גיי וויים, איך האָב זיך פֿאַרהאַלטן אויף דער קאַ־טעדרע, — האָט זי באַדויערט, — ביסט אוודאי הונגעריק, גענאַדי. דו ווילסט עסן, צי דו האָסט שוין געמיטיקט אין אײַער רעסטאָראַציע?

גענאַדי לוואָוויטש האָט געענטפֿערט, אַז ער האָט שוין געמיטיקט. איך האָב העפֿלעך, נאָר קאַטעגאָריש זיך אויך אָפּגעזאָגט, איך האָב געזאָגט, אַז איך דאַרף באַלד זײַן אין האָטעל. יויכעוועד האָט זייער באַדויערט.

פֿאַר די זעקס יאָר, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, האָבן בײַ יויכעוועדן צווישן די גינגאָלדענע האָר ערטערווײַז זיך באַוויזן באַזילבערטע. דאָס האָט איר צוגעגעבן נאָך מער כיין און זי האָט אויסגעזען אין מײַנע אויגן אַזוי שיין, ווי פֿריִער. בּיכלאַל האָט זיך מיר געדוכט, אַז זי וועט שטענדיק, שטענדיק זײַן שיין און שלאַנק און מילד.

— וואָס זשע, גייסטו טאַקע שוין אַוועק? — האָט זי פֿאַרצאָרנט געזאָגט. — גענאַדי, דו אַלס גענעראַל ווירק אויף סאַליאַן דעם ריאַדאָוואָי. מיר האָבן דאָך נאָך גאָרנישט ניט גערעדט. מאָרגן וועסטו קומען?

— עפּשער, אויב איך וועל ניט אוועקפֿאָרן, — האָב איך געענטפֿערט.

— פֿאַרהאַלט זיך כאָטש נאָך אויף אַ פּאָר טעג. קאָנסט זײַן בײַ אונדז. וועסט האָבן אין דײַן רעשוס אַ באַזונדער צימער און אַלע באַקוועמלעכקײַטן. גענאַדי, זאָג אים, ס'איז דאָך פֿאַראַן אַזויפֿיל צו ריידן. יעדערער פֿון אונדז האָט דאָך אַזויפֿיל איבערגעלעבט פֿאַר דער צײַט.

— אויב איך וועל קאָנען, וועל איך אַרײַן, — האָב איך געזאָגט, זײַענדיק בײַ זיך זיכער, אַז דאָס בין איך בײַ זיי לעצטע מאָל. איך האָב זיך אויפֿגעהויבן, גרייט זיך געזעגענען.

— וואַרט צו איין רעגע, איך וועל נאָר צוקעמען די האָר, וועל איך דיך גיין באַגלייטן, — האָט יויכעוועד געזאָגט.

איך האָב ניט געוואָלט, אַז זי זאָל גיין אָן אים, אָן גענאַדי לוואָוויטשן, און פֿאַרגעלייגט אים זיך אויך דורכגיין.

— גוט, — האָט ער זייער רויק און העפֿלעך געזאָגט, — איר וועט צוּוואַרטן אויף מיר אין הויף, אין סעדל, איך וועל זיך איבערטאָן און אַרויסגיין.

— גענאַדי טײַערער, — האָט זי געזאָגט, — איך בעט דיך זייער, צווינג נאָר ניט אונדז לאַנג צו וואַרטן.

באַלד ווי איך מיט יויכעוועדן זײַנען אַרויס, האָב איך איר געזאָגט, אַז איך האָב געהאַט אַ שרעקלעכע אומאָנגענעמלעכקײַט, און דערציילט, וואָס גענאַדי לוואָוויטש האָט מיר געענט־פֿערט אויף מײַן פֿראַגע, ווי אַלט איז שאַלעם, און ווי ער האָט רעאַגירט אויף מײַן באַמערקונג, אַז שאַלעם איז ענלעך אויף אים. זײַנע ווערטער האָבן מיך פּאַשעט געפּלעפּעט. צי דען איז ער כווישעד?

— דו ווייסט דאָך זייער וווּל, דו ווייסט דאָך דעם עמעס, אַז איך בין גאָט די נעשאָמע שולדיק...

— ניין, ניט ריכטיק, דו ביסט שולדיק. נאָר דו, סאָליא, ביסט שולדיק, — האָט זי זיך צעשמייכלט. — שאָלעם איז געקומען אַף דער וועלט נאָר אַדאַנק דיר. יאָ, יאָ. איך האָב דאָך דיר געשריבן, אַז בא אונדז זײַנען פאַראַן וויכטיקע נײַס. אָט דאָס איז די נײַס. אין אונדזער מישפּאָכע איז צוגעקומען אַ טײַער קינד. נאָך דײַן אוועקפאָרן, סאָליא, איז מיט מיר פאָרגעקומען אַזוינס, וואָס איך קאָן דיר ניט איבערגעבן. איצט איז עס שוין אַדורך. נאָר דעמלט האָב איך זיך קיין אָרט ניט געפונען. איך בין אַרומגעגאַנגען, ווי אַ פאַרשיקערטע. זיך געסטאַרעט באַרויִקן און ניט געקאָנט. וואָס איך האָב ניט געטאָן, האָט ניט געהאָלפן. איך האָב דעמלט פאַרשטאַנען, אַז עס קען מיך ראַטעווען נאָר איינס: האָבן אַ קינד. איך האָב געזאָגט גענאַדיִן. און דאָס האָט געהאָלפן. גענאַדי לוואָוויטש ווייסט זייער וויל, אַז שאָלעם איז זײַן זונעלע. אומזיסט האָסטו זיך אַזוי גענומען צום האַרצן. האָסט אים פּאַשעט ניט ריכטיק פאַרשטאַנען.

עס האָט זיך געוויזן גענאַדי לוואָוויטש. ער איז געווען איצט אין אַ ציווילן אָנצוג, וואָס איז געלעגן ווי אויסגעגאָסן אַף זײַן הויכער שטאַלטנער פיגור. דערזעענדיק אים, האָט יויכעוועד זיך צעלאַכט, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ עטוואָס אַהינטער.

איך האָב זי צום ערשטן מאָל געזען אַזאַ לאַכנדיקע.

— וואָסי? — האָט גענאַדי לוואָוויטש געלאָזן אַ פרעג געטאָן, צוגייענדיק עטוואָס נענטער.

— איך וועל דיר שפּעטער דערציילן, — האָט זי זיך נאָך העכער צעלאַכט. — נו, קומט.

— וווּהין? — האָט גענאַדי לוואָוויטש געפרעגט. — אין וועלכן האָטעל האָט איר זיך אָפּגעשטעלט?

ס׳האָט זיך געפילט, אַז אין איר אָנוועזנהײַט סטאַרעט ער זיך האַלטן וואָס העפלעכער מיט מיר.

איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פון זיי, אינעם האָטעל „אַסטאָריִא".

— ביסט אַליין? אין וועלכן נומער? — האָט יויכעוועד געפרעגט.

— אַליין. אינעם אַכצעטן.

— זע נאָר, אין דעם זעלבן נומער, אין וועלכן דו ביסט דעמלט אײַנגעשטאַנען, — האָט זי מיט פאַרוווּנדערונג געזאָגט.

— יויכעוועד, דו ווייסט, — האָב איך זי איבערגעשלאָגן, — איך בין דאָך געווען דאָרט, אַף יענעם אָרט, ווו ס׳האָט זיך געפונען אײַער שטעטל.

— וואָס רעדסטו, סאָליא? ביסט געווען דאָרט? ווען? וויִאַזוי? — האָט זי אויסגערופן.

איך האָב גאַנץ גענוי דערציילט, וויִאַזוי איך בין געווען דאָרט, וואָס געטראָפן, וועגן אַלץ, אַלץ, און אויך, אַז צווישן די קוימענס־מאַצייוועס האָבן זיך פאַרהיט בלויז די נאַקעט־פאַרסאַרפּעטע ווענט פונעם געוועזענעם קלוב און זייער גאַנעקל.

— טאַקע, זיך פאַרהיט... בלויז אונדזער גאַנעקל. מע האָט דערציילט, אַז ס׳איז אַפילע קיין זייכער ניט פאַרבליבן. און דו האָסט אַליין מיט דײַנע אויגן געזען אונדזער גאַנעקל?... גענאַדי, איך מוז אויך צופאָרן אַהין. סאָליא, לאָמיר פאָרן צוזאַמען. אַליין איז מיר שרעקלעך...

— בא דיר איז דאָרט פאַרבליבן עמעצער?.. וואָסי מיט דײַנע עלטערן? — האָב איך פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן.

— אוי, פרעג ניט... ניט דאָרט. נאָך אָנהייב מילכאָמע... — זי האָט מיט אַ טיכעלע זיך אַ וויש געטאָן די אויגן און אַנשוויגן געוואָרן.

אַ ווײַלע זײַנען מיר געגאַנגען, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט.

— כעוועדל, זאָג, ביסט ניט מיד? — האָט גענאַדי לוואָוויטש פאַרזאָרגט געפרעגט.

— ניין, — האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און, ווי זי וואָלט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, דערציילט, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען דעם צוואַנציקסטן יון פון איין־און־פערציקסטן געקומען צו פאָרן קיין כאַרקאָוו צו איר עלטערער שוועסטער אַף דער כאַסענע פון זייער אייניקל, זייער אַ גראַטן אַכצניאָריק מיידל, אַ מאָלערן. אין צוויי טעג אַרום איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע. אין שטעטל האָבן זיי זיך שוין ניט אומגעקערט. אינגיכן האָט מען זיי פון כאַרקאָוו עוואַקויִרט. אַפן וועג איז דער טאַטע פאַרשלאָפט געוואָרן. זיי זײַנען פאַרבליבן אין מאַריופּאָל. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די היטלעריסטן אומדערוואַרט, פלוצלינג פאַרכאַפּט די שטאָט, און אַלע ייִדן זײַנען דאָרט אומגעקומען. די 10־טע זאָנדערקאָמאַנדע האָט זיי אומגעבראַכט. אין אַ גאַז־מאַשין האָבן זיי פאַרסאַמט דעם טאַטן, די מאַמע, די שוועסטער מיט איר גאַנצער מישפּאָכע...

זי האָט זיך דערמאָנט, קאָנטיק, וואָס איך האָב איר דערציילט וועגן שטעטל, האָט זי מיט א מידער שטים געזאָגט:

— געוועזן א שטעטל און אויס. פאַרבליבן איין גאַנעקל. עס וועט שוין קיינמאָל, קאָלזמאַן די וועלט וועט שטיין, אַזאַ שטעטל ניט זײַן.

מיר זײַנען געוועזן שוין לעבן האָטעל. איך האָב געזען, אַז יויכעוועד וויל זיך נאָך ניט צעשיידן. אין איר איז שוין ניט געוועזן יענער פלאַם. זי האָט געקוקט אַף מיר מיט א רויִק־שטילער בענקשאַפט, ווי אַף א נאָענטן אַלטן פרײַנט, וועלכער האָט דערמאָנט איר אָן פאַרגאַנגענע טעג, וואָס האָבן פאַרשענערט דאָס לעבן.

— זאָלסט מאָרגן אומבאַדינגט קומען צו אונדז אַף מיטיק, — האָט זי געזאָגט, געזעגענענדיק זיך, — און ביכלאַל, געדענק, ווען דו וועסט נאָר זײַן דאָ, זאָלסטו אומבאַדינגט קומען צו אונדז. פאַרגעס אונדז ניט.

גענאַדי לוואָוויטש האָט אויך, עמעס א ביסל אײַנגעהאַלטן, געבעטן אַף ווײַטער אַרײַנקומען צו זיי.

איך בין אַרײַן אין פאָיע פונעם האָטעל, א צערודערטער געבליבן שטיין און דורך דער גלעזערנער טיר מיט בענקשאַפט נאָכגעקוקט יויכעוועדן און גענאַדי לוואָוויטשן, וועלכע זײַנען פאַמעלעך אַוועק, ריידנדיק עפּעס צווישן זיך.

מיר האָט באַנק געטאָן פאַר אים. זייער באַנק געטאָן. ער גלייבט איר, יויכעוועדן. זיכער. נאָר דאָך דערוועקט זיך אין אים, קאָנטיק, פון מאָל צו מאָל א ברעקל סאָפעק, וואָס מאַטערט אים, — האָב איך פאַרזאָרגט געטראַכט, — ער זאָגט עס אָפן ניט אַרויס, נאָר אָט דער פיצינקער, נישטיקער סאָפעק פײַניקט אים. און איך האָב זיך דערפילט אַזוי, ווי איך וואָלט בעעמעס, כאָטש ניט ווילנדיק, נאָר דאָך באַגאַנגען א פאַרברעכן בענעגייע אים.

ווען יויכעוועד און גענאַדי לוואָוויטש האָבן פאַרקערעוועט אַף א צווייטער גאַס און איך האָב זיי מער ניט געזען, בין איך גלײַך אַוועק צום אַדמיניסטראַטאָר, זיך צערעכנט פאַרן נומער, פאַרכאַפּט דאָס איינציקע פאַרמעגן מײַנס — דעם וויזאַלאַנטשעל און אַוועקגעאײַלט אָפן וואָקזאַל.

אין א פאָר שאָ אַרום בין איך אַוועקגעפאָרן.

אין טשיטאַ איז מײַן דרײַצימערדיקע דירע געוועזן פאַרנומען. די פרוי מײַנע האָט, אַוועקגייענדיק אין אַרמיי, אַרײַנגעלאָזט אין דער דירע די אופראַמערן פון אַפּטייק מיטן מאַן און פיר קינדערלעך. דעם מאַן האָט מען אײַנגיכן מאָביליזירט, און ער האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע אָן א האַנט. אָן אינוואַליד. כאָטש איך האָב געהאַט אַלע רעכט אַף באַקומען צוריק די דירע, האָב איך זיך אַליין אָפּגעזאָגט און זיך באַנוגנט מיט אַן אַנדער איינצימערדיק קלייניק דירעלע. ס'האָט מיר דאָרט געקלעקט אָרט אי פאַר א טיש, אי פאַר די ביכער־שאַפעס, אי פאַר א דיוואַן, און דעריקער פאַרן וויזאַלאַנטשעל. מער האָב איך גאָרנישט ניט באַדאַרפט. איך האָב ווידער געאַרבעט אין דער מוזיק־שול און פיל אַרומגעפאָרן, געגעבן קאָנצערטן אין דער טווימער אווטאָנאָמער רעפובליק, אַף סאַכאַלין, אַף קאָלימאַ, אין יאַקוטיע... געלעבט האָב איך אַליין. איין־אַליין. פון יויכעוועדן קיין שום ידיעס ניט געהאַט. אָפּט פלעגט זיך מיר וועלן אָנשרײַבן איר כאָטש א פאָר ווערטער, אָדער אָנקלינגען, נאָר איך האָב ניט געשריבן און ניט געקלונגען.

אין א פאָר יאָר אַרום נאָך דער מילכאָמע, סאָף זיבן־און־פערציקסטן, האָט מען באַשטימט דורכפירן אין לענינגראַד די באַגעגעניש פון מוזיקאַנטן־אויספילער, וועלכע האָט געזאָלט פאָרקומען נאָך ערעוו דער מילכאָמע. איך האָב באַקומען אַן אײַנלאַדונג. דאָס האָט מיך דערפרייט. מיר האָט זיך שוין געבענקט נאָך אָט דער ליבער שטאָט. דאָס מאָל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל „נעוואַ", גאַנץ ווײַט פון דער בראָדסקי־גאַס, אַף וועלכער עס האָט געוווינט יויכעוועד מיט איר מישפּאָכע. אין דער פרײַער צײַט, וואָס איך האָב געהאַט, האָט מיר זייער געוואָלט זיך זען זי, און ניט נאָר זי, אויך אים, זייערע קינדער — שולאַמיסן און שאָלעמען, אויב ניט זען, איז כאָטש אָנקלינגען. איך האָב אָבער ווידער און ווידער, שוין צום ווייפלטן מאָל, זיך געזאָגט „ניין, דו דאַרפסט ניט גיין, און דו דאַרפסט ניט קלינגען. הער אויף טראַכטן וועגן איר. קיל אָפּ דאָס האַרץ. פאַרלעש די געפילן. קלינג ניט. גיי צו זיי מער ניט, לאָז זיי פאַרגעסן אָן דיר. דערמאָן זיי ניט אָן דײַן צוגעבונדנקײַט צו זייער שטוב. שטער זיי ניט". איך האָב זיך געזידלט, געמוסערט זיך אַליין, געבעטן זיך בא זיך, אײַנגעטײַנעט מיט זיך און בין צו זיי ניט געגאַנגען, ניט געקלונגען. איך בין בלויז עטלעכע מאָל, שוין שפּעט אין אָוונט, זיך דורכגעגאַנגען הין און צוריק איבער דער שוין שטילער בראָדסקי־גאַס אַנטקעגן זייער גרויסאַרטיקן הויז, זיך אומגעקוקט אַף די העל־באַלויכטענע פענצטער, זיך צוגעהערט צו די צאַרטע קלאַנגען פון א פידל, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון דאָרט, געכאַפּט א בליק אַף

זייער באַלקאָן, ווו דעמלט, שוין שפּעט באַנאַכט, ווען איך האָב צוגעפירט יויכעוועדן פון האָטעל אַף אַ טאַקסי אַהער, איז געשטאַנען איינער אַליין גענאַדי לוואָוויטש און געוואַרט אַף איר.

לויט דעם, ווי ס'האָבן פון מאָל צו מאָל זיך באַוועגט שאָטנס אַף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, איז קאָנטיק געווען, אַז מע גייט דאָרט אַרום. נאָר ווער? זי, יויכעוועד? גענאַדי לוואָוויטש? צי שולאַמיס אָדער שאָלעם? איך האָב זיי אַלעמען ליב געהאַט, זיי אַלעמען, וועלכע האָבן געהאַט אַ שײַכעס צו איר. ווען יויכעוועד זאָל וויסן, אַז איך שפּאַן דאָ אַרום, וואָלט זי געוויס אַרויסגעלאָפן צו מיר. נאָר גלײַכער, אַז זי זאָל ניט וויסן אַפילו, אַז איך בין געווען דאָ, אין לענינגראַד. איך בין אַוועק, זיך לאַנג נאָך אַרומגעדרייט איבער די גוט באַקאַנטע גאַסן און אַ מידער זיך אומגעקערט אין האָטעל. אינדערפרי האָט מען מיך אײַנגעלאַדן אין פילהאַרמאָניע, פאַרגעלייגט אַריבערפאָרן קיין לענינגראַד, אָנקומען אַלס סאָליסט און אַנסאַמבליסט אין סימפאָנישן אָרקעסטער. וועגן אַזוינס האָב איך געקאָנט בלויז טרוימען, איך האָב זיך אָבער אָפּגעזאָגט.

די באַגעגעניש פון מוזיקאַנטן־אויספילער, געוועזענע סטודענטן פון לענינגראַדער קאָנסערוואַטאָריע, האָט געדויערט דרײַ טעג. דער לעצטער אָוונט פאַרן אַוועקפאָרן איז בא מיר געווען פרײַ. און ס'האָט מיר אָפּגעגליקט קריגן אַ בילעט אָפּן ספּעקטאַקל „טעוויע דער מילכיקער" אין דער אופירונג פונעם מאָסקווער ייִדישן טעאַטער, וועלכער האָט דאָ גאַסטראָלירט. איך האָב עטוואָס פאַרשפּעטיקט און פאַרנומען מײַן אָרט אין פּאַרטער, ווען ס'האָט זיך שוין אופגעהויבן דער פאָרהאַנג און אַף דער בינע האָט זיך באַוויזן מיכאָעלס אין דער ראָל פון טעוויע. אין זאַל האָט געדונערט פון אַפּלאָדיסמענטן. אַן איבעראַשטער פון מיכאָעלסעס שפּילן, האָב איך נאָכגעשפּירט נאָך יעדן זשעסט זײַנעם, אופגעכאַפּט יעדעס געטאַקט וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט, פאַרכאַפּט פון דער שפּיל פון די איבעריקע אַרטיסטן און ניט באַמערקט, ווער עס זיצט פון רעכטס אין דער לאָזשע איבער מיר. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און ס'האָבן זיך אָנגעצונדן די ליוסטרעס, האָב איך דערהערט זייער אַ באַקאַנטע שטים, עמעצער האָט אָנגערופן מיך באַם נאָמען, און איך האָב דערזען אין דער ערשטער ריי פון דער לאָזשע יויכעוועדן און גענאַדי לוואָוויטשן. זיי האָבן מיך אײַנגעלאַדן צו זיך אין לאָזשע. דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין שוין דרײַ טעג אין לענינגראַד, האָט יויכעוועד ניט געוואָלט אַפילו די האַנט מיר געבן, זי איז געווען באַליידיקט, וואָס איך בין ניט אַרײַנגעקומען צו זיי, אַפילו ניט אָנגעקלונגען. דערפאַר איז גענאַדי לוואָוויטש געווען אין אַ גוטער שטימונג. ער איז באַגײַסטערט געווען פון מיכאָעלסעס שפּילן און געזאָגט, אַז ער וועט נאָכמאָל גיין מיט די קינדער, ער וויל, אַז שולאַמיס און שאָלעם זאָלן זען מיכאָעלסן, זוסקינען, בכלל אַ ייִדישן טעאַטער, אַ ייִדישן קאָנצערט...

נאָכן ספּעקטאַקל זײַנען מיר, דערוואַרעמטע פון דער שפּיל, צוזאַמען אַרויס. יויכעוועד און אויך גענאַדי לוואָוויטש האָבן מיך אײַנגעלאַדן אַף אַ גלעזל ווײַן, געוואָלט, איך זאָל זען די קינדער, וועלכע זײַנען פאַר דער צײַט אונטערגעוואַקסן, הערן, ווי שאָלעם שפּילט אָפּן פידל. מיר האָט זיך געוואָלט זײַן מיט זיי, פאַרברענגען מיט זיי. נאָר איך האָב געזאָגט, אַז מע וואַרט אַף מיר. יויכעוועד האָט זייער באַדויערט און, געזעגנענדיק זיך, געזאָגט, אַז זי האָט אַ הייסן פאַרלאַנג צופאָרן כאָטש אַף איין טאָג אין זייער געוועזענעם שטעטל, זײַן אָפּן אָרט, ווו ס'איז געווען זייער שטוב, זען דאָס פאַרבליבענע גאַנעקל. זי וואָלט זייער וועלן, אַז איך זאָל פאָרן מיט איר. טאַקע אַף איין טאָג, ניט מער. אויב ניט איצט, איז זאָל זײַן אַן אַנדערשמאָל. זי וועט וואַרטן...

קיין טשיטאַ האָב איך זיך אומגעקערט אַ צופרידענער, וואָס איך האָב אַזוי אומגעריכט זיך באַגעגנט און געזען מיט יויכעוועדן און איר מאַן, און אויך פון דעם, וואָס איך האָב געהאַלטן וואָרט און צו זיי, ניט געקוקט אַף זייער אײַנלאַדונג, ניט אַרײַן.

אַן אַרטיסט, ווי יעדער קינסטלער, באַרויקט זיך קיינמאָל ניט מיט דעם דערגרייכטן. יעדן טאָג האָב איך געגומען נײַע באַריערן. נאָך מער האָב איך זיך אָפּגעגעבן דער אַרבעט אין דער מוזיק־שול, פיל אַרומגעפאָרן, אַרויסגעטראָטן אין שטעט און דערפער פון סיביר, און נאָכדעם אין די צעלינאַ־סאָווירטן פון אַלטײַ און קאַזאַכסטאַן אינעם ערשטן יאָר פון באַהערשן די אומגעלדלעכע, ביז איצט ניט געריירטע ראַכוועסן, און שפּעטער, ווען מע האָט שוין אַראָפּגענומען די ערשטע געררעטעניש. דאָס האָט מיר געגעבן אַן אימפּולס צו שאַפן אייגענע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע ניט בלויז איך, נאָר אויך פיל אָנגעזעענע אַרטיסטן האָבן אויסגעפילט. די געאָגראַפיע פון די שטעט, אין וועלכע איך בין אַרויסגעטראָטן, האָט פון יאָר צו יאָר זיך פאַרברייטערט. און אָט בין איך ווידער אין לענינגראַד. העכער פינף יאָר איז אַדורך נאָך דעם, ווי איך האָב זיך באַגעגנט מיט יויכעוועדן און איר מאַן אָפּן ספּעקטאַקל

פונעם מאָסקווער ייִדישן טעאַטער. איך האָב זיך געריכט און געוואַרט, אַז שוין אַף מײַן ערשטן קאָנצערט וועט זי זײַן מיט אים. זיי זײַנען ניט געווען. אַפן צווייטן קאָנצערט אויך ניט. ניט אַפן דריטן, ניט אַפן פערטן. דאָס האָט מיך שוין אָנגעהויבן באַומרויִקן, נאָר איך האָב ניט געקלונגען. געהאָפט, אַז זיי וועלן זײַן אַפן פינפטן, אַף מײַן לעצטן קאָנצערט, וועלכער איז פאָרגעקומען אויך אין גרויסן זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע. זיי זײַנען ניט געווען. דעמלט, שוין פאַר מײַן אָפּפאָרן, האָב איך אָנגעקלונגען צו זיי. קיינער האָט ניט געענטפערט. איך האָב לאַנג געקלונגען. קיינער האָט ניט גענומען דאָס טרײַבל. איך האָב ניט אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס איז געשען, און אָנגעקלונגען צו יויכעוועדס שוועסטער. זי האָט געפרעגט, ווער רעדט עס. איך האָב איר געזאָגט. איר שטים האָט זיך גלײַך געביטן, זי האָט זיך אַפילע דערפרייט, געזאָגט, אַז זי האָט פיל געהערט פון יויכעוועדן וועגן מיר, אַז זי איז געווען אַף מײַן קאָנצערט און אַז יויכעוועד, גענאַדי לוואָוויטש מיט די קינדער זײַנען שוין צוויי יאָר אין כינע, פילן אויס אַ וויכטיקע אַרבעט און וועלן זײַן דאָרט מיסטאַמע נאָך אַ פּאָר יאָר.

אָן יויכעוועדן האָט די גרויסע רוישיקע שטאָט מיר אויסגעזען ווי פוסט, און איך האָב מיט אַ בענקענדיק געפיל פאַרלאָזט זי.

אַף ווײַטער האָט זיך פאַרברייטערט אויך די געאָגראַפיע פון די לענדער, אין וועלכע איך בין אַרויסגעטראָטן. איך האָב געגעבן קאָנצערטן אין בולגאַריע און אין פּוילן, אין אונגאַרן און רומעניע, אין טשעכאָסלאָוואַקיע און מאָנגאָליע. אין פינף־און־זעכציקסטן יאָר בין איך געווען אַף קובאַ. געגעבן קאָנצערטן אַף די צוקער־ און מאַראַנצן־פּלאַנטאַציעס, אין די וואָלפראַם־ און ניקל־שאַכטעס, פאַר די פישפאַנגער און טשערעפּאַכעס־פאַנגער, אין פאַרשיידענע יִישוּוים און שטעט און אויך אין דער הויפּטשטאָט האַוואַנע. דער לעצטער קאָנצערט איז דאָרט פאָרגעקומען אינעם גרויסן זאַל פונעם נאַציאָנאַלן טעאַטער. דער זאַל איז געווען איבערפולט. איך האָב אויסגעפילט מיאַסקאָווסקיס וויאָלאָנטשעל־קאָנצערט, ראַכמאַנינאָווס, שאָסטאַקאָוויטשעס, ווײַנבערגס און לעוויטינס סאָנאַטן פאַר וויאָלאָנטשעל און פאָרטעפּיאַנע און באַכס פינפטע סויִטע פאַר וויאָלאָנטשעל, איינע פון זײַנע קאָמפּליצירטסטע סויִטעס.

צווישן דעם אוילעם, וואָס האָט צום סאָף פון קאָנצערט מיך אַרומגערינגלט אַף דער בינע, האָב איך פּלוצלינג, ווי עס וואָלט געשען אַ וווּנדער, דערזען זי, מײַן לעבנס־ליד, מײַן יוגנט־ליבע.

— יויכעוועד!.. — האָב איך, אַן איבעראַשטער אויסגערופן, לאָזנדיק זיך צו איר.

— איך בין יויכעוועדס טאָכטער, שולאַמיס, — האָט זי, שמייכלענדיק מיט די פינקלענדיקע הימל־בלויע אויגן, אַ צופרידענע זיך אָנגערופן, — צי דען בין איך טאַקע אַזוי ענלעך אַף מײַן מאַמען?..

שולאַמיס האָט מיך באַקאַנט מיט איר מאַן, כאָסע גאַרטי, אַ קובינער, דערציילט, אַז נאָכן פאַרענדיקן דעם פאַקולטעט פון אויסלענדישע שפּראַכן אַרבעט זי אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין קובאַ, כאָסענע געהאַט דאָ מיט אַ היגן לערער, און זיי האָבן שוין אַ דרײַיאָריק ייִנגעלע — פידעל. פון כינע האָבן די עלטערן זיך אומגעקערט אין זעקס־און־פופציקסטן. די מאַמע האָט זיך באַטייליקט אין אַרויסשיקן „לײַקען" אין קאָסמאָס, נאָכדעם „בעלקען" און „סטרעלקען". דער טאַטע איז אָנפירער פונעם זעלבן אַנשטאַלט, וואָס פריִער, שאָלעם האָט פאַרענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע און שפּילט די ערשטע פידל אין לענינגראַדער יוגנטלעכטן מוזיקאַלן אַנסאַמבל. שולאַמיס און איר שוואַרצכיינעוודיקער מאַן כאָסע גאַרטי האָבן מיר אײַנגעלאַדן צו זיך. ס'איז אָבער שוין געווען שפּעטלעך, און מאָרגן זיבן אינדערפרי האָב איך געדאַרפט זײַן אַפן אַעראָוואָקזאַל. קומענדיק אַהין, האָב איך געטראָפן דאָרט שולאַמיסן מיטן מאַן און זייער קלייניקן פידעלן. אַ שיין קינד. אַן עכטער קובינער, מיט דער מאַמעס און באָבעס הימל־בלויע אויגן. זיי האָבן געבראַכט מיר אַ מאַטאָנע מאַראַנצן, באַנאַנעס, ווײַנטרויבן און אַ קליין פּאַסילקעלע די עלטערן. געזעגענענדיק זיך, האָב איך גענומען אַף די הענט פידעלן, אַ קוש געטאָן יויכעוועדס אייניקל, וועלכן זי, די באָבע, האָט נאָך ניט געזען.

אין דער־לופט שוין האָב איך, ווי געוויינלעך, אַרויסגעקוקט דורכן אילומינאַטאָר און דערזען אַפן פוסטן אָפענעם פלי־פעלד שטיין יויכעוועדס טאָכטער מיטן קובינער איידעם און אייניקל, און שולאַמיס, ווי אַנומלטן איר מאַמע אַפן לענינגראַדער פלי־פעלד, האָט געפאָכעט מיט דער האַנט, באַגלייטנדיק מיך...

דער לײַנער האָט געהאַלטן דעם קורס אַף מאָסקווע, און פון מאָסקווע בין איך ספּעציעל אַרויסגעפלויגן קיין לענינגראַד. איצט האָב איך ניט געדאַרפט עפּעס איבערשפּאַרן אין זיך. איך האָב געדאַרפט אויספילן מײַן כויוו — איבערגעבן דעם גרוס און דאָס פּאַסילקעלע, וואָס כ'האָב געבראַכט מיט זיך פון קובאַ.

באלד ווי איך האָב זיך אײַנגעאָרדנט אין האָטעל, האָב איך אָנגעקלונגען צו יוויכעוועדן אַף דער קוואַרטיר. דאָס טרײַבל האָט געגנומען, קאַנטיק, שאַלעם. איך האָב געבעטן צורופן גענאַדי לוואָוויטשן.

— דער טאַטע איז הײַנט אַרויסגעפֿלויגן קיין זשענעווע, — האָט ער געענטפֿערט און איבערגעגעבן דאָס טרײַבל דער מאַמען.

יוויכעוועד האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט מיר, באַזונדערס ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין ערשט פֿון קובאַ און געבראַכט אַ גרוס פֿון שולאַמיסן, איר מאַן און קינד און דערצו נאָך אויך אַ פּאַסילקעלע.

— קום שוין צו פֿאָרן, האָט זי מיך געבעטן, — איך וועל שוין אין ערגעץ ניט גיין. איך וואַרט אַף דיר. נאָר פֿאַרהאַלט זיך ניט. איך וויל, זאָלסט זיך זען מיט שאַלעמען.

יוויכעוועד האָט מיך באַגעגנט בײַ דער שוין אופֿגעעפֿנטער טיר. זי האָט מיך אַרומגענומען, זיך צעקושט מיט מיר, צאַרט, וואַרעם.

— אָך, ווען דו קומסט כאָטש מיט עטלעכע מינוט פֿריִער. אָקאָרשט איז אַוועק שאַלעם. בײַ אים איז באַלד אַ קאָנצערט. איך האָב אַזוי געוואָלט, זאָלסט אים זען, זיך דורכריידן מיט אים... נאָר וועגן דעם שפּעטער. נו, דערצייל, דערצייל, — האָט זי געבעטן, דערלאַנגענדיק מיר אין עסצימער אַ ווייכן פֿאָטעל און אַליין זיך צוגעזעצט אַנטקעגן מיר.

איך האָב איר איבערגעגעבן דעם גרוס, דאָס פּאַסילקעלע, באַגריסט מיטן אייניקל. יוויכעוועד האָט געהאַלטן אין איין פֿאַנאַנדערפֿרעגן זיך וועגן שולאַמיסן, וועגן איידעם און דעריקער וועגן פֿידעלן, דעם אייניקל.

איך האָב ווידער דערציילט, און זי האָט מאַמעש געלויכטן.

אין פֿאָלק זאָגט מען: שיינע מיידלעך זײַנען נאָכדעם שיינע ווײַבלעך, און שיינע ווײַבלעך ווערן נאָכדעם שיינע באָבעס. יוויכעוועד איז געוואָרן אַ שיינע באָבע. זייער אַ שיינע. פֿאַר די יאָרן, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, האָט זי, עמעס, זיך עטוואָס געעלטערט, אָבער גלײַכצײַטיק באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ נײַער שיינקײַט. אַף איר האָט מאַמעש געדרוט איצט די שכינע. אין אירע קימאַט זעכציק יאָר האָט זי אויסגעזען שלאַנקער, שטאַלטנער פֿון אַ פֿערציקאָריקער. די הימל־בלויע אויגן האָבן בײַ איר געפֿינקלט, געווען פֿול מיט לעבן. זי איז געווען פֿול מיט ענערגיע. בלויז די האָר אירע האָבן פֿאַרלוירן דעם גינגאָלד, געווען דורכויס באַזילבערט, און דאָס האָט איר צוגעגעבן נאָך מער כיין.

בעשאַס איך האָב דערציילט, האָט זי פֿון מאָל צו מאָל מיך אָפּגעשטעלט, זיך צוגעהערט, צי מע קלינגט ניט. זי האָט זייער איבערגעלעבט, וואָס ס'איז נאָך ניט געווען קיין טעלעגראַמע, ניט קיין קלונג פֿון גענאַדי לוואָוויטשן. פֿאַרטאָג איז גענאַדי לוואָוויטש אַלס מיטגליד פֿון אַ מעלוכישער עקספּערט־קאָמיסיע אַרויסגעפֿלויגן קיין זשענעווע, און ער האָט דאָך איר צוגעזאָגט, אַז באַלד, ווי ער וועט נאָר קומען אַף אָן אָרט, וועט ער אָנקלינגען אָדער געבן אַ טעלעגראַמע. און פֿון אים איז ביז איצט קיין שום ידיִע ניטאָ.

— מיר האָט זיך זייער ניט געוואָלט, אַז ער זאָל הײַנט פֿליִען. ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקײַט אַרויספֿליִען מיט אַ טאָג שפּעטער. איך בין דאָך ערשט נעכטן געקומען פֿון מאָסקווע, פֿון „זוויאָזדני גאָראָדאָק", ניט באַוויזן קימאַט אויסריידן מיט אים אַ וואָרט. שאַ, דאַכט זיך מע קלינגט... ניין, איך האָב אַ טאָעס געהאַט. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, — האָט זי מיט אַ געפֿאַלענער שטים געזאָגט.

ס'האָט זי באַאומרויִקט, צי ס'איז ניט געשען, כאַלילע, עפּעס מיטן לײַנער. מיט אַ טאָג פֿריִער האָבן עטלעכע טעראָריסטן פֿאַרכאַפּט אַן אַרגענטינער לײַנער מיט איבער הונדערט פּאַסאַזשירן.

יוויכעוועד האָט עטלעכע מאָל געקלונגען אין אַעראָפּאָרט און ניט געקענט זיך דערקלינגען. דער טעלעפֿאָן איז די גאַנצע צײַט געווען פֿאַרנומען.

איך האָב זיך געסטאַרעט זי באַרויִקן, פֿאַרזיכערט, אַז זי וועט נאָך הײַנט באַקומען אַ גוטע ידיִע.

— האַלעווײַ!.. נו, דערצייל, וואָס איז בײַ דיר. אַ ביסל ווייס איך. וועגן דײַנע דערפֿאָלגן ווייס איך פֿון די פּלאַטן. ווי עס ווײַזט זיך נאָר אַ פּלאַט אין דײַן אויספֿילונג, שאַפֿן מיר זי אײַן. נו, און אויסער דעם? ביסט נאָך אַלץ אין טשיטאַ? אַלץ איינער אַליין? — האָט זי באַדויערנדיק אַ פֿרעג געטאָן. — וויפֿל איז דער שיר, סאָליאַ? וויפֿל קאָן מען זײַן אַליין, און באַזונדערס שוין אין אַט דעם, אין אונדזער עלטער... ציִ־דען... — זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר זיך אַליין איבערגעשלאָגן, — סאָליאַ, עפּשער וועסטו אָנקלינגען אין אַעראָפּאָרט, עפּשער וועט מען דיר ענטפֿערן? איך האָב שוין מוירע צו קלינגען...

זי האָט גענומען פונעם דערבײַיִקן טישעלע א טאבלעטקע וואַלידאָל און אַוועקגעלייגט אונטערן צונג. און מיטאמאָל האָט זיך שטארק צעקלונגען דאָס טיר־גלעקל. א בלייך־געוואָרענע איז יויכעוועד אופגעשפרונגען, אַוועקגעײַלט אין קאָרידאָר און אין א ווײַלע ארום זיך אומגעקערט א גליקלעכע מיט א טעלעגראמע אין האנט.

— אָ, דאנקען גאָט, פון גענאדיק, — האָט זי מיט א פארכאפּטן אָטעם געזאָגט, — ער איז געקומען בעשאָלעם...

ניט בלויז בא איר, נאָר אויך בא מיר איז אראָפּ א שטיין פון הארצן.

— בעשאָלעם!.. — האָט זי א שײַנענדיקע איבערגעכאזערט. — מער דארף איך ניט! און איך האָב שוין גאָט ווייסט וואָס איבערגעטראכט. א מענטש אָן פאנטאזיע טויג ניט, און מיט צופיל פאנטאזיע טויג ווידער ניט... נו, אנטשולדיק מיר, דערצייל, זאָג, ווי זעט אויס שולאָמיס. אין איר זײַנען דאָך געווען פארליבט דאָ גופא אזעלכע ווילע, אזעלכע אינטערעסאנטע און פייִקע באָכערים. מע איז אויסגעגאנגען נאָך אירע טריט. זי האָט דאָך געקענט זײַן דאָ, ניט מעייוועאר־האיאם, אזוי ווײַט פון אונדז. איך בענק. און גענאדי בענקט. מיר קאָנען זיך שוין ניט דערווארטן, זי זאָל קומען מיט איר מאן און קינד, אונדזער אייניקן דערווײַל אייניקל, צוגאסט צו אונדז. עס ווילט זיך האָבן כאָטש א ביסל נאכעס פון די קינדער. שוין באלד פינף יאָר, ווי שולאמיס האָט פארלאָזט אונדז, ווי מיר האָבן זיך ניט געזען, נו, און שאָלעם... — זי איז אָפּ א ווײַלע אנשוויגן געוואָרן, ווי זי וואָלט זיך געיִשעוועט ריידן ווײַטער, צי ניט, — פון שאָלעמען האָבן מיר הארצווייטעק, — האָט זי פארזאָרגט פאָרגעזעצט, צוזעצנדיק זיך נעענטער צו מיר, — איך וואָלט זייער וועלן, זאָלסט אים זען. ער איז א שטאלטנער, א שיינער, א קלוגער. א טאלאנטפולער פידלער. אים גייט שוין דאָס זיבן־און־צוואנציקסטע. און האָט קיינעם ניט. באגעגנט זיך ניט מיט קיין איין מיידל. וועגן כאסענע האָבן וויל ער אפילע ניט הערן. ער איז אנטוישט. טראוומירט...

א פארזאָרגטע, האָט זי, ווי א מאמע, אויסגערעדט פאר מיר דאָס הארץ.

עטלעכע יאָר האָט שאָלעם זיך געכאווערט מיט אן אָנשטענדיק מיידל. ער איז פארליבט געווען אין איר, און זי אין אים. זי, קלימענטינא, א פײַנע, אן איידעלע, א סטודענטקע פונעם ביאָלאָגישן פאקולטעט, איז געפעלן געוואָרן סײַ יויכעוועדן, סײַ גענאדי לוואָוויטשן. זי איז געוואָרן אן אייגענע בא זיי אין שטוב, באזונדערס נאָך דעם, ווי מע האָט שאָלעמען גענומען אָפּ א יאָר צײַט אין ארמיי. קימאט יעדן טאָג פלעגט זי זײַן בא זיי, גענעכטיקט בא זיי, געגעסן בא זיי, גערוט בא זיי, געגאנגען צוזאמען מיט זיי אין טעאטער, אָף קאָנצערטן. זי איז זיי געוואָרן נאָך ליבער און נעענטער מיט דעם, וואָס זי פלעגט יעדן טאָג שרײַבן שאָלעמען הייסע בריוו און יעדן טאָג פלעגט זי באקומען פון אים בריוו; זיי האָבן זיך באַצויגן צו איר, ווי צו אן אייגענער טאָכטער, עפשער נאָך צארטער, מיט מער זאָרג, — זי האָט דאָך דאָ מער קיינעם ניט געהאט, וואָס זאָל אויסער זיי זיך זאָרגן וועגן איר, אירע עלטערן האָבן געוווינט אין טאשקענט. זי איז טײַער געווען זיי פאר איר ליבע צו זייער זון, וועלכער האָט זיך געפונען ווײַט פון זיי, אין אונדזערער א מיליטער־טייל אין אונגארן. ס'איז שוין געווען אָפּגערעדט, אז באלד, ווי שאָלעם קערט זיך אום, האָבן זיי כאסענע. יויכעוועד און גענאדי לוואָוויטש האָבן געגרייט א דירעלע פאר זיי, באשטעלט אויסשטאטונג, אײַנגעקויפט מאטאָנעס. און אָט, מיט עטלעכע וואָכן פאר דעם, ווי שאָלעם האָט שוין געדארפט קומען, האָבן זיי, יויכעוועד און גענאדי לוואָוויטש, זיך אומקערנדיק פונעם צענטראלן אוניווערמאג מיט פעקלעך מאטאָנעס אין די הענט, דערזען, ווי אנטקעגן דעם הייראטס־פאלאץ האָט זיך אָפּגעשטעלט א שערענגע אויסגעפוצטע טאקסי, און פון דער ערשטער מאשין איז ארויס אין א פארביק־געקעסטלטן אָנצוג — דער כאָסן, שוין ניט קיין יונגער, עטוואָס סוטולעוואטער מאנצבל, און מיט אים, אין א לאנג ווײַס קלייד און אין א פאטא, זי, קלימענטינא... שאָלעמס קאלע. זיי זײַנען געווען דערשטוינט, ניט געגלייבט די אייגענע אויגן. זי, וועלכע האָט פארוואָרפן זייער זון מיט ליבע־בריוו, געשריבן, אז זי גייט אויס פון בענקשאפט נאָך אים און וואַרט מיט אומגעדולד אָף דער גליקלעכער מינוט, ווען ער וועט קומען... שאָלעם איז פארבליבן טראוומירט, גלייבט איצט קיין שום מיידל ניט, באגעגנט זיך מיט קיין איינער פון זיי ניט, געוואָרן אײַנגעשלאָסן אין זיך, און זיי, די עלטערן, לעבן דאָס זייער איבער.

— וואָס טוט מען? — האָט זי פארזאָרגט זיך אָנגערופן. — עפשער וועסטו זיך דורכריידן מיט אים? דו ביסט בא אים מער אוטאָריטעט, ווי איך און גענאדי. ער קאָלעקציאָנירט אלע פלאטן, ווו עס זײַנען פארשריבן ווערק פאר וויאָלאָנטשעל אין דײַן אויספילונג. אגעוו, האָבן מיר, פארברענגענדיק אין איינעם אן אָוונט אין „זוויאָזדני גאָראָדאָק", געהערט דורך ראַדיאָ בעטהאָווענס פינפטע סאָנאטע, בראמס' סאָנאטע פא מאזשאָר און מאָצארטס קאָנצערט רע

מאזשאַר, וועלכע דו האָסט פּרעכטיק אויסגעפּילט, און איך האָב בעשאַסמײַסע דערמאָנט זיך אונדזער געשפּרעך בא מיר אפן גאַנעקל. געדענקסט? שוין אַדורך װיפל? העכער פּערציק יאָר. איך האָב דיר דעמלט געזאָגט, אַז נאָך בא אונדזער לעבן וועט באַהערשט ווערן דער קאָס־מאָס, אַז מענטשן פון אונדזער ערד־קײַלעך וועלן שפּאַצירן און עפּשער זיך אפילע דערקלערן אין ליבע ניט נאָר אונטער דער לעוואָנע, נאָר גופע אף דער לעוואָנע. דו האָסט דעמלט געקוקט אף מיר ווי אף א פאַנטאַזיאָרקע, ניט געגלייבט. ווײַסט נאָך זען, וואָס דער מענטש וועט דערגרייכן די נאָענטסטע צײַט. ווונדער. ער וועט קוקן אף אונדזער פּילקע, אף אונדזער ערד־קוגל, ניט נאָר פון דער לעוואָנע, נאָר, זייער מעגלעך, אויך פון מאַרס און פון אַנדערע פּלאַנעטעס. עמעס, אונדזער גאַנעקל וועט ער פון דאָרט ניט זען... אגעוו, סאַליא, האָב איך וועגן אונדזער גאַנעקל געהאַט א גרוס. טרעף, ווּעמען איך האָב באַגעגנט אין מאָסקווע אפן װנוקאָווער אַעראָדראָם? ווײַסט קײנמאָל ניט טרעפן. דײַן אַמאָליקן כאַווער — פּיניע שוואַלב. איך האָב אים ניט דערקענט. סאָליד, מיט א היפּשן פּליך און א בײַכל. ער איז געפּלויגן קײן באַשקיריע. ער איז דאָרט שעף פון א בויונג. ער האָט מיך דערקענט. מיט א פּאָר טעג פאַר דעם איז ער געווען אין שטעטל, ריכטיקער אפן אָרט, ווו דאָס שטעטל איז געווען. איצט איז דאָרט א קאָלאָסאַלער בינשטאָק. א שטעטל ניט פאַר מענטשן, נאָר פאַר בינען. א וועלט מיט פּילפּאַרביקע בינשטאָקן, און צווישן די בינשטאָקן שטייט, ווי א שומער, אונדזער גאַנעקל. א גלאָק הענגט אף אים. פון אים, פונעם גאַנעקל, זעען זיך די קלאָווער־פּעלדער, וועלכע רינגלען ארום דאָס בינען־שטעטל. ער, פּיניע שוואַלב, איז צוגעפאָרן אהין ספּעציעל, געוואָלט אָפּזוכן דעם קײווער פון זײַן מאַמע, און ניט געפונען. ניט געבליבן אפילע קיין סימען ניט פון דעם אַלטן שטעטלשן בעסוילעם, ניט פון דער גרוב מיט די קדושים לעבן טײַך. אומעטום דורכויסיקער קלעווער. שפּײַז פאַר די בינען. דאָרט, ווו ס'איז געווען דער קלוב, געפינט זיך די בריגאַדע בינענציכטלער. מער קײנער. פון די פריִערדיקע אײַנוווינער איז דאָרט קיין איין מענטש ניט פאַרבליבן. אָט וואָס ס'איז געוואָרן פון דעם ליבן שטעטעלע, ווו ס'איז אַדורך מײַן קינדהײַט, די פריסטע יוגנט־יאָרן... סאַליא, לאָמיר צופאָרן אהין. עס ציט מיך שוין לאַנג. אליין פאָרן איז ״מיר שרעקלעך. מיר ווילט זיך זייער פאָרן צוזאַמען מיט דיר. איך וועל באַשטעלן באלד בילעטן אפן לײַנער, וואָס גײט גאַנצפרי קיין מינסק. פאָר מיט מיר. איך בעט דיך. טו דאָס צוליב מיר. שענק מיר איין טאָג. מאָרגן איז פונקט זונטיק. מירן אַרויספליִען מיטן ערשטן רייס, און אין אָוונט וועלן מיר זיך אומקערן. אינגאַנצן איין טאָג. נו, זאָג, וואָס שווײַגסטו?

מיר האָט זיך זייער געוואָלט פאָרן מיט איר, מיט יויכעוועדן, זײַן צוזאַמען מיט איר דאָרט, ווו מיר האָבן מיט העכער פּערציק יאָר צוריק אַזוי וווּנדערלעך פאַרבראַכט די זומער־כאַדאָשים, ניט פאַרשטעלנדיק זיך לאַכלוטן, וואָס עס דערוואַרט אָט דאָס שטיל־פאַרוואָרפענע שטעטל און אירע גאַסטפרײַנטלעכע אײַנוווינער. איך האָב זיך געשלאָגן אין דער דייע: „פאָרן" — „ניט פאָרן", און פאַרשטאַנען, אַז באַזונדערס איצט, ווען גענאַדי לוואָוויטש איז ביטאָ, דאַרף איך אַוודע ניט פאָרן אינצווייען מיט איר. איך טאָר עס ניט טאָן. דערקלערן עס איר האָב איך ניט געוואָלט, און צוטראַכטן עפּעס אַנדערש, זאָגן א ליגן, האָב איך ניט געקענט. איך האָב געשוויגן.

— נו, זאָג „יאָ", — האָט זי, מיט א בעטנדיקער שטים, זיך געווענדט צו מיר.

נאָר דאָ האָט זיך שטאַרק צעקלונגען דער טעלעפאָן.

— ס'איז גענאַדי, ער! — האָט זי א פריידיקע אויסגערופן און גיך א נעם געטאָן דאָס טרײַבל.

זי האָט זיך ניט טויע געווען.

אן אופגעלעבטע, א גליקלעכע, האָט זי אים געזאָגט, אַז זײַן טעלעגראַמע האָט זי באַקומען, אַז זי האָט שטאַרק איבערגעלעבט, שוין ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן, געבעטן כאַטש איבער א טאָג קלינגען. אין די אָוונטן וועט זי זײַן שטענדיק אין דער היים. אָנגעזאָגט אים די גוטע בסורע, אַז זי האָט באַקומען א לעבעדיקן גרוס פון שולאַמיסן, איר מאַן און פון זייער אייניקל, אַז דעם גרוס און א שיין פּאַסילקעלע האָט געבראַכט איר אַלטער פּרײַנט סאַליא, סאָלאָמאָן זאַגענטאַל, און אַז סאַליא איז איצט דאָ בא איר אין שטוב און אַז זי רעדט מיך אײַן, איך זאָל צופאָרן צוזאַמען מיט איר אף איין טאָג אין איר געוועזענעם שטעטל. נאָכדעם האָט ער גערעדט, און זי האָט די גאַנצע צײַט איבערגעכאַזערט איין וואָרט: „גוט", „גוט", „גוט". א צופרידענע האָט יויכעוועד ענדלעך אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל און געזאָגט, אַז גענאַדי לוואָוויטש האָט מיר איבערגעגעבן א גרוס.

— פאָרן גרוס א דאַנק. נאָר צוליב וואָס האָסטו אים איצט געדאַרפט זאָגן, אַז איך בין בא דיר? ער האָט דאָך בא דיר ניט געפרעגט.

— וואָסי דען? פאַרוואָס האָב איך ניט געדאַרפט זאָגן? — האָט זי פאַרוואונדערט מיך אָנגעקוקט.

— דערפאַר, ווײַל אין די מינוטן, וואָס ער איז אַזוי ווײַט פון דיר, קען אים עפּשער עס זײַן ניט צום האַרצן... מאַלע וואָס ער קען איבערטראַכטן...

— לאָז צורה, דו רעדסט נאַרישקײַטן, — האָט זי זיך צעלאַכט, — גענאַדי וועט גאָרנישט ניט איבערטראַכטן. ביפראַט איצט, ווען ער ווייסט, אַז ס'איז ניטאָ קיין שום גרונט פאַר דעם.

— אַזוי מיינסטו. און איך, אַלס מאַנצבל, נעם עס אויף עטוואָס אַנדערש.

— זאָל זיך דיר גאָרנישט ניט דוכטן, — האָט זי זיך אופגעהויבן, — איך וויל דיר ווײַזן, סאַרא טאַלאַנטפול בוך לידער איך האָב הײַנט געקראָגן. נאָר פריִער וועל איך דיר איבער־לייענען ניט קיין סאַך. — און זי האָט איבערגעלייענט די ליד „טיפע גריבער, רויטע ליים".

— צו מײַן גרויסן באַדויערן און ביזאַיען, סאַליאַ, — האָט זי געזאָגט, — האָב איך ביז הײַנט ניט געוווּסט, אַז באַ ייִדן איז פאַראַן, געווען, ער איז שוין אַוועק פון דער וועלט, אַזאַ דיכטער, ווי שמועל האַלקין. זײַנע לידער זײַנען איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן אין רוסיש. איך האָב געקראָגן צוויי עקזעמפּלאַרן. איך גרייט אַ פּאַסילקעלע און וועל איין עקזעמ־פּליאַר שיקן שולאַמיסן. איך וויל, אַז מײַנע קינדער זאָלן באַגלײַך מיט דעם, וואָס זיי לייענען טוואַרדאָווסקין, יעווטושענקאָן, מיכאַיל סוועטלאָוון, באַזשאַנען, יאַנקאַ קופּאַלאַ, ראַסול גאַמ־זאַטאָוון, קײַסין קוליִעוון, דאַוויד קוגולטינאָוון, זאָלן זיי לייענען און וויסן די ייִדישע דיכטער אַשער שוואַרצמאַנען, האָפּשטיינען, מאַרקישן, קוויטקאָן, כאַריקן, פעפערן. זייערע ווערק האָב איך שוין. אין רוסיש. קיין ייִדיש לייענען מײַנע קינדער ניט. זאָלן זיי לייענען אין דער איבערזעצונג... דאָס וועט נאָר באַרײַכערן זיי... — זי איז אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן, און באַלד, דערמאָנענדיק זיך, קאָנטיק, אינעם איבערגעריסענעם שמועס:

— דו האָסט דאָך מיר ניט געענטפערט, סאַליאַ. נו, מיר פאָרן מאָרגן?

איך האָב איר געענטפערט, אַז איצט פאָרן קאָן איך ניט. איך האָב שוין אָף איינס אַזייגער באַנאַכט אַ בילעט קיין טשיטאַ.

— קער אום דעם בילעט, פאָלג מיך, — האָט זי מיך אײַנגערעדט, — איך וועל באַשטעלן אָף איבערמאָרגן אַן אַנדער בילעט.

— גוט, — האָב איך איר געזאָגט, — דעם בילעט קאָן איך אומקערן. איך מוז אָבער צו צוועלף אַזייגער באַנאַכט באַפרײַען דעם נומער אין האָטעל.

— וואָסי, דו קענסט דען ניט פאַרלענגערן? — האָט זי פאַרכידעשט געפרעגט.

איך האָב איר דערקלערט, אַז דאָס איז אומעגלעך, אָף וויפל מאָרגן איז אַ צונויפלי פון נאָוואָטאָרן פון דער אינדוסטריע, און אויסער דעם, איז אַ גרויסער אָנפלי פון אויסלענדישע טוריסטן.

יויכעוועד האָט זיך פאַרטראַכט.

— אַ שאָד. וואָס זשע טוט מען? איך האָב אַזוי געוואָלט, אַז מיר זאָלן צופאָרן צוזאַמען. ווען גענאַדי איז דאָ, וואָלט איך דיך מיט פאַרגעניגן אײַנגעלאַדן זײַן באַ אונדז. שולאַמיסעס צימער איז פרײַ. וואָס זשע טוט מען? — האָט זי פאַרזאָרגט איבערגעכאַזערט. — עפּשער באַ דער שוועסטער? זי און איר מאַן וועלן זײַן צופרידן. איך וועל זיי שוין אָנקלינגען.

— ניין, ניין, — איך האָב זי ניט געלאָזט נעמען דאָס טרײַבל און צוגעזאָגט אַן אַנדערש־מאָל, ווען גענאַדי לוואָוויטש וועט אויך זײַן, צוזאַמען, זאַלבעדריט, צופאָרן אַהין, ווו ס'איז געווען אַמאָל איר שטעטל.

— נו, גוט, — האָט זי געזאָגט, — איך וועל וואַרטן. אָן דיר פאָר איך ניט. זאָלסט נאָר ניט פאַרגעסן דײַן צוזאָג.

— ניין, איך וועל ניט פאַרגעסן, — האָב איך זי פאַרזיכערט, אופהייבנדיק זיך.

מיר האָט זיך ניט געוואָלט צעשיידן מיט איר. ס'איז מיר ליב און טײַער געווען זי און אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שײַכעס צו איר, אַלץ, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט. יעדער כייפעץ, צו וועלכן זי האָט זיך צוגערירט, מיט וועלכן זי האָט זיך באַנוצט. ס'איז מיר געווען ליב און טײַער דאָס הויז, ווו זי האָט געוווינט, די טרעפּ, איבער וועלכע זי האָט געטראָטן, די ביימער, וואָס זײַנען געוואַקסן אַנטקעגן איר באַלקאָן.

איך בין אַוועק. ווי אַ שוועסטער האָט זי האַרציק מיר געדריקט די האַנט, אַרויסבאַ־גלייטנדיק.

אין אַ געוויסער צײַט אַרום, אַפּן וועג קיין פינלאַנד און שפּעטער, פאָרנדיק קיין נאָר־וועגיע, האָב איך זיך פאַרהאַלטן ניט אָף לאַנג אין לענינגראַד, און יעדעס מאָל געקלונגען צו זיי אַ האַלב שאָ פאַר מײַן אָפּפאָרן. יויכעוועד און אויך גענאַדי לוואָוויטש האָבן אַרויסגעזאָגט

זייער אומצופרידנקייט, וואָס איך מײַד זיי אויס און בין ניט אַרײַנגעקומען צו זיי. אויסער דעם, האָט יויכעווועד יעדעס מאָל מיר דערמאָנט מײַן צוזאָג צו פאָרן צוזאַמען אין געוועזנעם שטעטל, געזאָגט, אַז זי וואַרט, און האָט מיר געייצעט געדענקען די שורעס פון גאַמזאַטאָווס ליד: „היט דײַנע אַלטע פרײַנט”. אין האַרצן האָב איך געהיט, נאָר אַרויסווײַזן עס איבעריק האָב איך זיך אויך געהיט, קעדיי ניט פאַרשאַפן קיין מינדסטן אַגמעסנעפעש איר מאַן.

עס זײַנען אַזוי אַדורך אַרום זעקס יאָר, ווי איך האָב זיך ניט געזען ניט מיט יויכעווועדן און ניט מיט קיינעם פון איר מישפּאָכע... איך האָב זיך שטאַרק פאַרבענקט און באַשטימט נאָך די אָקטיאַבער־יאָמטויווים, ווען איך וועל ווידער זײַן אַף מײַנע פאַרפּלאַנירטע קאָנצערטן אין לעניִנגראַד, אומבאַדינגט זיך זען מיט זיי. דערווײַל איז מיר פאָרגעשטאַנען אַרויספּליִען קיין וויעטנאַם. דעם צווייטן סענטיאַבער, אינעם דרײַסיקסטן יאָרטאָג, זינט עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די וויעטנאַמער דעמאָקראַטישע רעפּובליק, בין איך מיט אַ בריגאַדע, אין וועלכער עס זײַנען געווען אַרטיסטן קימאַט פון אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן, געקומען קיין כאַנאָי, קעדיי באַטייליקן זיך אינעם פאָלקס־יאָמטעוו. מיר האָבן געגעבן קאָנצערטן אין דער הויפּטשטאָט — אין כאַנאָי, אין כײַפאָן, אין נאַמדין און אין ווין, אין די אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע קרײַזן טכיי־מעאָ און וויעטבאַק, אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלעקטיוון, אַף די קאַקאַאָ־ טאַבאַק־ און טיי־פּלאַנטאַציעס, אין מעלוכישע אונטערנעמונגען, פאַר די שאַכטיאָרן, פאַר די גאָלדגרעבער, פאַר די יאַם־לײַט און האַפן־אַרבעטער פון כאָנגיי, קאַמפּאַ און בענטוי. מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן דאָרט פיל לענגער, ווי מיר האָבן גערעכנט. אויסגעפאָרן דאָס גאַנצע לאַנד, זיך באַקאַנט מיט זייער קולטור, באַזונדערס מיט זייער מוזיק, מיט די פאָלקסלידער. די וויעטנאַמער פאָלקסלידער זײַנען אין גרונט לידער וועגן אַרבעט, וועגן דער מי פון האַרעפּאַשניקעס אַף די רײַז־פעלדער, וועגן די פּאַסטעכער, פישפאַנגער... מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט דעם באַזונדער פאַרשפּרייטן זשאַנער זייערן פונעם פאָלקס־טעאַטער — טעאָ, וואָס דערמאָנט אָן אונדזער אָפּערע. געהערט די פּאָפּולערע אָפּערע „קאָ־שאַאָ” — „דאָס שטערן־מיידל” פונעם אָנגעזעענעם קאָמפּאָזיטאָר כאָאַנג וויעט, געווען אַף דער אָפּערע „יעוווגעני אָנעגין”, אויפגעפירט אין כאַנאָער טעאָ, פאַרשריבן די מעלאָדישע לידער פון די פעלקערשאַפטן מאַני און מעאָ, דערלערנט זייערע אָריגינעלע סטרונע־אינסטרומענטן, וועלכע באַשטייען אָנהייבנדיק בלויז פון איין סטרונע — אָט דער אַלטערטימלעכער איינסטרונעדיקער מוזיקאַלער אינסטרומענט הייסט — באַו, ביז צוויי און פערציק סטרונעדיקע אינסטרומענטן. דאָס אַלץ האָט בײַ יעדן פון אונדז אַרויסגערופן גרויס אינטערעס. אומגעקערט האָב איך זיך אַ באַרײַכערטער, אַ פולער מיט אײַנדרוקן, „אַ קאָפּ פול מיט זון”, אין אַ גוטער שטימונג סײַ פון דער דורכגעגאַנגענער טורנע, סײַ פון דער פאָרשטייענדיקער, וועלכע דאַרף פאָרקומען אין אַ כוידעש אַרום, גלײַך נאָך די אָקטיאַבער־יאָמטויווים, — אין לעניִנגראַד...

נאָך די פינף וואָכן אַרויסטרעטונגען און באַגעגענישן בין איך, אַ היפּש מידער, געזעסן אין לײַנער, געהאַלטן צוגעדריקט צו זיך דעם וויִאָלאָנטשעל און אַנדרעמלט געוואָרן. זעלטן ווען עס קומט מיר עפּעס צו כאָלעם. און דאָ, ווי נאָר איך האָב צוגעמאַכט די אויגן, בין איך שוין געפלויגן ניט אין אַ געוויינלעכן לײַנער... איך פלי, איך טראָג זיך מעשוגענערווײַז אין אַ ראַקעטע. און די ראַקעטע האָט אָן אויסזען פון אַ פאָרטעפּיאַנע. איך זיץ דערנעבן אַף אַ וואָלקנדל, און צוזאַמען מיט דער ראַקעטע־פאָרטעפּיאַנע טראָג איך זיך האַסטיק פאַרבײַ דער לעוואָנע, פאַרבײַ סאַטורן. גלײַך מיט אונדז טראָגט זיך מיט גוואַלדיקער געשווינדקײַט אַ צווייטע ראַקעטע, אַ ראַקעטע — אַ גאַנעקל. און אַפן גאַנעקל זיצט אָנגעטאָן אין אַ בלויען סאַראַפאַן מיט ווײַסינקע פאַסיקלעך זי, יויכעווועד. די גינגאָלדענע האָר זײַנען בײַ איר פאַנאַנדערגעלאָזט איבער די אַקסל, און זי שפּילט אַף מײַן וויִאָלאָנטשעל קרייסלערס „די לײַדן פון ליבע”. אונדזערע ראַקעטעס טראָגן זיך מיט אַ מעשונעדיקער גיכקײַט צווישן די אָנצאָליקע העליש־פינקלענדיקע שטערן, די ראַקעטעס מאַכן אַ קרײַז אַרום יופּיטער, אַרום מערקורי און ווידער אַרום סאַטורן. מיר שוועבן, אָט דערנעענטערנדיק זיך, אָט דערווײַטערנדיק זיך איינס פונעם אַנדערן. און אונדזער לײַדנשאַפטלעכע האַרצרײַסנדיקע מוזיק צעטראָגט זיך איבער אַלע נאָענטע און איבער אַלע ווײַטע און גאָר־גאָר ווײַטע וועלטן און קערט זיך אום פון אַלע אומזיכטיקע זײַטן מיט אַ הילכנדיק־פײַערלעכן עכאָ צו אונדז. יויכעווועדס ראַקעטע — דאָס גאַנעקל טראָגט זיך פאָרויס, איך אַפן וואָלקנדל לעבן דער פאָרטעפּיאַנע — נאָך איר. איך וויל זי דעריאָגן, און קאָן ניט. מיר קרײַזן מיט אַ בליץ־שנעלקײַט אַרום מאַרס. מיטאַמאָל זע איך: אַפן מאַרס, אין סאַמע מיט פון אָט דער פּלאַנעטע, שטייט אין הויכע גלאַנציקע שטיוול פיניע שוואַלב. אַף אים איז זײַן קאָמיוגיש העמדל מיט דער פאָרטופּייע. ער האַלט אין האַנט אַ ביקס און צילט אין גאַנעקל, אַף וועלכן יויכעווועד פליט מיטן וויִאָלאָנטשעל. איך שרײַ צו

יוּכעוועדן, איך וואָרן זי. נאָר זי הערט ניט. זי איז פאַרכאַפּט פונעם פליִען, פונעם שפּילן. איך וויל זי דעריאָגן, פאַרשטעלן מיט זיך, נאָר איך באַווײַז ניט. פיניע שיסט אויס. דער וויִאָלאָנטשעל פליט ווײַטער, נאָר דאָס גאַנעקל, אַף וועלכן יוּכעוועד זיצט, גיט זיך א קוליע אין אלע זײַטן, טיילט זיך אָפּ פונעם וויִאָלאָנטשעל, בלײַבט הענגען אַף איין סטרונע, נאָר די איינציקע סטרונע פּלאַצט, רײַסט זיך איבער, און יוּכעוועד מיטן גאַנעקל הייבן אָן פאַלן אלץ געשווינדער און געשווינדער אין טהאָם אַרײַן, אין כאַשכעס, אין טויהו-וואָוויהו... דער וויִאָלאָנטשעל מיט די איבערגעריסענע סטרונעס טראָגט זיך אליין צווישן די שטערן. ער שפּילט אליין, און איך יאָג זיך, שטייענדיק אַפן וואָלקנדל, דרינג אַרײַן אין דער געהיימ-ניספולער כאַשכעס, אין דער גרויזאַמער פינצטערניש, איך זוך זי, יוּכעוועדן, איך רוף זי, איך שרײַ, איך גוואַלדעווע מיט אלע קויכעס, און מיטאַמאָל דערפיל איך א שטויס. א באַגאָ-סענער מיט שוויס, רײַס איך אוף די אויגן און קוק זיך פאַרלוירן אַרום. דער שאָכן מײַנער, דער באַיאַניסט פון קיִעווער פילהאַרמאָניע, שמייכלט צו מיר. דאָס האָט ער מיך גוטברודעריש א שטויס געטאָן, אופגעוועקט.

— וואָסי? וואָס האָט איר אזוי געשריִען? וואָס האָט זיך אײַך געכאַלעמט? — האָבן די פּאַסאַזשירן, וואָס זײַנען געזעסן בישכיינעס מיט מיר, מיט נײַגער געפרעגט.

— גאָרנישט. נאַרישקײַטן, — האָב איך א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, נאָר אַפן האַרצן איז בא מיר פאַרבליבן עפּעס א שווערקײַט, ניט קיין גוט געפיל, עפּעס האָט מיך געדריקט. איך בין ניט קיין אָבערגלויביקער, עס אַרט מיך ניט — זאָלן דרײַצן שוואַרצע קעץ דרײַצן מאָל מיט דרײַצן פּוסטע עמער, מאַנטיק, דעם דרײַצנטן, מיר דורכלויפן דעם וועג דרײַצן אזייגער, לאַך איך זיך אויס פון דעם. און אָט פון אָט דעם כאַלעם איז בא מיר פאַרבליבן אַפן האַרצן עפּעס א שווערקײַט, עפּעס א ניט גוטער פאָרגעפיל. פאַר מײַנע כאַווײרים איז מיר ניט באַקוועם געווען זיך באַנוצן מיט דער פאָלקס-סגולע אין אזא פאַל, נאָר אין האַרצן האָב איך דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן דורך דעם לינקן אַקסל און זיך געסטאַרעט ניט טראַכטן, פאַרגעסן וועגן דעם כאַלעם. דער לײַנער איז פּינקטלעך צו דער מינוט באַשאָלעם אָנגעקומען אַפן אַעראָדראָם אין טשיטאַ. איך האָב זיך געזעגנט מיט די אַרטיסטן פון אונדזער בריגאַדע, וועלכע זײַנען געפלויגן ווײַטער, ווער קיין קיִעוו, ווער קיין מאָסקווע, ווער קיין מינסק, ווער אין אנדערע שטעט.

געקומען צו זיך אַהיים, האָב איך געבראַכט זיך אין אָרדענונג, און פריִער פאַר אלץ, איך ווייס אליין ניט פאַרוואָס, גענומען דורכקוקן די צײַטונגען, וועלכע האָבן זיך אָנגעקליבן פאַר די העכער פינף וואָכן, וואָס איך בין ניט געווען אין דער היים. איך האָב דורכגעקוקט די אָרטיקע פּרעסע, די „פּראַוודאַ", די „איזוועסטיִא", „קולטורא אי זשיזן", און שוין צום סאָף, בלעטערנדיק די „לענינגראַדסקאַיאַ פּראַוודאַ", האָב איך מיטאַמאָל דערזען א גרויס געדיכט שוואַרץ ראַמל, און ס'איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. צי דען איז עס אָן עמעס? ווי קאָן עס זײַן? ווי איז עס מעגלעך? — האָב איך, א דערשיטערטער, אינגאַנצן אָן אופגע-טרייסלטער, געטײַנעט מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם — צי דען איז זי, יוּכעוועד, שוין ניטאָ אַף דער וועלט? צי דען איז עס ניט קיין ווילדער טאָעס? — מיט א פאַרשטאַרבן האַרץ האָב איך נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל זיך אײַנגעזויגן אין דעם שרעקלעך שוואַרצן ראַמל, אין וועלכן דער אוניווערסיטעט, די פּולקאָווער אָבסערוואַטאָריע, די אַסטראָנאָמישע געזעלשאַפט און פיל אנדערע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן דריקן אויס דעם טיפן צער און טרויער איבערן טראַגישן טויט פון יוּכעוועד איסאַקאָוונע פּעוזנער... איך האָב מיט פאַרלאָפענע אויגן געקוקט, געלייענט און ניט געקענט, ניט געוואָלט גלייבן. אומגעקומען? מיט א טראַ-גישן טויט? ווו? ווי אזוי? וואָס האָט געקאָנט מיט איר געשען? איך האָב אײַלנדיק, אינדערגיך אײַנגעוויקלט דעם וויִאָלאָנטשעל, אײַנגעדעקט אים מיט דער קאָלדרע, געכאַפּט דעם טשעמאָ-דאַן, פאַרשלאָסן די דירע און וועקגעפאָרן גלײַך אַפן אַעראָוואָקזאַל און מיטן באַנאַכטיקן לײַנער אַרויסגעפלויגן קיין לענינגראַד.

אין וועג האָב איך געהאַלטן אין איין טראַכטן און איבערטראַכטן, צו וועמען פריִער זיך ווענדן. איך האָב פאַרשטאַנען, אז איך דאַרף אָנקלינגען אָדער גלײַך צופאָרן צו גענאַדי לוואָוויטשן. נאָר איך בין ניט בעקויעך געווען איצט זיך באַגעגענען מיט אים. לײַכטער איז מיר געווען אָנקלינגען איר שוועסטער.

ווי איך בין נאָר אַרײַן אין לענינגראַדער אַעראָוואָקזאַל, האָב איך אזוי געטאָן. דערהערט, ווער עס קלינגט, האָט די שוועסטער זיך צעוויינט. קומענדיק צו-זיך, האָט זי געזאָגט, אז זי איז שוואַך, זי ליגט, נאָכן אומגליק קאָן זי זיך ניט שטעלן אַף די פיס, און האָט מיט א געבראָכענער שטים דערציילט, אז יוּכעוועד האָט פון לאַנג געטרוימט, זיך אַרומגעטראָגן

מיט א פארלאנג צו פאָרן אהין, וווּ ס'איז געווען זייער שטעטל, אָפּגעלייגט עס פון מאָל צו מאָל, און אָט, מיט עטלעכע וואָכן צוריק, — גענאַדי לוואָוויטש איז דעמלט געווען אין מאָס־קווע, — האָט יויכעווועד שאַבעס אין אָוונט פאַרבראַכט בא איר, צוזאַמען געגעסן אָוונט־ברויט, געלאָזט שפּילן דעם פּלאַט מיט מענדעלסאָנס „וואַריאַציעס" אין מײַן אויספירונג, אָפּגערעדט מאָרגן, זונטיק, גיין אָף דער אויסשטעלונג אין קינסטלערישן מוזיי. נאָר גאַנצפרי האָט יויכע־וועד איר אָנגעקלונגען, אַז אין עטלעכע מינוט אַרום פליט זי אַרויס קיין מינסק און פון דאָרט וועט זי צופאָרן אַ קוק טאָן, וואָס איז פאַרבליבן פון זייער געוועזענעם שטעטל. די שוועסטער האָט געפּרוּווט זי אָפּריידן, געצייצעט ניט פאָרן אַליין, ביפראַט, אַז דער וועטער איז געווען ניט קיין גינסטיקער, דער הימל איז באַדעקט געווען מיט שווערע כמאַרעס. נאָר יויכעווועד איז, צו איר אומגליק, באַשטאַנען אָף אירס. געזאָגט, אַז מער אָפּלייגן קאָן זי ניט. זי וועט דאָרט ניט זאַמען, זײַן עטלעכע שאָ, ניט מער און מיטן אָוונטיקן לײַנער וועט זי זיך אומקערן און פון אַעראָדראָם צופאָרן גלײַך צו איר, צו דער שוועסטער, זאָל זי נאָר צוגרייטן די באַליבטע מײַכאָלים — געפילטע פיש און אַ ראַסל־פלייש. אין אַנדערהאַלבן שאָ שפּעטער האָט די שוועסטער אָנגעקלונגען אין אַעראָפּאָרט, מע האָט איר געזאָגט, אַז דער לײַנער איז געקומען קיין מינסק האַלב נײַן אינדערפרי, און באַטאָג האָט מען איר פּלוצלינג געבראַכט אַ טעלעגראַמע, אַז ס'האָט געטראָפן אַן אומגליק, זי זאָל דרינגענדיק קומען. גענאַדי לוואָוויטש איז ניט געווען, דער שוועסטערס מאַן אויך ניט. זי איז גלײַך אַרויסגעפלויגן, פאַר־נאַכט קוים אַ לעבעדיקע זיך דערקליבן אהין, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אַרײַן אינעם געוועזענעם קלוב און געפאַלן כאַלאַשעס. יויכעווועדס קערפּער איז געלעגן אָפן דיל איבערגע־דעקט מיט אַ לײַלעך איבערן קאָפּ.

שפּעטער, ווען זי איז געקומען אַ ביסל צו־זיך, האָט די בריגאַדירשע פונעם בינען־שטעטל דערציילט, אַז זי האָט געזען, ווי ס'איז צוגעפאָרן אַ „זשיגולי", ס'איז פון איר אַרויס אַ שיין־געקליידטע פרוי, זי איז זיך דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל הין און צוריק אַראָפּ טײַך און אַרוף בערגל, דאָרט, וווּ ס'איז געווען דאָס שטעטל, געשטאַנען און אַרומגעשפּאַצירט לעבן גאַנעקל, וווּ עס הענגט דער גלאָק פון דער בינען־בריגאַדע. דעמלט איז זי, די בריגאַדירשע, צו צו איר און געפרעגט, ווער איז זי און וואָס וויל זי. זי האָט דערקלערט, ווער זי איז, און געזאָגט, אַז זי וואָלט זייער וועלן פאַרפלאַנצן אַ קליאַן־בוים לעבן זייער געוועזענעם גאַנעקל. די בריגאַדירשע האָט געבראַכט אַ סאַזשענעץ און אַ לאָפּעטע, געוואָלט אויסגראָבן אַ גרוב אָף פאַרפלאַנצן דאָס ביימל, נאָר די פרוי האָט געזאָגט, אַז זי וויל אַליין פאַרפלאַנצן, גענומען גראָבן מיט דער לאָפּעטע לינקס פונעם גאַנעקל, און זי, די בריגאַדירשע, איז אַוועק ברענגען אַן עמער וואַסער, קעדיי באַגיסן דעם סאַזשענעץ. פּלוצלינג האָט זי דערהערט אַ שטאַרקן אויפרײַס, צוגעלאָפן און געטראָפן די פרוי ליגן אַ שווער־פאַרווונדעטע לעבן גאַנעקל. מיט דער לאָפּעטע האָט זי אָנגעטראָפן אָף אַ מינע, וואָס די היטלעריסטן האָבן נאָך אין די מילכאָמע־יאָרן איבערגעלאָזט. די פאַרווונדעטע האָט קוים באַוויזן זאָגן איר שוועסטערס אַדרעס אין לענינגראַד און באַלד פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזײַן. זיי האָבן זי אַריבערגעטראָגן אין דעם געוועזענעם קלוב און אָף אַ מאָטאָציקל אָוועקגעיאָגט אין ראַיאָן נאָך אַ דאָקטער. נאָר ווען דער דאָקטער איז געקומען, איז זי שוין געווען טויט.

בא יויכעווועדס שוועסטער האָט פון מאָל צו מאָל פאַרכאַפּט דער אָטעם, זי האָט ניט געקאָנט ריידן. איך האָב געדולדיק געוואַרט, געהאַלטן דאָס טרײַבל אַזוי לאַנג, ביז זי איז געקומען צו־זיך. אַ באַטריבטע האָט זי דערציילט, ווי זי האָט געבראַכט יויכעווועדס קערפּער קיין לענינגראַד, אַרויסגערופן פון מאָסקווע גענאַדי לוואָוויטשן, ווי גענאַדי לוואָוויטש האָט געריסן אָף זיך די קליידער, געיאָמערט מיט אומענטשלעכע קולעס, זיך געשלאָגן מיטן קאָפּ אין וואַנט, אַ וואָך צײַט ניט געגעסן, ניט געטרונקען, אַרומגעשפּאַנט איבערן שטוב ווי אַ וואַנזיניקער. ער האָט גענומען אָרלויב, פאָרט יעדן טאָג אָפן דאָרעמדיקן בעסוילעם, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון דער פּולקאָווער אָבסערוואַטאָריע, שטייט שאָענווײַז שווײַגנדיק לעבן יויכעווועדס קייווער.

אײַנהאַלטנדיק די כליפּערײַ, האָט די שוועסטער געפרעגט, צי האָב איך זיך שוין געזען מיט אים, מיט גענאַדי לוואָוויטשן, און געייצעט, איך זאָל אומבאַדינגט צופאָרן צו אים, טאַקע באַלד, ווײַל איך אים נאָך טרעפן אין דער היים. מע מוז אים איצט אונטערהאַלטן, מוטיקן. „איך בעט אײַך אין נאָמען פון יויכעווועדן, פאָרט צו צו אים. זיצט מיט אים, רעדט מיט אים, איר וועט מיט דעם אים עטוואָס כאָטש לײַכטער מאַכן אָפן האַרצן".

אין דער מינוט, ווען איך האָב געהערט פון איר אָט די ווערטער, האָב איך צוגעזאָגט צופאָרן באַלד צו אים, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף צופאָרן, נאָר איך האָב ניט געקענט. איך האָב זיך געפילט אַזוי, ווי איך וואָלט שולדיק געווען אין יויכעווועדס טויט.

ניין, פאָרן איצט צו אים, זיך זען איצט מיט אים איז געווען איבער מײַנע קויכעס. מיט מײַן באַזוך וועל איך אים ניט גרינגער מאַכן, פאַרקערט, איך וועל אים נאָך מער פאַרביטערן. פון אעראָדראָם בין איך אוועקגעפאָרן גלײַך אויפן דאָרעמדיקן בעסוילעם, געקויפט דאָרט א קרוג מיט לעבעדיקע געאָרגינעס און אין סאָף פון דער אכצעטער ליניע געבליבן שטיין בא א נאָך פרישן קייווער, באַדעקט מיט א באַרג שוין עטוואָס פאַרוועלקטע קראַנצן — קראַנצן פון אָבסערוואַטאָריע, פון אוניווערסיטעט, פון דער וויסנשאַפטלעכער אַסטראָנאָמישער סעקציע, פון די קאָסמאָנאַווטן. אויף יעדן קראַנץ — מיט שוואַרצער פאַרב איר ליבער נאָמען. אויף יעדן קראַנץ — מיט שוואַרצער פאַרב „יוכעוועד", „יוכעוועד", „יוכעוועד"... ס'איז געווען איר קייווער. און דאָך האָט זיך מיר ניט געוואָלט גלייבן, איך האָב ניט געקענט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז אָט דאָ, אונטער אָט דעם בערגל ערד, ליגט זי, יוכעוועד. איך האָב בשום־אופן ניט געקאָנט דערלאָזן, זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זי לעבט מער ניט, אַז זי איז ניט טעטיק, אַז זי באַוועגט זיך ניט, אַז זי שמייכלט ניט, לאַכט ניט, פרייט זיך ניט, אַז זי ליגט פאַרגליווערט. ניין, ס'איז ניט מעגלעך. איך בין געשטאַנען בא איר קייווער און געזען זי פאַר זיך אַזאַ, ווי דאָס ערשטע מאָל אויפן פאַרנאַכטיקן שאַבעס־שפּאַציר, אין עם בלויען סאַראַפאַן מיט די ווײַסינקע פאַסיקלעך און פאַנאַנדערגעלאָזטע גינגאָלדענע האָר ביז די אַקסל. געזען פאַר זיך דעם פינקלדיקן בליק פון אירע הימל־בלויע אויגן, איך האָב געהערט איר שטים, געזען זי אַזאַ, ווי דעמלט, ווען זי האָט שפּאַצירט מיט מיר צום ערשטן מאָל אין דער לעוואָנעדיקער נאַכט צווישן די באַזילבערטע קוקורוזע־ און זונרויזן־פעלדער, אַזאַ, ווי זי איז געזעסן אַרומגענומען מיט מיר אויפן גאַנעקל...

צי האָב איך דעמלט זיך געקאָנט גאָר פאָרשטעלן, אַז זי, יוכעוועד, וועט בא אָט דעם גאַנעקל אומקומען מיט אַזאַ טראַגישן טויט? און אָט שטיי איך לעבן איר קייווער. ניטאָ מער יוכעוועד. ניטאָ. אָט דאָ, אונטער אָט דעם בערגל איז אויף אייביק געקומען צו קווורע מײַן יוגנט־ליבע, מײַן נעשאָמע־ליבע, מײַן גײַסט, מײַן טרוים, מײַן פרייד. איך וועל שוין מער קיינמאָל ניט זען איר שײַנענדיק געזיכט, ניט הערן איר מעכײַעדיקע שטים... אַלץ אַרום לעבט, און זי איז ניטאָ... בא ביידע זײַטן קייווער שטייען טעפּ מיט לעבעדיקע קווייטן, מיט ווײַסע און רויטע כריזאַנטעמעס, מיט ראָזלעכע, בלוילעכע אַסטערס, מיט ווײַסע לילִיעס. אין די צעעפנטע בעכערלעך פאָרען זיך מיט א שטילן זשום בינען, די שטענגלעך וויגן זיך לײַכט אונטער, די בלומען עטעמען אַרויס אַן איידעלן גערוך פון זיך, זיי לעבן, זיי עטעמען, בינען לעבן, די זשוקלעך, די מוראַשקעלעך, וועלכע באַוועגן זיך גיך צווישן די קרענץ. עס שושקען זיך מיט די צווײַגן דיביימער. זיי לעבן. זיי וועלן שטיין דאָ לעבן איר קייווער אין א יאָר אַרום, אין צען יאָר אַרום, אין הונדערט יאָר אַרום, אין צוויי טויזנט פינף־און־זיבעציקסטן יאָר וועלן זיי אויך שטיין דאָ און רוישן מיט די בלעטער. די זעלבע לעוואָנע וועט אַראָפּקוקן אַהער, באַלײַכטן מיט איר בלאַסער שײַן דאָס בערגל ערד, די זעלבע זון וועט שײַנען, די זעלבע שטערן וועלן אויפן זעלבן אויפן, ווי איצט, שעמערירן, פינקלען, אונטערווינקען... די ווײַסע נעכט וועלן, ווי שטענדיק, פרייען די פאַרליבטע. די שטאָט וועט לעבן. מענער, פרויען, קינדער, באָכערים, מיידלעך וועלן גיין איבער די גאַסן, איבער וועלכע זי איז געגאַנגען, מע וועט לעבן אין דער קוואַרטיר אויף בראָדסקי־גאַס, אין וועלכער זי האָט געלעבט, זיצן אין טעאַטער אין די לאָזשעס, אין וועלכע זי איז געזעסן. אָן איר וועט מען שוין אַנטדעקן נײַע שטערן, אַרויסשיקן אין קאָסמאָס נײַע ראַקעטעס, אַנטוויקלען ווײַטער די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, פּראָוון יאָמטויווים. דאָס לעבן וועט גיין, קאָלזמאַן די וועלט וועט עקזיסטירן, נאָר זי וועט שוין קיינמאָל ניט זײַן, ניט וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען אונדזער, איר פּלאַנעטע, וועלכע דרייט זיך טאָג־אויס, טאָג־אײַן, אָן א ברעג און אָן א סאָף, צוזאַמען מיט איר, יוכעוועדס, קייווער, אַרום איר אייגענער אַקס און אַרום דער זון פון אונדזער גאַלאַקטיק.

און ס'האָט דאָך געקאָנט זײַן אַנדערש. ווען איך פאָר מיט איר, זי האָט דאָך מיך אַזוי געבעטן, וואָלט עפּשער דער אומגליק ניט געטראָפן. איך וואָלט זי זיכער פאַרהיט, ניט דערלאָזט, אַז זי זאָל גראָבן, איך וואָלט מיט דער לאָפּעטע געגראָבן, און זי וואָלט איצט געלעבט. ס'וואָלט אָט דאָס בערגל ניט געווען אָט דאָ אויפן בעסוילעם, עס וואָלט ניט געווען דאָס שוואַרצע רעמל אין צײַטונג, עס וואָלטן ניט געווען אָט די קרענץ. זי וואָלט געלעבט, געאַרבעט, געשאַפן, וואָלט זיך דערוואַרט אויף שולאַמיסן מיטן אייניקל פון קובאַ און וואָלט פאַרשאַפט פרייד אַלע, וועלכע האָבן זי געקענט, געזען, באַגעגנט... זי האָט דאָך אַזויפיל געוווּסט, אַזויפיל אַוועקגעטראָגן מיט זיך, אַזויפיל געהאַט צו מיטיילן, דערציילן אַזוינס, וואָס קיינער וועט שוין קיינמאָל ניט וויסן. און פאַר מיר וועט שוין אויך אויף ווײַטער, אויף שטענדיק פאַרבלײַבן א סאָד, אויך וועגן דעם, וואָס איז דעמלט געשען, וואָס זי איז פּלוצלינג אַוועקגעפאָרן,

פאַרוואָס האָט זי ניט געענטפערט דעמלט אַף מײַנע בריוו... געקליבן זיך אַלץ פרעגן און ניט געפרעגט.

פון ערגעץ האָט זיך אָנגעטראָגן אַ ווינט, אָנגעיאָגט שוואַרצע וואָלקנס, און ס'האָט אַ גאָס געטאָן אַ רעגן. איך בין געשטאַנען מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ אונטערן רעגן. דאָס האָט מיך ניט געקימערט. געקימערט האָט מיך דאָס, וואָס דער רעגן פליוכעט, שמײַסט אומבאַראַכ־מאָנעסדיק איבער איר קייווער און דאָס וואַסער קאָן דורכדרינגען דורך דער צעגראָבענער ערד אַהין, צו איר. איך האָב גיך אַראָפּגענומען פון זיך דעם מאַנטל און איבערגעדעקט איר קייווער מיט אים. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן די וואָלקנס זיך דורכגעטראָגן, דער רעגן האָט אופגעהערט. עס האָבן נאָר פון די אַרומיקע ביימער, ווי דורכזיכטיקע גרויסע טרערן, געקאַ־פּעט טראָפּנס רעגן־וואַסער. פון דער אַנטקעגנדיקער זײַט בעסוילעם האָט זיך דערטראָגן אַ דומפּע טרויעריקע מוזיק. ערגעץ ניט ווײַט האָט אַ פרוי עמעצן באַוויינט. דערפילנדיק אַ זון־שטראַל, האָבן פויגלען אַף די דערבײַיִקע צווײַגן זיך צעזונגען. פויגלען וויינען ניט. פויגלען זינגען שטענדיק. און עפשער וויינען זיי, נאָר מיר הערן ניט. און בא מיר האָט געוויינט דאָס האַרץ.

שטייענדיק פאַרטיפט אין די טרויעריקע געדאַנקען, האָב איך ניט באַמערקט, ווי עמעץ איז צוגעגאַנגען. נאָר באַלד האָב איך דערפילט, אַז עמעץ שטייט דאָ דערבײַ, זיך אומגעקוקט און דערזען רעכטס פון מיר, צווישן די וויינענדיקע קלאָנען, אים, יויכעוועדס מאַן, גענאַדי לוואָוויטש. דאָס האַרץ האָט בא מיר אופגעציטערט. גענאַדי לוואָוויטש האָט אויסגעזען, ווי נאָך זייער אַ שווערער קרענק. גראָוו, בלאַס, אַלט, צעבראָכן. ער איז געשטאַנען סטולעוואַטע אָנגעבויגן, אומבאַוועגלעך, ווי פאַרשטיינערט, און מיט פאַרשטאַרטע פאַרלאָפּענע אויגן גע־קוקט אַף יויכעוועדס פײַכטן קייווער. אונטער די פיס בא מיר האָט אַ טרעשטשע געטאָן אַ פאַרדאַרט צווײַגל. ער האָט אַ הייב אוף געטאָן דעם גראָוון קאָפּ און דערזען מיך. די אויס־געבלייכטע אײַנגעפאַלענע באַקן האָבן בא אים אַ צוק געטאָן. ער האָט פאַרווונדערט און ווי דערשראָקן מיך אָנגעקוקט. זײַן בליק איז געווען פול מיט צאַר, מיט ווייטעק. איך האָב געפילט, אַז איך דאַרף אים אומבאַדינגט איצט עפּעס זאָגן, דערקלערן, ווי קום איך אַהער, און נאָך עפּעס וויכטיקס זאָגן, ער זאָל וויסן, פאַרשטיין, באַנעמען אַלץ אַזוי עמעסדיק, ווי ס'איז. ער זאָל פאַרשטיין, פאַרוואָס איך בין געפלויגן, געקומען אַהער, פאַרוואָס איך שטיי דאָ אַ טיף־באַטריבטער, אַ דערצאַרנטער לעבן איר, יויכעוועדס, זײַן פרויס, קייווער. נאָר איך האָב ניט געקאָנט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. איך האָב אין דער מינוט זיך געפילט, ווי אַ פאַרברעכער, וועמען מע האָט געכאַפּט פאַר דער האַנט און ס'איז שוין ניט שײַעך זיך צו פאַרענטפערן, דערקלערן, זיך באַרעכטיקן. איך האָב געטאָן זייער ניט גוט. איך האָב ניט געדאַרפט אַליין גיין אַהער צו איר קייווער. געדאַרפט פרי'ער זיך זען מיט אים, כאָטש אָנ־קלינגען אים און צוזאַמען מיט אים קומען אַהער. דעמלט וואָלט עס אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש. און איצט?.. איך בין גרייט געווען אַרומנעמען אים, צודריקן צו זיך. זיך אויסוויינען אַף זײַן פּלייצע, זאָגן אים, דערקלערן אים, איבערצײַגן אים. איך בין גרייט געווען אויסהערן פון אים די שאַרפסטע, ביטערסטע ווערטער. איך האָב אַף דעם געוואַרט, געוואַרט, ער זאָל מיר עס זאָגן. ער האָט איצט געהאַט פולע רעכט אַף דעם. ער האָט מיך געדאַרפט אויסזידלען, אויספּאַטשן, אַוועקטרײַבן, ניט לאָזן שטיין דאָ בא איר קייווער. איך האָב געוואַרט אַף דעם. גרייט געווען, ער זאָל אויסגיסן אַף מיר זײַן צאָרן. דעמלט וואָלט מיר גרינגער געווען. דעמלט וואָלט איך אים געקאָנט איבערצײַגן און צעוויייען אַלע ביטערע ספּייקעס אין אים.

נאָר ער האָט געשוויגן. גאָרנישט ניט געזאָגט. ניט געפרעגט. געשטאַנען אַ טיף־פאַרזאָרגטער, אַרײַנגעטאָן אינגאַנצן אין זיך, היפּש אַזוי, ביז ער האָט באַמערקט דעם קרוג מיט די צונטער־רויטע זאַפטיקע געאָרגינעס.

— דאָס האָט איר? — האָט ער שטיל אַ פרעג געטאָן, אָנקוקנדיק מיך מיט אַ מיטפילנ־דיקן בליק.

איך האָב שווײַגנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ווי'אַזוי?.. פונוואַנען?.. ווי'אַזוי האָט איר זיך דערוווּסט? — ער האָט זיך אָנגעבויגן, גענומען דעם קרוג מיט די געאָרגינעס און אַוועקגעשטעלט צוקאָפּנס פון קייווער.

ניט רירנדיק זיך פון אָרט, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב ניט געוואָלט אים באַומרויקן. דעריבער האָב איך אָנגעקלונגען דער שוועסטער און בא איר זיך אַלץ דערוווּסט.

— זי האָט מיר געזאָגט, אַז איר קומט יעדן טאָג אַהער, און אָט האָבן מיר זיך געטראָפן. נאָר דאָך טוט מיר באַנק, וואָס איך האָב אײַך פרי'ער ניט אָנגעקלונגען, ניט געווען בא אײַך...

— איך פֿאַרשטיי... איך פֿאַרשטיי... — האָט ער געזאָגט. — איר וועט דאָ זאַמען?

— ניין, איך פֿאָר הײַנט צוריק, — האָב איך געענטפֿערט.

מיר זײַנען נאָך אַ היפּשע צײַט געשטאַנען באַם קײוער, נאָכדעם צוזאַמען אַוועק. פֿאַמעלעך זײַנען מיר געגאַנגען, ניט אויסרײדנדיק קיין וואָרט. אויסערן בעסוילעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן אױף מיר זײַן טרויעריקן בליק און נאָכדעם פֿאַרזאָרגט זיך אָנגערופֿן:

— עפּשער וועט איר צופֿאָרן צו אונדז. כאָטש אױף אַ ווײַלע. איר וועט זיך זען מיט שאָ־לעמען. איר האָט דאָך אים שוין לאַנג ניט געזען. ווען האָט איר געזען אים? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן.

— לאַנג. זייער לאַנג. אין פֿינף־און־פֿערציקסטן. ווען איך האָב זיך אומגעקערט פֿון בערלין.

— מיט דרײַסיק יאָר צוריק? — האָט ער זיך פֿאַרוווּנדערט. — און מער האָט איר אים ניט געזען? פֿאַרוואָס? און איצט... ווילט איר אים גאָר ניט זען? ער איז זייער אַ געראָטענער. אַ פֿײַיקער. אַ גלענצנדיקער פֿידלער. נאָר אַן עלנטער. אים איז שוין פֿינף און דרײַסיק יאָר, און ער האָט קיינעם ניט. ער איז נאָך אַ באָכער. עפּשער וואָלט איר זיך מיט אים דורכגע־רעדט. איר וואָלט עפּשער געווירקט אױף אים. וויפֿל איז דער שיר. וואָס וועט זײַן נאָכדעם... נו, קאָלזמאַן איך לעב. אָבער נאָכדעם? שולאמיס איז ווײַט, זייער ווײַט. ער וועט דאָך פֿאַר־בלײַבן איינער אַליין. ווי אַזוי וועט ער לעבן, אַן עלנטער? הײַנט וואָלט איר זיך נאָך געקענט זען מיט אים, אין אַ פּאָר טעג אַרום פֿאָרט ער מיט זײַן אַנסאַמבל אױפֿן „באַם“...

מיר האָט זיך זייער געוואָלט זען מיט אים, מיט שאָלעמען, וואָס איך בין געווען יענער, וועלכער האָט גורעם געווען זײַן קומען אױף דער וועלט. איך האָב געוואָלט נאָכאַמאָל אַרײַן אין דער שטוב, ווו זי האָט געלעבט, ווו יעדע זאַך דערמאָנט אין איר, זײַן אין אָט די שווערע מינוטן כאָטש אַ ביסל מיט איר מאַן, מיט גענאַדי לוואָוויטשן, וועמען איך האָב אי געאַכטעט, אי ליב געהאַט. נאָר איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף עס ניט טאָן. עס וואָלט, מעגלעך, פֿאַרשטאַרקט אין אים דעם אומזיסטן כשאַד, וואָס האָט פֿון צײַט צו צײַט זיך פֿאַרגאַנוועט צו אים אין האַרצן.

פֿון בעסוילעם בין איך גלײַך אַוועקגעפֿאָרן צום אַעראָוואָקזאַל און באַוויזן נעמען אַ בילעט אױפֿן לײַנער קיין מאָסקווע. פֿליִענדיק, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז ניט גענאַדי לוואָוויטש, ניט איך האָבן פֿאַר די פֿאָר שאָ, וואָס מיר זײַנען געווען צוזאַמען, קיין איין מאָל ניט דערמאָנט יויכעוועדס נאָמען. איך האָב דאָס אַליין ניט געקענט פֿאַרשטיין. געפֿינענדיק זיך העכער די וואָלקנס, צען קילאָמעטער איבער דעם ערדקײַלעך, וואָס האָט זיך געדרייט אַרום זײַן אַקס צוזאַמען מיט יויכעוועדס קײוער, האָב איך קלאָר פֿאַרשטאַנען, אַז אין מעשעך פֿון יאָרן, זינט דעם אָוונט נאָך מײַן ערשטן קאָנצערט אין לענינגראַד, ווען איך האָב ווידער זיך באַגעגנט מיט איר, מיט מײַן יוגנט־ליבע, מיט יויכעוועדן, און זיך באַקענט מיט גענאַדי לוואָוויטשן, האָב איך אים אומזיסט און אומנישט פֿאַרביטערט, פֿאַרסאַמט דאָס לעבן, פֿאַרשאַפֿט אים פּײַנפֿולע ליידן. איך וועל זיך עס קיינמאָל ניט מויכל זײַן. איך בין מאַמעש אַ פֿאַרברעכער — אַן אומשולדיקער, נאָר פֿאָרט אַ פֿאַרברעכער.

פֿון מאָסקווע קיין טשיטאַ האָב איך באַשטימט פֿאָרן מיטן צוג. קעדיי אין מעשעך פֿון די זעקס מעסלעס וועג אַלץ דורכטראַכטן, באַקלערן, קומען ווי־עס־איז צו־זיך. און אָט, מאַמעש עטלעכע מינוט פֿאַרן אָפּגיין פֿון צוג, האָב איך געקראָגן אַ בילעט אין מעזשדונאַראָדנעם וואַגאָן, צו אײַך אין קופּע.

מײַן מיטפֿאָרער, סאָלאָמאָן זאָנענטאַל, האָט גערעדט אָן אַן אָפּשטעל, ווי ער וואָלט מוירע האָבן, אַז ער וועט ניט באַווײַזן צו אויסדערציילן אַלץ, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט בא אים אױפֿן האַרצן און אים געמאַטערט.

דער צוג האָט זיך שוין דערנענטערט צו טשיטאַ. די וואַגאָן־באַגלייטערן האָט אים שוין געהאַט דערמאָנט וועגן דעם. אין דרויסן האָט געווילדעוועט אַ סיבירער ווינט. די וויוגע האָט פֿאַרשײַט געשמיסן מיט שניי, פֿאַרליאַפּעט דאָס וואָגאָן־פֿענצטער, געפּײַפֿט, געברומט, זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ פֿאַרצווייפֿלטן געוואָי, פֿונעם וואַגאָן־פֿענצטער האָט געצויגן מיט קעלט. מײַן מיטפֿאָרער איז געשטאַנען מיטן מאַנטל אין האַנט אין אונדזער שוואַך באַלויכטענער קופּע און נאָך אַלץ פֿאַרכאַפּט גערעדט:

— קאָלזמאַן זי האָט געלעבט, בין איך געווען ניט אַליין אױף דער וועלט. פֿונעם געדאַנק, אַז זי איז דאָ, זאָל זײַן ווײַט פֿון מיר, אָבער זי איז דאָ, איז מיר שוין געווען גוט. איצט בין איך פֿאַרבליבן איין־אַליין. איך האָב קיינעם ניט. ניט קיין קינד, ניט קיין רינד, און איך וועל שוין קיינעם ניט האָבן, קיינער וועט זי מיר ניט פֿאַרבײַטן. מײַן איינציקער פֿרײַנט

בלײַבט דער וויאַלאָנטשעל, און אפילע אים, געגאַדי לוואָוויטשן, דעם מאַן אירן, וועל איך שוין מער קיינמאָל ניט זען, אויך ניט שאָלעמען, ניט שולאמיסן. אין זייער דירע אויף בראָדסקי־גאס וועל איך שוין אויך מער ניט זײַן. זאָל ער פאַרגעסן אין מיר.

איך האָב קיינמאָל ניט געוואָלט טאָן עמעצן שלעכטס, קיינעם. און דאָך אומגערן געטאָן. געטראַכט וועגן זיך און ניט וועגן יענעם, קיין דינוועכעזשבן זיך ניט אָפּגעגעבן.

דער צוג איז שוין היפּש געשטאַנען אויף דער סטאַנציע. די וואַגאָן־באַגלייטערן האָט אים ווידער דערמאָנט. א צעשטרײַטער האָט ער געכאַפּט דעם טשעמאָדאַן און זיך געלאָזט גיין. ס׳האָט מיר באַנק געטאָן, וואָס מיר צעשיידן זיך. איך האָב, שוין גייענדיק אין קאָרידאָר, געהאָלפן אים אָנטאָן דעם געקעסטלטן מאַנטל, מיט וועלכן ער האָט געהאַט צוגעדעקט בעשאַס דעם רעגן איר, יוכעוועדס, קיוועור. אין אָפּענעם טאַמבור האָט געוואָיעט די וויוגע. געשאָטן מיט שניי. ער האָט זיך פאַרהאַלטן, געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר די וואַגאָן־באַגלייטערן האָט אים אונטערגעײַלט. שיר ניט פאַלנדיק, איז ער אראָפּגעשטיגן פון די גליטשיקע טרעפּלעך, און איך, א פאַרקאָליִעטער, אין דער פּיזשאַמע, בין אוועקגעלאָפן כאַפּן אויף זיך דעם מאַנטל. אַפן טעפּיך לעבן סאַמע טיר פון אונדזער קופּע האָב איך באַמערקט א געפּאַקטן קאָנווערט, וועלכן ער האָט, קאָנטיק, אין אײַלעניש פאַרלאָרן. כ׳האָב אופגעהויבן דעם פּאַקעט, געכאַפּט א קוק. ער איז אַדרעסירט געוועזן קיין לענינגראַד אויף בראָדסקי־גאַס, געגאַדי לוואָוויטשן ראַבונסקין. מיר האָט זיך פאַרוואָלט עפענען דעם קאָנווערט און וויסן, וואָס שרײַבט ער צו יוכעוועדס מאַן, נאָר איך האָב אָפּגעוואָרפן אַזאַ געדאַנק. ניט אָנטועגדיק אויף זיך דעם מאַנטל, האָב איך אין איין פּיזשאַמע זיך געלאָזט לויפן מיטן פּאַקעט. שוין פון טאַמבור האָב איך דורכן שניי־געווירבל דערזען אים אַנטקעגן אויף דער פּוסטער באַנאַכטיקער פּלאַטפאָרמע. ער איז געשטאַנען מיטן טשעמאָדאַן אין האַנט, די צעלאָזענע פּאַטלעס האָר באַדעקט מיט שניי. א צעטראָגענער האָט ער געקוקט אַפן צוג, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן רירן. איך האָב א געשריי געטאָן צו אים. דער ווינט האָט געפּײַפט. ער האָט ניט געהערט. איך האָב ווידער א געשריי געטאָן, ווײַזנדיק אַפן קאָנווערט. ער האָט זיך אומגעקוקט. מיך דערזען. מיט אַלע קויכעס האָב איך א שלײַדער געטאָן דעם פּאַקעט צו אים אויף דער פּלאַטפאָרמע. דער ווינט האָט דעם פּאַקעט אונטערגעכאַפּט, פאַרדרייט צוזאַמען מיטןווירבלענדיקן שניי, א טראָג געטאָן אין דער הייך, א שמיץ געטאָן אים אַראָפּ און צוזאַמען מיטן שניי פאַרטראָגן אים ערגעץ צווישן די רעלסן, איבער וועלכע עס האָבן שוין האַסטיק געקלאַפּט די רעדער פונעם וואַגאָן.

און די וויוגע האָט געדרייט, און די וויוגע האָט געברומט, געפּײַפט, געוואָיעט...

רוון פּוסטילניקאָוו

לאַדיזשינער ליכט

ווען בעניע ליכטמאַן איז אַלט געווען צוועלף יאָר, האָט ער שוין גוט געוווּסט, וווּ איז דאָס טיפסטע אָרט אין לאַדיזשינער טײַך בוג. ער פלעגט מער זיך שווענקען אין טײַך, ווי טרעטן מיט זײַנע באָרוועסע פיס אַף דער ערד. די באָבע זײַנע פלעגט פרײַטיק אַפדערנאַכט, בייסן בענטשן ליכט, בעטן גאָט, אַז דער לאַדיזשינער טײַך זאָל אויסגעטריקנט ווערן. דעמלט וועט זי אַרומגיין מיט א רויִק האַרץ, זיכער זײַן, אַז איר אייניקל בעניע וועט ניט דערטרונקען ווערן. דער צווייטער שווימער אין שטאָט איז געווען בעניעס כאַווער כמעלקאָ. אים איז דעמלט אויך געווען צוועלף יאָר. געלערנט האָבן זיי זיך ביידע אין דער היגער שול. זייער פרײַנטשאַפט איז איבערגעגאַנגען בעירושע פון זייערע טאַטעס, וועלכע האָבן זיך געכאַווערט. צו זיי פּאַסט זיך דאָס ווערטל: „א פרײַנט דערקענט מען אין א צאָרע". די ערשטע באַגעגעניש צווישן כמעלקאָס טאַטע לעווקאָ און בעניעס טאַטע דאָווידן איז פאָרגעקומען אין א פינצטערער אָסיענדיקער נאַכט. לעווקאָ האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער פון דאָוויד ליכטמאַנס שטוב. ס'איז שוין געווען אַרום איינס אַזייגער באַנאַכט, אָבער דאָוויד איז נאָך ניט געשלאָפן, ער איז געלעגן אין בעט און אַרײַנגעקוקט אין א בוך. דערהערט א קלאַפּ, איז ער טייקעף אַראָפּ פון געלעגער, מיטן קעראָסינאָווע לעמפּל צוגעגאַנגען צו דער טיר און א פרעג געטאָן:

— ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך, לעווקאָ, פונעם דאָרף מאָנאַסטירסקי, איך, דער פּאָרזיצער פון קאָלווירט. ס'האָט געטראָפן א צאָרע מיט די בעהיימעס.

דאָוויד ליכטמאַן אַרבעט אין לאַדיזשינער אויספירקאָם אַלס א וועטערינאַרער פעלדשער. קלאַפּט מען צו אים אָפטמאָל אָן באַנאַכט אין פענצטער:

— דאָווידקאָ, גיכער!.. בא מיר דאַרף זיך קעלבן די בעהיימע, א שווערע קימפּעט!

דעם נאָמען פון דעם פּאָרזיצער פון קאָלווירט לעווקאָ האָט דאָוויד שוין לאַנג געהערט, אָבער פּערזענלעך זײַנען זיי באַקענט ניט געווען. דאָוויד האָט אויפגעעפנט די טיר און אַרײַנגערופן לעווקאָן. יענער האָט אַראָפּגענומען פון קאָפּ די קוטשמע, זיך ווי א נייג געגעבן צו דאָווידן און א זאָג געטאָן:

— א גוטן אָוונט אײַך, דאָוויד נעכעמיעוויטש, — דערבײַ האָט ער מיט דער קוטשמע אויסגעווישט דעם שווייס פונעם שטערן. — מיט מײַנע בעהיימעס האָט עפּעס געטראָפן. די בײַכער זײַנען בא זיי אָנגעבלאָזן געוואָרן, זיי האַלטן זיך קוים אַף די פיס.

דאָוויד האָט אַוועקגעשטעלט דאָס לעמפּל אַפן טיש — ער האָט אָנגעוויזן לעווקאָן אַף א בענקל.

— זיצט, ביז איך וועל זיך אָנטאָן. עפּשער א גלעזל טיי? — האָט דאָוויד געפרעגט.

— ניין, ניין. מע דאַרף וואָס גיכער...

— איר זײַט מיטן פּאַראָם אַריבערגעפאָרן דעם בוג? — האָט דאָוויד א פרעג געטאָן.

— ניין, צום פּאַראָם איז א ביסעלע ווײַטלעך. מע וואָלט באַדאַרפט שפּאַנען פערד. איך האָב זיך מיט א שיפל דערקליבן. אַזוי איז גיכער ווי מיטן פּאַראָם.

בעניע איז ניט געשלאָפן, ער האָט געהערט דעם שמועס פון זײַן טאַטן מיט לעווקאָן. אומגעריכט איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם געלעגער, צוגעלאָפן צום טאַטן:

— טאַטע, נעם מיך מיט אין דאָרף אַרײַן. דו ווייסט דאָך, אַז איך קאָן גוט שווימען. טאָמער וועט זיך עפּעס טרעפן מיטן שיפל, וועל איך קענען קומען צוהילף.

נעכאָמע, בעניעס מאַמע, איז אויך אַראָפּ פונעם בעט, אָנגעכאַפּט בעניען פאַר ביידע הענט:

— אַנו, גיי שוין און לייג זיך שלאָפן! האָסט ניט וואָס צו טאָן אין דאָרף. און דו, דאָוויד, טו אָן דעם וואַרעמען בעגעד. ס'איז הײַנט א ווייסטע קעלט. זע, דאָוויד, זאָלסט זיך בא די בעהיימעס ניט לאַנג פאַרהאַלטן. מע דאַרף אָנגרייטן האָלץ אַף ווינטער, פאַרקלעפּן די פענצטער מיט קיט, אָנרייפן דאָס פעסל אַף זײַערן קרויט. אַרבעט וועט קלעקן, דײַגעס אויך.

— דײַגעס, זאָגסטו, נעכאָמע? — האָט דאָוויד צוגעקליבן א פּאַסיקן ענטפער, — ס'איז פאַראַן בא אונדז א פאָלקס־ווערטל: „בעסער צען דײַגעס, איידער איין צאָרע". — און דאָוויד האָט גלײַך געגעבן צו פאַרשטיין דאָס ווערטל דעם פּאָרזיצער.

— איי, קלוגע רייד — האָט לעווקאָ געזאָגט און זיך געווענדעט צו נעכאַמען: — אין ווי רופט מען איַיך, באַלעבאָסטע טײַערע?

— מיך רופט מען נעכאַמע.

— איז אָט, טײַערע נעכאַמע, איַיער מאַן וועט מיר העלפן אין מײַן צאַרע, וועל איך איַיך ארויסהעלפן אין איַיערע דײַגעס. אויב נאָר איַיער מאַן וועט שטעלן די בעהיימעס אַף די פיס, וועל איך איַיך צושיקן טרוקן האָלץ, ריינע בערעזע. און וואָס איז שײַעך קרויט, איז האָט קיין דײַגעס ניט. ס'וועט זײַן קרויט. — לעווקאָ האָט זיך פאַרמאָסטן נאָך עפּעס פאַרלייגן נעכאַמען, נאָר אים האָט איבערגעשלאָגן דאָוויד:

— ניין, ניין, מע דאַרף ניט, מע דאַרף גאָרניט ברענגען, היילן די בעהיימעס — דאָס איז מײַן כויוו. דאָס איז ניט נאָר איַיערע בעהיימעס, ס'איז אויך מײַנע. ס'איז אַלעמענס בעהיימעס. די מילך פון זיי — דאָס איז די בעסטע רעפוע פאַר קראַנקע קינדער, ניט נאָר קיין רעפוע, דאָס איז פלייש און פּוטער.

— זאָגט מיר נאָר, כאַווער פאַרזיצער, — האָט נעכאַמע זיך אַרײַנגעמישט, — די קראַנקע בעהיימעס זײַנען ניט קיין געפאַר פאַר א וועטערינאַרנע רופּעָ, האַ?

— איר ווילט וויסן, צי ס'איז ניט געפערלעך פאַר איַיער מאַן? — האָט לעווקאָ געענטפערט מיט א פראַגע.

— יאָ, איר האָט מיך פאַרשטאַנען. איך וויים, אז די בעהיימעס פאַרמאָגן שאַרפע הערנער, — האָט נעכאַמע געזאָגט.

— שאַרפע הערנער, זאָגט איר? זאָלט איר וויסן זײַן, אז א מענטש מיט א טעמפּן מויעך קאָן אָנטאָן מערער שאָדן, ווי א בעהיימע מיט שאַרפע הערנער.

ווען דאָוויד איז שוין געווען גרייט אין וועג אַרײַן, האָט זיך ווידער בעניע אָנגעהויבן בעטן, אז דער טאַטע זאָל אים נעמען מיט זיך.

— זאָל איַיער באָכער גיין מיט אונדז. מײַן סינאָק איז אויך מיט מיר צו איַיך געגאַנגען. ער וואַרט איצט אַף אונדז מיטן שיפל אַפן ברעג בוג.

נעכאַמע האָט ארויסבאַגלייט אַלע דרײַ אין וועג אַרײַן, געווונטשן, אז די בעהיימעס זאָלן געזונט ווערן.

צום בוג איז געווען ניט ווײַט. דאָוויד ליכטמאַנס שטוב איז געשטאַנען אַפן סאַמע וועג, מיט וועלכן די פּויערים פלעגן פאָרן פון די דערפער קיין לאַדיזשין. דער שמיד, דאָווידס טאַטע, האָט זײַן קוזניע אויך אוועקגעשטעלט לעבן דער שטוב אַפן סאַמע טראַקט, ניט ווײַט פונעם בוג. אין שטעטל זײַנען געווען א סאַך ייִדישע שמידן, די קאָנקורענץ צווישן זיי איז געווען גרויס, דעריבער האָט יעדער שמיד זיך געסטאַרעט וואָס נעענטער זיך באַזעצן צום אַרײַנפאָר אין שטעטל.

צוליב אַן אומדערוואַרטן צופאַל איז נעכאַמיע דעם שמידס זון דאָוויד געוואָרן א וועטערינאַרער רופּעָ. ס'האָט געטראָפן, אז דאָ, לעבן דער קוזניע, איז געפאַלן א פערד אַף דער ערד און אָנגעהויבן ציטערן מיטן גאַנצן קערפּער. דעמלט האָט מען געשיקט דאָווידן, ער זאָל לויפן רופן דעם באַוווּסטן וועטערינאַר סעמיאָן קאָבעלניקאָוו. ווען דאָוויד איז אַרײַן אין הויף פונעם רופּעָ, איז קאָבעלניקאָוו געשטאַנען מיט א שטעקן, אַף וועלכן ס'איז געווען צוגעבונדן א קליידל, און געשראָקן זײַנע טויבן, זיי זאָלן זיך אופהייבן אין דער הייך. דער רופּעָ האָט אַפילע ניט באַמערקט, ווען דאָוויד איז געקומען.

— ווײַזט אהער דעם שטעקן, איך קאָן שרעקן טויבן, — דאָוויד האָט איבערגענומען בא קאָבעלניקאָוון דעם שטעקן, אָנגעהויבן פייַפן, נאָר ניט אַלע טויבן האָבן זיך אופגעהויבן. דעריבער האָט דאָוויד א כאַפּ געטאָן א לייטער, ווי אַן אַקראָבאַט, ארופגעקראָכן אַפן דאַך און אופגעהויבן אַלע טויבן אינדערלופטן. קאָבעלניקאָוו איז געווען צופרידן.

— איי, דו, פויגל, וועמעס באָכער ביסטו? — האָט דער רופּעָ זיך נאָכגעפרעגט.

— איך בין נעכאַמיע דעם שמידס זון. איך געדענק, ווען איר האָט געבראַכט איַיער זשערעבעץ אָנקאָוון, האָב איך געהאַלטן זײַנע פיס, — האָט דאָוויד געשריִען פון דאַך. — לויפט, איך בעט איַיך, גיכער, לעבן מײַן טאַטנס קוזניע איז געפאַלן א פערד.

פון דעמלט אָן האָט דאָוויד זיך באַפרײַנדעט מיט קאָבעלניקאָוון. דער רופּעָ פלעגט אים שטענדיק נעמען מיט זיך אין די דערפער, געלערנט אים, וויאַזוי צו היילן בעהיימעס, פערד, ציגן, הינט און אַפילע קעץ. נאָכדעם האָט קאָבעלניקאָוו געגעבן זײַן רעקאָמענדאַציע דעם באָכער, און דאָוויד האָט פאַרענדיקט דעם וועטערינאַרנע טעכניקום.

ווען לעווקאָ, דאָוויד און בעניע זײַנען צוגעקומען צום טײַך, האָבן זיי געטראָפן אין שיפל לעווקאָס ייִנגל כמעלקאָ. ער איז געלעגן א פאַרשלאָפענער, און די כוואַליעס פון טײַך האָבן אים געוויגט. אין הימל האָבן שוואַרצע כמאַרעלעך ווי זיך גערייצט מיט דער לעוואָנע. זיי האָבן פון צײַט צו צײַט פאַרשטעלט איר שײַן. אָט ווערט פינצטער, אָט ווערט ליכטיק. ווען אַלע פיר האָבן פאַרנומען זייערע ערטער אין שיפל און שוין גענומען אָרודערן מיט די וועסלעס, האָט דאָוויד א זאָג געטאָן:

— איך האָב אין אײַלעניש פאַרגעסן נעמען מיט זיך דעם לאַמטערן, ס'איז הײַנט א פינצטערע נאַכט.

לעווקאַ, ווי ער וואָלט געוואָרט אַף די דאָזיקע
ווערטער, האָט גלײַך געענטפערט:

— איר זאָגט, דאַוויד, אַז ס'איז הײַנט א
פינצטערע נאַכט? ווען איך זאָל זײַן בעקיועך,
וואָלט איך פאַר אײַך די זון פאַרהאַלטן...

— די זון, לעווקאַ, פאַרהאַלטן איז ניט אין
דײַנע קויכעס. אָט זעסטו, דעם טײַך צווינגען,
ער זאָל אונדז געבן ליכט, דאָס איז דאָפקע אין
אונדזערע קויכעס.

דאַוויד האָט אײַנגעטונקען די האַנט אין דער
קאַלטער וואַסער פונעם טײַך און געזאָגט:

— איר זעט, קינדער, אָט אָ־די קאַלטע וואַ־
סער קאָן אָנוואַרעמען און ליכטיק מאַכן גאַנץ
לאַדיזשין און אויך דעם גאַנצן אַרום.

די צוויי ייִנגלעך, כמעלקאָ און בעניע, האָבן
גלײַך א פרעג געטאָן קינדערש־נאַיִוו:

— ליכטיק מאַכן לאַדיזשין? ווי־אַזוי?

— איך וועל, דאַווידקע, זײַן אין ווינניצער
אויספּירקאָם, וועל איך זיי דאָרטן איבערגעבן
דײַנע ווערטער. פלייש און מילך פאָדערן זיי,
ס'זאָל זײַן א סאַך, זאָלן זיי אונדז געבן ליכט.
איך וועל ריידן מיט דעם וואָס מע דאַרף, איך
וועל ריידן. אָט דאָס איז אין מײַן ווּלאַסט, —
האָט לעווקאָ זיך אָנגעצונדן.

— מיט אייניע רייד, לעווקאָ, וועט אין לאַדי־
זשין ליכטיק ניט ווערן. אָט אונדזערע קינדער
דאַרפן זיך לערנען, זיי וועלן ליכטיק מאַכן די
וועלט, — האָט דאַוויד אָנגעוויזן אַף די צוויי
כעוורע.

— פאַרוואָס די וועלט? מיר וועלן צום ערשטן
ליכטיק מאַכן בא אונדז אין לאַדיזשין. איאָ,
כמעלקאָ? — האָט בעניע א זאָג געטאָן.

— איר הערט קלוגע ווערטער? איר האָט,
דאַווידקאָ, פאַרזייט א גוט קערנדל. אײַער פּאַ־
רובאָק האָט ליב לאַדיזשין. אפילע ווען א בע־
היימע דערזעט איר שטאָל, פרייט זי זיך. לאַ־
דיזשין איז דאָך זײַן היים. — און טייקעף האָט
לעווקאָ צוגעגעבן: — אייניקע קינדער נאָך זייער
לערע הייבן אויף די פליגעלעך און געפינען א
נעסט אין גרויסע שטעט, אַנטלויפן פון דער
היים.

— דאָס איז, לעווקאָ, נאַטירלעך. אַמאָל איז
פאַר אונדזערע טאַטעס דאָס קליינע שטעטעלע
געווען די אייניקע היים. איצט, פאַר אונדזערע
קינדער, איז די היים דאָס גאַנצע לאַנד, — האָט
דאַוויד געגעבן צו פאַרשטיין זײַן געדאַנק.

— און מיר וועלן מיט בעניען צום ערשטן
לאַדיזשין געבן ליכט, — האָט כמעלקאָ געזאָגט,
ווען דאָס שיפעלע איז שוין געווען אײַנמיטן
טײַך.

אָט דאָ, צווישן די ברעגן פון טײַך, צווישן
שטעטל און דאָרף, צווישן דעם פאַרזיצער פון
קאָלווירט לעווקאָ און דעם וועטערינאַר־רויפע
דאַווידן, איז אין א פינצטערער נאַכט געבוירן
געוואָרן דער ווילן צווינגען דעם בוג, ער זאָל
געבן פאַר לאַדיזשין ליכט. און בא זײַערע צוויי־
קינדער, כמעלקאָ און בעניע, האָט זיך פאַרקליבן
אין די נעשאָמעס א ליכטיקער פונק.

אין דאָרף מאַנאַסטירסק, אַף דער קאָלווירטי־
שער פערמע, האָט דאַוויד אכט טעג און אכט
נעכט געטאָן אַלץ, אַז די בעהיימעס זאָלן געזונט
ווערן, זיי זאָלן ווידער זיך אָנהייבן מעלקן. פאַר
דער צײַט האָבן די צוויי כעוורע, דאַוויד און
כמעלקאָ, צונויפגעשטעלט א מאַקעט פון אַן
עלעקטרישער סטאַנציע פאַר לאַדיזשין. דעם
מאַקעט האָט מען אָפּגעפירט אַף אַן אויסשטע־
לונג פון קינדערשער שאַפונג. לעווקאָ, דער
פאַרזיצער פון קאָלווירט, איז געווען שטאַרק
באומרויִקט — ער האָט ניט געוווּסט, וואָס פאַר
א מאַטאָנע זאָל ער אונטערטראָגן דאַווידן פאַר
דעם, וואָס יענער האָט געראַטעוועט די בעהיי־
מעס. סאַפּקאָלסאָף האָט ער באַשטימט, אַז בע־
סער פון אַלץ וועט זײַן פרעגן בא דאַווידן אַליין.

אינדערפרי, פאַר דעם ווי דאַוויד האָט שוין
געדאַרפט אוועקפאָרן קיין לאַדיזשין, האָט ער
באַשטימט זיך אַרײַנכאַפּן אַף דער מילך־פער־
מע געוווירע ווערן, וואָס מאַכן זײַנע „פּאַצי־
ענטן" — די בעהיימעס. אַפּן וועג זײַנען אַנט־
קעגנגעקומען היגע אײַנוווינער און פרײַנטלעך
זיך באַגריסט.

דאַוויד איז געגאַנגען איבערן דאָרף און זיך
דערמאָנט, אַז אַף דער דאָרפישער ערד האָט ער
געטראָטן מיט זײַן טאַטן, ווען ער איז נאָך
געווען א קליין ייִנגעלע — געווען איז דאָס נאָך
פאַר דער רעוואָליוציע. דער טאַטע זײַנער האָט
געטראָגן אײַזערנע קייטן, וועלכע ער האָט
אויסגעשמידט פאַרן פאַרעץ פּלאָטניצקיס הינט.
דעמלט האָבן אויך די פויערים פון דאָרף באַ־
געגנט דעם טאַטן זײַנעם מיט א „גוטמאָרגן,
נעכעמקאָ". דער זעלבער גוטמאָרגן, ווי הײַנט.
די זעלבע פרײַנטשאַפט. ס'האָבן ניט געהאָלפן
די קלינגעוודיקע גלעקלעך פון די קלויסטערס,
די בילבולים. מענטשן, וואָס קומען צוהילף איי־
נער דעם אַנדערן, קאָנען ניט זײַן קיין סאָנים.
וועגן דעם האָט איצט דאַוויד געקלערט, גייענ־
דיק איבערן סטעפּ.

ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דער מילך־פער־
מע, האָט אים דאָרטן באַגעגנט דער פאַרזיצער
פון קאָלווירט לעווקאָ.

— איך קאָן אײַך, דאַוויד נעכעמיעוויטש, אָנ־
זאָגן א בסורע. איך האָב שוין געשמועסט מיטן
פאַרזיצער פונעם ראַיאָנעם אויספּירקאָם וועגן
בויען אין לאַדיזשין אַן עלעקטראָסטאַנציע. אין
ווייסט איר, וואָס ער האָט מיר געענטפערט?
„דער געדאַנק איז א געדאַנק, נאָר דער ביוּד־
זשעט איז איצט, נאָך דער מילכאָמע, נאָך ניט
קיין געהעריקער". האַ, ווי געפעלן אײַך אַזעל־

כע ריידן? עס באַקומט זיך אַזוי: האָסטו ניט קיין ליכט, שלאָף אין דער פינצטער! אָט, זאָגט ער צו מיר, נעמט אַ בײַשפּיל פון כמעלניק, דאָרט האָט מען געפונען ראַדאָן מיט אייגענע קוי־כעס. מע קאָן דאָך ניט אָפּשטעלן דאָס בויען די בראַטסקער געס און אָנהייבן בויען אין לאַדיזשין אַן עלעקטראָסטאַנציע.

— יאָ, — האָט אַ זאָג געטאָן דאַוויד. — אונד־זער האָפענונג — דאָס זײַנען אונדזערע קינדער. מיר דאַרפן זיי שיקן לערנען אין עלעקטראָ־טעכנישן אינסטיטוט.

— נו, איז וואָס איז דאָ די דײַגע? שיקן לער־נען אונדזערע קינדער — דאָס איז אין אונדזער וואָלאַסט. איך האָב צו אײַך זייער אַ גרויסע בי־טע: זאָגט מיר, וואָס וואָלט איר געוואָלט פאַר אַ מאַטאָנע, וואָס זאָל אײַך באַפרידיקן פאַר אײַער שווערער האָרעוואַניע, מיט וועלכער איר האָט געראַטעוועט די בעהיימעס, — האָט לעווקאָ זיך מאַמעש געבעטן בא דאַווידן.

— איך וועל אײַך זאָגן גלײַך, — האָט דאַוויד לאַנג ניט געטראַכט, — אײַער בעסטע מאַטאָנע פאַר מיר וועט זײַן, ווען איר וועט מיר דער־לויבן אין אײַער מילך־פערמע אָרגאַניזירן אַן עקספּערימענטאַלע לאַבאָראַטאָריע.

— דאָס איז דאָך אין מײַן וואָלאַסט, — האָט לעווקאָ זיך דערפרייט, — צוויי קעלבעלעך פון איין בעהיימע — דאָס איז צוויי מאָל מערער פלייש מיט מילך, — האָט לעווקאָ איצט איבער־געכאַזערט דאַווידס ווערטער.

אין לאַדיזשין זאָגט מען דאָס ווערטל: „דער טײַך פליסט, און די יאָרן גייען". צוויי יאָר האָט דאַוויד ליכטמאַן געשריבן זײַן רעפעראַט וועגן דער פּראָבלעם פון פאַרמערן די צאָל בעהיימעס. ער האָט דערוויזן, אַז די נאַטור אַליין האָט געגעבן דער בעהיימע מעגלעכקײַט אָף אויסצוהאָדעווען איינצײַטיק צוויי קעלבע־לעך. זיי קאָנען איינצײַטיק זויגן בא דער מא־מען די מילך. כאָטש לעווקאָ האָט געזאָגט, אַז אָרגאַניזירן אַן עקספּערימענטאַלע לאַבאָראַטאָ־ריע אָף זײַן מילך־פערמע איז אין זײַן „וואָלאַסט", האָט מען אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פריער דאַרף מען אַ דערלויבעניש פון דער אַקאַדעמיע פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע וויסנ־שאַפטן. אייניקע געלערנטע האָבן געהאַלטן, אַז דאַוויד ליכטמאַן פּלאָנטערט אין זײַן רעפעראַט. מער פון אַלעמען האָט לעווקאָ זיך אַרומגעטראָגן מיטן פאַרדראָס, פאַרוואָס מע האָט גלײַך ניט דערלויבט אים געבן דאַווידן די מעגלעכקײַט פאַרווירקלעכן זײַנע טרוימען. אין לאַדיזשין האָבן אייניקע אַפילע זיך געוואָרטלט: „וואָר עס האָט צו טאָן מיט בעהיימעס, ווערט אַליין אַ בעהיימע".

נעכאַמע פלעגט טאָג ווי נאַכט טײַנען:

— צוליב וואָס דאַרפסטו דאָס האָבן? איך בעט דיך, לאָמיר זיך איבערקלײַבן פון לאַדי־זשין קיין קיִעוו, נעענטער צו אונדזער זון בע־ניען. לעבן טאַטע־מאַמע וועט אים זײַן גרינגער צו לערנען.

— די היים, נעכאַמע, איז ניט קיין אַפּענדי־ציט, וואָס מע קאָן אויסשנײַדן. די היים — דאָס איז דאָס האַרץ. בעניע וועט ענדיקן דעם אינ־סטיטוט, וועט לאַדיזשין זיך לויכטן אָף טויזנ־טער ווערסטן. — דאַוויד האָט אָנגעוויזן אָף דער לאַנדקאַרטע, וואָס איז געהאַנגען אָף דער וואַנט: — אָט זעסט, נעכאַמע, דאָס קליינע פּינטעלע לאַדיזשין וועט אינגיכן האָבן אַ שעם אָף דער גאַנצער וועלט.

יעדער זונטיק פלעגן קומען צוגאַסט צו דאַ־ווידן לעווקאָ מיט זײַן פרוי נאַטאַליע. איידער מע פלעגט זיך זעצן צום טיש, האָבן די מאַמעס געלייענט די בריוו פון זייערע קינדער. נאַטאַ־ליע האָט געלייענט די בריוו פון איר סטודענט כמעלקאָ און נעכאַמע — פון בעניען. ווען די צוויי מאַמעס האָבן איבערגעלייענט עטלעכע שורעס פון די לעצטע בריוו, האָבן זיך אַלע פאַרכידעשט: וואָס קומט פאַר מיט די כעווערס? בעניע האָט געשריבן: „מאַמע, איך וועל הײַנ־טיקס יאָר קומען אָף קאַניקולן ניט אַליין. מיט מיר וועט קומען מײַן גוטערפרײַנט ריטע מיכײַ־לאָוונאַ". אין דער בריוו צו נאַטאַליען האָט כמעלקאָ אויך געשריבן דאָס זעלבע.

— וואָס זאָל דאָס באַטײַטן, האַ? — האָט נאַ־טאַליע געפרעגט. — די קינדער אונדזערע זײַנען אַוועקגעפאָרן זיך לערנען ווי גוטע כאַווײרים און וועלן קומען צוריק צעקריגטע. איר, דאַוויד, זײַנט דאָך אַ רופע, דאַרפט איר צוטראַכטן עפּעס אַ מין רעפּוע, — האָט נאַטאַליע זיך גע־ווענדט צו דאַווידן.

— צום באַדויערן, איז די ליבע אַזאַ מין קרענק, וואָס קיין שום רעפּועס וועלן ניט העלפן, — האָט דאַוויד געגעבן צו פאַרשטיין.

— איר גלייבט, אַז צו אונדזערע צוויי קינ־דער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַ ליבע? — האָט נאַטאַליע געפרעגט.

— איך גלייב, אַז דאָס וועט זיי ניט שטערן ליב האָבן זייער היים, — האָט דאַוויד געזאָגט.

— ווי עס זאָל ניט זײַן, לאָמיר זיך זעצן צום טיש. אונדזער פרײַנטשאַפט וועט קיינער ניט צעשטערן, — האָט לעווקאָ אָנגעגאָסן צו גלעזע־לעך ווײַן.

ווען ביידע סטודענטן, די צוויי כאַווײרים בעניע און לעווקאָ, האָבן פאַרענדיקט דאָס צווייטע לערניאָר, זײַנען זיי אָף די קאַניקולעס אַהיים ניט געקומען. זייער וועג איז געווען אַ ווײַטער און ערנסטער — זעכציק סטודענטן פון פאַרשיידענע קורסן פון זייער אינסטיטוט זײַנען געפאָרן פּראַקטיקירן אָף דער בויונג פון בראַטסקער געס. אַלע סטודענטן האָבן שוין

געוווּסט, אַז די צוויי כאַווײרים בעניע און כמעלקאָ טראַכטן ערנסט וועגן זייער טײַך בוג.

— אָט זײַנען די צוקינפטיקע לאַדיזשינער, — פלעגן סטודענטן פריילעך זיי באַגעגענען.

— איר ווייסט, — האָט כמעלקאָ געזאָגט, — ווען אונדזערע טאַטעס האָבן געקעמפט אָף דער מילכאָמע, האָבן זיי זיך געשלאָגן מיט איין האַנט פאַרן לאַנד, מיט דער צווייטער האַנט — פאַר לאַדיזשין. זיי האָבן פאַרדינט, אַז זייער לעבן זאָל שײַנען. אַפילע ווען לענין האָט גע־טרוימט וועגן עלעקטריפיצירן דאָס לאַנד, האָט ער לאַדיזשין אויך געהאַט אין זינען.

פאַר די פינף יאָר לער אין קיִעווער אינסטי־טוט זײַנען די צוויי כאַווײרים געקומען קיין לאַדיזשין בלויז אָף עטלעכע געציילטע טעג. די קאַניקולן האָבן זיי אַמערסטן פאַרבראַכט אָף פאַרשיידענע בויונגען.

איינעם אַ זומערדיקן באַגינען, אַלץ איז גע־ווען באַדעקט מיט פרישן פרילינגדיקן גרינס, האָט זיך אָף ביידע ברעגן פון בוג דערטראָגן אַ פריידיקע יעדיע: אין דאָווידס לאַבאָראַטאָריע אָף דער מילך־פערמע האָט אַ בעהיימע געבוירן צוויי קעלבעלעך. כוץ דעם, האָבן אָף דער סטאַנציע וואַפּניאַרקע זיך אַראָפּגעיאַוועט דרײַ ליבע געסט — בעניע און כמעלקאָ מיט זייער לעקטאָר, דעם פּראָפעסאָר ריטע מיכײַלאָוונע. זי האָט אָנגעפירט מיט די דיפּלאָם־אַרבעטן, וועלכע בעניע און כמעלקאָ האָבן געשריבן. ביידע כעווירע האָבן מיט אַזויפיל ליבשאַפט באַשריבן זייער היים, אַז דער פּראָפעסאָר ריטע מיכײַ־לאָוונע האָט באַשטימט, אַז ווען זי וועט אוועק אָף פּענסיע, וועט זי זיך באַזעצן אין לאַדיזשין. זי וויל דערלעבן זען מיט אירע אייגענע אויגן אין לאַדיזשין אַן עלעקטרישע סטאַנציע, וואָס וועט אויסגעבויט ווערן לויטן פּראָיעקט פון אירע צוויי סטודענטן. זי אַליין האָט זיי ליב באַקומען פאַר זייער ליבע צו דער היים.

עס קאָן זײַן, אַז די פיש אין טײַך בוג האָבן זיך דערשראָקן, ווען מע האָט פאַרלייגט דעם פונדאַמענט פון לאַדיזשינער געס. נאָר אַלע מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען צו דער סימכע אָפן ברעג פונעם בוג, האָבן זיך געפרייט. דער פּראָפעסאָר ריטע מיכײַלאָוונע, וועלכע האָט ליב באַקומען אירע צוויי סטודענטן בעניען און כמעלקאָן נאָך דעמלט, ווען זי האָט אַרײַנגע־קוקט אין זייערע דיפּלאָמען האָט געוווּסט, אַז זייער טרוים וועט פאַרווירקלעכט ווערן. און איצט שטייט זי דאָ אַ שווײַגנדיקע און הערט זייער קאָמאַנדע: „אַהער, אַהער שיט די שטיי־נער!“.

לעבן איר, ריטע מיכײַלאָוונען, שטייען די טאַטעס און די מאַמעס פון אירע סטודענטן. ווער ווייסט, עס קאָן זײַן, אַז די שטיינער, מיט וועלכע זייערע קינדער פאַרצאַמען איצט דעם טײַך, זײַנען ניט שווערער, ווי טראָגן אָף זיך דעם כויוו פון דערציִען אַזעלכע קינדער.

— זאָג מיר נאָר, דאָווידקאָ, — האָט לעוווקאָ אַ פרעג געטאָן, — וואָס באַטײַט בא אײַך, ייִדן, דאָס וואָרט „נאַכעס“?

— דאָס וואָרט „נאַכעס“? — האָט יענער אויס־געווישט פון די אויגן אַ טרער. — ווי זאָל איך דיר, לעוווקאָ, געבן צו פאַרשטיין? ווען מע נעמט צונויף אַלע פריידן פון דער גאַנצער וועלט, וואָלטן זיי איצט אויסגעזען אָרעמער קעגן דער פרייד, וואָס מיר מיט דיר האָבן איצט. אָט דאָס רופט זיך אָן „נאַכעס“.

לעוווקאָ האָט זיך געווענדעט צו ריטע מיכײַ־לאָוונען:

— אָט, איר זעט, ליבע ריטע מיכײַלאָוונע, אָט דאָ באַם ברעג, ווו אונדזערע קינדער פאַר־לייגן דעם פונדאַמענט פון דער געס, זײַנען אין אַ קליין שיפעלע געזעסן צוויי פרײַנט, בעניעס טאַטע און לעוווקאָס טאַטע. אין איינער אַ פינצ־טערער נאַכט איז בא זיי געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן אויסבויען אַן עלעקטראָסטאַנציע...

מײַן שאָכנס מאַטאָנע

אַ סאַך מאַטאָנעס קלײַבן זיך אָן בא אַ מענטשן פאַרן לעבן — מאַטאָנעס צו יאָמטויִ־וויִם, צו געבורטסטעג און אַנדערע פײַערלעכע פאַלן.

אַ היפּשע צאָל מאַטאָנעס האָבן זיך אָנגע־קלײַבן אויך בא מיר — באַגריסונגען, אַדרעסן אין פײַנע פּאַפּקעס, ווערטפולע כפייצים, קלײַ־ניקײַטן, וואָס זײַנען טײַער ווי אַ דערמאָנונג.

איז אָט, ווען מע מאַכט אין שטוב אין אַן ערעוו־יאָמטעוו אַ גענעראַלע אופראַמעכץ, נעמט מען אַרויס פון די שופלאָדן, שאַפעס אָט די אַלע אָנדענק־מאַטאָנעס, מע ווישט אָפּ פון זיי דעם שטויב, און — האַלעמײַ זאָל איך לייקע־נען — אַמאָל ווישט מען אָפּ אויך אַ טרער... מיט זיי איז דאָך פאַרבונדן אַ גאַנץ לעבן — פון דער יוגנט אָן, מיט אַלע פריידן און ליידן...

און ווען מע ראַמט אויף, באַהאַלט מען ווידער די מאַטאַנעס אין די שופלאַדן און שאַפעס, און מער זעט מען זיי ניט ביז א צווייטער ענלעכער געלעגנהייט.

דערפאַר אָבער איז צווישן אַלע מײַנע מאַטאַנעס פאַראַן איינע גאָר א באַזונדערע, וואָס טיילט זיך צווישן זיי אויס, א מאַטאַנע, וואָס עס איז אומעגלעך זי צו באַהאַלטן, און זי פרייט ניט נאָר מײַן בליק, נאָר אויך די בליקן פון אַלעמען, ווער עס גייט דורך פאַרבײַ מײַן הויז... אַנדערע מאַטאַנעס ווערן מיט דער צײַט אײַנגעשרומפּן, צעקאַרבעט, זיי ווערן אָן דעם אויסזען, און די, פאַרקערט — זי וואַקסט, ווערט מיט יעדן טאָג שענער, גרעסער, קורץ גערעדט, — ס'איז א ווײַנשלבוים!

דעמלט איז געווען אָנהייב פרילינג. אַלץ האָט געאָטעמט מיט יוירונג, מיט פרייד. א וואַרעם רעגנדל האָט באַפרישט די יונגע קנאָספּן אַף די ביימער. ס'איז גראָד געווען מײַן געבורטסטאָג, און מע האָט מיך אָפּגעלאָזט פון דער אַרבעט מיט א פּאָר שאָ פריִער.

צוגעקומען צו מײַן שטוב, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט א פאַרוווּנדערטער. אַקוראַט בא מײַן פענצטער האָט געפלאַטערט אינעם לײַכטן ווינטל א פריש אײַנגעפלאַנצט יונג ביימל...

„וואָס זאָל עס באַטײַטן? — האָב איך געטראַכט. — אינדערפרי, ווען איך בין געגאַנגען צו דער אַרבעט, איז אַף דעם אָרט געוואַקסן גראָז, ניט מער...“

איך האָב נאָך ניט באַוויזן גוט א קלער צו טאָן, ווי איך האָב דערזען לעבן זיך מײַן שאָכן גאַווריִלאַ פיליפּאָוויטש אודאַטשין.

— רווים מאָיִסייעוויטש, — האָט ער מיר אַרופגעלייגט א האַנט אַפן אַקסל, — נעם צו פון מיר אָט די מאַטאַנע, זאָל זי דאָ שטענדיק בליִען, ווי אַן אָנדענק פון אונדזער פרײַנטשאַפט.

איך האָב טייקעף אַרויסגעטראָגן א טישל מיט בענקלעך, און אונדזערע גלעזלעך האָבן פריילעך א קלונג געטאָן באַם יונגן ווײַנשלבוים.

מיר זײַנען נאָכדעם א ביסל געזעסן, דערמאָנט זיך פאַרשיידנס און אויך וועגן אונדזער באַקאַנטשאַפט מיט יאָרן צוריק.

גאַווריִלאַ פיליפּאָוויטש האָט געאַרבעט אַף א גרויסן זאַוואָד אַלס א מעטאַל־שלײַפער און א מײַסטער פון פּינקטלעכער מעכאַניק. איך האָב געאַרבעט אַף א צווייטן זאַוואָד אַלס שטאַמפּירער. איינמאָל האָט געטראָפן, אַז אומגעריכט האָט די מאַטריצע פון מײַן שטאַמפּ זיך צעבראָכן. אונדזער מײַסטער איז פּונקט געווען קראַנק, האָט דער שעף פון צעך מיך געשיקט מיט א צעטעלע צום שעף פון צעך אַפן זאַוואָד, ווו אודאַטשין האָט געאַרבעט, מיט א ביטע, מע זאָל פאַרריכטן דעם שטאַמפּ. ווען איך בין געקומען אַהין, האָט דער אומבײַט שוין געהאַלטן באַם פאַרענדיקן די אַרבעט.

— מע וועט דאַרפן צוּוואַרטן ביז מאָרגן, — האָט מיר געזאָגט דער שעף פון צעך. — איך האָב ניט קיין רעכט פאַרלענגערן אודאַטשינען זײַן אַרבעטסטאָג.

— דערלויבט, וועל איך זיך אַליין צונויפרעדן מיט אײַער שלײַפער, — האָב איך געבעטן, און ער האָט עס מיר דערלויבט.

ווען איך בין אַרײַן אין צעך, איז גאַווריִלאַ פיליפּאָוויטש געשטאַנען לעבן זײַן שלײַף־מאַשין מיט דער פלייצע צו מיר און געאַרבעט. איך בין צו אים צוגעגאַנגען.

— גאַווריִלאַ פיליפּאָוויטש?..

— יאָ, — האָט ער מיט כידעש מיך אָנגעקוקט.

— מיך האָט צו אײַך געשיקט אײַער שעף פון צעך.

— צו מיר?

— יאָ. צוליב זייער א דרינגענדיקן איניען.

איך האָב אים באַוויזן די מאַטריצע און דערציילט, אין וואָס עס גייט.

— ס'איז סאַך כידעש, — האָב איך צוגעגעבן, — מיר ברענען מיטן פּלאַן.

— איר זײַט דער מײַסטער פון צעך? — האָט אודאַטשין געפרעגט.

— ניין, איך אַרבעט אַליין אַפן פּרעס.

— איר אַרבעט אַפן פּרעס? — און ער האָט מיר דאָ גלײַך אַפן אָרט געמאַכט א שטיקל עקזאַמען.

— ווי זעט אויס דער פּאַונסאָן?

— פון וואָס פאַר א שטאָל איז די מאַטריצע?

— וויפל אומדרייען מאַכט דער מאָטאָר אין א סעקונדע?

אַף אַלע פראַגן האָב איך געענטפערט און האָב געזען, אַז דער שלײַף־מײַסטער איז צופרידן.

— ווי רופט מען דיך? — האָט ער געפרעגט.

— רווים מאָיִסייעוויטש.

דערהערט מײַן נאָמען, האָט גאַווריִלאַ פיליפּאָוויטש זיך קענטיק דערפרייט.

— אויב אַזוי, — האָט ער געזאָגט, — רווים מאָיִסייעוויטש, וועסטו מיר אויך אַרויסהעלפן!

— מיט וואָס איר דאַרפט נאָר! — האָב איך מיט גרייטקייט אויסגערופן.

— עך, בראַטאַק, — האָט געזאָגט אודאַטשין, — מיר זײַנען דאָך פון איין „פּאַראַדע“ — מעטאַליסטן, דאַרף מען איינער דעם צווייטן אַרויסהעלפן!

— נו יאָ, — האָב איך צוגעשטימט. — מײַן זאַוואָד וועט אײַך אין גאָרניט אָפּזאָגן.

— וואַרט, ברודערקע! — האָט מיך איבערגעשלאָגן גאַווריִלאַ פיליפּאָוויטש. — איך דאַרף גאָרניט פון דײַן זאַוואָד. דאָ האַנדלט זיך גאָר וועגן עפּעס אַנדערש...

— וועגן וואָס זשע?

— איך וועל דיר דײַן מאַטריצע אויסשלײַפן ווי א שפּיגל. — ער האָט דאָ טאַקע פון מײַנע הענט אַרויסגעכאַפּט די מאַטריצע און צוגע־געבן: — נאָר דו דערפאַר באַקען מיך מיט דײַן פרוי...

— מיט מײַן פרוי? — האָב איך זיך פאַרכי־דעשט. — וואָס פאַר א שײַכעס האָט עס צו מײַן פרוי?

— אָ, — האָט א מאַך געטאָן אודאַטשין, — א גרויסע שײַכעס!

זעענדיק, אַז איך פאַרשטיי ניט, וואָס ער וויל, האָט ער געזאָגט:

— קום, וועלן מיר מאַכן מיט דיר א קליינעם פּערעקור.

מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען און האָבן זיך צו־געזעצט אַף א באַנק אין דרויסן.

— איז אָט, פאַראַן בײַ מיר א זון סלאַוויק, ער לערנט זיך שוין אַפן פערטן קורס אין אינ־סטיטוט... האָט ער זיך אײַנגעליבט אין א סטו־דענטקע, פּירע רופט מען זי. שוין צוויי יאָר, ווי זיי באַגעגענען זיך, צײַט צו מאַכן א טאָלק, פּראַווען א כאַסענע. האָבן מיר אָנגעשריבן א בריוו צו אירע עלטערן, זיי זאָלן קומען, און דערהאַלטן א טעלעגראַם, אַז דעם זונטיק וועלן זיי זײַן. מײַן פּאַשע איז שיר ניט קראַנק גע־וואָרן — ווי נעמט מען אוף פּירעס עלטערן? וואָס פאַרא מײַכאָלים זאָל זי צוגרייטן? איך האָב שוין אַפילע צונויפגעשטעלט א גאַנץ צעטל פון ייִדישע מײַכאָלים, אָט זעעסט: קניידלעך, גע־פילטע פיש, עסיק־פלייש, צימעס, פּעטשאַ. דאָס אַלץ, בראַטאַק, איז דערווײַל אָבער אַף פּאַפּיר, און אַף מײַן שלײַף־מאַשין וועסטו אָט די מײַ־כאָלים ניט אָפּקאָכן. הײַנט פאַרשטייסטו שוין, צוליב וואָס איך דאַרף האָבן דײַן פרוי?..

— דאָס איז גאָר? — האָב איך זיך צעלאַכט. — וואָס זשע האָסטו מיר גלײַך ניט געזאָגט: מײַן סאָניע איז איין בעריע אַף אַזעלכע זאַכן!

גאַווריִלאַ פיליפּאָוויטש איז געוואָרן גליקלעך.

— פּאָר, ברודערקע, גלײַך אַהיים, — האָט ער געזאָגט. — נאַ דיר מײַן אַדרעס, און ברענג דײַן סאָניען צו מיר. און וואָס שײַעך דײַן מאַטריצע, וועט זי אַף דיר שוין וואַרטן. אָפּגע־רעדט, האַ? הײַנט איז דאָנערשטיק, און זונטיק קומען זיי שוין...

פאָרנדיק צוריק אַהיים, האָב איך א קלער געטאָן: אַזוי, רוּוון, האָסטו, דאַכט זיך, פאַר־קאָכט א קאַשע! מײַן סאָניע פירט שוין מיט מיר דרײַ יאָר א קאַמף, איך זאָל בײַטן מײַן אַרבעט און זיך צעשיידן מיט מײַן „גראַגער", — אַזוי רופט זי דעם פּרעס, אַף וועלכן איך אַר־בעט. זי האָט נאָך אַלץ טײַנעס, האַלעמײַ האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פון מײַן פריִערדיקער אַר־בעט אין „אַטעקאַ", ווו איך האָב קאָנטראָלירט די קוואַליטעט. זי וויל ניט נעמען אין אַכט, סאָניע, אַז איך בין א מיטגליד פון דער בריִ־גאַדע פון קאָמוניסטישער מי, און יעדערער פון אונדז דאַרף אַרבעטן דאָרט, ווו ער איז מער נייטיק. איז ווי וועל איך איר איצט געבן צו פאַרשטיין, אַז דער גורל פון מײַן פּרעס ליגט אין אירע הענט? כ'האָב זיך אָבער דערמאָנט, ווי מײַן טאַטע פלעגט זאָגן: „צוליב א מיצווע מעג מען אַמאָל טאָן אַן אווירע אויך"... איך וועל שוין מוזן פאַר מײַן סאָניען עפּעס צו־טראַכטן...

אַהיים געקומען בין איך שפּעטלעך. סאָניע איז געשטאַנען באַם שפּיגל. מיך האָט זי גאָר ניט באַמערקט. דאָס איז געווען א שלעכטער סימן. ס'האָט געשמעקט מיט א שטיקל קריג, נאָר דאָס מאָל האָב איך עס ניט געטאָרט דער־לאָזן. פון סאָניעס שטימונג איז אָפּהענגיק זייער א סך. האָב איך זייער ווייך א זאָג געטאָן:

— מיט דעם, וואָס איך האָב זיך הײַנט פאַרהאַלטן, ביסטו, סאָניע, שולדיק...

— מיט וואָס, אַשטייגער? — האָט זי גאַנץ בייז א פרעג געטאָן.

— דערמיט, וואָס די מײַכאָלים, וועלכע דו קאָכסט, האָבן א שעם אַף דער וועלט!

— אַזוי גאָר? — האָט סאָניע א מאַך געטאָן שוין מיט א מער ווייכן טאָן, — נו־נו?

— נו, איז אָט, מײַנער א גוטער־פרײַנט האָט מיך ספּעציעל פאַררופן צו זיך און געבעטן דיר איבערגעבן, דו זאָלסט זיך מאַטריען זײַן קומען און אויסלערנען זײַן פרוי קאָכן געפילטע פיש. דערפאַר, זאָגט ער, וועלן מיר זײַן די שענסטע מעכוטאָנים אַף זײַן זונס כאַסענע.

באַ סאָניען איז אינגאַנצן אָפּגעגאַן דער קאַס.

— איז וואָס האָסטו געענטפערט? — האָט זי געפרעגט מיט א שמייכל.

— איך האָב געענטפערט, אַז איך ווייס אָפּ־ריִער, אַז מײַן פרוי וועט ניט אָפּזאָגן. האָבן זיי געבעטן אונדז ביידע, אַז טאַקע הײַנט צען אַזייגער אין אָוונט זאָלן מיר באַ זיי זײַן. סאָניע האָט אופגעשלאָסן די שאַפע און גע־נומען זיך איבערטאָן.

ווען מיר זײַנען אַרײַנגעקומען צו גאַווריִלאַ פיליפּאָוויטשן אין שטוב, האָט מען מיט אונדז זיך אַזוי דערפרייט, פּונקט ווי מיר טאַקע זאָלן עס זײַן די מעכוטאָנים. סאָניע האָט גלײַך אָנגעטאָן דעם פאַרטעך און איז מיט פּאַשען אַוועק אין קיך.

— וואָס זאָל איך אײַך דערציילן ווײַטער? עס זײַנען געקומען פּירעס עלטערן, און מע האָט מיט מאַזל געפּראַוועט א כאַסענע. דער טיש איז געווען פול מיט די שענסטע מײַכאָלים,

און צווישן זיי פּעטשאַ, און געפילטע פיש, און
א מערן־צימעס, וואָס מײַן סאָניע האָט געמאכט
אזוי, אז מע האָט געלעקט די פינגער.
נו, און דערנאָך, פרעגט איר? דערנאָך האָבן
מיר מיט די אודאטשינס זיך אזוי באַפרײַנדעט,
אז איך בין אריבער צו זיי אפן זאוואָד. איצט
ארבעט איך מיט גאוורילא פיליפּאָוויטשן אין
איין צעך. און מיר ווינען אפילע אין איין
הויז, ווו מע האָט אונדז ביידן געגעבן נײַע
דירעס. מיר זײַנען גוטע פרײַנט און גוטע
שכיינים, פראוון צוזאמען סימכעס, און איך
דארף אײַך זאָגן, אז פּאשע מאכט איצט גע־
פילטע פיש ניט ערגער פון מײַן סאָניען...
נו, און אָט דער ווײַנשלבוים, ווי איר זעט,
איז א מאַטאָנע פון גאוורילא פיליפּאָוויטשן צו
מײַן געבורטסטאָג. די שענסטע פון אלע מאַ־
טאָנעס, וועלכע איך האָב ווען־ניט־איז באקו־
מען. איר זעט, ווי דער בוים ציט זיך, קיין
אײַנהאָרע, אין דער הייך. ער וואקסט און
וואקסט, ווי אונדזער פרײַנטשאפט.

בראָניק

באגעגענישן אין רעדאקציע

די רעדאקציע פון „סאָוועטיש
היימלאנד” האָט באזוכט דער
הויפּט־ראָוו פון ענגלאנד דר׳
עמאנועל יאקובאָוויטש. אינעם
מיינונגס־אויסטויש, וועלכן ס׳האָט
מיט אים געהאט דער הויפּט־רע־
דאקטאָר פון „סאָוועטיש היימ־
לאנד” ארן ווערגעליס, איז אונ־
טערגעשטראָכן געוואָרן די צײַט־
מעסיקײַט צו ליקווידירן די אט־
מאָספער פון קאלטן קריג, וועלכע
האָט זיך אזוי פארצויגן אין דער
ייִדישער סוויווע פון כוץ לעאָרעץ.
די פארשיידנערליי אנטיסאָוועטי־
שע אקציעס, וואָס עס פירן דורך,
מערסטנטייל, די ציִעניסטישע
פּראָפּאגאנדיסטן, זײַנען געווענדט
קעגן די סאָוועטישע ייִדן און דיי־
נען אלס דעזאָריִענטיר־מיטל אין
דער ייִדישער עפנטלעכקײַט פון
די מײַרעוו־לענדער. א. ווערגעליס
האָט אינפאָרמירט דעם גאַסט וועגן
א ברייטן קרײַז פראגן בעשײַכעס
דעם לעבן פון די ייִדן אין סאָ־
וועטנפארבאנד און דער אנטוויק־
לונג פון דער סאָוועטישער ייִדי־
שער קולטור און ליטעראטור.
הארָאוו דר׳ עמאנועל יאקובאָ־
וויטש האָט ארויסגעזאָגט א ריי
געדאנקען, וועלכע האָבן געטראָגן
א קאָנסטרוקטיוון כאראקטער. דער
באזוך אין מאָסקווע, לענינגראד
און קיִעוו האָט געמאכט אף אים
אן אומפארגעסלעכן אײַנדרוק.
אינעם שמועס האָבן אָנטיילגע־
נומען דער דירעקטאָר־אויספילער
בא דער לאָנדאָנער קעהילע מוישע
דעוויס, דער קאָרעספּאָנדענט פו־
נעם צענטראלן פּרעסע־צענטער
אין לאָנדאָן אוּיליאם וואָלף, דער
פּאָרזיצער פון דער מאָסקווער
קעהילע מוישע טאנדעטניק, דער
שטעלפארטרעטער פונעם פארוואל־
טער פון צווישנפעלקערלעכן אָפּ־
טייל פון דעם ראט פאר רעלי־
גיִעזע אָנגעלעגנהײַטן באם מיי־
ניסטאָרן־ראט פון פססר לעאָניד
וויקטאָראָוויטש שטשערבאקאָוו,
דער מיטגליד פון דער רעדקאָלע־
גיע פון „סאָוועטיש היימלאנד”
כאַיםביידער.

* * *

לעצטנס האָבן די רעדאקציע פון
„סאָוועטיש היימלאנד” באזוכט א
ריי אויסלענדישע זשורנאליסטן
און קולטור־טוער, צווישן זיי דער
אמעריקאנער פּובליציסט אלבערט
אקסעלבאנק און איינער פון די
אקטיווע טוער פון דער פרײַנ־
טשאפט־באוועגונג ענגלאנד—פססר
מארטין לאָורענס. די געסט האָבן
זיך באקענט מיט דער ייִדישער
קולטור־טעטיקײַט אין סאָוועטנ־
פארבאנד.

■ ■ ■

טאַמאַר גאָזשאַנסקע
(יִסראַעל)

סאָקאָנע פֿון פֿאַשיזם אין יִסראָעל: די אולטראַ-רעכטע שטרעמונגען אין דער מדינה

3. די פֿראַגן פֿונעם יִסראַעל-אַראַבישן קאָנפֿליקט

א. די באַציִונג צום אַראַבישן פֿאָלק פֿון פּאַלעסטינע

די ראַסיסטישע קאָנצעפּציע פֿון דער עקסטרעם-רעכטער שיטע אין דער פֿראַגע וועגן דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג פֿון פּאַלעסטינע האָט אַרויסגערופֿן א צעיושעטן שאָוויניזם, וואָס גרענעצט מיט א רוף צו גענאָציד.

דר. איסראַעל זאַנגוויל, א געוועזענער לע-רער פֿון טאַלמוד און ראַבאָנישער ליטעראַטור אין קעמברידזשער אוניווערסיטעט, האָט אין מײַ 1917 געשריבן אין אַן אַרטיקל אַזעלכע שווידערלעכע ווערטער:

„עס איז ניטאָ קיין פּאַלעסטינע מיט אַן אַראַבישער באַפֿעלקערונג, עס איז פֿאַראַן א פּאַלעסטינע, וואָס איז פֿאַרפּלייצט פֿון אַראַבער. די אַראַבער זײַנען וואַנדער-שוואָטים, זיי האָבן אין פּאַלעסטינע ניט געשאַפֿן קיין מאַטעריעלע און גײַסטיקע ווערטן... זיי דאַרפֿן פֿאַרפּאַקן זייערע געצעלטן און אָפּטראָגן זיך. אַזוי פֿירן זיי זיך פֿון די אַלטע צײַטן אָן, זאָלן זיי טאָן דאָס זעלבע אויך איצט. די ייִדן וועלן זיי באַצאָלן די וועג-הויצאָעס, אַפֿילע אָפּקויפֿן דאָס פֿאַרמעגן און די ביניאָנים, וועלכע וועלן האָבן א ווערט".

אָט דער ראַסיסטישער צוגאַנג, וואָס איז פֿאָרגעלייגט געוואָרן אַלס לייזונג פֿונעם נאַציִאָנאַלן קאָנפֿליקט אין לאַנד, — אַרויסטרײַבן אַלע אַראַבישע אײַנוווינער, — האָט דאַן געפֿונען בלויז געציילטע אָנהענגער אינעם ציִעניסטישן לאַגער, ער איז ניט פֿאָרמולירט געוואָרן אָפֿיציִעל אַפֿילע דורך זשאַבאָטינסקין און זײַן פּאַרטיי. א סך יאָרן האָט די דאָזיקע טעאָריע ניט געפֿונען קיין אָפֿענע פּריידיקער. זי האָט זיך אָבער ווידער באַוויזן אַף גאָטס וועלט נאָך דער יון-מילכאָמע פֿון 1967, ווען אויפֿן טאָג-סיידער איז געשטעלט געוואָרן די פֿראַגע וועגן דעם גויִרל פֿון די אָנדערהאַלבן מיליאָן פּאַלעסטינער אַראַבער, וועלכע זײַנען אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער אָקופּאַציע פֿון יִסראָעל.

דער גענעראַל אַרן דאַווידי (הײַנט אונטערריכט ער אין טעל-אוויווער אוניווערסיטעט) האָט אַרויסגעשלעפּט פֿונעם כוישעך פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט זאַנגווילס ווערטער וועגן די אַראַבער. אין איינעם אַן אינטערוויו האָט דאַווידי אַזוי געזאָגט וועגן די אַראַבער: „זיי ווילן ווערן רײַך. בלויז ווערן רײַך. אַזוי רײַך, אַז אין זייערע הענט זאָל זיך געפֿינען די הערשאַפֿט איבער דער וועלט. זיי, די אַראַבער, גיבן גאָרנישט ניט דער וועלט. זיי פּראָדוצירן קיין שום זאַך ניט. די אַראַבער, אַלס אַזעלכע, זײַנען די אַמווייניקסטן פּראָדוקטיווע מענטשן אין דער וועלט. זיי פֿאַרקויפֿן נאַפֿט, וואָס קאָסט זיי קיין גראָשן ניט. זיי וואַרגן די וועלט. פֿריִער פֿלעגן זיי פֿאַרקויפֿן נאַפֿט פֿאַר איין פֿונט, איצט — פֿאַר צען, מאָרגן וועלן זיי פֿאַרקויפֿן פֿאַר פֿופֿציק, איבערמאָרגן — פֿאַר הונדערט, ניט אַרײַנלייגנדיק אין דער זאַך ניט קיין קענטעניש, ניט קיין אָנשטרענגונג, ניט קיין מי. זיי גאַנווענען אַלץ מער געלט בא דער וועלט-ווירטשאַפֿט".

זאַנגווילס טעאָריע וועגן פֿאַרטרײַבן די אַראַבער פֿון פּאַלעסטינע האָט שוין געפֿונען טרײַע אָנהענגער. א. דאַווידי האָט פֿאָרגעלייגט אין זײַן אינטערוויו, מע זאָל „אַלע פּאַלעסטינער פֿאַריאָגן פֿון זייערע איצטיקע וווין-ערטער און אַריבערפֿירן זיי אין די אַראַבישע לענדער". און דאַווידי האָט זײַנע נאָכפֿאָלגער. גלײַך נאָך דער יון-מילכאָמע האָט זיך באַוויזן מ. דאָטאַנס אַרטיקל, ווו עס ווערט באַהאַנדלט די פֿראַגע, וויאַזוי דערפֿירן דערצו, אַז די אַראַבישע מינדערהײַט אין „גרויס-יִסראָעל" (אײַנגעשלאָסן די אָקופּירטע טעריטאָריעס) זאָל ווערן ביז דער לעצטער מאַדרייגע קליין. מ. דאָטאַן האַלט, אַז אין די איצטיקע באַדינגונגען קאָן מען ניט פּאָשעט אַזוי פֿאַרטרײַבן די פּאַלעסטינער אַראַבער פֿון די ערטער, ווו זיי וווינען, דעריבער לייגט ער פֿאָר „מע זאָל זיי אײַנ-

פֿאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 1, 1976.

שמועסן אוועקצוגיין און זיכערן זייער אוועק־גאַנג״.

וויַיטער זאָגט מ. דאַטאַן: „איך גלייב, אַז אין מעשעך פון עטלעכע יאָר וועט מען קאָנען מער פון אַ מיליאָן אַראַבער דערפירן דערצו, אַז זיי זאָלן עמיגרירן אין די לענדער, ווו זיי וועלן זיך אַבסאָרבירן״.

אַ צווייטע ספּער, ווו די עקסטרעם־רעכטע שיטע אַנטפּלעקט איר שאָוויניסטישן מעהוס, איז די פראַגע וועגן דער עקזיסטענץ פון אַן אַראַבישער פּאַלעסטינער נאַציע. די עקסטרעם־רעכטע שיטע לייקנט עס קאַטעגאָריש אָפּ. שמועל קאַץ, איינער פון די לידערס פון דער „באַוועגונג פאַר אַ גרויס־יִשׂראָעל״, שריַיבט אין זײַן בוך, וואָס איז פול מיט פאַלסיפיצירונ־גען פון דער געשיכטע, אַז עס איז קיינמאָל אָף דער וועלט ניט געווען קיין פּאַלעסטינער אַראַבישע נאַציע, די פּראָבלעם וועגן די אַראַ־בישע פּליטים איז אַ „ווילדע פיקציע״: „די אַראַבער פון פּאַלעסטינע זײַנען ניט קיין נאַ־ציע. עס איז ניטאָ קיין „פּאַלעסטינער אַראַבי־שע נאַציע״, זיי זײַנען געווען און פאַרבליבן אַ שפּליטער פונעם גרויסן אַראַבישן פאָלק. זיי פאַרמאָגן ניט קיין אײנערלעכן דראַנג, קיין גײַסטיקן צעמענט, קיין שעפעריש קאָנצענ־טרירטן ברען פון אַ נאַציע... זיי האָבן ניט אַנט־פּלעקט (ניט דערצויגן אין זיך) קיין שום ספּעציפישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער... זייער פּערזענלעכע צוגעבונדנקײַט האָט ביז איצט אַ שײַכעס ניט צום לאַנד, נאָר צום געזינד, צום פּאַטערס הויז, צום דאָרף אָדער צו דער שטאָט״.

אויב מע זאָל בעעמעס אָנעמען די סוביעק־טיוויסטישע און ניט־וויסנשאַפטלעכע סימאָנים פון אַ נאַציע, וועלכע ש. קאַץ לייגט פאָר,— „אײנערלעכן דראַנג״, „גײַסטיקן צעמענט״, „שעפּ־פערישן קאָנצענטרירטן ברען״ (וואָס איז דאָס אָזוינס?), איז אַ גרויסער סאָפעק, צי ש. קאַץ וועט קאָנען דערווײַזן, אַז די ייִדן, וואָס וווינען הײַנט אין ייִשׂראָעל, זײַנען אַ נאַציע. אַנדערש גערעדט: מע קאָן נאָכאַמאָל איבערצײַגן זיך, אַז דער, וואָס מיט דער הילף פון אַ שאָוויניסטישן, מיסטישן און אַנטיהיסטאָרישן צוגאַנג לייקנט אָפּ די רעכט פון אַ צווייט פאָלק, פאַלט אַרײַן אין אַזאַ לאַגע, אַז ער לייקנט אָפּ די רעכט פון זײַן אייגענעם פאָלק.

אויב ריידן וועגן דעם טאָך פון דער פראַגע, בײַטיקט זיך ניט דאָס פּאַלעסטינער אַראַבישע פאָלק אין ש. קאַצס באַשטעטיקונג פון זײַן עקזיסטענץ און פון זײַנע רעכט. די מערהײַט נאַציעס פון דער וועלט האָבן אָנערקענט די געזעצלעכע רעכט פונעם פּאַלעסטינער אַראַ־בישן פאָלק און זיי האַלטן, אַז פאַרווירקלעכן די דאָזיקע רעכט — צוזאַמען מיטן פאַרווירק־לעכן די רעכט פון ייִשׂראָעל אָף קיום און זיכערהײַט — איז די באַזע צום אײַנשטעלן אַ יושערדיקן שאָלעם אָפן נאָענטן מיזרעך.

ב. דער ציל: „גרויס־ייִשׂראָעל״

דער לאָזונג „שתי גדות לירדן, זו שלנו, זו גם כן״ („צוויי ברעגן האָט דער טײַך יאַרדן, איינער איז אונדזערער, דער צווייטער אויך אונדזערער״) איז געווען אַמאָל אַ טייל פונעם „בייטאַר״־הימן, און דער סימבאָל פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז געווען — אַ ביקס אָפן פאָן פון ביידע ברעגן פונעם טײַך יאַרדן. ווען זשאַבאָטינסקי איז אַרויסגעטראָטן אָף דער זיצונג פון דער ענגלישער קיניגלעכער קאָמי־סיע (אין 1937), האָט ער ווידער גערעדט וועגן „פּאַלעסטינע, וואָס ליגט אָף ביידע ברעגן פו־נעם טײַך יאַרדן״.

האַלטנדיק זיך באַ אָט דעם קאָלאָניאַליסטישן צוגאַנג, פלעגן די לידערס פון דער אולטראַ־רעכטער שיטע קאָנסעקווענט אַרויסטרעטן קעגן יעטווידע פּלענער פון צעטיילן פּאַלעסטינע, וועלכע זײַנען פאָרגעלייגט געוואָרן אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס מיטן ציל צו לייזן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, סײַ פון די ייִדן, סײַ פון די אַראַבער, וואָס האָבן געוווינט אין פּאַלעסטינע. די דאָזיקע פּאָזיציע איז געבליבן גילטיק הארט ביזן פּראָקלאַמירן די מעלוכע ייִשׂראָעל. נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון מעדינאַס ייִשׂראָעל האָבן די עקסטרעם־רעכטע זיך אײַנגעשלאָסן אין דער פּאָליטישער סיסטעם, זיי האָבן זיך אָבער ניט אָפּגעזאָגט פונעם טרוים וועגן „באַפרײַען״ גאַנץ פּאַ־לעסטינע — דאָס הייסט ביידע ברעגן פונעם טײַך יאַרדן.

ווען די ייִשׂראָעל־אַרמיי האָט בייס דער יון־מילכאָמע פון 1967 פאַרכאַפּט אַראַבישע טערי־טאָריעס, האָבן די אולטראַ־רעכטע עקסטרע־מיסטן אויפגענומען די געשעעניש מיט באַגײַ־סטערונג. זיי האָבן אין די דאָזיקע אַנעקסיעס געזען אַן עטאַפּ פון פאַרווירקלעכן זייערע פּלענער וועגן טעריטאָריעלער עקספּאַנסיע. רוּוון קאָלנישער האָט אין זײַן אַרטיקל, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָך דער מילכאָמע, אָפּגעמערקט, אַז די גרענעצן, וועלכע האָבן זיך געשאַפן נאָך יון 1967, „האגאם זיי זײַנען ניט קיין היסטאָרישע גרענעצן, שליסן זיי אָבער אײַן טעריטאָריעס, וועלכע האָבן אַ וויכטיקע באַדײַטונג״.

ג. פאַר אַ פּרעווענטיווער מילכאָמע, פאַר טעראָר בענוגע די אַראַבער

דער אויסגעשפּראָכן שאָוויניסטישער צוגאַנג צו די אַראַבער, דאָס אָפּלייקענען זייערע רעכט, דער דראַנג צו טעריטאָריעלער עקספּאַנסיע און דער קולט פון קויעך — דאָס אַלץ האָט דערפירט די עקסטרעם־רעכטע קרײַזן דערצו, אַז זיי פאַרניידיקן אַ פּרעווענטיווע מילכאָמע לע־שעם דער געגאַרטער ענדערונג פון דער גרע־נעץ־ליניע, זיי רופן צו פּערמאַנענטע קריגס־

אקציעס, דערונטער צו טעראָר־אַקציעס קעגן די אַראַבער.

דערמוטיקט דורך דעם אַגרעסיוון און עקספּאַנסיאָניסטישן קורס פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, דערוועגן זיך די פאָרשטייער פון די אולטראַ־רעכטע ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל צו פאָרלייגן אַ פּרעווענטיווע מילכאָמע, אפילע דעמלט, ווען אַף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע האָבן זיך געשאַפן באַדינגונגען אײַנצושטעלן אַ יוישערדיקן און פעסטן שאָלעם. דער פאַשיסט אַ. דאַווידי, וועמען מיר האָבן שוין אויבן ציטירט, האָט אין אַן אינטערוויו פאַר דער צײַטונג „יעדיאָט אַכראָנאָט״ (דעם 6 יוני 1975) געוואָרפן אַזאַ רוף: „מיר טאָרן זיך ניט אָפּזאָגן פון אַ פּרעווענטיווער מילכאָמע. ניט בלויז אַף די געאָגראַפישע פראָנטן, נאָר אויך אומעטום, פון אַלע זײַטן״. וואָס אָנבאַלאַנגט די „צילן פון דער מילכאָמע״, האַלט אַ. דאַווידי: „מיר דאַרפן שטרעבן דערצו, אַז די קינפטיקע מילכאָמע זאָל געפירט ווערן ניט בלויז קעגן די אַראַבישע אַרמייען, איר אויפגאַבע דאַרף זײַן — פאַרניכטן די עקאָנאָמישע, קאָמוניקאַציאָנעלע, סאָציאַלע און אָנפירנדיקע אינפראַסטרוקטור...״ און ווײַטער: „אין דער קינפטיקער מילכאָמע דאַרפן מיר דערלאַנגען אַ קלאַפּ איבער דער אַראַבישער אינטעליגענץ...״

ד. זייער „שאָלעם״

די דעמאַגאָגיע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די עקסטרעם־רעכטע באַוועגונגען, ווערט ברייט אויסגענוצט אויך אין די פראַגן פונעם קאָנפליקט צווישן ייִסראָעל און די אַראַבער. זיי, די ריטערס פון פאַרטרײַבן די אַראַבער, די פריידיקער פון טעראָר, די טרוימער וועגן אַ ייִסראָעל־אימפּעריע אַף ביידע ברעגן פונעם טײַך יאַרדן, — זיי פוצן זיך אין די קאַפּאָטעס פון שאָלעם־אָנהענגער און אפילע פון... קעמפער פאַר אַ ייִדיש־אַראַבישער ברידערשאַפט. לאָמיר אָבער אַ קוק טאָן, וואָס פאַר אַ פּאָנעם עס האָט זייער „שאָלעם״.

אַרויסטרעטנדיק דעם 5 יוני 1975 פאַר די סטודענטן פונעם טעל־אַוויווער אוניווערסיטעט, האָט מענאַכעם בעגין, דער לידער פון „כערוט־באַוועגונג״ און פונעם „ליקוד״, דערציילט די פּראָטים פונעם „שאָלעם־פּלאַן״ פון זײַן פּאַרטיי: „אַן אַנטשיידנדיקער פײַער־אָפּשטעל, אָפּשטעלן די קעגנזײַטיקע בלוט־פאַרגיסונג; דירעקטע אונטערהאַנדלונגען וועגן שאָלעם־אָפּמאַכן, ווײַל שאָלעם־אָפּמאַכן ווערן געשלאָסן נאָכן פאַרענדיקן די מילכאָמעס; די אַראַבישע באַציע אין פּאַלעסטינע וועט באַקומען קולטור־אויטאָנאָמיע; די אַראַבער וועט געגעבן ווערן דאָס רעכט פרײַ אויסקלײַבן פאַר זיך די בירגערשאַפט; רעגולירונג פון דער פּליטים־פּראָבלעם. אין פּאַלעסטינע דאַרף די דאָזיקע פּראָבלעם געלייזט ווערן פּאָזיטיוו — דורך געבן אַרבעט, דירעס אאַז״וו. די פּליטים־פּראָבלעם אין די אַראַבישע לענדער וועלן לייזן די רעגירונגען פון די דאָזיקע לענדער״.

אָט דער „שאָלעם״, וואָס בעגין לייגט פאָר די אַראַבישע פעלקער, איז פאַקטיש ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַן אָפענער אָפּזאָג צו באַפרײַען די אַראַבישע טעריטאָריעס, וועלכע זײַנען אָקופּירט געוואָרן אין 1967, דאָס באַטײַט אָפּן אָפּלייקענען די נאַציאָנאַלע רעכט פונעם פּאַלעסטינער אַראַבישן פּאָלק, דערונטער זײַן רעכט צו שאַפן אַן אומאָפּהענגיקע מעלוכע, אָפּלייקענען די רעכט פון די אַראַבישע פּליטים אַליין צו באַשטימען, צי זיי זאָלן זיך אומקערן אַהיים, צי באַקומען קאָמפּענסאַציע.

בעגינס „שאָלעם־פּלאַן״ איז אַ געפערלעכע פּאַסטקע פאַר ייִסראָעל און פון זײַן פּאָלק. מייער ווילנער, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל, האָט געשריבן וועגן דעם פּלאַן, וואָס בעגין האָט פאָרגעלייגט אָפן לעצטן צוזאַמענפאָר פון „כערוט״: „דער, וואָס זאָגט: אָדער פאַרוואַנדלען דאָס גאַנצע לאַנד אין אַ ייִדישער מעלוכע אָדער ליקווידירן די מעלוכע ייִסראָעל, — יענער איז אַן אַוואַנטוריסט און אַ קאַפּיטוליאַנט, וואָס טרעט אַרויס קעגן ייִסראָעל, מע דאַרף אים פאַרורטיילן אין די אינטערעסן פונעם פּאָלק פון ייִסראָעל, פאַרורטיילן סײַ פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט, סײַ פון אינטערנאַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט״.

4. צו דינסט דעם גרויס־קאַפּיטאַל, קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס

די אולטראַ־רעכטע קרײַזן דינען אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש דער גרויס־בורזשואַזיע פון ייִסראָעל. וועגן דעם רעדט בולעט זייער פריידיקן נאַציאָנאַלע סינע און פאַרכאַפּערישע מילכאָמעס, זייער לויבן אין הימל אַרײַן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, זייער פירן אַן אומדערבאַרעמדיקע מילכאָמע קעגן דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם און קעגן די קאָמוניסטן.

די דאָזיקע קרײַזן באַגרענעצן זיך ניט מיט דעם, וואָס זיי באַמיִען זיך אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקײַט פון די אַרבעטנדיקע פונעם קאַמף פאַר זייערע רעכט און פאַר ראַדיקאַלע סאָציאַלע ענדערונגען. זיי פירן אַ צווייפּנעמדיקע ליניע אין אַלע פראַגן, וועלכע האָבן אַ שײַכעס צום פּראָפאַריינישן קאַמף, צום קאַמף פאַר העכערן דעם אַרבעטסלוין אָפן כעזשבן פון די קאַפּיטאַליסטישע רעוואָכים. מיר האָבן שוין אויבן גערעדט וועגן דער סאָציאַלער דעמאַגאָגיע פון די אולטראַ־רעכטע קרײַזן. ווי זעט פאַקטיש אויס זייער פּאָליטיק אין די סאָציאַלע פראַגן?

אין זייער פּראָפּאַגאַנדע טרעטן זיי אַרויס קעגן דער טעאָריע פון קלאַסנקאַמף, זיי פריידיקן „סאָציאַלן שאָלעם״, זיי טײַנעך, אַז מע

טאָר ניט פירן קיין קלאַסנקאַמף אין אַן „אויסער־
אָרדנטלעכער צײַט". אָפן צוזאַמענפאָר פון
דער „כערוט"־באַוועגונג, וועלכער איז פאָרגע־
קומען אין יאַנואַר 1975 אין כעבראָן, האָט
מענאַכעם בעגין נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט
זשאַבאָטינסקיס טעאָריע וועגן אַן „אויסער־
אָרדנטלעכער צײַט". בעגין האָט געזאָגט:
„אין אָט דער ספּעציפישער, אויסעראָרדנט־
לעכער צײַט מוזן מיר האָבן אַ געזעלשאַפט־
לעכן שאָלעם, ניט קיין מילכאָמע צווישן די
קלאַסן, ניט קיין מילכאָמע צווישן אַמטן. מיר
לייגן פאָר, אַז אַלעווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן
זאָלן זיך צונויפקומען און זאָלן מאַסקים זײַן
אויף אַן אויספּרוּוו־טערמין פון איינעם אָדער
צוויי יאָר. אין משך פון אָט דעם טערמין
אויסמײַדן שטרײַקן און לאָקאַוטן, איבערגעבן
אין אַרביטראַזש אַלע אַרבעטס־קאָנפליקטן, אַלע
פאָדערונגען, וועלכע האָבן אַ שײַכעס צום אַר־
בעטסלוין און צו די סאָציאַלע באַדינגונגען,
און איבערגעבן אין מעלוכיש־יורידישן אַר־
ביטראַזש אַלע קאָנפליקטן אין די צווײַגן,
וועלכע האָבן אַ לעבנסוויכטיקע באַדײַטונג. אין
אָט די צווײַגן וועט דער געריכט שאַפן אַן
אַרביטראַזש־קאָמיסיע, וואָס איר באַשלוס וועט
אָנגענומען ווערן צום אויספילן".

מ. בעגין רופט, אַזוי־אַרום, די אַרבעטנדיקע,
זיי זאָלן „פרײַוויליק" זיך אָפּזאָגן פון באַנוצן
זיך מיט אַזאַ געווער, ווי אַ שטרײַק, און מע
זאָל אײַנפירן אין לאַנד אַ צוואַנג־אַרביטראַזש
אין די פראַגן פון אַרבעטס־קאָנפליקטן. אָבער
קעדיי מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער איז „אָביעק־
טיוו", פאַרבינדט בעגין אויף אַ דעמאַגאָגישן
אופן זײַן פאָדערונג אויסצומײַדן שטרײַקן מיט
דער פאָדערונג אויסצומײַדן לאָקאַוטן.

אין קנעסעט טרעטן אַרויס די פאָרשטייער
פון די אולטראַ־רעכטע פראַקציעס פאַר אײַנ־
פירן אַ געזעצגעבונג, וואָס באַגרענעצט נאָך
מער דעם פראָפאַריינישן קאַמף. די פאָרשטייער
פון „ליקוד" אין קנעסעט טרעטן שאַרף אַרויס
קעגן די אַרבעטנדיקע, וועלכע קעמפן פאַר
זייערע רעכט דורך שטרײַקן, ווי דאָס איז
פאָרגעקומען די לעצטע צײַט בײַס דעם שטרײַק
אין דער אַוויאַ־קאַמפּאַניע „על־על" און אין
דער נאַפטלייטונג אייַלאַט־אַשקעלאָן. די אולט־
ראַ־רעכטע זײַנען ניט בלויז קעגן שטרײַקן,
זיי טוען אַלץ, קעדיי אָראָפּרײַסן די שטרײַקן.

די עקסטרעם־רעכטע אָרגאַניזאַציעס

1. פונעם רעוויזיאָניסטן־ פאַרבאַנד ביז „ליקוד"

דער אופקום פון דער ערשטער עקסטרעם־
רעכטער אָרגאַניזאַציע איז פאַרבונדן מיט דער
טעטיקײַט און איניציאַטיוו פון זעייוו זשאַבאָ־
טינסקי. אָנגעהויבן זײַן פּאָליטישע קאַריערע
אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער באַוועג־
גונג, אַפילע אין איר אָנפירונג, האָט ז. זשאַ־
באָטינסקי אין 1922 גענומען זיך צום שאַפן
אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע.

אין 1924 האָט ז. זשאַבאָטינסקי געגרינדעט
דעם פאַרבאַנד פון ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן —
האַצאַכאַר[1], וואָס האָט ביזן יאָר 1935 געפונען
זיך אין באַשטאַנד פון דער ציוניסטישער
וועלט־אָרגאַניזאַציע. דערנאָך האָט „האַצאַכאַר"
געשאַפן אַ נײַע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע —
„האַצאַך"[2], וואָס האָט באַדאַרפט עקזיסטירן פּאַ־
ראַלעל מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע,
מיט וועלכער עס האָבן אָנגעפירט כאַיִם ווייצ־
מאַן, בען־גוריאָן און אַנד. אָבער אין צען יאָר
אַרום, אין 1945, זײַנען די רעוויזיאָניסטן צוריק
אַרײַן אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַני־
זאַציע, און זיי געפינען זיך אין איר ביז הײַנט.

אויך די מיטגלידערשאַפט אין דער אַלגעמיי־
נער קאָנפעדעראַציע פון די אַרבעטנדיקע פון
פּאַלעסטינע (היסטאַדרוט) איז פאַר די רעוויי־
זיאָניסטן געווען ניט קיין פראַגע פון פּרינציפּ,
נאָר אַ פראַגע פון קאָניונקטור. ביזן 1930 זײַ־
נען זיי געווען אַ טייל פון היסטאַדרוט. אין
דעם זעלבן יאָר זײַנען זיי אַרויס פון איר און
געשאַפן אַ פּאַרטייִשן, עקסטרעם־רעכטן פראָ־
פאַריין, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „פאַריין
פון די אַרבעטנדיקע פון „האַצאַכאַר" און „בייַ־
טאַר". שפּעטער האָט ער געענדערט זײַן נאָמען
און אָנגערופן זיך „נאַציאָנאַלע קאָנפעדעראַציע
פון די אַרבעטנדיקע". די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע
עקזיסטירט ביז הײַנט, נאָר פּאַראַלעל מיט איר
איז אין 1963 געשאַפן געוואָרן אין היסטאַדרוט
(לויטן באַשלוס פונעם „כערוט"־צוזאַמענפאָר)
אַ „ווײַס־בלויע פראַקציע", וואָס העלפט דע־
מאַגאָגיש צו פאַרוואַלירן די טעטיקײַט, וועלכע
די דאָזיקע פּאַרטיי פירט קעגן דעם אַרבעטער־
קלאַס.

פון זשאַבאָטינסקיס „האַצאַכאַר" ביזן הײַנ־
טיקן „ליקוד" האָט די באַוועגונג פון די אולט־
ראַ־רעכטע דורכגעמאַכט אַ ריי אָרגאַניזאַציאָ־
נעלע ענדערונגען, וועלכע זײַנען געווען אַ
רעזולטאַט פונעם קאַמף צווישן די גרופּעס און
טוער. אין 1936 איז לויט דער איניציאַטיוו פון
„האַצאַכאַר" געשאַפן געוואָרן די פּאַרטיי
„עצעל" („אצל"), וואָס האָט אין 1948 אײַנגע־
שטעלט איר הערשאַפט איבער „האַצאַכאַר" און
האָט געגרינדעט די „תנועת חרות העברית
מיסידה של הארגון הצבאי הלאומי"[3], וועלכע
איז הײַנט באַוווּסט אונטערן פאַרקירצטן נאָ־
מען „תנועת חרות" („טנואַט כערוט" — „פרײַ־
הײַט־באַוועגונג"). „תנועת חרוט" איז דער
יורשע פונעם פאַרבאַנד פון די ציוניסטן־רע־
וויזיאָניסטן און איז ביז הײַנט דער רוקנביין
פון די עקסטרעם־רעכטע אָרגאַניזאַציעס.

זינט דער פּראָקלאַמירונג פון דער מעלוכע
ייִסראָעל האָט „טנואַט כערוט" געטאָן אַלץ צו
פאַרברייטערן איר אײַנפלוס סײַ דורך פּראָפּאַ־

[1] ה צ ה ר — די ווײַסקײַט.
[2] ה צ ה — דער ריינער, ליכטיקער, קלאָרער.
[3] די ייִדישע פרײַהײַט־באַוועגונג, וואָס איז גע־
גרינדעט געוואָרן פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער
פאָלקס־אַרמיי.

9—3061

גאַנדע און אָרגאַניזאַציִאָנעלער טעטיקײַט
צווישן די מאַסן, דעריקער צווישן די אַרבעטנ־
דיקע, וועלכע זײַנען פונעם קלאַסן־שטאַנדפונקט
אומבאַוווּסטזיניקע און צווישן דער קליין־ און
מיטל־בורזשואַזיע, סײַ דורך די פּרוּוון צו
דערשלאָגן זיך אַ פאַרייניקונג אָדער אַ בונד
מיט די אַנדערע בורזשואַזע פּאַרטייען. ערעוו
די וואַלן אין קנעסעט אין 1969 האָט „כערוט"
זיך דערשלאָגן דערצו, אַז עס איז געשאַפן גע־
וואָרן דער בלאָק צווישן „כערוט" און די ליִ־
בעראַלן („גאַכאַל"). ערעוו די וואַלן אין קנע־
סעט אין 1973 האָט „כערוט" אויסגענוצט די
פאַרשפּרייטונג פון שאָוויניסטישע שטימונגען
און געגרינדעט דעם נאָך מער ברייטן רעכט־
עקסטרעמיסטישן בלאָק „ליקוד", וואָס האָט
פאַרייניקט „גאַכאַל", דעם „פרײַען צענטער",
אַ טייל פון די געוועזענע מיטגלידער פון
„ראַפי" (די אַזויגערופענע „מעלוכע־רעשימע")
און די גרופּע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון
דער אַרבעטס־פּאַרטיי (די אַרבעטס־באַוועגונג
פאַר אַ „גרויס־ייִסראָעל").

דער אופקום פון אַן עקסטרעם־רעכטער שיִ־
טע אין ברייטערע ראַמען, אײדער „ליקוד",
באַטײַט, אַז די בורזשואַזיע פון ייִסראָעל איז
אַלץ מער גענייגט צו אָנעמען די עקסטרע־
מיסטישע קאָנצעפּציע פון „כערוט". דער „ליִ־
קוד" איז, טראָץ די פאַרשיידענע מיינונגען,
וואָס הערשן אין זײַנע רייען, אָן שום סאָפעק
אַ מער ערנסטע קראַפט אין די הענט פון די
רעאַקציִאָנערע קרײַזן פון דער ייִסראָעל־בור־
זשואַזיע, זײַן ציל איז ניט דערלאָזן צו אַ מעג־
לעכן קער אויף לינקס, צו אַ קער אין דער
ריכטונג פון שאָלעם און אומאָפּהענגיקײַט.

אין פּאָליטישן געביט איז „כערוט" אין די
לעצטע יאָרן אַריבער פונעם לאָזונג „אַלטער־
נאַטיוון" צום לאָזונג „אַ רעגירונג פון נאַציִאָ־
נאַלער איינהײַט". אויב פריִער האָט „כערוט"
זיך אָנגעגעבן אַלס אַ קעמפערישע אָפּאָזיציע,
וואָס איר ציל איז ענדערן (אַן אַלטערנאַטיוו)
די עקזיסטירנדיקע מאַכט פון די ציִעניסטישע
אַרבעטער־פּאַרטייען, טרעטן הײַנט שוין אַרויס
די לידערס פון „כערוט" מיט דער פאָדערונג
צו שאַפן אַ „רעגירונג פון נאַציִאָנאַלער איינ־
הײַט", וווּ עס זאָלן זײַן פאַרטראָטן אַלע פראַק־
ציעס פון קנעסעט (אויסער, פאַרשטייט זיך,
דער קאָמוניסטישער). דער לאָזונג „פאַריי־
ניקונג" איז געוואָרן דער צענטראַלער דעמאַ־
גאָגישער לאָזונג פון די עקסטרעם־רעכטע
קרײַזן בעראָש מיט „כערוט". אָט דער לאָזונג
ווערט אויסגענוצט סײַ אין דער נאַציִאָנאַלער
ספער — „נאַציִאָנאַלע איינהײַט" קעגן די אַראַ־
בער, — סײַ אין דער סאָציִאַלער ספער — „נאַ־
ציִאָנאַלע איינהײַט" אין דער פאָרם פון אַ
קלאַסן־„שאָלעם" צווישן די אַרבעטנדיקע און
די אונטערנעמער.

די פאַרבינדונגען פון „האַצאַכאַר" און „כע־
רוט" מיט דער אָרטיקער בורזשואַזיע זײַנען
אַלע יאָרן געווען ביז גאָר ענגע. „האַצאַכאַר"
האָט געשטעלט באַזונדערס דעם טראָפּ אויף דער
פּראַגע וועגן פאַרפעסטיקן איר אײַנפלוס צווישן
דער קליין־ און מיטל־בורזשואַזיע. אין אַ בראָ־
שור, וואָס די רעוויזיִאָניסטן האָבן אַרויסגע־
געבן נאָך אין 1935, ווערט דערקלערט, אַז
„האַצאַכאַר" איז געשאַפן געוואָרן אַלס ענטפער
אויף דער פּאָליטיק פון „האַלטן אין קלעם דעם
ייִדן מיט אַ באַשיידענעם קאַפּיטאַל", דאַן, ווען
די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציע פון כאַיִם ווייצ־
מאַן און בען־גוריאָן באַזירט זיך אויפן גרויס־
קאַפּיטאַל. עס איז קיין שום סאָפעק ניט, אַז
די טעטיקײַט פון „האַצאַכאַר" איז געצילט
קעגן דעם קלאַסנקאַמף פון די אַרבעטנדיקע
און דינט אין דער ערשטער ריי דעם גרויס־
קאַפּיטאַל, די אינדוסטריִעלער. אָבער די דעמאַ־
גאָגישע ווענדונג פון „האַצאַכאַר" צו די קליינ־
בירגערלעכע מאַסן באַשטעטיקט איר שטרע־
בונג צו זוכן אַ געזעלשאַפטלעכע באַזע גראָד
אין די קליינבירגערלעכע קרײַזן.

ניט געקוקט אָבער דערויף, וואָס די אולטראַ־
רעכטע סטאַרען זיך אַריבערציִען אויף זייער זײַט
די אַרבעטנדיקע, די קליין־בורזשואַזיע, די
אײַנוווינער פון די אָרעמקײַט־קוואַרטאַלן און
פון די פּראָווינץ־שטעטלעך, זײַנען די אולטראַ־
רעכטע געווען און פאַרבלײַבן די פּאָליטישע
שיטע פון דער גרויס־בורזשואַזיע, פונעם פיִ־
נאַנץ־קאַפּיטאַל. דאָס זעט מען ניט בלויז אין
זייער פּאָליטישן קורס און אידעאָלאָגישער
פּראָגראַם, נאָר אויך אין דעם, פון וועמען עס
באַשטייט די אָנפירונג פון „ליקוד".

צווישן די לידערס פון „ליקוד", וואָס איז די
צענטראַלע פאַרייניקונג פון די עקסטרעם־
רעכטע קרעפטן אין ייִסראָעל, האָבן זיך געפו־
נען און עס געפינען זיך ביז איצט:

יאָסעף קרעמערמאַן — איינער פון די גרעס־
טע קאַפּיטאַליסטן אין ייִסראָעל, אַן אייגנטימער
פון די אונטערנעמונגען „עץ לבוד" און „איי־
לאַנד", דער הויפּט פון איינער פון די פינאַנ־
סיִעלע גרופּעס אין לאַנד.

אָוועד בען־אַמי — אייגנטימער פון ערד־גיִ־
טער און בוי־קאָמפּאַניעס. פינאַנסירט די בויונג
פון ייִשוּווים אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס.

איגאַל האָראָוועץ — איינער פון די באַלעבאַ־
טים פון די אונטערנעמונגען פון דער מילך־
אינדוסטריע „טאַנאַ־נוגאַ". פאַרנעמט זיך מיט
אויפקויפן ערד־גיטער, דעריקער אויף די אָקו־
פּירטע טעריטאָריעס.

עזער ווייצמאַן — מיטגליד פון די דירעקטאָרן־
ראַטן פון דער אונטערנעמונג „ציקלאָן"
(אַוויִאַציע־אינדוסטריע), פון דער שיף־קאָמפּאַ־
ניע, וועלכע טראַנספּאָרטירט פּרוכטן און פון
„אַלט" (אַ פיליִאַל פון דער אַמעריקאַנער קאָמ־
פּאַניע צו פּראָדוצירן געווער).

אַריִעל שאַראָן — אייגנטימער פון אַ גרויסער
פערמע אויפן דאָרעם פונעם לאַנד.

אַרן גאָלדשטיין — איינער פון די גרעסטע
אונטערנעמער, הויפּט פון אַ ריי בוי־קאָמפּאַ־
ניעס, פּאָרזיצער פונעם באַנק, וואָס פינאַנסירט
די בוי־פירמעס, ערן־פּרעזידענט פון דער אַסאָ־
ציִאַציע פון אייגנטימער. פון בוי־פירמעס.

דאָקטאָר רוּוון העכט — איינער פון די גרעסטע קאפיטאליסטן אין ייִסראָעל, אייגנטימער פון כעמישע און אנדערע אונטערנעמונגען.

2. „בייטאר"

„בייטאר" איז די יוגנט־אָרגאניזאציע פון „האצאכאר" און „כערוט", געגרינדעט אין יאנוואר 1924, ווען אין ריגע איז געשאפן געוואָרן די „אָרגאניזאציע פון דער ציִעניסטישער אקטיווער יוגנט אפן נאָמען פון יויסעף טרומפעלדאָר". אין דעקאבער 1926 האָט דער צוזאמענפאָר פון „האצאכאר" באשלאָסן צו פאראייניקן זייַנע פארשיידענע יוגנט־גרופעס אין א באזונדער אָרגאניזאציע, וואָס וועט הייסן ברית (בריט) טרומפעלדאָר („טרומפעלדאָר־פארבאנד") — „בייטאר". אין אפרעל 1927 איז געשאפן געוואָרן די ערשטע אָפּטיילונג פון „בייטאר" אין פאלעסטינע — אין טעל־אוויוו.

פונעם ערשטן טאָג פון איר אופקום איז „בייטאר" געווען אן אולטרא־רעכטע יוגנט־אָרגאניזאציע, וועמעס אידעאָלאָגיע און פראקטיק, אפילע אירע אויסערלעכע סימאָנים זייַנען געווען פולשטענדיק ענלעך צו א פאשיסטישער אָרגאניזאציע. „בייטאר" איז שוין דעמלט געווען דער אָרגאניזאטאָר פון גרופעס, וואָס האָבן זיך פארנומען מיט ארונטערייַסן שטרייַקן און מיט פאָליטישן טעראָר. אין דער אָפיציעלער געשיכטע פון „בייטאר" ווערט דערציילט וועגן צוויי טעראָר־פאלן — איינער קעגן קאָמוניסטן, דער צווייטער קעגן דעם קלוב פון „פויאלע־ציִען". דעם 1 מיי 1928, סאכאקל אין א יאָר ארום נאָכן גרינדן די „בייטאר"־אָפּטיילונג אין טעל־אוויוו, ווערט דערציילט אינעם „בייטאר־בוך", האָבן זיך געפונען בייטאריסטן, וועלכע האָבן ארויסגעריסן די רויטע פאָנען פון די הענט בא די פאָנענטרעגער פון דער פאלעסטינער קאָמוניסטישער פארטיי. אין אָקטיאבער פונעם זעלבן יאָר איז דורכגעפירט געוואָרן אן אָנפאל אף א פארזאמלונג אין קלוב פון „פויאלע־ציִען". צו דער רעשימע פון די טעראָראקטן פון „בייטאר" אין די 20־ער און 30־ער יאָרן דארף מען צוגעבן אויך אזעלכע אקציעס: אן אָנפאל אף א מארש פון קינדער, ווו אייניקע האָבן געטראָגן רויטע פלאגן; כוליגאנישע אָנפאלן אפן קלוב פון דער היסטאדרוט־יוגנט און אף פאָליטישע פארזאמלונגען פון אנדערע פארטייען.

די ווארשעווער קאָנפערענץ פון „בייטאר" אין יאנוואר 1929 האָט באשלאָסן, אז די אוניפאָרם פון „בייטאר" וועט זייַן א טונקל־ברוין העמדל מיט א שווארצן אָדער ברוינעם שניפס — ווי די אוניפאָרם פון די נאציסטישע שטורמאָוויקעס. אין אזא אוניפאָרם האָבן די בייטאריסטן דעמאָנסטרירט אין טעל־אוויוו און אין אנדערע ערטער.

אף צו פינאנסירן די טעטיקייַט פון „בייטאר" איז אין 1929 געשאפן געוואָרן אן אסאָציִאציע פון הילף פאר „בייטאר". בעראָש פון דער אסאָציִאציע איז געשטאנען דער פאבריקאנט איסראעל ראָזאָוו.

„בייטאר" האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון טעראָר אויך אין די לעצטע יאָרן. אין 1968 איז א מיטגליד פון „בייטאר" באפאלן דעם גענעראל־סעקרעטאר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ייִסראָעל מייער ווילנער און ארייַנגעשטאָכן אים א מעסער אין רוקן. אין 1971 איז א גרופע בייטאריסטן באפאלן די רעדאקציע פון דער צייַטונג „זו הדרך", אָרגאן פון דער קאָמפארטיי. בייס דעם אָנפאל איז פארוווּנדעט געוואָרן א מיטארבעטערן פון דער צייַטונג.

3. אנדערע אולטרא־רעכטע גרופעס

נאָך דער יון־מילכאָמע פון 1967 זייַנען צוזאמען מיטן וווּקס פון דער שאָוויניסטישער כוואליע אופגעקומען אין ייִסראָעל נייַע אולטרא־רעכטע און אפילע פאשיסטישע גרופעס. אזוי, לעמאָשל, איז דאָרט געעפנט געוואָרן א פיליִאל פון „דזשויִש דעפענס ליג" („ליגע צו פארטיידיקן די ייִדן") בעראָש מיט האָראוו קאהאנע. אלע מיטגלידער פון דער „ליגע", אויך קאהאנע, זייַנען געוועזענע מיטגלידער פון „בייטאר". די דאָזיקע „ליגע" האָט געשאפן געהיימע געווער־לאגערן. אירע מיטגלידער האָבן אָרגאניזירט אָנפאלן אף די לאָקאלן פון דער קאָמפארטיי, אף פאָרשטייער פון די סאָציִאליסטישע לענדער, וועלכע האָבן באזוכט ייִסראָעל, אף פארזאמלונגען פון שאָלעם־אָנהענגער.

אָפּהענגיק פונעם פאָליטישן באראָמעטער, קומען אוף און פארשווינדן ענלעכע גרופעס, ווי, אשטייגער, „דיקוי באָגדים" — „אונטערדריקן די פארעטער", „טעראָר קעגן טעראָר", „מאָאָז" — „די פעסטונג". זיי רופן צו טעראָריסטישע אקטן קעגן די שאָלעם־אָנהענגער. ניט לאנג צוריק האָבן זיי אפילע אָרגאניזירט אָנפאלן אף געזעלשאפטלעכע טוער, אף אנשטאלטן און פארזאמלונגען. אין זייער טעטיקייַט שטעלן אָט די גרופעס דעם טראָפ אפן טעראָר קעגן דער אראבישער באפעלקערונג פון ייִסראָעל און פון די אָקופירטע טעריטאָריעס.

פאראיאָרן זייַנען אופגעקומען נייַע אולטרא־רעכטע גרופעס: „המעגול הראשון" („ערשטער קרייַז"), א פרויען־אָרגאניזאציע, וועלכע פאָדערט, עס זאָל געשאפן ווערן, ווי די מיטגלידער פון דער אָרגאניזאציע רופן דאָס, אן „אויסעראָרדנטלעכע נאציִאָנאלע רעגירונג פון דרייסטע און פאראנטוואָרטלעכע" (די דאָזיקע אָרגאניזאציע טרעט ארויס קעגן באפרייַען די טעריטאָריעס, וועלכע זייַנען פארכאפט געוואָרן אין יאָר 1967); די גרופע „נשים למען ישראל בטוח" („פרויען פאר דער זיכערהייַט פון ייִסראָעל"). אויך זי טרעט ארויס קעגן יעטווידן צוריקטריט פון די אָקופירטע טעריטאָריעס;

„תיכוניסתים למען תודעה לאומית" („שילער פארן נאציאָנאלן באוווסטזײַן"). די דאָזיקע אָרגאניזאציע טרעט ארויס פאר א „גרויס־ייִסראָעל", פאר שאפן ייִשוּווים אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס און פּאָדערט — לויט די מוסטערן פון דער אולטרא־רעכטער דעמאגאָגיע — מע זאָל „העלפן דער יוגנט, וואָס לעבט אין נויט". די ערשטע עפנטלעכע ארויסטרעטונג פון אָט דער יוגנט־גרופּע איז געווען אן אָנפאל אף די אָנטיילנעמער פון דער ערשטמײַיִקער דעמאָנסטראציע אין טעל־אוויוו אין 1975.

4. די נאציאָנאליסטיש־רעליגיעזע גרופּעס

אויסער די אויבן אָנגערופענע עקסטרעם־רעכטע אָרגאניזאציעס באווײַזן זיך פון צײַט צו צײַט נאציאָנאליסטישע גרופּעס פון א רעליגיעזן כאראקטער.

די אופלעבונג פון דער נאציאָנאליסטיש־רעליגיעזער שיטע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער יאָמקיפּער־מילכאָמע (אין אָקטיאבער 1973) מיטן אופקום פון דער גרופּע „גוש אמונים" („גוש עמאָנים" — „דער בלאָק פון די געטרײַע"). לעכאטכילע אלס פליגל פון דער נאציאָנאל־רעליגיעזער פּארטיי, שפּעטער אלס זעלבשטענדיקע אָרגאניזאציע. בעראָש פונעם בלאָק איז געשטאנען האָראוו צווי־יעהודע קוק. די אָנהענגער פונעם בלאָק זײַנען צונויפגענומען געוואָרן פון די יעשיוועס, ווו די דערציִונג טראָגט א שאָוויניסטישן כאראקטער, פונעם אוניווערסיטעט באר־אילאן און פון די רעליגיעזע קיבוצים און קאָלאָניעס (מאָשאווים).

„גוש אמונים" האָט זיך דערקלערט פאר אן אומפּארטייִשער אָרגאניזאציע; א מיטגליד פון „גוש אמונים" קאָן זײַן יעדער איינער, אויב ער איז מאסקים מיט זײַנע פּרינציפּן, וואָס זייער הויפּט־פּונקט איז: „דאָס רעכט און די פליכט פונעם ייִסראָעל־פאָלק צו שאפן ייִשוּווים אין אלע טיילן פון פּאלעסטינע, אין יעהודע און שוימרוין, אפן גאָלאן און אין סינײַ". אין העסקעם מיט דעם האָט „גוש אמונים" דעמאָנסטראטיוו געגרינדעט ייִשוּווים אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס און האָט אויך דורכגעפירט א מארש קיין שוימרוין, קעדיי מאכן א דרוק אף דער רעגירונג, זי זאָל פארברייטערן די ייִדישע ייִשוּווים אף די דאָזיקע טעריטאָריעס.

5. פאַרייניקטע נאציאָנאליסטיש־עקסטרעמיסטישע אָרגאניזאציעס

אונטער דער ווירקונג פון די אמאָליקע רעוויזיאָניסטן און פונעם הײַנטיקן „כערוט" האָבן זיך באוויזן און עס באווײַזן זיך אויך איצט פארייניקטע נאציאָנאליסטישע אָרגאניזאציעס, וועלכע טרעטן ארויס דעריקער אונטערן לאָזונג „גאנצקײַט פונעם לאנד". אין 1938, ווען עס זײַנען געשטעלט געוואָרן אין טאָג־סיידער פּלענער וועגן צעטיילן פּאלעסטינע און אזוי־ארום לייזן די ייִדיש־אראבישע נאציאָנאלע פּראָבלעם, איז אופגעקומען די „ארגון שלילי החלוקה" („אירגון שאָליילי האכאלוקאָ" — אָרגאניזאציע פון קעגנער פון דער צעטיילונג), וועלכע האָט ארויסגעגעבן אן אייגענעם אָרגאן אונטערן נאָמען „פּאלעסטינע א גאנצע". דער ספּעציפישער שטריך פון אָט דער אָרגאניזאציע איז געווען דאָס, וואָס אין איר זײַנען ארײַן ניט בלויז פאָרשטייער פון „האצאכאר", נאָר אויך פון די רעכטע ארבעטער־פּארטייען, קוידעמקאָל פון „מאפּאי". די פּראָגראם פון דער אָרגאניזאציע איז געווען — פאָרזעצן די בריטישע הערשאפט און קעגן צעטיילן פּאלעסטינע.

די אויסבילדונג פון מעדינאס ייִסראָעל, וואָס איז פאָרגעקומען אפן סמאך פונעם פּלאן וועגן דער צעטיילונג פון פּאלעסטינע (אָנגענומען דורך דער גענעראלער אסאמבליי פון דער אָרגאניזאציע פון די פארייניקטע נאציעס אין נאָיאבער 1947) האָט געבראכט דערצו, אז „ארגון שלילי החלוקה" איז אײַנגעשרומפּן געוואָרן, ווײַל אירע מיטגלידער האָבן ניט געקאָנט ארויסטרעטן קעגן דער מעלוכע ייִסראָעל. אָבער די צענטרען פונעם שאָוויניזם זײַנען ענדגילטיק ניט ליקווידירט געוואָרן. אין סענטיאבער 1967, סאכאקל אין דרײַ כאדאָשים ארום נאָך דער מילכאָמע, איז פארעפנטלעכט געוואָרן דער ערשטער רוף פון דער נײַער אופלאגע פון אָט דער אָרגאניזאציע, וועלכע האָט זיך שוין גערופן „באוועגונג פאר „גרויס־ייִסראָעל". די באוועגונג האָט שוין פאראייניקט אין זיך פאָרשטייער סײַ פון „ליקוד" און פון די עקסטרעמיסטיש־רעליגיעזע קרײַזן, סײַ פון אייניקע קרײַזן אינעווייניק אין דער ארבעטס־פּארטיי. די „באוועגונג פאר גרויס־ייִסראָעל" ווערט ברייט געשטיצט דורך די מיליאָנערן, זי גיט ארויס א וואָכנשריפט „זאת הארץ" („זאָט האארעץ"). אף וויפל דער „ליקוד" און די פּארטייען, וועלכע גייען אײַן אים ארײַן, האָבן ניט קיין צײַטונגען, איז „זאת הארץ" פארוואנדלט געוואָרן אין אן אלגעמיינעם אָרגאן פון אלע אולטרא־רעכטע קרײַזן אין ייִסראָעל.

דער XVII צוזאמענפאָר פון דער קאָמפּארטיי פון ייִסראָעל האָט אָנגעוויזן, אז „די פּאָליציי באציט זיך מיט כעסעד צו די אקציעס פון די רעכטע און פון די פאשיסטישע גרופּעס, וועלכע לאָזן אין גאנג געוואלט און טעראָר, צעפלאקערן די סינע צו די אראבער, אָרגאניזירן כוליגאנישע אָנפאלן, פארברענען רויטע פלאגן און ווילן פארשטאָפּן די מײַלער פון די דעמאָקראטישע קרעפטן אין ייִסראָעל". דער צוזאמענפאָר האָט אויך אָנגעוויזן, אז „די דאָזיקע גרופּעס שטעלן פאָר אן ערנסטע סאקאָנע פארן ארבעטער־קלאס פון ייִסראָעל, פאר אלע לינקע אָרגאניזאציעס, דעמאָקראטישע און פרידנס־ליבנדיקע קרעפטן אין לאנד. די טעטיקײַט פון די דאָזיקע אָרגאניזאציעס באווײַזט קלאָר, אז אין ייִסראָעל עקזיסטירט די געפאר פון פאשיזם".

(סאָף קומט)

יאָשע טשערניס

דער וועג קיין קוקאָן

אויף צאָפן פון דער שטאָט בירָאבידזשאַן, אין דער סאַמע טיפעניש פון דער טײַגע, ליגט דאָס דאָרף קוקאָן. אין אָנהייב פון די דרײַסי־קער יאָרן האָט קוקאָן, ווי עס האָבן, אַכוץ די עטלעכע רוסן, געלעבט נאַנײַער און יאַקוטן, געהערט צום בירָאבידזשאַנער אַדמיניסטראַטיוון ראַיאָן. דאָרטן איז געווען אַ קאָלווירט, אַ שול, אַ מעדיצינישער פונקט, אַ קלייט פון דער גע־ברויך־קאָאָפּעראַציע, אַ קינדערגאָרטן און אַ קלוב. דער קאָלווירט האָט זיך פאַרנומען איבערהויפּט מיט פישפאַנג און יעגערײַ.

זומער־צײַט איז צו קוקאָן קיין צוטריט ניט געווען, דורכויסיקע טײַגע און זומפּן האָבן פאַרשטעלט צו אים דעם וועג. בלויז זעלטענע געוואַגטע וואַלד־העקער פלעגן זיך אַראָפּלאָזן אויף אַ פּליט מיטן טײַך אורמי, צו דער אײַזנבאַן־סטאַנציע ניקאָלײַעווו, נאָר קעדיי קומען צוריק, האָט מען באַדאַרפט וואַרטן, ביזוואַנען דער פראָסט וועט פאַרשמידן אין אײַז אַלע זומפּן און טײַכן, שאַפנדיק דעם אַזויגערופענעם „זימניק", וואָס ניט יעדערער האָט אים געוווּסט.

איבער אָט די אומשטענדן האָט געטראָפן אַזוי, אַז די לערער און אַנדערע אָנגעשטעלטע פון דעם ישעוו האָבן ניט באַקומען קיין גע־האַלט קימאַט אין משך פון אַ יאָר צײַט. ווען ס'האָט זיך אײַנגעשטעלט דער ווינטער, האָט מען באַשטימט זיך צעצאָלן מיט די קוקאָנער. די דאָזיקע מיסיע איז אויסגעפאַלן אויף מיר. און אַזוי ווי איך בין נאָך קיינמאָל אין קוקאָן ניט געווען, וועט מײַן באַגלייטער זײַן דער פאַרזי־צער פונעם קוקאָנער דאָרפסראַט, דער נאַ־נײַער איין־דיי־קאָן, אויף וועלכן מע וואַרט פון טאָג צו טאָג — ער דאַרף זיך אומקערן פון מאָ־סקווע, וווּהין ער איז געפאָרן אויפן אָקטיאַבער־יאָמטעוו מיט אַ דעלעגאַציע פונעם בירָאָביד־זשאַנער ראַיאָן.

אין ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט מען מיר געזאָגט:

— ווען דו וועסט דורכמאַכן דעם וועג קיין קוקאָן און בעשאָלעם זיך אומקערן פון דאָרט, וועט מען שוין מעגן זאָגן, אַז דו ביסט אויס־געוואָקסן אין אונדזער ראַיאָן ווי אַ ווינקעלע.

אין בירָאבידזשאַנער מעלוכע־באַנק האָט מען אַרויסגענומען פון אַ סייף אַ פּאַרפלאָמבירטן רוקזאַק, אָנגעשטאָפּט מיט געלט. איך האָב אים אָנגעמאָסטן אויף די אַקסל און דערפילט, אַז ער איז גאַנץ שווער. טאַקע דאָרט, אין באַנק, דער־וויסט איך זיך, אַז מאָרגן וועט אין־די־קאָן שוין זײַן אויף דער סטאַנציע אין, ווו אויף דער באַזע פון דער קור־אורמיער וואַלד־פּראָדוציר־ווירט־שאַפט וואַרט אויף אים אַ הונט, אַ יעגער־ביקס און אַ זאַק געפרוירענע „קרעפּלעך" פון בערן־פלייש.

אין בירָאבידזשאַנער „סאַיוזפּושנינאַ" באַקום איך אַ קאָסטיום פון ציגן־פעל — אַ פּאָר הויזן, אַ רעקל — און אַ שלאָף־זאַק — אויך פון דעם זעלבן פוטער. די אונטעס זײַנען ווי געוויינלעך געמאַכט פון הירשן־פּעלעכלעך. אויף אַזאַ לײַכ־טער און וואַרעמער אַמוניציע קאָן מען זיך פאַרלאָזן און ניט מוירע האָבן פאַר די גרעסטע פרעסט.

דער ערשטער טאָג

אין הויף פון דער קור־אורמיער באַזע האָט אין אַ ווינקל געבורענט אַ שײַטער. איבער אים איז אויף אַן אײַזערנעם דרײַפוס געשטאַנען אַ קעסעלע, אין וועלכן ס'האָט זיך עפּעס געקאָכט. באַם שײַטער איז אויף אַ דיקן בערעזע־קלעצל געזעסן אַ נאַנײַער און גערייכערט אַ ציבעק. באַנאַנד איז געלעגן אַ קודלאַטער הונט.

איך האָב אַראָפּגענומען דעם רוקזאַק פון די אַקסל און זיך אוועקגעזעצט לעבן דעם נאַנײַער. ער האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס מיט זײַנע פאַרזשמורעטע אויגן. דאָס פּאָנעם, אַ צעקניטשטס פון זון און ווינט, און דער גוטמוטיקער שמייכל פון די גרויסע, ווײַסע, קוים פאַרדעקטע מיט די ליפּן ציין האָבן אַרויס־גערופן צוטרוי.

דאָס איז געווען אין־די־קאַן. מיר האָבן זיך באַקאַנט, און איך האָב זיך אָנגעפרעגט, וויאַזוי מע רופט דעם הונט. אין־די־קאַן האָט ניט גלײַך געענטפערט, נאָר עפּעס געזאָגט צום הונט אַף נאַנײַיש.

דער הונט האָט זיך אופגעהויבן פון דער ערד, זיך אָפּגעטרייסלט און גענומען מיר באַשמעקן און באַקוקן מיט זײַנע געלע אויגן. איך האָב ניט געקאָנט באַשטימען דעם קאָליר פון זײַן געדיכטן, קודלאַטן פוטער: אַ שווארצער מיט ווײַסע פלעקן, אָדער, פאַרקערט, אַ ווײַסער מיט שווארצע פלעקן? די פיס זײַנען באַ אים געווען ווי אָנגעטאָן אין געלע זעקעלעך, און די מאָרדע איז אויך געווען אײַנגאַנצן אַ געלע.

אין־די־קאַן האָט אים צוגעפירט צום רוק־זאַק, עפּעס אַ וואָרטשע געטאָן, דער הונט האָט זיך געדרייט אַרום רוקזאַק, אים באַשמעקט, געדרייט מיטן פאַריסענעם עק, פונקט ווי ער וואָלט פון עפּעס געווען צופרידן.

אין הויף איז אַרײַנגעקומען דער פאַרוואַל־טער פונעם וואַלד־פּראָדוקציר־באַצירק סקוואָר־צאָוו, אַ ניט הויכער געפּאַקטער מענטש אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ געשטופּלט פּאָנעם און שווארצע ברייט־צעשפּרייטע וואָנצעס, מיט איין אויער (שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דעם צווייטן אויער האָבן אים אַראָפּגעהאַקט די ווײַסגוואַרדייער בײַסן בירגערקריג). סקוואָרצאָוו האָט געוווּסט וועגן מײַן שליכעס. ער האָט געוואָלט אַ פּרווו טאָן, ווי שווער עס איז דער רוקזאַק מיט דעם געלט, נאָר דאָ האָט דער הונט זיך צעריטשעט בייז און אָנגעכאַפּט מיט די ציין סקוואָרצאָוון פאַרן אַרבל. אין־די־קאַן האָט אַ געשריי געטאָן:

— כונזײַ, אוועק! אוועק, כונזײַ!

דער הונט האָט אָפּגעלאָזט דעם אַרבל און זיך אוועקגעזעצט לעבן רוקזאַק אין זײַן, ווײַזט אויס, באַליבטער פּאָזע: די פאָדערשטע פיס פאָרויס און די מאָרדע אַף זיי.

אין־די־קאַן האָט אַ קוק געטאָן אַפן לויטערן בלויען הימל:

— די זון איז שוין הויך, נאָר דער טאָג איז קליין, שײַטאַן־שאַמאַן, מע דאַרף זיך קלײַבן אין וועג...

— עפּשער מאָרגן, פאַרטאָג?

— באַ אונדז זאָגט מען, אַז אַפילו ווען ס'איז שפּעט, קאָן מען אָפּטאָן אַן אַרבעט פון דער פרי... נאָר פריִער פון אַלץ דאַרף מען אָפּעסן, די שווערסטע לאַסט אונטערוועגנס איז הונגער, זאָגט מען באַ אונדז.

אין־די־קאַן האָט אָנשטאָט אַ „שין" אַרויס־געבראַכט אַ „סאַמעך", און דאָס רוסישע וואָרט „פּאָקושאַט" האָט באַ אים זיך באַקומען „פּאָ־קוסאַט". ער האָט געפונען נאָך איין קלעצל, אוועקגעלייגט עס נאָענט צום שײַטער, צע־שפּרייט ביידע הענט אַזוי, ווי דאָס זאָל הייסן: „ביטע צום טיש", אָנגעפולט מײַן קעסעלע מיט „קרעפּלעך". איך האָב אַרויסגענומען פון דער כאַליעווע פון די אונטעס אַ הילצערנע לעפל. ביז דעמלט האָב איך נאָך קיינמאָל ניט פאַר־זוכט קיין בערן־פלייש, און דאָס ערשטע „קרעפּל" האָב איך צעביסן מיט אַזאַ געפיל, פונקט ווי אָט באַלד וועט פון אים אַרויסשפּרינ־גען אַ בער און מיך אַ פרעג טאָן: „ווו האָסטו זיך צוגעוווינט צו פרעסן בערן־פלייש, באַ דײַן טאַטן, דעם בעקער אין וואָלאָדאַרסק, האַ?", נאָר איך האָב דערפילט, אַז נישקאָשע, דאָס עסן איז געשמאַק, עמעס, מיט אַ זיסן נאָכטאַם. די יויך איז אויך געווען אַ באַטאַמטע, אין דער מאָס געזאַלצן און געפעפערט. אין־די־קאַן האָט אָנגעהאָדוועט דעם הונט מיט אָפּגעקילטע „קרעפּלעך", און מיר האָבן זיך גענומען קלײַבן אין וועג אַרײַן. צו מײַן רוקזאַק האָבן מיר צוגעבונדן דאָס אײַזערנע דרײַפיסל, אין דאַשעק פון מײַן היטל האָב איך אײַנגעמאָסטעט עט־לעכע שאַכטלעך שוועבעלעך.

דעם זאַק מיטן עסן האָט אין־די־קאַן פאַר־בונדן אויך ווי אַ רוקזאַק, נאָר געווען איז ער אַ סאַך שווערער, ווי דער, וואָס מיטן געלט. אַהין האָבן מיר אַרײַנגעלייגט אויך דעם שאָ־קאָלאַד און דאָס געבעקס, וועלכע איך האָב באַקומען אין בירא־בידזשאַן. אין־די־קאַן האָט נאָך גענומען אַף זיך די יעגער־ביקס און אַ פּאַטראָנטאַש מיט אָנגעלאָדענע פּאַטראָנעס. אים, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, וועט זײַן ניט גרינג. נאָר די איינציקע האָפענונג איז געווען, אַז אין־די־קאַנען וועט מיט דער צײַט ווערן גרינגער: פלייש וועט דאָך פון טאָג צו טאָג ווערן ווייניקער. דערווײַל אָבער איז ער געווען אָנגעלאָדן גאַנץ שווער.

די גאַנצע צײַט, בייס מיר האָבן זיך גע־קליבן אין וועג אַרײַן, האָט כונזײַ שטיל גע־סקוליעט, זיך געדרייט און געטאַנצט, געווען ווי צופרידן, וואָס מיר וועלן באַלד זיך רירן פון אָרט.

— גיט איבער אונדזערע כעוורע, אַז מיר וועלן אײַנגיכן קומען צו זיי, — האָט באַם גע־זעגענען זיך געזאָגט סקוואָרצאָוו. ער האָט מיר געשענקט אין וועג אַ שטעקן און באַמערקט: — אַף אים קאָן מען זיך פאַרלאָזן, ער איז שוין דרײַ מאָל געגאַנגען קיין קוקאַן...

מיר זײַנען אַרויס פֿון דער קאַליטקע, כּונזײַ איז געלאָפֿן פֿאָרויס, פּונקט ווי ער וואָלט גע־ווּסט, וווּהין מיר דאַרפֿן גיין. ניט אײַלנדיק האָבן מיר אינגיכן איבערגעשניטן די אײַזנבאַן־ליניע, פֿאַרלאָזט די ברייטע גאַסן מיט אייג־שטאָקיקע, געבויטע אַף איין מאַניר, העל־געלע הילצערנע הײַזער און אַרויס אַף אַ שליטוועגס מיט סימאַנים, אַז דאָ האָט מען פֿון ערגעץ געפֿירט היי.

ס'איז געווען שוין האַלב־טאָג, דער פֿראָסט האָט געברענט, נאָר די ווײַטמיזרעכדיקע זון האָט געבלענדט אין די אויגן. פֿאָרויס איז גע־לאָפֿן כּונזײַ, נאָך אים איז געגאַנגען אין־די־קאַן, נאָך אין־די־קאַנען איך. אַזוי האָבן מיר דערנאָך זיך באַוועגט שטענדיק, ניט צונויפֿ־ריידנדיק זיך.

געשפּאַנט האָט אין־די־קאַן ניט ווי געוויינ־לעך. די טריט האָט ער געשטעלט ניט פֿאָ־רויס, נאָר אין אַ זײַט, איבערוואָרפֿנדיק זיך פֿון איין אַקסל צום אַנדערן, און ס'איז געווען שווער צו פֿאַרשטיין, וויאַזוי מאַכט ער עס דורך אַ גרויסן מעהאַלעך מיט אַזעלכע טריט. די פּלייצע האָט ער געהאַלטן אײַנגעהויקערט, דער זאַק מיטן עסנוואַרג זאָל אים באַם גיין ניט שלאָגן אונטער די קני.

לענגויס דעם וועג און אַרום אונדז איז גע־ווען אַ געדיכטער קוסטאַרניק, צונויפֿגעמישט מיט נידעריקע ניסן־ביימלעך, אַף וועלכע די בלעטער האָבן זיך נאָך געהאַלטן גאַנץ שטאַרק און געהאַט דעם קאָליר פֿון מעש. אַרום איז געווען שאַ־שטיל, בלויז אונטער כּונזײַס פֿיס האָבן גערוישט פֿאַרטריקנטע בלעטער. דער הונט איז געלאָפֿן פֿאָרויס און צוריק, זיך אָפּטמאָל אָפּגעשטעלט, אָנגעשפּיצט די אויערן, געדרייט מיטן עק, געטאַנצט אַרום אין־די־קאַנען און אַרום מיר און ווידער געלאָפֿן פֿאָ־רויס און צוריק.

נאָך אַ פּאָר שאָ גיין זײַנען אַפֿן שליטוועגס פֿאַרשווּנדן די סימאַנים פֿון היי. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די טײַגע. אין־די־קאַן האָט פֿאָרגע־לייגט מאַכן דעם ערשטן פּריוואַל. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ צעצווײַגטן צע־דער. אַף דער ערד, אײַנגעזונקען אין שניי, זײַנען געלעגן אָנגעוואַלגערטע, געפֿאַלענע פֿון ווינט און געוויטער ביימער־שטאַמען. ווו־ניט־ווו זײַנען געשטאַנען אויסגעטריקנטע צעדערס, אָן צווײַגן, אָן קאָרע, ווי אײַנגעבראָכענע סלופּעס, רויטלעכע באַ דער שײַן פֿון דער זון. די יעלן מיט פֿאַרשנייטע צווײַגן זײַנען געווען פֿאַר־צויגן מיט שטילקײַט און רויִקײַט. די קרוינען פֿון די סאָסנעס און צעדערס זײַנען געשטאַנען, ווי היטערס פֿון אַלץ, וואָס איז נידעריקער פֿון זיי.

אונדזערע זעק זײַנען געהאַנגען אַף אָפּגע־דאַרטע צווײַגן. אין־די־קאַן האָט פֿאַררייכערט זײַן ציבעק, און איך — מײַן ציגאַר. כּונזײַ איז געלעגן אויסגעצויגן לעבן אונדז אין זײַן באַ־ליבטער פּאָזע. ווען עמעצער פֿון אונדז האָט גערעדט, האָט ער אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן, פּונקט ווי ער וואָלט אַלץ פֿאַרשטאַנען.

— אין מאָסקווע ביסטו געווען אַמאָל? — האָט מיך געפֿרעגט אין־די־קאַן.

— אַוודע. פֿון אָדעס קיין ביראָבידזשאַן קאָן מען ניט אַנדערש, ווי דורך מאָסקווע.

— וויפֿל טעג ביסטו געווען אין מאָסקווע? — האָט ער גוטמוטיק אַ זשמורע געטאָן זײַנע אויגן.

— דרײַ טעג.

— דרײַ טעג... זייער ווייניק. זייער ווייניק דרײַ טעג, שײַטאַן־שאַמאַן. און באַ קאַלינינען ביסטו געווען? ניין? און באַ סמידאָוויטשן אויך ניט?

אין־די־קאַן קאָן זיך גאָרניט פֿאָרשטעלן, וויאַזוי קאָן מען זײַן דרײַ טעג אין מאָסקווע און ניט אַרײַנגיין צו קאַלינינען, צו סמידאָ־וויטשן. מער פֿרעגט ער גאָרניט, רייניקט אויס זײַן ציבעק, קלאַפּט אים אָן אַפּסנײַ מיט טוטין און זאָגט:

— אין וועג אַרײַן!

נאָר קיין שום וועג איז, אייגנטלעך, ניט פֿאַראַן. ביז אַהער זײַנען געווען סימאַנים פֿון אַ שליטוועגס, וואָס האָט געפֿירט צו די סקירד־דעס היי, און איצט גייט מען לויט די קאַרבן אַף די ביימער. אָבער זען אָט די קאַרבן איז אומעגלעך. מע האָט זיי אויסגעקאַרבט שוין לאַנג. די זון, דער רעגן און דער ווינט האָבן זיי באַפֿאַרבט אין איין קאָליר מיט די שטאַמען. כּוץ דעם, איז שוין נאָך האַלבן טאָג, די זון איז נאָענט צום האָריזאָנט, אַהער שלאָגן זיך דורך בלויז קאָסע פֿאַסן שײַן.

אונטער די פֿיס סקריפּעט דער האַרט פֿאַר־לעגערטער שניי. ער האָט שוין אַלץ פֿאַרשאָטן און קימאַט פֿאַרגלײַכט אונטער די פֿיס. ווו אַ גרוב, ווו אַ צווײַג, ווו אַ פּניאַק און ווו אַ קאָרטש, האָט מען דערפֿילט שוין נאָכדעם, ווען מע האָט אָנגעטראָטן אַף דעם.

איך האָב זייער מוירע געהאַט, טאָמער, כאַס־וועכאָלילע, וועט אין־די־קאַן פֿאַרבלאָנדזשען אין דער טײַגע. איך האָב אויך אָנגעשטרענגט די ריִע, געדרייט מיטן קאָפּ אַף רעכטס און אַף לינקס, און אין אַ גוטער שאָ אַרום דערפֿילט, אַז די אויגן קריכן מיר מאַמעש אַרויס אַפֿן שטערן. אין־די־קאַן איז געגאַנגען ניט אײַלנדיק, געצויגן דעם ציבעק און געשוויגן. שפּעטער האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ניט געשוויגן האָט ער, נאָר גערעדט מיט אַלץ, וואָס ס'האָט זיך אים געטראָפֿן אין וועג, אַף אַלץ רעאַגירט. ער האָט געלייענט די טײַגע, ווי אַן אָפּענעם

בוך, וואָס איז אָנגעשריבן מיט גרויסע אויסגעס
און ווי יעדעס פּינטעלע, יעדע קאָמע, יעדע
פראגע איז אים פארשטענדלעך, אף אלץ האָט
ער געקאָנט געבן אַן ענטפער. ער האָט גע־
ווּסט, וואָס בא אים איז אונטער די פיס, וואָס
עס איז פאָרויס און וואָס הינטער דער פּלייצע.
ווען־ניט־ווען האָט ער זיך אליין קאָנטראָלירט,
צי ער גייט נאָך די קארבן אף די ביימער, נאָר
אָן זיי וואָלט ער אויך געקומען אהין, וווּהין
מע דארף.

ווײַזט אויס, עס איז שוין לאנג צײַט עסן
ווארמעס. דעם עמעס גערעדט, גלוסט זיך מיר
ניט אזוי עסן, ווי זיך אָפּרוען. איך פרעג בא
זיך אליין, פארוואָס ווער איך אזוי גיך מיד,
און איך ענטפער: דער וועג איז ניט גלײַך,
מע דארף אָפטמאָל א שפּרונג טאָן פון איין
שטיין אף א צווייטן, איבערהויפּט ווען מיר
גייען דורך די פליסנדיקע, ניט געקוקט אפן
פראָסט, טײַכלעך. מיר גייען איבער קלעצער
און שטאמען, איבער קאָטשקעס, בארג־ארויף
און בארג־אראָפּ. נאָר איך כאפּ זיך, אז אין־
די־קאַן גייט אויך מיט דעם וועג, ער גייט דער
ערשטער, ער טראָגט א זאק, וואָס איז שווערער
פון מײַנעם. ער איז, ווי איך בין זיכער, עלטער
פון מיר.

איך האָב גארניט באמערקט, ווי אין־די־קאַן
איז געבליבן שטיין בא א בוים, פארווארפנדיק
דעם קאָפּ ארויף, קוקנדיק, ווי פון צווײַג צו
צווײַג שפּרינגט א וועווערקע, אזוי גיך, אז מע
באווײַזט ניט נאָכשפּירן נאָך איר. בלויז לויט
דעם, ווי דער שניי שיט זיך פון די צווײַגן,
האָט מען געקאָנט באמערקן, ווו זי איז. כונזײַ
האָט געטאנצט, געשפּרונגען און געבילט, זיך
געשטעלט אף די הינטערשטע פיס און זיך
געדרייט ארום אין־די־קאַנען.

און ער, אין־די־קאַן, האָט פון אלץ געהאט
האנאָע: אי פון דעם, ווי די וועווערקע שפּרינגט
פון צווײַג אף צווײַג, פון בוים אף בוים, אי
פון דעם, ווי דער הונט פארווײַלט זיך. זײַן
געזיכט איז געווען באלויכטן מיט א גוטמוטיקן
שמייכל, פּונקט ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל
אין לעבן דערזען א וועווערקע:

— סארא שעדעלע, שײַטאַן־שאמאן!

ער האָט ארויסגענומען פונעם הילצערנעם
שיידל, וואָס איז געהאנגען אפן גארטל, א מעס־
סער, אָפּגעשניטן א פּרוטיקל און געזאָגט, ווי
צו זיך אליין:

— וועלן מיר הײַנט אין אָוונט טרינקען טיי
מיט לימענע, נעם פארזוך, — און מיר דערלאנגט
א שטיקעלע פונעם פּרוטיקל.

איך האָב צעקײַט דאָס שטיקל האָלץ און
דערפילט דעם טאם און רייעך פון עמעסער
לימענע. וואָס פאר א געוויקס איז דאָס, פרעג
איך דערווײַל ניט, ס׳וועט נאָך זײַן גענוג צײַט
זיך דערוויסן וועגן דעם.

אָט אזוי גייען מיר ווײַטער. סקוואָרצאָווס
שטעקן קומט מיר גוט צונוץ, ס׳איז לײַכטער
צו גיין, אָנשפּארנדיק זיך אף אים. מיט אים
איז גרינגער אויסצומײַדן א קאָטשקע, אן אומ־
געפאלענעם שטאם, צי אנדערע מיט שניי פאר־
שאָטענע שטרויכלינגען, וועלכע טרעפן זיך דאָ
אף טריט און שריט.

אין־די־קאַן שטעלט זיך אָפּ און פרעגט בא
מיר:

— דו זעסט אָט יענע סאָפּקע? צופוסנס פון
איר איז פאראן א שטיל ערטעלע, שײַטאַן־
שאמאן. דאָרט וועלן מיר נעכטיקן.

דערווײַל אָבער זעט מען אינדערווײַטנס גאָר־
ניט. ביימער, ביימער, ביימער. די לופט איז
געוואָרן געדיכטער און בלויער, דער פראָסט
שטארקער, דער שניי אונטער די פיס הילכיק־
סקריפּענדיקער. אלץ איז אומבאוועגלעך און
שטיל.

אינגיכן זײַנען מיר טאקע געקומען צו דער
סאָפּקע, וועגן וועלכער אין־די־קאַן האָט גע־
רעדט. קוידעמקאָל הענגען מיר אויף אף די
ביימער אונדזערע זעק, דערנאָך קלײַבן מיר
אָן טרוקענע צווײַגן פאר א פײַער. אף רעכטס
פון אונדז דערטראָגט זיך דאָס שטילע מורמלען
פון א וואסערפאל. נאָך וואסער גייען מיר
זאלבעצווייט, אין־די־קאַן זאָגט, אז לאָזן מיך
אליין טאָר ער ניט, ווײַל די ביקס איז מיט
אים.

— און מײַן רוקזאק? — פרעג איך אים.

— דעם רוקזאק וועט קיינער ניט נעמען,
אין טײַגע דארף מען זײַן באהיט פון א כײַע,
ניט פון מענטשן, שײַטאַן־שאמאן!

דער וואסערפאל איז שוין געווען גענוג אָנ־
געפרוירן אין דער הייך, קימאט אפן שפּיץ
פון דער סאָפּקע. דאָס אײַז האָט אויסגעזען,
ווי אָנגערונענע פארגליווערטע הרודעס כיי־
לעוונע ליכט, פון זיי איז דאָס וואסער ניט
געפלאָסן, נאָר ווי זיך ארויסגעריסן אף דער
פרײַ.

די קרעפּלעך קאָכן זיך שוין, און מיר הייבן
אָן גרייטן די געלעגערס. מיט בינטלעך צווײַגן
שארן מיר צונויף דעם שניי אף צוקאָפּנס,
לייגן זיך ארײַן אין די שלאָפזעק אפן שניי,
ס׳זאָל זיך אויספּאָרמירן אונדזער „בעט“. די
רוקזעק זײַנען איצט בא אונדז צופוסנס, מיר
זאָלן זיי זען, ליגנדיק אף די געלעגערס.

אָפּגעגעסן צו זאט, טרינקען מיר אויס די
קווערטלעך טיי (מיט לימענע!). די מידקײַט
פארפלייצט אלע גלידער.

— אין־די־קאַן, וויפל האָבן מיר הײַנט דורכ־
געמאכט קילאָמעטער? — פרעג איך.

— הײַנט האָבן מיר געמאכט א האלבן טאָג

גאנג. מאָרגן, שײַטאַן־שאַמאַן, דאַרף מען מאַכן א גאַנצן טאָג גאַנג.

— וויפל זשע קילאָמעטער איז א טאָג גאַנג? — בין איך נײַגעריק צו וויסן.

— דאָס ווייס איך ניט, מיר מעסטן ניט אף קילאָמעטערס.

מיר זײַנען אַרײַן אין די שלאָפזעק. די ביקס האָט אין־די־קאַן אַרײַנגעלייגט צו זיך אין שלאָפזאַק.

איך האָב אים געפרעגט:

— עפשער אוועקלייגן דעם רוקזאַק מיט געלט צוקאָפּנס?

— ניין, ניין, קיינער וועט אים ניט טשעפּען. טאָמער וועט פאַר א האַלבער שאָ גאַנג טרעפן א מענטש, וועט דער הונט געבן צו וויסן.

— פאַרוואָס זשע נעמט איר די ביקס צו זיך?

— אויב א כײַע וועט אָנפאַלן, שײַטאַן־שאַמאַן.

צווישן אונדז, אף אָנגעשאָטענע יעלן־צווײַגלעך, איז געלעגן כונזײַ. איך האָב געפילט זײַן אָטעם און די וואַרעמקײַט. ס'האָט אויסגעזען אזוי, פונקט ווי מיר אַלע שלאָפן אף איין בעט, נאָר דעקן זיך צו מיט באַזונדערע קאָלדרעס. אין טײַגע איז געווען שאַ־שטיל, יעדער מינדסטער שאָרך פונדערווײַטנס דערטראָגט זיך בוילעט. נאָר אָט האָט זיך דערהערט א הילכיקער קלאַנג.

— דאָס קנאַלן די צעדערס, — זאָגט אין־די־קאַן. — זיי שפּאַלטן זיך פון אינווייניק, פונעם פראָסט.

צו מיר דערגייט דער רויך פון אין־די־קאַנס ציבעק, ער שלאָפט ניט. אייגנטלעך, איז דאָך נאָך ניט אזוי שפּעט, און אין־די־קאַן זאָגט, גלײַך ווי ער וואָלט פאָרגעזעצט דעם באַטאָגיקן שמועס:

— הייסט עס, דו ביסט בא קאַלינינען ניט געווען? א שאָד, א שאָד...

איך פיל, אז ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו מיר.

— א שיינע שטאָט מאָסקווע... זייער א גרויסע. וויפל דו זאָלסט ניט פאָרן, שײַטאַן־שאַמאַן, קאָנסטו ניט קומען צו איר סאָף... אווטאָמאָבילן, פערד און וועגעלעך, טראַמוויען — אָן א שיר און אָן עק... מענטשן אזויפיל, וויפל ביימער אין טײַגע...

זײַן ציבעק האָט זיך פאַרלאָשן, ער האָט זיך צוגעזעצט אין שלאָפזאַק און גענומען טשמאַקען דעם מונדשטוק. איך האָב ווידער דערפילט דעם רויך פון שטאַרקן טוטין.

— בין, שײַטאַן־שאַמאַן, מע מאַכט אליין ניט דורך דעם וועג פון ביראָבידזשאַן קיין מאָסקווע, קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלן, ווי ווײַט דאָס איז, א קלייניקײַט צו זאָגן, נײַן מעסלעס מיט א גיכן צוג... און דו ווייסט, איך בין שיר דאָרט ניט געבליבן אָן פּיס. ווו דו גייסט און ווו דו שטייסט, טרעט מען דיר אף די פּיס: גייסט אַרײַן אין טראַמוווײַ — טרעט מען אף די פּיס, שטייסט אין מאַגאַזין — טרעט מען אף די פּיס. אַלע טראָגן דאָרט שטיוול אָדער שיך מיט קאַלאָשן, פילן זיי ניט, אז מע טרעט אף זיי אָן. און איך טראָג ווייכע איטשיגעס, אָדער אונטעס. ווי נאָר מע טרעט מיר אָן אף די פּיס, דערפיל איך באַלד, שײַטאַן־שאַמאַן!

ער האָט זיך שטאַרק פאַרצויגן, זיך צעהוסט און איז זיך פאַרגאַנגען אין א געלעכטער...

דער צווייטער טאָג

גאַנצפרי, ווי נאָר כ'האָב געעפנט די אויגן, האָב איך באַלד באַמערקט, אז אין־די־קאַן איז שוין לאַנג אף די פּיס. דער שײַטער האָט געברענט, אין קעסעלע האָט געבולקעט. לעם שײַטער זײַנען געלעגן באַלעבאַטיש צונויפגעלייגט אין א הורבעטשקע טרוקענע צווײַגן.

ווען איך בין אַרויסגעקראָכן פון שלאָפזאַק, האָט כונזײַ אָנגעהויבן טאַנצן אַרום מיר, זיך געשטעלט אף די הינטערשטע לאַפּעס און אַרײַנגעקוקט מיט זײַנע געלע אויגן גלײַך מיר אין פּאָנעם אַרײַן.

— גוטמאָרגן, — האָט לאַנגזאַם אויסגעצויגן אין־די־קאַן, — ווי ביסטו געשלאָפן? ביסט ניט פאַרפרוירן געוואָרן, שײַטאַן־שאַמאַן?

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געשלאָפן ווינטער באַנאַכט אין דער טײַגע, האָב איך זיך געפילט ניט פויגלדיק, ביפראַט נאָך דורכגעמאַכט אזא מעהאַלעך מיט דער שווערער לאַסט אף די פּלייצעס. אָבער זיך מוידע זײַן אין־די־קאַנען שעם איך זיך, און איך זאָג מיט א פריילעכער מינע:

— א שאָד, וואָס איר האָט מיך פריִער ניט אופגעוועקט, מיר וואָלטן שוין לאַנג באַדאַרפט גיין ווײַטער...

אין־די־קאַן פאַרעט זיך מיט א שטעקל בא די קוילן פונעם שײַטער, ציט זײַן ציבעק און ענטפערט:

— די טײַגע איז ניט קיין ווילדע ציג, זי וועט ניט אנטלויפן...

פונדעסטוועגן דאַרף מען וואָס גיכער אוועקגיין. איך וואַש אײַן דאָס פּאָנעם און די הענט מיט שניי, און מיר נעמען זיך צום פרישטיק.

— וואָס פאַר א מאַרשרוט איז בא אונדז הײַנט? — פרעג איך אין־די־קאַנען.

ער זופּט פּאַמעלעך, מיט האַנאָע די הייסע טיי, כאַפּט זיך ניט צו ענטפערן.

— הײַנט וועלן מיר קימאַט א גאַנצן טאָג גיין אַרוף, אַרוף און אַרוף...

אין דער טײַגע הערשט אַ טויבע שטילקייט, וואָס קלינגט אין די אויערן. מע דאַרף זײַן זייער געניט צו דערשפּירן אַ מינדסטן שאָרך און דערפילן, פונוואַנען ער קומט. מיר נעמען אַף רעכטס, קעדיי אויסצומײַדן אַ שווערן אופּשטײַג. אינ־די־קאַן גייט, ווי שטענדיק, דער ערשטער, איך נאָך אים. זײַנע טריט הער איך בוילעט. קוים שטעלט ער זיך אָפּ, מעג איך אפילע ניט זען, דערהער איך עס באַלד. כונזײַ לויפט הין און צוריק, הין און צוריק. אַ וועווערקע שפּרינגט פון איין צווײַג צו אַ צווייטער. אַ האַרטער שנײַ־קויל פאַלט אַראָפּ פון אַ בוים — כונזײַ ענטפערט אַפן פאַרדומפּטן קלאַנג מיט אַ געביל.

— פאַרוואָס שיסט איר ניט? — פרעג איך אינ־די־קאַנען.

— אַן אווײַרע דאָס פעלעכל.

איך פאַרשטיי ניט: וואָס הייסט אַ יעגער לאָזט דורך אַ וועוווערקע?

אינ־די־קאַן זעצט פאָר:

— באַ מיר אינעם פאַטראָן איז דער שראַפּנעל פאַר אַ גרויסער כײַע. פון מײַן שראַפּנעל וועלן זײַן נאָר לעכער אין דעם פעלעכל, און פון לעכער קאָן מען קיין קאָלנער ניט מאַכן, שײַטאַן־שאַמאַן...

באַ אינ־די־קאַנען זײַנען די ברעמען און דאָס פוטער פונעם היטל אָנגעפרוירן מיט פראָסטיקן טוי. גייענדיק נאָך אים, טראַכט איך, אַז אַ מענטש, וואָס לעבט אין דער טײַגע, דאַרף האָבן אַ סאַך וואָרעמקייט אונטער דער הויט. פלוצעם דערהערט זיך עפּעס אַ גערויש, ענלעך אַף דער טראַסקערײַ פון טרוקענע צווײַגן. דער גערויש טראָגט זיך פונדערווײַטן מיט אַזאַ שנעלקייט, פונקט ווי אַ שטאַרקער ווינט וואָלט אים געטריבן נעענטער און נעענטער צו אונדז. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. כונזײַ האָט זיך צעבילט. איך האָב נאָך אַלץ ניט באַנומען, וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר אינ־די־קאַן איז שוין געשטאַנען גרייט מיט דער ביקס, זידלענדיק זיך אַף אַ קאָל:

— אוך, שײַטאַן־שאַמאַן, סאַראַ שאָד!

ערשט נאָכדעם דערזע איך, ווי ס׳טראָגט זיך אַ גאַנצע סטאַדע ווילדע ציגן. זיי טראָגן זיך אַזוי, ווי זיי וואָלטן געשווומען, ברעכנדיק און טאַפּטשענדיק אַלץ, וואָס קומט זיי אַפן וועג. איצט איז אָט דער אומענדלעכער גערויש ענלעך לויטן קלאַנג אַף אַ וואַסערפאַל.

די ווילדע ציגן זײַנען שוין גאָר נאָענט, אַף אַ מעהאַלעך פון עטלעכע הונדערט מעטער. זיי לויפן איבער דער טײַגע אַזוי לײַכט, פונקט ווי אונטער זייערע פיס וואָלטן ניט געווען קיין גריבער, קיין בערגלעך, קיין געפאַלענע ביימער און צונויפגעפּלאָנטערטע קוסטעס אין איבערפלעכט מיט די הודענעס פון לימענע־ביימער, וואָס ציִען זיך, ווי שטאַלענע דראָטן, אַף צענדליקער קילאָמעטער. די ווילדע ציגן שווימען, אופהייבנדיק זיך און אַראָפּלאָזנדיק זיך, און איבער אָט דער כוואַליע שטייט אַ וואָלקן פון נעם אָטעם, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע מײַלער און פון די נאָזלעכער.

— אוך, שײַטאַן־שאַמאַן! — האָט ווידער אויסגעשריִען אינ־די־קאַן, אַן אופּגערעגטער פון דעם געזעענעם. ער האָט ניט געקאָנט אײַנשטיין אַף איין אָרט, געטופּעט און געטרעפּעט אַף דעם סקריפּענדיקן, אײַנגעגלעגערטן שניי.

— פאַרוואָס זשע שיסט איר ניט, אינ־די־קאַן? נו, שיסט!

אינ־די־קאַן האָט אָפּגעווישט דעם קאַלטן שווייס פון שטערן:

— מע טאָר ניט, — האָט ער קוים אויסגערעדט, — מע טאָר ניט שיסן, ווען ס׳גייט אַ גאַנצע סטאַדע.

— וויאַזוי זשע ווייסט מען, ווען ס׳איז אַ סטאַדע, און ווען ניט קיין סטאַדע?

— מער ווי דרײַ ציגן איז אַ סטאַדע.

מיר זײַנען אַרויס אַף אַ פלאַכן אָרט און דערזען אַפן האָריזאָנט אַ קייט סאָפּקעס, גוט באַלויכטענע מיט זון־שײַן. בלויז די פאַלדן אין די סאָפּקעס זײַנען געווען פאַרטונקלט, און דאָס האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די פאַרשנייטע שפּיצן. די גאַנצע קייט האָט אויסגעזען ווי אַ זאָטל. צו דער סאַמע נידעריקסטער טייל פון דעם זאָטל פירט איצט אונדזער וועג.

— אַז מיר וועלן איבערשטײַגן די סאָפּקעס און קומען צו יענעם אָרט, וועלן מיר האָבן די רעכט צו עסן וועטשערע און זיך אײַנאָרדענען אַף נאַכטלעג, — זאָגט אינ־די־קאַן.

— עס זעט אויס ניט אַזוי ווײַט, נאָר ס׳וועט קלעקן קימאַט אַף אַ גאַנצן טאָג.

— יאָ! אַ גאַנצן טאָג גאַנג, שײַטאַן־שאַמאַן, און אַלץ אַרויף און אַרויף. נו, געגאַנגען.

הײַנט האָב איך, ווי נעכטן, אײַנגאַנצן זיך פאַרלאָזט אַף אינ־די־קאַנען. איך האָב זיך שוין איבערצײַגט, אַז ער ווייסט גוט די טײַגע און האַלט זיך באַם מאַרשרוט. ווען־ניט־ווען פלעג איך אַ קוק טאָן אַף אײַניקע ביימער און באַמערקן די קאַרבן. נאָר, אייגנטלעך גערעדט, צו וואָס דאַרפן מיר זיי איצט? מיר גייען שטרענג אַף צאָפן. כּוץ דעם, האָבן מיר הײַנט אַ גוטן וועגווײַזער — די סאָפּקע. באַ אינ־די־קאַנען איז, ווײַזט אויס, אַזאַ כוש, ווי באַ די פייגל, וועלכע פליִען פון צאָפן אַף דאָרעם און צוריק, און ער וועט אים קיינמאָל ניט אונטערפירן.

אינדערפרי האָב איך זיך געפילט אַזוי צעבראָכן, ווי איך וואָלט אַ גאַנצן טאָג געאַקערט די ערד. נאָר איצט ברעכט שוין ניט אַזוי

דער רוקן, ווי עס ציט אין די ליטקעס פון די פיס. צוביסלעכווײַז ווער איך פאַרט צוגעוווינט צום גאַנג. איך האָב זיך באמת ניט אָפּשטיין פון אין־די־קאַנען. געגאַנגען זײַנען מיר קימאַט שווײַגנדיק. אפֿן גוט אײַנגעלעגענעם שנײַ האָבן זיך אַלץ מער און מער געטראָפן שפּורן פון כײַעס און פֿייגל, כאָטש זיי אַליין האָט מען געזען זעלטן. אָפטער פון אַנדערע האָט זיך באַוויזן די וועווערקע. טאַקע פון אונטער זייע־רע לאַפּקעס פאַלן עס די קנײַלעכלעך שנײַ. אַלעמאָל, ווען ס׳באַווײַזט זיך א וועווערקע, שטעלט זיך אין־די־קאַן אָפּ, בלײַבט א פאַר־גליווערטער, און נאָך א ניט גרויסער פּאַוזע גייט ער ווײַטער. די טײַגע לייענט ער לויט די שפּורן, אַזוי ווי א בוך.

פונקט הײַנט, אפֿן צווייטן טאָג פון אונדזער מאַרש־רײַזע, האָט מיך אָנגעכאַפּט א נײַגער צו דערוויסן זיך, וויפל געלט איז בא מיר אין רוקזאַק. ניט שוין זשע באַקומט אזא קליינינ־קער יישעוו, ווי קוקאַן, אַזויפיל געהאַלט, אַז מע דאַרף דאָס געלט טראָגן אין א רוקזאַק? עמעס, די וואָג פונעם רוקזאַק זאָגט נאָך גאָר־ניט: מע קאָן אים אָנשטאָפּן מיט איינע רובלען — האָסטו איין וואָג, אָדער מיט פינפֿערלעך — א צווייטע וואָג. נאָר הײַנט, ווען איך האָב אים פאַרוואָרפן אויף דער פלייצע, האָט זיך מיר געדוכט, אַז ער איז שווערער, איידער נעכטן. פונוואַנען זאָל זיך דאָס נעמען? נאָך מער, מיר דוכט זיך, אַז איצט, באַטאָג, איז ער נאָך שווערער, ווי אינדערפרי. כ׳האָב זיך אַזוי פאַרטראַכט, אַז איך האָב אפילו ניט באַמערקט, ווי כ׳בין א ביסעלע אָפּגעשטאַנען פון אין־די־קאַנען.

א קוק געטאָן אויף צוריק, האָב איך דערזען: מיר זײַנען שוין גאַנץ הויך. דאָס אָרט, ווו ס׳האָט זיך דורכגעטראָגן די סטאַדע ווילדע ציגן, איז איצט געלעגן בא אונדז צופוסנס. די קרוינען פון די צעדערס זײַנען געווען ווי אין א געדיכטן בלויען נעפּל. אַלצדינג האָט אויס־געזען דײַטלעך, בוילעט, צעטיילט אויף געוויסע שטעקאַכים, און וועלכע ס׳איז זייער גרינג זיך צו פאַנאַנדערקלײַבן. איצט גייען מיר שוין ניט אויף צאָפן, נאָר אויף צאָפן־מיזרעח, און קעדיי אופהייבן זיך העכער, מאַכן מיר א זיגזאַג.

אינגיכן זײַנען מיר געקומען צו א קוואַל, וואָס טריפט אַרויס גלײַך פון דער סאָפּקע. דער קוואַל, דערציילט אין־די־קאַן, ווערט ניט פאַר־פרוירן אויף א מעהאַלעך פון עטלעכע קילאָמע־טער אין סאַמע גרעסטן פראָסט. מיר שטילן דאָ דעם דאָרשט, רוען זיך א ביסל אָפּ — און ווײַטער אין וועג אַרײַן, אַלץ העכער און העכער.

דער רוקזאַק ציט אויף צוריק, נאָר איך שטעל די טריט פאָרויס, בלויז פאָרויס!

אָט אַזוי גייענדיק, האָט זיך מיר דערמאָנט א מײַסע, וואָס איך האָב זי געהערט פון מײַן פאָטער.

...א פויער איז אמאָל געקומען אין שטעטל צו א באַקאַנטן קלייטניק און געבעטן אים אָפּ־וועגן אַן אָקע זאַלץ. דער קלייטניק האָט דאָס זייער גיך אָפּגעטאָן און גלײַך אַרײַנגעשאָטן די זאַלץ דעם פויער אין זעקעלע. יענער האָט עס א טרייסל געטאָן אינדערלופטן, ווי ער וואָלט דאָס נאָכאַמאָל אָפּגעוויגן אין דער האַנט, באַצאָלט, פרעגנדיק דערבײַ:

— מוישע, דו האָסט אָפּגעוויגן גוט, מיך ניט אָפּגענאַרט?

דער קלייטניק האָט מיט פאַרדראָס א קוק געגעבן אפֿן פויער און אים געענטפערט:

— נו, יאָ, איך וועל טאַקע אויסבויען א גאַנצן מאַיאָנטעק דערפון, וואָס איך האָב דיך אָפּגענאַרט באַם אָפּוועגן אַן אָקע זאַלץ!

דער פויער האָט זיך פאַרשעמט און איז אַוועק. שוין אַרויסגייענדיק פון שטעטל, האָט ער ווידער א הייב געטאָן דאָס זעקעלע זאַלץ פאַר די אויגן, דאָס ווידער א טרייסל געטאָן, ווי ער זאָל עס נאָכאַמאָל אָפּוועגן, און געזאָגט צו זיך אַליין: „פונדעסטוועגן האָט ער מיך אָפּגענאַרט, דאָ איז ניטאָ קיין אָקע". אַזוי איז ער דורכגעגאַנגען נאָך עטלעכע קילאָמעטער, ווידער א טרייסל געטאָן דאָס זעקעלע פאַר די אויגן, א קראַץ געטאָן דעם נאַסן פון שווייס שטערן און געזאָגט צו זיך אַליין: „און עפּשער איז דאָ טאַקע פאַראַן אַן אָקע זאַלץ?" און איז ווײַטער געגאַנגען. ווען ער איז געקומען צו זײַן דאָרף, האָט ער שוין דאָס זעקעלע פאַר די אויגן ניט געהויבן, נאָר געקלערט פאַר זיך: „ווײַזט אויס, אַז ס׳איז טאַקע פאַראַן אַן אָקע". א מידער פון וועג, איז ער אַרײַנגעפאַלן אין שטוב אַרײַן און געזאָגט צו זײַן פרוי: „דו ווייסט, איך האָב הײַנט געקויפט בא דעם קלייט־ניק אַן אָקע זאַלץ, איז דאָרט פאַראַן געוויס אַנדערהאַלבן אָקעס, אָט גיב א נעם דאָס זע־קעלע".

אַזוי, אָפּאָנעם, איז געווען מיט מײַן רוקזאַק. ער איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער.

באַטאָג האָבן מיר געמאַכט א קורצן איבע־רײַס אויף וואָרמעס — בלויז קעדיי אופזידן פון שנײַ וואַסער, אָפּקאָכן די קרעפּלעך און אָפּעסן. אפילו געשמועסט צווישן זיך האָבן מיר ווײַ־ניק.

אין־די־קאַן האָט א שאַרף אויג, ער זעט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. די טײַגע זעט ער אויף דורך און דורך. דאַכט זיך, א פּאַשעטע זאַך — אויסקלײַבן אַן אָרט, ווו צו אָפּעסן וואָר־מעס, — וועט עס קיינער ניט געפינען בעסער פון אים. אָט ליגט א טרוקענער צעדער, אָן קאָרע, ריין אָפּגעשיילט, ווי אַן אייעלע. דער

שנײ האָט זיך אַף אים ניט פֿאַרהאַלטן. איז טאַקע דער דאָזיקער שטאַם איצט פֿאַר אונדז סײַ א טיש, סײַ א באַנק. עסנדיק, וואַרפֿן מיר זיך איבער מיט א פּאָר ווערטער. אין־די־קאַן איז זיך מוידע:

— איך האָב געמיינט, אַז כ׳וועל האָבן צאָרעס מיט דיר אין דער טײַגע, נאָר ווי איך זע, ביסטו א קאָמסאָמאָליעץ, שײַטאַן־שאַמאַן...

ער זעצט פֿאָר:

— ווען איך האָב געוואַרט אַף דיר אַף דער סטאַנציע אין, האָט זיך צו מיר צוגעזעצט א באָכער, א וואַלדהעקער. ער איז אַוועקגעפֿאָרן... ניין, ניין, וואָס זאָג איך, ניט אַוועקגעפֿאָרן, נאָר אַנטלאָפֿן פֿון טײַגע, שײַטאַן־שאַמאַן, אַף מײַרעוו. אים געפֿעלט ניט דאָ. ער האָט געוואָלט, איך זאָל אים פֿאַרקויפֿן א ביסל פּעלמעניעס, וועלכע דו רופֿסט קרעפּלעך. האָב איך אים געזאָגט: „ניין, אויב דיר געפֿעלט דאָ ניט, טאָ פֿאָר זיך, ברודערל, און לאָז מיך צורו!״ ער בעט בײַ מיר, און איך זאָג אים אָפּ, ער בעט בײַ מיר, און איך זאָג אים אָפּ. צום סאָף גיב איך אים צו פֿאַרשטיין: „הער, ברודערל, וואָס איך וועל דיר נאָך זאָגן, אָט די פּעלמעניעס פֿון בערנפֿלייש זײַנען, אויב דו ווילסט וויסן, ניט מײַנע, אַלע לערערנס פֿון דער שול און פֿונעם קינדערגאָרטן און נאָך א סאַך פֿרויען, און אויך מײַן מאַריִע, זײַנען געזעסן גאַנצע נעכט און געקלעפּט די פּעלמעניעס, זיי זײַנען פֿאַר א באָכער, וואָס דאַרף גיין מיט מיר קיין קוקאַן. פֿאַרשטייסט?״

בײַ דעם וואַרעמעס האָבן מיר אַפֿילע ניט באַמערקט, ווי דעם גאַנצן אַרום האָט פֿאַרהילט א גרויער נעפּל. לויט דער צײַט איז געווען נאָך האַלבער טאָג, נאָר די זון איז פֿאַרשוווּנדן. מיר זײַנען שוין געווען גאַנץ הויך, אַפֿן סאַמע איבערפֿאַל פֿון דער סאָפּקע, נאָר וואָס קומט דאָ פֿאָר? פֿון יענער זײַט סאָפּקע, אַף וויפֿל מע קאָן נאָך פֿאַרנעמען פֿונדאַנען מיטן אויג, זעט אַלץ אויס ווי אײַנגעוויקלט אין שוואַרצן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זע איך אַזא שוידערלעך בילד, אַפֿילע דער שנײ איז געווען שוואַרץ. בײַ דער מערהײַט ביימער איז די קאָרע געווען אָפּגעברענט ביז דער הייך פֿון א מענטשלעכן וווּקס. פֿון קליינוווּקסיקע ביימלעך, קוסטעס איז קימאַט גאָרנישט ניט געבליבן.

אויך אין־די־קאַן, וועלכער איז שוין, ווי עס ווײַזט אויס, געוווינט צו אַזעלכע בילדער, איז לעכאַטכילע געשטאַנען א דערשיטערטער. ער האָט עטלעכע מאָל א טשמאָקע געטאָן מיט דער צונג, שאָקלענדיק זיך פֿון איין אַקסל צום צווייטן, און געזאָגט:

— אײַ, אײַ! אָך, אָך, אָך! שײַטאַן־שאַמאַן! וויפֿל כײַעס זײַנען דאָ אומגעקומען, וויפֿל כײַעס זײַנען פֿונדאַנען אַוועק און וועלן זיך שוין קיינמאָל אַהער ניט אומקערן! אָך, אָך, שײַטאַן־שאַמאַן!

דערנאָך, שוין מיט א מער שטרענגן און באַפֿעלערישן טאָן, וועלכער האָט זיך בײַ אים אַרויסגעכאַפּט דאָס ערשטע מאָל, זינט מיר גייען מיט אים:

— מיר דאַרפֿן זיך אײַלן, וואָס גיכער אַרויסגיין פֿונדאַנען, אַראָפּ און אַראָפּ, ס׳איז איצט טײַער יעדע רעגע, מיר דאַרפֿן פֿונדאַנען אַוועקגיין אַף רעכטס, ניט אַף לינקס, וווּהין מיר האָבן באַדאַרפֿט גיין, נאָר אַף רעכטס. פֿאַרשטייסט?

מיר זײַנען אַוועק מיט גיכע טריט, אַראָפּ, אַראָפּ, צום צופֿוסנס פֿון דער סאָפּקע. אײַנדערלופֿטן האָט געשמעקט מיט סמאָלענע, ווי נאָך א סרייפֿע. אַלץ ווייניקער און ווייניקער האָבן זיך געטראָפֿן קלעצער, אָנגעוואַלגערטע ביימער, שטאַמען, קוסטעס און צווײַגן. דאָס פֿײַער האָט אַלץ פֿאַרגלײַכט, דער שנײ האָט אַלץ פֿאַרשאָטן און אויסגעמאָסטעט. די סאַזשע איז געקראָכן אין מויל אַרײַן, געקריצט אַף די ציין, פּונקט ווי מיר וואָלטן געגאַנגען אין א זאַמדיקן מידבער. מיר זײַנען שוין געווען זייער נאָענט צו דער סאָפּקע. די טונקלקײַט איז געוואָרן געדיכטער, צי דאָס האָט זיך געדאַכט, ווײַל מיר זײַנען שוין אַרײַן אין דער נידער.

אַף א ווײַלע שטעלן מיר זיך אָפּ. אין־די־קאַן רופֿט צו כונזײַען, וועלכער איז געוואָרן אינגאַנצן שוואַרץ, קיין ווײַסע פֿלעקן זײַנען אַף אים שוין ניטאָ. מיטן שטעקן צעגריבלט אין־די־קאַן דעם שנײ און באַווײַזט מיר:

— דו זעסט, דער שנײ איז אַף דורך און דורך מיט סאַזשע, שײַטאַן־שאַמאַן!

יאָ! דאָ איז ניט פֿאַראַן ניט קיין האָלץ, ניט קיין וואַסער אַף אָפּקאָכן וואַרעמעס. פֿונדאַנען ביז דעם נאָענטן טײַכל דאַרפֿן מיר נאָך א גאַנצע שאָ גיין: צום קעגנאיבערדיקן ברעג האָט דאָס פֿײַער געוויס ניט דערגרייכט. אָבער גיין דאַרף מען שנעל און פֿאָרזיכטיק. אַזאַ־אָ טעמפּ, ווי איצט, איז נאָך בײַ אונדז ניט געווען. אין־די־קאַן לייגט פֿאָר:

— גיב מיר דײַן רוקזאַק, נעם בײַ מיר די ביקס.

— ניין, — זאָג איך אים, — בײַטן זיך דאַרף מען ניט.

א שאָ איז א קליינער צײַט־אָפּשניט, אָבער אַמאָל קאָן זי דורכלויפֿן גאַנץ גיך און אַמאָל זיך ציִען ווי אַן אייביקײַט. איצט האָט אָט די שאָ, וואָס מיר דאַרפֿן דורכמאַכן, זיך געצויגן זייער לאַנגזאַם, כאָטש מיר גייען אין א גיכן טעמפּ. אַרום איז שוין קימאַט פֿינצטער. אין־די־קאַנען זע איך פֿאַר זיך, ווי א שאָטן, ווי א קאָנטור פֿון א געהויקערטן מענטשן, כאָטש איך

גיי זייער נאָענט פון אים. די לופט ווערט אַלץ געדיכטער, עס פילט זיך, אַז אָט באַלד וועט אָנהייבן שיטן אַ שניי. אַרום איז זייער שטיל, עס הערן זיך בוילעט אין־די־קאַנס טריט און כונזיס סאָפּען. איך גיי אָפּ מיט שוויס און פיל שוין קימאַט ניט די פיס, אַ טעמפּע מיד־קייט פאַרפולט אַלע אייוורים.

— דו הערסט? — שטעלט זיך אָפּ אַ רעגע אָפּ אין־די־קאַן. — דו הער זיך אײַן, דאָס רוישט דער טײַך, שײַטאַן־שאַמאַן!

לינקס פון אונדז הערט זיך אַ שטילער, לאַנגזאַמער גערויש פונעם טײַכל. דעם שטראָם קומט אויס, אַפּאָנעם, בײַקומען גרויסע שוועלן. אין־די־קאַן איז, ווי שטענדיק, געווען גערעכט: צום קעגנגיבערדיקן ברעג האָט דאָס פײַער זיך ניט געקאָנט דורכרײַסן, און די טײַגע באַקומט איר געוויינלעכן קאָליר.

איצט זיצן מיר באַם ברעג און קוקן זיך אײַן אין טײַך, אינעם קליינעם טײַכל אור, וואָס איז פול מיט אָנגעוואַלגערטע שטיינער. גרעסערע און קלענערע, האַלב קײַלעכדיקע, שטעקן זיי אַרויס פונעם וואַסער. דער ברעג איז דאָ אַ פלאַכער. אין־די־קאַן טײַטלט מיטן שטעקן, פונקט ווי ער זאָל ציילן די שטיינער.

— וואָס ציילסט איר? — פרעג איך אים.

— איך מערק אָן, ווי אַריבערצושפּרינגען פון איין שטיין אַפן צווייטן.

כונזיי איז שוין אַריבערגעשפּרונגען אַף יענער זײַט און בילט פון דאָרט צו אונדז. אין־די־קאַן שרײַט אַף אים:

— צוריק, צוריק, שײַטאַן־שאַמאַן! אָט וועל איך דיר ווײַזן, וויאַזוי צו פאַרלויפן דעם וועג! צוריק, צוריק, שײַטאַן־שאַמאַן!

דער הונט שפּרינגט גרינג פון איין שטיין צום צווייטן און איז שוין ווידער לעם אונדז.

— עפּשער זאָלן מיר דאָ איבערנעכטיקן? — לייג איך פאָר.

— יאָ, — זאָגט אין־די־קאַן, — ס'וועט שווער זײַן צו שפּרינגען מיט די רוקזעק פון שטיין צו שטיין. בעסער דאָס אָפּלייגן אַף מאָרגן.

מיר זעען, ווי אַף יענער זײַט טײַך לעשן זיך די לעצטע סימאָנים פונעם פאַרגייענדיקן טאָג. דורך די הויכע צעדערס און יעלן שטעמ־רירן שמאָלע פאַסן שניי. אַפילע דער הימל איז דאָרט העלער, ניט אַזוי נעפּלדיק.

אין־די־קאַן האָט שוין אַראָפּגענומען פון זיך דעם זאַק, די ביקס. ער ווישט אויס מיטן פּוטער־נעם היטל דאָס פאַרשוויצטע פּאָנעם. איך טו דאָס זעלבע.

וויאַזוי וועלן מיר אין דער פינצטער צעלייגן דעם שײַטער? איך פרעג וועגן דעם אין־די־קאַנען.

— אָ, שײַטאַן־שאַמאַן! באַלד, באַלד וועסטו זען, באַלד, באַלד מאַכן מיר אַ שײַטער, באַלד, באַלד קאָכן מיר אָפּ די קרעפּלעך, און מיר וועלן זיך פילן אַזוי גוט, ווי אין דער היים, אין קוקאַן.

ער פאַרשווינדט אין דער פינצטערניש, צו מיר דערטראָגן זיך זײַנע אַלץ מער אָפּגעווײַטערטע טריט. אין דער שטילקײַט הערט זיך בוילעט דאָס פליסן פונעם וואַסער אינעם טײַך. איין גערויש, אַ מער הילכיקער — אַרום דעם גרעסערן שטיין, אַנדערע — אַרום די קלענערע שטיינער.

פלוצעם דערהערט זיך עפּעס אַ טראַסק. דאָס קערט זיך אום אין־די־קאַן מיט אַ גרויסער טרוקענער צווײַג — אַפילע אין דער פינצטער האָט ער געפונען דעם געהעריקן בוים, אַרופּ־געקלעטערט אַף אים, זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַ צווײַג און זי אָפּגעבראָכן.

און אָט זיצן מיר שוין באַ דעם שײַטער. די טרוקענע צווײַגן ברענען, טרישטשענדיק, און די פינצטערניש פונדאַנען זעט אויס נאָך טי־פער, דאָס דרײַפּיסל הענגט איבער דעם שײַ־טער, און די קרעפּלעך קאָכן זיך. דער געשמאַ־קער רייעך צעגייט זיך איבער דער גאַנצער טײַגע. ניט לאַנג צוריק בין איך גרייט געווען זיך אַרײַנוואַלגערן אין שלאָפזאַק אָט אַזוי ווי איך שטיי און גיי, און אַנשלאָפן ווערן. די מידקײַט האָט מאַמעש געצויגן צו דער ערד. איצט אָבער, ווי נאָר ס'האָט זיך באַוויזן דאָס פײַער פונעם שײַטער, איז געוואָרן פריילעכער אַפן האַרצן. אין־די־קאַן פאַרקעט זיך באַם שײַטער, וואַרפט אונטער טרוקענע צווײַגן, און פונקען הייבן זיך אויף אין דער הייך. דערנאָך שאַרט ער צונויף די אָנגעגליטע קוילן, צײַנ־דיק דערבײַ מיט האַנאַ זײַן ציבעק.

כונזיי האָט הײַנט געביטן זײַן געוויינלעכע פּאָזע. ער ליגט ניט ווײַט פונעם שײַטער, צו־נויפגעדרייט ווי אַ בייגל, באַהאַלטנדיק די מאָרדע צווישן די פיס אַזוי, אַז מע זעט זי קוים אַרויס.

דורך דער שײַן פונעם שײַטער זעט מען, ווי ס'פאַלן שיטערע שנייעלעך, ווײַזט אויס, דער פראָסט האָט אַ ביסל אָפּגעלאָזט.

זיצנדיק באַם שײַטער, הייבט אין־די־קאַן אָן, צוערשט מורמלענדיק אונטער דער נאָז, ווי פאַר זיך, דערנאָך אַלץ העכער און העכער, זינגען אַ ליד. פריער איז געווען בלויז דער ניגון, שפּעטער זײַנען געקומען די ווערטער — אָפּגעהאַקטע, צעדריבלטע, קורצע, אָפּגיך אויס־געזונגענע און שוין צום סאָף פאַרצויגענע. כ'האָב זיך באַמיט צו געפינען איין וואָרט, אָן ענלעכס אַף אַ צווייטס, איין קלאַנג, אָן ענלעכן אַף אַ צווייטן, נאָר ניט געקענט. סײַ דאָס לאַשן, סײַ די מוזיק זײַנען געווען ניט קיין באַקאַנטע. איך האָב ניט איבערגעשלאָגן, געלאָזט אין־

די־קאַנען זיך אויסזינגען. פּלוצעם האָט ער זיך אַליין אַ כאַפּ געטאָן:

— איַ, איַ, איַ, שיַיטאַן־שאַמאַן...

די שנייעלעך פאַלן אַלץ געדיכטער. זיי פאַלן אויף די הייסע צעקאָכטע קרעפּלעך און פאַרשווינדן. אין־די־קאַן מאַכט גרעסער דאָס פיַיער, קעדיי צו זען, ווי בעסער זיך איַינמאָסטען אויף באַנאַכט. אײַנגיכן ליגן מיר שוין אין די שלאָפזעק, נאָר אַנשלאָפן ווערן איז ניט גרינג. אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין מעשעך פונעם טאָג, האָט זיך געדרייט פאַר די אויגן. איך האָב ווידער געזען די פאַרסאַרפעטע טיַיגע און געוואָלט זיך פאָרשטעלן, ווי־אַזוי זי האָט געברענט, געוואָלט דאָס פאַרגליַיכן מיט דער סרייפע, וועלכע איז פאָרגעקומען בא אונדז אין שטעטל, ווען די דיַיטשן האָבן אָקופּירט אוקראַ־ינע אין דער ציַיט פון בירגערקריג.

אין שטעטל איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ, און אינמיטן אָט דעם פּלאַץ — לאַנגע רייען קלייטן, די טירן אַנטקעגן איינע צו די אַנדערע. ס'האָט זיך געטראָפן, אַז אַ קלייטניק האָט געכאַפּט אַ מויז, זי באַגאָסן מיט קעראָסין, אונטערגעצונדן און אָפּגעלאָזט זי לויפן. פון דעם האָט זיך גענומען „די גרויסע סרייפע", ווי מ'האָט זי נאָכדעם אָנגערופן. אינעם שטעטל זיַינען דעמלט געווען די דיַיטשן, האָבן זיי באַלד אַרומגערינגלט דעם גאַנצן פּלאַץ, קיין איין מענטשן צום פיַיער ניט צוגעלאָזט, אַלץ געשריַ־ען: „אַכטונג, אַכטונג, אָרדענונג, אָרדענונג!" די שטעטלשע פיַיערלעשער מיט די פעסלעך וואַסער און מיט די לעש־מאַשינעס זיַינען אויך געשטאַנען פון יענער זיַיט קייט, וואָס די דיַיטשישע סאָלדאַטן האָבן געשאַפן, — אַפילע די באַלעבאַטים פון די קלייטן און די מענטשן, וואָס זיַינען דאָרטן געווען, בייס עס האָט זיך אָנגעהויבן די סרייפע, האָבן זיי אויך אַרויסגעשטופּט אויף יענער זיַיט קייט, שריַיענדיק: „אַכטונג, אַכטונג, אָרדענונג!". און אַזוי, ביז אַלע קלייטן האָבן אויסגעברענט, ווי ליכט.

אין מיַין זיקאָרן איז די סרייפע אין שטעטל פאַרבליבן, ווי די גרעסטע, וועלכע איז מיר ווען־עס־איז אויסגעקומען צו זען. נאָר דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען דאָ, אין דער טיַיגע, איז שווער געווען צו באַנעמען. ס'איז אויך שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, ווי־אַזוי האָט דאָס פיַיער זיך אָנשטילט. דאָס אַלץ האָט מיר איצט געגעבערט דעם מויעך, און, ניט קוקנדיק אויף דער מידקיַיט, האָב איך ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן. איך האָב זיך געדרייט פון איין זיַיט אויף דער צווייטער, פאַרייכערט און ווידער זיך געדרייט.

— שלאָף, שלאָף. מאָרגן וועט זיַין אַ שווערער טאָג, — האָט זיך אָנגערופן אין־די־קאַן. און אים דאַרף מען הערן, אויב ער זאָגט צו אַ שווערן טאָג, וועט זיַין אַ שווערער טאָג...

דער דריטער טאָג

איך בין געלעגן און אַלץ ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן. נאָר אין־די־קאַנען האָב איך ניט געוועקט. ס'איז געווען שוין האַלבע נאַכט, ווען פּלוצעם האָט כונזיַי זיך צעבילט. אין־די־קאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט און גליַיך גענומען די ביקס אין האַנט. איך בין אויך אַרויס פון שלאָפזאַק. דער הונט איז געשטאַנען באַם טיַיך און הילכיק געבילט צום קעגנאיבערדיקן ברעג.

— וואָס קאָן דאָס זיַין?

— דער רועך ווייסט וואָס, שיַיטאַן־שאַמאַן, — ענטפערט בייז אין־די־קאַן, איַינקוקנדיק זיך אין דער פינצטער, — איך זע דאָרט קיינעם ניט.

ער פּרוּווט באַרו־יקן דעם הונט, נאָר יענער בילט פון מאָל צו מאָל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. נעמט אין־די־קאַן אָן דעם הונט, הייבט אים אויף, ווי אַ בערעמעק האָלץ, טראָגט אים צו זיַין שלאָפזאַק און לייגט אים אַוועק לעבן זיך.

— שלאָף, שלאָף, שיַיטאַן־שאַמאַן, — קלאַפּט ער אים איבער דער פּלייצע, ווי מע קלאַפּט צו, ווען מע פאַרוויגט אַ קליין קינד.

מיר האָבן זיך ווידער איַינגעמאָסטעט אין די שלאָפזעק און זיַינען אַנשלאָפן געוואָרן.

נאָר לאַנג שלאָפן איז ניט אויסגעקומען, כונזיַי האָט זיך ווידער צעבילט. אונדזער קלייניקער לאַגער איז געוואָרן אומרו־יק און וואַך. אין־די־קאַן זאָגט, אַז גלאַט אַזוי, אָן אַ סיבע, וועט דער הונט ניט בילן. נאָר וואָס קומט פאָר אויף יענעם ברעג פונעם רוישיקן טיַיכל, ווייסן מיר ניט: די פינצטערניש באַהאַלט אויס פון אונדז דעם סאָד, מיר וועלן זיך דערוויסן וועגן אים, אויב ס'וועט זיך איַינגעבן, בלויז דעמלט, ווען עס וועט ווערן ליכטיק. אין־די־קאַן צעלייגט אַ ניט־גרויסן שיַיטער, מיר זעצן זיך אַוועק אַרום אים, רייכערן און קוקן, ווי די פונקען הייבן זיך אויף אין דער הייך און לעשן זיך דאָרט אויס. דער געוויש פונעם וואַסער אינעם טיַיכל איז איצט איינטאָניק, די קרוינען פון די צעדערס און סאָסנעס האָבן זיך ווי געסוידעט: שו־שו, שו־שו... דער פראָסט איז שטאַרק, האַגאַם זיצנדיק באַם שיַיטער, האָט מען אים ניט געפילט.

די שטימונג בא אין־די־קאַנען איז ניט פון די בעסטע. אַלץ, וואָס ער טוט איצט, טוט ער שוויַיגנדיק. ער ענטפערט ניט אויף קיין פראַגע און סטאַרעט זיך ניט פאַרפירן קיין שום שמועסן. שוויַיגנדיק גייט ער אַוועק אין דער פינצטער און ברענגט נאָך אָנגעבראָכענע צוויַיגן, אַ

קעסעלע וואַסער, אַפילע דעם הונט האָט ער אופגעהערט צו זידלען. ניט געקוקט דערויף, וואָס ס'איז נאָך פינצטער און אַזוי פרי, האָט ער שוין אָפּגעקאָכט דעם פרישטיק און אָן ווערטער מיר אונטערגעטראָגן דאָס שיסעלע. ס'האָט זיך געפילט, אַז ער וויל אַלצדינג אָפּטאָן אין דער פינצטער, קעדיי שפּעטער אויסנוצן בעסער די שײַן פון טאָג.

ווען מיר האָבן שוין פאַרענדיקט מיטן פרישטיק, האָט ער פּלוצעם געזאָגט:

— באַלד, באַלד וועט ליכטיק ווערן, מע דאַרף זיך איבערקלײַבן אַף יענער זײַט. ווער ווייסט, ווער ווייסט, שײַטאַן־שאַמאַן, וואָס עס וואַרט אַף אונדז...

— דאָס זעלבע, וואָס אַף דער זײַט, — זאָג איך, — טײַגע, טײַגע און טײַגע.

— ניין, זאָגט ניט אַזוי. אַז כונזײַ בילט, ווייסט ער, פאַרוואָס ער בילט. מיר אָבער קאָנען אים ניט פאַרשטיין.

אַף די שפּיצן פון די ביימער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן העלע שטיקלעך הימל. אין פראָסטיקן פרימאָרגן הייבן אָן בוילעטער זיך אויסקלאָרן די קאָנטורן פונעם אַרום. קיין האָריזאָנטן זײַנען דאָ ניט פאַראַן. די שײַן און די ליכטיקײַט איז געקומען ווי פון דער הייך, פון די שפּיצן קרוינען, איצט שוין באַשײַנטע פון די ערשטע זון־שטראַלן. ס'זעען זיך שוין קימאַט גוט דער קעגנזײַטיקער ברעג, די טײַגע, וואָס שטייט האַרט בא אים, ווי א וואַנט.

כונזײַ איז שוין אין טײַך. קונציק שפּרינגט ער איבער פון שטיין צו שטיין. אָט לויפט ער שוין לענגויס דעם קעגנאיבערדיקן ברעג און בילט, שטעלט זיך אָפּטמאָל אָפּ, שאַרט מיט די לאַפּעס, בילט נאָכאַמאָל און לויפט ווידער, אַרויסקוקנדיק אַף אין־די־קאַנען.

אין־די־קאַן פּרוווט דערווײַל מיט דער הילף פון צוויי שטעקנס איינער אַליין אַריבערגיין דעם טײַך. ער שטעלט זיך אַף א שטיין, טאַפּט אָן די טיפקײַט, שפּאַרט זיך אָן אַף די שטעקנס און שפּרינגט איבער אַף א צווייטן. דער שטיין איז גליטשיק, באַוואַקסן מיט א דין הײַטל אײַז, אין־די־קאַן האַלט זיך קוים אײַן, קעדיי זיך ניט אַראָפּגליטשן אין וואַסער. אַזוי גייט ער אַריבער פון שטיין צו שטיין, און אָט איז ער שוין אַף יענער זײַט. ער קוקט זיך גוט אײַן אינעם שניי, פונקט ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט און קאָן ניט געפינען, כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ, וואַרפט זיך איבער פון איין פוס אַף דעם צווייטן און שרײַט אַף א קאָל אַזוי, אַז איך זאָל דערהערן:

— אײַ, אײַ, אײַ! שײַטאַן־שאַמאַן! אײַ, אײַ, אײַ, שײַטאַן־שאַמאַן!

כונזײַ דרייט זיך אַרום אין־די־קאַנען, בילט, צעשאַרט דעם שניי מיט די פיס, שמעקט און בילט ווידער.

— וואָס איז דאָרט געשען? — שרײַ איך צו אין־די־קאַנען.

אין־די־קאַן טוט אין אײַלעניש א מאַך צו מיר מיט דער האַנט, שרײַט עפּעס אויס, נאָר וואָס, פאַרשטיי איך ניט, און ער פאַרשווינדט אין דער טײַגע.

איך בלײַב אַליין אַף מײַן ברעג.

שוין עטלעכע שאָ, זינט אין־די־קאַן איז פאַרשווונדן געוואָרן, און ער קערט זיך אַלץ ניט אום. איך גיי אַרום לענגויס דעם ברעג פון טײַך, אַהין און צוריק, כ'האָב שוין אָנגעטופּעט א שטעגל אין שניי, קוק זיך גוט אײַן אין דעם אָרט, ווו אין־די־קאַן איז פאַרשווונדן, און קאָן בעשום־אויפן ניט פאַרשטיין, וואָס עס קומט דאָרט פאָר. ער איז אַוועק מיט דעם הונט און מיט דער ביקס, איבערלאָזנדיק מיך דאָ מיט די זעק.

דערווײַל האַלט איך אונטער דאָס פײַער אין שײַטער מיט אונטערגעבערענטע צווײַגן, וועלכע כ'האָב געפונען אין דער נאָענט, און ס'ווערט א ביסל היימלעכער.

די זון האָט זיך אופגעהויבן גאַנץ הויך. דער טאָג האָט אויסגעזען צו זײַן א שטילער און א פּראַסטיקער. איצט, ווען אַלץ איז גוט באַלויכטן, זעט אויס די אָפּגעברענטע זײַט טײַגע ווי א שוואַרצע מאַרעשכוירעדיקע וואַנט.

עס האָט זיך דערהערט דאָס בילן פון כונזײַען. אָט זע איך אים שוין אַפן קעגנאיבערדיקן ברעג, ער לאָזט זיך לויפן גלײַך צום טײַך, שפּרינגט פון שטיין צו שטיין, קומט צו צו מיר, דרייט זיך און טאַנצט, פונקט ווי ער וואָלט מיר וועלן אָנזאָגן עפּעס גוטס, אָנגענעמס. כונזײַ פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס איך שטיי אַזוי גלײַכגילטיק, פאַרוואָס איך טאַנץ ניט און שפּרינג ניט צוזאַמען מיט אים.

אינגיכן האָט זיך באַוויזן אויך אין־די־קאַן. א שײַנענדיקער, פאַרוקט ער דאָס היטל אַפן שפּיץ קאָפּ און ווישט אָפּ דעם שווייס פונעם שטערן, פאַרייכערט דעם ציבעק און פאַרציט זיך שטאַרק. ער קוקט אַף מיר מיט לאַכנדיקע אויגן און שווײַגט.

— וואָס זשע איז געשען? — פרעג איך אים.

— אָ! — זאָגט ער. — שײַטאַן־שאַמאַן! ניט אומזיסט האָט דער הונט געבילט א גאַנצע נאַכט.

און נאָך א קליינער פּאַוזע:

— מע דאַרף וואָס גיכער זיך איבערקלײַבן אַף יענער זײַט ברעג. דו הערסט? וואָס גיכער. מיר וועלן טאָן אַזוי. באַלד גיי איך מיט איין זאַק אַף יענער זײַט, נאָכדעם קער איך זיך אום צוריק אַהער, נעם דײַן זאַק, גיי ווידער צוריק,

און שוין דערנאָך וועל איך קומען נאָך דיר. פאַרשטייסט? — האָט ער גערעדט גיך, קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם.

דאָס ערשטע מאָל זע איך אין־די־קאַנען אַזאַ פאַרשוויצטן און אַזאַ אימפּעטדיקן. אַלע זײַנע באַוועגונגען זײַנען שטענדיק געווען געמאָסטענע און רויִקע.

— וואָס זשע איז דאָרט פאָרגעקומען? — פרעג איך נאָכאַמאָל.

אַנשטאָט אַן ענטפער זאָגט ער:

— באַלד, באַלד, באַלד קער איך זיך אום נאָך דיר.

אין איין אויגנבליק האָט ער אַ שפּרונג געטאָן פונעם ברעג אויפן נאָענטן שטיין, פון אים אַף אַ צווייטן, געוואָלט גלײַך אַ שפּרונג טאָן ווײַטער, נאָר דער זאַק מיט דעם בערנפלייש האָט זיך אופגעהויבן אין דער הייך און אַ קלאַפּ געטאָן אים אונטער די קני אַזוי, אַז ער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אין וואַסער אַרײַן. דער גיכער שטראָם האָט אים באַלד פאַרכאַפּט, נאָר ער האָט זיך גלײַך געפונען, אָנגעשפּאַרט זיך אין די שטעקנס און איז אַרויף אַף אַ שטיין. דאָס וואַסער איז אים געווען העכער די קני.

— צוריק! — שרײַ איך צו אים. — אין־די־קאַן, צוריק!

ער שפּרינגט צוריק, און שוין דאָ, אַף אונדזער ברעג, זידלט ער זיך אַף אַ קול:

— דער רוח ווייסט וואָס, שײַטאַן־שאַמאַן! אַזאַ אַנשיקעניש.

אין איין אויגנבליק קריכט ער אַרײַן אין שלאָפזאַק, זײַנע נאַסע מאַלבושים ליגן באַם שײַטער און טריקענען זיך. ער בייזערט זיך, און דאָס ערשטע מאָל רעדט ער צו זיך אַף נאַנײַער לאָשן.

— מע דאַרף אָנברעכן נאָך צווײַגן, — זאָג איך, — דאָס אָנטאָן זאָל זיך גיכער אויסטריקענען.

— מע דאַרף מער ניט קיין צווײַגן. וואָס זשע, קלײַבסט זיך דאָ נעכטיקן? — שרײַט ער צו מיר.

ווען כ׳קער זיך אום מיט אַן אָבערעמעק אָנגעבראָכענע צווײַגן, זע איך, ווי אין־די־קאַן מאַכט, שטייענדיק אין שלאָפזאַק, קליינינקע טריט און טאַפּט דאָס אָנטאָן, פון וועלכן עס גייט אַ דאַמף.

— צו וואָס דאָס אײַלעניש? איר וועט דאָך קיין נאַסע קליידער ניט אָנטאָן אַף זיך? — פּרוּוו איך אים באַרויִקן.

יאָ, מע דאַרף זיך אײַלן. שוין באַלד אַ האַלבער טאָג אַדורך, און מיר האָבן נאָך קיין איין טראָט פונדאַנען ניט געמאַכט. די זון איז שוין גאַנץ הויך, דער פראָסט איז שטאַרק. די ביימער שטייען באַדעקט מיט פראָסט, די זון באַשײַנט איצט די אָפּגעברענטע זײַט פון דער טײַגע, און זי זעט אויס ניט אַזוי שרעקלעך, ווי נעכטן אין אָוונט און ווי הײַנט גאַנצפרי. אַרום איז שאַ־שטיל, בלויז דער וואַסער־שטראָם רוישט צווישן די שטיינער־שוועלן. אין־די־קאַן הייבט אָן זיך אָנטאָן, כאָטש די מאַלבושים זײַנען נאָך פײַכט.

מיר באַשטימען, אַז שפּרינגען פון שטיין צו שטיין דאַרף מען אָן די זעק, מיר וועלן זיי איבערוואַרפן איינער צום צווייטן פון שטיין צו שטיין. אין־די־קאַן שפּרינגט דער ערשטער. איך צעהוידע דעם זאַק איינדערלויפטן, דערנאָך וואַרף איך אים אין־די־קאַנען. שפּרינגען אָן די זעק איז זיכערער. כוץ דעם, כאַפּט מיך אין־די־קאַן אונטער. אַזוי קלײַבן מיר זיך איבער אַף יענער זײַט טײַך. דאָ פּרוּוו איך זיך דערוויסן, וואָס עס איז פאָרט געשען באַנאַכט, נאָר אין־די־קאַן נעמט ווידער זיך אײַלן.

אַ שטיקל צײַט זײַנען מיר געגאַנגען נאָך די שפּורן פון אין־די־קאַנס טריט, וואָס ער האָט געמאַכט איינדערפרי, דערנאָך האָבן זיי זיך אָפּגעריסן, און מיר זײַנען אַוועק אַלץ מער אַף רעכטס. פון אין־די־קאַנען בין איך איצט ניט אָפּגעשטאַנען, געגאַנגען נאָך אים טראָט נאָך טראָט, נאָר אין מוַיעך עגבערן פראַגן, אַף וועלכע איך קאָן ניט געפינען קיין ענטפער. נעכטן אין אָוונט זײַנען מיר אַוועק אַף רעכטס, קעדיי אויסמײַדן די אָפּגעברענטע טײַגע. ווען מיר זײַנען אַריבער דעם טײַך, האָבן מיר באַדאַרפט גיין אַף לינקס, דאָס הייסט אַף צאָפן, ווו ס׳ליגט אונדזער מאַרשרוט. נאָר איצט גייען מיר נאָכאַמאָל אַף רעכטס, ס׳וואָלט געהייסן — אַף מיזרעך, נאָר לויט דער זון זע איך, אַז מיר גייען אַף דאָרעם, פּונקט ווי אַף צוריקוועגס. מיט אַזאַ־אָ טעמפּ אין אַזאַ אײַלעניש גייען מיר דאָס ערשטע מאָל. פון טראָט צו טראָט ווערט מיר שווערער צו שלעפּן די פיס, עס לאָזט זיך פילן די שלאָפלאָזע נאַכט.

איך לייג פאָר אין־די־קאַנען מאַכן אַ קליינעם איבערײַס שוין וויפל שאָ אַז מיר האָבן ניט גערייכערט.

— באַלד באַלד, שײַטאַן־שאַמאַן! אינגיכן וועלן מיר זיך אָפּשטעלן, — ענטפערט ער אינמיטן גאַנג.

איך פרעג אים, צי ער ווייסט, אַז מיר גייען אַף צוריק.

— ס׳איז אַלציינס, וויִאַזוי צו גיין, — ענטפערט ער, — אַבי קומען קיין קוקאַן.

ניין, הײַנט נאָכגיין אין־די־קאַנען איז אומעגלעך. ער גייט ניט — ער פליט. ווי שטענדיק, שטעלט ער די טריט אַף דער ברייט פון זײַנע פּלייצעס, וואַרפט זיך איבער פון איין אַקסל צום צווייטן און שלינגט, שלינגט קונציק דעם מעהאַלעך.

— ניין, איך מוז זיך צוזעצן, איך קאָן אײַך ניט נאָכלויפן... — זאָג איך.

— באלד, באלד. זעסט אָט יענע מארעווע?[1] דאָרט וועלן מיר זיך צוזעצן.

בא די ווערטער ווארפט ער אראָפּ פון זיך אפגיך דעם זאק און לויפט אוועק פאָרויס. דער הונט הייבט אָן בילן ס'דערהערט זיך באלד א שאָס, נאָך אים נאָך איינער. פונדערווײַטן זע איך, ווי דער הונט האָט זיך אײַנגעהריזעט מיט די ציין אין קארק פון עפּעס א שווארצער כײַע. א ווילדער קאבאן! אין־די־קאן איז געלאָפן זייער גיך, האלטנדיק אין איין האנט די ביקס, אין דער אנדערער דאָס יעגער־מעסער. ער איז צוגעלאָפן צום קאבאן און צוויי מאָל אים א שטאָך געטאָן מיטן מעסער אין בויך.

דער הונט איז אראָפּ פונעם קאבאן, זיך אוועקגעלייגט אין א זײַט און אָנגעהויבן שטיל סקוליען. אין דער לעצטער רעגע, שוין א פארווונדעטער פון די צוויי קוילן, האָט דער קאבאן מיט זײַנע קליקעס צעריסן דעם הונט די פעל אפן בויך.

אין־די־קאן איז א ווײַלע געשטאנען ווי א פארלוירענער, ניט געוווּסט וואָס פריִער צו טאָן. נאָר זײַן פּאָנעם האָט געשמייכלט, און פון אָט דעם שמייכל האָבן זײַנע אויגן אויסגעזען נאָך קלענער. ער האָט צוגעטופּעט מיט די פיס, פונקט ווי ער וואָלט זיי געוואָלט אָנוואַרעמען אף דער קעלט, כאָטש ער איז געווען אינגאנצן פארשוויצט. ער איז אוועקגעלאָפן נאָך דעם זאק, וועלכן ער האָט אוועקגעוואָרפן ניט ווײַט פונדאנען, אינגיכן זיך אומגעקערט, אוועקגעלייגט אים באנאנד מיט דער ביקס, א קוק געטאָן אף מיר און נאָך א גרעסערער פּאוזע געפרעגט:

— וואָס שטייסטו ווי אן איסטוקאן?

איך האָב בעעמעס אליין געפילט, אז מײַן אויסזען דארף בא אין־די־קאנען ניט ארויסרופן קיין באגײַסטערונג. כ'האָב נאָך אלץ ניט געקאָנט באנעמען, וואָס עס איז פאָרגעקומען, אָנהייבנדיק פון באנאכט, ווען דער הונט האָט אָנגעהויבן בילן, און פון אינדערפרי, ווען אין־די־קאן האָט מיך פארלאָזט און איז פארשוווּנדן אין דער טײַגע. דאָס אײַלעניש און לויפעניש האָט געבראכט צו אָט דעם שווארצן גלאנצנדיקן קאבאן, וועלכער ליגט איצט אויסגעצויגן אף דעם עטוואָס בלוילעכן שניי.

אין־די־קאן האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פעלץ און געבליבן אין איין פוטערנער זשיליעטקע. ער האָט פארקאטשעט די ארבל און זיך גענומען פארן קאבאן. מיט געניטע באוועגונגען האָט ער אופגעשניטן דעם בויך אין דער לענג. א געדיכטער קנויל דאמף האָט באלד פארפולט דעם פראָסטיקן ארום. צווישן די געדערים פון דער כײַע האָט אין־די־קאן קונציק אָנגעטאפּט און אויסגעשניטן דאָס הארץ. איצטער האלט ער עס אין דער לינקער האנט, נעמט דאָס אָן פאר איין עק מיט די ציין, און מיטן מעסער, וואָס ער האלט אין דער רעכטער האנט, שנײַדט ער אָפּ א שטיקל, ווארפט עס ארײַן אין מויל ארײַן און קײַט זייער גיך, פארכלינענדיק זיך אזש. מיך עקלט פונעם קנויל דאמף, פונעם רייעך פון דעם פרישן בלוט און הייסן, רויען פלייש. אין־די־קאן גייט צו מיר צו נאָענט און דערלאנגט מיר א שטיקל הארץ:

— עס, עס, ווער עס עסט דאָס הארץ פון א כײַע רויערהייט, וועט אליין זײַן געזונט, ווי א כײַע, שײַטאן־שאמאן.

איצט נעמט זיך אין־די־קאן פארן הונט. ער האָט זיך צוגעזעצט, די פיס אויסגעצויגן פאָרויס און דעם הונט אוועקגעלייגט אף די קני. כונזײַ איז געלעגן שטיל. ערגעץ פונעם היטל האָט אין־די־קאן ארויסבאקומען א פארטריקנטן אָדער פון דער כײַע, א ביינדל פון א פיש — דאָס אלץ האָט אים געדינט פאר א נאָדל־פאָדעם. ער האָט גענומען צונויפנייען די פעל בא כונזײַען, מורמלענדיק דערבײַ עפּעס אף נאנײַיש. דערנאָך איז ער אריבער אף זײַן צעבראָכענעם רורסיש.

— כונזײַ, שײַטאן־שאמאן! וויפל מאָל האָב איך דיך געבעטן: פארלויף ניט דעם וועג דער קויל. איך האָב דאָך געקאָנט נאָך איין מאָל אויסשיסן, ניין זשע, ביסטו פארלאָפן דעם וועג. נו? וואָס זשע האָט זיך באקומען? דו זעסט, נארעלע וואָס דו ביסט, דו ליגסט מיט א צעכראסטעטן בויך. א דאנק גאָט דערפאר, ס'האָט געקאָנט זײַן נאָך ערגער, שײַטאן־שאמאן. וואָס וואָלט מען דעמלט געטאָן? אָט וואָס פאר א נארישער הונט דו ביסט! ווען ווּעסטו זיך שוין אויסלערנען גיין אף א כײַע? ביסט שוין אלט גאנצע דרײַ יאָר! אך, שײַטאן־שאמאן! סארא סטאדע קאבאנעס דאָס איז געווען! נאָר מער שיסן האָב איך ניט געקאָנט, שײַטאן־שאמאן! דו האָסט זיך א וואָרף געטאָן אף דעם וועג פון דער קויל...

ביזוואנען אין־די־קאן איז געווען פארנומען מיטן קאבאן, בין איך ארײַן אין שלאָפזאק, זיך א וואלגער געטאָן אפן שניי און גלײַך אנשלאָפן געוואָרן. אָבער לאנג רוען איז ניט אויסגעקומען. איך האָב געעפנט די אויגן און דערזען, אז אין־די־קאן האָט דעם קאבאן צוגעבונדן צו די עקן פון א גרויסער צווײַג און אליין זיך אײַנגעשפּאנט אין איר, פרוּווּנדיק, וויִאזוי ער וועט זי שלעפּן איבער דער טײַגע. די צווײַג מיטן קאבאן האָט אויסגעזען ווי א יעגערשע „ראָגאטקע”.

[1] מארעווע — ניט קיין גרויס פעלד אין טײַגע, א ניט באוואקסנס מיטביימער.

די קינסטלער פון רספסר — דעם XXV פארטיי=צוזאמענפאָר

(אין צענטראלן אויסשטעלונג-זאל)

אפן ראטנצוזאמענפאָר אין 1923 איז געגרינדעט געוואָרן דער פארבאנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן. קינסטלער ל. קאָטליאַראָוו

אף א מיטינג. קינסטלער יע. מאַיסייענקאָ

מיידלעך פון ק א מ א ז. קינסטלער כ. יאנוקאָוו

געזעגענונג. קינסטלער א. מילניקאָוו

אפרעל. קינסטלער פ. פאָמין

א פארבערן. קינסטלער א. וועליכאָוו



צו דער ארבעט. קינסטלער וו. סטאמאָוו

— וויפל קאָן וועגן אַט דער קאַבאַן? — בין איך נײַגעריק צו וויסן.

אין־די־קאַן נעמט אָן די כּײַע פּאָר צוויי לאַ־פּעס — א פאָדערשטער און א הינטערשטער, גיט זי א טרייסל אין די הענט און לייגט צו־ריק אוועק זי שווײַגנדיק. סע הייסט: נאָך אזא קאַבאַן האָט געלוינט זיך יאָגן א גאַנצן טאָג...

מיר האָבן אָפּגיך געמאַכט טיי און פאַרביסן מיט גאַלעטן און שאָקאָלאַד. אין־די־קאַן האָט זיך אײַנגעשפּאַנט אין זײַן „ראַגאַטקע", און מיר האָבן זיך אוועקגעלאָזט ווײַטער. איצט איז ער שוין געגאַנגען ניט אזוי מונטער, ווי פריִער, די „ראַגאַטקע" איז געוואָרן א שווערע. איך האָב אויך א פּרוּוו געטאָן, נאָר דערפילט, אז כאָטש עס איז שנייִק און פּראַסטיק, וועל איך מיט דער לאַסט זיך ניט ספּראַווען. מיך האָט נאָך אַלץ געמאַטערט די מידקייט. כּונזײַ איז שוין הײַנט ניט געלאָפן פאַרויס פאַר אַלעמען, ניט געשפּרונגען אַהין און צוריק, נאָר געגאַנגען טראָט בא טראָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, זײַן עק האָט זיך ניט געדרייט ווי א בייגל.

פאַרנאַכט האָבן מיר זיך דערקליבן צו אַן אָנגעטאָפּטשעטע אָרט. אין־די־קאַן האָט מיר א ווײַז געטאָן אויף דער ערד:

— דו זעסט, וואָס דאָ האָט זיך געטאָן?

אויף א גרויסן שטעק איז דער שניי געווען מאַמעש אויסגעאַקערט פון קאַבאַנישע פּיס, בלויז ערטערווײַז איז די ערד באַדעקט מיט א דין אײַז־הײַטל. דאָ זײַנען געלעגן וואָרעמע קאַבאַנישע בײַכער. וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך דאָ געטאָן נעכטן אין אָוונט, האָבן מיר ניט געוווּסט, נאָר כּונזײַ האָט מיט זײַן הינטישן כּוש אַלץ דערשמעקט, וועגן אַלץ געוווּסט, ניט גע־קאָנט אונדז בלויז דערציילן. עס האָט אונדז אָפּגעטיילט פונדאַנען די פינצטערניש און דאָס רוישיקע טײַכל.

מיר זײַנען איצט געגאַנגען לענגויס דעם טײַכל א פּאָר שעה, ביז מיר האָבן געפונען א פּאַסיק אָרט צו איבערנעכטיקן. אויף לינקס פון אונדז האָט זיך נאָך אַלץ געזען די אָפּגעבראַנ־טע זײַט פון דער סאָפּקע. מיר האָבן אופגעהאַנ־גען אונדזערע זעק אויף די צווײַגן, פאַרמאַס־קירט דעם קאַבאַן, וועלכער קאָן איצט זײַן א פרימאַנקע פאַר אַן אַנדער כּײַע. ווען מיר האָבן גענומען אײַנמאַסטען אונדזערע געלעגערס, אָפּגעגעסן און פאַרטרונקען מיט טיי, האָבן מיר באַמערקט, אז דער פראָסט איז געוואָרן לינדער און ס'האָט אָנגעהויבן שיטן א שיטערער שניי.

אין־די־קאַן איז פון דעם געוואָרן פאַרזאָרגט. ער האָט באַקוקט נאָכאַמאָל דעם אָרום, פאַר־וואָרפן דעם קאָפּ אין דער הייך און פאַרגע־לייגט, מיר זאָלן זיך איבערקלײַבן פונדאַנען העכער און טיפער אין דער טײַגע, ווײַל דאָ איז, לויט זײַן מיינונג, צו אַן אָפן אָרט: אויב דער שניי וועט גיין לאַנג, קאָנען מיר פאַרפאַלן ווערן, עס וועט אונדז פאַרשיטן.

מיר נעמען אונדזערע זעק, אין־די־קאַן שפּאַנט זיך אײַן אין דער „ראַגאַטקע", און מיט שווערע טריט הייבן מיר זיך אויף העכער אין דער טײַגע.

די אָפּגעבראַנטע זײַט פון דער סאָפּקע זעען מיר שוין קימאַט ניט. עס פאַרשטעלן זי די ביי־מער און די גיך צוגעפאַלענע טונקלקייט. אויפן נײַעם אָרט מאַסטעט אין־די־קאַן ווידער אײַן דעם קאַבאַן, פאַרמאַסקירט אים.

מיר קריכן אַרײַן אין די שלאָפזעק און ווערן באַלד אַנשלאָפן.

(סאָף קומט)

טפרויעס

די פאַרדינסטפולע אַקטריסע פון דער ווײַסרוסישער רעפּובליק יודעס אַראָנטשיק איז געבוירן געוואָרן אין 1909. זי האָט זיך דערצויגן אין אַ קינדערהיים און נאָך דער לער אין אַ ייִדישער טעאַטראַלער סטודיע געווען קימאַט אַ פערטל יאָרהונדערט פאַרבונדן מיטן מינסקער גאָסעט. אין 1940 איז זי באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן און אין 1949 — מיטן אָרדען „ערן־צייכן". אין מעשעך פון איר אַרבעט אינעם מינסקער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער האָט יודעס אַראָנטשיק געשאַפן אַ ריי אומפאַרגעסלעכע פרויען־געשטאַלטן. אין די לעצטע יאָרן איז זי טעטיק אַלס רעזשיסער פון אַ פאָלקס־טעאַטער אין מינסק.

יודעס אַראָנטשיק

וועגן איינער אַ ליד

איך האָב געלייענט דאָוויד האָפּשטיינס ווונ־דערלעכע לידער, זײַענדיק נאָך אַ שילערן, אָבער קיינמאָל האָב איך ניט געטראַכט, אַז עס וועט מיר אויספאַלן אַזאַ גליק: האָפּשטיין האָט איינע פון זײַנע לידער געווידמעט מיר. אין טעקסט זײַנען, ווי טאָמיד אין אַזעלכע פאַלן, פאַראַן ניט פאַרשטענדלעכע ערטער. נאָר לאָ־מיר קודעמקאָל דורכלייענען די דאָזיקע ליד:

נו זײַ דיר אַ מיידל פון שפּאַניען,
נו זײַ דיר אַ שייגעץ — אַ ייִנגל,
נאָר שלאָף ניט צוזאַמען מיט אַניען,
און האָב דיר דײַן אייגענעם ווינקל.

אַ גאַבעטע קענסטו דיר ווערן,
און לייענען דעם מײַנע־לאָשן.
איך הער דיך זייער גערן,
ווען דו ציילסט, ווי אַ סעדעכע, גראָשנס.

כ'האָב ליב, נאָר כ'האָב האָלט אָבער מערער
דײַן ענטפער „איך קען ניט ריידן",
כ'וואָלט גערן געוואָרן דײַן לערער,
מיר מוזן זיך אָבער צעשיידן.

פיל צוהערער וועל איך נאָך האָבן,
דײַן קאָל וועל איך שפּירן פונווײַטן,
נאָר ווער וועט דײַן ענטפער מיר געבן,
נאָר ווער וועט דײַן קאָל מיר פאַרבײַטן?

ווי:אַזוי זשע איז דאָס געשען?

אין 1928, ווען דער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער פון ווײַסרוסלאַנד איז געקומען קיין קיִעוו אַף גאַסטראָלן, איז מיר באַשערט געווען זיך באַקענען מיט האָפּשטיינען. פאַרשטענדלעך, די גאַסטראָלן האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס בײַ די ייִדישע און אוקראַיִנישע שרײַבער פון קיִעוו, כאַרקאָוו, אָדעס — שטעט, — וועלכע דער טעאַטער האָט באַזוכט. דער קאָלעקטיוו איז געווען אַ יונגער, צוויי יאָר נאָך דער לערע אין מאָסקווע, און דאָס האָט אונטערגעקויפּט, צוגעצויגן, אַרויסגערופן נײַגעריקײַט.

דאָוויד האָפּשטיין איז געווען ניט נאָר אַ שטענדיקער צושויער אַף אַלע פאָרשטעלונגען, נאָר אויך אַן אָפּטער אַרײַנגייער אין האָטעל, ווו די אַרטיסטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. איך ווייס ניט, מיט וואָס איך האָב פאַרדינט אַ באַזונ־דערע באַציִונג צו מיר מיצאַד האָפּשטיינען, נאָר אַזוי איז געשען. אין דער ליד, וועלכע ער האָט מיר געווידמעט, פיגורירן אַלע געשטאַלטן, וואָס איך האָב אויסגעפּילט אין די קיִעווער גאַסט־ראָלן: לאַורענסיע, די שפּאַנישע העלדן אין דער פאָרשטעלונג „שעפּסן־קוואַל", דאָס ייִנגל אין קושניראָווס „הירש לעקערט", ריוועלע די זיסע אין שאָלעם־אַלייכעמס „אַ יאָמטעוו אין קאַסרילעווקע", די גאַבעטע אין „פּאָליש אַף דער קייט". פאַר יעדן געשטאַלט געפינט דער דיכ־טער אַ באַזונדערן אויסדרוק. צו דער אַקטרי־סע, וואָס האָט די געשטאַלטן פאַרקערפּערט אַף

יודעס אראָנטשיק, 1928

דער בינע, האָט ער זיך געווענדט מיט אזעלכע ווערטער: „נו, זײַ דיר א מיידל פון שפּאניען, נו, זײַ דיר א שייגעץ — א יִינגל... א גאבעטע קענסטו דיר ווערן און לייענען דעם מײַנעלאָשן, איך הער דיך זייער גערן, ווען דו ציילסט, ווי א סעדעכע, גראָשנס“...

יעדעס מאָל, בייס מיר האָבן באוויזן די פאָרשטעלונג „שעפּסן־קוואל“, באם פינאל, ווען דער פאָרהאנג פלעגט ניט איין מאָל פאלן און ווידער זיך עפענען, פלעגט מײַן בליק זיך שטענדיק פארהאלטן אף איינעם א צושויער, וועלכער שטייט בא דער סאמע ראמפּע און אפּלאָדירט, האָבנדיק אלע מאָל א בלימעלע בא זיך, און קעדיי דאָס בלימעלע זאָל ניט שטערן צו אפּלאָדירן, האלט ער עס צווישן די ציין, און שפּעטער טוט ער עס א וואָרף צו מיר.

ווער איז דער מענטש? שוין ניט קיין יונגער, א פעסט־געבויטער, די האָר שוין ארויסגעפאלן, דער שטערן א הויכער. ווער איז ער? — האָב איך געטראכט, דערשפּירנדיק מיטן ארטיסטישן כוש אף יעדער פאָרשטעלונג מײַן פארערער צווישן הונדערטער צושויער.

סאָפקאָלסאָף איז דער מענטש געקומען הינטער די קוליסן, זיך פאָרגעשטעלט. לאָזט זיך אויס, אז דאָס איז אליין דאָוויד האָפּשטיין...

אזוי איז פאָרגעקומען אונדזער באקאנטשאפט.

פון דעמלט אָן פלעגן זייער אָפט, ביז שפּעט באנאכט, קלינגען אין אונדזערע צימערן, אין האָטעל, די ווונדערלעכע לידער פון האָפּשטייגען, פעפערן און פון אנדערע פּאָפּולערע יִידישע פּאָעטן. פארגעסן יענע אָוונטן איז אומעגלעך.

האָפּשטיין איז געווען פארליבט אין זײַן אוקראַינע, אין דער שטאָט קיִעוו. בייס אונדזערע שפּאצירן איבער די גאסן און פּלעצער האָט ער געקענט דערציילן אָן א שיר וועגן יעדן ווינקעלע פון זײַן שטאָט. ער האָט געוואָלט איבערגעבן די ליבע אלעמען, ווער עס האָט אים געהערט, און ער האָט עס דערגרייכט. די שטאָט איז מיר אויך געוואָרן טײַער.

שפּאצירנדיק איבער די קיִעווער גאסן, איז האָפּשטיין געווען עפּעס באזונדערס היימיש. ער האָט געשפּאסט, געקנאקט קערלעך, מיט וועלכע זײַנע קעשענעס זײַנען געווען פול. מיך האָט געוווּנדערט: אזא גרויסער מענטש, אזא היימישער דיכטער, און קנאקט קערלעך...

האָפּשטיין האָט געוואָלט וויסן אלץ גענויער. פונוואנען קום איך, ווער זײַנען מײַנע טאטע־מאמע, וויִאזוי האָב איך געפונען דעם וועג אין טעאטער, וועלכע זײַנען מײַנע שפּעפערישע טרוימען. ער האָט געפאָדערט, איך זאָל דערציילן. איך האָב געטראכט: צוליב וואָס דארף ער דאָס וויסן? איך בין געווען רוי־יונג, און אין די פרײַע פארנאכטן האָט מיך געטראָגן גאָר אין אנדערע וועלטן. פלעג איך זיך פּרוּוון אויסדרייען, איך קען ניט ריידן. דאָס ברענגט דער דיכטער אין זײַן ליד: „כ׳האָב ליב, כ׳האָב האָלט אָבער מערער דײַן ענטפער „איך קען ניט ריידן“... אויך מײַן ווײַסרוסישן „האָלט“ האָט ער ניט פארגעסן צו באנוצן באנאנד מיט דעם אלגעמיין־ליטערארישן „ליב“.

האָפּשטיין האָט מיר א סאך דערציילט וועגן זיך, א סאך גערעדט וועגן פּאָעזיע, וועגן ליטעראטור ביכלאל, וועגן דעם, וואָס אזוינס איז לעבן... דעמלט האָב איך ניט געקענט אָפּשאצן די אלע פּערלען, וועלכע האָפּשטיין האָט געוואָלט פארזעצן אין מיר (ער רעדט וועגן זײַן ווילן ווידער אין דער ליד: „כ׳וואָלט גערן געוואָרן דײַן לערער“... פארשטייט זיך, ער האָט גוט פארשטאנען, אז איך נייטיק זיך אין א לערער. מײַנע 18 יאָר זײַנען געווען ווייניק אף צו אײַנזאַפּן אין זיך די טיפענישׁ פונעם לעבן, 18 איז 18, כאָטש איך האָב שוין געשפּילט לאורענסיע...)

האָפּשטיין האָט געזוכט א געלעגנהײַט צו באקאנען מיך מיט זײַנע צוויי זין. איינער איז אלט געווען 15 — 14, דער צווייטער — יִינגער. האָט ער זיי געבראכט אף דער פאָרשטעלונג „הירש לעקערט“, אין וועלכער איך האָב געשפּילט א יִינגל (ווי עס ווערט געזאָגט אין זײַן ליד, „א שייגעץ — א יִינגל“). נאָך דער פאָרשטעלונג, ווײַזט אויס, האָט ער געטראכט, וועלן זײַנע יִינגלעך פּאָשעטער זיך פילן בא דער באקאנטשאפט, און ער האָט זיי געבראכט הינטער די קוליסן. אזוי האָבן זיך אָן איבעריקע צערעמאָניעס באקאנט „דרײַ יִינגלעך“.

צום באדויערן, האָב איך זיך מער ניט געטראָפן מיט האָפּשטיינס צוויי זין. אָבער איך געדענק זיי ביז הײַנט. אונדזער באגעגעניש — סײַ זי איז געווען באהויכט מיט קינדערשלירישער נאַיוּוקײַט, סײַ עס האָט זיך צעגאָסן ארום איר די ליכטיקע שײַן פונעם דיכטערס גרויסער פערזענלעכקײַט.

ווער זשע איז אַניע, וועגן וועלכער האָפּשטיין זאָגט אין זײַן ליד „נאָר שלאָף ניט צוזאַמען מיט אַניען"... מײַן כּאָוּערטע אַנע ראָטקינע איז דאָס. נאָך פֿון דער מינסקער יוגנט־היים איז זי צוזאַמען מיט מיר געקומען אין דער טעאַטראַלער סטודיע, און נאָכדעם האָבן מיר שטענדיק צוזאַמען געלעבט. צום באַדויערן, האָט זיך אַנע אין טעאַטער ניט געהאַלטן. אין די קיִעווער גאַסטראָלן האָבן מיר, ווי טאָ־מיד, געלעבט צוזאַמען. אין איינעם פֿון זײַנע באַזוכן האָט האָפּשטיין אונדז געטראָפֿן אין איין בעט, מיר האָבן אָפּגערוט. ער האָט געהאַט צו אַניען אַ מאָדנע באַציִונג, מיט עפּעס איז זי

אַ מענטשן! מאַלע וואָס עס קען טרעפֿן! און ער לאָזט זיך איבער די צימערן פֿונעם האָטעל זוכן אַנען. געפֿינט זי בײַ פֿאַניע ציפּקינען — אונדזערער אַן אַקטריסע (מילכאָמע־צײַט איז זי אומגעקומען אין מינסקער געטאָ צוזאַמען מיט צוויי קינדער און מיט דער מוטער). בײַ איר אין צימער האָט האָפּשטיין געפֿונען אַנען, צוגענומען דעם שליסל און מיך „אַרויסגעראַ־טעוועט". ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט געפֿונען אַנען, ניט אַזוי אַנען, ווי דעם שליסל, — האָט מיר שפּעטער מיט אַ געלעכ־טער דערציילט איציק פֿעפֿער. ער איז געווען דערבײַ.

די ייִדישע טעאַטראַלע סטודיע פֿון ווײַסרוסלאַנד, 1924.
ערשטע ריי (פֿון רעכטס אויף לינקס): אַראָנטשיק, ריווין, לימאָן, צימעראָוו, פּאַטאַשניק, טרעפּעל, זאַלצמאַן, אײַזענבערג; צווייטע ריי (פֿון לינקס אויף רעכטס): נעלסאָן, לעמבערג, גאָלאָווטשינער, דרייזינא, אַלטמאַן, ליטווינאָוו, ראַפּאַלסקי, (אומבאַוווּסט), מאַיִן, גערמאַן, צאַרפּאַס; דריטע ריי (פֿון רעכטס אויף לינקס): נאָרד, מאַגידס, וואָלפּינאַ, בערקאָווסקאַיאַ, ציפּקינאַ, וויסאָצקאַיאַ, ראָדקינאַ, גורוויטש, מאָגילעוו־סקי; פֿערטע ריי (פֿון לינקס אויף רעכטס): אַלענדער, רוטשטיין, רובאַנאָוואַ, די לעצטע דרײַ — אומבאַוווּסט.

אים געווען ניט צום האַרצן. פּאַרוואָס, האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען. ווײַזט אויס, פֿונדאַנען שטאַמט די אייצע, וואָס ער גיט מיר אין דער ליד: „נאָר שלאָף ניט צוזאַמען מיט אַניען און האָב דיר דײַן אייגענעם ווינקל".

איינמאָל האָט מיך אַנע פֿאַרשלאָסן אין צי־מער, איך זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט אָפּצורוען ביז דער פֿאָרשטעלונג. אַליין איז זי צוליב עפּעס אַוועקגעגאַנגען. מיטאַמאָל — אַ קלאַפּ אין טיר. איך שווײַג. נאָך אַ קלאַפּ און נאָך איינער. האָפּשטיינס שטים: „יודעסל, איך זע דורך דער שפּאַרונע, אַז דו ביסט אין צימער". דאָ האָב איך זיך געמוזט אַרויסגעבן, און איך זאָג, אַז אַניע האָט מיך פֿאַרשלאָסן און צוגענומען דעם שליסל. האָפּשטיין האָט אויפֿגעהויבן אַ גאַנצן טאַראַראַם: סטײַטש, ווי פֿאַרשליסט מען דאָס

האָפּשטיין האָט מיך נאָך איינער אַ פֿאַר־שטעלונג אײַנגעלאַדן אויף אַן אָוונט־ברויט אין רעסטאָראַן. ער האָט געוווּסט, אַז אָן אַנען וועל איך ניט גיין, האָט ער אײַנגעלאַדן אויך זי, וועלכע האָט, פֿון איר זײַט, מיטגענומען אירן אַ כּאָוּער. האָפּשטיין איז געווען אויסער־זיך. איך האָב פֿאַרטיידיקט מײַן כּאָוּערטע. זײַן „כּאַס" איז גיך אַדורך. אויף מאָרגן איז ער, ווי גאָרניט איז ניט געשען, געקומען צו אונדז, געבראַכט זײַנע אַ פּיעסע און זי אונדז פֿאָר־געלייענט. איך געדענק ניט, ווי די פּיעסע האָט געהייסן. איך ווייס, אַז זי איז ניט געשטעלט געוואָרן.

די גאַסטראָלן זײַנען געקומען צום סוף. אויף אונדז האָבן געוואַרט אַנדערע שטעט, נײַע מענטשן, נײַע באַגעגענישן...

אָבער די באַגעגעניש מיט האָפּשטײנען קאָן איך ניט פֿאַרגעסן. אויך דאָס צעשיידן זיך האָב איך פֿאַרגעדענקט. האָפּשטײן האָט מיר געבראַכט אַ מאַטאָנע — זײַן ליד „איך וואָלט גערן געוואָרן דײַן לערער, מיר מוזן זיך אָבער צעשיידן"...

...ס'איז באַשערט געווען, איך זאָל אין די ווײַטערדיקע יאָרן נאָך ניט איין מאָל זיך טרעפֿן מיט האָפּשטײנען. דאָס ערשטע מאָל — אין 8 יאָר אַרום. אַ מאַמע שוין פֿון אַ זון, בין איך פּונקט פֿאַרבײַגעפֿאָרן קיִעוו און געגעבן צו וויסן וועגן דעם האָפּשטײנען. ער איז געקומען מיך באַגעגענען, און מיר האָבן ווידער שפּאַצירט איבער זײַנע קיִעווער גאַסן. ווי שטענדיק האָט זײַן נאַטור זיך אַנטפּלעקט אין אײגנאַרטיקער סוביעקטיווקײַט, ער האָט גערעדט „מיט מוסער" וועגן דעם, וואָס איך האָב געבוירן אַ קינד. ווי האָט אַן אַקטריסע רעכט צו קינדלען, „וועגן וואָס האָסטו געטראַכט דערבײַ, ווו נעמסטו צײַט אַף האָדעווען דאָס קינד, ווער וועט פֿאַר דיר שפּילן?" און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס רעדט זיך אויס דאָס האַרץ מײַן טאַטע, אַזוי איז האָפּשטײן געווען בעמעס פֿאַרזאָרגט. איך האָב אים באַרויִקט, אַז מײַן קינד וועט מיר ניט שטערן, פֿאַרקערט, אין מיר וועלן אופֿלעבן נײַע געפֿילן, וועלכע זײַנען בעיכוילעס צו דינען מײַן שאַפֿונג. מײַן קינד האָט מיר טאַקע שפּעטער געהאָלפֿן, ווען איך האָב געהאַט דאָס גליק צו שאַפֿן דאָס געשטאַלט פֿון קרוטשינינאַ אין אָסטראָווסקיס ווערק „אָן שולד שולדיקע".

דאָס צווייטע מאָל האָבן מיר זיך געטראָפֿן אין מאָסקווע אין 1938, בײַס דער פֿײַערונג פֿונעם 15־יאָריקן יובילײ פֿון דעם מאָסקווער גאָסעט. דער מינסקער גאָסעט האָט געשיקט אַף דער פֿײַערונג זײַנע פֿאָרשטײער: די אַקטריסע עמע דרײזינע, דעם דירעקטאָר גאָלדשוואַרץ און מיך. אַ גרופּע ווײַסרוסישע און יִדישע שרײַבער בעראָש מיטן באַוווּסטן ווײַסרוסישן דיכטער יאַנקאַ קופּאַלאַ (אין דער גרופּע זײַנען געווען זעליק אַקסעלראָד און עליע קאַהאַן) איז אָפּגעפֿאָרן צוזאַמען מיט אונדז.

איך דערמאָן זיך: מיר האָבן געזוכט אַ באַזונדערע פֿאָרם, וויִאַזוי צו באַגריסן די יובילאַרן און געקומען אונדז צוהילף איז דער קינסטלער אַלעקסאַנדער טישלער. ער האָט פֿאָרגעלייגט, איך זאָל זיך אָנטאָן אין די קליידער פֿון ריוועלע דער זיסער פֿון דער פֿאָרשטעלונג „אַ יאָמטעוו אין קאַסרילעווקע", אָנפֿילן מײַנע קאָשעקעס מיט בלומען, אָנשטאָט געבעקס, וועלכע ריוועלע האָט פֿאַרקויפֿט צו פּורים, אַרויסלייגן אַ מאָנאָלאָג, וואָס איז אָנגעהעריק צום יובילײ, און זאָגן אים אַזוי, ווי האָפּשטײן זאָגט אין ליד „איך הער דיך זייער גערן, ווען דו צײלסט, ווי אַ סעדעכע, גראָשנס".

אַף דעם טעקסט פֿונעם מאָנאָלאָג האָבן אַ האַלבע נאַכט געהאָרעוועט זעליק אַקסעלראָד און עליע קאַהאַן. אין דער צווייטער האַלבער נאַכט האָב איך געדאַרפֿט אים אויסלערנען אַף אויסווייניק. די באַגריסונג איז געווען אומדערוואַרט סײַ פֿאַר די יובילאַרן, סײַ פֿאַר דער ווײַסרוסישער דעלעגאַציע, ווײַל מיר האָבן עס געהאַלטן בעסאָד. די גאָסעטאָווצעס, צוזאַמען מיט די צושויער, האָבן הייס אָפּלאָדירט שוין אין דעם מאָמענט, ווען מײַן ריוועלע האָט אָנגעהויבן שיטן ווערטער און בלומען צו די יובילאַרן און אין צושויער־זאַל.

האָפּשטײן איז געווען, לויט זײַנע ווערטער, גליקלעך, וואָס אין צען יאָר אַרום הערט ער, ווי איך „צייל, ווי אַ סעדעכע, גראָשנס"...

מײַן ריוועלע האָט געציילט פּליסיק, כאָטש דער כעזשבן האָט זיך ניט געקלעפּט, ווײַל וויפֿל ס'איז צוויי מאָל צוויי, ווייסט זי ניט. זי ציילט אָפּדאָסנײַ, פֿאַרפּלאָנטערט זיך ווידער. דער אוילעם קײַכט פֿון געלעכטער און אָפּלאָדירט שוין אינמיטן דעם מאָנאָלאָג. אָט די ריוועלע פֿיגורירט אין דער ליד.

אין איינעם אַן אָוונט נאָך די יובילײ־פֿײַערונגען האָבן מיר, די אָנטיילנעמער פֿון דער ווײַסרוסישער דעלעגאַציע, באַשלאָסן אָפּמערקן אונדזער באַגעגעניש מיט האָפּשטײנען. מיר זײַנען אײַנגעשטאַנען אין האָטעל „מעטראָפּאָל". האָפּשטײן האָט געלעבט אין דעם זעלבן האָטעל. דאָ האָט געטראָפֿן אַן אומגליק. מיר האָבן שיִער ניט פֿאַרלאָרן האָפּשטײנען! דאַפֿקע ער האָט זיך גענומען עפֿענען אַ פֿלאַש שאַמפּאַניער. די פֿלאַש האָט געפּלאַצט און איבערגעשניטן אַן אָדער אַף זײַן האַנט. ס'האָט געפֿלייצט בלוט. מיר האָבן זיך פֿאַרלאָרן, אַראָפּגעריסן אַ פֿאָרהאַנג פֿון פֿענצטער, איבערגעבונדן די האַנט, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפֿן. ביז עס איז געקומען די „גיכע הילף", האָט האָפּשטײן פֿאַרלאָרן אַ סאַך בלוט. ער איז געווען בלייך, נאָר ניט פֿאַרלאָרן דעם מוט און אַלץ געטרייסט אונדז. סאָפּקאָלסאָף איז די „גיכע הילף" געקומען. זעליק אַקסעלראָד צוזאַמען מיט עליע קאַהאַנען האָבן אים אָפּגעפֿירט. איך מיט עמע דרייזינע זײַנען געבליבן אופֿראַמען דעם צימער. מיר האָבן מיט ציטערניש געוואַרט: וואָס וועט זײַן? די מינוטן האָבן זיך געצויגן לאַנגזאַם. יעדער טראָט האָט זיך מיט שרעק אָפּגעגעבן אין אונדזערע הערצער. דרײַ אַזייגער באַנאַכט האָבן די שעליכים, צום גליק, זיך אומגעקערט מיט האָפּשטײנען. מע האָט אים געראַטעוועט. נאָר ער איז געווען שוואַך. לאָזן אים אַליין אין זײַן צימער האָבן מיר מוירע געהאַט. קוים אים אײַנגערעדט, ער זאָל זײַן צוזאַמען מיט עמען און מיט מיר אין אונדזער צימער.

אינדערפֿרי האָט האָפּשטײן געבעטן אָנקלינגען זײַן שוועסטער, און די שוועסטער, האָט זיך אויסגעלאָזט, איז געווען די באַוווּסטע דיכטערין שיפֿרע כאָלאָדענקאָ. זי איז גלײַך געקומען און אים אָפּגעפֿירט צו זיך.

דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך געטראָפֿן ערעוו דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע.

אַף זײַן האַנט איז געבליבן אַ סימען פֿון יענער פֿלאַש שאַמפּאַניער.

אוראַן גוראַלניק

די סאָוועטישע ליטעראַטור — צום XXV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר

פּראָבלעמען. אידייען. געשטאַלטן

די פינף יאָר צווישן דעם XXIV און XXV צוזאַמענפאָרן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד וועלן אַרײַנגיין אין דער געשיכטע פונעם סאָוועטישן פאָלק ווי א צײַט פון גרויסע שעפערישע אופטוען. די דערגרייכונגען אין דער עקאָנאָמיק זײַנען א זיכערער יעסאָד פון דעם ווײַטערדיקן וווקס פונעם מאַטעריעלן וווילשטאַנד פון די אַרבעטנדיקע און פון דעם אַלזײַטיקן אופשטײַג פון דער גײַסטיקער קולטור. די שאָלעם־פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אפן XXIV צוזאַמענפאָר, דער קורס אף אַנטשפּאַנונג אין די צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען, אף ליקווידירן די פאָלגן פון דער „קאַלטער מילכאָמע" — דאָס אַלץ האָט שוין איצט געבראַכט צו דער אָפּשוואַכונג פון דער געפאַר פון אַן אַטאָם־קאַטאַסטראָפע, פון דער געפאַר פון מיליטערישע קאָנפליקטן צווישן די קעגנזעצלעכע סאָציאַלע סיסטעמען.

אין דער קולטור־בויונג וועט די ערשטע העלפט פון די זיבעציקער יאָרן פונעם XX יאָרהונדערט איבערלאָזן א טיפן שפּור. וועגן דעם זאָגן אײדעס די ווערק פון קונסט און ליטעראַטור — ראָמאַנען און פּאָעמעס, פּיעסן און קינאָ־פילמען, מוזיקאַלישע שאַפונגען און אַרכיטעקטור־אײַנריכטונגען, וועלכע זײַנען געקרוינט מיט די לענין־ און מעלוכע־פּרעמיעס. דאָס געשטאַלט פון דער העראָישער עפּאָכע איז אין די בעסערע הײַנטצײַטיקע ווערק פון אונדזערע ליטעראַטן אָפּגעשפּיגלט בוילעט און וואָרהאַפטיק. די דאָזיקע ווערק שטעלן אוף א פּילפאַרביקע און רעליעפע פּאַנאָראַמע פון אונדזער גיך זיך ענדערנדיקער צײַט, דעם יאָרהונדערט פון גיגאַנטישע פאָרשריטן. די גרעסטע זאָרג פון די מײַסטערס פון דער „קונסט צו שילדערן מיטן וואָרט" (אָדער, אויב זיך באַנוצן מיט אַן אַנדער, אויך גאָרקיס באַשטימונג, — פון די מײַסטערס פון „מענטשנקענטעניש") איז ווערט זײַן זייער צײַט, שפּאַנען אין טעמפּ פונעם לעבן, ניט אָפּווונדן זיך פון דער לעבנס־מאַגיסטראַל. די דערפאַרונג פונעם לעצטן פינפיאָר, וואָס איז באַלויכטן מיט דער שײַן פון די קלוגע באַשלוסן פונעם XXIV צוזאַמענפאָר פון דער קפּסס, באַווײַזט, אַז די סאָוועטישע ליטעראַטור פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אינעם אַוואַנגאַרד פון די שעפער פון דער נײַער ווירקלעכקײַט.

די ראָל פון דער ליטעראַטור אין לעבן פונעם פאָלק איז, דאַכט זיך, קײנמאָל נאָך ניט געווען אַזוי עפעקטיוו און אַלזײַטיק, ווי אין אונדזער צײַט. אין דעם אַנטפּלעקט זיך געוויס די ספּעציפיק פון דעם אידייִש־מאָראַלישן קלימאַט אין דער געזעלשאַפט פונעם רײַפן, אַנטוויקלטן סאָציאַליזם, דער וווקס און די באַדײַטונג פון די זיטלעכע יעסוידעס אין אונדזער לעבן, דאָס, וואָס אפן ערשטן פּלאַן ווערן אַרויסגערוקט די פּראָבלעמען פון דעם מענטשנס פּערזענלעכקײַט, פון איר קעגנזײַטיקער פאַרבינדונג מיט דער געזעלשאַפט. הײַנט איז, אויב איר ווילט, שוין „באַנאַל" די באַהויפּטונג, אַז וואָס פולער עס וועט געלייזט ווערן די אייביקע פּראַגע וועגן ברויט פאַרן מענטשן, אַלץ שאַרפער און אַקטועלער, אַלץ קאָנקרעטער וועט שטיין פאַרן מענטשן און פאַר דער געזעלשאַפט די פּראַגע וועגן „גײַסטיק ברויט". אין אָט דער ריכטונג איז פאַר די קימאַט זעכציק יאָר נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע דערגרייכט געוואָרן גאָר פיל, און דער בײַשטײַער פון דער ליטעראַטור פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין לייזן אָט דעם קאָמפּליצירטן קאָמפּלעקס אופגאַבן איז בעעמעס ניט אָפּצושאַצן.

דאָס פאַרשטייען אויסגעצייכנט אונדזערע ליטעראַטן, אין וואָס פאַר א זשאַנער זיי זאָלן ניט שאַפן. מיר וועלן אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זיך סוימעך זײַן אף דעם באַשלוס פונעם פּלענום פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַריין פון פּססר, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין מאַרט 1973. „אײנע פון די אײגנאַרטיקײַטן פונעם איצטיקן עטאַפּ אין דער קאָמוניסטישער בויונג, ווען אין די באַדינגונגען פון דער אַנטוויקלטער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט ווערט פאַרווירקלעכט די אָרגאַנישע פאַרבינדונג פון די דערגרייכונגען אין דער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער רעוואָלוציע מיט די מעלעס פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט־סיסטעם, — לײענען מיר אין אָט דעם באַשלוס, — באַשטייט אין דעם, וואָס די עקאָנאָמישע, די פּראָדוציר־פּראָבלעמען זײַנען, ווי קײנמאָל ניט ביז איצט, ענג פאַרבונדן מיט די אידייִשע, די מאָראַלישע פּראָבלעמען, מיט דער גאַנצער פילאַרטיקײַט פון די אופגאַבן אין געביט פון קאָמוניסטיש דערציִען דעם נײַעם מענטשן". און ווײַטער גייט א רייד אין דעם זעלבן דאָקומענט וועגן

דער רײַכקײַט און פילאַרטיקײַט פון די סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, מאָראַלישע אופטוען אין דעם נײַנטן פינפיאָר, וועלכע גיבן דעם שרײַבער „א ברייטע מעגלעכקײַט צו שטעלן די סאַמע וויכטיקע און אקטועלע פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקײַט אין דער פּראָזע, פּאָעזיע, דראַמאַטורגיע". א וויכטיקע ראָל אין פאַרקערפּערן אָט די פּראָבלעמען געהערט דער קינסטלערישער פּובליציסטיק, דער פאַרצייכענונג, די מער אָפעראַטיוווע ליטעראַרישע זשאַנרען. „מע דאַרף פאַרשטאַרקן די אויפמערקזאַמקײַט פון דער גאַנצער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור צו די גרונט־פּראָבלעמען פונעם פאָלקס־לעבן" — ווערט געזאָגט אינעם באַשלוס. און ס'איז פון דעם געדרונגען: קעדיי צו דערשלאָגן זיך, אַז די ליטעראַטור זאָל זײַן מער ווירקזאַם אַף אַלע געביטן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז נייטיק נאָך אַנטשיידענער אויפהייבן איר אידייִש־קינסטלערישן ניוואָ.

הײַנט, אַף דער שוועל פונעם XXV צוזאַמענפאָר פון אונדזער פאַרטיי, ווען עס ווערן אונטערגעפירט סאַכאַקלען און אָנגעמערקט פערספעקטיוון, קאָן מען מיט זיכערקײַט זאָגן, אַז די שרײַבער פונעם ראַטנלאַנד האָבן זיך ספּראַוועט מיט אָט די פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן. ניט אומזיסט האָבן זיי פאַרדינט די דאַנקבאַרקײַט פון דעם סאָוועטישן לייענער און אויך אין אויסלאַנד וואַקסט דער פּרעסטיזש פון זייער שאַפונג. די ווערק פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור דינען פאַר די פעלקער פון מײַרעוו ווי א קוואַל פון ריכטיקער אינפאָרמאַציע וועגן דער וועלט פון סאָציאַליזם, און זיי גיבן דעם מאַסן־לייענער עסטעטישן פאַרגעניגן, אָנשטעקנדיק אים מיט מונטערקײַט און מיט האָפענונג אַף א ווירדיק מענטשלעך לעבן. דאָס איז באַזונדערס וויכטיק, ווען מע דערמאָנט זיך אין דעם מוטנע שטראָם פון ליטעראַרישער פּראָדוקציע, וואָס פאַרפלייצט דעם ביכער־מאַרק מיט אַנטיהומאַניסטישע אידייען, פּראָפּאַגאַנדירט פאַרצווייפלונג, גוואַלדטאַט, סעקס.

עס האָט קיין זין ניט אין א קורצן איבערזיכט צו פּרוּוון זיך געבן א וואָסער־ניט־איז דעטאַלן אַנאַליז אַפילע בלויז פון די וויכטיקסטע ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען אין פּעריאָד צווישן די צוויי פאַרטיי־צוזאַמענפאָרן. אָבער באַרירן אייניקע טיפּישע דערשײַנונגען מוז מען, קעדיי געבן צו פאַרשטיין די לאָגיק פונעם הײַנטצײַטיקן ליטעראַרישן פּראָצעס, די וועגן און די געזעצמעסיקײַטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור און אויך די קריטעריען פון אָפּשאַצונגען, באַ וועלכע עס האַלט זיך ניט בלויז די פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטור־קריטיק, נאָר אויך דער פילמיליאָניקער סאָוועטישער לייענער, וואָס איז אַלגעמיין אָנערקענט אַלס דער סאַמע פאַרינטערעסירטער, שטרענגער, פאָדערנדיקער, וויסנגיריקער און גוטווילִיקער שעצער, וואָס די קינסטלערישע ליטעראַטור האָט ווען־עס־איז געהאַט.

די „פּראָבלעם נומער איינס" איז, ווי שטענדיק, דער פּאָזיטיווער העלד פון דער ליטעראַטור. טשערנישעווסקי האָט געהאַלטן, אַז קונסט איז א „לערנבוך פונעם לעבן", טראַקטירנדיק אָט דעם באַגריף, פאַרשטייט זיך, ניט פּרימיטיוו, נאָר אין ברייטן פילאָסאָפיש־פּסיכאָלאָגישן פּלאַן. מאַיאַקאָווסקי האָט גערופן זײַנע קאָלעגן פון דעם „פּאָעטישן צעך" צו ענטפערן אַף דער פראַגע — „מאַכן דאָס לעבן פון ווּעמען?" דער ליטעראַטור איז נייטיק א העלד — א הערשער פון געדאַנקען, א העלד, וואָס איז פעיִק צו פירן נאָך זיך מיליאָנען, אַזאַ ווי פּאַוועל קאָרטשאַגין אין ניקאָלײַ אָסטראָווסקיס „ווי אַזוי האָט זיך פאַרהאַרטעוועט שטאָל", ווי דאַווידאָוו אין מיכאַיִל שאָלאָכאָווס „אויפגעאַקערטע רויערד", ווי לעווינסאָן אין אַלעקסאַנדער פאַדייעווס „צעקלאַפּט", ווי מערעסיעוו אין באָריס פּאָלעוואָיס „דערציילונג וועגן אן עכטן מענטשן", ווי אַנדערע פּערסאָנאַזשן פון די קלאַסישע ווערק פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

אָבער, זעלבסטפאַרשטענדלעך, דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן דעם, אַז עס זאָל איבערגעכאַזערט ווערן דאָס, וואָס איז געווען פריִער, נאָר וועגן א פרײַער שעפערישער אַנטוויקלונג פון טראַדיציעס. איצט זײַנען נייטיק ניט פּאָשעט כאַראַקטערן שטאַרקע, אייגנאַרטיקע, וועלכע אַקומולירן די סאַמע פּראָגרעסיטענע טענדענצן פון אונדזער צײַט — דעם לעצטן דריטל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דאָס העראָיִשע אַנטפּלעקט זיך אין לעבן ניט שטענדיק דירעקט, אומיטלבאַר, לעמאָשל, אין אויפשטײַג פון קאָסמאָנאַווטן אָדער אין באַהערשן די אַנטאַרקטיק. אָפט ווערט דאָס גרויסאַרטיקע פאַרווירקלעכט אין דער געוויינלעכער מי פון פּראָסטע מענטשן. פאַרקערפּערן דעם העלדישן טאָך פון דער טאָגטעגלעכקײַט, באַווײַזן דאָס העראָיִשע אין דער אַרבעט פון געוויינלעכע האָרעפּאַשניקעס, וועלכע זײַנען פאַרנומען מיט וואָכעדיקער אַרבעט, דאָס איז א פאַרכאַפּנדיקע און קאָמפּליצירטע אויפגאַבע פאַרן קינסטלער, וועלכע פאָדערט גרויסע מײַסטערשאַפט, נאָוואַטאָרישע מעטאָדן. וועגן דעם האָט לעצטנס געשריבן אין איינעם פון זײַנע אַרטיקלען דער רוסישער בעלעטריסט דאַניִעל גראַנין, וועמענס ווערק „איך גיי צום געוויטער", „עמעץ דאַרף דאָך", „א מענטש מיט דער זעלבער פאַמיליע" און אַנדערע זײַנען וויכטיקע דערשײַנונגען אין דער הײַנטצײַטיקער פּראָזע וועגן דער עפּאָכע פון וויסנשאַפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע. די קינסטלערישע פאָרשונג פון „וואָכעדיקער מי", פון „מעסירעסנעפעשדיקער איבערגעגעבנקײַט דער אַרבעט" דאַרף, לויט דער מיינונג פונעם שרײַבער, אַנטפּלעקן „כאַראַקטערן מיט א נײַעם אינהאַלט פון העראָיִזם, ווו אַלס מאָס דינט... די טאָגטעגלעכקײַט פון אָנשטרענגונגען, דאָס יאָרנלאַנגע מעסירעסנעפעשדיקע אויספילן דעם כויוו".

אַרײַנדרינגענדיק אין די טיפעניִשן פונעם פאָלקס־לעבן, באַזינגענדיק דעם שעפערישן טאָך פון דער רעוואָליוציע, וואָס מיר זײַנען

מיט רעכט אירע יאָרשים, גיבן די שרײַבער אָפּ זייער אופמערקזאַמקײַט און זייערע סימפּאַטיעס די געשטאַלטן פון די, וועלכע גייען פאָרויס — די קאָמוניסטן, די פירער פון די מאַסן.
א באַדײַטנדיקע געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישע געשעעניש איז געווען די אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון שרײַבער און קריטיקער, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1974 יאָר אין טביליסי און איז געווען געווידמעט דער טעמע „די פּאַרטיי — דאָס איז דער סיכל, די ערע און דער געוויסן פון דער עפּאָכע“. אַף אָט דעם פאָרום איז געגאַנגען א רייד וועגן די געשטאַלטן פון קאָמוניסטן. די קאָמוניסטן זײַנען דער קעמפערישער אוואַנגאַרד פונעם סאָוועטישן פאָלק, זײַן לענינישע פּאַרטיי.

אַרויסטרעטנדיק אַף אָט דער באַגעגעניש פון ליטעראַטן, האָט דער שרײַבער וולאַדימיר פאָמענקאָ (אווטאָר פונעם באַוווּסטן ראָמאַן „דער זיקאָרן פון דער ערד“ געזאָגט: „ווי פינקטלעך איך זאָל ניט באַשרײַבן אין מײַן נײַעם ווערק, לאָמיר זאָגן, דעם אַראָמאַט פון פרישן בעטאָן, אָדער אָנמאָלן דאָס פערד ערגעץ באַם פעלדסטאַן, אָדער שילדערן די זון־אופגאַנגען און זון־פאַרגאַנגען, — וויס איך: די קינסטלערישע וועלט פון מײַן ראָמאַן וועט ניט צו שטאַנד קומען, וועט ניט פאַרקערפּערן מיט זיך דעם ווירקלעכן עמעס פון אונדזער צײַט, אויב אין צענטער וועט ניט שטיין דאָס געשטאַלט פונעם קעמפער און טוער, דאָס געשטאַלט פונעם קאָמוניסט“.

אין די ווערק וועגן די נאָכמילכאָמעדיקע אופטוען פונעם סאָוועטישן פאָלק, פונקט ווי וועגן די צײַטן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע, אין וואַדים קאָזשעווניקאָווס, קאָנסטאַנטין סימאָנאָווס, יורי באָנדאַרעווס, אַלעקסאַנדער טשאַקאָווסקיס, מיכאַיל סטעלמאַכס ווערק, אין די בעסטע שאַפונגען פון אונדזער קינסטלערישער לענינאַנע — אין די ראָמאַנען, דערציילונגען פון מאַריע שאַגיניאַן, מאַריע פרילעזשאַיעוואַ און אַנדערע — איז אַנטפּלעקט די קראַפט און די באַדײַטונג פון דער פּאַרטייִשער ווירקונג אַף די מאַסן, די היסטאָרישע ווײַטזיכטיקײַט פון די באַלשעוויקעס, די אומבאַזיגבאַרקײַט פון די אידייען פון מאַרקסיזם־לעניניזם.

די קינסטלערישע ליטעראַטור באַווײַזט, אַז וועגן די סאָוועטישע מענטשן, וועגן זייערע גײַסטיקע פאָדערונגען, וועגן דער פרײַער אַנטפּלעקונג פון די בעסטע מאָראַלישע אייגנשאַפטן פון דער פּערזענלעכקײַט זאָרגט די פּאַרטיי טאָגטעגלעך מיט טיפן פאַרשטאַנד פון דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע. דאָס איז די זאָרג וועגן דעם, ווי עס איז דערקלערט געווען אין דעם באַריכט פון צק קפּסס דעם XXIV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, אַז „יעדערער זאָל זיך פילן ווי א בירגער אין פולן זין פון וואָרט, א פאַרינטערעסירטער אין דער אַלפאָלקישער זאַך, און זאָל טראָגן פאַר איר זײַן טייל פאַראַנטוואָרטלעכקײַט“.

די סאָוועטישע ליטעראַטור, וועלכע ווערט געשאַפן אַף העכער זיבעציק שפּראַכן פון די פעלקער פון סססר, פאַרקערפּערט אין קינסטלערישע געשטאַלטן די עפּישע געשיכטע פון דער רעוואָליוציע, פון דער פאַטערלענדישער מילכאָמע, פונעם אופבוי פון סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד. די ווענדונג צו דער פאַרגאַנגענהײַט ווערט אַלס קלאַל דיקטירט פון דער שטרעבונג בעסער צו פאַרשטיין די הײַנטצײַטיקײַט און דײַטלעכער זען די פּערספּעקטיוון אין דער צוקונפט. די טראַדיציאָנעלע אייגנשאַפטן פון דער קונסט פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם אַנטפּלעקן זיך איצט אַף א נײַעם אופן, ווײַל אין דער עפּאָכע פון דער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע ווערן א סאַך קאַרדינאַלע פּראָבלעמען פונעם סאָציאַלן לעבן באַלויכטן אין א נײַער שײַן.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ווערט ברייטער דער דיאַפּאַזאָן און פינקטלעכער דער אַקצענט אין א ריי נײַע ווערק געווידמעט דער שילדערונג פונעם הײַנטצײַטיקן אָנפירער. ווי ס'האָט ריכטיק געשריבן אין איינעם פון זײַנע אַרטיקלען וועגן אָט דער פראַגע דער קריטיקער פעליקס קוזנעצאָוו, זײַנען אידייִשקײַט, מאָראַלישע רײַפקײַט, קאָמוניסטישע איבערצײַגטקײַט אויך איצט די אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן אַן ערשטראַנגיקע באַדײַטונג פאַר דעם הײַנטצײַטיקן אָנפירער. אָבער אָט די אייגנשאַפטן שעפּן ניט אויס דעם אינערלעכן טאָך פון א קאָמוניסט אין אונדזער צײַט. ווײַל „די קאָנקרעטע אַנטפּלעקונג זייערע איז הײַנט, מעגלעך, ווי קיינמאָל ניט אָפּהענגיק פון דעם ניוואָ פון די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן פונעם קאָמוניסט, פון זײַן סיכל, בילדונג, קאָמפּעטענטקײַט, פאַרשאַרפטן געפיל צום נײַעם, פון דער שטרעבונג צו שטענדיקער אינערלעכער אַנטוויקלונג און זעלבסט־פאַרפולקומונג“.

עס זײַנען שוין פאַראַן ניט וויניק געלונגענע ווערק אין אָט דעם פּראַט. א מין קינסטלערישע אויספירונג איז דאָ אין וואַדים קאָזשעווניקאָווס דערציילונג „די באַזונדערע אָפּטיילונג“, ווײַל ליפּאַטאָווס „דערציילונג וועגן דעם דירעקטאָר פּראָנטשאַטאָוו“. אויב ריידן וועגן די ווערק פון די לעצטע יאָרן, דאַרפן אָפּגעמערקט ווערן די פּיעסן פון איגנאַטי דוואָרעצקי „א מענטש פון דער זײַט“ און פון געאָרגי באַקאַריאָוו „סטאַלעוואַרן“. דער סצענישער גורל פון אָט די ווערק איז מערקווירדיק: זיי ווערן געשטעלט אין די בעסטע טעאַטערן פונעם לאַנד און האָבן גרויס דערפאָלג באַם צושויער; וועגן די הויפּט־העלדן, די אינזשעניערן־קאָמוניסטן טשעשקאָוו און לאַגוטין, פירן לעבהאַפטע דיסקוסיעס די לייענער און צושויער, דערבײַ באַהאַנדלט מען א ריי פּרינציפּיעלע וויכטיקע פראַגן — וועגן דעם טיפּ פון אַן אָנפירער אין דער עפּאָכע פון דער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע, וועגן זײַן סטיל פון באַגייִן זיך מיט מענטשן אאַוו.

די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אַנטשיידן

אָפּגעוואָרפן די פאָרשטעלונגען, אז אין אונדזער עפּאָכע איז קלוימערשט דער איקער די טעכניק אלס אזעלכע און אז די צוקונפט געהער „ראַציאָנאליסטן“, וועלכע לייקענען אָפּ מענטשלעכע געפילן, „סענטימענטן“. דער הורמאניזם פון דער סאָוועטישער קונסט און ליטעראטור איז אויסגעדריקט, צווישן אנדערן, אין דעם, וואָס עס ווערט אומבאדינגט פארקערפּערט דאָס געשטאלט פון אן אלזײַטיק אנטוויקלטער, גײַסטיק רײַכער פערזענלעכקײַט, בא וועלכער די סאמע הויכע און קאָמפּליצירטע עטישע באגריפן זײַנען ניט קיין אבסטראקציע. און גראָד דער „מענטשלעכער מענטש“, לויטן אויסדרוק פון מארקסן, איז דער אידעאל פונעם סאָציאַליזם. אזא מענטש איז דער פּאָזיטיווער העלד פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ליטעראטור. אין אים זײַנען צונויפגענומען אין אן אָרגאנישער אײנהײַט — געזעלשאפטלעכע באוווּסטזיניקײַט, צילגעווענדקײַט, זאכלעכקײַט, וועלכע פאראייניקן זיך מיט רײַפקײַט פון געדאנק, מיט דערהויבנקײַט און שײנקײַט פון אופירונג, מיט א רײַכער עמאָציאָנעלער וועלט.

די גײַסטיקע האָריזאָנטן פון אונדזער מיטצײַטלער, ווי עס באווײַזט די סאָוועטישע ליטעראטור, שליסן אײַן געדאנק און געפיל, וואָס אין זײער ספערע, אויב זיך באנוצן מיט די אויסגעצייכנטע פערזן פונעם ליטווישן פּאָעט, דעם לאורעאט פון דער לענין־פּרעמיע עדוארד מעזשעלײַטיס, קאָן מען ארײַנרעכענען:

אי די צייכענונגען פון ניט אויסגעבויטע גבײַדעס,
אי די העלדן פון ניט אָנגעשריבענע פּאָעמעס,
אי פארבן, אויסגעקוועטשטע אף דער מאָלברעט,
אי דאָס בילד, וואָס איז נאָך ניט אויסגעהאנגען,
אי דער פיוזעליאזש פון דער קאָסמישער ראקעטע,
וואָס איז נאָך ניט אויסגעשאָסן אינעם רוים...

א ווײַטערדיקע אנטוויקלונג אין דער סאָוועטישער ליטעראטור, וועלכע איז א ליטעראטור פון פעלקער־פרײַנטשאפט און ברידערלעכקײַט, באקומען די אידייען פון אינטערנאציאָנאליזם. די דאָזיקע אידייען זײַנען ענג פארבונדן מיט דעם וואקסנדיקן קאָנסטרוקטיוון אינטערעס צו נאציאָנאלער אנטוויקלונג. אין דער רײַפער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט, אין באדינגונגען פון אינטענסיווער אויסבילדונג פון א נײַער היסטאָרישער געמײנשאפט — דעם סאָוועטישן פאָלק — באקומען אָט די פראגן אן אלץ מער אקטועלע באדײַטונג, באזונדערס, אויב נעמען אין אכט, אז אונדזערע אידעאָלאָגישע קעגנער האָבן דערקלערט דעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט פאר א „יאָרהונדערט פון נאציאָנאליזם“. די בורזשואזע פּראָפּאגאנדע קריכט פון דער הויט, שטרעבנדיק צו זייען סינע און אומצוטרוי צווישן די פעלקער; זיי מישן צונויף די באגריפן „נאציאָנאל“ און „נאציאָנאליסטיש“, פארבײַטנדיק אײנס מיטן אנדערן. גרויסע האָפענונגען לייגן אונדזערע סאָנים אפן ראסיזם אין אלע זײַנע הײַנטצײַטיקע אנטפּלעקונגען, דערין אויך אפן ציוניזם.

די סאָוועטישע ליטעראטור, די אײנהײַטלעכע און פילנאציאָנאלע, דערציילט דעם עמעס וועגן דער אלוועלטלעך־היסטאָרישער באדײַטונג פון דער לענינישער לייזונג פון דער נאציאָנאלער פראגע אין פססר. זי אליין איז א בוילעטער און איבערצײַגנדיקער באווײַז, א מוסטער פון דעם טריומף פון דער פּאָליטיק פון דער קפּסס אין אָט דעם קאָמפּליצירטן געביט פון מענטשלעכע באציונגען, וואָס דערלאָזט ניט קיין פארפלאכונג און קיין פריצײַטיקע באשלוסן. דער לעצטער פינפיאָר אין דער אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור איז אויך אין דעם געביט א פּראָצעס פון קעגנזײַטיקער באַרײַכערונג פון די נאציאָנאלע ליטעראטורן, פון זייער אידייזש־קינסטלערישער קאָנסאָלידאציע.

אלס בײַשפּיל וועל איך נעמען די יידישע סאָוועטישע ליטעראטור. לייענענדיק דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ און די ביכער פון יידישע שרײַבער, וואָס זײַנען דערשינען פארן לעצטן פינפיאָר אין יידיש און אין רוסיש, איז ניט שווער זיך צו איבערצײַגן, אז מיר האָבן פאר זיך א קוואליטאטיוון איבערבראָך אין דער שאפונג פון די יידישע פּאָעטן, פּראָזאיקער, פּובליציסטן, קריטיקער. פריער פון אלץ גייט דאָ א רייד וועגן דעם אנטשיידענעם קער צו דער הײַנטצײַטיקער טעמאטיק, וועגן דער פארברייטערונג פון די אידייִשע און טעמאטישע האָריזאָנטן פון דער ליטעראטור, וועגן דער באַרײַכערונג פון דער זשאנערישער פּאליטרע. בא דער גאנצער וויכטיקײַט פון שילדערן די געשיכטע פונעם פאָלק טאָר מען ניט פארגעסן, אז די לעבעדיקע נעשאָמע פון דער ליטעראטור איז די הײַנטצײַטיקײַט. טרײַהײַט דער טראדיציע שליסט ניט אויס, נאָר פארקערט, איז מעכײַעוו צו שילדערן דאָס איצטיקע לעבן פונעם פאָלק.

באדײַטנדיקע דערגרייכונגען האָט זיך דערשלאָגן די יידישע סאָוועטישע פּובליציסטיק. די בעסערע מוסטערן אירע פארדינען א הויכע אָפּשאצונג. אינטענסיוו אנטוויקלט זיך די קינסטלערישע פארצייכענונג. עס איז קעדײַ אָפּצומערקן, אז „סאָוועטיש היימלאנד“ פארנעמט אן אָרט צווישן די ערשטע פּעריאָדישע אויסגאבעס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פּובליקירן פונדאמענטאלע מאטעריאלן וועגן דער בײַקאל־אמורער מאגיסטראל. וויכטיק זײַנען אויך די מאטעריאלן אין זשורנאל בעשײַכעס צו די פּראָבלעמען פון דער צווישנפעלקערלעכער לאגע. עס דארף אונטערגעשטראָכן ווערן די קעמפערישקײַט, דער פּאָלעמישער פּאפאָס, מיט וועלכע עס איז באהויכט ניט בלויז די פּובליציסטיק, נאָר אויך די פּאָעזיע און די פּראָזע אין „סאָוועטיש היימלאנד“. כאָטש מעלאמודס ראָמאן „צווישן דניעסטער און פּרוט“, ארן ווערגעליסעס פּערטע נאָוועלע פונעם ראָ־

מאן „די צײַט" און זײַן פּאָעמע „דאָס גאָלדענע פינגערל", די ווערק פון דעם ביראָבידזשאַנער פּראָזאַיקער בוזי מילער, און אַנדערע זײַנען דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון הויכן סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, מיט נאַציאָנאַלן סאָוועטישן שטאָלץ. די דאָזיקע און אַנדערע ווערק זײַנען מיט זייער שאַרף געווענדעט קעגן דער רעאַקציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע פונעם קריגערישן ציוניזם.

א נײַע קוואַליטעט באַקומט די יידישע סאָוועטישע דיכטונג. זי צייכנט זיך איצט אויס מיט דרייסטער עקספּערימענטירונג, מיט זוכונגען פון נײַע אויסדרוק־מיטלען אין פאַרבינדונג מיט דער דערפאַרונג פון דער רוסישער ליטעראַטור און פון אַנדערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן.

די הײַנטצײַטיקע טעמאַטיק איז דער יעסאָד פון דער שאַפונג בא א ריי שרײַבער, וואָס האָבן הויך געמאָלדן וועגן זיך אין לעצטן פינפיאָר, לאָמיר דאָ אָנרופן, לעמאָשל, כאַים ביידערן, וועלכער האָט פּובליקירט א ציקל לידער וועגן סיביר און ווײַטן מיזרעך. אַזעלכע ווערק דערציִען דעם לייענער אין גײַסט פון ליבע צו אונדזער גרויסן פאָטערלאַנד.

דעם XXV צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד באַגעגנט די פילנאַציאָנאַלע ליטעראַטור פון אונדזער לאַנד מיט שעפערישן ענטוזיאַזם.

אַף דער פּלענאַרער זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

אין סאָף פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר איז פאָרגעקומען די אָרדנטלעכע פּלענאַרע זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד". זי איז געווען געווידמעט די אויפגאַבן פונעם זשורנאַל אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צוגרייטונג צום XXV צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי. מיט אן אַרײַנפיר־וואָרט איז אַרויסגעטראָטן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרן ווערגעליס.

אַף דער זיצונג זײַנען אויסגעהערט געוואָרן איבערזיכטן: אוּראָם גאָנטאַרס און הערש רעמעניק וועגן דער פּראָזע אין די לעצטע זעקס נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", בוזי מילערס (וועגן דער דיכטונג), כאַים מעלאַמודס (וועגן דער קינסטלערישער פּאַרצייכענונג), הערשל פּאָליאַנקערס (וועגן דער קריטיק). אינעם מיינונגס־אויסטויש האָבן זיך באַטייליקט נאָטע לוריע, כאַים ביידער, סאָניע פּריי אאַ.

עס איז באַזונדערס אונטערגעשטראָכן געוואָרן די נייטיקײַט צו פאַרשטאַרקן די אויפמערקזאַמקײַט צו דער הײַנטצײַטיקער טעמע אין אַלע קינסטלערישע זשאַנרען, ווי אויך די פאָדערונג צו העכערן די קוואַליטעט פון די ווערק, וועלכע ווערן געגרייט צום דרוק.

מיר פאַרעפנטלעכן דאָ, געקירצט, דעם איבערזיכט וועגן דעם פּאַרצייכענונג־זשאַנער, מיט וועלכן עס איז אַרויסגעטראָטן אַף דער פּלענאַרער זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע כאַים מעלאַמוד.

כאַים מעלאַמוד

די האָריזאָנטן פון אונדזער פאַרצייכענונג

וויפל צײַט איז שוין פאַרבײַ, זינט אין איינעם פון די ערשטע נומערן פון אונדזער זשורנאַל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן די ערשטע דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונג, אין וועלכער שמועל גאָרדאָן האָט דערוויזן, אַז צעלינאַ איז אַף יידיש אויך צעלינאַ... ווי אַנדערע אַזעלכע ווערק, האָט יענע גראָטעסקע פאַרצייכענונג אַן איבעריקס מאָל באַשטעטיקט די אומויסשעפּלעכע מעגלעכקײַטן פון אָט דעם זשאַנער, אין וועלכן יעדער אויטאָר קאָן אַרײַנלייגן אַלץ, וואָס ער וויל, אַלץ, מיט וואָס ער איז באַשאָנקען: פּייזאַזש־געמעלן און לירישע אָפּווײַקונגען, מענטשלעכע כאַראַקטערן און פּסיכאָלאָגיש־פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען, פון דעם זשאַנער, אין וועלכן עס ווערט אַמבוילעטסטן געשילדערט אונדזער הײַנט, אונדזער מיטצײַטלער. דערנאָך האָט זיך אוועקגעלאָזט קיין סיביר נאָך מאַטעריאַלן פאַר א פאַרצייכענונג שירע גאָרשמאַן, עס איז אוועקגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן טעוויע גען, ס'איז געקומען פון ביראָבידזשאַן בוזי מילער מיט זײַנע פאַרצייכענונגען און עס איז אוועק א גאַנג אָטשערקן — איינער נאָכן אַנדערן, — אין וועלכע דער קאָלעקטיוו יידישע סאָוועטישע שרײַבער האָט

אפאַנעמעסן צעאַקערט די צעלינאַ פון דעם זשאַנער אין אונדזער ליטעראַטור. ס׳האָט שוין קיינעם ניט געכידעשט, ווען אין זשורנאַל האָבן זיך באַוויזן די רײַזע־פאַרצייכענונגען פון אַרן ווערגעליס, אין וועלכע ס׳זײַנען אַף אַן אויסטערלישן אויפן איבערגעשמעלצט געוואָרן ליריק און פובליציסטיק, רײַזע־דערקענטעניש און שאַרפע פּאָלעמיק — די פאַרצייכענונגען, וועלכע האָבן געעפנט דעם לייענער אַ פענצטערל אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, געוויזן דעם גאַנצן קאַליידאָסקאָפּ פון ווידערשפּרוכן, דעם אידעאָלאָגישן מישמאַש פון די קאַפּיטאַליסטישע אויסלאַנדס. דער לייענער האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אין שמועל גאָרדאָנס רײַזעס... ניין, ניט אין די אויסלאַנדס, נאָר איבער די ייִדישע שטעטלעך, ריכטיקער איבער די געוועזענע ייִדישע שטעטלעך, — רײַזעס, וועלכע האָבן געעפנט פאַר אונדז די נאָכמילכאָמעדיקע שטעטלעך מיט זייערע ניט גרינגע פּראָבלעמען, מיט נײַע זוכונגען, מיט לײדן, וועלכע ס׳האָט געבראַכט דער היטלערישער כורבן.

מיר האַלטן שוין ווידער בײַ אַ יובילײ — פופצן יאָר פון אונדזער זשורנאַל. און צווישן אַלע אַנדערע פראַגן, וועלכע דאַרפן אין צוזאַמענהאַנג דערמיט באַהאַנדלט ווערן, פאַרדינט אַ באַזונדער אופמערקזאַמקײַט די פאַרצייכענונג, וואָס האָט פאַרנומען אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ אַ היפּש אָרט. עס דאַרף דערבײַ געזאָגט ווערן, אַז אויך אין דער פאַרצייכענונג האָט יעדער אַווטאָר ארויסגעוויזן זײַן באַזונדערן גאַנג, זײַן באַזונדערן נוסעך. מע קאָן דערקענען גאָרדאָנס פאַרצייכענונגען לויט זייערע פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפערונגען, נאָטע לוריעס לויטן אייגנאַרטיקן געמעל, הערשל פּאָליאַנקערס לויטן הומאָר, יעכיעל פאַליקמאַנס לויט זייער עפּישקײַט, בוזי מילערס לויט זייער ליריק, טעוויע געגנס לויט דער רויִקער דערציילערישקײַט, יעכיעל שרײַבמאַנס לויט זייערע בעסאַראַבער פאַרבן און רייכעס. מע קאָן דאָ ניט פאַרבײַגיין די פאַרצייכענונגען פון הירש בלאָשטיין און פון בער האַלפּערן, אַלעקסאַנדער ליזען און יעכיעל טשיטשעלניצקי, כאַיִם ביידער און הערשל ראַבינקאָוו, הירש רעלעס און יאַשע טשערניס. לאָמיר דאָ אויך דערמאָנען שלוימע ראַבינאָוויטשן און אַלעקסאַנדער גובניצקין, וועמענס פאַרצייכענונגען האָבן פאַרנומען אין זשורנאַל אַן אָנגעזעען אָרט. איך מיין, אַז ווען עס וואָלט דאָ גערעדט וועגן דער פאַרצייכענונג עמעצער אַנדערש, וואָלט ער שוין געמוזט דערמאָנען אויך מײַן נאָמען.

איך האָב געמוזט מאַכן אָט דעם קורצן אַרײַנפיר, קעדיי עס זאָל קלאָר ווערן, אַז די פאַרצייכענונגען אין די זעקס לעצטע נומערן פונעם 1975 יאָר זײַנען אופגעקומען שוין ניט אַף צעלינאַ, נאָר אַף אַ טיף דורכגעאַקערטן און גוט קולטיווירטן באָדן. איך מוז, פונדעסטוועגן, ווידעראַמאָל זיך אומקערן צוריק און דערמאָנען אַ פּאָר פאַרצייכענונגען, וואָס ליגן אויסער די זעקס נומערן.

צוערשט וויל איך זאָגן וועגן נאָטע לוריעס פאַרצייכענונג „יאַם און הימל, הימל און יאַם“ („סאָוועטיש היימלאַנד“ נומער 7, 1974). ס׳איז סימפּטאָמאַטיש, וואָס לוריע, וועלכער האָט אַלע יאָרן געוווּסט בלויז וועגן „הימל און ערד“, האָט איצט אַרײַנגענומען אין קרײַז פון זײַנע באַאָבאַכטונגען אויך דעם יאַם (אַז מע לעבט אָפּ אַזויפיל יאָרן אין אָדעס...). דער העלד פון דער פאַרצייכענונג — לעאָניד סאַמוילאָוויטש ווינניצקי איז אַ מענטש פון יענעם מין, וועמען נאָר דער יאַם און דער אָקעאַן קאָנען „אויסקנעטן“ און פאַרהאַרטעווען. אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר סײַ די יאַמלײַט און סײַ דער יאַם אַליין, דער אָקעאַן, וואָס וואַיעט, קרעכצט און ברומט, די כוואַליעס, וואָס זײַנען העכער פונעם באָרט פון דעם טאַנקער און אַלדאָס איבעריקע זײַנען נײַע געשטאַלטן, נײַע העלדן און נײַע בילדער אין אונדזער ליטעראַטור. איז דעריבער קעדײַ אָפּצומערקן, אַז נאָטע לוריע האָט אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ געעפנט די נײַע רובריק „אונדזער מיטצײַטלער“ מיט אַ פאַרצייכענונג, וואָס איז דורכויס נײַ.

איך וויל אויך זאָגן וועגן יעכיִעל שרײַבמאַנס פאַרצייכענונג „ווײַנטרויבן, שטאָל און היימישע מענטשן“. מיר אַלע זײַנען גוט באַקאַנט מיט שרײַבמאַנס נוסעך, און אונדז וווּנדערט ניט, וואָס אין קאַטאָווסק פילט ער זיך, ווי בײַ זיך אין קעשענעוו, ער געפינט פאַר זײַנע העלדן, פאַר זײַנע געמעלן יענעם זאַפטיקן בעסאַראַבער ייִדיש, ווו ניט מע עסט, נאָר מע אַכלט, ניט מע טרינקט, נאָר מע כליעפּטשעט — יענע פּראָסטקײַט אין די רייד און אופירונגען פון די העלדן און יענע דערהויבנקײַט פון די געדאַנקען און אופטועןן, וועלכע פירן אַרײַן די פאַרצייכענונג אין דער קאַטעגאָריע ערנסטע ליטעראַטור. און טוט נאָר אַ קוק: אויך אין דער אַלטער רוסישער שטאָט ליפּעצק, אַפן מעטאַלורגישן זאַוואָד, פילט זיך אונדזער ייִדישער שרײַבער, ווי בײַ זיך אין דער היים. עס פילט זיך אַ „באַלעבאַטישער צוגאַנג“ אינעם אָפּקלײַבן דעם מאַטעריאַל, אין אָפּזוכן די עכטע שיינע מענטשן, וועלכע שטאָלצירן מיט זייער פּראָפעסיע פון שטאָלגיסער, עס פילט זיך די רויִקײַט און געמיטלעכקײַט, די ניט געײַלטקײַט, וואָלט איך זאָגן, באַם מאָלן די טויזנטגראַדיקע פלאַמפײַערדיקײַט אין מאַרטען, ווען מע כאַפּט אַרויס אַ ביסל זודיקן שטאָל, קעדיי פאַרזוכן, צי דאָס געקעכטס איז שוין פאַרטיק. שרײַבמאַנס פאַרצייכענונג איז אויך פון יענעם מין, וואָס ברענגט אַרײַן דעם לייענער אין אַ נײַער, ווייניק באַקאַנטער וועלט און עפנט פאַרן שרײַבער גופע נײַע וועגן.

איצט קאָנען מיר איבערגיין צו די פאַרצייכענונגען אין די זעקס נומערן פאַר דער צווייטער העלפט פונעם 1975 יאָר.

בוזי מילערס „אין דער זייער אַלטער און ביז גאָר יונגער שטאָט לוואָוו“ איז אַ פאַרצייכענונג פון דער רובריק „לעבעדיקע גרוסן“, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין זשורנאַל מיט

צוויי יאָר צוריק, ווען ס׳איז פארעפנטלעכט געוואָרן א גרוס פון ווילנע. בעפּירעש, עס איז גוט און פריידיק, וואָס די דאָזיקע טעמע ווערט מיט דערפאָלג פּאָרגעזעצט.

בוזי מילער נעמט דעם לייענער פאר דער האנט און פירט אים אוועק איבער דעם הײַנטצײַטיקן לוואָוו. פאראן אין דער פארצייכענונג רעאליסטישע בילדער, ווארעמע, רירנדיקע ליריק, פאראן אין דער מאָס עלעמענטן פון געשיכטע און קאנטקענטעניש. נאָר דעריקער — די מענטשן. די מענטשן, מיט וועלכע דער אווטאָר האָט זיך באגעגנט, זײַנען מיט ליבע אָנגעמאָלט. איין ביאָגראפיע איז רירנדיקער פון דער אנדערער. דאָס פּאָרפאָלק ווייזער און די סקולפּטאָרן שטערנשטיין, דער קינסטלער גרוזבערג און דער שרײַבער ליזען, דער יוריסט שולמייסטער און דער אקטיאָר סטאָלסקי. און דער פּאָשעטער לייענער גערשקאָוויטש. מענטשן, וואָס זײַנען פארליבט אין זייער שטאָט און האָבן איר אָפּגעגעבן פיל יאָרן מי און שאפונג, מענטשן — האָרעפּאשניקעס, מענטשן טרוימער, מענטשן — קעמפער פאר דעם, אז א פאָלק זאָל ניט אופהייבן קיין שווערד אף א פאָלק. די אידיישע אָנגעזעטיקטקײַט שטעלט אוועק די דאָזיקע פארצייכענונג אין דער ריי פון אונדזערע נײַע דערגרייכונגען אין אָט דעם זשאנער.

דער זיבעטער נומער איז ביכלאל רײַך מיט ווערק פון דעם מין. מיר האָבן דאָ דעם סאָף פון ייִסראָעל סערעבריאניס „אײַנדרוקן פון א רײַזע קיין בעראָבידזשאן", סערגיי טאסקס „דרײַצן — א גליקלעכע צאָל", שיפרע ווײַסברייטס „ער זוכט און געפינט".

ייִסראָעל סערעבריאני באשרײַבט זײַנע אײַנדרוקן אָן שום פּרעטענזיעס, ער איז אָפּטמאָל אפילע „צו אָפנהארציק", לעמאָשל ווען ער זאָגט אָן דעם לייענער, אז, זעט איר, אין איניאָנים פון לאנדווירטשאפט פארשטייט ער זייער ווייניק. און דאָך, צו אלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן בעראָבידזשאן, האָט דאָס פרישע אויג פון אן ערנסטן באאָבאכטער אונדז געבראכט ניט ווייניק נײַע אינפאָרמאציע. סערעבריאני דערציילט וועגן עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן פון דער געגענט, וועגן בעראָבידזשאנער טוישווים, וועגן דעם נײַעם טיפּ סאָוועטישן ייִד.

עס לוינט זיך אָפּשטעלן אויך אף די צוויי אנדערע פארצייכענונגען. שיפרע ווײַסברויט דערציילט וועגן דעם ארבעטער־דערפינדער מיכאִיל סעמיאָנאָוויטש קאָזאָדאָן, סערגיי טאסק — וועגן דעם בויער דאָוויד גלייזער. דאָס זײַנען זייער וויכטיקע פארצייכענונגען. אין זיי איז פּאָרגעשטעלט דער סאמע ברייטער שיכט פון די ייִדישע האָרעפּאשניקעס בא אונדז אין לאנד — דער ארבעטער־קלאס מיט זײַן גרויסן שעפערישן דראנג, מיט זײַן נײַער באציִונג צו דער ארבעט. פארשטייט זיך, דער קינסטלערישער ניוואָ פון די דאָזיקע פארצייכענונגען איז ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער, ווײַל די אווטאָרן זײַנען לייענער. די פארצייכענונג וועגן דאָוויד גלייזערן איז ענלעך אף א צײַטונגס־רעפּאָרטאזש. איך וויל אָבער דערמיט ניט זאָגן, אז אזעלכע ווערק דארף מען ניט דרוקן, פארקערט, די רעדאקציע טוט גוט, וואָס זי סטימולירט דעם צופלוס פון אזעלכע פארצייכענונגען, דאָס וועט שאפן א מעגלעכקײַט פאר א ברייטערן אָפּקלײַב.

אויב דער זיבעטער נומער איז רײַך מיט פארצייכענונגען, איז דער אכטער אינגאנצן פרײַ פון דעם זשאנער. מעגלעך, אז עס לוינט מערער ראציאָנעל פארטיילן די דאָקומענטאלע מאטעריאלן צווישן די נומערן, עס זאָל ניט זײַן, ווי מע זאָגט בא אונדז אף אוקראִינע — טוט גוסטאָ, א טאם פּוסטאָ...

אינעם נײַנטן נומער לייענען מיר די פארצייכענונג פון בער האלפערן „איך לעב אין ווילנע". דאָס דאָזיקע ווערק האָט אויך געקאָנט געגעבן ווערן אונטער דער רובריק „לעבעדיקע גרוסן". עס איז אָנגעשריבן מיט א געניטער שרײַבערישער האנט. מיר דערפילן ווילנע מיט איר רעוואָליוציאָנערער פארגאנגענהײַט, מיט אירע אומפארגעסלעכע רעוואָליוציאָנערע העלדן, אזעלכע, ווי הירש לעקערט, סאָניע מאדייסקער און רעפועל טשארני. ווילנע, וווּ לענין האָט געשאפן א פעסטן מארקסיסטישן צענטער. מיר דערזעען פאר זיך די הײַנטיקע ווילנע מיט אירע נײַ־בויונגען, אין איר עקאָנאָמישן און קולטורעלן שוווּנג.

די פארצייכענונגען פונעם צענטן נומער זײַנען געווידמעט די פרויען. זיי זײַנען ביז גאָר פארשיידן, די דרײַ פארצייכענונגען: זאלמען קאָהאנס — וועגן דער באוווּסטער מוטיקער רעוואָליוציאָנערקע ווערא סלוצקאיא, גריגאָרי יעליסאוועטסקיס — וועגן דעם דאָקטער פון פילאָסאָפיע מאריִא זלאָטינא, און ראָמאן שויכעטס — וועגן כאנע קאב און איר האָרעפּאשנער מישפּאָכע. זיי זײַנען פארשיידן לויטן קינסטלערישן ניוואָ און באזונדערס לויט די גוראָלעס פון די פרויען, וועגן וועלכע עס ווערט דערציילט. פאראן אָבער פיל געמיינזאמס, וואָס פאראייניקט די דרײַ פארצייכענונגען. געמיינזאמע פרויען־כאראקטערן, קרויוויש נאָענטע לויט זייער קעמפערישקײַט, לויט זייערע זוכונגען, לויט זייער מעסירעסנעפעשדיקײַט. און דאָס טאקע ציט דורך א פעדעמל פון דער מוטיקער רעוואָליוציאָנערקע, וואָס איז אומגעקומען אף די פראָנטן פונעם בירגערקריג, צום דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע, וואָס האָט אָנגעהויבן איר וועג אף די פראָנטן פון דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, און צו דער פּאָשעטער האָרעפּאשנער מישפּאָכע ערדארבעטער פון בעראָבידזשאן.

איך מיין, אז די זעלבע געפילן קאָנען ארויסרופן די דרײַ פארצייכענונגען פונעם צוועלפטן נומער, אויך געווידמעט דעם צווישנפעלקערלעכן יאָר פון פרויען. מערקווירדיק זײַנען די העלדן גופע מיט זייער אויסטערלישקײַט און טיפּישקײַט, מיט זייערע רומפולע העלדנטאטן און אומגעוויינלעכער געווינלעכקײַט, באדײַ־

טונגספול זײַנען אויך די ביאָגראַפיעס פון די אויטאָרן פון די פאַרצייכענונגען. וועגן דעם דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאַפטן, דעם אַר־כיטעקטאָר סאָפיא ראַבינאָוויטש שרײַבט דער דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאַפטן, לאַורעאַט פון דער מעלוכע־פּרעמיע יוינע סאָוואַלאָוו, וועגן דער העלדישער מעד־שוועסטער גאָלדע קאַגאַן און אירע פראָנט־כאַווײרים שרײַבט דער גווארדיע־פּאָלקאָווניק אין דעמיסיע דאַוויד דאָ־ברושין. ביז גאָר רירנדיק און אײַנדרוקספול איז דער לעבנסוועג פון דער מיליטערישער זשורנאַליסטקע איזאַבעלאַ רומער. און כאָטש די פאַרצייכענונגען זײַנען אָנגעשריבן אויך אָן פּרעטענזיעס, אָפּטמאָל ריין פּראָטאָקאָליש, פאַרקריצן זיי זיך אין זיקאָרן מיט די אומפאַר־געסלעכע אופטועו פון זייערע העלדן, מיט דעם, ווי עס ווערט אָנגעמאָלט דער וועג פון א פּאַשעטן מענטשן אינעם לאַנד פון סאָציאַליזם, דער וועג צו די הייכן פון דער וויסנשאַפט, צו אַלפאָלקישער אַכטונג און אָנערקענונג.

וואָס ווילט זיך זאָגן אין שלוס? פאַר דער לעצטער צײַט האָבן די האַריזאָנטן פון דער פאַרצייכענונג אין אונדזער זשורנאַל זיך שטאַרק פאַרברייטערט. שוין אָפּגערעדט פון די ריין געאָגראַפישע פאַרנעמען — דער ווײַטער מיזרעך, דער באַם, ביראָבידזשאַן, די מײַרעוו־דיקע שטעט ווילנע און לוואָוו... עס איז שטאַרק פאַרברייטערט געוואָרן דער טעמאַטי־שער דיאַפּאַזאָן. מיר זעען אין זשורנאַל פאַר־צייכענונגען וועגן שטעט און דערפער, פאַר־צייכענונגען וועגן אַרבעטער און קאָלווירטני־קעס, קינסטלער, אַקטיאָרן און געלערנטע, פאַר־צייכענונגען וועגן אינטערעסאַנטע מענטשן בכלל, וועגן מענטשן מיט העלדישע ביאָ־גראַפיעס. און סאַמע דאָס וויכטיקסטע — עס איז באַרײַכערט געוואָרן די קינסטלערישע פּאַליט־רע פון דער פאַרצייכענונג, עס ווערן געשאַפן נײַע, ערנסטע מאָסן, העכערע קריטעריען. מע קאָן זיכער זאָגן, אַז דער דאָזיקער זשאַנער רופט אַרויס אַן אַלץ ברייטערן אינטערעס באַם לייענער, ציט צו נײַע לייענער און נײַע אויי־טאָרן.

דאָס אַלץ איז איבערגענוג, אַז דער פאַרצײי־כענונג זאָל אָפּגעגעבן ווערן די געהעריקע אויפמערקזאַמקײַט, אַז אין דעם געביט זאָלן אַרבעטן פּראָפעסיאָנעלע שרײַבער און זשורנאַ־ליסטן, עס זאָלן צוגעצויגן ווערן אויך מענטשן פון פאַרשיידענע געביטן אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט.

די דאָזיקע אויפגאַבע ווערט באַזונדערס וויכ־טיק אין דער שײַן פון די גראַנדיעזע אויפגאַבן פונעם פאַרשטייענדיקן פינפיאָר, אין אָנגעזיכט פון די נײַע האָריזאָנטן, וועלכע עס וועט עפע־נען פאַר אונדזער לאַנד דער XXV צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָ־וועטנפאַרבאַנד.

כראָניק

יידישע שרײַבער אין דער צײַטונג „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ"

אין צווייַ יאַנוואַר־נומערן פון דער קיִעווער צײַטונג „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ" זײַנען פאַר־עפנטלעכט אַרטיקלען וועגן דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון יידישע שרײַבער. אין דער צײַטונג פאַרן 6 יאַנוואַר לייענען מיר אַן אַרטיקל פון כאַים מעלאַמוד אין צוזאַמענהאַנג מיט הירש בלאָשטיינס געבורטסטאָג: „בלאָשטיינס לידער זײַנען שטענדיק אָנגעזעטיקט מיט פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען וועגן דעם מעהוס פונעם מענטש־לעכן לעבן און וועגן זײַן שעפערישער מיסיע. מיר שפּירן אין זיי די הייסע אָנגעהעריקייט פו־נעם שרײַבער צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום אים — אין זײַן לײַבלעכער שטאָט, אינעם לאַנד, אָף אונדזער גאַנצער פּלאַנעטע".

צוזאַמען מיטן אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט א וואַרעמע באַגריסונג דעם יוביליאַר פונעם פּרע־זידיום פון דער פאַרוואַלטונג פון דעם שרײַבער־פאַריין פון אוקראַיִנע און פון דער טשערנאָווי־צער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע.

אין זעלבן נומער זײַנען אויך פאַרעפנטלעכט מישע מאַגילעוויטשעס דרײַ לידער, איבערגעזעצט פון יידיש, מיט אַן אַרײַנפיר־וואָרט פון דער רעדאַקציע.

די „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ" פאַרן 16 יאַנוואַר דרוקט אַן אַרטיקל פונעם דאָקטאָר פון פילאָלאָ־גישע וויסנשאַפטן ה. רעמעניק אין שײַכעס מיטן 70־טן געבורטסטאָג פון נאָטע לוריע. אָפּשאַצנדיק די גרויסע פאַרדינסטן פונעם שרײַבער אין דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַ־לער ליטעראַטור, שרײַבט די צײַטונג:

„נאָטע לוריעס ווערק זײַנען פול מיט ליבע צום סאָוועטישן היימלאַנד, זיי זײַנען דורכויס דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פון אינטערנאַציאָנאַ־ליזם. נאָטע לוריעס ביכער זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין איבערזעצונגען אָף רוסיש, אוקראַיִ־ניש, מאָלדאַוויש און אָף אַנדערע שפּראַכן פון די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד".

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו

עמעס
אילוסטרירטע וועכנטלעכע בײלאגע
1926 דעם 11־טן דעקאבער № 34.
כ' קאלינין

1. דער פאָרזיצער פון ציק פון פסםר מ. אי. קאלינין טרעט ארויס אפן ערשטן אלפארבאנדישן צו־זאמענפאָר פון „געזערד” דעם 17 נאָיאבער 1926

2. דער שרײַבער עליע גאָרדאָן (ערשטע רײ, דריטער פון לינקס) מיט א גרופע ייִדן־שאכטיאָרן (1929)

3. מינסק באגלייט א גרופע איבערוואנדערער קיין ביראָביד־זשאן (1929)

דער דיכטער מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי (פון רעכטס) אַפן באַאָבאַכטונג-פּונקט פון א מיליטערישן אעראָדראָם (1932)

די דיכטערן שיפרע כאַלאַדענקאָ אַף דער ארקטישער שיף „פערסיי״ אין בארענצאָווער יאַם (1929)

א ליטעראריש זײַטל אין דער מינסקער צײַטונג „דער יונגער ארבעטער״ (1928)

פרעסע-איבערזיכט

יאָמטעוו פון דער קאָמוניסטישער פרעסע

די קאָמוניסטישע פרעסע, וואָס דערשיינט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פּייַערט יעדעס יאָר אין הארבסט איר יאָמטעוו. דאָס איז א יאָמטעוו, וואָס טראָגט פאַקטיש דעם כאַראַקטער פון א באַריכט פון די פאַרטיי־צײַטונגען פאַר זייערע לייע־נער. די לייענער, פון זייער זײַט, דעמאָנסטרירן זייער טרײַהייט דער פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. בייס אָט די פײַערונגען פירן קאָמוניסטישע אויסגאַבעס פעסטי־וואַלן מיטן אָנטייל פון גרויסע מאַסן צושויער. אין פאַריקן יאָר, אשטיי־גער, איז אַפן פעסטיוואַל פון דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער צײַ־טונג „אוניטאַ" געקומען העכער א מיליאָן ארבעטנדיקע.

דער יאָמטעוו פון דער קאָמוניסטי־שער פרעסע פון ישׂראל אין הארבסט פאַריקן יאָר האָט געטראָגן א באַזונדערן כאַראַקטער: ער איז צונויפגעפאַלן מיט די צעניאָריקע יובילייען פון די קאָמוניסטישע צײַ־טונגען „זו הדרך" און „דער וועג". דער פעסטיוואַל איז פאָרגעקומען אין קאַרמעל־וואַלד, וווהין עס זײַנען גע־קומען פּולגעפּאַקטע אויטאָבוסן פון טעל־אוויוו און יאַפאָ, ראַמאַט־גאַן, פּעטאַך־טיקוואָ, כײַפע אאַוו. דער וועטער איז געווען א טרוקענער, דעריבער איז דער פעסטיוואַל פאָרגעקומען אונטערן פרײַען הימל. מאַסן־פאַרזאַמלונגען, פּיקניקן, לאָטע־רייעס, קיאָסקן, ווו מע האָט פאַרקויפט ביכער און צײַטונגען, האָבן צוגעגעבן דעם יאָמטעוו א באַזונדערע פריילעכקײַט.

מיר ברענגען א קיצער פון דעם באַריכט, וועלכן די צײַטונג „דער וועג" האָט פאַרעפנט־לעכט נאָך דעם פעסטיוואַל.

9 אזייגער אינדערפרי. דער וואַלד איז פול מיט מענטשן. מע זעט דאָ גרויִז־גראַווע אקטי־וויסטן פון דער קאָמוניסטישער און פּראָגרע־סיווער פרעסע, פיל יוגנטלעכע, ייִדן און אראַ־בער, וועלכע זײַנען געקומען פון פאַרשיידענע שטעט. פול מיט באַזוכער זײַנען די אויסשטע־לונגען פון דער פרעסע, ווי אויך פון קונסט־בילדער, פון פאָטאָגראַפיעס, אף וועלכע עס ווערן דאָקומענטאַל באַוויזן ארבעטער־שטרײַקן, דעמאָנסטראַציעס פון די ארבעטנדיקע אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס, ערשטמײַיִקע דעמאָנ־סטראַציעס, מיטינגען אין וואַלד אפן נאָמען פון דער סאָוועטישער ארמיי.

דאָס איז געווען א פעסטיוואַל פון גרויסן אידייִישן און פּאָליטישן באַטײַט. ער האָט אין פיל הינזיכטן דערמאָנט די מאַיאָווקעס, וועלכע מע פלעגט דורכפירן אין די וועלדער אינעם פאַררעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד. די קינסטלער האָבן צום פעסטיוואַל צוגעגרייט א שיינעם פּלאַ־קאַט מיטן לאָזונג: „פאַר א גערעכטן שאָלעם, דעמאָקראַטיע, פאַר באַשיצן די רעכט פון די ארבעטנדיקע".

אַפן מיטינג בייס דעם פעסטיוואַל זײַנען ארויסגעטראָטן מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניס־

טישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל, רעדאַקטאָרן פון די קאָמוניסטישע צײַטונגען. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמפּאַרטיי מייער ווילנער האָט גערעדט וועגן דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון סעפּאַראַטע אונטערהאַנדלונגען און פון „טיילווײַזע שריט", וועלכע דערנענטערן ניט דעם שלום, נאָר זיי פאַרשאַרפן נאָך מער די מילכאָמע־געפאַר.

— די אימפּעריאַליסטישע און ציוניסטישע רעאַקציאָנערע קרײַזן, — האָט געזאָגט מ. ווילנער, — ווילן מאַכן פון דער ליבאַנער טראַגעדיע דעם אויספיר, אַז מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער, פון פאַרשיידענע רעליגיעס קאָנען ניט צוזאַמענלעבן זיך אין איין מדינה. דאָס איז אָבער אַ ראַסיסטישער אויספיר, אַן אַנטיהומאַנישער. אַלץ איז אָפּהענגיק פונעם סאָציאַלן רעזשים, פון דער פּאָליטיק פון די הערשנדיקע רעגירנדיקע קרײַזן. אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אַשטייגער, לעבן העכער 100 פעלקער, און זיי האָבן צוזאַמען געקעמפט און באַזיגט דעם דײַטשישן היטלעריזם. זיי האָבן אין די שווערסטע באַדינגונגען דעמאָנסטרירט, מוסטערהאַפטע פרײַנטשאַפט און פאַרברידערונג צווישן די פעלקער.

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס אין ייִסראָעל דערשײַנען דרײַ גלײַכבאַרעכטיקטע פּראָגרעסיווע צײַטונגען — „זו הדרך" אין איוורית, „אל־איטיכאַד" אין אַראַביש און „דער וועג" אין ייִדיש, — שוין אָט דער פאַקט באַשטעטיקט, ווי אידייִש באַהעפט און פאַרברידערט עס זײַנען די קאָמוניסטן, אומאָפּהענגיק פון זייער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג.

די צײַטונגען „זו הדרך" און „דער וועג" האָבן צו זייער צעניאָריקן יובילײַ באַקומען פיל באַגריסונגען פון פאַרשיידענע קאָמוניסטישע און פּראָגרעסיווע צײַטונגען, אויך פון זייערע לייענער אין גאָר דער וועלט.

דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד — די „פּראַוודאַ" — האָט אין איר באַגריסונג צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל געשריבן: „זו הדרך" האָט פיל געטאָן אין פּראַט פון פאַרשפּרייטן צווישן די אַרבעטנדיקע די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע אידייען... די צײַטונג האָט מוטיק געקעמפט פאַר אַ יושרדיקער לייזונג פונעם קריזיס אויפן נאָענטן מיזרעך. „זו הדרך" איז אַ פלאַמיקער פּראָפּאַגאַנדיסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם, פון פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער פון ייִסראָעל, צווישן ייִסראָעל און דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. די רעדאַקציע פון „פּראַוודאַ" ווינטשט דער רעדאַקציע פון „זו הדרך" ווײַטערדיקע דערפאָלגן אין איר נאָבעלן קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג, אין איר קאַמף פאַר שלום, סאָציאַליזם און פעלקער־פרײַנטשאַפט.

די רעדאַקציע פונעם כודעש־זשורנאַל פון 51 קאָמוניסטישע פּאַרטייען און אַרבעטס־פּאַרטייען — „די פּראָבלעמען פון שלום און סאָציאַליזם" — האָט אין איר באַגריסונג צו „זו הדרך" באַטאָנט דעם גרויסן בײַטראָג פון דער צײַטונג אינעם קאַמף קעגן אַנטיקאָמוניזם און אַנטיסאָוועטיזם, קעגן דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע, קעגן נאַציאָנאַליסטישן אָפּאָרטוניזם.

עס האָבן צוגעשיקט זייערע באַגריסונגען צו „זו הדרך" די צײַטונגען פון די סאָציאַליסטישע לענדער, די קאָמוניסטישע און פּראָגרעסיווע צײַטונגען פון בעלגיע, גריכנלאַנד, ציפּערן, עסטרײַך, שווייץ, אַמעריקע, ענגלאַנד, איטאַליע און פיל אַנדערע.

וואַרעם באַגריסט די יובילאַרן האָבן די קאָמוניסטישע שוועסטער־פּאַרטייען פון יאַרדאַניע, עגיפּעט, טשילי, אויסטראַליע, פיליפּינען, ניי־זעלאַנד און נאָך און נאָך. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון עגיפּעט האָט אין איר באַגריסונג צו „זו הדרך" געשריבן: „די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל איז פון אַן איידעלן און פײַנעם ליכט־שטראַל אין דער פינצטערער נאַכט פון ציוניזם און שאָוויניזם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאַרקער שײַן, וואָס באַלײַכט דעם וועג צו די הויכע אידעאַלן פון קאָמוניזם".

די ציוניסטן און זייערע אונטערבאַמקער — די רענעגאַטן — האַלטן אין איין טײַנען, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין די אַראַבישע לענדער שטרעבן צו „פאַרניכטן ייִסראָעל". די באַגריסונגען ריידן וועגן דעם געפיל פון טיפער פרײַנטשאַפט, הויכן דרעכערעץ און צוטרוי מי־צאַד די אַראַבישע קאָמוניסטן צו די פּראָגרעסיווע קרײַזן פון ייִסראָעל, וועלכע קעמפן פאַר אַ פעסטן שלום מיט די אַראַבישע פעלקער, פאַרורטיילן די פּאָליטיק פון אָקופּאַציע און עקספּאַנסיע, וועלכע עס פירן דורך די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל. קיינער פון די אַראַבישע קאָמוניסטן שטעלט ניט קיין גלײַכצייכן צווישן ייִסראָעל אַלס מדינה, צווישן דעם ייִסראָעלדיקן פאָלק און די ציוניסטן.

פיל וואַרעמע באַגריסונגען צו איר צעניאָריקן יובילײַ האָט באַקומען די רעדאַקציע פון דער צײַטונג „דער וועג". דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל מייער ווילנער האָט געשריבן אין זײַן באַגריסונג:

„דער וועג" איז דאָס פּראָגרעסיווע רעוואָליוציאָנערע וואָכנבלאַט פון ייִסראָעל אין דער ייִדישער שפּראַך. אין די שווערע באַדינגונגען פון שאָוויניזם און מיליטאַריזם, פון אַנטיקאָמוניזם און אַנטיסאָוועטיזם איז אַנטשטאַנען „דער וועג", וועלכער טראָגט הויך און פעסט שוין צען יאָר די פאָן פון מאַרקסיזם־לעניניזם, פון ייִסראָעלדיקן פּאַטריאָטיזם, פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. „דער וועג" איז די באַליבטע צײַטונג פון טויזנטער ייִדישע האָרעפּאַשניקעס אין ייִסראָעל און אין פיל אַנדערע לענדער, פון אַלע, די, וואָס זײַנען טרײַ די נאָבעלע אידעאַלן פון שלום, נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם".

אָט איז די באַגריסונג פונעם שעף־רעדאַקטאָר פון „אל־איטיכאַד" עמיל כאַביבי: „טײַערע כאַווירים, מיר אַלע, וועלכע אַרבעטן אין דער

אראַבישער פּרעסע פון דער קאָמפּאַרטיי, ווייסן, ווי וויכטיק עס איז אײַער אַרבעט פאַר דער זאַך פונעם ייִסראָעל־אַראַבישן שאָלעם, פאַר דער זאַך פון קעגנזײַטיקער פאַרשטענדעניש צווישן אונדזערע ביידע פעלקער — דעם פאָלק ייִס־ראָעל און דעם אַראַבישן פאָלק פון פּאַלעסטינע. מיט אײַער שווערן קאַמף פאַר א יושערדיקן שאָלעם צווישן ייִסראָעל און די אַראַבישע לענ־דער, צווישן דעם ייִסראָעל־פאָלק און דעם אַראַ־בישן פאָלק פון פּאַלעסטינע פאַרשאַפט איר קאָ־ווער דעם פאָלק ייִסראָעל און זײַנע יושערדיקע אינטערעסן. די צען יאָר, זינט עס דערשײַנט „דער וועג", באַווײַזן, אַז אײַער וועג, אונדזער אַלעמענס וועג, דער וועג פון מאַרקסיזם־לעני־ניזם און פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַ־ליזם, איז אַן אומבאַזיגבאַרער וועג. „דער וועג" האָט גויווער געוועון די שוועריקייטן דערפאַר, ווײַל ער זאָגט שטענדיק דאָס וואָרט פון עמעס — וועגן שאָלעם, וועגן פעלקער־פרײַנט־שאַפט, נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט, סאָציאַ־לן פּראָגרעס און סאָציאַליזם. די זעלבע ווער־טער ווערן געזאָגט אין העברעיִש, אַראַביש און ייִדיש און אין יעדער אַנדער שפּראַך, ווײַל דאָס איז דער וועג פון עמעס".

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 10 פאַרן 1975 איז אָפּגעדרוקט א באַגריסונג פון דער רע־דאַקציע און רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאַל; די ווערטער פון פרײַנטשאַפט און פאַרברידערטקײַט זײַנען פאַרעפנטלעכט אין „דער וועג" פאַרן 15 אָקטיאַבער: „מיר באַגריסן אײַך מיטן 10־יאָ־ריקן יובילײ פון אײַער צײַטונג. מיר זײַנען זי־כער, אַז איר וועט ווײַטער האַלטן הויך די פאָן פון סטאַבילן שאָלעם, אין די אינטערעסן פון די פעלקער פון נאָענטן מיזרעך".

אָט איז א בריוו צו דער צײַטונג „דער וועג" פון פראַנצויזישע לייענער, געוועזענע אָנטייל־נעמער פון דער פראַנצויזישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אונטערן בריוו שטייען 100 כסימעס:

„ס'איז פאַר אונדז א גרויסע פרייד דער פאַקט, וואָס ניט געקוקט אָף אַלע שוועריקייטן, זײַנען די פאַלשע נעוויִעס פון די רעגנגאַטן און שפּאַל־טער, אַז אײַער אויסגעהאַלטענע רעוואָליוציאָ־נערע שטעלונג וועט קיין קיִעם ניט האָבן, ניט מעקויִעם געוואָרן. דאָס לעבן באַווײַזט, אַז אײַ־ערע מאַרקסיסטיש־לענינישע פּרינציפּן אין קאַמף פאַר שאָלעם און פעלקער־פרײַנטשאַפט דרינ־גען אַרײַן אַלץ טיפער אין די ברייטע פאָלקס־מאַסן. אין דער זעלבער צײַט האָבן די רענע־גאַטן און שפּאַלטער זיך קאָמפּראָמעטירט אין די אויגן פונעם אַרבעטער־פאָלק. זייער שאָוויניס־טישע פּאָליטיק און די צוזאַמענאַרבעט מיט די רעאַקציאָנערע קויכעס האָט געליטן א מאַפּאָלע. מיר דאָ, אין פּאַריז — א גרופּע געוועזענע ווידערשטאַנד־קעמפער, צוזאַמען מיט די פּראָ־גרעסיווע פאָשעטע פאָלקסמענטשן — זײַנען געבליבן געטרײַ אונדזערע אידייען, פאַר וועל־כע מיר האָבן ריזיקירט מיטן לעבן אין קאַמף קעגן דעם נאַצישן סוינע..."

אין א ריי לענדער זײַנען אופגעקומען קרײַזן לייענער פון דער צײַטונג „דער וועג", זיי לייע־נען זי קאָלעקטיוו און באַשטײַערן זיך לעטוווּעס דעם פאָנד פון דער פּראָגרעסיווער פּרעסע אין ייִסראָעל. די מיטגלידער פונעם לייענער־קרײַז אין בראַזיליע שרײַבן אין זייער באַגריסונג: „דער וועג" ברענגט ליכט און גלויבן, אינספּאַ־מירט און באַלויכט פאַר די ברייטע ייִדישע פאָלקסמאַסן אין דער גאַרער וועלט דעם עמעס וועגן דער לאַגע אין ייִסראָעל. אײַער אויסגע־האַלטענער, קלאַסן־באַוווּסטזיניקער קאַמף פאַר א פעסטן שאָלעם און פעלקער־פאַרברידערונג דינט דער שאָלעם־ליבנדיקער מענטשהײַט אלס וועג־ווײַזער אין קאַמף קעגן די אינטריגעס פון דער ייִדישער רעאַקציע און פון דער וועלט־רעאַקציע, וועלכע שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר די געמיינסטע ליגנס און רעכילעס, קעדיי צו שעדיקן דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקײַט, פּראָ־לעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם".

א גרופּע לייענער פון „דער וועג" אין ברוק־לין (ניו־יאָרק) שרײַבט:

„אַדאַנק דער צײַטונג „דער וועג" ווייסן מיר דעם עמעס, וואָס עס קומט פאָר אַרום ייִסראָעל און אין ייִסראָעל. מיר ווינטשן אײַך, אַז „דער וועג" זאָל ווערן א טעגלעכע צײַטונג".

אין די יובילײ־נומערן פון „זו הדרך" און „דער וועג" זײַנען אָפּגעדרוקט אינטערעסאַנטע אַרטיקלען פון זייערע רעדאַקטאָרן (יעהודע אונגער און שלוימע בעקער), וועלכע דערציילן וועגן די צען יאָר אַרבעט פון די ביידע צײַטונ־גען. די אַרטיקלען שטעלן מיט זיך פאָר אַן ערנסטן דין־וועכעזשבן פאַר די לייענער. ביידע דערמאָנען זיי אין די שווערע געבורטס־ווייען. אין 1965 האָט די שאָוויניסטישע גרופּע פון סנע — מיקוניס, די שפּאַלטער פון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי, פאַרכאַפּט א גרויסן טייל פּו־נעם פּאַרטיי־פאַרמעגן, אוזורפּירט די טעגלעכע צײַטונג „קול העם" און די וואָכנשריפט „פרײַ ייִסראָעל", פאַרוואַנדלט זיי אין פאַרשפּרייטער פון שאָוויניזם און אַנטיסאָוועטיזם. זיי האָבן אויך פאַרכאַפּט די דרוקערײַ און אַנדערע מאַ־טעריעלע מיטלען און מיט דער הילף פון דער רעאַקציאָנערער פּרעסע גענומען טרײַבן רעכי־לעס אָף די קאָמוניסטן פון ייִסראָעל, וועלכע זײַנען געבליבן טרײַ דער פאָן פון מאַרקסיזם־לעניניזם. דאַן איז אויסגעקומען צו פאַרוואַנדלען דעם טעאָרעטישן אָרגאַן פון די קאָמוניסטן „זו הדרך" אין א וואָכנצײַטונג און שאַפן א נײַע פּראָגרעסיווע צײַטונג אין ייִדיש — „דער וועג". פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע מאָסמיטלען האָבן זיך אָנגעשטויסן אָף גרויסע שוועריקײַטן.

ניט געקוקט אָבער אָף דעם, אַנטוויקלען זיך די קאָמוניסטישע צײַטונגען מיט א שנעלן טעמפּ. זיי ווערן אַלץ רײַפער. אינטערעסאַנטער ווערט זייער אינהאַלט, שענער זייער פאָרם, ברייטער דער פאַרנעם. זיי האַלטן אָפּ ניט ווייניק זיגן אין די אידיישע שלאַכטן קעגן די טרעגער פון דער מענטשנפײַנטלעכער אידעאָלאָגיע פון שאָוויניזם

און ראַסיזם. פאַר די צען יאָר איז דער פֿאָרמאַט פון „זו הדרך" גרעסער געוואָרן אין צוויי מאָל. ס'זײַנען אײַנגעפירט געוואָרן נײַע אָפּטיילונגען, פאַרשיידנאַרטיקער איז געוואָרן דער שריפט. ס'באַווײַזן זיך אַלץ מער אילוסטראַציעס, קאַריקאַטורן אאַוו.

דער רעדאַקטאָר פון „דער וועג" שלוימע בעקער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אין זײַן אַרטיקל „10 יאָר „דער וועג"" אָף דער גרויסער אופמערקזאַמקײַט, וואָס די צײַטונג שענקט די העלדן, וועלכע זײַנען געפאַלן אין קאַמף קעגן דער פאַשיסטישער מאַגייפע, אין די פאַשיסטישע געטאָס און טויט־לאַגערן.

אין די אַרטיקלען פון די כּכ' אונגער און בעקער איז באַטאָנט, אַז די הײַנטצײַטיקע קאָמוניסטישע צײַטונגען אין יִשׂראָעל זעצן פאָר די בעסטע רעוואָליוציאָנערע קאַמפּס־טראַדיציעס פון דער קאָמוניסטישער פרעסע. פון די אָפּרופן פון לייענער איז צו זען, ווי שטאַרק ס'איז די האַשפּאָע פון די צײַטונגען אָף דער פאָרמירונג פון זייער קלאַסן־באַוווסטזײַן.

צוליב מאַנגל אין אָרט קאָנען מיר ניט ברענגען קיין פולערן איבערזיכט פון די מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די יובליי־נומערן פון „זו הדרך" און „דער וועג". מיר האַלטן אָבער פאַר בין גאָר נייטיק צו ברענגען דעם בריוו, וועלכן עס האָט צוגעשיקט דער 90־יאָריקער לייענער פון קאַנאַדע אַווראָם גאַמפּעל:

„צי האַלט איר ניט, פירער פון מעדינאַס יִשׂראָעל, אַז ס'איז שוין די העכסטע צײַט אַרויסצוקריכן פונעם טרויעריקן טעמפּן ווינקל פון מילכאָמע און שליסן אַ שאָלעם? איר, מעדינע־לידערס, ווייסט געוויס גוט, ווי אַלע מענטשן וויסן עס, אַז בלוט איז רויט, אומאָפּהענגיק פון דעם, צו וואָס פאַר אַ פאָלק עס געהערן די מענטשן, וועמעס בלוט עס ווערט פאַרגאָסן. מיט אַלע קויכעס, וועלכע זײַנען מיר נאָך פאַרבליבן אָף די עלטערע יאָרן, שרײַ איך אויס צו די יִשׂראָעל־אָנפירער און צו דער גאַנצער וועלט: אַ סאָף זאָל נעמען צו די מילכאָמעס! זאָל דאָס נײַע יאָר ברענגען אונדז דעם געגאַרטן שאָלעם!" („דער וועג", 8 אָקטיאַבער 1975).

די קאָמוניסטישע זשורנאַליסטן צייכענען זיך אויס מיט זייער ענערגיע און מעסירעסנעפעש. אַלס בײַשפּיל קאָנען דינען די זיכרוינעס פון יויסעף אַלגאַזי, דעם אויטאָר פונעם בוך „ווו ביסטו געווען, טאַטע, ווען זיי האָבן כאַרעוו געמאַכט נאַדירס שטובר?". י. אַלגאַזי איז געשטאַנען באַם וויגעלע פון „זו הדרך" אין 1965.

„איך בין געווען, — דערציילט אַלגאַזי, — אַ דעלעגאַט אָף דעם XV צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון יִשׂראָעל, אין וועלכן ס'האָבן אָנטיילגענומען קאָמוניסטן, וואָס זײַנען געבליבן געטרײַ דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, אין דער צײַט, ווען די שאָוויניסטן, די קריגס־העצער און רענעגאַטן פון דער גרופּע סנע — מיקוניס האָבן געגאָסן עמערס שמוץ און געטריבן רעכילעס אָף יענע, וועלכע האָבן אָפּגעהיט דעם קאָמוניסטישן פונק אין לאַנד. נאָכן שליסן דעם צוזאַמענפאָר האָט צו מיר זיך געווענדט דער כ' מייער ווילנער מיט דער באַקאַשע, אַז איך זאָל העלפן אַרויסגעבן אַ צײַטונג..." — און אַלגאַזי דערמאָנט זיך, ווי שווער ס'איז געווען צו געפינען אַ דרוקערײַ; די העצע קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט אָנגעשראָקן די באַלעבאַטים פון די דרוקערײַען... ווײַטער שרײַבט ער: „איך בין געווען אַ מין קאַלבוּיניק — זשורנאַליסט, אַ רעפּאָרטער, אַ פאָטאָגראַף, אַ רעדאַקטאָר, אַ מעטראַנפּאַזש, אַ קוריער, אַ טרעגער. העיויס קיין הויז פאַר דער רעדאַקציע האָבן מיר ניט געהאַט, האָב איך געשלעפּט מיט זיך דעם גאַנצן צײַטונגס־מאַטעריאַל אין אַ פּאָרטפעל. אַמאָל פלעגן מיר אַרײַנקומען אין אַן אַמעריקאַנער באַר אין טעל־אַוויוו. יעדערער פון אונדז פלעגט באַשטעלן אײַז־קאַפע פאַר אַ פונט און דערווײַל פאַרנעמען אַ גאַנצן טיש פאַר די מיטאַרבעטער: פאַר גאַלילי, פאַר דעם אַלטן קאָמוניסט פײַנבערג. דאָס פלעגט אונדז קאָסטן פיר פונט. אַזוי־אַרום איז פאַר אונדז געווען גרייט אַ מין רעדאַקציע־צימער, אַפילע מיט קאָנדיציאָנירטער לופט. אָבער ווען קיין איבעריקער פונט אין קעשענע האָט זיך ניט אָפּגעזוכט, פלעגן מיר שיקן די כ־טע מיריאַם צו מאַכן די רעדאַקציאָנעלע אַרבעט אָף אַ באַנק אין דער נאָענטסטער אַליי.

...ווען דער ערשטער נומער „זו הדרך" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, האָט מ. ווילנער גלײַך צונויפגערופן בא זיך אין שטוב אַ רעדאַקציע־זיצונג, אין וועלכער עס האָבן אויך אָנטיילגענומען די כּכ' דאַליאַ, האַנס לעבערעכט, מוישע נאַף; זיי האָבן אונדז אַ סאַך געהאָלפן אין דער אַרבעט. נאָכן דערשײַנען פונעם ערשטן נומער "זו הדרך" האָט אונדז דער רעדאַקטאָר פון „קאָל האָאַם" מוישע סנע מעזאַקע געווען מיט אַן אַרטיקל אין זײַן צײַטונג אונטער אַזאַ קעפּל: "זו הדרך" צו דער פאַרניכטונג" („אָט דאָס איז דער וועג צו פאַרניכטונג"). אָבער אָט די פאַלשע נעוויִע האָט געטראָפן ווי אַ בומעראַנג אין דעם, ווער ס'האָט זי געשיקט. פון דער גרופּע סנע — מיקוניס איז פאַקטיש קיין זייכער ניט געבליבן, און מיר עקזיסטירן. יעדער נומער „זו הדרך" זאָגט אָן: מיר זײַנען דאָ! דאָס באַווײַזט, אַז די צײַטונג פון די קאָמוניסטן — „זו הדרך" — האָט איר צוקונפט, ווײַל דאָס איז אַ צײַטונג פון לעניניש טיפּ, אַ צײַטונג, וועלכע פּילט אויס די פליכטן ניט בלויז פון אַ קאָלעקטיוון פּראָפּאַגאַנדיסט און אַגיטאַטאָר, נאָר אויך פון אַן אָרגאַניזאַטאָר אינעם העראָלעכן קאַמף פאַר שאָלעם, פעלקער־פרײַנטשאַפט און סאָציאַלן יוישער, אין קאַמף פאַר דעם, אַז דער הײַנטיקער דאָר און די קומענדיקע דוירעס זאָלן לעבן אונטער אַ ריינעם בלויען הימל".

סאָניע פרײַ

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

פּערעץ מאַרקישעס פּלימעניק ...

אין די ברודנע וואַסערן פון דער ציוניסטישער „אַליִע“ שפּיגלען זיך דאָ און דאָרט אָפּ אומגעלומפּערטע שאַנדע־היסטאָריעס.

ווי באַוווּסט, איז פאַראַן בײַ געשוליטע שנאָרערס אַן אויסגעפּרוּווט מיטל, וויאַזוי צו אויפווירקן אויף דעם פּאָטענציעלן געבער: מע באַווײַזט זיך פאַר אים ניט ווי אַ פּראָסט־פּאָשעטער שנאָרער, נאָר אין דער ראָל פון אַ „באַאַווּלטן מיצד הארצלאָזע מענטשן“, אַ פאַראָווּלטן קאָרעוו פון אַזאַ און אַזאַ באַרימטער פערזאָן. די רוסישע הומאָריסטן איליאַ אילף און יעווגעני פּעטראָוו האָבן אויף אָט דעם סמאַך געשאַפן דאָס טשיקאַווע געשטאַלט פון די „זין פונעם לייטענאַנט שמידט“...

אונדזערע לייענער ווייסן שוין (זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 3, 1973) וועגן די מעשׂים פון דער אַוואַנטיוריסטקע עסטער לאַזעבניקאָוואַ, וועלכע האָט זיך אַרומגעדרייט אין לענדער און אין שטעט, אויסנוצנדיק די אַנטיסאָוועטישע גאַסטראָלן אויף צו זאַמלען דאָלאַרן, קלוימערשט „אין פּערעץ מאַרקישעס אָנדענק“, און פאַקטיש פאַר אירע אייגענע נוצן. ס׳איז אויך שוין געשריבן געוואָרן וועגן דעם פּסיכישצעטומלטן דאַוויד מאַרקיש, וועלכער האָט, אַרײַנטרעטנדיק אין ייִשׂראָעל אין דער פאַשיסטישער פּאַרטיי „כירות“, מיט פולן ערנסט מיטגעטיילט דער ציוניסטישער פּרעסע, אַז „דער טאַטע (פּערעץ מאַרקיש!) וואָלט זיכער געטאָן דאָס זעלבע“.

איצט האָט זיך געיאַוועט נאָך איין קאָרעוו מאַרקישעס, אַ פּלימעניק, מע רופט אים יורי מאַרקיש, אַ געבוירענער אין דניעפּראָפּעטראָווסק, און הײַנט־צו־טאָג איז ער אַ אימיגראַנט אין ניו־יאָרק. דער פּלימעניק, אַ פּאָשעטער כײַ־וועקאיעם, וואָלט געבליבן אומבאַוווּסט, נאָר ער איז דאָך „אַ באַאַווּלטער פאַראָווּלטער קאָרעוו“, גיט ער אויך, ווי די אַנדערע, אינטערוויוען, און אָט וואָס עס ווײַזט זיך אַרויס.

ביז דער רעוואָליוציע איז זײַן טאַטע מייער מאַרקיש געווען „אַ בוכהאַלטער און אַ פאַרמעגלעכער סויכער“, אין די פריִע צוואַנציקער יאָרן — „אַ נעפּמאַן, און געמאַכט גוטע געשעפטן“. „נאָכן נעפּ האָט ער געאַרבעט פאַר דער סאָוועטישער מאַכט ווי אַ כעזשבנפירער אינעם מאָסקווער מיליטערישן דיסטריקט. אין 1937 איז ער אוועקגעפאָרן קיין כאַבאַראָווסק, ווו ער האָט געפירט די ביכער באַם בויען אַ טונעל אונטערן טײַך אַמור“. ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, האָט פּערעץ מאַרקיש „געפּועלט, אַז זײַן עלטערער ברודער מיט דער מישפּאָכע (זיי האָבן זיך שוין געהאַט אומגעקערט פון כאַבאַראָווסק קיין מאָסקווע) זאָל עוואַקויִרט ווערן אינעם וואַגאָן, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן אויסשליסלעך פאַר די מאָסקווער שרײַבער און פּאָעטן“. אַזאַ איז געווען דער „מאַרטירער־וועג“ פון דער מישפּאָכע.

נו, און יורי מאַרקיש אַליין? אַ געבוירענער אין 1928 יאָר, האָט ער דורכגעמאַכט:

„אין מעשעך פון די וואַנדערנדיקע יאָרן אין עוואַקואַציע“ (אוליאַנאָווסק, טאַשקענט, קוּיבישעוו) „האָט זיך דאָך יורין אײַנגעגעבן צו ענדיקן גימנאַזיע, און שפּעטער איז ער אַרײַן אינעם מאָסקווער אוניווערסיטעט“;

נאָך דער מילכאָמע האָט ער צוערשט שטודירט יוריספּרודענץ, דערנאָך עקאָנאָמיק, און „דערפילנדיק, אַז די פּראָפעסאָרן האָבן אויסגערופן זײַן נאָמען מיט אַ ספּעציעלער אינטאָנאַציע (? — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד“), איז ער אוועק אויפן טייל פונעם אינדזל סאַכאַלין, וואָס די רוסן האָבן געהאַט צוגענומען בײַ די יאַפּאַנער, און דאָרט האָט ער געקראָגן אַ פּאָסטן באַם בויען געהיימע מיליטערישע פּראָיעקטן“;

אין צוויי יאָר אַרום האָט ער פאַרגעזעצט די לער און „פאַרענדיקט מיט אַ מאַגיסטער־דיפּלאָם אין דעם אינסטיטוט פאַר עקאָנאָמיק. נאָך דער גראַדויִרונג האָט ער טייקעף באַקומען אַן אַמט אַלס עקאָנאָמיסט אין סאָוועטישע מיליטערישע און אַוויִאַציע־אונטערנעמונגען“;

אין די פופציקער יאָרן, נאָך דעם, ווי ער איז דיסקרימינירט געוואָרן, — אַ סימען האָט איר, אַז ער איז „געווען באַשעפטיקט אין אַ פאַבריק ווי אַ פּראָסטער אַרבעטער“, — האָט ער „געקראָגן אַ גוטן פּאָסטן — געוואָרן דער פאַרוואַלטער אינעם מאָסקווער אינסטיטוט פאַר שטאָטישער פּלאַנירונג. שפּעטער האָט ער געטאָן די זעלבע אַכרײַעסדיקע אַרבעט אין גאָרקי, דזערזשינסק, בעלגאָראָד, אַשכאַבאַד“;

אַזוי איז ער אויך ווײַטער „געווען אָנגעשטעלט, מיטן כעסעד פון גוטע גוייִשע פרײַנט, אויף הויכע פּאָסטנס, בײַס איטלעכער איינער פון זיי האָט גענומען אַ שאַנס און פון צײַט־צו־צײַט געגעבן אַ ביסל באַשעפטיקונג דעם ייִדישן יונגנמאַן, אין וועמענס גרויסע קענטעניש דאָס כאָרעוו געוואָרענע סאָוועטישע לאַנד האָט זיך אַזוי שטאַרק געבײַטיקט“;

אָבער...

„אָבער יוריס נאָמען איז דאָך מאַרקיש“...

„ער האָט זיך געפילט אומזיכער, ווי אַ פרעמדער, איבער וועמעס קאָפּ עס הענגט קעסיידער די דאַמאָקל־שווערד פון זײַן נאָמען: מאַרקיש; ער האָט אויך זיך אָפּגעזאָגט אָנצושליסן זיך אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, כאָטש דאָס וואָלט אים עפּשער געקאָנט אַ ביסל העלפן צו קאָמופליאַזשירן זיך, צודעקן דעם „קאַיִן־צייכן“ פון פּערעץ מאַרקישעס נאָמען“...

און —

„די דאָזיקע „ליבשאַפט“ פון זײַן היימלאַנד איז, נאַטירלעך, גיך געוואָרן אַ קעגנזײַטיקע. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַן אָפּאָזיציאָנערן קרײַז און געפאָדערט אַן אַרויספאָר־וויזע קיין ייִשׂראָעל“.

אָפּגעוווען זעקס כאַדאָשים אין דער מעדינע, איז ער אַריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע.

ציטירנדיק די אויבנגעבראַכטע אינפאָרמאַציע פון דער ניו־יאָרקער „פרײַער אַרבעטער־שטימע“ — מיטן לאָשן און מיט די ספּעציפישע אויסדרוקן פון אָט דער אַנטיסאָוועטישער ייִדישער בלאַט, — האָבן מיר, גלויבט זיך, געגעבן די מעגלעכקײַט אונדזערע לייענער צו דערשפּירן ניט בלויז די נישטיקײַט פונעם נײַ־אָפּגעזוכטן פּראָפעסיאָנעלן קאָרעוו, נאָר — און דאָס איז דער איקער, — אויפכאַפּן דאָס טיפּישע, דאָס כאַראַקטעריסטישע, וואָס עס איז אייגנטימלעך פאַר אַ דורכשניטלעכן „אַליִע“־פאַרשוין.

דאָס בילד פון יורי מאַרקישעס לעבן איז פּונקט ווי אַראָפּגעשריבן פון די אַלע, וואָס האָבן אוועקגעוואָרפן אונדזער לאַנד: יאָרן און יאָרצענדליקער אינעם נײַעם סאָוועטישן שטייגער, פיל דורכגעגאַנגענע וועגן און אומוועגן; און די פריידן און זאָרגן אין דער היים ווערן מיטאַמאָל פאַרגעסן, און אָט

איז דער רעזולטאַט (מיר ציטירן ווידער פון דער ניו־יאָרקער אַנטיסאָוועטישער צײַטונג „פרײַע אַרבעטער־שטימע“:

„דאָס אַלץ „האָט אונדז ניט לאַנג צוריק דערציילט יורי מאַרקיש אין אַ רויִק ווינקל אין דער „אַרבעטער־רינג“־היים פאַר עלטערע מענטשן אין בראָנקס (ניו־יאָרק), וווּ ער איז באַשעפטיקט אין דער קיך באַם שיילן קאַרטאָפל און באַם וואַשן געפעס, ווי אויך אינעם עסצימער באַם אָפּרוימען פון די טישן. קיין ייִדיש קאָן ער ניט. קיין ענגליש רעדט ער נאָך ניט. האָט ער דערציילט וועגן זײַנע וואָגלענישן אינעם לאַנד פון די סאָוועטן אין רוסיש“...

אָט מיט וואָס זיי פאַרקלאַפּן דעם קאָפּ בא דעם אוילעם

1975. דער סאָף פונעם דריטן פערטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. אין הימל, אַף דער ערד, אונטער דער ערד — אַ מאָטאָרן־גערויש. אין די אָקעאַנען — אַטאָם־שיפן. אין קאָסמאָס פון דער וועלט איז שוין ענג פון ספּוטניקעס.

אין גאַנץ אַמעריקע — קאַמפּן, ראַסן־אומרוען, אינפליאַציע. מיליאָנען אַרבעטסלאָזע. שטרײַקן.

אַף דער ייִדישער גאַס באַם גודזאָן — הונדערטער טויזנטער אָרעמעלײַט. אַ נאַציסטישער שאַבאַש אין מילוואָקי. אַנטיסעמיטן האָבן געשענדעט דעם עלטסטן ייִדישן בעסוילעם אין ברוקלין. בײַס אַ לעווײַע פון אַ ייִדן, וועלכן מ׳האָט דערהאַרגעט אין אַ „האָלד־אַפּ“־אָנפאַל, שרײַען יונגע כוליגאַנעס „הײַל היטלער“.

און אין דער זעלבער צײַט:

„צוליב בײַזײַן אַפן בריס פונעם בעלזער רעבנס קינד זײַנען מער פון 300 כסידים פון אַמעריקע אָפּגעפאָרן קיין יערושאָלאַיִם אַף איבער שאַבעס. בײַסן בריס האָט מען געזען פענעמער פון פרייד און פײַכטע אויגן, ווען דער ווישניצער רעבע האָט געגעבן דעם ייִנגל אַ נאָמען אָרן־מאָרדכע, נאָך זײַן בעלזער פאָרגייער. דער געזער רעבע איז געווען סאַנדעק...“

(„אַלגעמיינער זשורנאַל“)

„די ליובאַוויטשער און די סאַטמאַרער אָבסקוראַנטן שפּרייטן אויס אַלץ מער און מער זייער אײַנפלוס אין דעם היגן (אַמעריקאַנער) ייִדישן לעבן. עס איז געוואָרן אַ געוויינלעכע דערשײַנונג אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע גרויסע שטעט פונעם לאַנד, ווען עס פאָרן אַרום אַף די גאַסן די אַזויגערופענע „טאַנקען“ פון דעם ליובאַוויטשער הויף. יעדן „טפילע־טאַנק“ באַגלייט אַ כאָפּטע יונגעלײַט, וואָס שטעלן אָפּ ייִדן און פּרוּוון זיי אײַנריידן צו לייגן טפילן גלײַך דאָ אַפן אָרט... די סאַטמאַרער פאָדערן, אַז פרויען און מענער זאָלן גיין אַף באַזונדערע טראָטואַרן. אין אַמעריקע איז די יאַרמלקע שטאַרק אַרײַן אין דער מאָדע...

(„מאָרגן־פרײַהײַט“)

„קיין טאָראָנטאָ האָט זיך לעצטנס געיאַוועט אַן אַמעריקאַנער רעבעצן — עסטער יונגרײַז פון ניו־יאָרק, וועלכע האָט געבראַכט „גאָטס וואָרט“ צו 600 מענטשן אין דער בײס־שאָלעם סינאַגאָגע. די רעבעצן האָט „געמאַכט די ערשטע זײַטן“ פון דער פּרעסע. די „טאָראָנטאָ סטאַר“ האָט איר אָפּגעגעבן דעם אויבנאָן אַף דער ערשטער זײַט, מיט אַ פּאָטאָפּאָרטרעט אַף פולע פיר שפּאַלטן. אַ מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג באַשרײַבט אין דעטאַלן, וויאַזוי די רעבעצן האָט אין מעשעך פון אָנדערהאַלבן שאָ געפריידיקט „ייִדישן עוואַנגעליזם“. זי איז געווען אָנגעטאָן „אין אַ מיני קליידל, ווײַסע לעדערנע שטיוול און אַ קרוכלע ווײַסע בלוזקע“. „זי זעט אויס ענלעך צו זשאַזשאַ גאַבאָר, דער סעקסועלער פילם־אַקטריסע. זי שפּאַנט אַרום מיט אַ מיקראָפּאָן אין די הענט, טרערן שווענלן אָן אירע אויגן, שימערירנדיק אַף די אויסגעשנירעוועטע פאַלשע וויִעס“. זי איז די פרוי פון אַן אָרטאָדאָקסישן ראָוו. איינעם אַ צײַטונגסרעפּאָרטער האָט זי דערקלערט: „דאָס ערשטע, וואָס איך טו אינדערפרי נאָכן וואַשן זיך די הענט און טפילע טאָן צו גאָט, איז — אָנשמירן דאָס פּאָנעם“...

(„וואָכנבלאַט“)

„דער ליובאַוויטשער רעבע שנייערסאָן האָט אין זײַן דראָשע געזאָגט: „אין דער סעדרע פון דער וואָך לייענען מיר וועגן גאָטס אַנטפּלעקונג צו אַווראָמען נאָך דעם, ווי יענער האָט זיך מאַל געווען. אָבער פאַרוואָס איז דאָס מאַל־זײַן זיך אַזוי וויכטיק, אַז דאָס זאָל פאַרדינען אַזאַ גרויסן סכאַר?.. די ספּעציִעלע פאַרבינדונג צווישן דעם ייִדן און גאָט איז דערגרייכט געוואָרן דורכן דורכפירן דעם געבאָט...

(„דזשויִש דזשוירנאַל“). ווען אַ ייִד גייט אין גאַס, — זאָגט דער ליובאַוויטשער רעבע, — גייט אַ שטיק געטלעכקײַט. דעריבער איז ניטאָ וואָס צו רעכענען זיך מיט דעם, וואָס ייִדן זײַנען אַ קליין פאָלק צווישן אַזויפיל פעלקער. דער גאַנצער מעהוס פון אַ ייִדן קאָן ניט געמאָסטן ווערן אין נומערן און ציפערן, פּונקט ווי געטלעכקײַט קאָן ניט געמאָסטן ווערן אין קאַמוס. אַ ייִד איז אַ חלק אלוקים (געטלעכקײַט) און פאַלט ניט אַרײַן אין דער קאַטעגאָריע פון איינפאַכער מאַטעמאַטיק („אַלגעמיינער זשורנאַל“). אָפּשטעלנדיק זיך אַף דעם, ווי טוירע־כינוך איז פאַרבונדן מיט די געשעענישן אין ערעץ־ייִסראָעל, האָט דער ליובאַוויטשער רעבע צווישן אַנדערן דערקלערט, אַז ס׳איז וויכטיק דערגיין צו יעדן ייִדן, וואָס דינט אין דער ייִסראָעל־אַרמיי און אים פאַרפליכטן אָפּצוהיטן קאַשרעס און אָנטאָן טפילן און פאַרוואַנדלען די מיליטערישע איינהײַט אין אַ הייליקער מאַכנע

(„אַוסטראַליער ייִדישע נײַס“).

דאָס איז בלויז אַ קליינער טייל פון די פּילצאָליקע פאַקטן, וועלכע זאָגן איידעס וועגן דעם געפערלעכן אַראָפּ־פּויזען פון אַ געוויסער ייִדישער סוויווע אין אַמעריקע ביז צו די כוישעכן פונעם מיטלאַלטער. עס מאַכט אַן אײַנדרוק, אַז די אָבסקוראַנטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר געשעפּט אַזויפיל קויכעס פון דעם שאָוויניסטישן, אַנטיסאָוועטישן, ציִעניסטישן פּסיכאָז, אַז זיי דערוועגן זיך שוין צו איגנאָרירן די דוירעסדיקע פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פונעם דאָרטיקן ייִדישן מאַסן־מענטש, און זיי נעמען אָן די איצטיקע צײַט אַלס פּאַסיקע אַף צו ווילדעווען, ווי אין די עפּאָכעס פון „הייליקע קרייץ־צוגן“.

און וווּ זײַנען די קויכעס פון סאָציִאַלן יוישער אַף דער אַמעריקאַנער ייִדישער גאַס? דער אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס אָנפירער פון פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן אין דער ייִדישער אַמעריקע האָבן זיך אין אָט די יאָרן אַרויסגעוויזן פאַר אָפּגעשוואַכט אַנטקעגן אָט דעם אינספּירירטן פּסיכאָז, און איצט לאָזט זיך פילן דער טרויעריקער רעזולטאַט: דאָרט, וווּ עס פלעגן רוישן די קעמפעריִשע פּראָלעטאַרישע מײַ־דעמאָנסטראַציעס מיטן שלאַכט־רוף „אין די גאַסן צו די מאַסן“, — דאָרט לאָזן זיך הײַנט ווילגיין גאַנצע כמאַרעס יאַרמלקעלײַט, אַנטיסאָוועטישע „קרייץ־צוגן“ מיט ראַבאָנים אין דער שפּיץ, עס פעלן אויך ניט די „טאַנקען“ פון די ליובאַוויטשער פינצטערלינגען...

עס ווילט זיך אויסרופן: הער, פּראָגרעסיווע ייִדישע אַמעריקע, הער!

עס ווערט פאָרגעזעצט
דער שמועס,
וואָס «סאָוועטיש היימלאַנד»
האָט אָנגעהויבן

נאָכאַמאָל וועגן מאָרדכע שקאָלניקן

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 11 פאַרן 1974 זײַנען געווען אָפּגעדרוקט זיכרוינעס פון ייִסראָעל שקאָלניק וועגן זײַן ברודער מאָרדכע, דעם רעוואָליוציאָנערן טוער און דיכטער. אין דער בײַלאַגע צו די זיכרוינעס זײַנען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן מאָרדכע שקאָלניקס אייניקע לידער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזוכט אין פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

לעצטנס האָבן מיר באַקומען א בריוו פון ייִסראָעל שקאָלניק (ער לעבט אין דער שטאָט סאָראָקע, מאָלדאַווישע ססר), אין וועלכן ער טיילט מיט נײַע פּראָטים פון זײַן ברודערס לעבן. צו דעם בריוו איז צוגעלייגט דער טעקסט פון א ליד, וואָס דער דיכטער האָט אָנגעשריבן אין 1940, גלײַך נאָך דער באַפרײַונג פון בעסאַראַביע. ווי עס שײַנט, איז די ליד אין ערגעץ ניט געווען פאַרעפנטלעכט. מיר האָבן אויך באַשטימט באַקאַנען אונדזערע לייענער מיט מאָרדכע שקאָלניקס ווייניק באַוווּסטער ליד „דײַן „טשאַרנאָזיאָם" ווערט רויט", געדרוקט אין נום. 12 פון דער לאָדזשער „ליטעראַרישער טריבונע" פאַרן 1932.

כאָשעווע כאַווײרים!

איך וויל אײַך דערציילן וועגן צוויי עפּיזאָדן.

אין קעשענעוו, אין א קרײַז פון ליבהאָבער פון ייִדישן וואָרט, האָט זיך ניט לאַנג צוריק פאַרפירט א שמועס וועגן מײַן ברודערס לידער, וועלכע „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט פאַרעפנטלעכט. אין שטוב איז אַרײַנגעקומען מאָרדכע פּריזמאַן, מײַנער און מאָרדכעס א כאַווער נאָך פון די קינדער־יאָרן. צוהערנדיק זיך צו אונדזערע רייד, האָט ער געזאָגט:

— מאָרדכע שקאָלניק פלעגט שרײַבן ניט נאָר לידער... אין דעם יאָר 1932 אָדער 1933 האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אים אָפּשיקן א בריוו פון דער „דאָפּטאַנע", אַזוי האָט מען גערופן די באַרימטע אין אַלט־רומעניע טפיסע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, און ווי נאָר ער האָט דעם בריוו באַקומען, האָט ער אַרויסגעלאָזט א פּראָקלאַמאַציע אויף רומעניש, וועלכע ער אַליין האָט אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט אויף א שרײַבמאַשינקע אין דער זגוריצער לײַ־ און שפּאָר־קאַסע, וווּ ער האָט דעמלט געאַרבעט. די פּראָקלאַמאַציע האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„כאַווײרים אַרבעטער און פּויערים! אײַלט צו הילף די כאַווײרים פון דער „דאָפּטאַנע!" א כאַווער שרײַבט אונדז פון דאָרט..."

ווײַזט אויס, אַז טאַקע אין יענער צײַט האָט מאָרדכע געשאַפן זײַן ליד „טאָ ווייסט", אין וועלכער עס גייט א רייד וועגן די, וועלכע זינגען, שפּײַענדיק מיט בלוט, „און עס ווערט דערשטיקט זייער ליד פון דעם וועכטערס טריט".

און נאָך אן עפּיזאָד.

אַנומלטן האָט מיר אן אַלטער פרײַנט געזאָגט:

— אויב דו ווילסט עפּעס געוווירע ווערן וועגן דײַן ברודער, כאַפּ זיך אַראָפּ קיין טשערנאָוויץ. דאָרט וווינט אונדזערער א לאַנדסמאַן, וועלכער האָט געאַרבעט און געלעבט אין פּערליץ ביזן לעצטן פאַרמילכאָמעדיקן טאָג. הייסן הייסט ער טרײַבער. אַווראָם טרײַבער. זײַן אַדרעס ווייס איך ניט.

און אָט בין איך אין טשערנאָוויץ. ס'האָט מיר אָפּגעגליקט: בײַ די ערשטע צוויי ייִדיש־ריידנדיקע פאַרבײַגייער, וועלכע איך האָב אָפּגעשטעלט, בין איך געוווירע געוואָרן, וווּ טרײַבער וווינט, און בין אַוועק צו אים.

— זײַנט איר געקומען, הייסט עס, אין שײַכעס מיט אײַער ברודער מאָרדכע שקאָלניק, — האָט ער א זאָג געטאָן, — לײַדער, ווייס איך אויך גאָרניט וועגן דעם, ווּהין ער איז אַהינגעקומען. מילכאָמע! נאָר זעצט זיך צו. עפּעס וואָס וועגן מאָרדכען וועל איך אײַך דערציילן... איך וואַרט שוין לאַנג אויף אַזאַ געלעגנהײַט.

און טרײַבער האָט דערציילט:

— עס איז געווען אין טויזנט נײַן הונדערט פערציקסטן יאָר. די רויטע אַרמיי האָט באַפרײַט אונדזער בעסאַראַביע. איך האָב געאַרבעט אַלס פאַרוואַלטער פונעם קלוב אין פּערליץ, וווּ מאָרדכע איז געווען פאָרזיצער פונעם דאָרפסראַט. פאַרשטענדלעך, אַז מיר זײַנען געווען ענג פאַרבונדן צווישן זיך לויט דער אַרבעט. אין איינעם אַן אָוונט, פאַרן אויפהייבן דעם פאָרהאַנג, קומט

אַרײַן מאָרדכע הינטער די קוליסן און זאָגט צו מיר: „הער אויס, אווראָם! כ'האָב אָנגעשריבן א ליד און ווייס ניט, וואָסער נאָמען איר צו געבן. אָט וועל איך דיר איבערלייענען, וועסטו מיר עפּשער אונטערזאָגן". איך האָב אויסגעהערט די ליד און פאַרגעלייגט: „וואָס מוטשעסטו דעם קאָפּ! גיב אהער די ליד, איך וועל זי באַלד איבערלייענען פון דער בינע פארן עולם, און הייסן וועט זי פּראָסט און פּאָשעט — „א ליד פון מאָרדכע שקאָלניק"...

— וווהין זשע איז די ליד אהינגעקומען? — האָב איך געפרעגט טרײַבערן.

— נעמט א בייגעלע פּאפּיר און שרײַבט.

אונטערשפּאַרנדיק דעם קאָפּ מיט דער לינקער האַנט, די אויגן געווענדט אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט, האָט ער געגומען דעקלאַמירן די ליד, וואָס מאָרדכע שקאָלניק האָט אָנגעשריבן מיט 35 יאָר צוריק:

איבער דײַנע פרײַע פעלדער,
ליבע בעסאַראַביע,
שפּאַן איך איצט אַרום.

אופזוכן די שטיקער כ'וועל פון מײַן צעריסן
הארץ,

די טעג מײַנע, אזוינע יונגע —
אף דײַנע וועגן.

און וועל איך ווו אין שטויב
דערזען א טרער פון מײַנע טרערן,
דאַן מיטן בליק פון מײַנע אויגן,
ווי א קינד, וועל איך זי גלעטן.
יאָ, איך ווייס, ס'וועט קיינמאָל מער

א מענטשנס טרער
אין שטויב ניט פאַלן.
און, אָנגעזאָפּט מיט פרישן מוט,
וועל איך זיך נעמען שפּאַנען
אף וועגן פון א העלדיש פאָלק,
אף וועגן פון סטאַכאַנאָוון.
ווער זשע קאָן אין וועג זיך שטעלן?
ווער — פאַרווערן?
אַז שפּאַנען שפּאַן איך
מיט דער לענינישער פאָן
און מיטן רויטן שטערן!

און אָט איז מאָרדכע שקאָלניקס ליד, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער לאַדזשער „ליטעראַרישער טריבונע" נומ. 12 פאַרן 1932:

דײַן „טשאַרנאַזיאָם" ווערט רויט...

עס זינגען מער ניט אף די סטעפּעס
דײַנע זין און טעכטער —
ס'ווערט דאָרט זייער ליד דערשטיקט
פון בייזע, פרעמדע, וועכטער...

און דאָרט, אף ברייטע, ברייטע פעלדער,
ווו ס'איז מײַן היים געווען, —
דאָרט קלינגען איצטער שווערע קייטן,
דאָרט איז מײַן היים געווען...

און שרײַט ווער אויס פאַרשטיקטן ווײ,
שרײַט ווער אויס פון נויט, —
דאַן פאַלט זײַן פּאָנעם צו דײַן ערד.
דײַן „טשאַרנאַזיאָם" ווערט רויט...

כראָניק

60־טער געבורטסטאָג פון דאוויד אשקענאַזי

די מוזיקאַלע געזעלשאַפטלעכקײַט פון מאָסקווע האָט פײַערלעך אָפּגעמערקט דעם 60־טן געבורטסטאָג פונעם אָנגעזעענעם סאָוועטישן מוזיקער־קאָנצערטמייסטער דאוויד אשקענאַזי, איינעם פון די וויכטיקסטע מײַסטערס פונעם אַקאָמפּאַנימענט־זשאַנער.

זײַן מוזיקאַליש־קאָנצערטישע טעטיקײַט הייבט אָן ד. אשקענאַזי אין 1937, און פון 1939 ביז הײַנטיקן טאָג אַרבעט ער אין דער שעפערישער פאַריייניקונג „מאָסקאָנצערט". בײַ דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז ער געווען אין לענינגראַד און אין סעוואַסטאָפּאָל, אַרומגעפאָרן איבער די פראָנט־ליניעס מיט קאָנצערטן צוזאַמען מיט אַזעלכע באַרימטע שוישפּילער, ווי סערגיי לעמעשעוו, איוואַן קאָזלאָווסקי, קלאַוודיאַ שולזשענקאָ, מאַרק בערנעס, לעאָניד אוטיאָסאָוו, אַרקאַדי רײַקין.

אין די לעצטע יאָרן האָט דאוויד אשקענאַזי אָנגעווענדט זײַן שעפערישן טאַלאַנט אויך אין געביט פון דער יידישער מוזיק, אַלס קאָנצערטמייסטער אין די פּראָגראַמען אף גראַמאָפאָן־פּלאַטן פון יידישע זינגלידער.

די רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם יובילאַר און ווינטשן אים נײַע שעפערישע דערגרייכונגען.

■ ■ ■

ביראָבידזשאן און ביראָבידזשאנצעס

דער דעפּוטאַט פֿונעם סאָוועטישן פּאַרלאַמענט

דער מיטגליד פֿונעם סאָוועטישן העכסטן פּאַרלאַמענט ליובע גרויסמאַן איז אַ נייטערן אין דער ביראָ־בידזשאַנער טעקסטיל־ און ניי־פֿאַבריק. אינעם באַשטאַנד פֿון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע האָט זי אין אָקטיאַבער 1975 אָנטיילגענומען אין דער אַרבעט פֿונעם אַלוועלטלעכן קאָנגרעס, געווידמעט דעם צווישן־פֿעלקערלעכן פֿרויען־יאָר.

אויפֿן בילד: ל. אי. גרויסמאַן שמועסט מיט אירע כאַווערטעס פֿון דער פֿאַבריק.



ווי לײַבלעכע ברידער

יאָסיף אווערבוך (פֿון רעכטס) איז געקומען אויף דער ביראָקאַנער פּאַפּיר־פֿאַבריק, ווען דאָרט האָט שוין געאַרבעט סערגיי קוזמין. אַ גוטער ספּעציאַליסט, האָט סערגיי איגנאַטיעוויטש גענומען איבער אווער־בוכן שעפֿטום. איצט אַרבעטן זיי צוזאַמען.

געוועזענע פּראָנטאָוויקעס — שלאָגלער פֿון קאָמוניסטישער מי

רעפֿאָעל און דאָרע כאָלאָדאָווסקי — ביידע געוועזענע פּראָנטאָוויקעס — זײַנען כאָשעווע מענטשן אין בי־ראָבידזשאַן, שלאָגלערס פֿון קאָמוניסטישער מי אין דער געגנטלעכער קאָנטאָר פֿונעם מעלוכע־באַנק

בירָאבידזשאַן און בירָאבידזשאַנצעס

אַן אַרבעטער־דינאַסטיע

אפן „דאַלסעלמאַש” געדענקט מען דעם וועטעראַן שמועל קרוטשינעצקי. איצט אַרבעטן אפן זאַוואָד זײַנע דרײַ זין — ראָמאַן, גריגאָרי און וואַלערי, ווי אויך די מוטער זייערע דאָבע און ראָמאַנס פרוי.
אפן בילד: די מישפּאָכע קרוטשינעצקי — אַן אַרבעטער־דינאַסטיע.

די באַלעבאָסטע פון דער בענזאָקאָלאָנקע

בירָאבידזשאַנער שאָפערן פאַרקערעווען צו דער בענזאָקאָלאָנקע אף דער סאָוועטן־גאַס. אַלס אַפּאַראַטשיצע אַרבעט דאָ שוין זעכצן יאָר טאַמאַרע אַראַנאָווע קאַטקיס. און די אווטאָמאָביליסטן האַלטן פון איר א וועלט, ווײַל אין איר אומבײַט פאַטערט מען ניט קיין סאַך צײַט אף אָנצופילן די באַקן מיט ברענשטאָף.

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַס

א דענקמאָל וו. אי. לענינען

דאָס קולטור־מיניסטעריום פון פּסער האָט באַשטעטיקט דעם פּראָיעקט פון א דענקמאָל וולאַדי־מיר איליטש לענינען, וועלכער וועט אופגעשטעלט ווערן אפן שענסטן פּלאַץ אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן.

דעם פּראָיעקט פונעם דענקמאָל האָט אויסגעפּילט דער באַוווּסטער סקולפּטאָר, פּאָלקס־קינסטלער פון פּסער, לאָורעאַט פון דער מעלוכי־שער און לענין־פּרעמיעס, דער אקאַדעמיקער לעוו קערבעל — צו־זאַמען מיטן אַרכיטעקטאָר לעוו מיסאָזשניקאָוו.

אין סאָף פונעם פאַריקן יאָר האָבן די אוטאָרן פונעם דענק־מאָל באַזוכט די שטאָט ביראָביד־זשאַן.

פאַר די ראַדיאָ־צוהערער פון ביראָבידזשאַן

אין קולטור־לעבן פונעם געגנט־לעכן צענטער איז פאָרגעקומען א וויכטיקע געשעעניש — עס איז אָפּגעגעבן אין עקספּלואַטאַציע די ערשטע ריי פון דער דרײַפּראָגראַ־מיקער ראַדיאָ־טראַנסלירונג. ביראָ־בידזשאַן איז, אַזוי־אַרום, נאָך כאַ־באַראָווסק און קאָמסאָמאָלסק־אָפן־אַמור, די דריטע שטאָט אין ווײַט־מיזרעכדיקן קאַנט, וווּ עס ווערן איינצײַטיק טראַנסלירט דרײַ פּראָ־גראַמען.

דאָס באַטײַט, אַז די ראַדיאָ־צו־הערער, אײַנשאַפנדיק פאַר זיך אין דער אַרטיקער האַנדלס־נעץ א דרײַפּראָגראַמיקע דינאַמיק, האָבן די מעגלעכקײַט צו הערן די פּראָ־גראַם פון דער אַלפאַרבאַנדישער ראַדיאָ „מאַיאַק" און נאָך צוויי פּראָגראַמעס.

ענדגילטיק וועט די דרײַפּראָ־גראַמיקע ראַדיאָ־טראַנסלירונג אָנ־הייבן פונקציאָנירן צו דער עפע־נונג פונעם XXV פּאַרטיי־צוזאַמענ־פאָר.

א הויכע באַלוינונג

זיבן קוואַרטאַלן נאָכאַנאַנד איז דער קאָלעקטיוו פונעם טעפּלאָ־אָזיאָרסקער צעמענט־זאַוואָד אָנער־קענט געוואָרן אַלס זיגער פון דער אַלפאַרבאַנדישער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג. ביז איצט האַלט ער די איבערגייענדיקע רויטע פאָן פונעם מיניסטעריום פון דער אינ־דוסטריע פון בוי־מאַטעריאַלן פון פּסער און צק פונעם פּראָפאַריין פון דעם דאָזיקן געביט. די אונ־טערנעמונג האָט פיל מאָל פאַרנו־מען דאָס ערשטע אָרט אין דער געגנטלעכער פאַרמעסטונג.

לויט די סאַכאַקלען פון דער אַרבעט אינעם פערטן קוואַרטאַל פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָט דער זאַוואָד ווידער אויסגעקעמפט די איבערגייענדיקע רויטע פאָן פון די געגנטלעכע פּאַרטיייִשע און פּראָפאַריינישע אָרגאַניזאַציעס. די צעמענטלער זײַנען איינע פון די ערשטע אַרויסגעטראָטן אַלס איני־ציאַטאָרן פון דער קאַנטישער פאַרמעסטונג פאַר ווירדיק באַגע־גענען דעם XXV פּאַרטיי־צוזאַמענ־פאָר.

פאַר די דערפאָלגן אין דער אַנטוויקלונג פון דער צעמענט־אינדוסטריע פונעם ווײַטן מיזרעך איז דער טעפּלאָאָזיאָרסקער זאַ־וואָד, לויט אַן אוקאַז פון פּרעזי־דיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסער, באַלוינט געוואָרן מיטן אָר־דען „ערן־צייכן".

אייגענע אוטאָמאָבילן

פאַר דער לעצטער צײַט האָבן פיל אײַנוווינער פון ביראָבידזשאַן, אַמורזעט, וואַלדהיים און פון אַנ־דערע יִישוּווים אײַנגעשאַפן פאַר זיך לײַכטע אוטאָמאָבילן.

בלויז פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן די האַנדלס־אָרגאַניזאַציעס פאַרקויפט די אַרבעטנדיקע פון דער געגנט העכער 200 אוטאָ־מאָבילן פון די מאַרקעס „זשיגולי", „מאָסקוויטש", „וואָלגא" און „זאַ־פּאָראָזשעץ", ווי אויך באַ 1000 מאָטאָציקלען און מאָטאָראָלערס.

באַ די ליבהאָבער־אוטאָמאָבי־ליסטן איז דער פּערזענלעכער לײַכטער אוטאָמאָביל געוואָרן איינס פון די בעסטע מיטלען צו אָרגאַניזירן דעם אָפּרו. הונדערטער פאַמיליעס פאַרברענגען זייער פרײַע צײַט אין דער טײַגע, פאָרן אַרויס אויף פישפאַנג און אַלס טו־ריסטן לויט די מאַרשרוטן ביראָ־בידזשאַן, כאַבאַראָווסק, וולאַדי־וואָסטאָק.

די ערשטע טראָפייען

אין דער ייִדישער אוטאָנאָמער געגנט האָט זיך אָנגעהויבן דער יאַגד־סעזאָן. באַ 300 יעגער, פּראָ־פעסיאָנאַלן און ליבהאָבער, זײַנען פון אַבלוטשיע אוועק אין דער טײַגע. לויט ליצענזיעס פון דער אַרטיקער מעלוכישער געווערב־ווירטשאַפט שטייט זיי פאַר צו פאַרגרייטן רויכוואַרג און פלייש אויף א סומע פון 50 טויזנט רובל.

די ערשטע דערפאָלגן האָבן זיך דערשלאָגן די יעגער פונעם דאָרף פּאַשקאָווא וו. רוביס און א. ביל־קאָוו. זיי האָבן שוין צוגעשטעלט דער יעגער־ווירטשאַפט א בער, 3 ווילדע קאַבאַנעס און א לאָס. פאַרן ביראָקאַנער יעגער־ליבהאָ־בער ב. סקודאַרגי איז דער איצ־טיקער יאַגד־סעזאָן דער ערשטער אין זײַן לעבן. אָבער אויך ער האָט שוין אָפּגעגעבן אויף דער פאַרגרייטונג־באַזע 300 קילאָגראַם פלייש פון ווילדע כײַעס.

די יעגער האָבן פאַרקויפט דער מעלוכע א גרויסע צאָל פעלעכלעך פון וועווערקעס, האָזן, פוקסן.

10 יאָר בירא̈בידזשאַנער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער

די געזעלשאַפטלעכקײַט פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט האָט אָפּגעמערקט דעם צעניאָריקן יוביליי פונעם ייִדישן פאָלקס־טעאַטער. פאַר דעם שעפערישן קאָלעקטיוו זײַנען עס געווען יאָרן פון וווּקס, פון פּילצאָליקע באַגעגענישן מיט די צושויער.

דעקאַבער 1965. א גרופּע ענטוזיאַסטן, ליבהאָבער פון טעאַטראַלער קונסט, אונטער דער אָנפירונג פונעם רעזשיסער מוישע בענגעלסדאָרף און פון דעם מוזיקער אווראָם גערשקאָוו, האָט פאַר א קורצער צײַט צוגעגרייט און באַוויזן שאָלעם־אלייכעמס איינאַקטער „מאַזלטאָוו". די צושויער האָבן הייס אַפּלאָדירט די ערשטע אויספילער פון די ראָלן — זאַלמען שווואַלן, איליא קאַניעווסקין, בעלע מאַזאָ, עדי מעלעשקאָ, דעם פאַרפאָלק מאַקס און כײַע עפּשטיין. „מאַזלטאָוו" איז געוואָרן דאָס וויזיט־קאַרטל פונעם קומענדיקן פאָלקס־טעאַטער.

דער דערפאָלג האָט באַגײַסטערט דעם יונגן טעאַטער־קאָלעקטיוו. עס האָבן אָנגעהויבן צוקומען נײַע אָנטיילנעמער — אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון די שטאָטישע אונטערנעמונגען, מענטשן פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס און עלטער.

צווישן די ערשטע טעאַטראַלע ווערק, וואָס דער קאָלעקטיוו האָט אויפגעפירט, איז געווען גערשענזאָנס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", א שטעלונג, מיט וועלכער די בירא̈בידזשאַנצעס האָבן זיך באַטייליקט אינעם אַלרוסלענדישן דורכקוק, געווידמעט דעם 50־טן אָקטיאַבער־יאָרטאָג, און זיי האָבן דערוואָרבן דעם טיטל לאַוּרעאַט און דעם בעקאָוועדיקן נאָמען פאָלקס־טעאַטער.

א היפּש אָרט פאַרנעמט אינעם רעפּערטואַר פונעם טעאַטער די קלאַסיק פון דער ייִדישער ליטעראַטור: שאָלעם־אלייכעמס „א דאָקטער", „מענטשן", „דאָס גרויסע געווינס"; דער ספּעקטאַקל לויטן ראָמאַן „סטעמפּעניו" (אינסצענירט פון א. רובינשטיין); גאָלדפאַדענס „צוויי קונילעמלעך" און „די קישעפמאַכערן" (מיט וועלכער דער קאָלעקטיוו האָט אין 1973 זיך באַטייליקט אין די קאַנטישע און זאָנאַלע דורכקוקן אין כאַבאַראָווסק און אין וולאַדיוואָסטאָק און איז צום צווייטן מאָל אָפּגעמערקט געוואָרן מיט א דיפּלאָם פון א לאַוּרעאַט. אויף דעם קאָנקורס זײַנען אויך באַלוינט געוואָרן 27 אָנטיילנעמער פון דער טרופּע).

מיט דערפאָלג האָט דער טעאַטער אויפגעפירט און זעצט איצט פאָר צו שפּילן א ריי פאָרשטעלונגען פונעם סאָוועטישן רעפּערטואַר — מ. דאַניעלס העראָישע פּיעסע „זיאַמקע קאָפּאַטש", בוזי מילערס קאָמעדיע „פונעם הימל פאַלט גאָרניט אַראָפּ", לעאָניד לעאָנאָווס „אינוואַזיע" (אין דער איבערזעצונג פון העשל ראַבינקאָוו).

דער בירא̈בידזשאַנער פאָלקס־טעאַטער, וואָס ציילט איצט העכער 40 אַרטיסטן, בעראָש מיט די וועטעראַנען פון דער בינע בערטע שילמאַן (רעזשיסער), מיכאַיִל שיין, מאַקס עפּשטיין, ראָזע אַמאַיעווא, סערגיי גערזאָן, בעטיע גערשקאָוואַ אאַ., באַגעגנט זײַן צעניאָריקן יוביליי אין פולן אויפבלי פון די שעפערישע קויכעס. וועגן דעם איז פיל געזאָגט געוואָרן אויפן פײַערלעכן אָוונט, געווידמעט דער יובליי־דאַטע, וועלכע איז פאָרגעקומען אינעם יאָמטעוודיק־אויסגעפּוצטן זאַל פון דעם שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ.

י. פּײַוווסאָוויטש

אויף די בילדער: סצענעס פון די ספּעקטאַקלען פונעם ייִדישן פאָלקס־טעאַטער (פון לינקס אויף רעכטס) סטעמפּעניו — **אי. רויטמאַן,** ראַכעלע — **נ. ליסקאָוויטש** („סטעמפּעניו"); פּאַיונין — **אָ. ריס** („אינוואַזיע"); יעווסיי יעפימאָוויטש — **ש. קאָניק,** זינאַווי נאַומאָוויטש — **מ. עפּשטיין,** סאָלאָמאָן מאַרקאָוויטש — **מ. שיין,** מיכאַיִל פּאַוולאָוויטש — **מ. סלוטש** („פונעם הימל פאַלט גאָרניט אַראָפּ").

פאַרשיידנס

דער גורל פון א סקולפּטור

...אלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון א פּריוואַטן שמועס פון געלערנטע. דער פּראָפעסאָר פון סטראַסבורג (פראַנקרײַך) גערארד פּוסמאַן, א באַרימטער קענער פון סאַנסקריט און קולטור פונעם אינדאָסטאַנער האַלב-אינדזל, קומענדיק קײַן קאַראַטשי, האָט דערציילט זײַנע פּאַקיסטאַנער קאָלעגן, אַז אין בריסעל האָט ער געזען א זעלטענע, אויב ניט קײַן אָר־ ניקאַלע, סקולפּטור פון בודען, וואָס געהערט צו דער גאַנד־ כאַרער קינסטלערישער שול. דער הענדלער פון אַנטיקוואַרע כפייצים, ווו די סקולפּטור האָט זיך געפונען, האָט אָנגערופן די פּרײַז, פאַר וועלכער ער וואָלט זי פאַרקויפט: הונדערט טויזנט אַמעריקאַנער דאָלאַרן...

די פּאַקיסטאַנער אַרכעאָלאָגן, היסטאָריקער, קונסטקענער האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די סקולפּטור האָט מען אַנטפּלעקט בײַס די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אינעם פּאַקיסטאַנישן ראַיאָן מאַרדאַן... ווי אַזוי האָט די סקולפּטור אויסגעמיטן די איבערקויפערס, איז געבליבן א סוד.

די פּאַקיסטאַנישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט אויפגעהויבן אַן אַלאַרעם. די צײַטונג „דאָאַן" האָט אָפּגעדרוקט א ספּע־ ציעל אַרטיקל אָף דער דאָזיקער טעמע. ס'האַנדלט זיך וועגן דעם, ווי אַזוי אויסלייזן דעם „געפינס" און אים אומקערן קײַן פּאַקיסטאַן.

איידעס פון געשיכטע

„עדיסיאָן סאָסיאַל" און דער אינסטי־ טוט פון מאָריס טאָרעז אין פראַנקרײַך האָבן אַרויסגעלאָזט א צווייבענדיקע אויס־ גאַבע פאַטאָרעפּראָדוקציעס פון 387 אום־ לעגאַלע נומערן פון דער צײַטונג „הומאַ־ ניטע" פאַר די יאָרן 1939—1944.

אינעם פאָרוואָרט צו דער זאַמלונג, וועלכן זשאַק דיקלאָ, איינער פון די על־ טסטע טוער פון דער אַרבעטער-באַווע־ גונג אין פראַנקרײַך, האָט אָנגעשריבן ניט לאַנג פאַרן טויט, ווערט אָפּגעמערקט: „איינע דאַרף מען דערמאָנען וועגן דעם אַז די אַנדערע דאַרפן זיך דערוויסן, אַז אין דער צײַט, ווען פראַנקרײַך האָט גע־ דראָעט א געפאַר פאַרניכטעט צו ווערן, זײַנען געווען מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויפגעהויבן אָף א קאַמף פאַר איר רע־ טונג, און צווישן די דאָזיקע העלדנמוטיקע זין און טעכטער פון פראַנקרײַך זײַנען געווען די קאָמוניסטן, זייער פּאַרטיי, זייער צײַטונג „הומאַניטע".

אלס א בײַלאַגע צו דער זאַמלונג זײַנען פאַרעפנטלעכט די פאַטאָ-רעפּראָדוקציעס פון דער צײַטונג „הומאַניטע", וועלכע ס'האָבן אויך אומלעגאַל אַרויסגעגעבן די קאַצעטלער פונעם היטלערישן קאָנצענ־ טראַציע-לאַגער בוכענוואַלד.

א זעלטענע אויסגאַבע

צווישן די אויסגאַבעס פון סערגיי יעסענינס ווערק שטעלט מיט זיך פאָר א גרויסן אינ־ טערעס פאַר די ביבליאָפילן די פּאָעמע „די ליד וועגן דעם גרויסן מאַרש", וואָס איז אַרויס־ געגעבן, געוואָרן אין 1926 יאָר. דאָס דאָזיקע מיניאַטורע ביכעלע, וואָס האָט א פאָרמאַט פון 75×116 מילימעטער, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אינגאַנצן אין 50 עקזעמפּליאַרן אין דער טיי־ פּאָגראַפיע פון די „העכסטע קינסטלעריש-טעכנישע וואַרשטאַטן" אין מאָסקווע (ווכוטעמאַס). דעם מאַקעט, די איליוסטראַציעס, דעם זאַץ, דעם דרוק און די בראָשוראַווקע האָט אויסגעפילט אלס קורס-עקזאַמען דער סטודענט פונעם פּאָליגראַפישן פאַקולטעט פונעם ווכוטעמאַס ניקאָלײַ לאַפּין אונטער דער אָנפירונג פונעם אָנגעזעענעם בוך-גראַפיקער פּראָפעסאָר נ. אי. פּיסקאַ־ ריאָוו.

דער טיטלבלאַט און דער פראָנטיספּיס בילדן אַן איינהײַטלעך לויט דער קאָמפּאָזיציע געמעל. דער טרעפלעכער אויסוואַל פון שריפט, מיט וועלכן ס'זײַנען אויסגעזעצט דער נאָמען און פאַמיליע פונעם אוטאָר פון דער פּאָעמע, איר נאָמען, דאָס אָרט און יאָר פון דער אויס־ גאַבע, די געלונגענע צעשטעלונג פונעם זאַץ באַשיינען דעם טיטלבלאַט. די גראַוויור פון א לירע מיט א זאַנג באַרײַכערט דעקאָראַטיוו זײַן קאָמפּאָזיציע און דריקט אויס דעם פּאַלקסטימ־ לעכן געבוי פון דער פּאָעמע.

אָפן פראָנטיספּיס איז אָנגעמאָלט א פינפשפּיציקער שטראַליקער שטערן מיט א סערפּ און האַמער, דורך וועלכע מע זעט דעם סילועט פונעם קופערנעם רײַטער — „פּיאַטערס שאָטן". די דאָזיקע איליוסטראַציע דינט ווי אַן אָנשוילעך געשטאַלט צו די שלוס-שורעס פון דער פּאָעמע, אין וועלכע ס'איז געזאָגט, אַז „פּיאַטערס שאָטן בלאָנקעט אַרום די גאַנצע נאַכט איבער די גאַסן פון דער שטאָט אָף דער ניעוואַ און בייזערט זיך אָף דער רויטער פאַרב".

דאָס ביכעלע פאַרמאָגט 56 זײַטן און שליסט זיך מיט א פינפשפּיציקן שטערן, וועלכער שנײַדט דורך די וואָלקנס.

איין עקזעמפּליאַר פון דער דאָזיקער אויסגאַבע איז געשענקט געוואָרן ב. א. שעווערדיי־ עוון, דעם קסילאָגראַף און אַפּאַרטיסט, דעקאַן פונעם גראַפישן פאַקולטעט פון די „העכסטע קינסטלעריש-טעכנישע וואַרשטאַטן".

לויט דער נאָטיץ פון ג. קוסטאָוו אין „וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ"

אַ קאָלעקציע פֿון צײַטונגען

אַן אוניקאַלע קאָלעקציע, וואָס באַשטייט פֿון נײַן טויזנט נעמען פֿון צײַטונגען אויף פֿיל שפּראַכן פֿון דער וועלט, האָט צונויפֿגעזאַמלט דער קויבישעווער טוישעוו א. ס. כאַנטשין. ניט לאַנג צוריק איז צו איר צוגעקומען דער סאַמע עלטסטער עקספּאָנאַט — דער נומער פֿון „סאַנקט־פּעטערבורגסקיִע וועדאָמאָסטי" פֿאַרן 15 אויגוסט 1740.

זאָרגזאַם היט דער קאָלעקציאָנער דעם עקזעמפּליאַר פֿון דער צײַטונג „איסקראַ", אין וועלכן ס'איז אָפּגעדרוקט דער פּראָיעקט פֿון דער פּראָגראַם פֿון רסדאַפּ, ווי אויך די נומערן פֿון דער „פּראַוודאַ", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטער פֿאַרשיידענע נעמען.

אין דער קאָלעקציע זײַנען פֿאַראַן זעלטענע עקזעמפּליאַרן פֿון דער „סאַמאַרסקאַיאַ גאַזעטאַ", אין וועלכע עס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט די פֿעליעטאָנען פֿונעם יונגן גאָרקי אונטערן פּסעוודאָנים איִעגודיִיל כלאַמידאַ. אַ גרויסן אינטערעס שטעלן מיט זיך פֿאָר די צײַטונגען פֿונעם פּעריאָד פֿון דער גרויסער פּאַטריאָטישער מילכאָמע. אייניקע פֿון זיי זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אינעם סוינעס הינטערלאַנד אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן.

אַ רעסטאָראַן בלויז פֿאַר עספּעראַנטיסטן

אין דער מײַרעוו־דײַטשישער שטאָט פּאַדערבאָרן האָט מען געעפֿנט דעם ערשטן אין דער וועלט רעסטאָראַן פֿאַר עספּעראַנטיסטן. די מעניו איז דאָ אָנגעשריבן אויף עספּעראַנטאָ, און קיין איין אָפֿיציאַנט וועט ניט באַדינען אַ באַזוכער, וועלכער רעדט אויף אַן „אַנדער" שפּראַך.

דער פּריאָריטעט פֿון די קעלטישע שוואַטים

די געלערנטע פֿונעם האַרוואַרדער אוניווערסיטעט (פּשאַ) זײַנען געקומען צום אויספֿיר, אַז נאָך לאַנג פֿאַר קאָלומבן און די וויקינגען האָבן אַמעריקע אַנטדעקט די פֿאָרשטייער פֿון די קעלטישע שוואָטים. אַלס באַשטעטיקונג פֿון זייער היפּאָטעזע ברענגען די געלערנטע די אַלטערטימלעכע אויפֿשריפֿטן, וואָס מע האָט דאָ ניט לאַנג אַנטפּלעקט אויף די שטיינערנע פּליטעס אין די אַמעריקאַנער שטאַטן ניו־כעמפּשיר און ווערמאָנט. די דאָזיקע אויפֿשריפֿטן זײַנען געמאַכט אויף דער שפּראַך פֿון די קעלטן און מיט די זעלבע בוכשטאַבן, מיט וועלכע ס'האָבן זיך באַנוצט די קעלטישע שוואָטים אינעם פּעריאָד פֿון 800 ביז 300 יאָר פֿאַר אונדזער ערע.

די שטיינערנע פּליטעס מיט די אויפֿשריפֿטן זאָגן איידעס וועגן דעם, אַז מיט 2.500 יאָר צוריק האָבן אויפֿן צאָפֿן פֿון דער איצטיקער טעריטאָריע פֿון פּשאַ זיך געפֿונען קעלטישע שוואָטים. שפּעטער האָבן זיי זיך צונויפֿגעמישט מיט דער אָרטיקער אינדיאַנישער באַפֿעלקערונג און האָבן אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן אַלס זעלבשטענדיקע עטנישע גרופּע.

נאַפּאָלעאָנס אַ בריוו

אין די אַרכיוון פֿון וורצלאַוו האָט מען געפֿונען נאַפּאָלעאָנס אַן אומבאַוווּסטן בריוו. אין אַ ניט גרויסן קאָנווערט איז געלעגן צונויפֿגעלייגט אײַנפֿירן אַ בלעטל פּאָטשט־פּאַפּיר מיט וואַסער־צייכנס פֿון 1794 יאָר. דער קורצער טעקסט איז דאַטירט מיטן 31 אָקטיאַבער 1806 און איז אַדרעסירט צו דער פֿירשטן גאַצפֿעלד.

דער געפֿונענער בריוו איז אַן איינגאַרטיקער סאָף פֿון אַ ראָשיקן שפּיאָנישן אינייען אין אָנהייב פֿונעם XIX יאָרהונדערט. די פֿירשטן גאַצפֿעלד איז געווען דאָס ווײַב פֿונעם פֿירשט פֿראַנץ לידוויג גאַצפֿעלד, דעם ציווילן גובערנאַטאָר פֿון בערלין. ווען נאָך דער שלאַכט הינטער איִענע אין אָקטיאַבער 1806 יאָר האָבן די פֿראַנצויזן באַלאַגערט בערלין, האָט דער גובערנאַטאָר פֿון דער הויפּטשטאָט געפּרוּווט איבערגעבן דעם פּרײַסישן קיניג אַ שריפֿטלעכע אינפֿאָרמאַציע וועגן דער דיסלאָקאַציע פֿונעם קעגנערס כאַיִל. דעם מאַרשאַל מיוראַטס סאָלדאַטן האָבן פֿאַרכאַפּט די דאָזיקע מיטיילונג, און זי איז איבערגעגעבן געוואָרן נאַפּאָלעאָנען.

דעם פֿירשט גאַצפֿעלד האָט מען איבערגעגעבן אין אַ ספּעציעלן געריכט און לויט דער באַשולדיקונג אין שפּיאָנאַזש פֿאַרמישפּעט צום טויט. דעם גובערנאַטאָרס ווײַב האָט זיך דערשלאָגן אַן אַודיִענץ צו נאַפּאָלעאָנען. נאָך דעם דאָזיקן וויזיט איז דער גובערנאַטאָר באַגנעדיקט געוואָרן.

אין רעמבראַנדטס הויז

ס'האָבן זיך פֿאַרענדיקט די רעסטאַווראַציע־אַרבעטן אינעם הויז־מוזיי פֿונעם גרויסן האָלענדישן מאָלער רעמבראַנדט אין אַמסטערדאַם. ער האָט דאָ געוווינט 19 יאָר (1639 — 1658). אין דעם דאָזיקן הויז זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אַ סך וועלט־באַרימטע לײַוונטן. די רעסטאַווראַציע האָט געדויערט עטלעכע יאָר. די הויפּט־שוועריקײַט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער גרונט, אויף וועלכן ס'שטייט די געבײַדע, איז ניט קיין שטײַפֿער און דעם מוזיי האָט שטענדיק געדראָעט אַ געפֿאַר פֿון צעשעדיקט ווערן. די פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן, ווען די האָלענדישע אינזשענירן האָבן אונטערגעשטעלט אונטער דער געבײַדע עטלעכע צענדליק ריזיקע בעטאָן־אָנשפּאַרן און פֿאַרפֿעסטיקט אירע ווענט.

ס'זײַנען פֿאַרברייטערט געוואָרן אויך די אויסשטעלונג־זאַלן. איצט וועט רעמבראַנדטס הויז־מוזיי קאָנען אויפֿנעמען ביז 130 טויזנט באַזוכער יערלעך.

געגעזן געוואָרן

אַן אויסערגעוויינלעכער צופֿאַל איז געשען אין אַ שפּיטאָל פֿון דער אונגאַרישער שטאָט קאַפּאָשוואַל. אינעם שפּיטאָל האָט זיך געהיילט יאַנאָש פּעק פֿון אַ מאָגן־קרענק. צוריק מיט 11 יאָר האָט ער אין רעזולטאַט פֿון אַן אויטאָמאָביל־אַוואַריע פֿאַרלאָרן דאָס לאָשן. אַנומלטן, ווען יאַ. פּעק האָט צוזאַמען מיט אַנדערע ליבהאָבער געהערט אַ רעפּאָרטאַזש פֿון אַ פֿוטבאָל־מאַטש און דער דיקטאָר האָט געמאָלדן, אַז אין דעם שטראָף־פּלאַץ פֿון די געסט האָט מען אומגעוואָרפֿן אַן אָנגרײַפֿער פֿון דער אָרטיקער קאָמאַנדע (פּעק איז אַ לײַדנשאַפֿטלעכער ליבהאָבער פֿון דער קאָמאַנדע), האָט ער צוזאַמען מיט אַנדערע קראַנקע אַ געשריי געטאָן: „פּענאַלטי!", און צו אים... האָט זיך אומגעקערט דאָס לאָשן! די דאָקטוירים דערקלערן דאָס אַזוי: אויף וויפֿל יאַ. פּעק האָט פֿאַרלאָרן דאָס לאָשן אין רעזולטאַט פֿון אַ נערוון־שאָק, האָט די עמאָציאָנעלע אויפֿרודערונג אים געהאָלפֿן.

מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

אשעראָוויטש, עליע
(1937—1879)

— געזעלשאַפטלעכער טוער, פּובליציסט, רעדאַקטאָר. געבוירן אין פּאָניעוועזש אין אַן אַרבעטער־פאַמיליע. אַליין אויך געווען אַן אַרבעטער, שפּעטער — אַ לערער. פון 1900 גענומען אַן אָנטייל אין די ייִדישע קליינבירגערלעכע פּאַרטייען („בונד" און אַנד.). אין 1919 אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. געווען רעדאַקטאָר און מיטאַרבעטער פון קאָמוניסטישע צײַטונגען און זשורנאַלן („שטערן", „אָקטיאַבער", מינסק), „אַפן שפּראַך־פראָנט", (קיִעוו), „רויטע וועלט" (כאַרקאָוו), „עמעס" (מאָסקווע), גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ליטעראַטור־באַוועגונג, פּובליקירט אַרטיקלען וועגן א. קושנירעוון, י. ראַבינען, מ. דאַניעלן, אי. כאַריקן, מ. ליטוואַקאָוון, ז. אַקסעלראָדן, י. בראָנשטיינען און אַנד.

ביבליאָגראַפיע. מ. ליטוואַקאָוו, „אַף צוויי פראָנטן", מאָסקווע, 1931; ב. אָרשאַנסקי, „די ייִדישע ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע", מינסק, 1931.

ביבליאָגראַפיע. מ. ליטוואַקאָוו, „אַף צוויי פראָנטן", מאָסקווע, 1931; ב. אָרשאַנסקי, „די ייִדישע ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע", מינסק, 1931.

באַגדאַד אוראַם
(1923—1894)

— דיכטער, פּעדאַגאָג, איינער פון די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, וואָס האָט באַזונגען די רעוואָלוציע אין די ערשטע יאָרן נאָך איר ניצחון.

ווערק: לידער, טאַשקענט, ייִדישע סעקציע באַם בילדונגס־קאָמיסאַריאַט, 1919.

אַלעף בייס און לעזע בוך פאַרן ערשטן שול־יאָר. צונויפגעשטעלט פון א. באַגדאַד. טאַשקענט, ייִדישע סעקציע באַם בילדונגס־קאָמיסאַריאַט, 1919.

ביבליאָגראַפיע. כאַצקל נאַדעל — באַמערקונגען פון אַ ביבליאָגראַף, „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 3, 1965.

באַיאַרסקע, ריווע
(1967—1894)

— קאָמפּאָזיטאָר, קינדער־דיכטערן. געבוירן אין רזשישטשעוו, אין אַ פאַמיליע פון אַ וואַלד־סוחר. אָנגעהויבן די שעפערישע פּעדאַגאָגישע און מוזיקאַלישע טעטיקייט אין 1921.

ווערק: קלינגען העמערלעך, לידער, מאָסקווע, 1925; אַרבעט, שפּיל, געזאַנג, מאָסקווע, 1932; קליינע בויער, מאָסקווע, 1938; לאָמיר זינגען לידער, מאָסקווע, 1940.

ביבליאָגראַפיע: יעשוע ליובאָמירסקי — די קאָמפּאָזיטאָרן ריווע באַיאַרסקע, „ייִדישע קולטור", ניו־יאָרק, 1965.

באַראַדיאַנסקי, אי.
(1941—1915)

— דיכטער, פּעדאַגאָג, אומגעקומען אַפן פראָנט אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע.

ווערק: דאָרף, לידער, קיִעוו, 1939.

באַראָוואַי, שאָול
([redacted]—1903)

— היסטאָריקער און ליטעראַטור־פאָרשער. געוווינט אין אָדעס, געווען פּראָפעסאָר אין אַ הויכשול. געשאַפן אַ גרויסע צאָל אַרבעטן וועגן ייִדישער געשיכטע און ייִדישער ליטעראַטור אַף ייִדיש, רוסיש, אוקראַיִניש און העברעיִש.

ווערק: מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון ייִדישן בוך אַף אוקראַיִנע, קיִעוו, 1926—1925; געשיכטע פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַלטן רוסלאַנד, מאָסקווע, 1928; געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור אין אוקראַיִנע, מאָסקווע, 1946; די ייִדישע קאָלאָניעס אין ווײַסרוסלאַנד נאָך דער צווייטער איבערוואַנדערונג. „צײַטשריפט", 3—2, מינסק, 1928; אַ פאַרגעסענער ניהיליסט (יעהודע־לייב לערנער). „פילאָלאָגישע שריפטן", 3, ייִוואָ, 1929; אַן אומבאַקאַנטע איבערזעצונג פון ליגעצקיס „פּוילישן ייִנגל". „ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך", קיִעוו, 1930; וועגן מענדעלעס עפּיסטאָליאַרישער ירושע „אייניקייט", 2 דעקאַבער 1947 א. א.

ביבליאָגראַפיע: י. קוויטני — די ייִדישע ביכער־פּראָדוקציע אין פססר פאַר די יאָרן 1921—1917. קיִעוו, 1930; י. רימיניק — אַ קאַפּיטל אַקסענפעלד־ביִאָגראַפיע. „צײַטשריפט", מינסק, 1931; י. בראָנשטיין—פאַרפעסטיקטע פּאָזיציעס, מאָסקווע, 1934; עמקין — געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור אין אוקראַיִנע, „אייניקייט", מאָסקווע, 28 מערץ 1946.

לאמיר זינגען נייע לידער

די יידישע מעלאָדיע

ווערטער — א. ווערגעליס

מוזיק — יע. זשאַרקאָווסקי





שאַט! שאַט! שאַט!
זי גייט איבער די גאַסן
מיט אַלדאָס גוטס באַלאָדן,
זי דזינגדזעט אין די טאַצן
די ייִדישע מעלאָדיע.

רעפרען: ווייל זי — לאַך איך,
ווייל זי — וויין איך,
ווייל זי — טראַכט איך,
ווייל זי — טראַכט איך,
ווייל זי — שטוין איך...
פונקט אַזוי ווי זי, פונקט אַזוי ווי זי!

פרעגט! פרעגט! פרעגט! —
זי האָט זיך דען פאַרטײַעט?
מע שרײַבט דען אַף איר „האַדיע!"?
זאָל לעבן אונדזער נײַע,
די ייִדישע מעלאָדיע!
רעפרען:

קומט, קומט, קומט!
אַף אונדזער ברייטן ראַכוועס
אין פרײַע קאַראַהאָדן
מיר זינגען זי מיט נאַכעס,
די ייִדישע מעלאָדיע.
רעפרען:

הערט! הערט! הערט!
מיר גיבן זיך א ניידער
זי אויסהיטן פון שאָדן,
די ייִדישע, די ברייטע
סאָוועטישע מעלאָדיע.
רעפרען:

ווייל זי — לאַך איך,
ווייל זי — וויין איך,
ווייל זי — טראַכט איך,
ווייל זי — שטוין איך...
פונקט אַזוי ווי זי, פונקט אַזוי ווי זי!

© Журнал «Советиш геймланд», 1976 г.

צו די לייענער
און געזעלשאַפטלעכע
פאַרשפּרייטער
פון „סאָוועטיש היימלאַנד“

עס ווערט פאָרגעזעצט די אבאָנירונג
אױף „סאָוועטיש היימלאַנד“
אױפן 1976 יאָר

אויסשרײַבן אונדזער זשורנאַל קאָן מען
אין אַלע אָפּטײלונגען פון „סאָיוזפּעטשאַט“,
אין די פּאָטשט־אָפּטײלונגען און בײַ די גע־
זעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער.

דער אינדעקס פונעם זשורנאַל איז 70821.

„סאָוועטיש היימלאַנד“ דערשײַנט 12 נומערן אַ יאָר.
אַבאָנענט־פּרײַז: אױף אַ יאָר — 6 רובל,
אױף 6 כאַדאָשים — 3 רובל.

לייענט און פאַרשפּרייט
„סאָוועטיש היימלאַנד“!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный

литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

На еврейском языке

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Подписано к печати 18.I.1976 г. Формат 70×108 1/16.
Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 3061.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном
комитете Совета Министров СССР по делам
издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 2

1976

В НОМЕРЕ:

А. Межиров. Коммунисты, вперед! (Стихотворение).
Партийность в литературе.
Люди Донбасса. (Литературный репортаж).

Стихи о времени и о себе. А. Вергелиса, А. Гонтаря, И. Бронфмана, М. Талалаевского, Х. Бейдера, Р. Балясной, Г. Блоштейна.
И. Гордон. Под горячим солнцем. (Роман).
Нотэ Лурье. История одной любви. (Роман. Окончание).

Рассказы Р. Пустыльникова, Я. Черниса.

Литературная критика.
Библиография.
Вопросы искусства

У. Гуральник. Советская литература к XXV съезду КПСС.
Х. Меламуд. О современном очерке.
С. Фрай. Праздник коммунистической печати в Израиле.
Комментарии редакции. Разное. Хроника.
Материалы для лексикона еврейской литературы.